STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04141

PORTRETN UN PROBLEMEN

Shlomoh Belis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה בעלים

פּאָרטרעטן און פּראָבלעמען

שלמה בעליס

פּאָרטרעטן
און
פּראָבלעמען

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

1964

SZ. BELIS

PORTRETY I PROBLEMY

Red. D. SFARD
רעד. ד. ספארד
Okładkę projektował R. CHWOLES
הילע פראיעקטירט ר. כוואלעס

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2500 egz. Druk ukończono w kwietniu 1964 r. Ark. druk. 26,25.
Ark. wyd. 20. Papier druk. sat. kl. III, 61 × 80 g.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 5900 — Z-12

פּאָרטרעטן

י. ל. פרץ — די איינהייט פון סתירות

אין 1901 האָט מען יום־טובדיק און מיט פּאַרנעם געפייערט י. ל. פּרצם 25־יאָריקן ליטעראַרישן יובל.

אָבער מיט 10 יאָר פריער האָט ווייניק־ווער געוווסט דעם נאָמען פּרץ.

אין 1890 האָט פּרץ זיך באַזעצט אין וואַרשע, געקראָגן די שטעל פון „רעכנמייסטער" אין דער יידישער גמינע און די צייט, וואָס ער האָט געאַרבעט אלס באַאַמטער אין וואַרשעווער „מתים־שטיבל" — די 25 יאָר ביזן טאָג פון זיין טויט, דעם 3־טן אַפּריל 1915 — דאָס זענען ערשט גע־ווען 25 יאָר פון שטורמישער ליטעראַרישער טעטיקייט. 25 יאָר, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער יידישער ליטעראַטור, אויפגעפּראַלט אירע טויערן פאַר אַ גאַנצן דור טאַלאַנטירטע יידישע שרייבער, געעפנט פאַר איר גרויסע און ווייטע פּערספּעקטיוון.

אונדזערע דריי ליטעראַרישע אבות האָבן געשאַפן דעם פונדאַמענט פאַרן בנין פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און קולטור. מענדעלע האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן יידישן מיטלאַלטער, געשאַפן דעם ליטעראַרישן יי ד י ש, אויף וועלכן ס'ליגט נאָך דער שטעמפּל פון אַלטן נוסח. שלום־עליכם האָט „אַוועקגעלייגט אויפן טיש" דאָס לעבעדיק־צאַפּלדיקע פאָלק, אַזאַ ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט, אונטער די השפּעות פון די זיך קרייצנדיקע היסטאָרישע ווינטן. פּרץ האָט געשאַפן פאַרן פאָלק די ליטעראַטור, ווי דער באַגריף איז פאַרשטאַנען געוואָרן אין אייראָפּע.

קיין איינער פון די דריי אבות האָט די אַנדערע צוויי נישט געשטעלט אין שאָטן, יעדער פון זיי האָט אויסגעפירט זיין היסטאָריש־ליטעראַרישע שליחות, זיין קינסטלעריש־געזעלשאַפטלעכע פונקציע.

אויב אָבער פאַר מענדעלען און שלום־עליכמען האָט די באַשטימונג „קלאַסיקער" אַנטשפּראָכן די פּינקטלעכע דעפיניציע פון באַגריף — זיי האָבן געפונען די פאָרם, וואָס האָט פולשטענדיק געדעקט, צונויפגעפאַלן זיך מאָנאָליט מיטן איגהאַלט און געשאַפן א יי נ ה יי ט ל ע כ ע,

פאַרענגדיקטע, סטאַבילע געביידעס, מוז מען, ווען מען ווענדט אָן די באַצייכענונג קלאַסיקער לגבי פּרצן, זוכן אַ נייע דערקלערונג. די רעטעניש פּרץ איז אין פולקאָמער סתירה מיט די באַגריפן פון קלאַסיק, אַלס פעסטע, האַרמאָנישע, איינגעשלאָסענע און אָפּגעשלאָסענע מאָנומענטאַלע ווערטן. דער באַדייט פון פּרצן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר איר געזעלשאַפטלעכער און קינסטלערישער אַנטוויקלונג באַשטייט דווקא אין דעם, וואָס ער האָט צעבראָכן אַלע צוימען, אַלע קאַנאָניזירטע מוסטערן און דירעקט דורך זיין פּערזענלעכער שעפערישער פּראַקטיק פּראָקלאַמירט די אַבסאָלוטע פרייהייט פון דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, זיין רעכט צו אָנאויפהעריקן זוכן נייע פאָרמען, סטילן, נוסחאות, אינהאַלטן. מאָדערניזם איז פאַר אים נישט געווען קיין נייער ליטעראַרישער שולחן=ערוך, מיט וועלכן מען דאַרף פאַרבייטן דאָס פאַראַלטערטע. דאָס איינציקע קינסטלערישע געזעץ, וואָס ער האָט באמת אָנערקענט — דאָס איז די אייביקע אומצופרידנקייט מיט דעם שוין באַשאַפענעם, די אייביקע זוכעניש. מאָנאָליט איז ער געווען נאָר אין סתירה, נאָר אין אָפּלייקענען. דערפאַר טאַקע איז זיין יעדער ווייטערדיקער שעפערישער עטאַפּ געווען אַ היפוך פון דעם פריערדיקן. ער האָט נישט געשטרעבט נאָכן זעלטענעם וויין, וואָס מען דאַרף דערגרייכן מיטן שוויים פון פנים. אים האָט באַגייסטערט דער אומאויפהערלעכער גייסטיקער הונגער און דורשט — דאָס איינציק פרוכטבאַרע פאַרן קינסטלער.

אַזאַ איז ער געווען אין כאַראַקטער, אַזאַ איז געווען זיין טעמפּעראַמענט, זיין אינעווייניקסטער לעבנס=מאַטאָר.

אומבאַוועגלעך 25 יאָר אויפן אַמט אין דער גמינע, איז ער מיט זיין גייסט פאַר די זעלבע יאָרן אויסגעווען אַלע וועלטן — אין היינט, אין עבר און אין דער צוקונפט. צוגעשמידט צו זיין שטול אַלס „רעכנמייסטער“, האָט ער באַוויזן צו פליען אין געדאַנק, זיין אַקטיוו אין באַגינען און ערב=באַגינען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי יידן, זיין אַ משכיל און באַקעמפן משכילים, האָבן פריינד אַסימילאַטאָרן און באַקעמפן אַסימילאַציע, אין העברעיש קעמפן פאַר יידיש. אַליין פון אַ שטרענג=מתנגדישער משפחה, איז ער געוואָרן דער באַזינגער פון באַגינענדיקן חסידיזם, אַן אייראָפּער, וואָס איז אונטערגעלעגן און שפּירעוודיק געווען צו אַלע אידעען, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער קולטור פון איי=

ראָפּע, אַ געווענער אַדוואָקאַט מיט אַ גרויסער פּראַקטיק, מיט 12 געהילפן, האָט ער געזוכט אַ נשמה־תיקון אין „א גלגול פון א ניגון“, געקלעטערט מיסטעריעז צו די פּמליותן. דער מחבר פון „שטריימל“ און פון „צווישן צוויי בערג“ — סאַרקאַסטישער חוזק און פאַרהערלעכונג. מחבר פון מאָדערניסטישע ליבע־לידער און פון „דריי גייטאָרינס“, פון רעאַליסטישע שילדערונגען פוגעם לעבן פון פּראָסטע, פּרימיטיווע מענטשן און גיטשעגישן רב שלמה פון דער „גאָלדענער קייט“ אאוו. אאוו.

ביז 38 יאָר כמעט אַן אומבאַקאַנטער, כאָטש געשריבן פון קינדווייז אָן, און פּלוצעם, אין עטלעכע יאָר — מיט שטורעם איינגענומען די יידישע וועלט, געוואָרן אַ צענטער פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן, אַ פּאַטער פון אַ ליטעראַטור, אַ דערציער פון שרייבער, אַ פריינד פון יעדן, וואָס איז שעפעריש און טאַלאַנטירט. ער האָט געהאַט פאַרברענטע אָנהענגער און חסידים צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן און געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און שונאים, וואָס האָבן אים געברענט די טריט, פאַרערער און אָפּלייקענער, פאַרליבטע אין אים און מענטשן, וואָס האָבן זיין נאָמען נישט געקאָנט רואיק הערן.

ער איז געווען די ערשטע און איינציקע פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט אין דער יידישער ליטעראַטור, קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ השפּעה ביז אים און נאָך אים. מאַנכע, וואָס האָבן אים גוט געקענט, האָבן געהאַלטן, אַז ער איז אַ גרעסערער מענטש געווען ווי אַ שרייבער, אַז דער שרייבער פּרץ איז בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין פון דער בליציקער, בלענדנדיקער, לויכטנדיקער און ברענענדיקער פּערזענלעכקייט פּרץ. נישטאָ אָבער אַזאַ זשאַנער און סטיל, אין וועלכן פּרץ דער שרייבער זאָל נישט האָבן אויסגעפּרוווט זיינע כוחות — אין פּובליציסטיק, אין קריטיק, אין איבערזעצונג, אין ליד, אין נאָוועלע, אין דראַמע, אין סאַטירע, אַלעגאָריע; רעאַליזם, ליריק, סימבאָליק, ראָמאַנטיזם.

און אין אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט האָט ער אַריינגעטראָגן עפּעס ביז אים אומגעזעענס, נייעס, אָריגינעלס. אין אַלע זשאַנרען איז ער געווען פּרץ—בליציק און קורץ־געפּאַסט, געוואָרפן סנאָפּעס ליכט און אויסגעבעט מרחקים מיט שאָטנס, אין איין אָרט איז ער געווען דורכזיכטיק־קלאָר, אין אַ צווייטן — הוילע רמזים. גאָר אומעטום אָנציעוודיק, פאַראינטריגירנדיק גייסטרייך, אומעטום קינסטלער און אומעטום פּערזענלעכקייט. אין אַלע זשאַנרען, חוץ אין איינעם — דעם ראָמאַן. אין אים האָט פּרץ קיינמאָל זיינע כוחות נישט געפּרוווט. ער האָט געוווסט, אַז פאַר אים,

דעם קאָנדענסירטן דענקער, וואָס קאָן אין עטלעכע זאַצן זאָגן מער, ווי אַנדערע אין גרויסע דערציילונגען און טראַקטאַטן — איז דער ראָמאַן נישט צוגענגלעך, אַנטשפּרעכט לחלוטין נישט זיין טעמפּעראַמענט, זיין אומגעדולד. וואָרום אין תוך אַריין איז פּרץ נישט קיין שילדערער, ער שאַפט קיין טיפּן נישט, ער גיט סילועטן אָנגעלאָדענע מיט אַ גרויסן אינהאַלט. ער איז ווי אַ פּלאַסטיקער, וואָס זוכט אויף דעם איינאיינציקן מאָמענט, די סיטואַציע, וואָס זאָל צוממערסטן אויסדריקן זיין געדאַנק, דעם מהות, דאָס וועזנטלעכע וואָס דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן, דאָס דראַמאַטישע און דאָס טראַגישע, דעם קווינטעסענץ פון קאָנפליקט.

מיטן ברעכן צוימען, מיטן אַריינרייסן זיך אין געביטן, צו וועלכע מען איז ביז אים אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך נישט געהאַט צוגעטראָטן, מיט די נייקייטן, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אָנהייבנדיק פון באַזיניקטן פאַקטאַ־מאָטאַוש פון זיינע רייזע־בילדער ביז די פּרוון צו שאַפן אַן אימפּרעסיאָניסטישע דראַמע — האָט ער דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר אַ ברייטער, פילזייטיקער, פילזשאַנרדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור; געלערנט פיאָנערישע געוואַגטקייט; געלערנט נישט מורא האָבן פאַר דורכפאַלן; געקעמפט פאַר אַ ליטעראַטור שבכל אומות העולם און וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין יידישע ליטעראַטור, אין וועלכער ס'זאָל אויפגעהיט און אויפגעוועקט ווערן די נשמה פון פאָלק, דאָס מענטשלעך־יידישע און יידיש־מענטשלעכע, אָדער דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע אין יידישער פסיכישער אייגנאַרט, דער אייגנאַרט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקער היסטאָרישער ספּעציפיק און היסטאָרישע גלגולים.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פון נאָך פּרצן איז באַפרוכפּערט געוואָרן דורך פּרצן. ער האָט געאַרבעט ווי מיט אַ האַק אין אַ געדיכטן וואַלד, אָפּגערייניקט אַ שטיק נאָך אַ שטיק, דורכשלאָגנדיק זיך אין אַלע זייטן — אויף מזרח, אויף מערב, אויף צפון און דרום, זוכנדיק אַ וועג צו ברייטע שפּעדיקע לאָנקעס. און נישט מיד ווערנדיק, האַקנדיק און ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד י ק, האָט ער נישט מורא געהאַט פאַר דאָס בלאָנדזשעניש, וואָרום אויף זיינע שפּורן וועלן לסוף קומען אַנדערע, וואָס וועלן דורכלייגן אַ וועג.

פּרץ איז געווען אַ שונא פון רוטין, פיינט געהאַט אויסגעטראָטענע וועגן. אים האָט געצויגן צום באַגין פון דערשיינונגען און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווייל אַלע באַגינענס זענען שיין, זיי טראָגן דעם חלום אויף די

שפּיצן פינגער, זיי טראָגן דעם געוואַגטן פּאַרמעסט אין פרישן האַרץ, לעכצנדיק נאָך שיינקייט, נאָך דאָס שיינע אין מענטשן. פּרץ רופט יעדעס מאָל צוריק צום אָנהייב, צו אַ נייעם אָנהייב. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אייביק נייעם, פון דער זיך כסדר באַנייענדיקער וועלט.

לגבי פּרצעס ליטעראַרישער ירושה זענען געווען פאַלשע טענדענצן. וואָרום מ׳האָט געוואָלט מאַכן פּאָליטיש־אוטיליטאַר פּרצעס גייסט, פּרצעס קינסטלערישע אויפטוען. איינע האָבן אָנגענומען דעם פריען פּרץ, דעם נאָענטן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, דעם, ביי וועמען די אַרבעטער האָבן געפונען אינספּיראַציע פאַר זייער קאַמף, און געפּרוווט, אויב נישט אָפּוואַרפן, איז פאַרשווייגן דעם שפּעטן פּרצן פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“, „חסידיש“ און „די גאָלדענע קייט“. אַנדערע ווידער האָבן ביליק געמאַכט דעם פריען פּרץ, וועלכן זיי האָבן דערקלערט פאַר אַ נישט רייפן אָנפאַנגער, וואָס האָט קינסטלעריש וויכטיקס געשאַפן ערשט אין זיין שפּעטן פּעריאָד. ביידע זענען נישט גערעכט געווען און ביידע צדדים טרעטן ביסלעכווייז אָפּ פון זייערע אַלטע פּאָזיציעס. מען דאַרף פאַרשטיין דעם ג אַ נ צ ן פּרץ, וואָרום דווקא אין די סתירות ליגט פּרץ, זיין אייגנהייטלעכקייט און גאַנצקייט איז פאַרקערפּערט אין די ווירקלעכע און כלומרשטע סתירות, אין זיי ליגט פאַרבאַהאַלטן זיין פילאָזאָפיע, זיין קינסטלעריש־געזעלשאַפטלעכער אַני־מאַמין. וואָרום פּונקט ווי אין זיין סאָציאַלן פּראָטעסט, אין זיין ליבע צום פּראָסטן אַרבעטס־מענטש, האָט געשטעקט די מורא, אַז דאָס ווערטיקע אין מענטשן זאָל נישט פאַרלוירן גיין אונטער דער לאַסט פון שווידערלעכע סאָציאַלע באַדינגונגען, פּונקט אַזוי האָט ער אין חסידיש, זוכנדיק דעם אָנהייב פון דער דעמאָקראַטישער חסידישער באַוועגונג, איר אויפקום און באַגין — דורך דעם דעמאַסקירט דעם רעאַלן פּראַקטישן חסידיזם, וועלכן ער האָט שוין אין זיינע פריערדיקע ווערק סאַרקאַסטיש מבטל געמאַכט. אין יעדן באַגין ליגט די אידעע אָפן און פריש, אַ נישט געשענדעטע דורך וואָכעדיקייט. פּרץ איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, ער איז אָבער אַ גאַנץ לעבן געווען אַ בונטאַר און אויך ווי אַ ראָמאַנטיקער — אַ בונטאַר. וואָרום מיט דער שיינקייט פון באַגינען דעמאַסקירט ער און שלאָגט דעם נאָכפאָלגנדיקן עול, וואָס מען שלעפּט אַרויף, ווען די אידעע גופא ווערט צעטרענצלט. פּרץ רופט צו אייביקן וואַך זיין, צו אַ קריטישער באַציונג צום היינט אין די אינטערעסן פון אָפּהיטן די ריינקייט און דערהויבנקייט פונעם רעיון. יעדער וועט מודה זיין, אַז אַזאַ פילאָזאָפישער רעיון, קינסטלעריש פאַרקערפּערט אַפילו אין לבוש פון חסידישער

מיסטעריע, איז פּראָגרעסיוו, פון שטאַנדפּונקט פון מאָרגנדיקן טאָג פון דער מענטשהייט — גוטצלעך.

דאָס איז דער קווינטעסענץ, דער רעאַליסטישער קערן פון פּרצעס שאַפן. דערמיט איז ער טייער יעדן מענטשן, וואָס זעט אין דער טוּאונג לטובת דעם מיטמענטש דעם „אויב נישט נאָך העכער“, די עטיק, וואָס איז אין תוך אַ סאָציאַלע, וואָס חלומט פון באחרית הימים, צו אַ וועלט פון כולו שבת און נשמה־יתירה — צום טרוים פון די בעסטע מענטשן אין אַלע צייטן. און אַז דעם דאָזיקן טרוים איז אויך נישטאָ דער רעאַלער קאַמף, וואָרום דער טרוים גייט אים פאָרויס. דעם קינסטלער איז געגעבן געוואָרן צו וועקן די טרוימען — דאָס האָט פּרץ געטאָן שטענדיק.

פּרצעס הימל איז קיינמאָל נישט געווען קיין רעליגיעזער, ר׳איז אַלעמאָל געווען אַ טייל פון דער דעקאָראַטיווער אויסשטאַטונג, וואָס האָט געדאַרפט דינען זיין געדאַנק, אַ תמיד צוגעשמידטער צו דער העכסטער ערדישער דערגרייכונג — צום מענטש. ער האָט זיך דעם הימל גענומען צו הילף ווי איינער, וואָס כאַפּט אים אַריין אין אַן עמער וואַסער, כדי צו דערזען זיין אָפּבילד. אַ פּרומאַק, אַ צוגעצויגענער פון דער כלומרשט מיסטעריעזער הילע, וואָס דער פּייערדיקער אַטעיסט האָט אויסגעמאָלט, וואָלט אומבאַמערקט פאַר זיך אַריינגעפאַלן אין כפירה. די אַלטע יידישע פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, וואָס פּרץ האָט אויסגעזוכט און אויפגעגראָבן, האָט ער איבערגעאַרבעט קינסטלעריש אין טיגל פון זיין שאַרפן מוח און היים האַרץ, דורכגעקאָכט אין זודיקן קעסל פון זיינע אידעען. אין לבוש האָבן מיר דערקענט טראַדיציאָנעלע יידישקייט, די אידעען האָבן געשטאַמט פון נייעם גייסט, וואָס האָט זיך געטראָגן אונטערן אייראָפּעישן הימל.

צענדליקער יאָרן זענען פאַרביי זינט יענעם טאָג, ווען ז׳צנדיק ביים שרייבטיש און שרייבנדיק די שורה „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער“, האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט דאָס גרויסע האַרץ פון אונדזער דיכטער. אפשר זענען זיינע לעצטע ווערטער געווען צו זיין אייגן האַרץ, עס זאָל שטילער ווערן און לאָזן אים פאַרענדיקן זיינע דאַנק־ווערטער דער וועלט, ווו ער האָט איבערגעלאָזט אויף אַלע צייטן זיין אומרואיקן גייסט.

כל־זמן פּרץ לעבט אין פאָלק — לעבט דאָס פאָלק, אין זיינע ווערק האָט ער האָך אויסגעדריקט די ליבעדיקע נשמה פון פאָלק, אַן אומרואיקע און שטענדיק זוכנדיקע אַ תיקון פאַר דער וועלט — אין איר אייגענער אָנאויפהעריקער שטרעבונג צו דערהויבונג און שלימות.

דער אַנטרעקער

.1

אין משך פון אונדזער פאָלקס=געשיכטע באַגלייטן אונדז צרות אָן אַ שיעור.

האָבן מיר דאָך טאַקע געדאַרפט אויסזען מרה=שחורהדיק און פינצטער; אייביק פאַרוויינטע על נהרות בבל; האָט דאָך געדאַרפט פון אונטער אונדזערע געדיכטע, פאַרצויגענע, פאַרכמורעטע, טויזנטיאָריק=גרויע ברעמען אַרויסקוקן ווילדע דראָונג; האָט דאָך געדאַרפט אונדזער פאַרמאַטערט געשטאַלט אָנוואַרפן אַן אימה.

געוויס! אַזוי (לפי ערך אַזוי) זעען מיר אויס אין דער ליטעראַטור. באַזונדערס, זאָל עס אונדז נישט זיין לגנאי, אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ גאַנץ פאָלק האָט נישט געלאַכט, נישט געפרייט זיך, נישט געטאָן קיין איין אַנדער זאַך ווי נאָר געטרויערט, און איין מענטש דעם אַנדערן האָט געלערנט מוסר. דער גרעסטער טייל מחברים האָט מיטן דאָזיקן פאָלק געקנעלט, אים געשטראָפט, דערציילט אים פאַרשידענע מעשיות מיט אַ מאָראַל. אַנדערע ווידער האָבן געשילדערט די עניים ואביונים — דאָס בעטלער=פאָלק, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאָלק אַ פרינץ און איז פאַרוואָגלט געוואָרן פאַר זיינע זינד. געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך באַמיט אים צו דערהויבן, ווייזנדיק די טראַגישע העראָיק פון זיין געשיכטע און פון זיין כאַראַקטער. אַלדאָס גערייד, אַלדאָס געשריבנס איז געווען וו ע ג ן פאָלק. און דאָך, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, דאָס פאָלק אַליין, דאָס לעבעדיקע, דאָס פון בלוט און פלייש, דאָס טאָג=טעגלעכע — מיט דאגות פרנסה און צער גידול בנים, מיט יום=טובים און קינדערישן שפילן און רעשן, וואָס גייט אין בית=המדרש און האָט הנאה פון אַ גוטער באָד, דיזס „שער= און איינ=עמד“ — אָט דאָס דאָזיקע פאָלק האָט מען איינ=

טלעך נישט אַרויסגעזען. דאָס געוויינלעכע פאָלק, דאָס וואָכעדיקע, דאָס פאָלק מיט די רמ״ח אברים, ווי יעדעם לעבעדיקע ווען — איז ערגעץ=ווו פאַרפאַלן געוואָרן. דעם „העלפאַנט“ האָט מען נישט באַמערקט, ביז כ'איז געקומען —

ש ל ו ם = ע ל י כ ם.

.2

שלום=עליכם האָט אָנגעהויבן אין סטיל פון דער ליטעראַטור פון זיין צייט, אָנגעהויבן ווי אַ משכיל. דער לעבעדיקער, מילדער, שיין=געלאָקטער יונג, מיט די קלוגע לאַכנדיקע אויגן האָט געשריבן ווי אַ גודנער זקן סאַטיריש=פובליציסטישע פעליעטאָנען, דאַן האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען, שרייענדיקע דראַמעס, געשריבן שלעכטע לידער, און וועלכע ער איז — לויטן עדות=זאָגן פון גרויסן שלום=עליכם=קענער, זיין איידעם י. ד. בערקאָוויטש — געווען אַ... וו יי ג ע ר.

שלום=עליכם איז דאַן, פאַרשטייט זיך, נאָך נישט געווען שלום=עליכם. ער איז געווען איינער פון אַ סך קלאָגמוטערס. פון יענעם שלום=עליכם איז גאָרנישט איבערגעבליבן, ער איז אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט צוגלייך מיט זיינע צאָלרייכע מיטלמעסיקע קאָלעגן.

ווי איז געשען דער נס? ווי איז פון אַ מיטלמעסיקן משכיל געוואָרן דער גרויסער, דער געניאַלער שלום=עליכם?

קריטיקער האָבן געוויינלעך אַ ווילדע דערקלערונג, וואָס איז חל כמעט פאַר אַלע שרייבער אָן אויסנאַם, נעמלעך: דער שרייבער האָט פריער געבלאָנדזשעט, נאָכדעם ז י ך געפונען. דערמיט, וויל מען מיינען, ווערט אַלץ אויפגעקלערט. דער פאַל שלום=עליכם איז אָבער לכל=הפחות פיל טיפער.

שלום=עליכם האָט ז י ך ג ע פ ו נ ע ן ערשט דאַן, ווען ער האָט דאָס פ אָ ל ק ג ע פ ו נ ע ן, ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך אָפגעריסן פון ליטעראַרישע מוסטערן און השפּעות, אָפּגעוואָרפן אַבסטראַקטע באַגריפן און גענומען ז ע ן. דערזען דאָס פאָלק נישט אַזאַ ווי עס האָט אויסגעזען אין די אויגן פון דער זיינצייטיקער ליטעראַטור, נאָר אַזאַ ווי עס איז אין דער אמתן, אַזאַ ווי עס האָט „געשוויבלט און געגריבלט“ אַרום, אין גרויסן אָקעאַן פון לעבן.

קאָלומבוס האָט געזוכט אַ קירצערן וועג קיין אינדיע און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם קאָנטינענט, האָט אַנטדעקט אַמעריקע. שלום=

עליכמס אויפטו ,אין פּסיכאָלאָגישן אַספּעקט, איז געווען פיל קאָמפּליצירטער. ער האָט אַנטדעקט זיין פאָלק אויפן אָרט, אַרום זיך. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זעענדיקן צווישן בלינדע. דערזען און זיך פריידיק פאַנאַנדערגעלאַכט: אָט אַ פאַרבלענדעניש! אָט אַ קאָמעדיע! אַזאַ, הייסט דאָס, איז עס דאָס אַלטע אויסגעמאַטערטע פאָלק! אַזאַ פריש=צאַפּלדיק, יונג, פול מיט חכמה און שאַרפזין, היפּש קאָמיש אין זיין האַוועניש, אָבער קוועקזילבערדיק. אַ שטורעם בייגט אים איין, אָבער ברעכט אים נישט. עס פאַרלירט נישט זיין בטחון און זיין הומאָר. ניין, אַזאַ קאָנען קיינע צרות, קיינע גזירות, וואָס האָגלען איבער זיין קאָפּ, נישט פאַרניכטן. קוקסט אָן דאָס דאָזיקע פאָלק און וווּנדערסט זיך: ווו איז דער היסטאָרישער הויקער ווי אַ באַרג, וואָס די לעגענדע און די ליטעראַטור האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט? ס'וואָלט געדאַרפט זיין אַ הויקער און נישטאָ אַזאַ!

שלום=עליכם האָט אַנטדעקט דאָסווירקלעכע פאָלק און דערמיט זיך אַליין נתגלה געמאַכט.

דאָס איז זיין היסטאָרישער פאַרדינסט.

.3

„שלום=עליכם האָט אויסגעלערנט דעם פאָלק לאַכן“ — האָט געשריבן בעל=מחשבות. ביי דער גרעסטער אַכטונג צו דעם גרויסן יידישן קריטיקער, קאָנען מיר מיט אים נישט מסכים זיין. אַזאַ טעזע איז נישט ריכטיק פון אלף ביז תיו. אַזאַ אויפגאַבע וואָלט געווען צו שווער אפילו פאַר שלום=עליכמען. פון בעל=מחשבותעס אַפאָריזם קאָן מען דרינגען גאָר עפּעס אַנדערש: ווי ווייט דער אויסגעטראַכטער ייד פון דער ליטעראַטור איז געווען פאַר דער יידישער אויפגעקלערטער אינטעליגענץ, פאַרן געבילדעטן יידן, רעאַלער איידער דער רעאַלער ייד אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט נישט אַנדערש געזען דעם לעבעדיקן ייד, ווי נאָר דורך די ברילן פון דער יידן=פראָבלעמאַטיק, געזען אים ווי אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע, וואָס וואַרט אויף אַ פאַרענטפערונג.

שלום=עליכם האָט דערזען און געוויזן נישט נאָר אַ יידן וואָס מען דאַרף אויסלאַכן, נאָר אַזאַ וואָס לאַכט אַליין; ער האָט צום אויסדרוק געבראַכט דאָס ווירקלעכע יידישע געלעכטער, דאָס פאָלקס=געלעכטער, די אמתע ערדישע פאָלקס=נשמה. ער איז נישט געווען קיין דערפינדער, וואָס האָט דערפונדן אַזאַ אינסטרומענט צו מאַכן לאַכן. ער האָט

אַנטדעקט; האָט אָפּגעדעקט דאָס שוואַרצע מתים=טוך, מיט וועלכן מען האָט יאָרהונדערטער צוגעדעקט דאָס פּאָלק. נאָך מער — ער האָט באַפרייט דאָס געלעכטער. עס פריי געלאָזט פון די פּענטעס פון די מוסרניקעס, פון די רבנים, פון דער קבלה; ער האָט לעגאַליזירט דאָס געלעכטער, אָנגעוויזן אויף זיין נאַציאָנאַל=סאָציאַלער פונקציע: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן".

אויב שלום=עליכם וואָלט געדאַרפט לערנען דאָס פּאָלק לאַכן, דאַן פרעגט זיך: פון וואַנען וואָלט ער געשעפּט? פון וועלכע קוואַלן איז געגאַנגען זיין נוסח, זיין הומאָר, זיין ווערטער=אוצר? דאַן פרעגט זיך, פאַרוואָס לייענענדיק שלום=עליכמען האָבן מיר דאָס געפיל, אַז מיר באָדן זיך, טונקען זיך ממש אין ווירקלעכקייט גופא און נישט אין אַ ליטעראַרישער איבערזעצונג פון לעבן? פאַרוואָס דערקענען מיר אין טויזנטער מענטשן שלום=עליכמס פּערסאָנאַזשן: זייערע גרימאַסן, העוויות, תנועהלעך, באַוועגונגען, זייערע „פּאָכאָדקעס". פאַרוואָס? פאַרוואָס און נאָכאַמאָל — פאַרוואָס?

.4

דער תירוץ דערפון איז אָט דאָס: שלום=עליכם האָט איבערטראַנספּאָרמירט דאָס לעבן אין ליטעראַטור, נאָך בעסער — איבערטראַנספּאָרטירט. אַזוי גרויס איז געווען זיין רעאַליסטישע גאונות. יעדע ליטעראַטור איז פילטרירט לעבן. די פראַגע באַשטייט אין דער מדרגה פון פילטראַציע. אויב, גראָב גערעדט, דער פילטער פאַרהאַלט נאָר דעם שמוץ, דאָס צופעליקע, נישט עיקרדיקע און אַלדאָס איבעריקע, דאָס נויטיקע פאַר א געזונטן פאַרדייען, אַלע וויטאַמינען און מינעראַלן, לאָזט ער דורך — איז גוט; דאַן איז עס געזונטער רעאַליזם. איז אָבער דער פילטער אַזוי קאָמפּליצירט און דין, אַז ער לאָזט דורך נאָר באַזונדערס דעליקאַטע עלעמענטן, אַזוי ווייט אָפּגערייניקטע, אַז זיי פאַרלירן די פאַרב, דעם טעם און דעם ריח, זייערע נאַטירלעכע צוזאַמענהאַנגען און שייכותן, דאַן האָבן מיר פאַר זיך — סטיליזאַטאָרן און פאָרמאַליסטן. אויב זיי האָבן וואָס פאַר אַ נישט איז חן, איז עס דער חן פון אַטראָפיע, די בלויקייט פון טויט.

דער כוח פון רעאַליסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז פעיק אין קינסטלערישע פּערסאָנאַזשן אויפכאַפּן עיקרדיקע לעבנס=פּראָצעסן. ער האָט נישט קיין כוונה צו שרייבן געשיכטע, לאָזט אָבער איבער גאַנצע אוצרות אי פאַרן היסטאָריקער, אי פאַרן זיטן=שרייבער, אי פאַרן פּסיכאָלאָג.

אי פֿאַר פּאָרשער פון צענדליקער ספּעציאַליטעטן, און גלייכצייטיק בלייבט ער אַזוי פֿריש און אינטערעסאַנט פֿאַר די קומענדיקע דורות, ווי ער איז געווען פֿאַר זיין דור.

שלום־עליכם איז אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון יידישן לעבן — פון שטייגער, פון זיטן, יום־טובים, פון טיפּן, פון פּראָפעסיעס און סאָציאַלע שיכטן; אַן ענציקלאָפּעדיע פון יידישן וואָרט: אין זיין סעמאַנטיק, אין זיינע פֿאַרשידענע אָנווענדונגען, באַנוצונגען, רעדנסאַרטן; אַן ענציקלאָפּעדיע פון פּנימער, מימיק, תנועות, שמייכלען, לאַכן, וויינען, אַמפּערן זיך, קריגן זיך, שעלטן, ליצנות, ציען פֿאַר די אויערן, ווישן זיך די נאָז, שמעקן טאַבאַק, פֿאַרהיקען זיך, מעקען, בעבען אונטער דער נאָז. נישט אויסצורעכענען, נישט אויסצושרייבן! אַן אַן ערד און אָן אַ מאָס!

פּרוווט דאָס לעבן אַריינשטופּן אין אַ בוך, אין אַ גרויס בוך. אוממעגלעך! אין שלום־עליכמס ווערק ליגט אָבער דאָס לעבן אין זיין גאַנצער פֿילזייטיקייט און פֿאַרשידנאַרטיקייט. און ס'איז דעם נישט ענג; עס ליגט צעלייגט, פֿריי און באַקוועם ווי אונטערן ברייטן זוניקן הימל, ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן. און פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ פֿרייקייט, אַזוי פֿיל פון דעם, וואָס די מאָלער רופֿן אָן „לופֿט“, ביי אַזאַ אומגעהויערער געדיכטער באַרעדעוודיקייט? נישט צו פֿאַרשטיין, נישט צו באַנעמען!

מאַקסים גאָרקי האָט געראַטן ליטעראַטן שרייבן אַזוי, אַז „די ווערטער זאָל זיין ענג און דעם געדאַנק — פֿריי“. האָכט זיך — אַ גאָלדענע עצה. ביי שלום־עליכמען אָבער איז די ווערטער נישט ענג, ס'אָטעמט זיך פֿונדעסטוועגן פֿריי און רחבותדיק, לאַכט אויפֿן קול, און פֿאַר די געדאַנקען (מען דאַרף זיי נאָר האָבן) איז פֿאַראַן אַזויפֿיל פֿרייקייט, אַז דו קאָנסט פֿליען אין די הויכן מיט דער שנעלקייט פון אַ ריאַקטיוון יעגער.

.5

דרך־אגב וועגן שלום־עליכמס ווערטער־מבול. אין פֿלוג קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז שלום־עליכם איז דער סאַמע באַרעדעוודיקסטער צווישן די שרייבער. אין תוך גענומען איז עס לחלוטין נישט אַזוי. ווי אַ קינסטלער, ווי אַ פּאָרטרעטיסט איז שלום־עליכם דער סאַמע בצמצומדיקסטער. אין די סאַמע קירצסטע שטריכן מאָלט ער אָן אַ פּאָרטרעט און דאַן קומט דער העלד אַליין און לייגט אַוועק אַ מענה־לשון, אַז נאָר האַלט זיך! דערמאָנט

זיך אין בריינגע דער קעכין, אַ יידענע, וואָס ווישט די נאָז מיטן פאַרטעך. ווי קורץ און ווי רעליעף איז געגעבן דער פּאָרטרעט! אַזוי אויך אַנדערע פּערסאָנאַזשן. שלום=עליכם איז נאָר דער קאָנפעראַנסיע. אין אַ פּאָר שטריכן שטעלט ער פאָר דעם העלד און גיט אים אַליין דאָס וואָרט. דער ש ר יי ב ע ר האָט זיינס אָפּגעטאָן קורץ. אָבער וואָס זאָל ער טאָן מיטן פּערסאָנאַזש? ביי אים, ביים פּערסאָנאַזש, האָט זיך א סך אויפגעקליבן און ער וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. לאָזט אים שלום=עליכם. וואָרום שלום=עליכם איז דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער צווישן די שרייבער. ער האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם פאָלק אַליין, דעם זעלבן פאָלק, וואָס קיינער האָט אים צום וואָרט נישט צוגעלאָזט. אַלע האָבן אים געלערנט, געמוסרט, געשטאַלט, פאַרגעוואָרפן, אָבער אים אַליין צום שטענדער נישט צוגעלאָזט. אַנו, האָט געזאָגט שלום=עליכם, לייג אַרויס דיין סחורה, רעד וויפל דיין האַרץ גלוסט, זאָל דיין צונג אַרויסשרייען דיין אָנגעלאָדן האַרץ. שלום=עליכם האָט געשאַפן פאַר אים אַ טריבונע — דעם מ אָ נ אָ ל אָ ג — און אויפגעצוווּנגען דער גאַנצער וועלט אים אויסצוהערן.

טראַכט זיך אַריין אין דער סתירה צווישן צמצום, שפּאָרעוודיקייט, אָפּטמאָל אַפילו קאַרגשאַפט פון קינסטלער=פּאָרטרעטיסט; די געגויקייט, טרעפלעכקייט און פשטות פון זיינע פאַרבן, און דעם ווערטער=שטראָם פון די פּערסאָנאַזשן, און איר וועט מוזן מודה זיין, אַז אין דעם איז געלעגן דער אני=מאמין פון גרויסן פאָלקס=שרייבער, זיין וועלט=אָנשויינג, זיין דעמאָקראַטיזם.

אַזאַ ציל האָט געפּאָדערט אַן אַנטשפּרעכיקן מעטאָד. ווי באַקאַנט האָט שלום=עליכם געשריבן פיל, אומעטום און ביי אַלע אומשטענדן: „אין סאַלאָן און אין קיך, אין וואַגאָן און אין רעסטאָראַן, אפילו פאָרנדיק מיט אַן איזוואָזשטשיק, אין אַ צופעליקער אכסניה און ליגנדיק קראַנק צו בעט“. ער האָט געאַרבעט מיט דער התמדה פון אַ פאָרשער=פאָלקלאָריסט. זיין בלאָקנאָט איז געווען אַלעמאָל אָפן, ער האָט פאַרשריבן דירעקט פון פאָלקס=מויל, פאַרצייכנט זייגע ווערטלעך און שפּריכווערטלעך, זייגע מעשיות און וויצן, באַמיענדיק זיך אָפּצוהיטן די אינדיווידועלע אייגנאַרט, ווייל אין לשון ליגט דער גאַנצער מענטש. ער איז אַ ספינקס ווען ער שווייגט, אַן אָפן בוך ווען ער רעדט. און דערפאַר האָט ער געשאַפן קלאַסישע געשטאַלטן, וואָס זענען געווען אויסערסט אינדיווידועלע און גלייכצייטיק טיפּישע — אויסדריקער פון גאַנצע סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע און פּסיכאָלאָגישע גרופּן.

.6

שלום=עליכם האָט פּאַראייביקט אַ גאַנצע תקופה אין יידישן לעבן. ס'איז געווען אין דער צייט פון שטורמישן אויפקום פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. דאָס לאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פעאָדאַלן הינערפּלעט. ס'האָבן געקראַכט די אַלטע פאָרמען. צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם איז שנעל געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך זיין קברן — דער אַרבעטער=קלאַס. אין דעמלטיקן יידישן לעבן האָבן די היסטאָרישע פּראָצעסן אָפּט געטראָגן אַ גראָטעסקן כאַראַקטער. אין כתרילעווקע איז אַלץ פאַרלאָפן אַנדערש. דער זין איז געווען דער זעלבער, די פאָרמען — אַנדערע. דער תחום=המושב איז געבליבן, די אַנטי=יידישע געזעצגעבונג איז איינגעהאַלטן געוואָרן, דער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ פּאָליטישער פאַקטאָר, האָט געהוליעט אין לאַנד און אונטערגעטריבן די עמיגראַציע, וואָס איז געוואָרן אַ מאַסן=דערשיינונג. אַ גאַנצער קנויל פון סתירות, אַ פּלאָנטער פון פּראָבלעמען. דאָס יידישע שטעטל האָט זיך אויך געפּרוווט אַריינכאַפּן אין קאַפּיטאַליסטישן צוג. ס'איז געווען אַזוי אָנציעוודיק, פול מיט איבערראַשונגען: פון אַ טויזנטער ווערט הונדערט טויזנט, פון הונדערט טויזנט — אַ מיליאָן, און מען דאַרף נאָר האָבן דעם ערשטן מיליאָן, ווי די איבעריקע וועלן שוין אַליין קומען. די מנחם=מענדלס האָבן זיך געפּרוווט אַריינכאַפּן אין שווינדלענדיקן קאַפּיטאַליסטישן צוג און יעדעס מאָל אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. גישטאָ קיין מזל, עס פידלט נישט. ווי קומט מנחם=מענדל צו פאַרשטיין די סיבות פון זיינע אומצאָליקע מפּלות? און ס'פעלט דאָך אים נישט קיין ענערגיע, דער אימפּעט טרייבט אים און שכל דאַרף ער, דאַכט זיך, ביי קיינעם נישט באָרגן. אויפן צווייטן פּאָליוס איז געשטאַנען דער האָרעפּאַשניק טביה דער מילכיקער, די כלומרשטע קאָנסערווע. און צווישן ביידע פּאָליוסן — צווישן טביהן און מנחם=מענדלען איז געפּלאָנטערט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד. דער באַגינענדיקער סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז אַריין אין די משפּחות פון די טביהס דורך די פּעפּערלעך, די שניידער=יונגען, וואָס זענען געווען בעלנים אויף אַ ניי לעבן און נייע ליבעס. דאַכט זיך נישט געווען קיין איין ווינקעלע אין יידישן לעבן וו שלום=עליכם האָט נישט אַריינגעקוקט. ער האָט אַלץ געזען און אַלץ פאַרשריבן: אויפגעקומענע גבירים און ייזובניקעס, קאָמיוואָיאַזשאָרן און בערזע=מעקלער, לאַנד=אַרבעטער און פּראָצענטניקעס, דאָקטוירים און אַפּטייקערס, עמיגראַנטן און אַקטיאָרן. גאַנצע גאַלעריעס טיפּן פון פרויען, מענער און קינדער.

און נישט סתם דאָס פאָלק, נאָר דאָס פאָלק אין דעם היסטאָרישן צייטאָפּשניט, דאָס פאָלק פון די ביז די יאָרן, אויף די כוואַליעס פון דער צייט, וואָס האָבן אים געהוידעט און געוואָרפן; דאָס פאָלקס־לעבן אין זיין דינאַמיק, אין זיינע ענדערונגען, וואָס איז אונטערגעלעגן דער פלוקטואַציע פון פּאָליטישן וועלט־מאַרק, ווי ווערט־פּאַפּירן פון אָנבאָט און נאָכפרעג אויף דער בערזע. דערפאַר פאַרלויפט ביי שלום־עליכמען אַזוי אינטענסיוו דער סיפור־המעשה, אַזוי נערוועז אָנגעלאָדן איז דער גרעסטער טייל פון זיינע העלדן. זיי זענען קינדער פון אַ צייט, וואָס האָט קיין צייט נישט, וואָס איילט זיך ערגעץ. ווו? אין וועלכער ריכטונג? ווער קאָן עס וויסן? דאָס ריזיקע לאַנד וואַקלט זיך, פיבערט, אונטערערדישע שטראָמען שווענקען עס. דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד איז יונג, אים דאַרף פאַרשטיין אַ גרויסע אַרבעט, אָבער ער שטייט שוין וואַקלדיק אויף די פיס. ער איז יונג און איז שוין קרוב למיתה, ווידעראַנאַנדן צעפרעסן זיין אָרגאַניזם. דער פּאָליטישער איבערבוי, דער געזעלשאַפטלעכער סדר, די געזעצגעבונג — אַלץ איז אין סתירה מיט די ווירקלעכע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין לעבן. די יידישע מאַסן, אין זייער קאָמפּליצירטער, אומזיכערער לאַגע, זענען ווי אַ שפּירעוודיקער באַראָמעטער פון דער צייט, און שלום־עליכם מעסט די טעמפּעראַטור און דעם לופט־דרוק. ער האַלט די האַנט אויפן פּולס פון לעבן.

יאָ, ווייל שלום־עליכם האָט געהאַלטן די האַנט אויפן פּולס פון לעבן, דערפאַר זענען זיינע ווערק לעבן געבליבן. ווייל גרויסע רעאַליסטישע ווערק, וואָס לעבן אין זייער צייט, לעבן אין שפּעטערדיקע צייטן.

.7

שלום־עליכם איז געווען ענג צוזאַמענגעבונדן מיט זיין צייט, האָט זיך אָפּגערופן אויף אירע שטויסן, אויף אירע פאָדערונגען. זייענדיק פאַרבונדן מיט דער יידישער טאָג־פּרעסע, שרייבנדיק פאַר איר, האָט ער געמוזט זיין אַקטועל. אַן איבעריקער באַווייז, אַז נישט גערעכט זענען די, וואָס האַלטן זיך ביי דער טעאָריע, אַז דער קינסטלער מוז האָבן ביים שאַפן אַ היסטאָרישע רעטראָספּעקטיוו, אַ לעבן, וואָס איז זיך שוין איינגעשטאַנען, אַז איבערגאַנגס־פאָרמען, זאַכן וואָס געפינען זיך אין סטאַטוס נאַסצענדי, אין צושטאַנד פון ווערן, זיי קאָנען נישט דינען ווי קינסט־

לערישער שטאָף. שלום=עליכמס לעבנס=וועג, זיין שאַפן, זיין קלאַסיק לייקנט דאָס אָפּ.

ס'איז אָנגענומען די מיינונג, אַז אין סטיל, אין נוסח איז דאָס אייניקל צומנאָענטסטן צום זיידן. זאָל זיין אַזוי. אָבער קוקט: מענדעלע מוכר=ספרים איז געשטאָרבן סוף 1917, דערלעבט די אָקטאָבער=רעוואָלוציע. שלום=עליכם איז געשטאָרבן אין 1916. דער גרויסער מייסטער — דער זיידע — האָט אין לעצטן סך=הכל, אַ גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט דער עפּאָכע פון זיין קינדהייט און יוגנט, ווען ס'האָט אין יידישן לעבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן געדיכטער מיטלאַלטער. זיין וועלט האָט פעסטע פאַרמען און גרענעצן. ער איז בייסיק, איראָניש, ער איז אַ קעמפער, אָבער ער איילט זיך נישט, ער איז לאַנגזאַם, באַזאַכט, ווי דער ריטם פון דער לאַנגוויליקער פעאָדאַלער וועלט. די וועלט פון זיין רייפקייט און עלטער האָט דער זיידע שוין נישט געזען און נישט באַשריבן. דער זיידע מיטן אייניקל — ביידע גרויסע מייסטער — קאָנען פונדעסטוועגן זיך נישט ראַנגלען פאַרן ערשטן אָרט ביים יידישן פאָלק און ביים וועלט=לייענער. דאָס ערשטע אָרט האָט פאַרנומען און די גרעסטע ליבשאַפט האָט דעראָבערט דאָס אייניקל. צי נאָר דערפאַר, וואָס דאָס אייניקל האָט געקאָנט האַרציקער לאַכן? וואָס מענדעלע איז אַ סאַטיריקער און שלום=עליכם אַ הומאָריסט? שווער צו גלייבן. פאַראַן אַ סך סיבות. מיר ווילן נאָר ענדיקן מיט אַט=וואָס.

שלום=עליכם איז געשטאַנען אויף היסטאָרישע פרשת=דרכים. פון מענדעלעס געשילדערטער וועלט זענען איבערגעבליבן בלויז שירייִם, ברעקלעך, רעשטן; די „נייע" וועלט איז געווען געקניפט מיט דער אַלטער און געטראָגן געוויסע אירע קען=צייכנס, אָבער שוין נישט פאַרמאָגט קיין סטאַטיק, קיין סטאַבילקייט. דאָס געזעץ וועגן דער אומרעגלמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק, וועגן דער שפּרינגאַרטיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. די „נייע" האָט גאָר אינגיכן געדאַרפט ווערן די „אַלטע" וועלט, די אָפּגעלעבטע, פאַר וועמענס באַזייטיקונג עס קעמפט דאָס פאָלק און די געשיכטע. אויף די פרשת=דרכים קומען אויף די גרויסע לאַכערס, זיי אַנען, זיי שפּירן די טראַגיקאָמעדיע פון דער געשיכטע, זיי דריקן אויס די באַציונג פון פאָלק צו דער אַוועקגייענדיקער עפּאָכע. שלום=עליכם האָט מיט זיין גאַנצער שעפערישער טעטיקייט באַשטעטיקט די וונדערלעך=טרעפלעכע טעזע פון מאַרקסן: די פעלקער געזעגענען זייער פאַרגאַנגענהייט מיט געלעכטער.

דער נסתר

.1

ער איז געווען איינער פון די סאַמע אויסטערלישע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור. צווישן די אָנגעזעענסטע, אָבער נישט צווישן די פּאָפּולערסטע. מ׳האָט דערמאָנט זיין נאָמען מיט יראת־הכבוד, אָבער נאָר מבינים האָבן אים געלייענט.

פון קינדווייז האָבן מענטשן פון מיין דור אים געקענט פון כרעסטאָ־מאַטיעס. געקענט האָט אים דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער באַגייסטערט האָבן זיך מיט אים מענטשן מיט אַן עמפינדלעך האַרץ, שפּירעוודיקע. פעיקע איינצונעמען און געפינען רו אין האַלב־שאָטן.

ער האָט זיך נישט געקהלט, נישט גערעשט, און פונדעסטוועגן גע־ווען אַ באַטייליקטער אין אַ גרויסער צאָל צייטשריפטן במשך פון כמעט פיר צענדליק יאָר, זינט 1910.

ער איז אומעטום געווען, און אומעטום געווען דער זעלבער — אַ שוויי־גער, מיט אַ שטילן, טרויעריקן, עטוואָס איראָנישן שמייכל.

ער איז קיינמאָל נישט געווען אָפּגעריסן פון לעבן, נאָר זיין שטענדיקע און אומעטומיקע אָנוועזנהייט איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט זיך פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל מ׳זאָל אים נישט אַרויסזען.

כשמו כן הוא.

מ׳האָט געפילט אין אים אַ גרויסע קינסטלערישע קראַפט. זיין שעפע־ריש וואָרט איז געווען ניי און אייגנאַרטיק. זיין פאַנטאַזיע — געוואַגט און אומרואיק. זיינע פערסאָנאַזשן זענען געקומען פון אַן אַנדער וועלט. דער לייענער האָט נישט געקענט נישט די דאָזיקע וועלט און נישט די פאַרשוינען, וואָס באַוווינען זי. זיין שפּראַך איז געווען רייך, קאָלירפול און בילדעריש, אָבער ס׳איז נישט געווען די רייד־שפּראַך פון פאָלק, נישט די געוויינלעכע

ליטעראַרישע שפּראַך. אויף אים האָט נישט געגאָלטן לעסינגס פאָרמולע: „שרייב ווי דו רעדסט — וועסטו גוט שרייבן".

אַזוי ווי ער האָט געשריבן, האָט קיינער נישט גערעדט און ער אַליין אויך נישט, און דאָך האָט ער געשריבן מיט גרויסער מייסטערשאַפט. זיין שפּראַך אַליין, זיין נוסח אַליין איז געווען מייסטעריש. אַלע יאָרן האָט ער געקוקט מיט פאַרגאַפטע אויגן, מיט פאַרווונדערונג, מיט אַ פראַגע־צייכן אויף זיין קלוג פּנים.

צייטן בייטן זיך און די מענטשן מיט זיי, און אַ שרייבער איז דאָך קודם־כל אַ מענטש, אַ בשר ודם מיט אַלע קליפּערלעך. דער נסתר, פאַרברענגענדיק אַ גאַנצן לעבן אין דער ליטעראַטור, איז געבליבן אַ נסתר. אַן אַנערקענטער, אָבער נישט קיין דערקענטער. ער איז געוואָרן רייפער, זאַפטיקער, טיפער, אָבער אין עיקר, אין זיין אָפּשפּירן די וועלט, אין זיין צוגאַנג צו דער וועלט — האָט ער זיך נישט געביטן. כמעט אַזאַ ווי ער איז געקומען אין אונדזער ליטעראַטור, אַזאַ איז ער אַוועק. אַוועק טראַגיש־שווייגנדיק.

ער איז געווען אַ רעטעניש און איז געבליבן אַ רעטעניש.

זיין שאַפן האָט אַרויסגערופן נייגער, ווייל עס איז נישט געווען ענלעך צום שאַפן פון אַנדערע. זיינע ווערק האָבן מאָדנע אָנגערעגט, ווי ס'רעגט אָן אַ סודותפולער חלום. ער האָט געחלומט און קיינער האָט נישט געקאָנט פּותר־חלום זיין. איר האָט נישט געוווסט זיין ציל און נישט געוווסט זיינע שטעגן און אומוועגן צום ענדציל, איר האָט נישט געוווסט צי ער האָט בכלל פאַר די אויגן די הויך צו וועלכער ער שטרעבט. איר האָט נאָר בחוש געפילט — ער רייסט זיך אין דער הויך, צו די הימלישע מרחקים, אָן אַ קאָמפּאַס און אָן אַ רודער.

זיינע „העלדן" האָבן געלעבט אַ פּולסירנדיק אינעווייניקסט לעבן. איר האָט געפילט זייער דופק, זיי זענען, דאַכט זיך, געווען פון בלוט און פלייש און דאָך עפּעס אַנדערע, מאָדנע גרויסע און געהיימניספולע; אַלץ וואָס איר ווילט זענען זיי געווען, נאָר נישט קיין היימישע. איר האָט זיי נישט געקאָנט אַ נעם טאָן פאַר דער האַנט, אָפּשטעלן און אַ פרעג טאָן: וואָס איז מיט דיר, ברודער? וואָס טוט זיך עס מיט דיר? פון אַ וועלכער וועלט קומסטו?

אויף וועלכע הייוון איז אויפגעגאַנגען זיין טאַלאַנט און מייסטערשאַפט? ווער קאָן ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע?

ווען ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור, האָבן פיל אַלטע תושבים אירע אים מבטל געמאַכט: וואָס איז עס פאַר אַ יונגערמאַן, וואָס מיינט

ער? אנ־סקי האָט מיט אַ גרינג האַרץ אַ זאָג געטאָן: ער איז אַ נאָכמאַכער פֿון די רוסישע און פּוילישע דעקאַדענטן, אַ פּראָדוקט פֿון פֿרעמדע איינפֿלוסן.

נאָר דווקא נאָכמאַכער בייטן זיך זייער גיך; זיי בייטן זייערע אָפּגעטער. און אנ־סקי האָט אַ גרויסן טעות געהאַט. אין נסתר איז נישט געווען קיין אָנדייט פֿון נאָכמאַכעריי; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געביטן. ער איז מיט ז ײ נ ס געקומען אין דער וועלט און נאָר דאָס זייניקע, א ײ ג ע נ ע אונדז איבערגעלאָזט. מען פּרוּווט זוכן געמיינזאַמס צווישן אים און פּרצן. דער גרויסער פּרץ האָט זיך דאָך אויך געצויגן העכער, העכער איבערן גבול פֿון וואָכעדיקן. אמת, פּרץ האָט אים פֿאַרשטאַנען, מקרב געווען, אָבער דאָך, זוכן געמיינזאַמס צווישן זיי איז אַ ריזיקאַלישע אַרבעט, וואָס זאָגט נישט צו קיין דערפֿאָלג.

דער נסתר לאָזט זיך נישט פֿאַרשטיין. ס'איז שווער צו פּאַקן די ענגע לאָגישע שייכות צווישן דער ערד און זיין סימבאָליק. דאָ ווו אַנדערע האָבן געזען שטייגער, און נאָר שטייגער, האָט ער געזען אָפּגרונטן און הויכן, געוואַלדיקע געראַנגלענישן, הויכע עטישע פּראָבלעמען. די עטיק נישט פֿון שולחן־ערוך און נישט אַ פֿאַרשריבענע אין קאָדעקסן און אָנגעצייכנטע דורך אַן אַ צאָל לאַוון. זיין טעמע — דאָס דערהויבענע אין מענטשן, קעמפֿט מיט דאָס נישט־דערהויבענע, נידעריקע; דער מענטש, וואָס וויל פֿליען און איז נאָר צוגעשמידט צו דער ערד מיט קייטן; דער קאַמף מיט דער גראַוויטאַציע, מיט דער צוציונגס־קראַפֿט פֿון לעבן. למען וואָס? למען אַן אַבסטראַקטער, אַבסאָלוטער פֿרייהייט, וואָס זאָל שלום מאַכן דעם מענטשן מיט זיך אַליין, מיט זיין העכערן וועזן. למען אַן אַבסטראַקטן יושר און אויסגעחלומטער גערעכטיקייט צווישן מענטשן.

דער נסתר האָט נישט קיין גרויסע אמונה אין דאָס ערדישע, שלאָגט ער און זיינע העלדן זיך אַרום פֿאַר דאָס איבערערדישע. אים אינטערעסירט די וועלט, וואָס איז אינעווייניק. ווייל דאָרט, אינעווייניק, אין מענטשלעכן האַרץ, איז קאַמף נישט פֿאַרבונדן מיט נויט, פֿיזישע אָפּקומענישן און אומקום, נאָר אדרבא, דער קאַמף גופֿא איז די פֿרייד, דאָס גליק, די עשירות, די סובסטאַנץ פֿון אַן אַקטיוון, קאָליריפֿולן, זאַפֿטיקן, קערנדיקן זיין. נישט קיין ציל, ניין, דער קאַמף גופֿא איז דער ציל, ווייל די התלהבֿות פֿון דאַיקן קאַמף איז דערהייבנקייט — דאָס וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשן פֿון דער חיה.

דער נסתר איז ריין, תמימותדיק און שעמעוודיק. ער זאָגט נישט בפה מלא יאָ, און ער זאָגט נישט ניין. ער איז אַ גלויביק־אומגלויביקער. ער אַנטציקט זיך מיט פאַרלייקענען. ער שאַפט אַ פאַרמאַכטן קרייז פון קאַמף.

.2

דער נסתר (אמתער נאָמען פנחס קאַהאַנאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו דעם ערשטן נאָוועמבער 1884. פון איין צד שטאַמט ער פון מקובלים און למדנים, פון אַנדערן צד — פון פּראָסטע דאָרפס־יידן, האָרעפּאַשניקעס. זיין פאָטער מנחם־מענדל, האָט אים געגעבן אַ געוויינלעכע יידישע דערציונג: חדר, בית־המדרש. געפונען זיך שטאַרק אונטער דער השפעה פון חסידות. שפעטער געווען אַ לערער פון העברעיש. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער יונג, אָבער דעביוטירט ערשט אין 1907 יאָר אין ווילנע מיט אַ קליין ביכעלע פון 23 זייטן, וואָס האָט געהייסן „געדאַנקען און מאָטיוון — לידער און פּראָזע“. ער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צוליב זיין אייגנאַרטיקייט. באַלד נאָכדעם זיך באַטייליקט אין אַ ריי צייטשריפטן און זאַמלביכער, צווישן אַנדערן אין פּרצעס זאַמלבוך „יידיש“. אין 1910 איז אין ווארשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ אַרויס אַ ביכל „העכער פון דער ערד“. דאָס איז אויך געווען אַ דאַר ביכל פון 53 זייטן. דאָ ווי אין זיין לידער־בוך „געזאַנג און געבעט“ (קונסט־פאַרלאַג, קיעוו 1912) געפרווט אַריינברענגען מאָטיוון פון קבלה.

דער נסתר האָט געהערט צו דעם אַזוי גערופענעם „קיעווער פּעריאָד“ און צוגלייך מיט בערגעלסאָנען געווען פאַררעכנט פאַר די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער גרופּע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די באַקאַנטע אויסגאַבעס פון יענער צייט — „אייגנס“ און „אויפגאַנג“, אין וועלכע ס'האָט גענומען איר התחלה אַ גאַנצע פּלעיאַדע ליטעראַטן. אין 1918, אין קיעוו, זענען אַרויס זיינע „מעשהלעך אין פערזן“. צו יענער צייט דערשינען די דורך אים מייסטעריש איבערגעזעצטע מעשהלעך פון אַנדערסענען. אין די צוואַנציקער יאָרן לעבט ער אין בערלין און האַמבורג, דרוקט דערציילונגען אין פאַרשידענע צייטשריפטן, אין 1922 גייט אַרויס אין בערלין זיין צווייבענדיקע זאַמלונג דערציילונגען „געדאַכט“. סוף צוואַנציקער יאָרן קערט ער זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד, ווו ער דרוקט זיך אין אַלע יידישע צייטשריפטן, גיט אַרויס ביכער און ווו ער שרייבט

לסוף אָן זיין גרויסן צווייבענדיקן ראָמאַן „משפחה מאַשבער“, וואָס פאַר־נעמט דעם אויבנאָן אין זיין גאַנצן שאַפן און וואָס איז ווירקלעך אַ פּערל אין דעם יידישן ליטעראַטור־אוצר.

.3

איך האָב זיך באַמיט נאָר אָנצוּוואַרפן אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון איינעם פון די באַדייטנדיקסטע יידישע פּראָזאַיקער.

איך וויל נאָר אָפּמערקן איין מאָמענט: די קריטיק, סיי אין ראַטנ־פאַרבאַנד און סיי מחוץ אים האָט אָנגעוויזן, אַז מיר האָבן אין ראָמאַן צו טאָן מיט אַ נייעם נסתר, אַן אומדערוואַרטן, אַ הונדערטפּראָצענטיקן רעאַליסט; אַז ענדלעך האָט זיך דער שרייבער באַפרייט פון סימבאָליזם, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטן אין געפאַנגענשאַפט.

געוויס, מ'קאָן נישט לייקענען, אַז „די משפחה מאַשבער“ איז אַ רעאַ־ליסטיש ווערק. דער אָנהייב פון ראָמאַן — די שילדערונג פון דער שטאָט, אירע טיילן, אירע שיכטן, דערמאָנט דעם אַלטן גוטן, פּרעציזן און פּרטימדיק טרייען רעאַליזם פון באַלזאַקן. דער נסתר מאָלט מיט אַ ברייטער האַנט, דעם פּענדזל געדיכט איינגעטונקט אין פאַרב. מיר זעען ברייטע לייוונטן. אויך דאָס לשון איז דאָ פרייער און פּשוטער. און דאָך נעם איך זיך די העזה צו ספקן, צי איז דער נסתר פון לעצטן עטאַפּ אַזוי ווייט אוועק פונעם נסתר, וואָס איז געווען דעם לייענער באַקאַנט אַלע יאָרן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז „די משפחה מאשבער“ איז דאָס איינציקע גרויסע (אין צאָל זייטן) ווערק פון שרייבער, — עס איז אַ ראָמאַן, און שוין דאָס אַליין האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם אויפן ווערק. לייגנדיק די האַנט אויפן הארצן, קאָן מען זאָגן, נישט מורא האָבנדיק אַריינצופאַלן אין אַ חטא, אַז ס'זענען נישט פאַראַן קיין ראָמאַנען, וואָס זאָלן פון נאַטור אויס נישט זיין מער אָדער ווייניקער רעאַליסטיש.

אַ ראָמאַן — דאָס איז אַ לאַנגער וועג. ער פאָדערט אַ רעגלמעסיקן אָטעם און אַ באַשטימטן ריטם. ווי באַקאַנט, אויב מען היט נישט אָפּ די כללים פון רעגלמעסיקייט קאָן מען אַ לאַנגע דיסטאַנץ נישט דורכמאַכן. דערמיט, מיין איך, דערקלערט זיך דאָס, וואָס ווייניקער פון אַלעמען האָט געליטן פון די אָנפאַלן אויפן רעאַליזם דער ראָמאַן. אַלע בריות פון אַקראָ־באַטיק האַלטן נישט אויס די נסיונות, באַלד ווי ס'קומט זיי אויס צו נעמען זיך פאַרן ראָמאַן. דער ראָמאַן איז געבליבן די פעסטונג פון רעאַליזם.

דער נסתר איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַקראָבאַט, קיינמאָל זיך נישט פאַרמאָסטן אויף איבערראַשן, אויף עפעקטן, אויף קונצן. ער האָט זיין אָרגאַנישן אויפנעם. זיין סטיל — דאָס איז ער אַליין און זיין סימבאָליק איז ביי אים נישט קיין שול און קיין טעאָריע. קאָמיש זעט אונדז אויס, ווען מאַנכע גוטע פריינד זיינע מאַכן גוט=ברודעריש די באַמערקונג, אַז ער איז פאַרליבט אַזוי ווייט אין מאָלן, אַז ער דערזעט טיילמאָל נישט וואָס ער מאָלט און ווייסט נישט צוליב וואָס ער מאָלט. דער נסתר ווייס וואָס ער מאָלט און האָט אונטערן טעקסט דעם אַלגעמיינעם גרויסן זין. דער נסתר איז אַן ערלעכער שרייבער געווען. אַ גאַנץ לעבן — ערלעך. די פאָרם פון ראָמאַן האָט געפאָדערט דאָס, וואָס עס קומט אים און דער נסתר האָט עס געגעבן. אָבער געבליבן איז ער דער זעלבער. ער נעמט זיך זיינס אָפּ ווו ער קאָן. און געלעגנהייטן איז אין ראָמאַן געווען אָן אַ שיעור. וועמען האָט ער מער פון אַלעמען און אַלץ ליב? לוזין דעם עלטערן מאַשבער, וואָס האָט זיך ביי די בראַסלאַווער אַ נייע תורה געפונען און אַ נייעם גוף: דער מחבר צעפלאַמט זיך, פאַרגעסט זיך באַלד ווי ער נעמט זיך צו שילדערן לוזין. אַזאַ וואַרעמקייט שטראָמט פון זיין האַרצן, אַזאַ הייץ שלאָגט. און לוזי איז וואָס? — נישט דער אָפּגעשלאָסענער קאַמפּקרייז? נישט די פאַרקערפּערונג פון דאָס ייִדישע, וואָס קומט פון ווייטע דורות און ווערט אַ פאַרענדערטע איבערגעגעבן נייע דורות, ווי אַ רינג אין אַ רינג פון דער זעלביקער קייט. מען קאָן נישט שענקען צוויי זייטלעך פאָררעדע מער גלויבן, ווי די פילהונדערטזייטיקע בענד פון זיין ראָמאַן, ווי די זייטן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן במשך פון אַ גאַנץ לעבן, בפרט נאָך, אַז ער באַוואָרנט זיך, אַז ער ק ע מ פּ ט נ י ש ט קעגן זיינע העלדן, ווייל זיי זענען במילא שוין לאַנג פאַרשוווּנדן. אָבער דער זין פון ראָמאַן איז געווען נישט שילדערן דאָס פאַרשווינדענע נאָר אויפהיטן אין דעם פאַרשוווּנדענעם דאָס סובסטאַנטיווע, דאָס, וואָס דאַרף אויפגעהיט ווערן, ווי אַ קולטור=אוצר, ווי אַ בייטראָג פאַר די קומענדיקע דורות — דאָס איז די שפּירעוודיקייט פון האַרץ, די כפירה ווי די אמונה פון דער נשמה, וואָס איז איבער דער ערד — דאָס דערהויבענע אין מענטשן, זיינע אייביקע זוכענישן און גריבלענישן.

ס'איז ממש אויפפאַלנדיק, וואָס דער פאַרבאָרגענער, דער אינקאָגניטאָ=אַרומגייענדיקער, דער געהיימניספולער, וואָס פּראַוועט התבודדות, דער שרייבער, וואָס רעדט מיט רמזים, אַלעגאָריעס, סימבאָלן, איז זייער פּשוט, תמימותדיק, נאַיוו, ליסטיק, שפּילעוודיק, ווען ער שרייבט זיינע

קינדער־מעשהלעך. אין זיי זענען נישט פאַראַן קיין רעליגיעזע רעמיניסצענצן, נישט קיין טראַדיציאָנעלע, זיי זענען אינגאַנצן וועלטלעך, זייער אַלגעמיין און ווייזן אַ געוואַלדיקע קענטעניש פון דער קינדערישער פּסיכאָלאָגיע. אַפילו דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע ציגעלע איז בײַ אים אַ ציגעלע אָן אַ באַזונדערן מיין. אין די קינדער־מעשהלעך זענען נישט פאַראַן די מאַסקעס און שלייערן, וואָס ווערן אויפגעוואָרפן דעם נסתר. אין זיי פאַרשטעקט ער זיך נישט, פאַרקליידט זיך נישט, ווייל דאָס קינד איז די אוממיטלבאַרקייט אַליין, פאַר אים איז די וועלט פּשוט און פאַרשטענדלעך און ווו עס דאַרף דערטראַכט עס זיך צו און מאַכט זי נוציק פאַר זיין געברויך. ערשט מיטן וווּקס, ווערט די וועלט קאָמפליצירט. וואָס טיפער עס ווערט דער מענטשלעכער בליק, וואָס ברייטער זיין באַוווּסטזיין, אַלץ קאָמפליצירטער, אומפאַרשטענדלעכער, רעטענישפולער ווערט אים די וועלט אַרום. וואָס מער ער דערוויסט זיך, אַלץ מער ספקט ער, און וואָס מער ער ספקט, אַלץ מער זוכט ער. ס'הייבט זיך אָן דער אייביקער קאַמף אין אַ פאַרשלאָסענעם קרייז.

דער נסתר איז געווען אַ גרויסער צווייפלער, אַ טיפער סקעפּטיקער. פאַר אים איז דאָס לעבן געווען אַ סודותפולער אָפּגרונט. האַלטן זיך איבערן אָפּגרונט קאָן מען נאָר מיט מעכטיקע פליגל פון הארצן. דער נסתר האָט געגלויבט אין די דאָזיקע פליגל. ער איז אָבער געווען זייער קלוג און זייער ערלעך און געוווּסט, אַז די וועלט, אַ ניכטערע און האַרטע, וועט אויסלאַכן זיין נשמה־פּשטות, זיין קינדערישע תמימות און נאַיווקייט, זיין ריינעם גלויבן אין מענטשלעכן הארצן, — האָט ער זיך פאַרשטעקט.

און ביז הייַנט נישט נתגלה געוואָרן.

דער שטורעם=גלאָק

עמעצ׳ן האָט אַ מאָל געפרעגט ווינטשעווסקין: ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער האָט געענטפערט: איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט מיט 25 יאָר פאַר דעם, ווי איך בין אויף דער וועלט געקומען.

און ס׳איז נישט געווען קיין שפּאַס. דעם סאָציאַליזם — אַלס קאַמף פאַר גערעכטיקייט, סאָציאַלן יושר און פרייהייט — האָט מאָריס ווינטשעווסקי געטראָגן אין זיין בלוט בירושה. זיין זיידע ר׳ יצחק איז אומגעקומען אַלס אָנטיילנעמער אין פוילישן אויפשטאַנד אין 1831. זיין באָבע צילע, די אַלמנה נאָכן פרייהייטס=קעמפער דעם זיידן, האָט אירע אַלע יאָרן געלעבט פאַר יענעם, געווען די מאַמע פון אַלע יתומים, אומגליקלעכע און ליידנדיקע אינעם שטעטל. יעדעס אומגליק, יעדע צרה פון אַן אָרעמאַן איז געווען איר אייגן אומגליק און איר אייגענע צרה. זיין פאָטער, כאָטש אַ למדן, האָט זיך געחברט מיט שוסטער און שניידער, זיין שטוב איז פול געווען מיט נויטבאַדערפטיקע, וועלכע ער האָט געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. אין ווינטשעווסקיס משפחה האָבן כלל=אינטערעסן אַלעמאָל געהאַט די איבערהאַנט איבער די פערזענלעכע. דער צען=יאָריקער מאָריס ווינטשעווסקי (ליפּע בן=ציון נאָוואכאָוויטש) איז, ווי זיין באָבע צילע, אַרומגעגאַנגען איבער די קראָמען און אויפגעקליבן נדבות פאַר אָרעמע קינדער. ער האָט נישט געקאָנט צוזען קיין פרעמדע ליידן. נויט, דלות — האָט אים געשניטן ביים האַרצן. פרי איז זיין קינדעריש האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט מיטלייד און צוזאַמען דערמיט מיט פראָטעסט און מרידה. איידער ער האָט נאָך געקענט דעם אלף=בית פון סאָציאַליזם, האָט ער אים שוין געטראָגן אין זיין שפּירעוודיק, גערעכטיק האַרץ.

* *

*

ווינטשעווסקי איז געווען דער ערשטער אין מערכטיקן פירלינג פון דער יידישער סאָציאַלער פאָעזיע. זיי האָבן זיך באַוויזן איינער נאָכן אנ=

דערן: מ אָ ר י ם װ י נ ט ש ע װ ס ק י, מ אָ ר י ם ר אָ ז ע נ פ ע ל ד, ד ו ד ע ד ע ל ש ט אַ ט און י ו ס ף ב אָ װ ש אָ װ ע ר. איין מעכּ־טיקער כאָר פון רעװאָלוציאָנערן אויפברויזנדיקן געזאַנג. זיי זענען גע־װען די פרילינג־אָנזאָגער, די בשורה־טובה־שליחים פון דער באַגינענדי־קער יידישער ארבעטער־באַװעגונג. זייער געזאַנג האָט זיך אריינגעגאָסן אין דער מאַסע, זי באַגייסטערט און זי א הויב געטאָן.

מאָרים װינטשעװסקי איז חוץ דעם, װאָס ער איז געװען דער ע ר־ש ט ע ר פּאָעט אין דעם פרילינג, אויך געװען דער צ י ל ג ע װ ע ב ד־ט ס ט ע ר, דער שטאַנדהאַפטיקסטער.

ראָזענפעלד און באָװשאָװער זענען געװען נ אָ ר פּאָעטן. זיי זע־נען געװען דער עיקר — ליריקער. פאַרבונדן מיט אַרבעטער אין די שװיץ־שאַפּן, האָבן זיי אויסגעזונגען זייער װיי און פיין, זייער קלאָג איבער דער פינצטערער מערכה און זייער פּראָטעסט. מאָרים װינטשעװסקי אין דער פּלאַמיקער דוד עדעלשטאַט זענען אחוץ דעם געװען פּ אָ ל י ט י־ק ע ר, ביי װעמען די פּאָעזיע איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּובליציסטיק, מיט פּאַרטייאישער אַקטיװקייט. זייער װאָרט האָט גע־האַט איינע און די זעלבע פונקציע — באַפליגלען די טאַט. עדעלשטאַט האָט פיבערדיק געברענט און יונג פאַרברענט געװאָרן. װינטשעװסקי האָט אָפּ־געלעבט א לאַנג שעפעריש און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש לעבן (געבוירן דעם 9־טן אויגוסט 1856 — געשטאָרבן דעם 18־טן מערץ 1932) און זיין לעבן איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער געשיכטע און אַנטװיק־לונג פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג צװישן יידן.

* * *

דער זיידע פון דער יידישער סאָציאַלער, רעװאָלוציאָנערער פּאָעזיע און פון דער יידישער ארבעטער־באַװעגונג, מאָרים װינטשעװסקי, האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיטן אַרבעטער־קלאַס די געשיכטע פון זיין אויפ־קום און רייף װערן.

געבוירן אין יאַנעװע ביים ניעמאַן, אויסגעהאָדעװעט געװאָרן אין קאָװ־נע, געלערנט זיך אין װילנער ראַבינער־אינסטיטוט; אין אָריאָל, װו ער איז געשיקט געװאָרן אין שליחות פון פייבעלחנס קאַנטאָר, אין װעלכער ער איז געװען אַן אָנגעשטעלטער, האָט ער זיך באַקענט מיטן רוסישן פּאָלקיזם; אין קעניגסבערג האָט ער זיך באַקענט און באַפריינדעט מיטן „פּאַטער

פון יידישן סאָציאַליזם" אהרן ליבערמאַן, געשריבן אין העברעישע זשורנאַלן און פּראָפּאַגאַנדירט אין זיי סאָציאַליזם; זיך באַפֿרײַנדעט און צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געשריבן פֿאַר דער אָרטיקער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע און אין צענטראַל־אָרגאַן „פֿאָרווערטס" אין לײַפּציק, וואָס איז געווען רעדאַגירט דורך ווילהעלם ליבקנעכט; באַגײַסטערט געווען פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַלן; אַלס קרבן פֿון ביסמאַרקס „אַנטיסאָציאַליסטן־געזעץ" איז מאָריס ווינטשעווסקי געוואָרן אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט קיין דענעמאַרק; אין פּאַריז האָט ער זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט פּיאָטר לאַווראָוו — איינעם פֿון די פֿירער פֿון רוסישן פֿאָלקיזם; 15 יאָר האָט ער געלעבט אין ענגלאַנד — געשאַפֿן דאָרט די ערשטע יידישע אַרבעטער־פּרעסע, די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע פֿאַראייניקונג, די ערשטע יוניאָן פֿון יידישע אַרבעטער, אָנגעשריבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע בראָשור; געשריבן און געדרוקט די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע לידער, וואָס זענען באַלד אויפֿגעכאַפּט געוואָרן דורך דער מאַסע און איבערגעוואַנדערט אויף מערב—מעבר לים און אויך אויפֿן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט און אומעטום געוועקט און גערופֿן. אין לאָנדאָן איז דער יידישער עמיגראַנט — דער געכטיקער בעל־מלאכה, קרעמערל, קלויזניק אין די שטעט און שטעטלעך פֿון תחום המושב, פֿונוואַנען ער איז געלאָפֿן אין די 80־קער יאָרן אין דער וועלט אַרײַן פֿון די צאַרישע רדיפֿות און פּאָגראָמען — געווען געצוווּנגען צו פּראָלעטאַריזירן זיך אין די שוויץ־שאַפּן. די צאָל פֿון אַזעלכע עמיגראַנטן איז פֿון יאָר צו יאָר געשטיגן. דער גרעסטער טייל האָט דאָ גאָר אָפּגעוואַרט די מעגלעכקייט אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער צווייטער זייט אָקעאַן, אָבער בינו־לבינו האָט זיך אין לאָנדאָן פֿאַרמירט דער אייגנטלעכער יידישער פּראָלעטאַריאַט. אָט אין דער מאַסע האָט עם מאָריס ווינטשעווסקי גענומען פֿאַרפֿלאַנצן די ערשטע סאָציאַליסטישע קערנער און די ערשטע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע, פּאַסיקע פֿאַרן קלאַסן־קאַמף. און כאָטש ווינטשעווסקי האָט זיך אין לאָנדאָן קודם־כל אָפּגעגעבן מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט און דאָ פֿאַרביטן זײַן העברעישע פֿען אויף דער יידישער, איז ער אָבער נישט געווען אָפּגעגרענעצט פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָנגעהאַלטן א נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָלאָניע אין לאָנדאָן און באַזונדערס געווען באַפֿרײַנדעט מיטן לינק־סאָציאַליסטישן פֿירער יאָהאַן מאָסט. וואָרום פּונקט ווי דער לעצטער איז ווינטשעווסקי נישט נתפּעל גע־

וואָרן פון די פּאַרלאַמענטאַרישע נצחונות פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד.

ווען מאָריס ווינטשעווסקי איז אין 1894 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז ער דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורך דער אַרבעטערשאַפט, ווי אַן אַלטער ליבער באַקאַנטער, מיט פאַרערונג און באַגייסטערונג. ער איז באַלד געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון באָסטאָנער „דער אמת", געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער אָפּאָזיציע פון דער ס.ל.פּ. (סאָציאַליסטישע לייבאָר-פּאַרטיי), און דער גרינדונג פון „פאָרווערטס", זיך פאַראייניקט צו דעבס סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. שפּעטער איז מאָריס ווינטשעווסקי אַוועק פון „פאָרווערטס", זייער אַקטיוו האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דער „וואַרהייט" און צום סוף אויך פון איר אַוועק, רעדאַגירט דעם זשורנאַל „די צוקונפט", וועלכע איז אונטער זיין אָנפירונג געוואָרן אַ צענטראַלער סאָציאַליסטישער, ליטעראַריש-פּאָליטישער זשורנאַל, אין וועלכן ס'האָבן מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע שרייבער. ווינטשעווסקין איז אויסגעקומען שווער צו קעמפן קעגן דער פּוילעניש, אָפּאָרטוניזם און פאַרביזנעסטקייט פון דער אַרבעטער-פּרעסע אין אַמעריקע, וועלכע ער האָט געהאָלפן שאַפן און פאַרפעסטיקן און וועלכע ער איז לסוף געצוווּנגען געווען צו באַקעמפן. און, פאַרשטייט זיך, אַז זיינע קעגנער האָבן אים נישט געשאַנעוועט, אים באַוואָרפן מיט בלאָטע און צוריקבאַקומען זייער חלק פון זיין בייסיקער, פּקחותדיקער און שאַרפער פען. די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן יאָרן. און נישט געקוקט אויף דער פאַרביטערטקייט פון קאַמף האָט קיינער נישט געקאָנט אויסראָטן פון האַרצן פון די צענדליקער טויזנטער לייענער און הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער די ליבע און פאַרערונג צום זיידן, צום פּאָנעטרעגער פון דער אַרבעטער-מחנה, צום דיכטער, מיט וועמענס קאַמפס-ליד ס'איז געווען אָנגעזאַפּט דאָס האַרץ פון יונגן פּראָלעטאַרישן קלאַס.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט מיט ווירדע און אומדערשיטערט דורכגעהאַלטן די יאָרן פון רעאַקציע נאָך דער צייטווייליקער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז געבליבן אומגעוואַקלט אויף זיינע רעוואָלוציאָנער-מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ער באַגעגנט מיט פרייד און באַגייסטערונג און ווען אין אַמעריקע איז געשאַפן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז ער אַריין אין אירע רייען און איז איר געבליבן טריי ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ווען ער האָט באַזוכט אין 1924 יאָר דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז ער דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ באַגייסטערונג און פאַרערונג, וואָס קיין

שום שרייבער איז צו אַזוינס נישט זוכה געווען. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אויף מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס צו איבערצייגן זיך, אַז זיינע הייסע פּלאַמיקע קאַמפּס־לידער לעבן אין די מאַסן מיט דער זעלבער קראַפט און פרישקייט, ווי דאַן ווען זיי זענען נאָר וואָס אָנגעשריבן געוואָרן.

* *
*

ווינטשעווסקי איז געווען אַ מענטש פון זעלטענער נשמה־ריינקייט, פון ממש פאַנאַטישער ערלעכקייט. זי איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט געוואָלט קיין היונה ציען פון דער פען, כדי צו זיין אומאָפּהענגיק, פריי און אומגעבונדן. ער האָט געוואָלט בעסער לעבן פון „ציפער" (פון בוכהאַלטעריע) ווי פון „אות". די ליטעראַטור גופא איז ביי אים אַ גאַנץ לעבן געווען נישט קיין ציל אַן און פאַר זיך, נאָר בלויז אַ מיטל פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט געהערט צו די, וואָס האַלטן תמיד דעם פולווער טרוקן — שטענדיק קאַמפּס־גרייט. דער קאַמף פאַר אַ נייער וועלט — פאַר פרייהייט, יושר און גערעכטיקייט — איז געווען דער אלף און דער תיו פון זיין לעבן. אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע זיינע געפילן, זיין פלאַם און פאַטאָס, זיין פקחות און זיין וויסן — אַלץ האָט נאָר געדינט דעם סאָציאַליסטישן ציל. און געגומען האָט זיך עס פון זיין אומגעווינלעכער, אומאויסשעפּיקער ליבע צום מענטשן, פון זיין אָרגאַנישער שנאה צו אַלץ און אַלעמען, וואָס פאַרשאַפט ליידן. אַ הומאַניסט אין שענסטן זין פון וואָרט האָט ער געהאַלטן, אַז ליידן פון הונגער איז ביטערער ווי ליידן, דהיינו, פון ליבע. ער האָט זיך נישט געיחוסט ווי אַ פּאָעט — דאָס איז אים פולשטענדיק פרעמד געווען. ער האָט פון זיך געפאָדערט בלויז — זיין ליד זאָל דערגיין, זאָל אויפּאַקערן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין טאַט.

לידער פון שטערן אין הימל בייגאַכט,
לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור,
לידער פון גרעזעלעד, קווייטעלעד, פּראַכט
גייען מיין אויער פאַרביי אָן אַ שפּור.

לידער געזונגענע מיט אַ געוויין,
לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,

לידער פון פאָלקס־ליידן — נור די אַליין,
האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג.

ער האָט זיך אַליין באַטראַכט נאָר פאַר אַ וועקער, פאַר אַ קליינגער, פאַר אַ פויקער צום קאַמף. ער האָט אין זינען געהאַט די עסטעטיק אויף וויפל זי קאָן דינען דער עטיק. ניש מער.

אין אַלע ריטמען וואָלט איך זינגען
צו וועקן דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלאָקן וואָלט איך קלינגען,
צו מעלדן דיר די צייט;

אין אַלע שפּראַכן וואָלט איך ריידן —
אַ פלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַלן די געדאַנקען קליידן,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר.

צומבעסטן זענען טאַקע דערפאַר אויך אין עסטעטישער הינזיכט זיינע שטאַרקע וועקערישע און באַגייסטערנדיקע לידער און טאַקע יענע, וועלכע דאָס פאָלק האָט געזונגען. יאָרצענדליקער נאָכאַנאַנד האָט זיין פּאָעזיע געדינט דער באַוואָפענונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. דער אַרבעטער־כאָר, די אַרבעטער־דעקלאַמאַטאָרן פלעגן מיט זיינע לידער אָנצינדן אודיטאָריעס. זיין פּראָזע איז געווען בעלעטריזירטע פּובליציסטיק. זי האָט קונציק אַריינגעפירט דעם אַרבעטער־לייענער אין די פּראָבלעמען פון דער צייט, אים דערקלערט זיינע אויפגאַבן און אַלעמאָל געהאַט אַן אַקטועלן אויסקלאַנג. ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכע שפּראַך (כאָטש אַ ביסל נאָך אַ דייטשמערישע), פיל שאַרפזין, בילדערישקייט, פאָלקסטימלעכקייט. זיין לשון איז געווען פאַרשטענדלעך און קלאָר — אַ זיידע האָט גערעדט מיט זיינע זין און אייניקלעך און גערעדט האָט ער ניט כדי צו דער־ציילן מעשיות סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר כדי צו דערציען, אויפ־קלערן. די ליידנשאַפט צו העלפן מענטשן בעסער ווערן, קליגער זיין, האָט געפירט מיט זיין פען. דער שלאָגפאַרטיקער אַפאָריזם איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר זיין פּראָזע־סטיל. אַן אַפאָריזם פאַרגעדענקט זיך. צוליב פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעמים האָט ער געשריבן משלים, ווייל אַ משל קאָן

אויסדריקן דורך זיין נמשל אַ גאַנצן געדאַנק און פאַרגעדענקט זיך. ער האָט געהאמערט מיט אַ געוואַלדיקער עקשנות אין האַרץ און אין מוח פון זיינע לייענער, זיי זאָלן זיך צואייגענען דעם עיקר־העיקרים, דאָס סאַמע עלעמענטאַרע פון דעם עלעמענטאַרסטן.

זיין קעמפעריש האַרץ האָט געלעכצט נאָך אַ געראַכטער אָרדענונג, נאָך אַ גליקלעכער מענטשהייט, געלעכצט, געבענקט און געקעמפט אַ גאַנץ לעבן.

דער גרויסער יידישער משלים־שרייבער

אליעזר שטיינבאַרג האָט געהאַט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע, קולטור־פעדאַגאָגישע ביאָגראַפיע. זיינע פאַרדינסטן פאַרן יידישן קולטור־לעבן אין פאַרמלחמהדיקן רומעניע זענען געווען גרויס. מיט זיין נאָמען זענען געווען פאַרבונדן די שולן אין טשערנאָוויץ און די פעדאַגאָגישע מייסטער־שאַפט אין זיי. ער האָט געשאַפן דאָס ערשטע יידישע קינדער־טעאַטער; ער איז געווען באַליבט ביי קינדער און ביי דערוואַקסענע. ס'איז געווען אַ נחת־רוח צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט; ס'האָט פון אים ממש געשטראָמט מיט גייסטרייכקייט.

יידן אין רומעניע האָבן געוווסט, אַז זיי פאַרמאָגן צווישן זיך אַ שיינדל, אַן אבן טוב. די איבעריקע יידישע קולטור־וועלט האָט אָבער יאָרן לאַנג נאָר געוווסט דעם נאָמען שטיינבאַרג און אינגאַנצן נישט געקענט זיינע ווערק. זיין נאָמען איז זיי פאָרויסגעגאַנגען ווי אַ לעגענדע, פונקט ווי רומעניע וואָלט זיך געפונען העט ערגעץ־ווייט, אַזש הינטער די הרי־חושך. נאָר אויך זיין שרייבערישער נאָמען האָט לכתחילה אַ גאַנצע פאָר יאָרצענדליקער זיך דורכגעשפאַרט פאַוואָלינקע, לאַנגזאַם, און ערשט די היינטצייטיקע טרובאַדורן פון דער יידישער ליטעראַטור, די רעציטאַטאָרן, האָבן פאַר אים אַדורכגעריסן מיט שטורעם אַ וועג צום פאָלקס־האַרץ. זיין ערשט ביכעלע משלים — אינגאַנצן 12 — איז אַרויס אין 1924, כאָטש גענומען שרייבן האָט ער אין 1902. און דאָס דאָזיקע ביכעלע — אַ זעלטענע פראַכט־אויסגאַבע — איז אַרויס אין 120 עקזעמפּליאַרן און געקאָסט געוואַלדיק טייער (20 דאָלאַר). די צווייטע גרעסערע און מער פאָפולערע, כאָטש אויך גענוג טייערע אויסגאַבע — איז אַרויס ערשט נאָך זיין פריצייטיקן טויט, וואָס איז געקומען פלוצעם, נאָך אַן אומנייטיקער און אומגעלונגענער אָפעראַציע, אין דער נאַכט פון 27־טן אויפן 28־טן מערץ 1932, אין סאַמע פאַנאַנדערבלי פון זיין טאַלאַנט, אין עלטער פון 52 יאָר.

ערשט נאָך זיין טויט האָט זיין נאָמען גענומען זיך איינקריצן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ לעגענדע איז ער אָבער אַלצאיינס געבליבן, וואָרום די אויסגאַבעס וואָס זענען שפּעטער געקומען, זענען געווען קמצנותדיקע און קריגן זייגס אַ באַנד איז ביז היינט גאָרנישט קיין לייכטער ענין. און פּונקט ווי די לעגענדע איז אים פאַרויסגעגאַנגען, אַזוי איז אים פאַרויסגעגאַנגען די ג ו ז מ א. און זי, די גוזמא, איז אין דעם פאַל זייער סימפּטאָמאַטיש. מ'האָט דערפילט אין אליעזר שטיינבאַרגן אַזאַ גרויסן און זעלטענעם טאַלאַנט, מ'איז געוואָרן אַזוי איבערראַשט און געפּלעפט פון זיין שפּראַך־עשירות, שפּילעוודיקייט, חריפות, שאַרפזין און קלוגער באַרערעוודיקייט, אַז ס'האָבן זיך באַלד געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן, פריער אַ ביסל שעמעוודיק און שפּעטער אַלץ דרייסטער, אים גישט נאָר פאַרגליכן מיט עזאָפּן, לאַפאָנטען און קרילאָוון, נאָר שיעור אים נישט גענומען שטעלן העכער פון דעם וועלט־באַרימטן דרייליגג. די דאָזיקע גוזמאדיקע איבערשאַצונג איז געקומען פון אויפריכטיקער אָנערקענונג און באַגייסטערונג. מ'האָט גענומען איינזען, אַז שטיינבאַרג האָט נישט נאָר דערגרייכט אַ קלאַסאַלע מייסטערשאַפט, נאָר האָט אויך פאַנאַנדערגעצויגן די באַטירלעכע גרענעצן פון קלאַסישן משל, אים באַנייט — אַרייגגעטראָגן גאָוואַטאָרישקייט אין דעם אַלטן זשאַנער, וואָס איז געווען סטאַביל־פאַרגליווערט און האָט דאַכט זיך נישט געהאַט מער קיין שאַנסן צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון דער, וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרן דורך די דערמאָנטע.

אַ גוזמא בלייבט אָבער אַ גוזמא. אליעזר שטיינבאַרג איז טאַקע גרויס. נאָר די קלאַסישע פאָרם דערגרייכט ער אין דער קלענערער צאָל משלים און די זענען טאַקע די בעסטע. שטיינבאַרג איז בלי ספק דער גרעסטער יי ד י ש ע ר משלים־שרייבער. ביי אַלע פעלקער, אין אַלע ליטעראַטורן, זענען פאַראַן משלים־שרייבער און טאַלאַנטירטע דערצו. אָן אַ שיעור דיכטער האָבן געפּרוווט זייערע כוחות אין משל, אָבער אין דער וועלט, ווי קלאַסישע ביישפּילן, זענען געבליבן די דריי, און קיינער האָט זיי נישט געקאָנט איבערשטייגן; קיינער איז אין דער וועלט־ליטעראַטור הוץ זיי, נישט אַריין נ אָ ר ווי משלים־שרייבער.

ווען עזאָפּן ווייסט מען זייער ווייניק, ער האָט דאָך געלעבט מיט 5 — 6 יאָרהונדערטער פאַר אונדזער צייט־רעכענונג. ס'האָבן געדאַרפט פאַרבייגיין אַרום 22 יאָרהונדערטער עס זאָל זיך באַווייזן לאַפאָנטען,

וואָס איז געוואָרן דער צווייטער וועלט־באַרימטער נאָמען. שטיצנדיק זיך אויף די אַנטיקע מוסטערן האָט לאַפאָנטען (1621 — 1695) פאַרפראַנצויזישט דעם משל, אַריינגעטראָגן דעם נאַציאָנאַלן גייסט אין אים, די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און געגעבן קלאָרע אַלוזיעס צו דער זיינצייטיקייט, צו די פאַרהעלטעניש אין דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. איוואַן קרילאָוו (1769 — 1844) האָט זיך אויך געשטיצט אויף די אַנטיקע און געווען אונטער דער השפעה פון לאַפאָנטען (וועלכן ער האָט דורך אַגב איבערגעזעצט), נאָר ער האָט פאַררוסישט דעם משל, אַריינגעטראָגן אין אים די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און געגעבן אָנצוהערעניש, ווי דאָס טוט תמיד די אַלעגאָריע, צו דער זיינצייטיקייט. סיי לאַפאָנטען, סיי קרילאָוו האָבן געשריבן נישט נאָר משלים, נייערט אויך קינדער־מעשיות (לאַפאָנטען), קאָמעדיעס, פיעסן און געווען טעטיק אויך אין אַנדערע זשאַנרען. די העכסטע דערגרייכונגען זייערע זענען אָבער געלעגן אין דעם משל. די פאָלקס־שפּראַך, דער פאָלקישער קנייטש און העוויה איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידן. גלייכצייטיק אָבער זענען זיי געוואָרן דאָס אייגנס פון אַלע פעלקער. דערפאַר וואָס די טעמאַטיק און די מאָראַל זענען געווען אַלמענטשלעך. זיי האָבן געבייטשט די יעניקע מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס זענען פאַרן מענטשן נאַטירלעך אין פאַרשידענע תקופות, אַזעלכע ווי חניפה, פוילקייט, ליגן, צביעות, עגאָיזם, זעלבסטבאַרימעריי וכדומה.

די קורצגעפאַסטקייט, אויסדריקלעכקייט, די הערמעטישע איינגעשלאָסנקייט פון נמשל אין משל, זייער פולקאָמע איינהייטלעכקייט, וואָס דערמאָנט דעם יאָדער און אַריינגעוואַקסענעם אין דער פלייש־מאַסע — דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קלאַסישן משל. די פוענטע איז שאַרף — אַרויסגעשאָסן דורך דער צונויפגעדריקטער ענערגיע. ס'איז: געשאָסן — געטראָפן. און וואָס טויטלעכער — אַלץ בעסער.

פאַנאַנדערזעצן, אויסברייטערן די נאַטור־געזעצן פון משל קאָן מען נישט, וואָרום דאָס באַדייט אויפרייסן די געזעצן פון זשאַנער. די געזעצן פון דער פאַבל, פון משל, זיין אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע — זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע, זיי זענען אָרגאַנישע און דערפאַר — אייזנפעסטע. מען קאָן אָפּטרעטן, אָפּווייכן פון זשאַנער, אָבער נישט אויסברייטערן זיינע גרענעצן, אַנדערש געזאָגט: מען קאָן אַרויסגיין פון זיין נאַטירלעכן גדר און ווערן באַדינגלעך, ד. ה. משלמעסיק.

די קלאַסישע פאָרם פון משל איז דערפאַר קלאַסיש, וואָס זי איז פּונקט אין אירע אייגענע געצווימטע גרענעצן.

אונדזער אליעזר שטיינבאַרג האָט אָנגעשריבן, ווי מ'שאַצט, און ווי מ'קאָן אַרויסדרינגען פון זיינס אַ ווערטל, אַרום 500 משלים (ער זאָל האָבן געזאָגט: אַז מ'שרייבט אָן אַ 500 משלים — מעג מען אין דעם אויך זיין שוואַכע. און ער איז געווען הונדערט מאָל גערעכט. לאַפּאָנטען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט אָנגעשריבן אַ 12 ביכלעך משלים, קרילאָוו אַרום 200 משלים, אָבער נישט אַלע זענען געוואָרן וועלט=באַרימט און גאַנגבאַר). ביי אליעזר שטיינבאַרג זענען פאַראַן משלים. וואָס זענען פּונקט אין קלאַסישן נוסח (דהיינו, „אַ קלאָץ=קשיה“, „דער הלך און די זעג“ און פיל אַנדערע). פאַראַן אָבער משלים, וואָס זענען גיכער אַלעגאָרישע מעשהלעך, ווי משלים. דער נמשל אין זיי איז אַ צוויי=, אָדער פּילדייטיקער און דער עיקר איז דער משל גופא, די לעבעדיקע שילדערונג פון די בעלי=חיים און קעגנשטאַנדן, וועלכע ער אנטראָפּאָמאָרפירט אין גייסט פון משל. אָט די דאָזיקע משלהאַפטיקייט זעט עס אויס ווי אַן איבערברייטערונג פון די גרענעצן פון משל. שטיינבאַרגס משלים און משלים=ענלעכע לידער לעבן אַ זאַפטיק יידיש לעבן, אין שטייגער און שפּראַך=נוסח. זיין זיין מעלה שטעקט אויך אַ געוויסער חסרון — זיי זענען צייטנווייז פאַרלמדנישט, פאַרגמרא'ט און דאָס איז פאַרעלטערטע פאָלקסטימלעכקייט, דאָס איז פאָלקסטימלעכקייט פון אַ מיט צוויי=דריי דורות צוריק און שטערט דעם היינטיקן יידישן לייענער אין געניסן. זיינע שורות, זיינע דראַם=בילדונגען זענען אָבער מאָדערן און פריש, זיין שפּראַך=דערפינדערישקייט ממש פאַנטאַסטיש, זיין פאַנטאַזיע — לעבעדיק. דינאַמיש, זיין דריבות — דורכדרינגלעך, זיינע אָנצוהערענישן און מאי=קא=משמע=לן'ס אָפטמאָל זייער איידל און סובטעל — פאַראַן דער וויץ, דער קלוגער שמייכל, די יידישע העוויה און פּונקט ווי ביי לאַפאָנטען איז דער משל מיט דער אַלמענטשלעכער מאָראַל פאַרפראַנצויזישט, ביי קרילאָוו — פאַררוסישט, איז עס נאָכמער ביי שטיינבאַרגן — פאַריידישט. אַזוי ווייט פאַריידישט, אַז די מערסטע פון זיי וועלן זיך, וואַרשיינלעך, קיינמאָל נישט לאָזן איבערזעצן אין אַ פרעמדער שפּראַך.

דער משל איז געווים אַן אַלטע טראַדיציאָנעלע יידיש=קינסטלערישע, דידאַקטיש=מאָראַליזאַטאָרישע פאָרם. נישט געווען קיין מגיד אָן א משל, קיין מעשה אָן אַ משל. דער משל האָט געהאָלפן רעליעפער אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק ביי די פרעדיקער און מעשה=דערציילער. אָבער אין

זעט ציך ווען דער קלאַסישער משל איז אַ סאַטירישער, אָפּשפּאָטערישער, בייסיקער, איז דער יידישער משל מער ביישפּיל, מער פאַררופונג, אַנאַלאָגיע, אַ באַלערנדיקער, מער היוצא מדבריגו. אין יידישן משל, ווי אין דער רעליגיעז-דידאַקטישער מעשה, האָבן מיר צו טאָן מיט אַ מלך און אַ מלכה, מיט אַ בת-מלכה און אַ בן-מלך, מיט אַ נאַר און אַ חכם א.א.וו. ד. ה. מיט איבערטראָגן דעם ביישפּיל פון איין מענטשן אַלס אַ מוסר-השכל פאַר אַנדערע. דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם, די פאַרמענטשלעכונג פון דער בעלי-חיים-וועלט און קעגנשטאַנדן — איז אַ סך זעלטענער. ביי שטיינבאַרגן איז, ווי אין קלאַסישן משל, דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם דער גרונט-עלעמענט, דער בוי-מאַטעריאַל, אָבער דער נמשל איז מערסטנס ווייכער, ווייניקער בייסיק און שטראָפנדיק. דער נמשל-אַפאָריזם שיסט נישט אַלעמאָל דירעקט אין ציל — נאָר דאַרף אָפּשטויסנדיק זיך טרעפן ערגעץ אַנדערש וווּ, אַ ביסל זייטיק.

און נאָכאַמאָל: דער עצם משל איז ביי אים דער עיקר, די פאַנאַנדעראַרבעטונג פון דער פאַבולע, פון דעם דיאַלאָג, אין וועלכן ער קאָן אַרויסווייזן זיין שפּראַך-שפּילעוודיקייט, זיין קינסטלערישע שילדערונג, נייע גליקלעכע שפּראַך- און געדאַנקען-בליצן, זיין דינע אַלעגאָריע, זיין סובטעלע איראָניע. ער קאָן אַריינזאָגן נישט דווקא אין נמשל, נאָר אין סאַמע מיטן, דרך אגבדיק:

„וואַלגערט זיך ד׳ שמאַטע אויפן מיסט.
ער געוואָרן דאָרט „מיסטיש“ און קבלה עוסק,
איז אין הימל-זאַכן ער אַ פּוסק“.

(„דער שטערן“)

פיל פון שטיינבאַרגס משלים זענען סאָציאַל, טרעפן אין אומגערעכטיקייט, אין די באַלעבאַטים, אין די צבועקישע „פרומע קעץ“; ער חוזקט אויס דעם עגאָיזם („וואָס מיר וועלט איז ברייט? מיין שוך מיר ענג“); די פאַרריסנקייט און דעם קאַמופליאַזש („אונטער נעגעלעך און פעפערלעך באַהאַלט זיך אויס דער עיפּוש“); די ענגהאַרציקייט, די פתהגות, וואָס פּוצט זיך אין העלדישקייט, די נאַראָנים וואָס לאָזן זיך פירן פון „אַזאַ פעטאַר“; די יחסנים אויפן טיש וואָס חוזקן פון אמת, פון זעלצערל און פעפערל („זאָל מען וויסן: שקר שמדט זיך און ע׳ נעמט זיך אָן פאַר זיין באַשעפער — אמת גיט זיין גאָט אַליין צו שמעקן פעפער“).

שטיינבארגס לידער־משלים פֿאַרמאָגן אַ שלל מיט חכמה און וויץ און ווי אין יעדן אמתן קונסט־ווערק הייבט מען אָן פֿילן זייער רייץ און זייער טעם, זייער טיפֿן און פֿאַראינטריגירנדיקן רמז ערשט דאַן, ווען מען לייענט זיי פֿיל מאָל. מיט יעדן ווייטערדיקן מאָל געפֿינט איר אַ נייעם חן, אַ נייעם בליץ, אַ נייע כאַראַקטעריסטישע העוויה.

אַ גרויסער דיכטער, גייט זיין אָנגריף פֿאַר זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור אָן מיט אַלע עקשנותדיקערן אימפּעט. היינט ווייסן מיר, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין אונדזער פֿאָלק און אין זיין ליטעראַטור אויף אייביק, אַזוי לאַנג ווי דאָס פֿאָלק וועט פֿאָלק זיין.

גרויסקייט דערקענט מען פֿון דער ווייט און וואָס גרעסער דער באַרג איז — אַלץ נעענטער זעט ער אונדז אויס. גרויס איז שטיינבארג און אונדז נאָענט, ווי איינער פֿון אונדזערע סאַמע גרעסטע — ווי אַ ריז צווישן ריזן.

דער קלאַסיקער פון נויט

איך האָב מיר אַ שבועה געגעבן
נישט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען אוןווידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלנט און לייד.

כ׳בין שפּעטער אויף שמחות געגאַנגען,
מיט פריילעכע לייט זיך געמישט,
געזונגען מיט זיי גלייך געזאַנגען —
די שבועה געבראָכן דאָך נישט.

א. רייזען

אַנטאָן טשעכאָוו האָט אין אַ געשפּרעך געזאָגט: איר ווילט, וועל איך אייך אָנשרייבן אַ דערציילונג וועגן טינטער, וואָס אויף מיין טיש.

דאָס איז גישט געווען סתם אַ וויץ. מיט דעם זאָג איז געמיינט געוואָרן, אַז אַ ל ץ קאָן דינען פאַר אַ ליטעראַרישער טעמע; צו יעדן קעגנשטאַנד קאָן מען צוטראַכטן אַ פאַבולע, אין וועלכן ער, דער קעגנשטאַנד, זאָל אפילו שפּילן די ערשטע פידל.

אָבער צו וואָס דער גרויסער רוסישער שרייבער האָט זיך נישט צוגערירט, האָט זיך אַלץ אונטער זיין פעדער באַקומען ט ש ע כ אָ וו י ש, טאַקע ווי אין פסוק שטייט: בצלם אלהים. עס האָט באַקומען די נשמה פונעם שעפער וואָס האָט עס באַשאַפן.

די אָביעקטיווע וועלט מעג זיך טאַקע זיין אומאָפּהענגיק, עקזיסטירן אַן און פאַר זיך, מחוץ דעם שעפער, נאָר קוים רירט זיך צו איר צו דער קינסטלער, ווערט זי איבערגעשאַפן און באַקומט, בכן, די אייגנטימלעכע שטריכן פון איר באַשעפער. וואָרום דאָס איז די טבע פון דער קונסט: זי איז נישט פאַראַן מחוץ דער שעפערישער פערזענלעכקייט. דאָס לעבן, וואָס

זיין דופק שפּירן מיר אין אַ קונסט־ווערק, איז קיינמאָל נישט דאָס אַבסאָלוט אַדעקוואַטע אָביעקטיווע לעבן; ס'איז אַ פונדאָסניי איבערגעשאַפן לעבן — בצלם הקינסטלער.

אונדזער אברהם רייזען וואָלט ווי טשעכאָוו געקאָנט זאָגן: איר ווילט, וועל איך אָנשרייבן אַ נאָוועלע מכוח דעם טינטער וואָס אויף מיין טיש. אָבער ביי רייזענען וואָלט זיך עס באַקומען איננאַנצן רייזעניש, ווייל רייזען האָט זיין אייגענעם נוסח און סטיל, ווי טשעכאָוו זיינעם.

אברהם רייזען האָט געקאָנט אומאויסשעפּלעך נעמען פון לעבן דערפאַר, ווייל ער האָט אַלעמאָל געהאַט וואָס צו אים צוצוגעבן (דער שרייבער וואָס האָט נישט וואָס צוצוגעבן, קאָן אויך נישט נעמען). ער האָט ווי אין אַ פּראָבירקע גענומען געווייגלעכע טאָג־טעגלעכע „קלייניקייטן" און זיי פאַרוואַנדלט אין קליינע בעלעטריסטישע מייסטער־ווערק. די ברעקלעך לעבנס־שטאָף אַרויסגעכאַפּטע פון פּליסיקן לעבנס־ים האָבן געהאַט די קען־צייכנס פון ים אַליין. דער ים באַשטייט דאָך אויך פון איינצלנע טראָפּנס. טאָלסטאָי האָט געמיינט, אַז אין גליק זענען אַלע מענטשן גלייך, אין אומגליק — פאַרשידן. רייזענס קלייניקע לעבנס־פּראָבירקעס זענען גענומען פון ים יידישער גויט, פון יידיש־מענטשלעכע ליידן, דערפאַר אַנטהאַלטנדיק דאָס געמיינזאַמע, געזעצמעסיקע, האָבן זיי גלייכצייטיק אויסגעזען זייער פאַרשידן. דער לעבנס־שטאָף איז אַריינגעוואַקסן אין בעלעטריסטישן געוועב אַזוי, אַז מ'האָט זיי נישט געקאָנט פאַנאַנדערטיילן, דערפאַר האָבן מאַנכע אויפגעהערט צו זען אין זיינע מייסטערישע קליינע זאַכעלעך דאָס וואָס מען רופט — ליטעראַטור.

זיין חבר ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט ווי רייזען אָבסערווירט די פאַרלוירענע אין דער גרויסער שטאָט קליינשטעטלדיקע יונגעלייט, האָט געזען אין זיי דער עיקר די לעכערלעכע פאַרקריפּלטקייטן און זייער טראַגישע נישט צוגעפּאַסטקייט; זיין חבר, דער גרויסער שרייבער שלום אש, האָט אידעאַליזירט די מיטעלע שיכטן, געשווומען אין די רקיע'ם פון דער ראָמאַנטיק פון קידוש־השם און מסירת נפש, צו אַן אַבסטראַקטער, מעטאַפיזישער גורל־באַשטימונג. אברהם רייזען איז געווען דער סאַמע נאָענטסטער צו דער ערד. געקוקט אויף זיינע פאַרשוינען נישט דורך אַ פאַרקלענער־גלאָז, נישט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, נישט אין אַ קרומען שפּיגל, נאָר מיטן פּשוטן גוט־זעענדיקן אויג און תמיד מיטפילנדיקן, ליבנדיקן האַרצן. ער איז געווען דער איינפאַכסטער, דער פאַרשטענדלעכסטער, און דער באַליבטסטער.

ער איז צווישן די דריי דירעקטע נאָכגייער פון אונדזערע קלאַסיקער צום נאָענטסטן געווען צו פּרצן פון די 90־קער יאָרן, צו פּרצן פון דער סאָציאַלער רעאַליסטישער טעמע און פּונקט ווי ביי פּרצן זענען אויך ביי רייזענען די סאָציאַלע בילדלעך אויסגעוואַקסן צו סימבאָלן, כאָטש דאָס סימבאָלישע, סינטעטישע, פּאַראַלגעמיינערטע איז ביי אים נישט געווען אַזוי דורכזיכטיק בולט, ווי ביי פּרצן, נאָר געלעגן ווי אַ יאָדער אין פלייש פון די סאָציאַלע סצענקעס, ווי אַ יאָדער צו וועלכן מ׳האָט געדאַרפט צוקומען.

דער גרויסער שטראָם פון דער יידישער ליטעראַטור ביז די קלאַסי־קער, די קלאַסיקער און אין אַ באַדייטנדיקן טייל אויך די ליטעראַטור אין נאָכקלאַסישן פּעריאָד איז געווען דורכאויס דעמאָקראַטיש, פאָלקס־טימלעך, פאָלקסנאָענט, אָבער אברהם רייזען איז געווען צווישן די סאַמע דעמאָקראַטישסטע און פאָלקסטימלעכסטע. דאָס איז די גרויסע מעלה, באַ־זונדערס ווען מיר נעמען אין אַכט דאָס יידישע לייענער־פּובליקום אין אָנ־הייב פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען רייזענס האָל און השפּעה איז געווען באַזונדערס גרויס. אָבער דווקא זיין גרויסע מענטשלעכע און קינסטלערישע פּשטות איז געווען די סיבה, וואָס אַ באַשטימטער טייל פון דער יידישער קריטיק האָט אים נישט דערשאַצט. פאַר יענע קריטיקער האָט זיך רייזען פאַרנומען צופיל מיט „ע ר ד י ש ע ק ל יי נ י ק יי ט ן“, מיט פּשוטע, צופיל דורכשניטלעכע, צופיל אייגנאַרטיקע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין גרויסע פּראָבלעמען, קיין אידעען, זענען נישט גע־פלויגן הויך. זיי האָבן אין זייערע נאָוועלן דערפאַר נישט אייגנגעזען קיין סי־מנים פון „גרויסער ליטעראַטור“, נאָר אדרבא, אייגנגעזען... פּרימיטיוויזם. און אַזוי ווי רייזען איז געווען באַרימט און באַליבט ביים פאָלק, האָבן יענע קריטיקער צום גרעסטן אויסגעקליבן די פּאָזיציע פון שווייגן, אָדער קורץ רעצענזירן באַזונדערע ביכלעך.

חוץ בירגערלעכן סנאָביסטישן „עסטעטיזם“ האָט אין דעם געשטעקט נאָך אַ סיבה: נאָך פּרצן האָט מען דעם שטייגערישן פּעריאָד אין דער יידישער ליטעראַטור געהאַלטן פאַר אַ שוין דורכגעגאַנגענעם, היינטער זיך געלאָזע־נעם. פּרץ האָט געעפנט אַ נייעם וועג — מ׳האָט גענומען פאָדערן אין דער ליטעראַטור דעם „אויב נישט נאָך העכער“ — גרויסע אידעען, הויכע הויכקייטן און טיפע טיפקייטן. און רייזען האָט אויסגעזען אַזוי „שטייגע־ריש“, אַזוי באַשרייבעריש, אַזוי „נאַטורעל“, אַזוי „קליינשטעטלדיק“ און אַזוי פּרימיטיוו־אומטיטלבאַר.

אמת, רייזענס באַוועלן האָבן טאַקע, אויבנאויפיק גענומען, אויסגעזען ווי „געמעלן פון דער נאַטור“, שפּראַכלעך האָבן זיי זיך נישט אויסגעצייכנט מיט דערפינדערישקייט און רייכקייט, טעמאַטיש האָבן זיי — ווידעראַמאָל ווי ס'האָט זיך געקאָנט אויסדריקן אויבנאויפיק — נישט אויפגעהויבן קיין צענטראַלע פּראָבלעמען; ווי ער וואָלט געזוכט נישט אויף דעם הויפּטשליאַך פון לעבן, נאָר אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך. ער האָט נישט געבלאַנקט מיט קיין אַפאָריזמען, נישט איבערראַשט מיט קיין היפּערבאָלן און פרישע אַסאָציאַטיוו־דרייסטע מעטאַפאָרן. ער האָט זיך אינגאַנצן נישט געיאָגט נאָך דער מאָדע; זי איז אים להלוטין נישט אָנגעגאַנגען, ער איז געווען די פּשטות אַליין און די באַשיידנקייט אַליין.

מ'וואָלט אָבער געקאָנט פאָרלייגן יידישע שרייבער מיט אַ מאָדערנער ליטעראַרישער קולטור, מיט אַן אָפּגעשליפן ליטעראַריש לשון, מיט אַן אָפּגעהיטן, ספּעקטאָוון סטיל, מיט ברייטערע פילאָזאָפישע האָריזאָנטן: פּרוּווט, מאַכט עס, ווי א. רייזען האָט עס געמאַכט! וואָלטן זיי עס נישט געקענט ביי זייער גאַנצער ראַפינירטקייט און ליטעראַרישער וווילקענעוודיקייט. רייזען איז געווען קודם כל אַ גרויסער סאַמאָראָדנער קינסטלער, אַ דערציילער, וואָס האָט סטיכיש, מיטן כוח פון זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט און קינסטלערישער מאָס — דערגרייכט צו קלאַסישער מייסטערשאַפט אין דער קורצער נאָוועלע און צו אומגעווינלעכער קאָמוניקאַטיווקייט אין ליד.

כ'ווייס נישט, צי רייזען האָט געשריבן לייכט אָדער שווער, אָבער זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן אַ וווּנדערלעכע לייכטקייט און אומגעצוווּנגענקייט. קאָמפּאָזיציאָנעל זענען זיי האַרמאָניש און קאָמפּאַקט. ער שטיקט זיך נישט מיטן וואָרט, אים איז אָבער להלוטין פרעמד די יידישע באַרעדעוודיקייט, פילווערטערדיקייט, דאָס ברייטע אויסטענהן זיך. ער „שיסט אַרויס“ זיינע סצענקעס און בילדלעך מיט אַ פּינקטלעך־אויסגערעכנטער טראַיעקטאָריע — זיי האָבן זייער אָנהייב, זייער הויכפּונקט. די פאַבולע אַנטוויקלט זיך שנעל, נאַטירלעך און לאָגיש. רירנדיק־צניעותדיק איז דער אַנעקדאָטאַרער עלעמענט אין זיינע נאָוועלן, ער איז אומעטום אָנוועזנדיק, אָבער שפּאַרט נישט אַרויס, איז נישט אונטערגעשטראָכן, נישט דער עיקר, ער איז נאָר איינער פון זיינע שטילע חנען.

אומעטום איז קענטיק די באַציונג פון מחבר צו זיינע פּערסאָנאַזשן, קענטיק די טענדענץ, אָבער אירע עקן זענען ווי אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער,

מען זאָל זיי נישט אַרויסזען. אַ זויבערע דערצײלערישע קולטור הערשט אין די נאָוועלן אויף דראַסטישע טעמעס, און די סאַמע נאַטוראַליסטישע סצענקעס. און וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע לעבנס־קענטשאַפט! וואָס פאַר אַ שטילע, אומפּרעטענציעזע אײַנדרינגלעכקייט אין דער פּסיכאָלאָגיע, אַבּסאָלוט אָן דעם נודנעם פּסיכאָלאָגיזם, וואָס וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, באַזונדערס ביי מאַנכע הײַנטיקע נאָוועליסטן, וואָס אָן פּרוידיזם מאַכן זיי קיין טראָט נישט. און וואָס פאַר אַ פּינקטלעכקייט און טרעפלעכקייט פון שיפּיזירנדיקן דעטאַל, וואָס מאַכט זײַנע נאָוועלן אַזוי וואָרהאַפּטיק און איבערצייגעוודיק.

זײַן גרויסע מייסטערשאַפט איז אומבאַשטרייטלעך, אָבער נאָך וויכטיקער איז די נשמה, די לופט, די מאָראַליש־זיטלעכע אַטמאָספער, די סאָציאַל פּראָגרעסיווע ריכטונג פון זײַן שאַפן. אברהם רייזען חוזקט נישט, שטראָפט נישט און פּײַניקט נישט זײַנע העלדן — זיי פּײַניקן זיך שוין גענוג אַליין. ער איראָניזירט לייכט, מיט טרויעריקן הומאָר, מיט פאַרגעבנדיקן מיטגעפיל, מיט ליבשאַפט. אין זײַנע נאָוועלן איז פאַראַן אַזוי פיל נויט, אַזוי פיל צער, און „טשודאַקעס“ פאַרקריפּלטע פון דער נויט. אָבער אין זיי אַלעמען לעבט אַ טיפע רירנדיקע מענטשלעכקייט, גוטסקייט און איידלקייט. ווייל רייזען איז געווען אַ מזג־טוב, אַ גוט־גינצער, אַ קענער פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן. אַזוי זענען זיי! אַזוי זעען זיי אויס אין דער נויט! דאָס האָט פון זיי געמאַכט דער דוחק, דער הונגער, די אומענטשלעכע אײַנזאַמקייט, די גרויסע טראַגישע פאַרלוירנקייט זייערע. ער האָט נישט ליב צוצופּוצן, צוצופאַרבן, צוצוגלעטן. ער איז נישט סענטימענטאַל, צערטלט נישט מיט אַ ווייכער האַנט איבערן קעפּל און טרייסט נישט און איז נישט אַזאַ בעל־בטחון. ער האָט נישט די יידישע מידה — אין גרעסטן אָפּגרונט צו לעבן מיט בטחון.

זײַנע פּערסאָנאַזשן לעבן אין דעם גבול, אין וועלכן דער מזל האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן. זיי זענען צונויפגעלעבט מיט זייער מזל און קעמפן דער עיקר מיטן כוח פון קאָנען אָפּזאָגן זיך צו באַפרידיקן זייערע עלעמענטאַרע באַדערפענישן. ער איז דער גרויסער שרייבער פון דער גרויסער נויט פונעם „קליינעם“ מענטשעלע. אין דעם זין איז אפשר נישטאָ קיין גלייכן צו אים אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דעם דיאַפּאַזאָן פון קליינע מענטשעלעך — אומשולדיק שולדיקע — אפשר אויך נישט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור.

און דאָ קערן מיר זיך אום צו דאָס פריער געזאָגטע: צי זענען טאַקע נישט פֿאַראַן קיין גרויסע אידעען, קיין גרונטיקע פּראָבלעמען אין זיין שאַפֿן?

א. רייזענען האָט, פֿאַרשטייט זיך, געמאַטערט דאָס, וואָס מען באַנעמט אים נישט, וואָס מען מיינט, אַז ס'איז נישט פֿאַראַן קיין סימבאָליק אין זיינע נאָוועלן (אונטער סימבאָליק האָט מען אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט געמיינט — פֿאַראַלגעמיינערונגען, אידעען). ער האָט וועגן זיך געזאָגט: איך האָב נישט ליב סימבאָליק, וואָס איז געשריבן אין אַ סימבאָלישער פֿאָרם. איך האָב ליב סימבאָליק, וואָס דרינגט פֿון אַ רעאַלער דערציילונג.

און ס'איז טאַקע אמת, און דאָס איז דער מייסטערישער דערפֿאָלג פֿון א. רייזען, וואָס ער האָט די סימבאָליק, די גרויסע אידעע, דורכגעטראָגן דורך די אַלע רעאַלע און רעאַליסטישע נאָוועלן זיינע און אויך אין אַ גרויסער צאָל פֿון זיינע לידער.

זיינע נאָוועלן ציילן זיך אין די שווערע הונדערטער, און הונדערטער פּערסאָנאַזשן האָט ער אַרויסגעבראַכט און וואַריאירט, דער טעמאַטישער דיאַפּאַזאָן זיינער איז גרויס, די גאַלעריע געשטאַלטן — אַ רייכע און פֿאַרשיידנאַרטיקע, אָבער איין גרונט־אידעע גייט דורך אין זיין שאַפֿן. מ'וואָלט זי געקאָנט אויסדריקן מיט די ווערטער פֿון אַן אַלטן דייטשישן פּאָעט, וועלכע האָבן זיך מיר פֿאַרגעדענקט פֿון די פֿריע יוגנטיאָרן:

„...ס'טוט קיין זאַך נישט אַזוי וויי,
ווי אין מיטן פּראָסטיקן ווינטער,
מיט באָרוועסע פֿיסלעך אין שניי“.

אָט די טעמע פֿון סאָציאַלער נויט, וואָס פּייניקט און באַליידיקט דעם מענטשן, איז די גרויסע אַלגעמיינע טעמע פֿון א. רייזען. ער איז איר טריי געבליבן אַ גאַנץ לעבן און זי געטראָגן און זיין געמיט מיט דער זעלבער שאַרפֿקייט פֿון ווייטיק ווי „...מיט באָרוועסע פֿיסלעך אין שניי“. ס'איז דער הומאַניזם פֿון אויפֿריכטיקן און אומאויפֿהעריקן קרענקען צוליב מענטשלעכער נויט, פֿון נישט פֿאַרגעסן אין די פּיינען און ליידן, וואָס זענען שמערצלעכער ווי די גרעסטע ווייטיקן — די ליידן פֿון אייביקער נויט...

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די מענטשהייט דערשיטערט

געוואָרן פונעם איטאַליענישן נעאָרעאַליסטישן פילם. מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעטיילט, מיט וואָס האָט ער אייגנטלעך אויפגערודערט, אין וואָס שטעקט דער הומאַניזם פון נעאָרעאַליזם?! ער האָט געוויזן פון דער נאָענט די גרויסע נויט און דעם מענטשן אין דער גרויסער נויט. *דעם גוטן מענטשן אין דער גרויסער נויט.* און געטייטלט מיטן פינגער פון קונסט: זעט, וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זענען! האָבן זיי דיזן נישט פאַרדינט אַ בעסערע מערכה, קיין גליקלעכערן מזל, ווי דער וואָס איז זיי אויסגעפאַלן? און דער אויספיר: *וואָס איז ווערט אַזאַ אָרדענונג,* וואָס פאַרמשפּט ווילע, גוטע מענטשן צו אַזאַ אומדערטרעגלעכער נויט? דעם פּראַקטישן אויספיר דאַרף מאַכן דער צושויער אַליין. דער פּאָליטישער רעצעפּט ווערט נישט געגעבן, ס'ווערט געגעבן דער שטויס צו זעלבסטדערקענטעניש די מיליאָנען נויט־ליידנדיקע. די נויט לערנט זיי וואָס צו טאָן.

אברהם רייזען האָט דורכגעפירט די זעלבע גרויסע אידעע במשך פון זיין גאַנצן שאַפן. דער יאָדער, די סימבאָליק, ליגט אונטער דער הויט, טיף אין לייב פון זיין יעדער נאָוועלע. די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסע אין הונגער און נויט האָט זיך דערקליבן צום יאָדער פון זיין שאַפן און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס יאָרצענדליקער איז דער פאָלקס־שרייבער אברהם רייזען באַליבט ביים פאָלק, וואָס זינגט זיינע לידער און לייענט מיטן זעלבן געניס זיינע נאָוועלן.

פליגעלמאַן און ה. ד. נאָמבערג

הערש־דוד נאָמבערג האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דור יידישע שרייבער נאָך די קלאַסיקער. ער איז אין דער ליטעראַטור געקומען צוזאַמען מיט אונדזער יאָרהונדערט (דעביוטירט אין 1900), צוזאַמען מיט דער יונגער פּלאַנגע שרייבער, וואָס האָט אויסגעברייטערט, פאַרפעסטיקט און צעאַקערט די טעריטאָריע פון דער יידישער ליטעראַטור.

זיינע נאָענטסטע חברים ביי י. ל. פּרצעס טיש זענען געווען אברהם רייזען און שלום אש — צוויי שריפטשטעלער, וועמענס חלק אין דער ליטעראַטור איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ גרעסער, אין דער צייט ווען ה. ד. נאָמבערג איז וואָס ווייטער אַלץ מער אַוועק פון דער בעלעטריסטיק צו דער פּובליציסטיק און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

מען דאַרף זיך משער זיין, אַז גיכער פון אַלץ איז די סיבה דערפון, וואָס נאָמבערג האָט זיך בעלעטריסטיש גיך אויסגעשעפּט, געלעגן אין כאַראַקטער פון זיין ליטעראַרישן שאַפן גופא. ער איז געקומען מיט אַ באַשטימטן טיפּאַזש, געמאַכט אַ געוויסע צאָל וואַריאַציעס פון דעם זעלבן טיפּאַזש און זיך גישט געקאָנט אַרויסרייסן פון דעם קרייז, ווי ער וואָלט אים גענומען געפאַנגען איין מאָל פאַר אַלעמאָל.

אברהם רייזען איז אַ געוויסע צייט טעמאַטיש נאָענט געווען צו נאָמבערגן. אויך ער האָט זיך באַשעפטיקט מיטן יידישן אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין ווירוואַר פון דער גרויסער שטאָט, געליטן פון קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן אים געשטערט אַריינגעצויגן צו ווערן אין לעבעדיקן שטראָם. אָבער פאַר אברהם רייזען איז עס געווען איין לעבנס־דערשיינונג פון זייער פיל. ער האָט פאַרמאָגט אַ מער אָביעקטיוו אויג, מער הומאָר, מיטגעפיל און ליבשאַפט צו זיינע שלימזלם. רייזענס טעמאַטישער דיאַפּאַזאָן איז געווען גרויס און פאַרביק, כאָטש ער האָט געשעפט פון דער וואָכעדיקער אַלטעגלעכקייט. פאַר נאָמבערגן איז עס געווען די לעבנס־דערשיינונג, וואָס האָט פאַרקערפּערט אַ גאַנצע

אויסגעקרימטע וועלט. פֿאַר אים איז עס געווען איין גרויס פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם, נאָך מער: אַ פֿילאָזאָפֿיש פּראָבלעם, וואָס האָט מרמז געווען אויף עפּעס אַ וווּנדערלעכן נשמה־פּגם, ווי אַ רעזולטאַט פֿוגעם מענטשנס נישט צוגעפּאַסטקייט צום לעבן, מחמת דאָס לעבן גופֿא איז אַ ריינע צופֿעליקייט, אַ מיספֿאַרשטייעניש; אונדזער ווילן האָט אין דעם גאָר נישט וואָס צו זאָגן, ווייל נישט פֿון אונדזער ווילן זענען מיר אין לעבן געקומען. און כאָטש נאָמבערג ווייזט נישט אַרויס די מינדסטע סימפּאַטיע צו זיינע פֿאַרשוינען, גיכער דאָס פֿאַרקערטע, קאָן מען אָבער נישט זאָגן, אַז ער חוזקט זיי אויס. ניין, ער שמייסט זיי נישט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַ געזונטער געזעלשאַפֿטלעכער אינטעגנץ — ווייזן זייער העסלעכע ווילנסלאָזיקייט, זייער שעדלעכקייט, כּדי פֿון זיי פּטור צו ווערן.

קיין ספֿק נישט: זיינע פֿליגעלמאַנס האָט ער געטראָפֿן אין לעבן (זיין גרעסערע דערציילונג „פֿליגעלמאַן“ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1905). טאַקע דערפֿאַר וואָס נאָמבערג האָט געוויזן אַ טיפּ אַ זייער פֿאַרשפּרייטן, האָט די דערציילונג געמאַכט אַ טיפֿן רושם און דער נאָמען „פֿליגעלמאַן“ איז געוואָרן אַ סינאָנים פֿאַר אַ גאַנצער קאַטעגאָריע מענטשן, פֿאַר אַ דערשיינונג, ווי למשל „מנחם־מענדל“ פֿאַר אַן אַנדער קאַטעגאָריע מענטשן. דער קינסטלער האָט אין דעם פּערסאָנאַזש אויפֿגעכאַפּט דאָס סאַמע וועזנטלעכע און פֿאַרשפּרייטע. מ'האָט דערזען, אַז דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן ווימלט ממש מיט פֿליגעלמאַנס. זיי זענען אָנגעקומען פֿון די שטעטלעך אין די גרויסע שטעט, געוווינט אין קעלערס און בוידעם־שטיבלעך, געגריבלט זיך אין זייערע נשמות און פֿאַר זיי אַלע איז געמיינזאַם געוואָרן דאָס אַרויספֿאַלן פֿון אַלטן טראַדיציאָנעלן שטעטלשן לעבנס־שטייגער און בלייבן אויף דער פּעריפֿעריע, אויף די ראַנדן פֿון גרויסשטאָטישן לעבן, וועלכן זיי האָבן געוואָלט באַנעמען מיטן שכל, נישט האָבנדיק דעם סטימולירנדיקן ווילן.

אין דער רוסישער ליטעראַטור און אויך אין דער יידישער — באַזונדערס אין די ערשטע ראָמאַנען פֿון דוד בערגעלסאָן — האָבן מיר געטראָפֿן פֿאַרשוינען, וואָס האָבן געליטן פֿון פּאַראַליזש פֿון ווילן. דאָס זענען אָבער געווען פֿאַרשטייער פֿון יוחדישע קלאַסן, איידל־געכאָוועטע און צעפּיעשטשעטע. אָבער דאָ האָבן מיר געהאַט גאָר אַן אַנדער דערשיינונג: יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט התלהבות אַ כאַפּ געטאָן צו בילדונג, זיך אָפּגעריסן פֿון אַלטן שטייגער און היות זיי זענען געווען נישט ווייניק,

האָט זיך שוין אַזוי באַקומען, אַז זיי האָבן געלעבט ווי אין אַ רעזערוואַט פון זייערס גלייכן; געהאַט אַ נישט גוט־צעקייטע ביכער־דערפאַרונג, און אַ ווירקלעכער לעבנס־דערפאַרונג. איידער זיי האָבן געמאַכט די ערשטע שריט האָבן זיי זיך פאַרלוירן, שלום געמאַכט מיט דעם הינערפּלעט, און וועלכן ס'האָבן זיי אַריינגעבראַכט די נייע קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, צו וועלכע זיי זענען געווען נישט צוגעפּאַסט. דאָס זענען אייגנטלעך אַפילו קיין קאָנפליקטן נישט געווען, וואָרום זיי, די ווילנסלאָזע, האָבן נישט אָנגעהויבן צו קאָנפליקטירן, נאָר געזוכט די סיבות אין זיך און געשאַפן יענע פילאָזאָפיע, וואָס זאָל באַרעכטיקן זייער שלימזלדיקע אומפעיקייט צום לעבן.

דאָס זענען געווען „משוהאַקעס“ פון אַ באַזונדערן מין. נאָמבערג איז געווען אַ פיינער קינסטלער און אַ דינער פּסיכאָלאָג. ער האָט זיינע „העלדן“ אויסגעצייכנט געקענט און נישט ער איז אין דעם געווען שולדיק, וואָס זיי זענען געווען מאָדנע ענלעך איינע צו די אַנדערע.

עס בלייבט אָבער איבער אָפן די פראַגע: פאַרוואָס האָט נאָמבערגן דווקא געצויגן צו דעם דאָזיקן טיפּאַזש? פאַרוואָס האָט זיין קינסטלעריש, בעלעטריסטיש אויג געטראָפן אין דעם רייכן אויסוואַל פון לעבנס־דערשיינונגען דווקא אויף די מער־ווייניקער ענלעכע, געמיינזאַם אין זייער אייגנאַרטיקייט, פּסיכיש־פּאַסיווע, ווילנסלאָזע, וואָס זענען גייסטיק, מאָראַליש אויסגעשעפּט און מיד, איידער זיי הייבן נאָך אייגנטלעך אָן צו לעבן? טיף אין הארצן האָט יעדער פון זיי עפּעס אַן „אידעע פיקס“, אַ שטרעבונג, אַ טרוים, אַ פאַנטאַזיע, וואָס דאַרף אָבער רעאַליזירט ווערן כמעט אָן זייער אָנטייל, אָן מי און אָנשטרענגונגען.

די קשיה וואָלט געקאָנט פאַרענטפערט ווערן דורך אַ גענויעם שטודיום, וואָס זאָל אַרומנעמען הן נאָמבערגס לעבן, הן זיינע ווערק, וואָרום ס'איז דאָך קלאָר, אַז אין לעצטן סך־הכל ליגן אַזוינע סיבות אין אַ געוויסער קרובהשאַפט פון מייסטער צו זיינע פּערסאָנאַזשן, אין זיין דערפאַרונג אין סאַמע שפּירעוודיקסטן עלטער וואָס ליגט זיין חותם, אָדער רופט זיך נאָר אָפּ, אין שפּעטערדיקן לעבנס־גאַנג.

דאָ דאַרף נאָר אָפּגעמערקט ווערן, אַז זיינע לירישע סקיצן, אין וועלכע דער מחבר פיגורירט אין דער ערשטער פּערזאָן, און אין זיינע מעשהלעך, פאַנטאַזיעס, טרעפן מיר ענלעכע מאָטיוון ווי אין זיינע דערציילונגען — די מאָטיוון פון אויסגעלאָשנקייט, איינזאַמקייט, מידקייט, בענקעניש נאָך רו, די שטימונגען פון וועלן פאַרגעסן זיך, פון שטילער, פּאַסי־

ווער, אָפהענטיקער זעלבסט-אָבסערוואַציע און זעלבסט-אַנאַליז. די אַלעגאָריע פון זיינע מעשהלעך שפּינט די זעלבע פילאָזאָפיע פון לעבעדיק-טויטן, פון שפּעט-געקומענעם.

זיין דערציילונג „מיספאַרשטענדעניש“ פאַרמאָגט אָן ספק קאָמופּלירטע ביאָגראַפישע שטריכן. דאָ ווערט דערציילט אַ רעאַלע געשיכטע, וואָס פלעכט זיך דורך מיט דעם ווייניקן, וואָס מיר ווייסן פון נאָמבערגס ביאָגראַפיע. פון אַ נישט געראָטענעם שידוך, וואָס איז זיך באַלד פאַנאַנדערגעפאַלן (צוליבן רייכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת), איז געבוירן געוואָרן אַ קינד „אַ מיספאַרשטענדעניש“, וואָס איז „ביי דער מאַמען געווען אַ פרעמדער“. דאָרט געפינען מיר אין גאַנג פון דער דערציילונג אַזוינע געדאַנקען:

„ער איז איינמאָל געקומען אויף דער וועלט, און וועט אויף איר דורכלעבן אַ לעבן. ס'איז אַ מיספאַרשטענדעניש. איצט איז דאָס מיספאַרשטענדעניש געווען נישט נאָר ער אַליין. זיין פילאָזאָפיע איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט זיין בילדונג פון אייגענעם „איך“ אַרויס און האָט אַרומגענומען אַ וועלט און מענטשן. אַלץ איז אַ מיספאַרשטענדעניש! זיין אייגענער „איך“ איז נאָר אַ גוטער ביישפּיל, אַן אילוסטראַציע. פון וואַנען איז די וועלט געקומען אין אונדזער פלאַנעט? און די ערשטע פּראָטאָפּלאַזמע? און דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ווימלט? און שטאַאַט און רעליגיע און קונסט און אַלץ, וואָס אינטערעסירט מענטשן? אַלץ איז געקומען אָן אייגענעם ווילן, אַלץ איז אַריינגעוואָרפן אין צושטאַנד פון עקזיסטענץ און קאָן זיך נישט העלפן, אַזוי ווי ער אַליין, עס איז זינלאָז — אַ מיספאַרשטענדעניש“.

די דאָזיקע פּעסימיסטישע שטימונג, אָדער געמיט-פילאָזאָפיע, וועבט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם די מערהייט פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק און זאָגט עדות דערויף, אַז כאָטש נאָמבערגס פּערסאָנאַזשן זענען אויפגענומען געוואָרן ווי אַ סאָציאַלע דערשיינונג אין יידישן לעבן אָנהייב אונדזער יאָרהונדערט, זענען זיי, אין גרונט גענומען, אויך נישט ווייניקער אַ פּראָדוקט פון זיין וועלט-אָפּשפּיר און האָבן צו אים גופא מער שייכות ווי מ'קאָן מיינען.

מ'קאָן אָבער אַרויסרוקן די באַוואָרעניש, אַז די פּובליציסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון נאָמבערגן לייקנט אָפּ אַזאַ טעזע. ער איז

דאָך געווען אַ פרוכטבאַרער פּובליציסט, פעליעטאָניסט, געאַרבעט אין דער טאָג־פּרעסע, געשפּילט איינע פון די ערשטע פידלען אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ; ער איז געווען דער מיטגרינדער און פאָרזיצער פון דער אַזוי גערופענער פאָלקס־פּאַרטיי אין פּוילן, געווען אפילו אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַריין אין וואַרשע; ער, אַ געהאָדעוועטער אין אַ חסידישער שטוב, איינגעטונקט אין רבנישן יחוס, איז דאָך געווען צווישן די גאָר ווייניקע, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די לעגענדע וועגן דער „פּראָגרעסיווער" און „דעמאָקראַטישער" שליחות פון חסידיזם, וואָס האָט זיך גענומען וועבן, אין שייכות מיט פּרצעס פלוצלינגדיקער איינפערונג צו חסידות, אפילו דורך „פּראָגרעסיווע" — צי דען איז עס מעגלעך, אַז ד ע ר נאָמבערג זאָל כאָטש מיט עפּעס וואָס ענלעך זיין צו פליגעלמאַנען און אַנדערע זיינע צווישן־טויט־און־לעבן־פּערסאָנאַזשן?

און דאָך...

דאָך האָט דער שרייבער נאָמבערג שילדערנדיק זיינע פּאַרשוינען, די טשוהאַקישע אינטעליגענטע און האַלב־אינטעליגענטע באָהעמע, געמאַכט אַן אָפּרעכענונג מיט זיך אַליין, מיט די געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן געלעבט אין אים. דאָס איז געווען ז יי ן מלחמה מיטן עמבריאָנעלן פליגעלמאַן אין אים, וועלכן ער האָט פיינט געהאַט, זיין צווייטער „איך", וועלכער האָט געלויערט אויפן מאָמענט צו קריגן די אויבערהאַנט.

איינס איז זיכער: ער האָט זיך נישט געגריבלט אין די נשמות פון זיינע פּאַרשוינען, כדי צו פאַרווילן דעם לייענער, נאָר צו געפינען דאָס, וואָס האָט אים שווער געמאַטערט.

משה־לייב האַלפּערין

.1

ביז 12 יאָר אין מזרח־גאַליציִשן יידישן זלאָטשעוו. פון 22־יאָריקן לעבנס־עלטער אין דער גאָלדענער מדינה אַמעריקע, צווישן מיליאָנען יידן, אין קאָמפּאַניעס פון טומלדיקע ליטעראַרישע פּלעיאַדעס. אַ באַרעדעוודיקער, טעמפּעראַמענטפולער, אַ קאַפע־זיצער, אַ קונדס און הומאָריסטיש־סאַטירישע אויסגאַבעס און גלייכצייטיק — אַן איינזיכאיינגעשלאָסענער. ער רעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן זיך. וועגן זיך רעדט ער נאָר אין זיינע לידער. מיט פיל האָט ער מיטגעאַרבעט, מיטגעלעבט, מיטגעקעמפט, אַקטיוו געווען ליטעראַריש און געזעלשאַפטלעך, און אין סך־הכל — אין דער טיפסטער אָפּאָזיציע צו אַלעמען און אויך צו זיך אַליין.

משה־לייב האַלפּערין איז געווען די סאַמע טראַגישסטע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אַ גאַנץ לעבן אַרומגעזוכט זיך אַליין און זיך נישט געקאָנט געפינען, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַ געשפּאָלטן האַרץ. ער איז געווען אַ „שווערער“ מענטש און אַ גרויסער דיכטער. זיין „שווערקייט“ האָט געשטאַמט פון זיין געוואַלדיק שאַרפער עמפּינדלעכקייט און פון זעלבן מקור איז געקומען זיין גרויסע דיכטערישע קראַפט. ער איז געווען אַ קנויל פון סתירות. שטאָלץ, ווייל אומגליקלעך, און אומגליקלעך צוליב זיין שטאָלץ, פאַרביסנקייט און שטעכעוודיקייט. ער איז געווען פול מיט לעבן, אימפּולסיוו; מעכטיק האָט דאָס בלוט גערוישט אין זיינע אָדערן, שטורמיש האָט זיך געבונטעוועט זיין האַרץ, זיין מוח האָט געגאַלאָפּירט מיט קאַסקאַדן־בילדער, אָבער סאַר אַ שווער געמיט ער האָט געהאַט, משה־לייב. די וועלט איז געווען זיין גרויסע ליידנשאַפט און דערפאַר טאַקע האָט ער זי געהאַסט אויס רחמנות און ליבע צו איר. ער האָט געזען אין איר נאָר דאָס בייז, דעם אומזין, דעם שווינדל, דעם כאַאָס, די קאַקאָפאָניע. פרייד רופט אַרויס ביי אים שנאה, אין ליכט זעט ער בלוט.

אַ גאַנץ לעבן קראַצט ער און שאָבט אָפּ די הויט פון דער שיינער וועלט, מען זאָל זען ווי מיאוס, ווי ווונדיק, ווי ווייטיקדיק זי איז. און וויל ער דאָס? ניין, ער וויל עס נישט. נאָר ער קאָן נישט אַנדערש:

„און וויפל איך ראַנגל זיך נישט אַליין
צו זען דאָס וואָס איז ריין און שיין,
זע איך דווקא דאָס וואָס איז עקלדיק
אַזוי ווי פאַרפוילטע נבלה אַ שטיק,
וואָס וואַרט אין דער זון צו ווערן שפּייז
פאַר ווערים, פליגן און פאַר מייז!“

זיין אָרט איז געווען אין די רייען פון קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, איז ער אָבער געווען אומפעיק צו גלייכגעוויכט און זעלבסטבאַגרענעצונג, וואָס פאָדערט יעדער אנטייל אין אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג; נישט געקאָנט קאָאָרדינירן זיין אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט מיט דער טעטיקייט פון אַ גרויסן קאָלעקטיוו קאַמפס־חברים, צו וועלכן ער איז צוגעבאָנדן געווען מיט זיין טעמפּעראַמענט און וועלט־אָפּשפּיר, — האָט ער דערפאַר פאַרלוירן דעם אָנשפּאַר און באָדן אונטער די פיס, געבליבן הענגען צווישן יאָ און ניין, געוואָרן דער אויסדריקער פון עם וועלט־שמערץ פון בונטאַרישן יחיד, וואָס קאָן אי נישט שלום מאַכן מיט דער פינצטער־ניש און ברוד פון לעבן, אי נישט איינשליסן זיך אין אָרגאַניזירטן קאַמף־קעגן בייז. ער פירט דעם קאַמף אַליין — פאַרלירט די היסטאָרישע פּער־ספּעקטיוו און דערמיט דעם פּאָזיטיוון אידעאַל, ראַנגלט זיך איינזאַם און פאַלט אַלץ טיפער אַריין אין יאוש.

„מיין אומרו פון אַ וואָלף און פון אַ בער מיין רו,
די ווילדקייט שרייט אין מיר, די לאַנגוויל הערט זיך צו.
איך בין ניט וואָס איך טראַכט, איך בין נישט וואָס איך וויל,
איך בין דער צויבערער און בין דאָס צויבער־שפּיל,
איך בין אַ רעטעניש, וואָס מאַטערט זיך אַליין,
אַ פלינקער ווי דער ווינט, געבונדן צו אַ שטיין.

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק, וואָס ער האָט געגעבן זיך אַליין, ווערט באַשטעטיקט דורך זיין לעבן און זיין גאַנצער דיכטונג.

.2

נאָך וואָס שטעלן די קשיה: פון וואַנען קומט אַזאַ בלייענע מרה=שחורה צו משה=לייבן? אין אָנהייב, ווען זיין ליד איז געווען נאָך שפּילעוודיק, קלינגעוודיק און אַ ביסל ווילדוגעריש=גראָב... יאָ, אין אָנהייב, ווען ער האָט הפקרדיק געזונגען „אָ, גינגעלי, מיין בלוטיק האַרץ, ווער איז דער יונג וואָס טרוימט אין שניי און שלעפּט די פיס ווי קלעצער צוויי אין מיטן נאַכט ביינאַכט?“ — דאַן האָט מען נאָך געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז פּאָעטישער אָנשטעל (און אָנשטעל איז דאָך נישט ווייניק פאַראַן ביי פּאָעטן, בפרט ביי יונגע), אין דער אמתן האָט שוין אים די מרה=שחורה געהאַט באַהערשט און נאָר געטראָגן אַן אָפּנאַרעניש בלומען=קרענצל, אַ פּאַיאַציש=פריילעך מיצל. וואָס ווייטער אָבער, אַלץ מער צעשפּאַרט דער נאָגנדיקער פינצטערער געוואָי פון דער מרה=שחורה די באַדינגלעכע פּאָעטישע סטרוקטורן און נעמט הערשן אומאָרגאַניזירט, פריי און צעפלאָסן אין זיין דיכטונג, וואָס איז מער קיין „דיכטונג“ נישט, נאָר אַ געוואָי פון דער פילאָזאָפירנדיקער אור=חיה — מענטש, וועלכן מען וויל דורך פוץ און הו=האַ פון דער ציוויליזאַציע איינשמועסן, אַז ער האָט איצט מער קיין שום שייכות נישט צו זיין אָפּשטאַם — דעם וואַלדישן אף. משה=לייב זעט די חיה אומעטום, ווייל נישט דערקלערלעך איז פאַר אים דער זין פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. אפילו ווען זיין 6=יאָריק איינציק ייִנגל, אייזיקל, וועלכן ער האָט צערטלעך ליב געהאַט, צערייסט די ליאַלקע, זעט ער אין דעם נאָר אַ סימן פון דעם ווילדן באַגער פון דער מענטש=חיה צו מאָרד. כּל=זמן מענטשן מאָרדן זיך איינע די אַנדערע, ווי אין דזשונגל, איז די מענטשלעכע געזעלשאַפט אַלץ איינס דזשונגל, אומאָפּהענגיק פון דעם געווער וואָס ווערט באַנוצט.

נאָכוואָס שטעלן די קשיה: פון וואַנען קומט אַזאַ בלייענע מרה=שחורה צו משה=לייבן? געוויס, אין דעם רייכסטן לאַנד אויף דער וועלט האָט ער, משה=לייב, פערמאַנענט געהונגערט. געוויס האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן די נעכט, ווען ער איז געשלאָפן אויף אַ באַנק אין פּאַרק, ווען ער, דער מענטש מיט אַזאַ געוואַלדיקער עשירות אין האַרץ און אין מוח האָט זיך געוואָרגן מיטן שווער=פאַרדינטן פון לידער שרייבן ביסן ברויט. געוויס, אַ הונגעריקער קען בעסער די וועלט און דאָס לעבן ווי אַ זאַטער — זיין אינסטינקט איז שאַרפער. אַ ליידנדיקער איז רייכער מיט מחשבות, אָבער אויך מיט שנאה און האַס צו ליידיקגייער וואָס שאַרן מיליאָנען.

דער אָרעמאַן האָט אַ נייגעריק גישט־פאַרגינעריש אויג און אַ זעקל גאַל, וואָס דערמאָנט אים זיין לעבן פונעם ערשטן טאָג פון זיין געבוירן אָן. אַן אויסגעבענקטער נאָך פרייד און וואַרעמקייט ווייס מער פון ליבע און צאַרטקייט, ווי די ראָמאַנטישע, שטערבלעך זיך פאַרליבנדיקע ווערטערס. יאָ, פון ביטערן כוס פון לעבן האָט משה־לייב געטרונקען. אוודאי. אָבער צי דען קאָן מען דערמיט דערקלערן זיין מרה־שחורה, וואָס איז געווען ווי אַ שרעקלעכער תהום צווישן בערג? ער איז געווען שטאָלץ. שטענדיק, ווי מען דערציילט, אַ פראַגמיש אויסגעפוצטער — מען זאָל, חלילה, אויף אים נישט דערקענען די נויט; ער איז געווען גייסטיק און גזעלשאַפטלעך אומאָפּהענגיק, אָנערקענט ווי אַ גרויסער און גרעסטער — צי דען האָט די שווערסטע מאַטעריעלע אויסזיכטלאָזיקייט געקאָנט אים וואַרפן אין אָפּגרונט פון פאַרלייקענען?! גיין, זיכער נישט.

אויך די טעזע, אַז די סיבה פון משה־לייב האַלפּעריגס אומגליקלעך לעבן און פריצייטיקן טויט קאָן מען צושרייבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס ־'ער פאַרפּעסטעטער ליטעראַרישער סביבה — זעט אויס צו זיין גישט אָננעמלעך. משה־לייב איז קיינמאָל נישט געווען אַקטיוו פאַרפאָלגט. ער האָט מער אָנגעגריפן ווי זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן. מער געגעבן „קלעפּ“, ווי באַקומען. מען האָט מורא געהאַט פאַר זיין שאַרפער צונג. ער פלעגט זיך בידים שאַפן שונאים.

זיין נאַטור האָט געהתמעט דעם סטיל פון זיין לעבן און דיכטונג. זי איז אפשר געווען די סיבה פון זיין אָרעמקייט, פונקט ווי די סיבה פון זיין מרה־שחורה. זיין לעבעדיק־טעמפּעראַמענטפול האַרץ האָט אַ גאַנץ לעבן געטראָגן דעם טויט אין זיך און זיך געפיניקט מיט דער אייביקער פילאָזאָפיש־באַרעכטיקטער טענה: פאַרוואָס דאָס זוניקע, בלו־מיקע לעבן טראָגט דעם טויט אין וואַרעמען בוזעם.

וואָס פאַר אַ לעבן — אַזאַ פילאָזאָפיע, — קאָן מען מאַכן דעם אויספיר. איך מיין, אין דעם פאַל שוין גיכער: וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע — אַזאַ לעבן. נאָר צי דאַרף מען זוכן די גרענעצן? איז נישט גענוגנדיק דער פאַקט: אַ מענטש מיט שטאַרקע געזעלשאַפטלעכע אימפּולסן און אַזאַ גרענעצלאָזער פּעסימיזם, אַזאַ מרה־שחורה:

„פאַראַן אַ בלינדער, וואָס זעט מיט די טריט —
איך אָבער — איך זע גאָרנישט ניט“.

ער האָט געטראָגן די סתירה אין זיך, ווי אַ ווונד, נישט צום הייקן. פֿון איין זייט אַ געוואַלדיקע פּאַראינטערעסירטקייט אין די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פֿון לעבן, פֿון דער אַנדערער זייט — פֿערזענלעכע פּאַסיווקייט; געבוירן אויף צו טרייסלען וועלטן — און זיין גורל איז געווען איינזאַמקייט; מיט אַ ברענענדיקער שנאה געהאַסט פּוסט־און־פּאַסניקעס, אָנגעשריבן דאָס שרעקלעכסטע קללה־ און שאַנד־ליד דער אינטעליגענץ און אַליין יאָרן־לאַנג געווען אַ קאַפּע־זיצער און אַ זיך־באַאָבאַכטנדיקער אינטעליגענט; אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט — אַ מאָלער, אַ צייכענער, אַ שניצער — אָבער נישט געקאָנט קריגן קיין האַנט־פּראַצע, וואָס זאָל אים דורכקאָרמענען. מאַני לייב האָט ג ע ק ע נ ט זיין אַ שוסטער, זישע לאַנדוי — אַ שטובן־מאָלער, ראובן אייזלאַנד — אַ פֿליישער, למד שאַפּיראָ — אַ רעסטאָראַן־אייגנטימער, לייוויק — פֿאַרשידענע מלאכות טאָן. משה־לייב האָט נ י ש ט ג ע ק ע נ ט. ער איז טאַקע געווען דאָס רעטעניש, וואָס מאַטערט זיך אַליין, דער ווינט — אַ צוגעשמידטער צו אַ שטיין.

.3

משה־לייב דער פּאָעט דערמאָנט מיר אין חיים סוטין דעם מאָלער. ביידע זענען זיי עכט, גראָב, עקספּאַנסיוו; פֿון ביידן טראָגט אַ געדיכטע דינאַמישע מרה־שחורה. ביידע האָבן זיך נישט געשפּילט אין קונסט, נאָר — א ו י ס ג ע ש ר י ג ן ז י ך. ביידע האָבן געשניטן לעבעדיקע פּלאַסטן פֿון זיך און פֿון דער וועלט, ביידן האָט אינטערעסירט דער עיקר דאָס, וואָס איז אונטער דער הויט; נישט דאָס זעעוודיקע, נאָר דאָס וועזנטלעך־וואָרהאַפּטיקע; נישט די פֿאָרם נאָר דער אינהאַלט; נישט די עסטעטיק נאָר דער אמת. פֿון ביידן האָט געשריגן דאָס פֿלייש וואָס ווערט געמאָרדעט. ביידע זענען מלא פּראָטעסט און אומצופֿרידנקייט, נעגאַציע און קללה; ביידע וואַרפֿן דער וועלט אין פּרצוף אַריין איר שלעכט־צוגעדעקטע מיאוסקייט, איר נאַקעטקייט. סוטין וואָלט ווי משה־לייב געקאָנט זאָגן:

„מיין מאַמע האָט מיך נאַקעט געהאַט —
קאָן איך נישט ליידן קיין פֿייגנבלאַט!"

ביידן פּייניקן קאָשמאַרן און — ביידע זענען יידן.

סוטין האָט געמאַכט אַ „לעבן“ נאָכן טויט. ביים לעבן האָט ער געהונגערט. נאָכן טויט איז זיין יעדעס בילד אַן אייגנס. ער איז געוואָרן אַ „מאָדע“ ביי נישט־יידן, אַריינגעפאַלן אין דער ספערע פון קונסט־האַנדל. ער, דער אָרעמער מת, איז איצט „אַל־רייט“ — ער שטורעמט אַלע בילדער־אויסשטעלונגען פון דער וועלט; די אַטראַפירטע הערצער פון די אין לוקסוס צעבאַלעוועטע זוכן שאַרפע עמפינדונגען.

משה־לייב איז געשטאָרבן ווי אַ גרויסער, ווי אַ באַרימטהייט. אָבער פונקט ווי ביים לעבן, אַזוי אויך נאָכן טויט האָט ער נישט געקאָנט פאַר־זיכערן רואיקע טעג די צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען זיין אייניציקער יום־טוב — זיין ווייב און זון. ער שטאַרבט מיט יעדן טאָג אַלץ מער — צוזאַמען מיטן יידיש־לייענער, צוזאַמען מיטן ווקס פון אונדזערע קרבנות. זיינע פיר מיט בלוט און צער טריפנדיקע ביכער גייען נאָך זיין אייגענער לוויה. ער קאָן נישט פאַרוויילן. ער איז געבליבן אין דער ספערע פון זיין אומה און נישט געפונען קיין אויסלענדישע בעלנים. זיין קלאָגנאַדע רופט אַרויס די וויזיע פון אַ גראָטעסקער וועלט, וואָס אָנשטאָט צו פלייצן מיט פאַראָקסיזם פון געלעכטער, פילט זי אָן דאָס געמיט מיט קאָשמאַרן פון וועלכע עס ווילט זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט.

וואָס טויג זיין שפּראַך־עשירות, זיין מבול אומפאַרגלייכלעכע פּלאַסטיש־זינלעכע בילדער, זיין קלוגע באַרערעוודיקייט, זיינע קללות און הרמות, די שטיפעריי פון אַ פאַראורטיילטן, די ליצנות פון אַ צעפּערטלטן הרוג, זיין גרויסע שנאה, וואָס שטאַמט פון גרויסער ליבע און הילפלאָ־זיקייט, זיין גרויסער כוח, וואָס באַוואָפנט נישט — וואָס טויג דאָס אַלץ? וואָס טויג עס, אַז דער נביא, וואָס האָט געהאַסט נביאים און געלעסטערט הייליקייטן האָט נישט געקאָנט ביים לעבן אָנגורטן די לענדן און מיט זיין איראָניש און פּאַטעטיש־פלאַמענדיק וואָרט (וואָס איז אָפטמאָל געווען מאָנומענטאַל, ווי אויסגעהאַקט אין שטיין) אונדז אָנרופן אַ וועג ווהין צו גיין, אָנצינדן אונדזער בטחון, כאָטש מיט דער א י ל ו ז י ע, אַז די זון אין די רקיעים לויכט פ אַ ר א ו נ ד ז, וואַרעמט אונדז, איז דאָ, כדי צו פאַרטרייבן די נאַכט פון דער ערד.

די פעסימיסטן זענען קלוג — זיי דערשיטערן אונדז מיט זייער גאַליקן אמת. אָבער דעם אָפּטימיסט דעם טפּש — דאַרפן מיר מער. עס בענקען נאָך טויט די מידע, און ס'הוזקן פון דער וועלט די חכמים. אָבער ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די פּאָעזיע פון פאַרלייקענען, פון עצבות און טויט, קאָן זי נישט זיין גענוג גרויס, ווייל זי איז נישט גענוג

ו י כ ט י ק פֿאַר די לעבעדיקע ווייסן פֿון טויט גענוג. וואָס ווייניקער זיי ווילן וויסן פֿון אים — אַלץ גערעכטער זענען זיי. מיר ווילן נישט אָ פּ פּ ר ע מ ד ן דאָס לעבן, נאָר עס אייגן מאַכן, מיר ווילן עס זאָל זוניק זיין, טאַקע ווייל עס איז אַזוי קורץ און פֿון אַלע זייטן ווערט עס באַדראָט דורך שלעק און סכּנות. ווען די דיכטונג האַלט הויך די פֿאָן פֿון לעבן — פֿאַרלייכטערט זי אונדז דאָס לעבן. קאָן אונדז דער טויט טרייסט געבן? אָבער משה־לייב מיט זיין טיפֿער, זאַפֿטיקער, פֿאַרבנרייכער, פֿאַראינטריגירנדיקער, מתיקותדיקער מרה־שחורה איז ווי אַ וואַסער־מיידל, אַ לאָרעליי, וואָס פֿאַרנאַרט אונדז מיט איר פּרעכטיקן טרויעריקן ניגון צום שוואַרצן סאַמעטענעם בעט פֿון טויט.

ביי אַ געהאָנגענעם אין שטוב — דערמאָן נישט אין אַ שטריק. מיר האָבן גענוג טויטע געהאַט. מיליאָנען! ווילן מיר מער נישט אָפּסמען דעם טעם פֿון לעבן. דאָס ווילן דאָך אונדזערע שונאים. ווען די זאַטע און רייכע ווילן זיך — דערמאָן זיי אין „מעמענטאָ מאָרי“, מיר ווילן אָבער דעם טויט פֿאַרטרייבן, דעם טויט וואָס האָט זיך טיף אין אונדזער האַרץ פֿאַרקליבן. פֿיר איך מלחמה, משה־לייב, אַרויסצורייסן זיך פֿון דער נעץ פֿון דיינע טויט־ניגונים, כאָטש זיי זענען אַזוי פֿאַרלאָקנדיק.

ער, דער שווערמוטיקער, איז פֿריצייטיק געשטאָרבן. נאָר וואָלט דען געווען אַ ברכה פֿאַר אים צו דערלעבן אַ טיפֿן עלטער? פֿאַר אים, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געבענקט נאָכן טויט און זיך געהברט מיט אים? שווער איז אים די ערד געווען ביים לעבן — אפֿשר איז זי אים גאָר לייכטער נאָכן טויט? דער גורל האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים, צו־גענומען באַצייטנס, ער זאָל נישט דאַרפֿן אָנקוקן די גרוילן אויפֿן וועלט־מיסטקאַסטן, וועלכן ער האָט — אויך אָן דער דערפֿאַרונג פֿון די לעצטע דריי צענדליק יאָר — געהאַט איבערגעזען...

ער האָט אונדז איבערגעלאָזט פֿיר ביכער־לידער — 4 איבהס און קהלתן — דאָס לעבעדיקע האַרץ פֿון לעבעדיקן משה־לייבן. מיר בלע־טערן זיי, זויגן איין מיט פֿינצטערער מתיקות זיין וווּנדערלעך־פּאָעטישע מרה־שחורה, זיין גיפֿטיק פֿאַיאַנץ־געלעכטער, זיין תּליה־הומאָר, דעם שווידער וואָס האָט געיאָגט אין זיינע געדיכטע אומרואיקע בלוטן.

עס איז שווער מיט אים, זייער שווער און אומהיימלעך.

אָבער אָפּרייסן זיך פֿון אים קאָן מען נישט, ווי ער וואָלט מיט כּישוף געשלעפּט צום דנאָ פֿון ים. דאָס האַרץ ווערט צונויפֿגעקלאַמערט

פון פחד און דאָך לאָזט מען זיך פירן אין זיינע טיפענישן, אין די לאַבירינטן פון זיינע קאַלטע היילן, צום דעק, צווישן גרויליקן ברוכוואַרג פון לאַנג-פאַרזונקענע שיפן.

ס'איז שווער מיט אים און אומעטיק-טרויעריק, נאָר מען האָט אים ליב, ווייל ער איז גרויס און אַזוי איינזאַם.

.4

משה-לייבס אַריינטראָג אין דער יידישער פּאָעזיע איז ביזן היינטיקן טאָג נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן. אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז ער פאַרנעמט אין איר אַ באַזונדער און זייער חשוב אָרט. ער איז נישט געווען ענלעך אויף קיינעם פון די פּען-קאָלעגן פון זיין צייט. זיין סטיל האָט נישט קיין קרובהשאַפט און קאָן אויך נישט דינען פאַר אַ מוסטער נאָכצומאַכן. ער איז אַן *איין-און-איינציקע דערשיינונג*. ער האָט פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלע שפּראַך-עשירות, איז אָבער נישט געווען קיין וואָרט-פּוצער. פון יאָר צו יאָר איז ער אַלץ ווייטער אַוועק פון די אָנגענומענע קלאַסישע פאָרמען. די קראַפט פון זיין ליד איז געלעגן נישט אין דער מייסטעריישער באַנוצונג פון קאַנאָניזירטע פאָרמען, נאָר להיפוך, אין אָפּגיין פון זיי, דערנעענטערן דאָס ריטמישע וואָרט צו דער פּראָזע, צום רייד-נוסח פון דער פאָלקס-מאַסע. נישט צו פאָרמאַלע עקספּערימענטן זענען געריכטעט געווען זיינע זוכונגען, נאָר צו געפינען פּשוטן לבוש פאַר דער מעכטיקער אָנלאָדונג פון זיין וואָרט, וואָס איז אומגעוויינלעך רייך געווען מיט בילדער, געדאַנקען און געפילן. זיינע גראַמען זענען געווען פּשוטע, נישט געקינצלטע, נישט קיין אויטגעקליגלטע. אים איז געגאַנגען אין אינהאַלט, אין אויסדריקן זיין קאָמפּליצירטן איך, זיין אייגנאַרטיקן וועלט-באַנעם — האָט די פאָרם געדאַרפט זיין מיט אים (מיטן תוכן) מאָנאָליט צונויפגעגאָסן. געצאַצקעטע ווערטער האָבן נישט געפּאַסט פאַר זיין האַרבן אמת.

אויף דער גאַנצער לענג פון זיין דיכטערישן וועג פאַרלירט ער נישט די בייזע איראָניע, צוגלייך מיט עלעמענטן פון טראַגישער קלאָונאַדע. די לייכטקייט זיינע איז אַ כלומרשטע. ווי ווייט ער זאָל מיט זיין פאַנטאַזיע נישט פליען אין אימאַזשינירטע וועלטן, שטויסט ער אונדז אַלץ איינס צו דער ערד — צו אירע וווּנדן, צו די מענטשלעכע ליידן, צום קאָמיש-טראַגישן מאַסקאַראַד.

װעלכע גלגולים משה־לייב האָט נישט דורכגעמאַכט — די קינסט־לערישע קראַפט האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. אַלץ וואָס איז אַרום פון אונטער זיין פען אָטעמט מיט דער ליידנשאַפט, טיפקייט, פאַרבנרייכקייט, מיטן בראָך, מיט דער צעצווייטקייט און טראַגעדיע פון אַ גרויסער דיכטערישער פערזענלעכקייט. משה־לייב האָט אַ סך געחוזקט פון זיך, ער האָט קיינמאָל אָבער נישט געחוזקט פון זיין טאַלאַנט. ער האָט אים געפילט פונקט אַזוי, ווי ער האָט געפילט זיין אומרואיק האַרץ ביז עס איז אויפגעריסן געוואָרן.

„פאַר מיר איז אויפן טיש דער מינדסטער טינטן־פלעק
אַ וואָלקן רייך, וואָס הייבט זיך אויף ווי רויך,
און קערט זיך אום מיט בליצן פון דער הויך".

משה־לייבס ליריק גייט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַן אוצר פון גרויסער, זיך נישט איבערהזרנדיקער קונסט.

אַ יידיש פאָלקס־ווערטל זאָגט: „ביי ווענען מע פרעגט נישט, דער מ ו ז מסכים זיין". משה־לייבן האָט מען קיינמאָל נישט געפרעגט, אָבער ער איז קיינמאָל נישט מסכים געווען. זיין דיכטונג איז כולו פראָטעסט און רעוואָלט קעגן אַלץ, וואָס באַליידיקט און פאַרקנעכטעט דעם מענטש. אויף זיין אייגנעם אופן האָט ער געקעמפט פאַר דער ווירדע פון פשוטן בשר־ודם, פאַר זיין רעכט אויף שנאה צו אַלץ, וואָס פייניקט און דערנידעריקט אים.

פּרץ מאַרקיש

ער איז געקומען צוזאַמען מיטן שטורעם און אַליין געווען — געוויטער.

אין 1917 האָט ער אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד, און באַלד, מיט אַן אומגעזוימענער שנעלקייט, האָט דער נאָמען פּרץ מאַרקיש געגומען קלינגען אין דער יידישער דיכטונג ווי אַן אַליאַרם־גלאָק.

אַ געוואַלדיקע פּאָעטישע גבורה האָט געשטעקט אין דעם שיינעם יונגנמאַן מיטן צעפּאַטלטן שטאָלצן קאָפּ און בלוי־גרינלעכע בליציקע אויגן. זיין ווערטער־לאַווע האָט געפּליוצט ווי פון אַ געעפנטן קראַטער — אַ באַרג־שטראָם ריטמיש פייער. אַזאַ אויפרייסנדיקע קראַפט האָט געשלאָגן פון זיינע אין גאַלאָפּ־רייטנדיקע שורות.

די טעמפּעראַטור פון זיין פּאָעזיע האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט אַ המימה, געברענט די נשמות. דער לייענער איז געוואָרן אַ קאָוואַדלע, וועלכע האָט אויפגענומען די מעכטיקע קלעפּ פון זיין פייער־שפּריצנדיקן האַמער. ווי אויף אַ שוימיק פערד אין קאָפּשווינדלענדיקן טעמפּ האָט ער געטראָגן די בשורה פון אַ נייעם אויפגאַנג; געיאָגט די שטילע בחורים און מיידלעך פון די שטילע אומעטיקע יידישע שטעטלעך אין בראַנד פון דער רעוואָלוציע. פאַרקלעפּן אַלע ציפערבלאַטן! אַוועק מיט אַלע געטער! בקולות וברקים ווערט געגעבן אַ נייע תורה!

אַזאַ — אַ שטורעמדיקער גיגאַנט — האָט ער זיך אַ ר יי נ ג ע ר י ס ן אין דער יידישער פּאָעזיע. אַריין ווי אַן אָרקעסטער, אין וועלכן עס האָבן געקלונגען אַלע אינסטרומענטן — ס'זענען זיך פאַרגאַנגען די פליטן, געוויינט פידלען, געיאָמערט וויאָלענטשעלן — פאַרטויבטע, פאַרשריגענע דורכן ליאַרעם פונעם רוף־טרומפּייט און פּויקעריי פון הילכיקע באַראַבאַנען.

ווען ער איז אין 1921 געקומען קיין פּוילן, האָט ער געבראַכט דעם ערשטן צעצונדענעם גרוס פון דער יונגער יידישער רעוואָלוציאָנערער רוסלענדישער פּאָעזיע. ער איז געקומען און — געשטורעמט. באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד, שטוינונג, התלהבות, ווידערווילן און געלעכטער. איבערראַשט, געפּלעפּט, צערודערט. מיושבדיקע ליטעראַטן האָבן פאַנאַנדערגענומען און צעטומלעניש די הענט, געקוועטשט מיט די פּלייצעס: הפקר, וויכער, היסטעריע. די לייענער־מאַסע, אַן אויפגעוועקטע דורכן שטורעם־ווינט, האָט זיך צעשפּאָלטן, ממש צוויי פּאַרטייען: פאַר מאַרקישן, קעגן מאַרקישן. קיין גלייכגילטיקע זענען נישט געווען. הלל צייטלין איז קעגן אים אַרויס מיט אַן אַרטיקל אין „מאָמענט“: „די פאַרקריפּלטע עסטעטיק און דער האַנדל מיט קונסט“. ש. ניגער האָט זיך גלייך אָפּגערופן: „די פּאָעזיע פון לעסטערונג“. ש. י. אימבער האָט אים באַטיטלט: „די פעדער אין ווונד“. דער טונקעלער האָט געחוזקט אין פּאַראָדיעס: „איך לויף, די פּלודערלעך, במחילה, פאַנאַנדערגעשפּיליעט. כ'וויל נישט קיין קלייען, כ'וויל נישט קיין הירזש. כ'וויל בעסער הירזשען ווי אַ פערד“.

און מאַרקיש האָט מלחמה געהאַלטן. קאַמף איז געווען זיין נאַטור. ער האָט זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך — געהאַלטן רעפעראַטן, געהאָגלט מיט פייערדיקע רעדעס, אַ צעבראַסטעטער געשרייען זיינע לידער; געמאַכט אַ תל פון אַלץ און אַלעמען: „ס'איז באַשטימט דער גרעסטער פאַרדינסט פון דער רעוואָלוציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור דאָס, וואָס זי האָט איר געוויזן איר נישטיקייט“.

דאָס יאָר 1922 איז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין דער גאָרער וועלט געשטאַנען אונטערן צייכן פון מאַרקישן. דער דיכטער האָט נישט געוואַרט אויף סמיכה פון די ליטעראַרישע רבנים, נישט געוואַרט די קריטיקער זאָלן אים קרוינען. מיטן מוט און מיט דער דרייסטקייט פון די הונגעריקע און באָרוועסע, וואָס האָבן געשטורעמט די ערד און די הימלען, האָט ער זיך געקרוינט מיטן רויטן פייערדיקן שטערן. ער האָט געשפּאַנט פון לאַנד צו לאַנד — „פרעגט מיך נישט קיין פּאַספּאָרט“ — בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז, רוים און געשריבן, געשריבן. ער האָט ממש פאַרוואָרפן דעם ביכער־מאַרק מיט זיין בליצן־ און דונערן־פּראָדוקציע. אין גאָר אַ קורצער צייט זענען איינס נאָכן אַנדערן דערשינען: „פאַרבייגייענדיק“ (עסייען), „וואָלין“, „קופּע“, „סתם“, „פוסט און פּאַס“, „אין מיטן וועג“, „אָוונט־שעהן“, „ראַדיאָ“, „שטיפעריש“, אַ לידער־בוך

„פרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער“, „זאַנג־געזאַנג“, „דער גאַלאַגאַנער האָן“, ער האָט רעדאַגירט די „כאַליאַסטרע“. געהאָגלט מיט ביכער. אַזאַ בין איך! און נעמט מיך אַזאַ ווי איך בין. די שאַרפסטע אָפּלייקענער זיינע, האָבן געמוזט אָנערקענען די ריזיקע קראַפט, וואָס האָט געשלאָגן פון אים; אַזאַ שטראָם פון פּאָעטישער בילדלעכקייט — און דערצו אַזאַ אייגנאַרטיקער — האָט מען נישט געקאָנט טרעפן ביי קיינעם פון די פּאָעטן. אויב צו זייער האַרץ איז נישט דערגאַנגען זיין שטורעמדיקער, רעוואָלוציאָנער־בונטאַרישער ברויז, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט נישט באַמערקן, אַז אין זיין וויכער טראָגט זיך אַ גאָלדענער שטויב פון פּאָעזיע, אַ שאַרפער דורכדרינגלעכער געדאַנק, וואָס שניידט ווי אַ בליץ די חשכות. אים האָט געפעלט געצוימטקייט, געפרעסטקייט, אָבער די בילדער־קייט איז געווען אָנגעלאָדן ווי אַ מילגרוים מיט יוגנטלעכע עמאָציעס, מיט מענערישער קראַפט, מיטן באַצווינגענדיקן כוח פון עכטער איבערלעבונג.

אים איז שווער געווען אייַנצופּאַסן אין די געוויינטע פּאָעטישע עטאַלאָנען און ראַמען. ער איז געווען צו פריש, צו ניי. מ׳האָט נישט געוווסט ווי זיך צו באַציען צו אַ פּאָעזיע, וואָס איז ווי אַ וואַסערפאַל און וויל נישט וויסן פון קיין שום קאַנאָנען. ער אַליין האָט פון זיי נישט געוואָלט וויסן. קיינער האָט נישט באַנוצט אַזאַ פרייען ווייער פון אסאָ־נאַנסן און אַזוי פיל נייע, אומגעריכטע גראַם־בילדונגען ווי ער, אַזאַ שטורעמדיקן ריטם. ער האָט נישט געוואָלט זיך רעכענען מיט דעם, אַז דער באַטויבנדיקער ריטמישער ווערטער־געפלייץ קאָן עמעצן מיד מאַכן. ער אַליין איז קיינמאָל נישט מיד געווען. ווייל יעדעם נייע בוך איז געווען אַ נייער קאמף און אין אימפּעט פון קאַמף שפּירט מען נישט קיין מידקייט.

נאָכן צוריקקערן זיך קיין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך געביטן זיין טעמע. דאָס לאַנד איז צוגעטראָטן צו גרויסע בויונגען און מאַרקיש דער צעשטערער, האָט זיך גדאַרפט שטעלן אויף די רושטאָוואַניעס פון דער בויונג. אים איז עס אָבער נישט אָנגעקומען שווער, ווייל ער איז געווען אַ דיכטער אַ פאַרבונדענער מיט זיין צייט און מיטן לעבן. אַקטיווקייט איז געווען זיין פּאָעטישער קען־צייכן. די „סאָציאַלע באַשטעלונג“ איז זיך צונויפגעפאַלן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט מיט דער סטיכיע פון זיין פּאָעטישער נאַטור. און נאָר דערמיט קאָן מען דערקלערן וואָס אין מאַרקישעס ווערק קאָנען מיר פּוסטראָט נאָכגיין דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־וועג פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, זיך באַקענען מיט אַלע פּראָבלעמען,

וואָס האָבן זיך פאַר זיי געשטעלט, מיט אַלע שוועריקייטן, וואָס איז זיי אויסגעקומען אויסצושטיין, כדי די דעקלאַסירטע שיכטן זאָלן זיך פאַרנעמען אויפן וועג פון אַריינדרינגען אין אַלע קעמערלעך פון דעם זיך בויענדיקן סאָציאַליסטישן אָרגאַניזם. דאָס זענען געווען טעמעס העכסטדראַמאַטישע, ווייל פאַרבונדענע מיטן ברעכן פון דורותדיקן שטייגער און געוווינהייטן, מיטן אָנלעבן זיך נייע באַגריפן און אַ נייעם קוק אויף דער ווירקלעכקייט. כדי פסיכאָלאָגיש צו פאַרלייכטערן דעם דאָזיקן שווערן וועג פון גרויסע מאַסן, האָט מאַרקיש אָנגעבונדן דאָס נייע מיטן פאַרגאַנגענעם, דאָס רעוואָלוציאָנערע מיט דעם טראַדיציאָנעלן, אָנגעשלאָגן אויף יענע קוואַלן, וואָס האָבן דורך דער גאַנצער לענג פון דער יידישער געשיכטע באַשטימט דעם היסטאָרישן גורל פון פאָלק צו זיין צווישן די, וואָס לייגן דורך אַ וועג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, צו זיין צווישן די קעמפנדיקע אַוואַנגאַרדישע מחנות.

מאַרקישעס ווערק פון יענעם גרויסן צייט=אָפשניט טראָגן אַ מער עפישן כאַראַקטער — פאַראַן שטייגער=שילדערונגען, הומאָר, סאַטירע, ער שעפט גאַנצע הויפנס פון יידישן פאָלקלאָר. אין „בעל=גוף“, „ברידער“, „נישט געדאַגהט“ פעלן נישט קיין איינע פון די אויסגערעכנטע עלעמענטן. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז ס'האָט זיך געענדערט מאַרקישעס סטיל, ווערסיפיקאַציע=נוסח, זיין ריטמישער טעמפ, זיין ווילדיונגערישקייט. פאַרשטייט זיך — אַ ביסל מער פיאַניסימאָ, אַ ביסל ווייניקער פאָרטאָ, מער געצוימטקייט און רעגלמעסיקייט אין פערזן, אָבער זיין גרונט=טאָן, זיין בריטער זשעסט, זיין ברויז און זודיקער אָטעם איז געבליבן דער זעלבער. להיפוך צום גרעסטן טייל יידיש=סאָוועטישע דיכטער, וואָס זיי אַלעמען האָט פאַראייניקט די גראַוויטאַציע צום פאָלקסטימלעכן, צום טאָן פון דעם פאָלקס=ליד, האָט מאַרקיש תמיד קולטיווירט זיין יחידישע פאָעטישע שטימע, דעם פאָעטישן באַרג=טאָן, און דערפאַר האָט זיין דיכטערישער נוסח געקלונגען ווי אַ סאָלאָ אין פאַרשידנשטימיקן כאָר פון דער יידיש=סאָוועטישער דיכטונג. נישטאָ אַזוינע שורות ביי מאַרקישן, אין וועלכע איר זאָלט באַלד נישט דערקענען מאַרקישן. ווייל מאַרקיש איז דיכטערישע פערזענלעכקייט פון אָנהייב ביזן סאַמע סוף.

פאַרן צווייטן וועלט=קריג האָט מאַרקיש אָפגעדרוקט זיין ראָמאַן „דור אויס, דור איין“. אין דעם ווערק האָט ער זיך אומגעקערט צו דער טעמאַטיק פון בירגער=קריג און צו אַ פרטימדיקער אַנטוויקלונג פון זיין באַליבטער אידעע: נאַציאָנאַלער המשך און דער קווינטעסענץ פון יידישן

היסטאָרישן גורל. ס'איז איין לאַנגע קייט — פון משה רבינו, די נביאים, די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונגען פון יהודה המכבי, בר כוכבא און רבי עקיבא, דורך ברוך שפּינאָזע, משה הס און קאַרל מאַרקס. אייביק אין בלוט און אייביק אין האָפענונג אויף אויסלייז, אייביק אין גלויבן אין דער העכערער באַשטימונג פון מענטשן, נישט געקוקט אויף אַלע מפּלות. די פאָרמען און אינהאַלט פון קאַמף בייטן זיך, דער חלום פון אַ נייער וועלט בלייבט דער זעלביקער. און מיט דעם לעבט דאָס פאָלק.

דער דאָזיקער ראָמאַן, פּונקט ווי מאַרקישעס גאַנצער דיכטערישער וועג און זיין לעצט און גרעסט ווערק „מלחמה", וואָס שטעלט אַ קינסט־לערישן דענקמאָל די ליידן פון יידישן פאָלק אונטערן היטלעריזם און זיין אָנטייל אין דער באַפרייונג פון אונטער דער ברוינער פעסט — וואַרט נאָך אויף אַ גרונטיקער און ערנסטער אָפּשאַצונג.

מאַרקישעס וואַכיקער גייסט איז אומעטום געווען מיטן פאָלק — אין די פּאָגראָמען און אין דער רעוואָלוציע, אויף די בויונגען און ביי די גריבער, ביי דער זייט פון די יידישע קעמפער — העלדן אויף דער יבשה, אין דער לופטן און אין די פּאַרטיזאַנישע היילות און פּונקט אַזוי — אין די אויפשטאַנדן אין די געטאָס.

דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיין שטימע געקלונגען. ער האָט זיך געעלטערט אין אונדזער ליטעראַטור און איז געבליבן יונג ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

געווען אַ וואולקאַן און נישטאָ מער.

אַלטער קאַציזנע

דעם 7־טן יולי 1941, אויפֿן צמענטער הינטער טאַרנאָפּאָל איז עס געשען: אַ באַנדע צעיושעטע אוקראַיִנישע פֿאַשיסטן האָט צונויפֿגעשלעפּט פֿון אונטערוועגנס אַ גרויסע גרופּע יידן און דאָ, אויפֿן צמענטער, זיי דערהרגעט מיט שטעקנס, דרענגער און שטיינער. צווישן זיי איז געווען אַ מאַן פֿון מיטלן וווקס, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויסן וואָלקן האָר איבערן קאָפּ, אין גרויסע ברילן; אַ מאַן, וואָס זיין נאָמען האָבן געקענט הונדערטער טויזנטער יידן — אַ ל ט ע ר ק אַ צ י ז נ ע.

מיט אַ פּאָגראָם־טויט איז ער געשטאָרבן, דער מענטש, וואָס האָט פֿון אונדזער גרויסן פּרץ געירשנט דעם אייביקן אומרו און די אָנאויפֿהעריקע שטרעבונג צו דערהייבן דעם מענטשלעכן גייסט. פֿינצטערע ברואים האָבן מיט שטעקנס און שטיינער אַרויסגעטריבן דאָס לעבן פֿון אַ מענטש, וואָס זיין גאַנץ וועזן איז געווען מענטשלעכקייט, אַ מענטש, ביי וועמען די טאַט און די מחשבה זענען געווען איין גאַנצקייט, וואָס האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געפֿעלשט און פֿיינט געהאַט די פֿאַלשקייט אימת מות.

געלייענט האָב איך אים פֿון קינדוויז אָן. נישט אַלעמאָל האָב איך אים פֿאַרשטאַנען, אָבער אַלעמאָל געהאַט אינטערעס צו אַלץ, וואָס איז אַרויס פֿון אונטער זיין פּען. זיין „גייסט דער מלך" האָב איך געלייענט באַלד ווי עס איז אַרויס, אין 1919 אָדער 1920. כ'האָב געוואָלט דורכרייסן דעם שלייער, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס דאָזיקע ערשטע ווערק זיינס און נישט געקאָנט. כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען. נאָר ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ווען כ'וועל איינמאָל און נאָכאַמאָל דורכלייענען וועל איך באַנעמען. און מיין פֿאַרדראָס איז געווען גרויס, וואָס מיין גאַנצע יינגלשע עקשנות איז געווען אומזיסט: ס'איז נישט דערגאַנגען צו מיין מוח, כאָטש ס'האָט, כ'וויים נישט מיט וואָס, באַאומרואיקט מיין נשמה. מיט בלאָקס „צוועלף" האָב איך זיך באַקענט אין קאַציזנעס איבערזעצונג

און געלערנט עם אויף אויסנווייניק, זיין זשורנאַל „גלאָקן“ האָב איך געלייענט ביז דער לעצטער שורה. דעם זשורנאַל „רינגען“, וואָס ער האָט רעדאַגירט, פלעג איך דערוואַרטן מיט אומגעדולד. שפּעטער האָב איך געלייענט זיינע פּיעסן, זיין ראָמאַן, זיינע דערציילונגען, עסייען און אַרטיקלען. פאַר דער צייט האָב איך באַוויזן עטלעכע מאָל צו בייטן מיינע מיינונגען וועגן אים. דאָ האָב איך געהאַלטן פון אים עולם ומלואו און דאָ, ביי אַן אומגעראָטענער זאַך — אין האַרצן אים מבטל געמאַכט. ניין, ווי אַ שרייבער איז ער נישט געווען פון איין טייג. ער איז געווען זייער אָפט אַן אַנדערער. צום סוף האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיין גאַנצער שעפערישער וועג איז אַ באַמיונג צו זיין, ווי אַ שרייבער, יעדעם מאָל אַן אַנדערער.

ערשט אין 1939, אין יולי טאַקע, מיט צוויי יאָר פאַר זיין שרעקלעכן טויט, האָב איך אים דאָס איין־און־איינציקע מאָל געטראָפן — אין פּאָדבראָדז, 50 קילאָמעטער הינטער ווילנע, אין אַ וואַלדיקער אָרטשאַפט, וווּ ער איז צוזאַמען מיט זיין איין־און־איינציקער טאָכטער, שולמית, געקומען אין אַ פּענסיאָנאַט אויף אָפּרו. מיר פלעגן זיך אין די 10 טעג, וואָס איך בין דאָ געווען, טרעפן זייער אָפט, צו עטלעכע מאָל אַ טאָג אַפילו, שפּאַצירן אין וואַלד און פירן לאַנגע, קיינמאָל נישט פאַרענדיקטע שמועסן. ער פלעגט גיין עטוואָס איינגעבויגן, ווי אַ שווערער באַרג וואָלט געלעגן ביי אים אויף די פּלייצעס, ער איז געווען מילד און צוגעלאָזן, אָבער זייער אומעטיק, ווי ס'וואָלט אים גענאָגט אַ פאָרגעפיל פון די שטורעמס, וואָס וועלן זיך באַלד אָנהייבן. ער איז נישט געווען אַלט, אָבער אויסגעזען עלטער פון די יאָרן. כ'האָב זיך געפרעגט: איז ער דען אַלעמאָל אַזאַ אומעטיקער, פאַרטראַכטער, ווי ס'וואָלטן אים געפייניקט שווערע מחשבות? פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, פון זיין פובליציסטישן מוט האָב איך אַרויסגעטראָגן וועגן אים גאָר אַן אַנדער פאָרשטעלונג.

ער איז נישטאָ. ער איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון שטעקנס און שטיינער. און אין די טעג ערב זיין יאָרצייט האָב איך ווידער געבלעטערט זיינע ביכער, ווי כ'וואָלט דורכגעבלעטערט זיין לעבן. דאָס לעבן פון אַ שרייבער — דאָס זענען דאָך זיינע ווערק, און אין זיי בלייבט ער דאָך לעבן. נאָכמער — אין זיי בלייבן לעבן זיינע יאָרן און טעג, זיינע ליידנשאַפטן, זיין פּאַסיע, זיין בענקשאַפט נאָך פלי און דערהויבונג.

אַלטער קאַציזנע האָט זיך תמיד געהאַלטן פֿאַר אַ תלמיד פֿון פּרצן. ער האָט געשריבן: „מיט פּרצן בין איך געווען אויפֿגעטראָגן ביי זיין לעבן. און ער האָט פֿיל צייט אָפּגעגעבן פֿאַר מיין ליטעראַרישער אויס־בילדונג. אָבער ערשט שפּעטער, נאָך זיין טויט, האָב איך געוואָגט זיך צו פּאַרמעסטן ליטעראַריש אויף פּרצעס דרכים". מיר איז דאָס קשה. אויב ס'זענען יאָ פֿאַראַן השפּעות, איז אָבער ביי קאַציזנען נישט פֿאַראַן נישט פּרצעס סטיל, נישט פּרצעס נוסח. פֿאַראַן נאָר דער אייביקער אומרו ווי ביים לערער. אָבער קאַציזנע וויל עס אויפֿקלערן. צווישן פּרצעס תלמידים רעכנט ער אויס אַ גאַנצע ריי שרייבער און זאָגט: „זיי זענען נאָכגעגאַנגען זייער מייסטער פּוסטריט, אָן דער מינדסטער קריטישער אָפּוועיכונג. זיי זענען געגאַנגען צום פֿאָלקסטימלעכן קוואַל ד ו ר ך פּרצעס „געשיכטן" און „חסידות" און נישט אַ ד אַ נ ק די „גע־שיכטן" און „חסידות". דאָס גיט מאַקע צו אָט די אַלע עפּיגאָנישע, כּמעט באַדייטנדיקע ווערק, אַ רעאַקציאָנערן בייגעשמאַק".

און ווייטער:

„דער קאָמפּלעקס פֿון פֿאָלקס־מאָטיוון צעעפֿנט זיך ווי אַ פֿעכער, איין ברעג זיינער איז איינגעטונקט אין קלעריקאַליזם, דער צווייטער ברעג — אין קריטישער איראָניע אין באַצוג צום אייגענעם קלעריקאַלן קלאַפּער־געצייג". „איך שרעק מיך נישט פֿאַר קיין אָפּוועיכונג פֿון מיין מייסטערס שיטה, דווקא אין זיי ליגט מיין באַרעכטיקונג".

לייענענדיק עס טראַכט איך נאָכאַמאָל: וואָס פֿאַר אַ געפֿערלעכער און נישט באַרעכטיקטער וועג עס איז צו זוכן ביי שרייבער השפּעות. דאָס איז אַ גרוים פֿעלד פֿאַר קריטישן מיסברויכן, אַפֿילו דאַן ווען די השפּעות אָנערקענען די מחברים אַליין. אַ שרייבער, ווי יעדער מענטש, אונטערליגט דעם אייביקן פּראָצעס פֿון כסדרדיקער, אומאויפֿהערלעכער באַאיינפֿלוסונג. דאָס קומט פֿאַר אומאָפּהענגיק פֿון זיין ווילן און דאָס איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז קיין שום קריטיש־אַנאַליטישער אינסטרומענט איז נישט ביכולת דורכצופֿירן אַ כעמישע צעלייגונג. אַלע פּרוון אויפֿצושטעלן סכעמעס פֿון ק אָ נ ק ר ע ט ע השפּעות פֿירן צו אַ גייסטאָרעמען עקלעקטיזם און גיבן נישט קיין ערנסטע רעזולטאַטן.

געוויס, קאַציזנע האָט געירשנט פֿון פּרצן די געוואַגטקייט אָפּצו־וואַרפֿן די אָנגענומענע, קאַנאָניזירטע ליטעראַרישע פֿאָרמען. דאָס האָט פּרץ געלערנט, מיט זיין אייגענעם ביישפּיל, דער גאַנצער יידישער ליטע־

ראַטור, וואָס איז געקומען נאָך אים. ער האָט געלערנט אָפּלייקענונג, אינדיווידועלע זוכונגען, נישט מורא האָבן פאַר זייטיקע וועגן. אָבער פאָלקסטימלעכקייט האָט פּרץ דער יידישער ליטעראַטור נישט געדאַרפט לערנען. דאָס איז געווען אירע אַן אַלטע טראַדיציע. ער האָט געלערנט קורצגעפאַסטקייט, מייסטערשאַפט, בייטן די פאָרמען. אָבער קאָן דאָ זיין אַ רייד וועגן דירעקטע השפּעות, אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור האָט זיך געפונען אין אַ יווירנדיקן פּראָצעס פון נייע זוכענישן?

אַלטער קאַציזנע איז געווען אַ גרויסער עקספּערימענטאַטאָר. ער איז געווען איבערצייגט, אַז פון ליטעראַרישער עראָזיע קאָן מען זיך פאַרהיטן נישט מיט גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג, נאָר מיט כסדרדיקן איבערשפּרייזן דאָס שוין דערגרייכטע. אָבער צו דער צייט, ווען ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור, זענען, למשל, אין דער רוסישער ליטעראַטור, מיט וועלכער ער איז געווען געקניפּט און געבונדן, אָנגעגאַנגען שטורמישע זוכונגס־פּראָצעסן און זייער אויסווירקונג אויף אים — אידעישער און פאָרמאַלער — איז אָן שום ספק. אפילו דער סימבאָליזם איז געגאַנגען צו קאַציזנען נישט דווקא פון פּרץ.

„דער גייסט דער מלך" איז געווען אַ פּראָדוקט פון זיין צייט און נאָך פּריערדיקער. אין זיין בוך נאָוועלן און מעשהלעך „אַראַבעסקן" (וואָס זענען טיילווייז פריער געדרוקט געוואָרן אין די „רינגען") איז פאַראַן נישט נאָר אַ נייער סטיל (וואָס האָט קיין שייכות נישט צו פּרץ), נייערט אויך אמתע מייסטערשאַפט. אין זיינע „באַלאַדן און גראָטעסקן" ווייזט ער ווידער מייסטערשאַפט אין פערז, אין גראַם און אַ זעלטענע פאָלקסטימלעכקייט (וואָס אויב דערמאָנען זיי אין נעקראַסאָוו, כאָטש ס'איז בלוטאייגן יידישלעך). זיין איין־און־איינציקער גרויסער ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע" איז געשריבן אין נוסח פון געזונטן רעאַליזם און דער עקספּערימענט ליגט אין דער צעשויבערטער קאָנסטרוקציע, אין דעם ווי דער סיפּור־המעשה וויקלט זיך איין און וויקלט זיך אויס, און אויב אין דעם ראָמאַן זענען דאָך פאַראַן חסרונות, זענען עס דווקא אויף דער פלאַך פון דער עקספּערימענטירטער קאָמפּאָזיציע. באַלערנדיק איז דער פאַקט, וואָס דווקא זיינע צוויי בעסטע פּיעסן „דער דוכוס" און „הורדוס" זענען נישט עקספּערימענטאַל (כאָטש די ערשטע האָט עלעמענטן פון סימבאָליק און די צווייטע איז געבויט אין נוסח פון דער אַנטיקער קלאַסיק), נאָר קלאָרער און רעאַליסטישער.

אַלטער קאַציזנע איז געווען פילזשאַנערדיק (לידער, באַלאַדן, גראָטעסקן, נאָוועלן, אַ ראָמאַן, דראַמעס, עסייען, קריטיק), פילפאַרביק, מוזיקאַליש, געדאַנקענרייך. דער עיקר איז ער געווען אַ דראַמאַטורג. חוץ די דערמאָנטע פּיעסן האָט ער אָנגעשריבן „שלום שוואַרצבאַרד“, „דעם יידנס אָפּערע“, אַ קאָמעדיע „דער קריזיס“ און אויך זיינע פּאָעטישע ווערק זענען דראַמאַטיזירט — „דער גייסט דער מלך“, „פּראָמעטעוס“ און אַנדערע.

די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אין אירע רייען זייער ווייניק דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן. דער סאַמע גרעסטער טייל, אַפילו די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, זענען געווען אויטאָדידאַקטן. אין וואָס איז באַשטאַנען, מישטיינס געזאָגט, די „נאָרמאַלע בילדונג“ פון אַלטער קאַציזנע? — עטלעכע זמנים חדר און עטלעכע קלאַסן פון אַן אָנפאַנג-שול. דער טאַטע — אַ מוליער אין ווילנע, די מאַמע — אַ שניידערין, האָט ער צו 14 יאָר זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון אַ פאָטאָגראַף און אַ גאַנץ לעבן געבליבן ביי זיין פאַך, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט. און דאָך — וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע אָנגעלייענטקייט, איבערראַשנדיקע אינטעליגענץ, וואָס פאַר אַ פלינקן גייסטיקן אַבסאָרבירכוח ער האָט פאַרמאָגט, און וואָס פאַר אַן אומגעווייַנלעכע שעפערישע ענערגיע! וויפל דער מענטש האָט עס אָנגעשריבן, וועלכע טעמעס באַהויבן, וויפל עקספּערימענטירט — געהאָרעוועט, און דערצו נאָך געררייזט. אין 1915 האָט ער דעביוטירט מיט זכרונות וועגן י. ל. פּרץ, אין 1920 איז ער שוין געווען באַרימט, געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש אַקטיוו. אין די שעפערישע אָרגאַניזאַציעס זיך תמיד געלאָזט פילן, זיך באַטייליקט אין אַלע דיסקוסיעס און וויכוחים, געווען צווישן די ערשטע רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע בלעטער“, אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטרעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער טעגלעכער פּראָגרעסיווער צייטונג „דער פריינד“ און אין די לעצטע דריי יאָר פאַר דער מלחמה אַליין אַרויסגעגעבן און אויסגעפילט פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה אַ צווייוואָכנטלעכע שריפט „מיין רעדגדיקער פילם“. ער האָט זיך געמוזט אַרויסזאָגן, ווייל ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן. צייט-פראַגן זענען פאַר אים געווען פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי ליטעראַרישע און קולטור-פראַגן. ער האָט געלעבט אימפּעטדיק, ווייל די וועלט, זיין פאָלק, איז אים בלוטיק אָנגעגאַנגען. ער איז קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געווען קיין זייטיקער, קיין אָבסערוואַטאָר, ער איז געווען אַנגאַזשירט און גענומען אויף זיך

די ריזיקע פון געזעלשאַפטלעכער און אפילו, אין אַ געוויסער מאָס, פּאָליטישער אַנגאַזשירונג.

ער האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח, אַ קינסטלעריש, דורכדרינגלעך אויג, געקאָנט רעאַל אָפּשאַצן יענעמס מעגלעכקייטן און ווערטן, געקאָנט גוטע עצות געבן י ע נ ע ם, געווען אַן איבערגעגעבענער אָנפּניותדיקער פריינד און שטרענג געפאָדערט.

נאָכן טויט פון דוד הערמאַן האָט אַלטער קאַציזנע געשריבן: „מענטשן מיט אַ סך ווייניקער געניאַליטעט האָבן געמאַכט פיל בעסערע טעאַטער־קאַריערעס, ווי דוד הערמאַן. יענע האָבן, ווייזט אויס, בעסער געקענט זיך אַליין. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן זייערע באַגרעניצטע מעגלעכקייטן". צו מאָרעווסקין, זיין לאַנגיעריקן און האַרציקן פריינד, האָט קאַציזנע געהאַט טענות: „פאַרוואָס ביסטו נישט אַזוי פּרוכטבאַר, ווי באַגאַבט?!" „דיין אַקטיאָרישע מיסיע איז אַ פירערישע. בלוטיק! ווייל דו ביסט אַ קינסטלער!"

„דער וואָרט־קינסטלער — האָט ער געשריבן אין איינעם פון זיינע פילצאָליקע אַרטיקלען — איז נישט פריי פון אויסוואַל פון דער פאָרם, פונקט ווי דער מוזיקער איז נישט פריי אין אויסוואַל פון זיין אינסטרומענט".

ריכטיקע, גאָלדענע ווערטער! איך לייען זיי און מיר עקבערט דער געדאַנק: לויט דעם אַרבעטס־ און שעפערישן דיאַפּאַזאָן פון אַלטער קאַציזנע זעט מען וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן ער האָט געהאַט. און וואָלט ער געווען זעלבסטבאַגרענעצט און נישט אַזוי צעוואָרפן, נישט אַזוי זשאַנערדיק רייך און פילפאַרביק — ווער ווייס, וואָס פאַר אַ גרויסע געביידעס פון געדאַנק, גייסט און טאַלאַנט עס וואָלט אונדז איבערגעלאָזט דער דאָזיקער מוטיקער, טאַלאַנטפולער שרייבער, וואָס איז געפאַלן אין יענעם פינצטערן, הייסן זומערדיקן טאָג אונטערן האָגל פון רוצחישע קלעפּ.

משה בראָדערזאָן — דער וואָרט־שפּילער

זיין וועג: אין דער רוסישער מאָסקווע־שטאָט געבוירן געוואָרן; אין דעם ווייסרוסישן ניעסוועזש אין חדרים געגאַנגען; אין פּוילישן מאַנ־טשעסטער, לאָדזש — זיך אויסגעהאָדעוועט און עולה לגדולה געוואָרן; אין וואַרשע, נעבן אונדזערע גרויסע — קעגנאיבער דעם פּרץ־אוהל — זיין קבר געפונען.

דער צאַר האָט אים, נאָך גאָר אַ קליין קינד, פון מאָסקווע פאַר־טריבן, די ברוינע חיה האָט דעם יידישן פּאָעט פון לאָדזש פאַריאָגט. מאָסקווע — לאָדזש — צוויי איבערגעפלאָכטענע קרייזן פון זיין לעבן און שאַפן. אין מאָסקווע האָט ער איבערגעלעבט די צוויי וועלט־מלחמות, די רעוואָלוציעס פון 1917, די יאָרן פון האָפענונג נאָך היטלערס מפּלה, די בעריאַ־הריגות. מיט לאָדזש איז פאַרבונדן געווען כמעט זיין גאַנצער שעפערישער וועג. פונדאַנען האָט זיין נאָמען געגומען שפּרייזן איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך און איבער דער וועלט. דאָ האָט ער זיין ערשט דין ביכעלע — „שוואַרצע פליטערלעך" — אין 1913 אָנגעשריבן און האָ זיין לעצט פאַרמלחמהדיק ליד אין פּופּציק קאַפּיטלען — „ייד", אין 1939 אַרויסגעגעבן. און צווישן די צוויי ביכער ליגט גאַנץ בראָ־דערזאָן: ביכער און ביכלעך — לידער, באַלאַדן, דראַמאָלעטן, קליינע פּיעסקעס, מאַריאָנעטן־סצענקעס, קינדער־לידער, מיסטעריעס, זשורנאַלן, מאַניפעסטן, רעוויו־נומערן, הומאָריסטישע לידלעך. מיט זיין נאָמען און מיט לאָדזש זענען פאַרבונדן דאָס ערשטע ליטעראַרישע מאַריאָנעטן־טעאַטער „חד גדיא", די קליינקונסט־בינע „אַראַראַט", וואָס ער איז געווען איר שעפער און אינספּיראַטאָר. ער האָט געשאַפן דעם מוסטער פון קליינעם ליטעראַרישן טעאַטער־זשאַנער און משפּיע געווען, געלייגט זיין אומאָפּמעקלעכן שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג, פאַרשפּרייטונג און דערפאָלג פון דאָזיקן זשאַנער אויף די יידישע בינע־ברעטער. ער איז געווען אַ נייער, מאָדערנער, הײנטצייטיקער גלגול פון די בראָדער זינגער

און דורכגעדרונגען אַ גאַנצן צווייג פֿון יידישער וואָקאַליש-מוזיקאַלישער קולטור.

אַ שוואַרצער, אַ הויכער, שלאַנקער און בויגעוודיקער, מיט אַ לאַנג געזיכט, לאַנגער נאָז, שיינע לאַנגע ברעמען-בויגנס, אַ כאַראַקטערפֿול געשניצט מויל מיט צוויי טיפֿע קנייטשן ביי די זייטן, אַ גרויסע, גלאַטהאָריקע, אָבער צעכוואַליעטע, אומרואיק-פֿאַלגדיקע טשופּריגע, לאַנגע באַקנבערד, מיט אַ ליולקע אין מויל און נישט זעלטן מיט אַ מאָנאָקל אין אויג — האָט ער פֿאַרמאָגט די פֿרייע עלעגאַנץ פֿון אַ באָהעמע-מענטש, פֿון אַ קינסטלער-נאַטור. שוין פֿונדערווייטנס האָט מען געקאָנט אין אים דערקענען אַ דינער פֿון די מוזעס. מ'האָט אים פּונקט אַזוי געקאָנט, לויטן אויסערלעכן אויסזען, אָננעמען פֿאַר אַ שוישפּילער, מאָלער, מוזיקער, ווי פֿאַר אַ פּאָעט.

נישט צופֿעליק האָט ער זיך באַוויזן מיט „פֿליטערלעך" אין דער ליטעראַטור. ער האָט זיי לכתחילה אַ נאָמען געגעבן „שוואַרצע" — אָבער שפּעטער זענען עס געוואָרן פֿאַרשידנפֿאַרביקע, פֿאַרשידנפֿאָרמיקע „פֿליטערלעך". די פֿליטערלעך האָט ער איינגעהאַלטן, וואָרום פֿון דער אייגענער הויט קאָן מען נישט אַרויסשפּרינגען, מיט וואָס מען איז, געוויגלעד, געקומען — וואַקסט מען. דאָס איז דער סימן מובהק פֿון דאָס יחידישע אויף אַ גאַנץ לעבן.

מיט זיין ליבע צו קלינגעוודיקייט, צו פֿילגעגראַמטקייט, צו ריטמישער מוזיקאַלישקייט איז ער צום נאָענטסטן געווען צום יונג-פֿאַרשטאָרבענעם לייב ניידוס. ניידוס איז אָבער געווען אַ לויטער קוועלכל אונטער אַ פֿרילינג-זון, שפּילעוודיק-זאָרגלאָז, אַ גאָלדענע פֿרייד האָט אומפֿאַרוואָלקנט אַרויסגעשטראָמט פֿון זיין האַרץ אַרויס. בראָדערזאָן האָט נישט געהאַט אַזאַ שטראַלנדיק יום-טובדיק געמיט. אומעט, פּעסימיזם האָט זיך אַרויסגעפֿילט שוין פֿון זיינע ערשטע „שוואַרצע פֿליטערלעך"; אין זיינע שפּעטערדיקע לידער-ביכער איז אָנגעוואַקסן די איכה- און קינה-טעמע. אָבער ווי ערנסט ער זאָל נישט צוגיין צו אַ טעמע, וואָס האָט אים טאַקע באמת געקוועלט און געפּייניקט — אַלץ איינס האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון די ליטעראַרישע פֿליטערלעך. די שפּראַך, זיין אינסטרומענט, וואָס ער האָט באַהערשט מיט אַזאַ ווירטואָזיטעט און וואָס האָט געבלאַנקט מיט אַן עשירות פֿון פֿאַרבן האָט גובֿר געווען דאָס טיפֿע געפֿיל. אים האָט זיך אַלעמאָל געוואָלט אַ שפּיל-טאָן, אַ בלענד-טאָן, ווייזן אַ „קאַפּריציאָ"-טעכניק. ווייל ער איז געווען אַ שפּילער, משה בראָדערזאָן. ער האָט דעם

אינסטרומענט גופא ליבער געהאַט פון אַלץ. זיין גרויסע מעלה איז אויך, בכן, זיין גרויסער חסרון געוואָרן. ער איז געווען אַן אַקטיאָר אין דער ליטעראַטור, אָבער אַן אַקטיאָר פון אַ באַזונדער כאַראַקטער. ער האָט טראַגישע מאָנאָלאָגן געלייענט מיטן נוסח פון אַן עלעגאַנטן פּעליעטאָן, באַזעצט מיט בלישטשענדיקע שטיינדלעך.

ערגעצוווּ זאָגט ער:

„עס איז מיין האַנט אין קללה נישט געשפּאַנט“.

אָבער שעלטן האָט ער דווקא געוואָלט, און צוליב וואָס שעלטן איז געווען, וואָרום ער האָט זיך אָפּט צוגערירט צו ווייטיקדיקע וווּנדן פון דער צייט, אָבער שעלטן נישט געקאָנט, וואָרום מען קאָן נישט שעלטן ווויל־קלינגעוודיק און עלעגאַנט. אונטער אַזאַ רייכן בגד פאַרזינקט ערגעצוווּ, ווערט פאַרפאַלן דאָס געפיל. ווען שעקספּיר לאָזט זיינע קעניגינס שעלטן, „רעדן זיי פּראָזע“ ווי אַ מאַרק־יידענע און ווען ביאַליק שעלט — פאַר־געסט ער, אַז ער שרייבט לידער. בראָדערזאָן האָט ליב געהאַט די גרויסע קונסט פון פשטות — דאָס זעט מען פון זיין פאַרערונג לגבי אַברהם רייזען, אָבער אים אַליין איז זי נישט צוטריטלעך. אין לידער איז ביי אים די „פשטות“ געווען אַזוי אויסגעטאַטוירט, אַזוי באַצירט, אַז ס'האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דאָס „זאָגעכץ“ — אַן עכט־יידישער פאָעטישער נוסח — גייט טאַקע ממעמקים. בראָדערזאָן האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער שרייבט פּאָעזיע, אַז ער שאַפט ליטעראַטור.

„איך האָב זיך קעגן גורל און מזלות שלעכט
אַוועקגעלאָזט! אַנטקעגן קנעכט — מיט אַ געפעכט!
באַוואָפנט מיט מיין טרוימען־רעכט“.

דאָס איז אַ ציטאַט פון זיינס אַ ליד וואָס הייסט „פאַרצווייפלונג“.

יאָ, ער האָט געקענט, משה בראָדערזאָן, שייך געקענט! ער איז אָבער נישט געווען קיין קוילנגרעבער אין דער ליטעראַטור, קיין טשוהון־גיסער, נישט געאַרבעט אין מעטאַל. האָט ער געהאַט צו טאָן מיט שטיין — האָט ער אין אים איבערגעלאָזט אַ לייכטע שפּילנדיקע וויניעטקע, נישט אין זיין נאַטור איז געווען טיפע קריצונג.

און דאָס איז די סתירה: זאָרגלאָז איז בראָדערזאָן קיינמאָל נישט געווען, ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן אינטעלעקט, עספּרי, דינעם הומאָר, פאַנטאַזיע, די וועלט אַרום איז אים אָנגעגאַנגען. נאָר די ליידנשאַפט צום שפּילעוודיקן וואָרט און קלאַנג, האָט צוגעגעבן זיין שאַפן אַ מין עסטראַ־

דעמעסיקייט, לייטזיקייט. טריאָלעטן זענען נישט פעיק צו טראָגן אַ שווערע לאָדונג. גוט איז אין זיי צו שרייבן אַלבאָם־לידער, אָבער בראָדערזאָן האָט אין זיי געוואָלט שרייבן ערנסט און געבליבן איז נאָר דער קלאַנג, די מוזיקאַלישע איבערהזרונג, די ווערסיפיקאַציע־מייסטערשאַפט. און נישט דווקא אין טריאָלעטן. ווען די סאַמע ערנסטע ענינים רעדט ער מיט אַזאַ מין קונציקער טאַנץ־שפּראַך:

„פון האָרן דעם פאַרלוירענעם אין קוים געטרוימטן
טויזנט יאָר“

(„דער שופר של משיח“)

„איך זינג מיין בלוט־ און טרערן־קלינגענדיקע יאוש־ליד“
(„בלוטבליט“)

אָבער בלוט און טרערן האָבן נישט אַזאַ קלאַנג, אַזאַ ווילקלאַנג. בלוט און טרערן פאַרליידן נישט קיין צירונג, קיין קווייטלעך. יאוש — איז אַ פינצטער געפיל, קאָן עס זיך נישט פוצן אין פאַרביקע פעדערן. אויף אַזאַ אופן באַקומט זיך אַ סתירה צווישן פאָרם און אינהאַלט. איינס מיטן אַנדערן איז נישט מסכים, איינס דאָס צווייטע לייקנט אָפּ. די פאַרצווייפלונג קאָן מען נישט אָנטאָן אין פאַרביקע לענטעס, קדיש זאָגט מען נישט אין ריטם פון פאָקסטראָט.

דאָ ווו ס'איז געווען ווילינגערישע בונטאַרישקייט, האָפּערדיקייט, מוטערגאַנג — דאָ האָט בראָדערזאָנס פערז געקלונגען אין אונטעאָן מיטן באַפרייטן געפיל. ער האָט געוישט און באַרוישט. די יונגע, די גאָר יונגע אין די מיט יידישער פּאָעזיע שפּראָצנדיקע צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך געצויגן צו משה בראָדערזאָן, ווי צו אַן עלטערן ברודער. זיי האָט אימפּאָנירט צו זיין זינגער־קלינגער, פאָרמזוכער. אַ נייע צייט איז געקומען, רעוואָלוציאָנערע ווינטן האָבן געבלאָזן פון מזרח, אָנגעצונדן נישט נאָר מיט קאַמפס־גייסט, גייערט אויך מיט לעבנס־לוסט און קאַמף־שמחה זייערע הערצער. און די יידישע פּאָעזיע ביז דער רעוואָלוציע האָט אויסגעזען צו זיין גרוי און פאַרבלאָזן, פאַראומערט־מעלאַנכאָליש. מ'האָט שוין מער נישט געקאָנט זינגען ווי אברהם רייזען, ווי דוד איינהאָרן. ז יי ע ר יונגקייט איז שוין גרוי געוואָרן. די יונגע פון מאָסקווע, קיעוו און מינסק האָבן זיך איבערגערופן מיט די יונגע פון פוילן, מיט די יונגע פאָרם־זוכער און טראַדיציע־פאַרלייקענער פון אַמעריקע. אַ געזאַנג האָט געקלונגען,

אַ שאַלן, אַ כאָר פון ניי-געבוירענע פּאָעטישע כוחות. אָט דאַן האָבן בראָ-דערזאָנס שורות געקלונגען ווי אַ מונטערער מאַביליזיר-מאַרש.

„מיר, יונגע, מיר — אַ פריילעכע צעזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר גייען אין אַן אומבאַוווסטן וועג,
אין טיפע מרה-שחורהדיקע טעג
און נעכט פון שרעק —

Per Aspera ad Astra!

— —

— —

העי, ווייניקער אַ ביסל קלערן!
וואָס ס'איז באַשערט, וועט אונדז באַווערן!
די פרייד שוט זיך פרוכפּערן און מערן,
און הערן וועלן הימלען גערן
און בקדושה טרייהייט שווערן;
כאַ-כאַ — דערווײַלע טאַנצן בערן!

Per Aspera ad Astra!

„דורך דערנער צו די שטערן“ — דאָס האָט אויסגעדריקט די זאָ-פענונג וואָס גייט אויף, דאָס גלויבן אַז נייע צייטן קומען אָן. ווייניקער קלערן! אָבער ווען בראָדערזאָנס לידער זענען פול געוואָרן מיט מחשבות, מיט אומעט, מיט פאַרצווייפלונג, ווען ער האָט גענומען צוהילף דעם שטן און דעם שאָטן, ווען דער בייראָנישער וועלט-שמערץ האָט גענומען הערשן אין זיין טעמאַטיק, האָבן זיינע ווילקליגעוודיקע, ראַפינירטע, העברעיש-יידיש געגראַמטע שורות — אויף וואָס ער איז געווען אַזאַ מייסטער — נישט דורכגעדרונגען אָרגאַניש דעם שטאָף, די טעמע, דעם אינהאַלט. מ'האָט דאָס געפיל געדראַפּט זוכן נישט אין די שורות, נאָר ווי מחוץ זיי.

„און מיין נשמה פון דעם ש ט נ ס ש א ט ן שוואַרץ ענטפּלעקן?“

„דער שטן האָט אַ וועלט פון זונען-שטראַלן אויסגעשאָטן“
„פאַר וועמען זאָל איך ה אַ ר צ ן זיך? פאַר וועמענס וועגן?“

אָט דער דאָזיקער שפּיל־מאַניער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן בלויז און טרערן, ווייטיקן און ווונדן, יאוש און טרויער — איז געווען טאַקע בראָדערזאָנס אַן אַנטפּלעקונג, זײַנס אַ ווירטואָזישע דערפינדונג, זי האָט אָבער געטראָגן אין זיך די אייגענע אָפּלייקענונג.

פאַראַן אָבער לידער ביי בראָדערזאָנען, די קלענסטע טאַקע אין צאָל, וואָס דער אומעט זייערער, דער טרויער ווירקט מיט אמתדיקייט און עכטקייט און דאָס דערפאַר, ווייל אין זיי איז פאַראַן ווייניקער ווערטער־שפּיל און מער בילדער־שפּיל. און צווישן זיי ביידע איז אַ גרויסע נפקא־מינה. די באַרעדעוודיקייט, פּילווערטערדיקייט איז אין סתירה מיטן מהות פון פּאָעזיע. דער באַגריף ווערט רייכער דורך סינאָנימען, דאָס בילד — ווערט דורך זיי פאַרבלאַסט. די עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פילט מען ווען זי איז געפּרעסט. נאָר דער דיכטער, וואָס איז אין שווערן קאַמף גובר זיין נאַטירלעכע שטרעבונג צו באַרעדעוודיקייט, האַלט אָפּ נצחונות.

בראָדערזאָן האָט געוווסט די חכמה פון צמצום אין זיינע סצענקעס. אין זיין בוך „פאָרשטעלונגען“ זענען פאַראַן קורצע שעדעווערס. דאָ האָט ער געמוזט געבן דאָס וואָרט די פּערסאָנאַזשן און אַקטיאָרן און זיך אַליין באַגרענעצן — זענען זיי דיאַלאָגיש שלאָגפערטיק, אַפאָריסטיש, דאָס אַנעקדאָטישע באַקומט דראַמאַטישן און פּאָעטישן לבוש. די דאָזיקע סצענקעס זענען באַלאָדן מיט געדאַנק. טעאַטער איז שפּיל — דערפאַר זענען אָנגענעם זייגע דראַמאָלעטן. די לייכטקייט איז די מעלה זייערע, זייער שפּילעוודיקייט פאַרווילט און מאַכט נישט מיד.

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז בראָדערזאָן איז ווי פון איין טייג געקנאָטן, כאָטש ער האָט געאַרבעט אין אַלע זשאַנרען און פאָרמען. ער איז געווען אַ ליטעראַט, אַ פען־מענטש פאַר עקסעלאַנס, ער האָט געקאָנט אויפשלאָגן ווערטער ווי אַ שוים, קרייזלען זיי, כוואַליען זיי, וויגן זיי, מאַכן פון זיי וויניעטקעס, מאָזאַאישע שיין־שפּילערייען. ער איז געווען אַ פיינגייסט, אַן עסטעט, אַ ווערטער־פראַנט. אָבער שלאָגן, ווירקן, פלעפן, קאָן ער נאָר דאַן ווען ער דערגרייכט, כאָטש נישט צו אָפט, אַ קאַלאַמבוריסטישע פאָרם. זיין ווערטער־אימפעט האָט די דאָזיקע אויסדרוק־מעגלעכקייטן פאַרדרענגט, פאַרשטופּט.

בראָדערזאָן איז געווען אַ מייסטער פון דעדיקאַציעס. זיי זענען געווען זעלטן שיין אין פאָרם און געפּרעסט־איגהאַלטלעך, כאָטש ווי תמיד עלעגאַנט־שפּילעוודיק. ווען מ'וואָלט זיי צונויפגעזאַמלט וואָלט עס געווען אַ גוטער צושטייער צו זיינע געדרוקטע ווערק.

א מכשף פון וואָרט, אַ זשאָנגלירער, אַן אַקראָבאַט, אַ מייסטער אין פאַרשידענע פאָרמען; מוזיקאַליש און ראַפינירט — האָט ער דאָס געזאַנג וואָס האָט געקוועלט אין זיין ברוסט, אַרויסגעזונגען אַזוי, ווי אַ מענטש אַ פאַרליבטער אין זיין באַשערטער — ער האָט מקריב געווען פאַר אירע שיינע אויגן, שמייכל און גראַציע דעם טיפערן זין פון זיין לעבן, אַנדערע קוואַלן פון זיין טאַלאַנט. ער האָט זיך אַליין פאַרלוירן זוכנדיק די פאָרמען זיך און אונדזער פאָעזיע צו באַנייען. פון אים קאָן מען לערנען, ווי גרויס ס׳איז די סכנה פון וואָרט־באַרויש, פון דער שכרות פון וואָרט־שפּיל. ער האָט ערלעד און ליידנשאַפטלעך, רירנדיק ליב געהאַט דאָס יידיש־לשון — זיין פידל, זיין אינסטרומענט.

„איך לייג דאָ אויף מיין ברוסט איר זיסן קאָפּ געבויגן,
די טויזנט טעם און חן פון איר — איר ליכטיקן געמיט,
און כ׳מורמל: מיר פאַר דיר, פאַר דיינע גוטע, קלוגע אויגן,
מיין היים — מיין יידיש, מיין יידיש וואָרט, מיין יידיש ליד!“

דאָס איז געווען אַ ליבע ביזן לעצטן אָטעם.

שמואל האַלקין

דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1 בייטאָג, אין יאָר 1960, איז דאָס אומ־גליק געשען — שמואל האַלקין האָט זיך געלייגט אויף אַ וויַיל אָפּרוען און איינגעשלאָפן אויף אייביק.

שטום איז געוואָרן דאָס האַרץ, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געזונגען, געזונגען מיט אַזאַ צאַרטקייט, דינקייט און ווייכקייט און געבענקט

נאָך אַלץ וואָס האָט נאָך נישט קיין נעמען
און ליגט פאַר טויזנט מייל פונדאַנען,
אַ ווו ס'איז צו דעם קיין וועג, קיין שטעג פאַראַנען.

* *
*

די ביאָגראַפיע פון אַ דיכטער דאָס איז די געשיכטע פון זיינע לידער, אייגנטלעך — די געשיכטע פון זיין רייף ווערן, פון זיין אָנגיסן זיך מיט אַלע זאַפטן פון לעבן, אויפהיטנדיק גלייכצייטיק דעם פורעם, דאָס געפעס מיט וועלכן ער איז געקומען. היינט זענען פאַראַן מיינונגען, אַז כּדי דער דיכטער זאָל זיך אַנטוויקלען, דאַרף ער יעדעס מאָל שרייבן להיפּוך, איגנאָרירן אַנדעריש ווי ער האָט געשריבן זיין פריערדיק בוך — אַזוי דערקענט ער זיך און וואַקסט. פאַרשטייט זיך, פאָרם־זוכעניש זענען אַזוי נאַטירלעך פאַרן דיכטער, ווי פאַר אַ בוים זיך אָנטאָן אין צווייגן און פרישער באַבלעטערונג, אָבער די זאַפטן, וואָס קוועלן אַן די צווייגן און בלעטער זענען די זעלבע. אַ באַרגע ווערט קיין עפּל און קיין פלוים נישט. די כעמישע לאַבאָראַטאָריע פון דער אָרגאַניק איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנ־גער אומגעזעענער אַנטוויקלונג. מיט וואָס איינער קומט — דאָס אַנט־וויקלט ער. אין דעם שטעקט דאָס יחידישע, דאָס אינדיווידועלע, דאָס וואָס מיר רופן אַן די „אייגענע האַנטשריפט“, די אָריגינאַליטעט.

האַלקין איז געווען איינער פון די סאַמע געצווימטע דיכטער. ער האָט געגראָבן אין דער טיף פון זיין געפיל. זיין וועזן איז פרעמד געווען טומל, פאַרכליניען זיך, אַרויס פון די כלים. יעדער העכערער טאָן האָט אים געקלונגען פאַלש. זיין טעמפעראַמענט איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו אַ טעמפעראַטור, וואָס זאָל אים וואַרפן אין פיבער. ער איז געווען כמעט אָלימפיש רואיק, באַהערשט, און איינגעהילט אין אַ לייכטער מעלאַנכאָליע, ווי אין אַ דורכזיכטיקן טיול.

זיין ליד איז געפלאָסן פון דער סאַמע טיף, אָבער אויף דער אויבערפלאַך האָט זיך באַוויזן אַ קוואַל, וואָס פליסט רעגלמעסיק און באַזאַכט. דערפאַר האָט עס נישט מיטגעשלעפט קיין זאַמד און קיין ליים, ווייל ער האָט נישט געוווסט פון קיין אויפרייסן, פון קיין שטורעם. ער איז נישט געווען קיין קראַטער, נישט אַרויסגעשלײַדערט קיין זודיקע לאַווע.

מען רעדט וועגן אינטעלעקטועלער פאָעזיע. איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר ווען דער געדאַנק איז אָפּגעטונקט און אָנגעזאַפּט מיט עמאָציע, ווען ער ווערט אויסגעפורעמט דורכן געפיל, ווען ער קומט צוגלייך און צוזאַמען מיטן בילד, אַז אָנגעזעטיקט מיטן בלוט און מאַרך פון די ביינער, נאָר דאַן איז עס פאָעטישער געדאַנק. פאָעזיע איז נישט קיין אינטעלעקטואַליזם. די פילאָזאָפיע פאַרמאָגט פאָעטישקייט, אָבער זי איז קיין פאָעזיע נישט. האַלקינס געדאַנקלעכקייט איז געוואַקסן אויפן באָדן פון עמאָציאָנעלקייט, אין ריטם פון בילד און טאָן. זיין אַפאָריזם איז געווען קלאָרקייט פון האַרמאָניש געפורעמטן געפיל. ער האָט געהאַט אַ האַרץ מיט אויערן און אויגן. שפירעוודיקע, מוזיקאַליש־וויברירנדיקע אויערן — ער האָט געהערט די רוישן וואָס קומען פון דער ערדישער טיפקייט און דעם פליגל־געפאָך פון ווייטע פייגל, אָבער געהערט האָט ער עס מיטן האַרץ, זיין אויג האָט נאָכגעפאָלגט דעם אַרום — אָבער דאָס איז געווען דאָס אויג פון האַרץ.

מיט דריי יאָר נאָך פּרץ מאַרקישעס אַריינקום, האָט ער שעמעוודיקערהייט געעפנט די טיר אין דער ליטעראַטור אַריין. מאַרקיש — 1917, האַלקין — 1920. דער ערשטער איז געקומען בקולות וברקים, געבראַכט אַ געוויטער, וואָס אַזאַ האָט נאָך אונדזער ליטעראַטור נישט איבערגעלעבט, דער צווייטער איז געווען אַ קול דממה דקה — דער דינסטער, וואַרעמסטער איידלסטער אינסטרומענט אין אָרקעסטער פון דער יידישער פאָעזיע איינער — דער סאַמע פאָרטאָ, דער צווייטער — סאַמע פּיאַניסימאָ! צוויי

טאָוולען זענען זיי, צווישן וועלכע ס'ליגן איינגעשלאָסן פיל גלענצנדיקע נעמען פון דער יידיש=סאָוויעטישער דיכטונג.

מאַרקיש איז געקומען און א יי נ ג ע נ ו מ ע ן. נישט דערהערן אים האָט מען נישט געקאָנט אפילו ווען ס'האָבן געקלאַפּט די פּויקן און געשאַלט די טרומייטן. האַלקין האָט געדאַרפט צייט מען זאָל דערהערן זיין שטיל=פאַרחלומטן פּיאַניסימאָ, מ'זאָל זיך אומקוקן אויפן מתיקותדיקן געמורמל פון קוועלעכל, וואָס פליסט באַשיידן אין אַ טיפן גלעגער צווישן מאָך און געדיכטע שאָטנדיקע וועלדער, אין דער צייט ווען אַרום בראַזגען וואַסערפאַלן. זיין ערשט ליד — אַכט שורות אינגאַנצן — דרוקט ער אָפּ אין 1920; זיין ערשט ביכל דערשיינט אין 1924, אָבער ביז 1930 לעבט ער פון קאָרעקטור און נישט פון פּאָעזיע. אמת, די יידיש=סאָוויעטישע קריטיק דערשפּירט, אַז אַן אמתער טאַלאַנט האָט זיך באַוויזן, אָבער זי האָט לכתחילה פאַר אים קיין נאָמען נישט. מען האָט טענות צו אים. האַלקין אָבער, אַ פאַרליבטער תלמיד פון געטען, ווייס, אַז אַ דיכטער קאָן זיין נאָר דאָס וואָס ער איז, בלייבט ער געטריי זיין אינערלעכער שטים — דעם געזאַנג, וואָס שטראָמט אינטים אין אים.

פון דער רעטראָספּעקטיוו זעען מיר, ווי ווייט געוויסע קריטיקער זיינע זענען נישט געווען גערעכט און וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז געווען פאַר האַלקינען און פאַר אונדז אַלעמען, וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּשלאָגן פון זיין אייגענעם וועג. ער האָט געצויגן די זאַפטן פון נייעם לעבן דורך די וואָרצלען, וואָס זענען געלעגן ברייט פאַרצווייגט אין ווייטע דורות אַריין. האַלקין האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן דער פּראָגרעסיווער נאַציאָ=נאַלער ירושה קאָן מען נישט זיין קיין שטים אין אינטערנאַציאָנאַלן כאָר פון די פעלקער. פּונקט ווי דער דיכטער לאָזט די ווירקלעכקייט אַדורך דורך זיין אינדיווידועלער שעפערישער פּריזמע, פּונקט אַזוי באַקומט ער בירושה דעם אייגנטימלעכן נאַציאָנאַלן פורעם פאַר זיין שעפערישן אויפנעמען די פילגעשטאַלטיקייט פון היסטאָרישע געשעענישן און פון אַקטועלע סאָציאַל=געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן.

האַלקין איז דורך און דורך געווען אַ ליריקער און נאָר א ליריקער און דאָס באַדייט, אַז ער איז געווען פון דער נאַטור באַשאַפן צו זען די אָביעקטיווע וועלט דורך זיין אייגענער גייסטיקער אייגנאַרט, דערפאַר טאַקע האָט ער מער ווי אַן אַנדערער קאָנטראָלירט דעם פּראָצעס פון צואייגענען זיך די וועלט און זיך אָפּגעגעבן א דין חשבון, אַז זיינע עמ=פּינדונגען און אָפּשפּיגלונגען זענען פאַרבונדן מיט די פאָלקס=זאַפטן,

וואָס ער האָט איינגעזאַפּט נישט נאָר אין דער נאָענטסטער סביבה, נאָר אויך פֿון דער לאַנגדורותדיקער קולטור, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן, פּאַרטיפֿט און געענדערט געוואָרן פֿון דור צו דור. געוויס, אין זיין פּאָעטישן געמיט האָבן געלאָזט שפּורן פּושקין און געטע, מאַנגאָר און מאַיאַקאָווסקי, אָבער פּאַר דעם, שוין פֿון קינדווייז אָן, איז ער געווען אָנגעזאַפּט מיט איבן גבירול און יהודה הלוי — שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס מיטן שאַפֿן פֿון דער קולטור אין יידיש — מיט דעם יידישן פֿאָלקס-ליד און מיט דער מעשה, מיטן נוסח און מיטן געמיט פֿון זיין פֿעסטער געזונטפֿאָלקישער יידישער היים.

אין פֿיל לידער זיינע געפֿינען מיר אַקצענטן, וואָס קלינגען ווי דירעקטע ענטפֿערס די קריטיקער, וועלכע האָבן אים פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז „די פּאַרשיידנאַרטיקע מיטאָלאָגישע געשיכטלעכע ביבל-פֿאַרגלייכונגען פֿאַרפֿאָלגן ממש האַלקינען, וואָס ווענדט זיי אָן אויף שריט און טריט צום איצטיקן אויסקומעניש“ (י. דאָברושין); אַז ער איז געקומען צו דער רעוואָלוציע נאָר פֿון וויט, מיט אַ פֿעלערהאַפֿטער „ירושה-אָנלאָדונג“ א.א.וו. האַלקין פּאָלעמיזירט מיט קוים-באַהאַלטענער איראָניע:

„איך האָב געמיינט,
אַז איינער האָט אַזוינס, וואָס ציילט שוין יאָרן טויזנט,
אַזוינס, וואָס האָט געלעבט —
נישט אויסגעלעבט דורך עלטער-עלטער-זיידעס;
האָב איך געטראַכט: ווי קאָן אַ קאָפּ מיט אַקסלען זיך
צעשיידן?“

(פֿון בוך „קאָנטאַקט“).

אין דער צייט, ווען די גרויסע יידישע שעפֿערישע טאַלאַנטן אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָבן אין זייערע ווערק אויסגעדריקט די דיאַלעקטיק פֿון דער היסטאָרישערווירקלעכקייט און געזען זיך און די וועלט אין צוזאַמענהאַנגען און שייכותדיקייט, האָבן אַ טייל קריטיקער, וואָס האָבן אומעטום געזוכט „אינטעליגענטישקייט“, „רעציזיוון פֿון נאַציאָנאַליזם“ וכדומה, זיך אַליין אַרויסגעשטעלט אַ צייגעניש פֿון אַ סכאָלאַסטישן און דאָגמאַטישן צוגאַנג.

אַז „אַ קאָפּ קאָן זיך נישט צעשיידן מיט די אַקסלען“ האָבן פֿאַרשטאַנען האַלקין ווי מאַרקיש. דער נסתר ווי בערגעלסאָן, שוואַרצמאַן

ווי האָפּשטיין, און דערפֿאַר איז רכילות און ליגן די באַהויפּטונג, אַז די ייִדיש־סאָוויעטישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט כּלומרשט נישט קיין נאַציאָנאַלן אייגנאַרט. די רעוואָלוציאָנערע ייִדיש־סאָוויעטישע ליטעראַטור האָט באַוויזן ווי האַרמאָניש עס פּאָרט זיך טריַיהייט צום אייגענעם פֿאָלק און זיין פּראָגרעסיטיענער קולטור מיט אינטערנאַציאָנאַליזם, פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט און געמיינזאַמקייט פֿון פּראָלעטאַרישע אינטערעסן. זי האָט געפֿונען דעם קאָנטאַקט צווישן פּראָגרעסיטענעם נעכטן, רעוואָלוציאָנערן היינט און דער צוקונפֿט, צווישן זיך און אַנדערע פֿעלקער.

„אַ וואָרט האָט זיין עבר, זיין צוקונפֿט,
נאָר פּוסט וואָלט פֿאַרבליבן דאָס וואָרט,
ווען ס'פֿעלט אים די ברכה די דריטע:
אין היינט אויך געפֿינען זיין אָרט".

*　　*
*

זעלטן זענען פֿאַראַן פּאָעטן, וואָס ליידן נישט פֿון פֿאַררייסנקייט, פֿון היפּערבאָליק, פֿון גוזמא. באַשיידנקייט געהערט זעלטן צו די מעלות טובות פֿון פּאָעטן. האַלקין איז געווען כּולו באַשיידנקייט, כּולו פּשטות, הוילע כּשרע ערלעכקייט. אַזוי אין לעבן, אַזוי אין דער דיכטונג.

מיט ליבע און גינציקייט צו מענטשן איז ער געווען אָנגעפֿילט. זיין הומאַניזם איז נישט געווען קיין קעמפֿערישער. ער האָט דערצויגן דאָס גוטע, דאָס איידל־מענטשלעכע מיט דער וואַרעמקייט און ווייכקייט פֿון זיין וואָרט, מיט דער פּשוטער נישט געקינצלטער פּשטות פֿון זיין [illegible]טרייסט פֿליסנדיקער סטראָפֿע. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר איבערטרייבונג. געוווּסט, אַז דאָס וואָרט קאָן זיך אָפּרייסן פֿון שורש און פֿאַרטראָגן ווערן, בלייבן הענגען אין דער לופֿט און דאַן איז עס וואָרט־שפּײַלעריי און נישט קיין פּאָעזיע.

„אַ גם דאַרף זיך טרעפֿן, און אמתער גם
דאָס וואָרט זאָל דאָס בלויז ניט פֿאַרשעמען".

דאָס וואָרט זאָל טראָגן די לאַסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, עס זאָל נישט מבייש זיין דאָס בלוט. אַ האַרץ זאָל רעדן צום האַרצן, ווייל עס גייט פון די טיפענישן, ממעמקים.

„איך וויל נאָר דער גראַם זאָל ניט שווער זיין,
זיך בעטן אליין פון די ליפּן".

עס קומט אָבער אָן שווער פּשוט און פּראָסט צו רעדן דעם אמת, וואָס ווערט געטראָגן אין האַרצן. „דו מיינסט געווים, זי קומט גרינג אָן די ליד?"

ער האָט זיך מצער געווען, געוווסט, אַז ס'זענען פאַראַן גרויסע נעמען, וועלכע דאָס האַרץ איז נישט בכוח צו טראָגן, אַלנפאַלס ער, האַלקין, איז עס נישט בכוח.

„געפּרווט האָב איך זינגען פון דרייסטקייט פון מוט,
וואָס פעלקער און לענדער פאַרוואונדערט,
וואָס ווערן וועט שפּעטער די קרוין און די רוט,
דער וווּנדער פון אונדזער יאָרהונדערט.

און דאַכט זיך, איך זינג דאָך פון דעם וואָס עס ווייסט
פון עופל אין וויג ביז זקנים.
נאָר אײנער איך ווייס ניט ביז הײַנט ווי עס הייסט
און פרעגן איך קאָן ניט בײַ קײנעם:

פאַרוואָס קאָן איך ניט זינגען פון דעם, וואָס מיך רופט,
פון דעם וואָס מיך ציט — סכנות,
פון דעם וואָס איך אָטעם אַרײַן, ווי לופט,
און אַרויסאָטעמען איך קאָן נישט".

האַלקין האָט נישט געקאָנט זינגען פון שנאה, פון האַס, פון קאַטאַקליזמען און קאַטאַסטראָפעס. ער איז נישט געווען דער אינסטרו־מענט פאַר שלאַכטן, פאַר גרוילן, הריגות און זיגן, דערפאַר האָט אָבער קיינער ווי ער נישט געקאָנט אַזוי זינגען וועגן דעם אומגליק, וואָס ווערט געטראָגן אין די טיפענישן פון מענטשן מיט אומגעוויינלעכן העלדנמוט, שטאָלץ און מיט פולן באַוווסטזיין. געגוג צו דערמאָנען זיינע ווונדערלע־

כע לידער וועגן דער מאַמען, וואָס פאַרלירט אירע זין, וועגן די מיידלעך, וואָס דער אומעט נאָיעט זיי, ווייל זייערע בחורים זענען אויף די פראָנטן; זיינע שטילע, נאָגנדיקע, טרויעריק־זיסע, היילנדיקע און טרייסטנדיקע אומגליק־לידער. זיין האַרץ איז געווען אַ האַפּן פאַר אַלע שיינקייטן און אומגליקן, אַ האַפן פאַר רו און טרייסט, אַ האַפן, ווו ס׳ווערן געלינדערט די ווייטיקן, פאַרוויגט און צוגעטוליעט דער פיין.

האַלקין איז געווען דער צאַרטער, זוניקער מאָצאַרט און דער מעלאַנכאָלישער שאָפּען פון אונדזער פּאָעזיע, אַזאַ וואַרעמער שטילער שטראָם, אין וועלכן אונדזערע הערצער באָדן זיך און ווערן דורך אים מילד און לינד, ווי אַ לייכטער ווינט וואָלט געקילט אונדזערע אומרואיק־פּולסירנדיקע שלייפן.

מרדכי געבירטיג

מרדכי געבירטיג איז געווען דער דיכטער, וואָס זינגט בפועל ממש. אַלע זיינע סטראָפעס זענען פאַרקלײדט געווען אין געזאַנג. ער פלעגט זיי אויסזינגען, אָדער אויסשפּילן אויף אַ פאַסטוך-פייפל. פאַרשרייבן די נאָטן פלעגן זיינע באַקאַנטע, ער אַליין האָט קיין נאָטן נישט געקענט.

לידער פלעגט דאָס פאָלק זינגען, נישט לייענען. כ'געדענק, אַז מיין טאַטע, אַ באַלמעלאָכע, פלעגט פרייטיק נעמען אַ צייטונג אין האַנט און געפינען אַן אָפּגעדרוקט ליד, פלעגט ער מיך פרעגן: נו, ווי זינגט זיך עס? מיין דערקלערונג, אַז ס'איז אַ ליד צום ל י י ע נ ע ן, האָט אים נישט באַפרידיקט: וואָס פאַר אַ ליד איז עס, וואָס זינגט זיך נישט? דער פאָלקס-מענטש איז געווען איבערצייגט, אַז צוזאַמען ווערן זיי געשאַפן — די ווערטער מיטן ניגון.

די געזונגענע פּאָעזיע האָט געהאַט אין יידישן לעבן אַלטע טראַדיציעס. נישט נאָר די פורים-שפּילער — די אורפאָטערס פון יידישן טעאַטער — פלעגן זינגען די יענצייטיקע פּאָעזיע. אויך די קינות-כראָניקעס, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, פלעגן געזונגען ווערן. בראָדער זינגער זענען אויפגעקומען אויפן באָדן פון אַלטע טראַדיציעס און אַליין געלאָזן וואָרצלען אין יידישן לעבן. איינער פון די שענסטע יידישע פאָלקס-דיכטער, מאַרק וואַרשאַווסקי, איז אַנטדעקט געוואָרן דורך שלום-עליכמען און אַ דאַנק אים טאַקע, האָט דער ערשטער אויפגעטויכט מיטן נאָמען פונעם ים אַנאָנימער פאָלקס-שאַפונג, אָבער געגורטעוועט האָט זיין שאַפן אין דער אַלטער פאָלקישער פּאָעטישער טראַדיציע.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז געווען אַן אינטעליגענט, כאָטש אַ פאָלקס-מענטש מיט דער גאַנצער נשמה. מרדכי געבירטיג איז געווען אַ באַלמעלאָכע. געלערנט האָט ער ביז 10 יאָר אין חדר און דאַן אַוועק צום וואַרשטאַט. אַ גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעהאָרעוועט מיטן הובל, געפירט אַ פּשוט לעבן און נישט געהאַט קיין פּרעטענזיעס פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַ דיכ=

טער-ליטעראַט, פֿאַר אַזאַ איינעם וואָס שרייבט לידער, דרוקט זיי אין די זשורנאַלן און פֿאַרעפֿנטלעכט זיי שפּעטער אין לידער-זאַמלונגען. און אוודאי האָט ער זיך ניט געהאַלטן, חס וחלילה, פֿאַר אַ קאָמפּאָזיטאָר. אָבער געווען איז ער ניט מער און ניט ווייניקער ווי טאַקע אַ דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר פֿאַר עקסעלאַנס. אויף ביידע געביטן — וואָס האָבן זיך ביי אים אַזוי אָרגאַניש צוזאַמענגעגאָסן — איז ער געווען הויך טאַלאַנטירט. אויב דער עפּיטעט „פֿאָלקס" דאַרף באַדייטן אַ וואָסער ניט איז פֿאַרמינערונג (אפֿילו אויף אַ קוצו של יוד) פֿונעם וואָרט „דיכטער", וואָלט איך געווען באַוודאי גרייט זיך אָפּצוזאָגן פֿונעם „פֿאָלקס". געבירטיג איז געווען אַן אמתער דיכטער, אַ פּאָעט, און דאָס „פֿאָלקס" באַדייט נאָר, אַז ער איז געווען מיט עפּעס וויכטיקס העכער פֿון אַ פּאָעט פֿון נאָמענקלאַטור. איך זאָג עס דערפֿאַר, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון זיינע לידער, כאָטש זיי זענען געבוירן געוואָרן צום זינגען, האָבן אַ זעלבשטענדיקן ווערט ווי פּאָעזיע צום לייענען. דער ניגון פֿאַרטיפֿט נאָר די שיינקייט פֿונעם פֿערז. די פֿאָלקסטימלעכקייט גיט אים צו חן און רייץ און דער טיטל פֿאָלקס-דיכטער קומט אים ניט פֿאַרן כאַראַקטעריסטישן נוסח פֿון שאַפֿן, נאָר אויס אָנערקענונג, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון גאַנצן פֿאָלק און דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַרדינט זיין גרויסע ליבשאַפֿט.

מרדכי געבירטיג איז אַ זעלטענע ליטעראַטור-דערשיינונג קודם-כּל. די לידער וואָס ער האָט געשאַפֿן ביים סטאָליער-וואַרשטאַט, וואָס ער האָט געזונגען פֿאַר זיינע דריי טעכטער האָבן ניט נאָר צעשפּאַרט די אָרעמע ווענט פֿון זיין שטוב און אַריינגעדרונגען אין הונדערטער טויזנטער היימען און דערקוויקט הערצער, זיי זענען אַרויף אויף די עסטראַדעס פֿון קאָנצערט-זאַלן, אַרויף אויף דער טעאַטער-בינע און להיפּוך צו דאָס רוב לידער, וואָס האָבן געקלונגען פֿון איר, האָבן זיי אַרויסגעשיינט ווי פּערל מיט זייער אומגעפֿעלשטער נאַטירלעכער שיינקייט און צויבער. איז אַ ליד געווען שיין און מלא חן — האָט מען זיך באַלד געקאָנט אָנשטויסן, אַז ס'איז געבירטיגס.

געבירטיגס פֿאָלקסטימלעכקייט האָט בשום אופֿן ניט באַדייט, אַז זיינע לידער קאָן מען ניט דערקענען פֿון הונדערטער פֿאָלקס-לידער. פֿאַרקערט, זיינע לידער האָבן געטראָגן דעם קען-צייכן פֿון זיין פּערזענלעכקייט, זיין אינדיווידואַליטעט. זיי זענען געווען געפֿאָרעמט און געלייטערט, צאַרט און שפּילעוודיק, זיך אָפּגערופֿן אין האַרצן מיט אוממיטלבאַרן ציטער. אַזאַ וואַרעמע ריינע ליכט האָט פֿון זיי אַרויסגעשיינט. זיי פֿאַרמאָגן ניט

די שטומפּיקייט, וואָס מען קאָן טרעפן אַפילו אין די גוטע פאָלקס־לידער; עס פעלט אין זיי איבערגעטריבנקייט און איבערגעזאַלצענער וויי־אויסגעשריי, וואָס עס מיידט נישט אויס די פאָלקס־דיכטונג. זיי זענען ליטעראַריש ציכטיק. עס פילט זיך אין זיי טאַקט, דאָס ראַפינירטע געפיל פאַר מאָס; דאָס וואָרט איז פּרעציז, די פּאָעטישע שפּירונג אַדעקוואַט, זייער, פון אינעווייניק אָרגאַניזירטע, סטרוקטור, זייער פאָרעמלעך־טעכנישער געבוי — דאָס אַלץ ווייזט אויף אמתער מ י י ס ט ע ר ש אַ פ ט. דאָס זעט מען, וואָס אַן אמת, נישט דורכאויס אין אַלע זיינע לידער, נאָר אין די בעסטע, און יעדן טאַלאַנט, ווי יעדן באַרג, מעסט מען לויט די שפּיצן.

פיל ייִדישע דיכטער שרייבן אַ לאַ פאָלקסטימלעך. זיי באַמיען זיך נאָכצומאַכן דעם נוסח פון דעם פאָלקס־ליד, אָבער ס'איז קענטיק, אַז ס'איז ג ע מ אַ כ ט, און ס'טרעפט נישט זעלטן, אַז כאָטש זיי זענען נאָכגעאַמט פון דיכטער־פּראָפעסיאָנאַלן, זענען זיי ווייט הינטערשטעליק די גוטע אמתע פאָלקס־לידער. אַנדערש איז עס ביי געבירטיגן. ער איז דורכאויס אָ ר־ג אַ נ י ש פאָלקסטימלעך, אָבער די דאָזיקע פאָלקסטימלעכקייט איז דערפירט צו מייסטערישן שעדעווער. ער האָט אויפגעהויבן די פאָלקס־דיכטונג צום ראַנג פון הויכער קינסטלערישער פּאָעזיע. צו דעם האָבן זוכה געווען זייער ווייניק דיכטער. ער האָט געוווסט דעם סוד פון סיוזשעטישער קאָמפּאָזיציע פון אַ ליד בעסער פון פיל באַרימטע און אַלגעמיין אָנערקענטע פּאָעטן. די פיינע, זעלטן געראָטענע סיוזשעטישע סטרוקטור און סיוזשעטישע אַנטוויקלונג פון געוויסע לידער זיינע, דייטן בפירוש אָן אויף דער קינסטלערישער שלימות, וואָס שטעקט אין זיין נאַטירלעכער פּשטות. להיפוך צו פיל פּאָעטן, ביי וועלכע מען קאָן אַרויסנעמען פערזן און דאָס ליד זאָל דערפון נישט ליידן, קאָן מען ביי געבירטיגן קיין וואָרט נישט רירן פון אָרט, שוין אָפגערעדט פון פערז. די פערזן זענען געפלאָכטן ווי רינגען אין אַ קייט. רייסט אַרויס אַ רינג און ס'צעפאַלט זיך די קייט. זיינע לידער האָבן אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף. ווייל זיי האָבן אַ סיוזשעטישע אַנטוויקלונג — קאָנסטו נישט איבערשטעלן די פערזן. דאָס זענען קליינע ליִרישע נאָוועלן מיט אַ הויכפּונקט, מיט אַ פּואַנטע. און דאָס קאָן מען זאָגן וועגן זיינע ליבע־לידער, ווי וועגן זיינע וויג־לידער, וועגן זיינע דועטן — דיאַלאָגן, סאָציאַלע און שטייגער־לידער, ווי וועגן זיינע טאַנץ־לידער, וועגן קינדער־לידער און געמיטלעכע שפּאַסרייען.

זיינע לידער אָטעמען מיט דער פאָלקס־נשמה, ווי די לונגען אָטעמען מיט לופט. און וואָס פאַר אַ ריינע לופט דאָס איז! וואָס פאַר אַ ציכטיקייט!

וואָס פֿאַר אַ סובטעלקייט! דער שטילער חן פֿון צניעותדיקע יידישע טעכ־טער, די תמימות פֿון יידישע קינדער, די איידעלע ליבשאַפֿט פֿון פֿאָלקס־האַרץ זינגט פֿון זיי ארוים. און די ניגונים פֿאַרמאָגן פּונקט אַזאַ לופֿט, פּונקט אַזאַ חן, פּונקט אַזאַ טעם; טרוימערישקייט, פֿאַרבענקטקייט, פֿאַר־וויגנדיקער צער און אַזאַ פֿולע, שטילע פֿרייד. די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון געבירטיגס לידער איז אָנגעפֿילט מיט אַזאַ דין־קוואַלנדיקער וואַרעמקייט, מיט סאַמעטענער ווייכקייט און פֿאַרחלומטער פֿאַרליבטקייט. און אַזאַ אומ־געצווונגענקייט, אַזאַ לייכטקייט! אָן דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פֿון די פּאָ־עטן־פּראָפֿעסיאָנאַלן, אָן פּאָעטישן רעקוויזיט, אָן אַן איבערלאָדונג פֿון מע־טאַפֿאָרן, אָן היפּערבאָלן, אָן אָנשטעל, אָן קונצן, אָן „עפּעס“ און אָן „ער־געץ“, אָן אומבאַשטימטקייט, אָן ניי־אויסגעטראַכטע ווערטער, אָן עקס־פּערימענטאַלער ריטמיק. די עצם לופֿט פֿון זיינע לידער איז אַ פּאָעטישע, די פּאָעזיע שטראָמט פֿון זיי, ווי דופֿט אַרויסגעהויכט אומבאַמערקט פֿון בלומען.

מיר דאַרפֿן נישט קענען געבירטיגן, כדי צו וויסן אַ וואָסער מענטש ער איז געווען. פֿון זיינע לידער קוקט ער אַרויס — אַ גוטער און איידעלער, פֿול מיט וואַרעמקייט צו מענטשן, מיט ליבע און בטחון. ער רעדט צו אונדז, זינגט צו אונדז און אָן אָנשטרענגונג מאַכט ער ציטערן די סטרונעס פֿון אונדזער האַרצן:

„העי, ציגעלעך, אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויפֿזינגען אייך אַצינד,
פֿון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן
און אַ מיידעלע וואָס האָט כישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווייטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז אַמאָל ס'פּאַסטעכל געווען,
היינט ווי אומעטיק — קוקט די שעפּעלעך נישט אָן,
בענקט נאָכן מיידעלע, וואָס האָט כישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט פֿון דעם לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זיינע בידנע שאָף,
טיף אין טייכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך היינט
און דאָס מיידעלע זיצט ביים וואַסערל און וויינט.

וועגן געבירטיגס לידער קאָן מען נישט זאָגן, אַז זיי זענען פּרימיטיוו, אַז זיי פֿאַרמאָגן די שיינקייט פֿון רויען אָבער אומבאַהאָלפֿענעם. זיי זענען

— גרויסע פּשטות און זענען מוסטערהאַפט. אין „העי, ציגעלעך" איז נישט פאַראַן די לעגענדע, די פאַנטאַסטיק. ס'איז אַ פּשוט מעשהלע, אָבער אין דעם פּאָעטישן געפיל, וואָס עס ברענגט אומבאַמערקט אַרויס, שטייט עס אפשר נישט אָפּ פון היינעס „לאָרעליי". כ'קען נישט קיין שענער, מער איידעלער און צאַרטער און מער יידישלעכער ליבע־ליד ווי ס'איז זיין „רייזעלע", קיין מער באַהנמער קינדער־ליד ווי „מיין טאַטע איז אַ כוהן", קיין נאַטירלעכערער און דין־שפּאַסיק, און אומעטיק גלייכצייטיק, וויג־ליד ווי „יאַנקעלע", קיין טיפערע חתונה־ליד ווי „דריי טעכטערלעך" און כ'וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך.

מיר דוכט, איך געהער נישט צו די, וואָס פאַלן לייכט אַריין אין „קעלבערנער התפּעלות", אָבער געבירטיגס לידער רירן מיך, פאַרוואונדערן, פילן מיך אָן מיט אמתער מתיקות. איך זע אין זיי אַ לויטערע טרער, וואָס באַהאַלט זיך שעמעוודיק אין די אויגן־ווינקלען, איך זע אין זיי דעם אומעטיקן שמייכל, וואָס מאַכט הערלעך דאָס געווייגלעכע פּנים פון אַ פּראָסט פאָלקס־מיידל, איך הער אין מיין האַרצן ווי „אויף די טרעפּלעך לויפן אירע דראָבנע פיסעלעך", איך זע דאָס פּנים און פיל דאָס האַרץ פון יאַנקעלעס מאַמען ביי דעם וויגעלע. יעדעס בילדל, וואָס געבירטיג גיט אזוי פּשוט און בצמצומדיק, רופט אַרויס אין מיר דאָס געפיל, אַז איך בין דערביי, אַז אַלץ איז מיינס, אייגנס, בלוט־נאָענט; מאַכט ציטערן לאַנג פאַרשלאָפענע סטרונעס. ס'איז אזוי שיין, פּשוט, וואַרעם און ליכטיק. פּשוט און זיס, ווי דער חלום פון אַ קינד, ווי אַ מיידל־האַרץ, אין אַ ווייכער פרילינג־נאַכט, ווען ס'בענקט זיך אזוי שטיל און העל. און דאָס איז אמתע פּאָעזיע. פּאָעזיע מאַכט מען נישט, זי ציטערט אין דיר ווי די ליבע, שפּרייט זיך אויס איבער דיר ווי דער הימל, איר ווערט איז — די שיינקייט פון דער איבערלעבונג גופא. מיר פילן, אַז מיר ווערן אינעווייניק ערגעץ שענער, מענטשלעכער. אָט דאָס איז פּאָעזיע. אָן אַ פאַרווען און אָן אַ פאַרוואָס הייבסטו אָן פילן, אַז דו ליבסט — דאָס איז פּאָעזיע.

געבירטיג — דאָס איז אמתע פּאָעזיע, דערפאַר איז ער שטענדיק פריש, ווי אַ נאָר וואָס געבוירענע עמפּפינדונג, ווי אַ קוואַל וואָס שטראָמט אָן אויפהער פון די טיפעניש. און די דאָזיקע פּאָעזיע דאַרף נישט קיין מבינים, קיין פיינשמעקער. אויף איר פאַרשטייט זיך יעדער, דאָס גאַנצע פאָלק. פון אַ פאָלקס־האַרץ איז זי אַרויס און דאָס פאָלקס־האַרץ זאַפּט זי מיט מתיקות איין.

דאָס לעבן — אויס וועלכן געבירטיג האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט געזונגען — איז פאַרשניטן געוואָרן דורך מערדערישע הענט. לעבט טאַקע זיין ליד אין אונדז, ווי אַ לעבעדיקער זכרון און ווערט הייליק; זיין צאַרט ליד ווערט באַפאַרבט דורך אונדזער ווייטיק און דורך אונדזער טרויער, עס לעבט אין אונדז מיטן לעבן פון אונדזערע מאַמעס און טאַטעס, שוועסטער און ברידער; זיי לעבן אין אונדז אויס זייער פאַרשניטן לעבן.

*   *

*

פרילינג 1942 האָבן זיך אין קראָקעווער געטאָ אָנגעהויבן די „אויסזידלונגען" קיין בעלזשעץ. מען איז געווען אָנגעלערנט, אַז יעדער אַקציע כאַפּט אין דער ערשטער ריי אַרום די קינדער, די אַלטע און קראַנקע. האָבן זיך אויף די געסלעך פון קראָקעווער געטאָ באַוויזן פאַרזעענישן — זקנות מיט געפאַרבטע אויף בלאָנד האָר, מיט געשמינקעוועטע און פאַרפודערטע פנימער — לעבעדיקע קאָפּיעס פון גאָיאַס באַרימט בילד „די זקנה ביים שפּיגל". ס'איז געווען דאָס קאָמישע איגעם גרענעצלאָזן טראַגיזם. דער מאַסקאַראַד האָט נישט געהאָלפן. אַז „אַקציע" נאָך אַז „אַקציע" און טויזנטער זענען אַוועק צו די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס פון בעלזשעץ. געבירטיג איז ביזן סוף געווען פאַרפאַנצערט קעגן פאַרצווייפלונג. זיין ליד „אונדזער שטעטל ברענט", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1938, אין וועלכן ער האָט אַלאַרמירט קעגן די סכנות פון דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע און ענדעציע, וואָס האָבן באַצייטנס גענומען איבערפלאַנצן דעם היטלעריזם אויפן באָדן פון פּוילן, האָט דאַן קיין אָפּקלאַנג נישט געפונען. אין געטאָ אָבער איז עס מיטאַמאָל געוואָרן געוואַלדיק פּאָפּולער און אויסגעדריקט דעם ווילן צו לעשן מיט די אייגענע הענט — צו ווידערשטאַנד. געבירטיג האָט געפילט די ווירקונג פון זיין ליד, וואָס איז אין די נייע טראַגישע באַדינגונגען אויפגעשטאַנען תחית־המתים, געדרונגען און געוועקט. ער איז געווען זיכער, אַז צו קעגנשטעלונג וועט קומען. עס איז אָבער נישט באַשערט געווען צו זען דעם אויפקום פון אַקטיווע ווידערשטאַנד־קעמערלעך אין קראָקעווער געטאָ, וואָס האָבן זיין ליד גענומען פאַר זיך אויף מאָראַלישער באַוואָפענונג.

אין דער נאַכט פון דריטן אויפן פערטן יוני 1942 איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די יאַנאָוואַ־וואָליאַ־גאַס, אויף וועלכער ער האָט געוווינט. די ייִדן

האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס און געטריבן צו די פּראַכט־וואַגאָנען. די מערדער האָבן געעפנט אַ שיסעריי פון הינטן אין דער קאָלאָנע. דער ערשטער איז געטראָפן געוואָרן דער באַקאַנטער קינסטלער און געבירטיגס פריינד אברהם ניימאַן. אַ ווײַלע שפּעטער איז פון אַ קויל אונטערגעזעגט געוואָרן דער כמאָליער און אײדעלער דיכטער מרדכי געבירטיג. אויף דער קראָקעווער ערד איז ער געבוירן געוואָרן. די זעלבע ערד האָט ער פאַרגאָסן מיט זיין בלוט. פון פאָלק האָט ער געשטאַמט, מיטן פאָלק האָט ער געלעבט און מיטן פאָלק געשטאָרבן.

זיינע לידער זענען אַ לעבעדיקער אומשטערבלעכער זכר פון אים און פון די אַלע, וואָס ער האָט אַזוי הארציק באַזונגען, ער האָט אין זיי פאַרהיט די לעבעדיקע קאָלעקטיווע נשמה פון יידישן פאָלקס־מענטש.

איציק קיפּניס

יש אומרים, אַז קריטיקער זענען נישט מער ווי מענטשן. אַנדערע מיינען אפילו, אַז טעותים מאַכן זיי מער ווי אַ געוויינלעכער בן־אדם. ס'קאָן גרייזער זיין. דאָס קומט, קענטיק, דערפון, וואָס דאָס איז אַ פאַר־שאָלטענער פאַך אַזאַ: דער קריטיקער מוז זיך אַריינמישן אין יענעמס אַרבעט. איינער שרייבט, ער — קריטיקירט. ער מוז עפּעס זאָגן.

פאַראַן שרייבער מיט וועלכע דער קריטיקער גיט זיך לייכט אַן עצה. למשל, אויב איין שרייבער דערמאָנט מיט „עפּעס" אַ צווייטן, אַ באַוווסטן, איז דער ענין גאָר פּשוט: דער קריטיקער געפינט באַלד די געהעריקע „השפּעות" און ווייסט שוין אויפן סמך פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן צווייטן, וואָס צו זאָגן וועגן ערשטן. וואָס טוט מען אָבער מיט אַזאַ שרייבער, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין פּאָליצע? איז איינס פון די ביידע: אָדער מען שטופּט אים אַריין מיט כּוח, אָדער מען האָט פון אים טאַקע געברענטע צרות — מען ווייסט נישט וווהין און צווישן וועמען אים אַריינצושטעלן.

איציק קיפּניס געהערט צו דעם מין שרייבער, מיט וועלכן מ'האָט אַזעלכע קלאָפּאָטן. האַלט זיך, אַ „לייכטער" שרייבער, אָבער ווי געשריגן: וווּ שטעלט מען אים?

דוד בערגעלסאָן איז נישט געווען קיין קריטיקער, ער איז געווען אַ גרויסער, ראַפינירטער שרייבער און ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן דערזען אין קיפּניסן אַן אמתן נייעם טאַלאַנט. באַלד ווי ס'איז ארויס קיפּניסעס מערקווירדיק בוך „חדשים און טעג" האָט ער זיך אָפּגע־רופן. און טאַקע ער האָט אָנגעוויזן אויף קיפּניסעס קרובהשאַפט צו... שלום־עליכם. ער האָט, נעמלעך, אַרויסגעזאָגט דעם בילדערישן, אָנלאָקנ־דיקן און פאַראינטריגירנדיקן געדאַנק, אַז אי. קיפּניס איז אַ גלגול פון מאָטל פּייסי דעם חזנס, וואָס איז אַליין געוואָרן אַ שרייבער. געזאָגט איז עס וווּנדערלעך, מיט עכטן בערגעלסאָנישן עספּרי. מיט בערגעלסאָנס

לייטער האַנט האָט זיך די קרובהשאַפט אָנגעגנומען, כאָטש מען האָט געקאָנט שפּירן, אַז אין תוך איז עס פונדעסטוועגן... „נישט דאָס“. ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז אויף דער טעזע איז אויפגעוועקט געוואָרן אַ ריי אַסאָציאַציעס און צווישן אַנדערע דער פאָרוואָרף פון בערגעלסאָנען אין דעם זעלבן אַרטיקל, אַז קיפּניסעס „גאַנצער אידעאָלאָגישער צוגאַנג צו קאַסרילעווקער ווייטיק אין 1919 איז פונקט דער זעלבער ווי די אידעאָלאָגיע און דער צוגאַנג פון שלום-עליכמען צו קאַסרילעווקער דלות פון בערך 1890“.

ווי מיר זעען איז די אַנערקענונג פון קיפּניסן געקומען געפּאָרט מיט טענות און פאָרוואָרפן. איך מיין, אַז ס'קומט מיר נישט קיין „צען יאָר הענגען און פּופּצן יאָר שיסן“ — ווי ס'זאָגט דאָס פאָלקס-ווערטל — אויב, למשל, איך געפין נישט איין, און ס'איז דער זעלבער „אידעאָלאָגישער צוגאַנג“. איך געפין איין, אַז דער פאַל לערנט נאָר, אַז נישט נאָר קריטיקער, נאָר אפילו אַ שרייבער, און אַ גרויסער דערצו, קאָן אויך אַ טעות האָבן. אָבער דער דאָזיקער פאָרוואָרף איז אויך אונטערגעכאַפּט געוואָרן. ער האָט זיך געלייגט אויפן שכל און אויסגעזען זייער... ווינשאַפטלעך. אָבער עס שיינט, אַז אייגנטלעך נעמט זיך דאָס אַלץ דערפון, וואָס אויך די גינציקע קריטיקער זענען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: שווער געווען זיך פאַנאַנדערצוקלייבן „מיט וואָס עסט מען אים“, קיפּניסן.

מען האָט דאָ, און איצט אוודאי, געמעגט ריזיקירן צו זאָגן, אַז די קרובהשאַפט איז, לכל-הפחות, זייער אַ ווייטע. מיר ווייסן דאָך, אַז יעדער, וואָס איז געווען נאָענט צום נוסח שלום-עליכם, אָדער געפּרוווט זיין זיין שאָטן, איז פאַרשאָטנט געוואָרן, אַז מ'האָט אים מער נישט אַרויסגעזען. אדרבא, זאָל ווער אָנרופן אַ שרייבער צו וועלכן מען זאָל קאָנען ציען אַ גלייכע ליניע פון אונדזער גרויסן הומאָריסט? נישטאָ אַזאַ! אין שאָטן פון שלום-עליכם קאָן מען לעבן איין טאָג. יעדער, וואָס וואָלט געווען ע נ ל ע ך אויף שלום-עליכם און גלייכצייטיק ק ל ע נ ע ר פון אים, וואָלט נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג און וואָלט אין אַ קורצער צייט אָפּגעמעקט געוואָרן. דערפאַר רעדט מען נישט בדרך-כלל וועגן שלום-עליכמס נאָכפאָלגער אָדער תלמידים, נאָר מען באַמיט זיך אָפּעדירן מיטן טערמין שלום-עליכמס טראַדיציעס. און דאָס איז אַזאַ ברייט פעלד פאַר צוטראַכטעניש און אויסטראַכטעניש, אַז שטעלן אַמפּערן זיך, אָדער אָפּפרעגן, וואָלט געהייסן אַריינקריכן אין אַ וואַלד, ווייסנדיק, אַז מיר קאָנען פון אים נישט אַרויס. מיר שטאַמען דאָך אַלע פון אדם הראשון און טראָגן עד-היום

זיינע שפּרענקעלער; מיר שטאַמען פון אברהם, יצחק ויעקב, פון מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן; מיר, מענטשן, זענען בכלל מיט „עפּעס" ענלעך איינער אויפן אַנדערן. אָבער וואָס באַווייזט דאָס? די נטיה צו זוכן ווער ווע־מען האָט געבוירן, ווער וועמענס שכן און קרובֿ איז, שטאַמט געוויס פון די באַמיִונגען צו געפינען אַ וויסנשאַפטלעכע קמיע אין דער קריטיק. ס'קאָן אָבער גרייכער זיין, אז די שטרעבונג, קריטיק זאָל זיין כולו וויסנשאַפט, ברענגט אפשר מער שאָדן, ווי ניצן. וואָרום, אייגנטלעך, פון וו ע ל ן ווערט דאָס נאָך קיין וויסנשאַפט נישט. פאַרשטייט זיך, און דער ליטעראַטור גייען אָן פּראָצעסן וואָס האָבן געמיינזאַמע ווייזערס — זיי זענען דאָך אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע עפּאָכעס, סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן, טראַדי־ציעס און ברייטן זין פון וואָרט א. א. וו.

ווערן די פאַרגלייכנדיקע מעטאָדן אָנגעווענדט אין דער קולטור־געשיכטע אויף אָפּצומערקן אירע וועזנטלעכע טענדענצן — ברענגען זיי פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. פּרוּוון מיר אָבער די זעלבע מעטאָדן אָנווענדן אין דער קריטיק לגבי באַזונדערע שרייבער און באַזונדערע ווערק, שטייען מיר כמעט תמיד פאַר דער סכנה צו פאַרלירן דאָס אינדיווידועל־אייגנאַרטיקע — טאַקע דאָס וואָס מיר זוכן. די אויסווירקונג פון די אָביעקטיוו־היסטאָרישע און סאָציאַלע פּראָצעסן אונטערליגן דאָך, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אַלע שרייבער פון דער געגעבענער עפּאָכע. אָבער מיר ווילן דאָך וויסן דווקא דאָס, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער ק אָ נ ק ר ע־ט ע ר שרייבער — מיידן מיר זיך אוים מיטן ציל. ס'איז בכלל לייכטער פעסטצושטעלן געמיינזאַמע שטריכן, ווי אָנדייטן ריין־יחידישע; ווי געפינען אַזוינס, וואָס איז איין־און־איינציק און הזרט זיך נישט איבער ביי אַנדערע. דערפאַר טאַקע זענען אין ליכט פון דער קריטיק זייער אָפט די שרייבער אוים זייער ענלעך איינער אויפן אַנדערן, וואָרום עס איז שווער צו דעפינירן דאָס אָריגינעל־יחידישע. ווען מיר פילן עס ואפילו בולט אָפּ, האָבן מיר אָבער נישט די וו ע ר ט ע ר ל ע כ ע באַשטימונג. אין אַנאַליז, ווידער, צעקריכט זיך דאָס דאָזיקע ווי צווישן די פינגער. עס לעבט טאַקע און באַ־לעבט, אָבער כאַפּן אין די הענט אַריין איז זייער און זייער שווער, אויב נישט אוממעגלעך.

ס'זענען נישט געווען קיין חילוקי־דעות אין דעם, אַז אי. קיפּניס איז אַן אייגנאַרטיקער שרייבער. אָבער אַזאַ פעסטשטעלונג איז דאָך אין סתירה מיט אַנדערע „פעסטשטעלונגען". דהיינו, מיט די טענות, אַז ביי אים גייען אַרום „מאָדנע" און „פאַרצייטיקע" פאַרשוינען. זאָגט מען

„פאַרצייטיקע" — הייסט עס באַקאַנטע. אויב באַקאַנטע זענען זיי דאָך נישט „מאָדנע". וואָרום באַקאַנטע הערן אויף צו זיין „מאָדנע". ביי בערגעלסאָנען גייען אויך אַרום „מאָדנע" מענטשן, ביים נסתר טרעפן מיר זיי אויף שריט און טריט און דער יינגערער, אי. קיפּניס, האָט מיט דעם צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער איז אויך געווען „מאָד=נע". ווייל ער האָט געשריבן „מאָדנע", האָט עס באַדייט, אַז אין דער יידיש=סאָוויעטישער פּראָזע איז צוגעקומען אַ שרייבער מיט אַ „ניי אויג", דאָס איז דאָס זעלבע ווי מיט אַ נייעם סטיל, וואָרום סטיל נעמט זיך פון זען מיטן אייגענעם אויג, זען די זעלבע זאַכן אַנדערש, פרישער, אומדערוואַרט.

פון דעם קאָן מען מאַכן אַ פּשוטן אויספיר, אַז ס'איז פאַראַן אַ תוכי=קע סתירה צווישן אָנערקענען טאַלאַנט און גלייכצייטיק אַרויסרוקן טענות וועגן „פאַרצייטיקייט", „מאָדנעקייט" וכדומה. קונסט האָט די טבע: האָבן מיר פון איר הנאה, ברענגט זי אונדז פרייד — נעמען מיר זי אויף; האָבן מיר נישט קיין הנאה, שאָקירט זי אונדז, רייצט זי אונדז אויף קעגן זיך — וואַרפן מיר זי אָפּ און אָנערקענען זי פאַר קיין קונסט נישט. האָבן הנאה פון אויפנעמען, שפּירן, אַז עס קומט אונדז עפּעס צו — דאָס איז די קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן — דער סימן מובהק פון קונסט.

איך מיין, אַז וויל מען קענען קיפּניסן, דאַרף מען נישט זוכן זיינע ליטעראַריש=אידעאָלאָגישע קרובהשאַפטן, נאָר זיך אַרויסלאָזן זוכן קיפּניסן אין... קיפּניסן. וועט אפשר דאַן אַ ביסל קלאָרער ווערן נישט דאָס אויף וועמען ער איז „ענלעך", נאָר אַ וואָסערער איז ער אַליין.

*   *

*

נישט אַלע ווערק פון קיפּניסן האָב איך געלייענט און דאָס וואָס איך האָב יאָ געלייענט — האָב איך נישט שטודירט. שרייב איך ווי אַ געוויינלעכער לייענער, וואָס פילט זיך — נישט ווילנדיק קיינעם אָנוואַרפן — מיט זיינע איינדרוקן, אימפּרעסיעס און געדאַנקען.

קיפּניס איז פאַרוואָרצלט אין יידישן שטייגער און יידישן געמיט. יידישער שטייגער האָט זיך פאָרמירט אין שטעטל. קיפּניס האָט זיך אויך ווי אַ מענטש און ווי אַ שרייבער פאָרמירט אין שטעטל. אָבער דאָס קאָן מען זאָגן וועגן פיל שרייבער. די מערסטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אויף זייער „וואַרשטאַט" גענומען דאָס שטעטל, האָבן עס געשילדערט.

שילדערנדיק האָבן זיי בדעה געהאַט דורכצוזעצן זייערע אידעען. דער קעמפּפער מענדעלע האָט געקוקט אויף זײנע פאַרשוינען און זייערע בירעכצן ווי אַ משכיל, וואָס איז באַרופן זיי צו שטראָפן און אויסבעסערן, ד.ה. פון שטאַנדפונקט פון זײנע אידעען. וועגן שלום־עליכם זאָגן מאַנכע אויך עפּעס ענלעכעס, כאָטש דאָס וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן, ווי ביים זיידן דעם סאַטיריקער. וועגן בערגעלסאָנען איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זיין פעדער האָט נישט אויסגעמיטן אידעען. זיי זענען געלעגן נישט פון אויבן און דער לייענער און קריטיקער האָבן זיי געדאַרפט אויפהייבן פון אונטערבאָדן. ביי איציק קיפּניסן לאָזט זיך נישט פאַנאַנדערשיפרירן זיין אָנפירנדיקע אידעע. דאָס איז די גרעסטע שוועריקייט. דערפאַר ווערט מען געשטרויכלט.

אָבער, די אויבנדערמאָנטע, און אַנדערע שרייבער, האָבן זיך נישט אידענטיפיצירט מיט זייערע פּערסאָנאַזשן. זיי אַלע האָבן זיך געשטעלט העכער פון זיי און אין אַ זייט. שלום־עליכם האָט זיי פּשוט אַליין געגעבן דאָס וואָרט — רעדט מיט אייער אייגענעם מויל. קיפּניס פערזאָניפיצירט זיך מיט זײנע פאַרשוינען, ער שטעלט זיך נישט העכער פון זיי און איז נישט קיין אָבסערווירנדיקער צד; ער פילט זיך פאַר איינעם פון זיי און אין זײנע וויכטיקסטע ווערק איז ער אַליין דער לירישער העלד.

מענדעלעס טעמאַטישער דיאַפּאַזאָן איז געווען נישט קיין גרויסער. ער האָט געקלאַפּט מיט זיין לײדנשאַפטלעכער, בייסיקער, פּרעציז־ציכטיקער פען אין איין פּינטל. שלום־עליכם האָט געהאַט אַ נישט אין פאַרגלייך ברייטערן דיאַפּאַזאָן. אַש,למשל, האָט פאַרמאָגט גאָר אַ ברייטן ווייער — טעמאַטישן און אויך זשאַנרעוון. בערגעלסאָנס שאַפונגס־קרייז האָט געהאַט באַשטימטע גרענעצן. אי. קיפּניס איז אַ שרייבער פון אַ שמאָלן טעמאַטישן דיאַפּאַזאָן. געטע, רעדנדיק וועגן די דראַמאַטורגישע מעגלעכקייטן פון בייראָנען, האָט געהאַלטן, אַז זיין שוואַכקייט ליגט אין דעם, וואָס ער האָט ליב באַקומען איין העלד. פאַראַן שרייבער פילזייטיקע און פאַראַן שרייבער מער אײנזייטיקע. דאָס רעדט נישט וועגן דער גרייס פון טאַלאַנט, נאָר וועגן כאַראַקטער, אָדער וועזנטלעכער אייגנשאַפט פון געגעבענעם טאַלאַנט.

אי. קיפּניס האָט ליב באַקומען איין מין כאַראַקטער. קענטיק, אַז ער אַנטשפּרעכט, אין אַ גרויסער מאָס, זיין אייגענעם. שטורמישע, נישט געהאַמעוועטע לײדנשאַפטן זענען פרעמד זיין געמיט. זײנע פּערסאָנאַזשן

זענען אין תוך פלעגמאַטיש, און זענען זיי עס נישט, באַקומען זיי אַ פלעגמאַטיש הייטל אַרויפגעצויגן דורך דער פען פון מחבר. די פלעגמאַטישקייט דערמאָנט די שטילע, מאָנאָטאָנע, פון דער וועלט אָפּגעריסענע יידישע העקן פון אַמאָליקן רוסלאַנד. זיין הויפטיקער שטריך איז — מילדקייט. אַזאַ עטוואָס פאַרטראַכטע מילדקייט — אַ שלווהדיק פעלד נאָך אַ לייכטן אָפּפרישנדיקן רעגן. אַ מילדקייט אָן אַקטיווער גוטסקייט. אַ וואַרעמער שמייכל צו גאָטס אַלע באַשעפענישן. פשטות איז נישט נאָר זיין אייגנשאַפט, ס'איז אויך זיין אידעאַל. ער איז אַזוי נישט פאַרשטעלט, אַז ער זעט אויס אינגאַנצן ווי אָפּגעדעקט, אָפן. ער איז אינגאַנצן נישט פרעטענציעז, אָן קונצן, אָן אַקראָבאַטיק. און לויכט ערגעץ ווו דורך כמו איראָניע, איז ווי זי וואָלט אַ שיין געטאָן פון ערגעץ גאָר טיף, פון אין זיבן געבוירענע הייטלעך — אַזאַ קוים־קוימיקע, נאָר אַ קאַפּל אָנדייטיקע, אַ גאָרנישט מיינענדיקע. ער פאַרמאָגט אַ סך, א סך האַרץ — דאָס איז דאָס האַרץ פון אַ פאָלקס־מענטש. ער איז אָבער נישט סענטימענטאַל. און שטויסט מען זיך אָן ערגעץ־ווו אויף אַ גראָבקייט, אָדער האַמעטנעקייט, איז עס נישט גראָב און נישט האַמעטנע, וואָרום אין דער נאַטור איז אַלץ נאַטירלעך און האָט קיין באַזונדערן מיין נישט.

אַזאַ זעט מיר אויס דער נשמה־קלימאַט פון שרייבער. ס'הערשט דאָרט רו און אַ מין... נאַטור־געזעצמעסיקייט. און אָט אין אַזאַ אינעווייניקסטער וועלט האָט זיך אַריינגעריסן די דרויסנדיקע. אין שטיל־זינגענדיקן געמיט האָט אַ האָגל געטאָן מיט שטיינער און צעמוטשעט דעם אויבערפלאַך, וואָס זיין נאַטירלעכער צושטאַנד איז רואיקער פליסן, צו וועלכן ער וויל זיך וואָס גיכער אומקערן.

קאָן מען האָבן טענות צו קיפּניסן, וואָס ער איז אַזאַ? איך האָב נישט קיין טענות. איך וויל נישט פאָדערן פון קיין געמיטלעכער אָזיערע זי זאָל ווערן אַ וואַסערפאַל. און פאַרוואָס זאָל זי עפּעס ווערן א וואַסערפאַל? דאָס איז דאָך די מתנה וואָס ער טראָגט פון געבוירן. ער וויל זיין וואָס ער איז. ער קאָן נישט זוכן קיין סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט פאַרן גלאַנץ פון די אויגן, פאַרן זונאונטערגאַנג אין מענטשלעכן האַרצן, ווייל אין תוך איז ער אַ דיכטער, וואָס זינגט אויס קודם כל זיך. ער איז פולקאָם אין זיין באַגרענעצקייט. ער איז אַ לירישער דיכטער אין פּראָזע. צו וואָס ער נעמט זיך נישט — רעדט ער אין גרונט וועגן זיך.

דער שרייבער איז די קרעאַטור פון דער וועלט ארום אים. געוויס, אָבער ווען די דאָזיקע קרעאַטור ווערט קינסטלערישער דעמיורג — קאָן

מען דען שטעלן אַ גלייך־שטעלצייכן ווי אין דער מאַטעמאַטיק? די ערשטע אויפגאַבע פון קינסטלער איז אָפּהיטן, אויפהיטן און אַנטוויקלען זיין וועלט־אָפּשפּיר, וואָס איז אַן אָפּשיין, אַ פראַגמענט, אַן עכאָ, אַ שפּליטער פון דער אָביעקטיווער וועלט אַרום אים; פון די באַזונדערקייטן און צוזאַמענהאַנגען פון די תּנאָים, וואָס האָבן דעם קאָנקרעטן קינסטלער פאַר אַזאַ באַשאַפן און וואָס די טיפערע סיבות בלייבן אומבאַקאַנט ווי אַ נאַטור־רעטעניש. אויב מיר קאָנען נישט געפינען די דירעקטע צוזאַמענהאַנגען, וואָס געבוירן די קינסטלערישע פערזענלעכקייט — איז עס ערגער, אפשר, פאַר אונדז, אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות צו אים. קיפּניס איז געוואָרן *אַזאַ* קינסטלער נישט ווייל ער האָט *געוואָלט ווערן* אַזאַ, נאָר ווייל אַזאַ *איז ער*.

דאָס וואָס די אויסערלעכע וועלט האָט זיך אַזוי און נישט אַנדערש איבערגעבראָכן אין דער פּריזמע פון קינסטלערס — אין דעם פאַל קיפּניסעס — גייסט — דאָס איז דער חלק אייגנס, וואָס ער טראָגט אַריין אין אַלגעמיינעם אוצר. אַדאַנק די דאָזיקע פּריזמעס האָט די ליטעראַטור די פאַרשידנאַרטיקייטן פון טאַלאַנטן. דאָס איז איר גליק. אַדאַנק דעם מיידט זי אויס סכעמעס און סכעמאַטישקייטן און קלינגט ווי אַן אָרקעסטער פון אומצאָליקע אינסטרומענטן.

די געזעצן פון לעבן און די געזעצן פון דער ליטעראַטור זענען נישט אינגאַנצן אידענטיש. דערמאָנט זיך, אַז מאַרקס האָט אָן ליוב גערעדט וועגן שילערן, אַז ער איז נאָר אַ שפּראַך־רער פון דער צייט.

* *
*

די טעמע איז פּונקט ווי דער סטיל, נישט קיין פראַגע פון אויסקלייב. אַן „אויסגעליענע“ טעמע גיט זיך איין אַ מחבר נאָר דאַן, ווען מיט עפּעס איז זי פאַר אים „ווי אָנגעמאָסטן“. און אַ „פרעמדער“ פאַרן מחבר טעמע וועט פאָרקומען אַ גראַנגל מיטן סטיל. צוויי עלעמענטן וועלן זיך אָפּשטויסן אָנשטאָט זיך צונויפצוגיסן.

קיפּניסעס טעמע איז צונויפגעגאָסן מיטן סטיל אין איין אומצעריימלעכער גאַנצקייט. ווו ער איז זייטיק פון דער טעמע — ליידט זיין שאַפן, די קינסטלערישע האַרמאָניע. ער איז נישט קיין סקולפּטאָר פון כאַראַק־

מערן, ער מאָלט זיי און זינגט זיי אויס. און ער איז קיין מאָל נישט קיין באַלמעלאָכע וואָס קען אַלץ, גיט אים נאָר אַ מאָדעל. איך ווייס נישט צי עס איז גוט, צי עס איז שלעכט אַזוי. נאָר אַזוי איז עס...

* * *

זינט בערך 1920 לעבט קיפּניס אין קיעוו. אין זיין שאַפונג איז ער געבליבן אין סלאָוועשנע, אין זיין געבוירן־שטעטל אין וואָלין. בייטנדיק דאָס וווין־אָרט האָט ער זיך נישט אָפּגעריסן פון נאָפּל. די צייט האָט זיך פאַר אים ווי אָפּגעשטעלט (מענדעלע מוכר ספרים האָט געלעבט אין אָדעס, אָבער אין זיין שאַפונג איז ער געבליבן אין קאַפּוליע, אין די ווייסרוסיש־ליטווישע שטעטלעך פון זיין יוגנט־וואָגל. פאַר אים האָט זיך די צייט אויך אָפּגעשטעלט. אַן אמת מעג מען דאָך זאָגן אפילו וועגן אייגענעם טאַטן). וואָס האָט אַזוינס קיפּניס געפונען אין סלאָוועשנע, וואָס זי האָט אים אַזוי צוגענאָגלט צו זיך?

פיל שרייבער האָבן אויף דער עלטער זיך אומגעקערט צו זייער קינדערהייט און יוגנט און איבערגעלאָזט וווּנדערלעכע ווערק. פאַראַן אָבער שרייבער, וואָס הייבן זייער ליטעראַרישן וועג אָן מיט זייער יוגנט און גייען פון איר נישט אַוועק. דאָ שטעקט אַ סוד, וואָס איז פאַרבונדן מיט שפּירעוודיקייט און פילבאַרקייט. איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין ווייטע עקסקורסיעס. איך וויל נאָר דערמאָנען שאָלאָכאָוון. ער האָט געשריבן נאָר וועגן דאָן, וועגן זיין און די אַרומיקע סטאַניצעס. עס קאָן גרייילעך זיין, אַז עס וואָלט נישט געווען זיין מעכטיקע עפּאָפּעע „דער שטילער דאָן", ווען ער וואָלט די פּאַסירונגען נישט איבערגעלעבט ווי אַ ייִנגל. ווער ווייס? אין 1917 איז ער בסך־הכל אַלט געווען 12 יאָר, אין די יאָרן פון בירגער־קריג 13—15 יאָר; די קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס ער האָט באַשריבן אין „אויפגעאַקערט רויערד" האָט ער איבערגעלעבט און מיטגעמאַכט אַלס יונגערמאַן פון 24 יאָר. דער דאָן האָט געקאָכט. דאָן איז געווען אַ ווייטיקער קאַפּיטל פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. דאָס קאָזאַקנטום איז דערשיטערט געוואָרן אין די פונדאַמענטן.

און סלאָוועשנע? וואָס איז פאַרגעקומען אין סלאָוועשנע? די רעוואָלוציע האָט מען דאָ געהערט ווי אַ ווייטן דונער. וועלכע ליידנשאַפטן, קלאַסן־קאַמפן האָבן דאָ געברויזט? פּאָגראָמען זענען יאָ געווען — פון ווייסע באַנדעס און פון די אָרטיקע פּויערים. די אָרטיקע פּויערים האָבן אויך

געוואָלט עפּעס טאָן, האָבן זיי געריבט יידיש פאַרמעגן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז די ריכטיקע צייט דערפאַר — מאָרגן וועט מען שוין נישט טאָרן, האָבן זיי דערווייל געקוילעט. וואָס פאַר אַ ראָל האָט געשפּילט אין דער געשיכטע סלאָוועשנע? סלאָוועשנע רירט זיך לאַנגזאַם, זי איז אַ ביסל צעשאָקלט געוואָרן פון דורותדיקן היגערפּלעט, פון גרויסן געגנט. און אי. קיפּניס האָט ביזן 24-טן לעבנס-יאָר געוווינט אין דער „גרויסער וועלט“ פון סלאָוועשנע, וואָס איז געווען ווי אַ לאַנגער געגנט. האָט דער דאָן געגעבן שאָלאָכאָוון און סלאָוועשנע האָט אין דער ליטעראַטור געבראַכט קיפּניסן. פאַר דער געשיכטע איז אַ געוואַלדיקע נפקא-מינה צווישן דאָן און סלאָוועשנע, פאַר דער קונסט ווייט נישט אַזוי. אָבלאָמאָווס גודיען זיך, זיין זיסער חלום, זיין נישטיקייט און הילפלאָזיקייט איז פאַר דער ק ו נ ס ט פונקט אַזוי וויכטיק, ווי פאַר דער ג ע ש י כ ט ע די גרויסע פּאָליטישע פּאַסירונגען פון 19-טן יאָרהונדערט. און גאָנטשאַראָווס אָבלאָמאָוו וועט מען פון דער קונסט נישט אויסמעקן. סטייטש, עס האָט דאָך פאַרלוירן די אַקטועלקייט! מאַכט נישט אויס. די קונסט האָט אַזאַ טבע, אַז זי האַלט אויף לעבעדיק פאַרגאַנגענע דורות.

אָדער אַן אַנדער אַספּעקט:

אפשר וועט ווער אויפקלערן, פאַרוואָס האָט אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, אַפּזייענדיק אַ גאַנץ לעבן אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, איבערגעלאָזט בסך-הכל צוויי באַרימטע ביכער: זיין יוגנט-ווערק „ראַזגראָם“ — אַ מייסטערווערק, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן, און אין יאָרן שפּעטער האָט ער ערשט אָנגעשריבן זיין צווייט באַרימט בוך „די יונגע גוואַרדיע“, וואָס די טעמע רופט זיך אייגנטלעך איבער מיטן ערשטן בוך — ס'איז אויך „ראַזגראָם“ — טראַגעדיע און העראָיק. און אַז מען וועט גוט אַ זוך טאָן וועט מען געפינען די שייכות און די נאָענטקייט פון לעווינסאָנען מיט די יוגנטלעכע פון קראַסנאָדאָן. פאַרוואָס? ווייל דאָס איז פאַדייעווס טעמע, אין איר שטעקט זיין קינסטלעריש געמיט.

אפשר איז צוליב סלאָוועשנע קיפּניס אַ שרייבער געוואָרן. זי האָט אים געבוירן און דורך אים לעבן געבליבן. ער איז ווי אַ בוים, וואָס קיינער געדענקט נישט ווי ער איז פאַרפלאַנצט געוואָרן. מיט זיינע צווייגן שטעקט ער איז אַלע זייטן פון ענגן אַרום. זיינע בלעטער אָטעמען איין די אָרטיקע לופט און טיילן אויס אַ ספּעציפישן אַראָמאַט. דער בוים שטייט אונטערן סלאָוועשנער הימל. רירט אים נישט פון אָרט. צו אַן אַנדער באָדן וועט ער נישט צוואַקסן. פאַרוואָס? ס'איז מן הסתם פאַראַן אַ פאַרוואָס.

* *
*

אפשר שטעקט דער ענטפער אויפן „פאַרוואָס" אין דער נאַטור=ליבע צו בוזין? צום סלאָוועשנער מיידל קלאַפּט אַ גאַנץ לעבן זיין האַרץ.

דאָס מיידל, ווי אַ זון=באַשטראַלט פעלד=בלימל, אַ נאַטור=קינד, איז פאַרן שרייבער געווען דאָס זילבערנע גלעקל פון גליק און פרייד, דער טעם פון לעבן. נאָר זי איז אין סאַמע בלי איינגעבראָכן געוואָרן און איר רו געפונען אויפן סלאָוועשנער בית=החיים. ע ר לעבט. ער לעבט ווי ער קען, חברט זיך מיט פרויען, אָבער אין די בלוט=געפעסן לעבט זי, בוזי. זי באַגלייט אים אויף אַלע זיינע וועגן, איז דער מקור פון זיין ניגון, פון זיין דינער מעלאַנכאָליע, פון זון= און שאָטן=שפּיל אין זיין געמיט. זי טראָגט אַריין די לירישע וואַרעמקייט אין זיינע שורות, די תמימות. אפשר איז זי טאַקע די שולדיקע, זי, די לאַורא און בעאַטריטשע פון קיפּניסן. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָך נישט פאַראַן נאָך אַזאַ ביישפּיל פון געטריישאַפט צו אַ שאָטן.

* *
*

און אפשר האָב איך אַ טעות? זאָל מיר דאַן קודם קיפּניס מוחל זיין, — איך קען דאָך נישט גאַנץ קיפּניסן. נאָר מיר דוכט, אַז אפילו דאָ ווו זי, בוזי, איז נישטאָ, איז זי פונדעסטוועגן אויך פאַראַן. אַזאַ געפיל האָב איך.

אויב בערגעלסאָן האָט אין מחבר פון „חדשים און טעג" אָפּגעפילט אַ מאָטל פּייסי דעם חזנס, וואָס איז געוואָרן אַ שרייבער, וואָלט ער אַזאַ איינדרוק נישט געהאַט לייענענדיק קיפּניסעס „אונטערוועגנס", כאָטש עס איז דאָס זעלבע לשון מיט אַלע קנייטשן און העוויות — קיפּניסעס לשון — און דער זעלבער פערסאָנאַזש פירט דאָ „די גרענדע". דאָ איז קיפּניס נאָך אַלץ אין סלאָוועשנע, נאָר אַ ביסל שפּעטער — שוין נאָך בוזיס טויט

„אונטערוועגנס" איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט ערשט נישט לאַנג (עס איז אַרויסגעגעבן דורכן ניו=יאָרקער „איקוף" אין 1960). איך האָב געהאַט אַ מאָדנע איבערלעבונג לייענדיק דאָס האָזיקע בוך. לכתחילה האָט מיר דער הויפּטפערסאָנאַזש אויסגעזען מאָדנע אומבאַקאַנט. אין די ערשטע זייטלעך — אַ תם, אַ ביסל אַ „נישט דערבאַקענער", שפּעטער אַ „טשו=

דאַק", אָבער גאָר גיך האָב איך אין אים דערקענט מיין אַלטן באַקאַנטן פון „חדשים און טעג", אָבער חידושן האָט ער מיר נישט אויפגעהערט, וואָרום כאָטש דער זעלבער, איז ער געווען אינגאַנצן אַ פאַראַנדערשטער. דאָ פילט זיך אויף יעדן זייטל די פוסטקייט, די צעחושטקייט, מבולבלדיקייט, די אָפהענטיקייט, דער תוהו ובוהו, וואָס האָט אין דעם דאָזיקן האַרצן אַריינגעטראָגן בוזיס טויט. קיין איין וויי-געשריי, קיין האַרץ-רייסעניש. אַן אומעט און פוסטקייט ווייעט, אָבער נישט קיין טרויער. נישט ווייט הינטער אַ בערגל רוט בוזי. ער גייט אַהין וואָכעדיק, אָן דער באַקאַנטער אין אַזוינע פאַלן אינערלעכער פייערלעכקייט. אָבער די פירעכץ זיינע אין טאָג-טעגלעכן שטעטלשן פוסט און פאַס, איז דער נאָכוויי פון אַ גרויסער דערשיטערונג. די לופט פון דאָזיקן בוך איז אָנגעפילט מיטן דערמאָנטן נאָכוויי. און מען דאַרף פאַרמאָגן אַ גרויסן טאַלאַנט, אַ זעלטענע מייסטערשאַפט צו קענען שאַפן די דאָזיקע אַטמאָספער אַזוי אומגעצוווּנגען, מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און פשטות און דער עיקר — אמתדיקייט, ווי דאָס האָט זיך איינגעגעבן קיפּניסן. אַ מענטש האָט זיין וועלט פאַרלוירן און קאָן זי צוריק נישט געפינען. אַלץ אַרום לעבט מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן לעבן. אָבער גלייכצייטיק איז דאָ אַלץ שוין אַנדערש. עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער טעם פון לעבן. ס'איז פרעסנע, פרעסנע, פרעסנע. די ערד איז געבליבן אָן זאַלץ.

ערשט איבערלייענענדיק דאָס גאַנצע בוך האָב איך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז. איך האָב דערשפירט די ווי פון אינעווייניק-אָרגאַניזירטע האַרמאָנישע קאָמפּאָזיציע, די דין-פסיכאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון סוזשעט, דעם מייסטערישן פענדזל. אַ קונסט-ווערק — ווילסט נאָכפאָרשן ווי דאָס איז „געמאַכט" און דו קאָנסט נישט. ווייל די מייסטערשאַפט שטעקט נישט אַזוי אין דער קענטעניש, ווי אין דער אָרגאַניק, אין דעם געהיימען געוועב גופא.

און וואָלט איך געוואָלט זוכן וועמען און וואָס דערמאָנט עס מיר, צו וועמען איז „ענלעך" דער הויפּט-העלד — וואָלט איך נישט געפונען. די לופט איז דאָ קודם אינגאַנצן אַן אַנדערע. דערמאָנט נישט קיין שום אַנדער לופט אויף דער וועלט. ווען האַמסון וואָלט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין סלאָוועשנע און דאָ געשאַפן זיין „מיסטעריע" — אפשר וואָלט דאָ געווען אַ שטיקל ענלעכקייט אָדער עפּעס אַן אָנצוהערעניש. ווייל סלאָוועשנע איז סאַמאָראָדנע, ווייל קיפּנים פאַרמאָגט אַן אייגענעם זע-אַפּאַראַט, אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע איבערצוקנעטן די וועלט לויט זיין געשטאַלט.

איבערגעלייענט „אונטערוועגנס“, האָב איך זיך גענומען צו „חדשים און טעג“, וואָס איך האָב געלייענט מיט א סך יאָרן צוריק. איינגעשלונגען דאָס בוך אין איין אָטעם, און מיט נאָך גרעסערן נחת־רוח ווי אַמאָל — האָב איך בעסער פֿאַרשטאַנען „אונטערוועגנס“.

אין „חדשים“ האָב איך מיטגעלעבט דעם אויפֿבלי פֿון יונגן גאַרבער פֿון אונטער דער וואָרעמקייט און זוניקייט, וואָס האָט געשטראַמט פֿון בוזין. אין „אונטערוועגנס“ האָב איך מיטגעמאַכט מיט אים דעם היגער־פּלעט, די פֿאַרטויבונג, אין וועלכער בוזים טויט האָט אים אריינגעוואָרפֿן. מיט בוזין איז לייכטער געווען איבערצולעבן דעם שרעקלעכן פּאָגראָם נישט נאָר דעם מחבר, נאָר אויך דעם לייענער; אין „אונטערוועגנס“ איז שווער איבערצולעבן די אבידה. ווייל בוזי וויל נישט פֿאַרלאָזן די וועלט פֿון די לעבעדיקע, ליגנדיק שוין אין קבר.

מען זאָגט: אָבלאָמאָוו איז געווען טיפּיש פֿאַר דער דעגענעראַציע פֿון רוסישן אַדל, זיין אומפֿעיקייט צו לעבן אין נייע באַדינגונגען. וואָלט אָבער נאָר דאָס געווען דער עיקר־העיקרים אין „אָבלאָמאָוו“, ווער וואָלט דאָס בוך היינט אין האַנט געקאָנט נעמען? די קינסטלערישע מייסטערשאַפֿט פֿון גאָנטשאַראָוון האָט אים אויפֿגעהיט. גאָנטשאַראָווס פֿאַרשטעלטע ליבע צו זיין העלד האָט איבערגעוויגן די טאַדלונג — ער איז האָד אַליין געווען אַ שטיק אָבלאָמאָוו.

אין „אונטערוועגנס“ וואַנדערט אַרום, זומער און ווינטער, צווישן צווי שטעטלעך, אַ סאַמאָראָדנער, נישט קיין ענלעכער אויף אָבלאָמאָוון אָבלאָ־מאָוו. ער איז אויך אַ מילדער, אַ גוטער, אָפּהענטיקער, הילפֿסלאָזער, פֿאַר־לוירענער; אוים רחמנות און מאַנגל אין ווילן האָט ער חתונה מיט אַ יתומה, כאָטש ער פֿילט אין לעבן מיט איר, נישט פֿריער און נישט שפּעטער, קיין שום טעם נישט. אַנדערע סיבות זענען געווען, אַנדערע תנאים. אָבער די טיפֿקייט פֿון דער פּוסטקייט, אַ לעבן אָן זאַלץ, אָן שאַרפֿקייט, אָן אַ ראָ־זינקע, די פּרעסנעקייט — קאָן נישט טרעפֿן מיט מענטשן אין פֿאַרשי־דענע צייטן און עפּאָכעס אַזאַ ענלעכער מצב?! עס קאָן און עס טרעפֿט. דערפֿאַר פֿאַרשטייען מיר. זענען דען נישט פֿאַראַן קיין ש ע ה ן פֿון „אָבלאָמאָווששינע“, פֿון באַגנדיקער פֿלעגמע און נודעניש ביי אַלע מענטשן, וואָס גייען אונטער דער זון? אָט דערפֿאַר פֿאַרשטייען מיר.

האָבן מיר נישט קיין פּרימיטיוו־אוטיליטאַרע באַציונג צו קונסט, וועלן מיר נישט אָפּוואַרפֿן קיין קונסט־ווערק בלויז דערפֿאַר, וואָס דער פּער־סאָנאַזש אַנטשפּרעכט נישט אונדזער פֿאָרשטעלונג וועגן דער גוטיקייט

צו מאָביליזירן אונדזער ווילן. גאָר פאַרקערט, דאָס לעבן אין היינערפלעט אין די שעהן פון לייענען מאָביליזירט אונדזער ווילן אין קאַמף קעגן דער אייגענער אָפּהענטיקייט. קענטיק דערפאַר פאַרענדיקט זיך דער ראָמאַן מיט אַרויספאָרן פון סלאָוועשנער העלד קיין קיעוו, ווו ער אָטעמט איין אַ נייע לופט און איז געצוווּנגען צו באַוואָפענען זיין גייסט מיט ענערגיע און לעבנס־לוסט.

* *
*

מעגלעך, אַז אין אַרטיקל זענען פאַראַן פּאָלעמישע טענער. דאָס איז אַ פּאָלעמיק אָן אַן אַדרעס — עלעהיי אַן אויסטענהן זיך פאַר דער לבנה אַ מיטל אַזאַ אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן.
וועט איר אפשר זאָגן, אַז מען טאָר נישט אַזוי.
פאַרוואָס?

אַ פֿאַרגעסענער נאָמען

קיינער האָט אים נישט געקענט. ער האָט אָפּגעלעבט אַן אומעטיק לעבן, ווי אַן אַרעסטאַנט צווישן פֿיר ווענט.

ווער זענען געווען זיינע וועכטער, וואָס האָבן געהיט ער זאָל נישט אַרויס פֿון פֿאַרשפּאַרונג? ווער האָט אים פֿאַרמשפּט אויף אייביקן עלנט, אויף טראַגישער איזאָלאַציע? מיר דוכט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט פֿאַראַן קיינער, וואָס זאָל אויף די דאָזיקע פֿראַגן קאָנען ענטפֿערן.

קיינער האָט קיינמאָל זיין נאָמען נישט געהערט. ערשט נאָך זיין טראַגישן סוף, ווען איך האָב איבערגעגעבן זלמן רייזענס אָפּצודרוקן אין ווילנער „טאָג" זיינע דריי ביי מיר איבערגעבליבענע לידער, האָט מען צום ערשטן מאָל דערהערט דעם נאָמען, און אַ ריי צייטונגען האָבן מיט טיפֿן באַדויערן אָפּגעמערקט, אַז ס'האָט פֿאַרלאָזט אונדזער וועלט אַ טאַלאַנטירטער דיכטער.

האַרבסט 1928, ווען ס'האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן דער ערשטער „מאָדעל" פֿון דער שרייבער- און מאָלער-גרופּע „יונג-ווילנע", האָבן די עטלעכע געציילטע אָנהייבער פֿון דער דאָזיקער גרופּע גענומען אויף זיך די מיסיע אויפֿצוזוכן אמת-טאַלאַנטירטע מענטשן, וועמענס אייגענע שעמעוודיקייט באַהאַלט זיי פֿון דער עפֿנטלעכער שיין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער „געיעג" נאָך טאַלאַנטן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווילנע האָט אַזוינע נישט ווייניק, אָבער לכתחילה איז שווער געווען אויף זיי זיך אָנצושטויסן. ווי מאָדנע ס'זאָל נישט אויסזען, איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אחוץ שמשון קאַהאַן און מיר, זענען אין דער גרופּע געווען דורכויס נישט-ווילנער: אהרן פּיודיק און יחיאל שטערן האָבן געשטאַמט פֿון וואָלין און זיך געלערנט אין יידישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע, אברהם העשעלעס — פֿון וואַרשע, האָט זיך געלערנט אין דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע, און זלמן האַלפּערן, אַ שיינער בחור, אַ פּראָזאַאיקער איז גיך פֿאַרשוווּנדן

און וועגן אים ווייס איך ביזן היינטיקן טאָג גאָרנישט חוץ דעם, אַז ער איז נישט געווען קיין ווילנער.

אין 1923, אויף וויפל עס פאַרפירט מיך נישט דער זכרון, האָט מיר משה קולבאַק, ווי דרך־אגב געזאָגט, אַז צו אים איז איינמאָל אַריינגעקומען אַ בחור, באַסין, וואָס האָט אים געבראַכט אַ פּאָר לידער. אין די לידער, האָט קולבאַק געזאָגט, איז „עפּעס געווען". אַ מאָדנער בחור אַזאַ. מער ווי איין מאָל האָט ער אים אין די אויגן נישט געזען. אין האַרבסט 1928, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער „גערעג" נאָך טאַלאַנטן, האָט אין מיר אויפגעטויכט דער איינמאָל געהערטער און לאַנג שוין פאַרגעסענער נאָמען, כ'האָב באַשלאָסן אים אויפצוזוכן. אויף קולבאַקס חוש האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן.

נאָך וואָכנלאַנגע נאָכפרעגענישן האָב איך זיך דערוווסט, אַז אויף שניפּישאָק וווינט אַ רב באַסין. מען רופט אים טאַקע אַזוי: דער שניפּישקער רב. האָט דער רב אַ זון? יאָ, אָבער קיינער קען אים נישט.

ס'קאָן דאָך נישט זיין אַ דיכטער, וואָס זאָל זיך אין ערגעץ נישט באַווייזן. מיינע שערלאָק־האָלמישע זוכענישן האָבן מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז ס'איז אוממעגלעך אַ מענטש, וואָס האַלט אַ פּען אין האַנט, זאָל נישט באַזוכן די סטראַשון־ביבליאָטעק. אַלע נסתרים און אַלע למדן־וואָניקעס, אַלע איינזאַמע טרוימער און דענקער, אַלע געהיימע, טיף־פאַר־טייעטע שרייבער האָבן געמוזט אָנקומען צום דאָזיקן קוואַל, האָבן זייערע שעהן פון גייסטיקייט געפונען ביי צוויי לאַנגע שטילע טישן, וואָס זענען אַלע אָוונטן געווען באַלויכטן (איז צופעליק נישט געווען קיין עלעקטריע, פלעגן אָנגעצונדן ווערן גאַז־לאָמפּן). געווען פּנימער, וועלכע מ'האָט דאָ געטראָפן יאָרן־לאַנג יעדן אָוונט, און געווען אַזוינע, וואָס פלעגן נאָר אַריינקומען פון צייט צו צייט. פאַרן אַרויסגעבן אַ בוך, פלעגט סטראַשון, אָדער בייקל לונסקי, דעם לייענער פאַרשרייבן און אַזוי האָבן זיך אָנגעקליבן טויזנטער און טויזנטער נעמען.

בייקל לונסקי, דער ביבליאָטעקאַר, איז געווען אַן איש תמים. ווי אַ שרייבער האָט אים אָנגעפּלעקט ש. אַנ־סקי, אויך אַ שטענדיקער באַזוכער פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין די יאָרן, וואָס ער האָט געוווינט אין ווילנע. כ'האָב באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו בייקל לונסקי, ער זאָל מיר העלפן אויסזוכן דעם אומבאַקאַנטן דיכטער באַסין. לונסקי האָט עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן זיין שוואַרצע באָרד און מיט זיין אייביק־ליבן שמייכל אויפן פּנים שעפּטשענדיק געזאָגט (אַנדערש ווי שעפּטשענדיק, מיט אַן

אויסער־געוויינלעך שטילער וווּנדער שטימע פון א ביבליאָטעקאר־פּראָפע־סיאָנאַל האָט לונסקי רעדן נישט געקאָנט):

— כ׳דערמאָן מיך... אַ הויכער, אַ בלאַסער. ער קומט אָבער אַריין זעלטן.

מיר זענען אַוועק צווישן די ביכער־פּאַליצעס און גענומען בלעטערן דאָס לייענער־בוך. געזוכט לאַנג. צום סוף זיך עטלעכע מאָל אָנגעשטויסן אויפן נאָמען מ ש ה ב א ס י ן.

— דאָס מוז ער זיין — האָט געשעפּטשעט כייקל — ער לייענט נאָר דיכטונג... יידישע. מן הסתם טאַקע אַליין אַ דיכטער.

אין איינעם אַ פאַרמיטאָג האָב איך זיך דעצידירט אויפצוזוכן באַ־סינען. כ׳האָב זיך דערוווּסט ביי פאַרבייגייער, וווּ ס׳וווינט דער שניפּישקער רב און בין אַרויף דורך ברייטע, פינצטערע, הילצערנע טרעפּ אויף אַ צווייטן שטאָק, אין אַ מויער נישט ווייט פון שניפּישקער פּלומפּל. די טיר האָט מיר געעפנט אַן עלטער פאַרחושכט מיידל.

— דאָ וווינט רב באַסין?

— יע, קומט אַריין.

כ׳בין אַריין אין אַ גרויס שלעכט־מעבלירט צימער, זיך אַרומגעקוקט אין פאַרלעגנהייט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. כ׳האָב מיט די אויגן געזוכט אַ מאַנסביל. אזא איז אין צימער נישט געווען. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ צווייט מיידל, אויך אַן עלטערע, אויך אַ חושכדיקע, און אַ פרעג געטאָן:

— וועמען זשע דאַרפט איר?

— כ׳דאַרף האָבן אַ באַסין, וואָס שרייבט... וואָס שרייבט לידער...

— לידער?... —האָבן ביידע מיידלעך מיט פאַרוווּנדערונג איבער־געפרעגט — נישטאָ ביי אונדז אַזאַ.

— אפשר אַ ברודער?

— אַ ברודער האָבן מיר, אָבער מיט דעם פאַרנעמט ער זיך נישט. — געזאָגט האָבן זיי עם אומפריינדלעך, אפילו בייז, ווי כ׳וואָלט אין אַ פרום הויז אויסגערעדט דאָס וואָרט חזיר.

— קאָן מען אים זען? — האָב איך שוין אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער געפרעגט.

— קומט.

מיר זענען אַריין אין אַ צווייט צימער, אַ קלענערס. דאָרט זענען גע־שטאַנען עטלעכע בעטן און אַ טיש ביים פענצטער. ביים טיש, מיט אַ ספר

אין האַנט, איז געזעסן אַ הויכער מאַן, מיט אַן אומעטיק בלאַס אומגעזונט געזיכט. ער האָט זיך געמאַכט אומדז נישט זעענדיק, ביז איך האָב זיך צו אים נישט אָפּגערופן:

— זייט מוחל, זייט איר נישט באַסין, וואָס שרייבט לידער?

— באַסין, יע, אָבער... קיין לידער שרייב איך ניט, ניין — האָט ער אַ פאַרשעמטער, פאַררויטלענדיק זיך גיך אַרויסגעזאָגט.

— אַנטשולדיקט, כ'האָב קענטיק אַ טעות געהאַט.

כ'האָב אייליק פאַרלאָזט די וווינונג. אַ מינוט געשטאַנען אַ געפּלעפּטער הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט. כ'האָב בפירוש געזען, אַז שרייבן לידער ווערט אין דער דאָזיקער שטוב געהאַלטן פאַר אַ שרעקלעכער עבירה, פאַר אַ בזיון, פאַר אַ חטא, וואָס איז נישט קלענער פאַרן חטא פון עבודה־זרה. לאַנגזאַם בין איך אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ און ווען איך בין שוין געווען נאָענט צום אַרויסגאַנג האָב איך פּלוצלינג דערהערט לויפנדיקע טריט. כ'האָב זיך פאַרהאַלטן, געווען זיכער, אַז דאָס יאָגט מען מיך אָן. באַלד האָט זיך אין שוואַכן ליכט באַוויזן באַסין, אַן אויסערגעוויינלעך לאַנגער, מיט לאַנגע הענט. ער איז צו צו מיר און זיך איינבייגנדיק איבער מיין אויער שטיל געזאָגט:

— דאָס בין איך... איך שרייב לידער... אָבער קיינער טאָר עס ניט וויסן. אין שטוב געוויס ניט... איר זייט געווען ניט פאָרזיכטיק — האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף, — אָבער נאָך וואָס באַדאַרפט איר מיך?

— כ'האָב זיך געוואָלט מיט אייך באַקענען... מיט אייערע לידער. איר קאָנט קומען צו מיר? אָט איז מיין אדרעס... פאַרגעדענקט. אָדער בעסער — איך וועל אייך אָנשרייבן.

— מ'דאַרף ניט... כ'וועל פאַרגעדענקען... כ'וועל קומען... אַ גוטן טאָג — און ער איז צוריק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ.

אין אָפּגערעדטן טאָג, אין דער באַשטימטער שעה, איז ער נישט געקומען. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען. כ'האָב אַ טעות געהאַט. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיין מוטער דערציילט, אַז ס'האָט זיך אויף מיר נאָכגעפרעגט זייער אַ הויכער שעמעוודיקער מאַן, עפּעס אַזאַ מאָדנער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קושעטקע וואַרטן און אָפּגעזעסן ווי אַ פאַרגליווערטער מיט די הענט אויף די קני גאַנצע פיר שעה, נישט רירנדיק זיך פאַר דער גאַנצער צייט מיט קיין אבר. דאַן זיך אויפגעהויבן, שטיל געזאָגט „אַ גוטן טאָג“ און אַוועק.

כ׳האָב זיך אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקער פֿון פּאַרדרוס, וואָס איך האָב אים נישט געטראָפֿן. די חברים האָב איך שוין דערציילט וועגן מיין גרויסן געווינס, הגם איך האָב זיי נאָך קיין זאַך נישט געקאָנט מיטטיילן וועגן ווערט פֿון זיינע לידער. און דאָ אַזאַ דורכפֿאַל. וועט ער דען נאָכאַמאָל קומען?

ער איז געקומען און מיך געטראָפֿן. כ׳פֿלעג פּשוט נאָכמיטאָג פֿון שטוב נישט אַרויס און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אים. ער האָט מיר אויסגעזען געהיימנישפֿול און איך בין געווען געוואַלדיק פֿאַראינטריגירט. געווען איבערצייגט, אַז פֿון זיינע לידער וועל איך געוויר ווערן אַזוינס, וואָס וועט מיך איבעראַשן — עפּעס אומגעהויער טיפֿס, עפּעס אַ געזאַנג פֿון אַ גרויסער ליידנדיקער, טראַגיש־שטומער נשמה. אין דעם זין בין איך געווען אַנטוישט. באַסין האָט זיך אַוועקגעזעצט, פֿאַרלייגט די האַנט אין בוזעם־קעשענע און לאַנגזאַם־לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן איינע נאָך דער אַנדערער דריי קליינע בייגעלעך פּאַפּיר. אַלע דיכטער האָבן ליב אַליין פֿאָרצולייענען זייערע לידער. זיי דוכט זיך, אַז זייערע שאַפֿונגען פֿאַרלירן עפּעס, ווען ס׳לייענט זיי אַן אַנדערער. באַסין האָט זיי שטום איבערגעגעבן מיר אין האַנט אַריין און געבליבן זיצן, ווי איך האָב שוין דערוואַרט, מיט די דלאָניעס אָנגעשפּאַרט אויף די הויכע דאַרע קני.

כ׳האָב איבערגעלייענט איין ליד און אַ קוק געטאָן אויף מיין גאַסט: ס׳האָט זיך עפּעס נישט געגלייבט, אַז דער דאָזיקער מעלאַנכאָלישער ייִנג זאָל האָבן אָנגעשריבן די דאָזיקע פֿערזן. די האַנטשריפֿט זיינע איז געווען אַ קינדישע; גרייזן גראַמאַטיש־סטיליסטישע זענען אויך געווען לרוב; טעכניש זענען זיי פּשוט געווען אומבאַהאָלפֿן. מיינע קאָלעגן, „יונג־ווילנער“, זענען אין פֿאַרגלייך מיט אים געווען ווירטואָזן, מייסטערס. שמשון קאַהאַן האָט פּולקאָם באַהערשט די ווערסיפֿיקאַציע — לייכט, עלעגאַנט, מוזיקאַליש; העשעל האָט געגראָבן אין דער טיף, פֿון די פֿאַרהוילענישן פֿון זיין טיף־רעליגיעזער, זוכנדיקער נשמה; פֿרידיקס לידער זענען געווען געקרייזלט ווי זיין ציגייַנערישער קאָפּ און פֿאַרגאַפֿטע ווי זיינע מאָדנע קיילעכדיקע אויגן; יחיאל שטערנס קורצע שורות זענען געווען עטוואָס דיסטילירטע ראַציאָנאַליסטישע פּראָזע, וואָס האָט געצילט אויפֿצודעקן נישט ווייניקער ווי טיפֿע וועלט־רעטענישן; האַלפּערן האָט געשריבן זייער אַ ציכטיקע, ריין־אויסגעיעטע סאַמעטענע פּראָזע. און דאָ איז פֿאַר מיר געזעסן אַ מאַן מיט אַ סך יאָרן עלטער פֿון יעדערן פֿון אונדז, אַזאַ שטייף־פֿאַרגליווערטער און אומגעלומפּערטער, און דאָס וואָס איז אַרויס פֿון אונטער זיין פּען, כאָטש

מעכניש הילפלאָז, האָט געאָטעמט מיט דער אוממיטלבאַרער פרישקייט
פון עכט קינדעריש=פּאָעטישן אויפנעם.

דאָס איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אומגעריכט, אַזוי גיי, אַזוי
עכט, אַזוי העל, אַזוי פיל מיט וואַרעמע פאַרבן, ווי אַ פייזאַזש, וואָס איז
אַרויס פון אונטערן פּענדזל פון אַ פאַרליבטן אין זומער=לעב גרויסן פּלאַט=
טיקער. כ׳האָב דערפילט דעם „עפּעס“, וואָס האָט אַזאַ רושם געמאַכט אויף
משה קולבאַקן — די עכטע פּאָעזיע אין אומבאַהאָלפענעם לבוש. אַ קינד
שפּילט זיך אין הייסן מיטן זומער=טאָג אין זאַמד. אין דעם צווייטן ליד —
ווייטער ליכטיקע זאָרגלאָזע פרייד פון אַ קינד, וואָס יאָגט אַ רייף אונטער
אַ זוניקן הימל. כ׳געדענק שוין נישט גענוי, נאָר אַזאַ איז געווען דער איינ=
דרוק. ערשט דאָס דריטע ליד וועגן אַפּיש, אַן אומעטיק, מ׳קאָן זאָגן,
אַ חשבון=הנפשדיק ליד, האָט דערמאָנט מיר אין דעם מענטשן, וואָס איז
געזעסן לעבן מיר.

כ׳האָב מיט אים אָפּגעשמועסט, אַז ער קומט צו האַלפערנען, ווײַלכער
האָט געוווינט אין אַ צימער לעבן זאַקרעט. אָט דאָרט, ביי האַלפערנען,
וועלן מיר צונויפנעמען אונדזערע חברים און זאָל ער קומען לייענען זיינע
לידער. געוויס, ער וועט קומען — האָט ער צוגעזאָגט. די דריי לידער האָב
איך איבערגעלאָזט ביי זיך.

מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן, געוואַרט און געוואַרט — ער איז נישט
געקומען. כ׳האָב זיי פאָרגעלייענט די דריי לידער. די „יונגער“ נאָך טאַלאַנטן
האָבן פּה אחד אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג מיט דער מציאה, וואָס
כ׳האָב דערשנאַפּט.

כ׳האָב משה באַסינען געטראָפן נאָך איין איינציק מאָל, צופעליק
אויף דער גאַס. כ׳האָב אים אויסגערעדט למאי ער האָט אונדז אַלעמען
געלאָזט וואַרטן און נישט געקומען. ער האָט געענטפערט שטיל:

— כ׳האַלט וואָרט. כ׳בין געקומען. פון שניפּישאָק אין דעם צווייטן
עק שטאָט. נאָר פריער איז געווען אַ רעגן און ביים טיער איז געווען
אַ גרויסע לוזשע, האָב איך זי נישט געקאָנט אַרומגיין בין איך אוועק
צוריק.

קיין ווערטער האָב איך נישט געפונען: מיט אַזוינע לאַנגע פיס נישט
געקאָנט אַריבערשפּרייזן די לוזשע נאָכן אָפּגיין אַזויפיל קילאָמעטער!...
כ׳האָב נאָר מיט חידוש אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מיך די פּרימאָרגן=צייטונג אַרויסגע=
וואָרפן פון מיין געלעגער. אויף דער פערטער זייט, אין דער כראָניק, האָב

איך איבערגעלייענט, אַז משה באַסין, דער זון פון שניפּישקער רב, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווילִיע.

קיין פּרטים זענען נישט געווען. פאַר אַלעמען איז משה געווען נאָר דער זון פון שניפּישקער רב און די סענסאַציע איז געווען: אַ זון פון אַ רב זאָל גאָר באַגיין זעלבסטמאָרד! אַזוי נישט־יידישלעך! אַזאַ בזיון!

מ'האָט דערציילט, אַז משה באַסין האָט זיך נישט געוואָרפן פון דער גרינער בריק, ווי דאָס האָבן געטאָן פיל אַנדערע זעלבסטמערדער ביז אים און נאָך אים, נאָר איז פשוט אַריין אין אייז־קאַלטן וואַסער אונטער דער בריק און איז געגאַנגען לאַנגזאַם צום מיטן טייך ביז דער וואַסער־איבער־פלאַך האָט אים צוגעדעקט. אַ סך עולם איז געשטאַנען אויף דער בריק און זיך צוגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט ווען ער איז פאַרשוואונדן אין די טיפענישן, איז געוואָרן אַ רעש און ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ זוכעניש. ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

ווייטער האָט מען איבערגעגעבן, אַז ווען מ'האָט אים אַרויסגעצויגן פון וואַסער האָט מען אויף זיין ברוסט געפונען אַ פּאַק דורכגעווייקטע פאַר־שריבענע פּאַפּירן. ווער האָט זיי צוגענומען, ווו זענען זיי פאַרשוואונדן — האָט קיינער נישט געוווסט. מ'קאָן נאָר מישער זיין, אַז די משפּחה האָט זיינע כתבים פאַרניכטעט ווי טריף־פּסול. ווער האָט געקאָנט וואַגן גיין צום רב פאָדערן די מאַנוסקריפּטן, וואָס האָבן געווויס פאַרמאָגט פּערל יידישע פּאָעזיע!

איבערגעבליבן זענען נאָר די דריי לידער, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט ביי מיר. ערשט נאָך זיין טויט האָט משה באַסין מיט זיי אַריינגעמאַר־שירט מיט דער גרופּע „יונג־ווילנע“, — צו וועלכער עס זענען פאַר דער צייט צוגעקומען נייע נעמען, — אין דער יידישער ליטעראַטור.

ביז היינטיקן טאָג לעבט און אין מיין געדעכעניש זיין זעלטענע געשטאַלט — אַן אומהיימלעכע און רעטענישפולע: ווי האָבן געקאָנט הויזן אין האַרץ פון דאָזיקן ריז אַזאַ קינדערישע פרייד און זוניקע זאָרגלאָזיקייט מיט אַזאַ פינצטערער אויסגאַנגסלאָזער מרה־שחורה?

יעדעס מאָל, ווען כ'האָב געזען ווי די זון שפּיגלט זיך און די טיפע־נישן פון דער ווילִיע, פלעג איך זיך דערמאָנען אין באַסינען.

ער איז דאָך געווען אַזאַ: ווי די זון אין אומהיימלעכן שוואַרצן שפּיגל פון וואַסער.

לייזער וואָלף — דער מענטש, דער דיכטער

.1

ביר־אויגן אונטער גלייכע שווערע ברעמען האָבן אויף אייך געקוקט אומעטיק־פאַרוואָלקנט. ווי אַ וואָלקן האָט ער זיך באַוועגט — לאַנגזאַם און פאַרטראַכט. זיין שטערן איז געווען ברייט, גרויס און שיטער באַוואַקסן. די אויער־לעפלעך האָבן געשטאַרצט ווי מושלען. זיין ברייטער מויל־שפּאַלט — פאַרשנורט. די שוואַכע איידעלע גאָמבע איז געווען ווי אויסגעליען פון אַ פרעמד פנים.

אַ קורצער, מיט קרומע פיס — האָט ער געטראָגן תמיד גאָלף־הויזן. מ'האָט אים אָפט געזען אויף די גאַסן שפּאַצירנדיק מיט יונגע בחורים. זיי האָבן גערעדט, ער האָט געשוויגן. ער האָט תמיד געשוויגן, און האָט ער אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, זענען זיי געווען ווי אויפגעצווונגענע, אָן השק געזאָגטע און זייער שטילע.

אַ מאָדנער מענטש.

האָט מען געקאָנט גלויבן, אַז דער דאָזיקער מאַן מיטן בלייך־גריניעם קרענקלעכן פנים שפּילט אין פוטבאָל? ער האָט געשפּילט. מיט עקשנות. געמיינט דורך פוטבאָל פאַרריכטן זיין געזונט, שטאַרקן זיין שוואַכן גוף, וואָס איז פון קינדווייז אָן שלאַבעריק געווען.

ער איז נישט געגאַנגען אין לעבן מיטן גרויסן שליאַך. און האָט מען אים שוין צוגעצויגן צו אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, איז עס געווען אַ ראַכיטיש קינד — די פּריילאַנד־באַוועגונג. אָנגעלייענט איז ער געווען ווי אַ פייק. די ביכער זענען געלעגן אין אים אָנגעהויפט ווי אַ באַרג — נישט פאַנאַנדערצוקלייבן. ער האָט מיט זיין תורה נישט געהאַנדלט. ס'איז געווען זיינס אַ פּריוואַט־זאַך.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוגעשיקט צום קאָנקורס פון ייוואָ און וואָס האָט זיך, צום גליק, אויפגעהיט, שרייבט ער:

„דאָס ערשטע בוך, וואָס פאַלט מיר אַריין אין די הענט, איז מענדע־לעס „קליאַטשע". איך פאַרשטיי עס נאָך ווייניק, נאָר פון דעם שטייגער איך זיך יאָ עפּעס אָן וועגן עס איז די קליאַטשע און ס'איז מיר געפעלן. כ'קריג אַ געוואַלדיקן דורשט צום לייענען. כמעט אַלע טאָג בייט איך אַ בוך. איך ציִ זיך איינגאַנצן צוריק פון חברים און שפּיל אין כ'פאַרטיף זיך אין ביַ־כער".

דער דורשט צום לייענען איז אים איבערגעבליבן אויף אַ גאַנץ לעבן. לייענען ביכער און שרייבן — דאָס זענען זיינע גרויסע לייַדנשאַפטן.

וועלכע לייַדנשאַפטן האָט ער נאָך געהאַט? קיינע נישט.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט זיינע דריי און דרייסיק יאָר.

.2

זיין ביאָגראַפיע איז אָרעם.

לייזער וואָלף (פּסעוודאָנים פון מעקלער) איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אין ווילנע. זיין טאַטע איז געווען אַ שטובן־מאָלער, זיין מאַמע — אַ שטובּיקע. ער איז געווען דאָס פערטע קינד ביי די עלטערן. צו פיר יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אין חדר, אָבער אַזוי ווי דעם זעלבן טאָג האָט דער רבי פאַר זיינע אויגן אָפּגעשמיסן אַ יינגל, האָט לייזערן פאַר־קוועטשט דאָס הערצל און ער איז אַנטלאָפן. קיין שום כּוח האָט אים מער נישט געקאָנט צווינגען צו באַזוכן דעם חדר. שפּעטער האָט מען צו אים גענומען אַ שטוביקן מלמד. ער קומט אָן אין אַ יידישער פאָלקס־שול. ער איז אָבער ווייט פון חברים, אפילו אין דער קינדער־קאָלאָניע פאַר שוואַכע קינדער האַלט ער זיך אין אַ זייט. דאָס קאָלעקטיווע לעבן איז פאַר אים אַ לאַסט. ער צייכנט זיך אָבער אויס מיט זיינע שריפטלעכע אַרבעטן און די לערער הייבן אים יונג אָן צו האַלטן פאַר אַ שרייבער. דאָס געפעלט אים דווקא. די לעקציעס פאַרנאַכלעסיקט ער, אָבער ער לייענט אומאויפהערלעך אַלץ — פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, פּאָפּולער־וויסנ־שאַפטלעכע ליטעראַטור און רייזע־באַשרייבונגען. פון אַלע לימודים אינ־טערעסירט אים נאָר ליטעראַטור. און נאָך אַ יינגל הייבט ער אַליין אָן שרייבן אין דער היים. עס ציט אים אריין אין האַזאַרד פון פוטבאָל. דער פוטבאָל פאַרהאַרטעוועט זיין נערוון־סיסטעם. אין דער געזעלשאַפט פון געזונטע יונגען לערנט ער זיך דאָס לעבן — איבערטראָגן ברוטאַליטעטן און באַליידיקונגען.

זיין אייגנטלעכע ביאָגראַפיע האָט פאַרהאַלטן זיין שופלאָד, וווּ פון יאָר צו יאָר קלייבן זיך אַלץ מער אָן שטויסן כתבֿ־ידן פון אַלע מינים — פּאָעזיע, ראָמאַנען, דראַמעס. ער שרייבט און לייגט אין שופלאָד דעם מאַטעריאַליזירטן אוצר פון זיין האַרץ און מוח.

פון וואָס האָט ער געלעבט?

יאָרן איז ער געווען אַ „שטוביקער", אַ „סענדערל די יידענע"; אין מאַמעס פאַרטעך — פלעגט ער קערן די פּאָדלאָגעס, וואַשן געפעס און מאָן אַנדערע שטוב־אַרבעטן. שפּעטער — שוין אַ באַקאַנטער פּאָעט — האָט ער געלעבט דערפון, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער זיך פאַרנומען מיט „האַנטלאַס". ווילנע האָט עקספּאָרטירט לעדער־הענטשקעס. די פינגער פון די הענטשקעס האָט מען אַרומגענייט מיט דער האַנט. דאָס האָט געהייסן „האַנטלאַס". די הענטשקע־וואַרשטאַטן פלעגן אָפּגעבן דעם דאָזיקן פּראָדוציר־פּראָצעס „אויף אַהיים". ביי דעם זענען געווען באַשעפטיקט פיל יידישע פרויען אין שטאָט און איין־איינציקער מאַנצביל — דער פּאָעט לייזער וואָלף. און ווי ער וואָלט געווען געבוירן פאַר דער מלאכה. ער האָט דאָס געמאַכט פלינק און פּרעציז. זיין אַרבעט איז קיינמאָל נישט פאַרבראַקירט געוואָרן.

.3

ווען כ'האָב זיך באַקענט מיט לייזער וואָלפן — געדענק איך שוין נישט. נישט איבערגעבליבן אין זכרון. מיט קיין איינעם פון די מיר באַקאַנטע דיכטער — און כ'האָב זיי געקענט אַלע — האָט ער זיך נישט געחברט. ערשט שפּעטער, נאָך דעם, ווי ער האָט אין „טאָג" אָפּגעדרוקט זיין „באַלוואַנסקע מויד", האָט מען אים אַריינגעצויגן אין „יונג־ווילנע" ווי איינעם פון די סאַמע טאַלאַנטירטסטע אָנפאַנגער.

כ'געדענק ווי היינט דעם רושם, וואָס זיין „באַלוואַנסקע מויד" האָט געמאַכט. זי איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַ פרייטיקדיקן נומער, און שבת האָט שוין די גאַנצע אינטעליגענץ גערעדט וועגן ליד. מ'האָט עס געליי־ענט און איבערגעלייענט, זיך געקוויקט און געלאַכט. דאָס ליד איז גע־וואָרן אַ סענסאַציע. עס איז געווען אַזוי פּראָסט און יאָרדיק אָנגע־שריבן, אין אים זענען געלעגן אַרומגעוואָרפן חוזק און האַרצוויייטיק, נאַ־

מוראליסטישע גראָבקייט און אַ געוואַלדיקער סאָציאַל־פּיזיאָלאָגישער אונטערטעקסט.

מאַקס עריק, דער באַרימטער יידישער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, אַ מענטש מיט גרויסער ערודיציע און אייראָפּעישער בילדונג — וועלכן כ׳האָב דעמאָלט געטראָפן אין גאַס — האָט מיר געזאָגט, אַז וועגן דעם ליד מוז ער אָנשרייבן. דאָס וועט זיין אַן אַרטיקל וועגן ערשטן ליד פון אַ דעביוטאַנט. ביז איצט האָב איך עס קיינמאָל נישט געטאָן. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ יידישער היינע. מ׳דאַרף עס וויסן ווי אָפּצושאַצן — האָט ער געערדט מיט באַגייסטערונג.

מאַקס עריק, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט אַזאַ אַרטיקל נישט אָנגעשריבן. פאַר אַ מענטש מיט אַזאַ וויסנשאַפטלעך־אַקאַדעמישן צו־גאַנג צו ליטעראַטור איז איין ליד, קענטיק, געווען צו ווייניק פאַר אַן אָפּ־שאַצונג.

מיט דעם ליד איז אָבער לייזער וואָלף אַריין אין דער ליטעראַטור און זיך באַזעצט אין איר ווי אַ תושב.

ער האָט קיינמאָל נישט געערדט וועגן זיין שאַפן, איז אָבער געווען איינגעגלויבט אין זיין טאַלאַנט און האָט סיי שבחים, סיי קריטיק אויפ־גענומען מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט.

צי האָט ער אַליין געוווסט, וואָס איז גוט און וואָס נישט? וואָס איז ביי אים הויך־טאַלאַנטירט און וואָס פּשוטע בטלנות און בדחנות? ער האָט נישט געוווסט. פאַר אים זענען אַלע שאַפונגען געווען זיינע קינדער, געבוירענע אין זיין הארץ. ער האָט געוווסט איינס: ער קאָן נישט לעבן אָן שרייבן. שרייבן מוז ער. און כ׳וועל נישט זיין ווייט פון אמת, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז ער האָט געשריבן טאָג־טעגלעך. אָנגעשריבן, אַריינגעלייגט אין אַזאַ „טומבאָטשקע“, וואָס איז געווען זיין אייגנס און זיך גענומען צו אַ נייער אַרבעט.

און פונקט אַזוי אָן איבערקלייב, פלעגט ער זיי פון צייט צו צייט, ביים זעלביקן שטיביקן עסטיש, ווו ער פלעגט זיי שרייבן, איבערשרייבן, לייגן אין קאָנווערטן און פאַנאַנדערשיקן אין רעדאַקציעס. די רעדאַקטאָרן פלעגן מבולבל ווערן פון דעם מבול, וואָס איז אויף זיי געפאַלן, זיי פלעגן פאַנאַנדערנעמען די העפט און קוועטשן מיט די אַקסלען. זיי האָבן נישט געקאָנט משיג זיין: וואָס איז ער אַזאַ דער דיכטער מיטן מאָדנעם נאָמען לייזער וואָלף — אַ גאון, צי אַ גראַפאָמאַן? זייט ביי זייט האָבן ביי אים געהויזט שיינהייטן און פאַרזעעניש, אויסטערליש־אָריגינעלס, נישט גע־

זעענע נייקייטן און שטיקלעך, מיט וועלכע עס וואָלט זיך אפשר געשעמט אליקום צונזער. אַ מאָדערניסט און אַלטוואַרג־הענדלער. גראַמען וואָס שיסן גלייך אין האַרצן און גראַמען פון וועלכע די „אויערן וועלקן".

די רעדאַקטאָרן האָבן פשוט מורא געהאַט מיט אים דורכצופאַלן, האָבן פאַרלירן די אָריענטאַציע. און דאָך האָט זיך לייזער וואָלף דורכגעריסן אין אַלע בעסטע יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן און צייטשריפטן. אין מוטגעם שטראָם האָבן געבלענדט דימענטן און בריליאַנטן פון פאָעזיע.

ווען ער וואָלט געקאָנט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיך, סעגרעגירן, אָפּטיילן דאָס גאָלד פונעם זאַמד — סאַראַ וווּנדערלעכער כוח וואָלט זיך באַוויזן אין דער יידישער פּאָעזיע. ער וואָלט פאַרנומען אַן אָרט צווישן די פאַמע גרעסטע אונדזערע. און אויף אַלע צייטן. ער האָט עס אָבער נישט געוווּסט און נישט געקענט.

.4

ווי קאָן מען פאַנאַנדערטיילן דעם מענטש און דעם דיכטער?

מיר ווילט זיך מאַכן אַ פּרווו אָנצוצייכענען זיין פּאָרטרעט אויפן סמך פון מיינע איינדרוקן און פאַקטן. פריער דעם פּאָרטרעט פון מענטשן, און דאַן — פון דיכטער. זיי וועלן זיך אָבער מישן, ווייל אָפּטיילן קאָן מען זיי נישט. די טראַגעדיע פונעם מענטשן מעקלער, איז דאָך געווען די טראַגעדיע פונעם דיכטער לייזער וואָלף. ביידע זענען דאָך געווען זייער מאָדנע — אַ געמיש פון געני און שטילער משוגעת.

.5

זלמן רייזענס שטוב אויף פּאָהולאַנקע איז געווען אָפן און מכניס־אורחדיק פאַר אַלע יידישע שרייבער. איך בין אין יענע יאָרן געווען ביי אים אַ שטענדיקער איינגייער. זיין ווייב, די שיינע פריילעכע מרים — האָט געלעבט מיט יידישער ליטעראַטור, ווי איר מאַן, וואָס איז געווען פאַרליבט אין בייד — אין דער ליטעראַטור און אין זיין ווייב. אין די אָוונטן איז אין דעם גרויסן עסצימער תמיד ווער געווען. מ'האָט זיך דאָ געפילט היימיש פון דער ערשטער מינוט אָן. טיי מיט ביסקוויטן זענען געווען אַלעמאָל און ס'האָבן זיך געפירט ביים טיש וויכוחים איבער ליטעראַטור. יעדער שרייבער, אַ גאַסט אין שטאָט, איז געווען אַ גאַסט ביי רייזענען. ביי זיין עסטיש איז אַדורך די גאַנצע יידישע ליטעראַטור.

איינמאָל, טרעפנדיק לייזער וואָלפן אין גאַס, האָב איך אים אַרויפ־געשלעפּט צו זלמן רייזענען. ביים טיש איז געווען פול. צווישן די געסט — דער דיכטער בער האָראָוויץ, אַ שיינער מאַן, אַ פראַנט און אַ נבר און דער דיכטער איציק מאַנגער, ווי שטענדיק אין זיין באַהעמישן הולך.

לייזער וואָלף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, די הענט אַוועק־געלייגט אין שויס און... געשוויגן. מ'האָט אים געפּרוווט אַריינציען אין אַ געשפּרעך — אומזיסט, ער האָט נישט געלאָזן, געענטפערט איינזיל־ביק. ער האָט אָבער אַרויסגערופן אינטערעס — געווען מיט עפּעס אַנ־דערש פון אַלעמען. נישט צונויפגערעדטערהייט, האָבן האָראָוויץ און מאַנגער גענומען פּאַפּיר־סערוועטקעס פון גלאָז אַרויס און אָנגעהויבן, דער ערשטער — צייכענען, דער צווייטער — שרייבן. קודם איז פאַרטיק געוואָרן איציק מאַנגער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איבערגעלייענט אָט וואָס:

לייזער וואָלף, אַ גאָמען פון אַ קצב, מגולגל אין אַ פּאָעט.
זיינע לידער זענען נאָך דערווייל עט... עט... עט...
נאָר סע שאַרט נישט, מיין קינד.
אַ בעריכע האָסטו שוין פאַרגוואַלדיקט,
איצט וועסטו פאַרגוואַלדיקן אַ קו, אַ סטעפּ, אַ סטאַדע פּי —
וועט זיין... פּאָעזי.

אַלע האָבן זיך פרייליך פאַנאַנדערגעלאַכט. לייזער וואָלף, אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, האָט אומעטיק געשמייכלט.

באַלד איז אויך פאַרטיק געוואָרן האָראָוויץ. זיין פּאַפּיר האָט גענומען אַריבערוואַנדערן אין אַ קרייז פון האַנט צו האַנט.

דאָס איז געווען אַ געראָטענע קאַריקאַטור אויף לייזער וואָלפן: גרויסע אויגן אונטער ברעמען — יאַרדלעס. ריזיקע אויערן ווי טרובעס פון אַ גראַ־מאָפאָן, אַ לאַנגער שטריך האָט באַדייט דאָס מויל. דער אונטערשטער קינבאַק האָט געפעלט, פון מויל האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ לאַנגער האַלדז.

ווען דאָס פּאַפּירל איז דערגאַנגען צו לייזער וואָלפן, האָט ער זיך אין דעם לאַנג איינגעקוקט, אַוועקגעלייגט פאַר זיך אויפן טיש און געפרעגט שטיל:

— ווער באַדאַרף עס זיין?
— איר דערקענט נישט?
— ניין.

ביים טיש איז געוואָרן שטיל און אומהיימלעך. באַלד האָט מען זיך גענומען צו אַנדערע טעמעס.

— איך וועל שוין גיין — האָט מיר אויפן אויער געזאָגט לייזער.

— איך אויך.

אויף די טרעפּ פרעג איך אים, ווי געפעלט אים דאָ?

— רייזען איז אַ טייערער מענטש, זעלטן צו טרעפן אַזאַ. מאַנגער איז אַ דיכטער, און דער האָראָוויץ — קיין צייכענער איז ער יעדנפאַלס נישט.

איז ער געווען באַליידיקט לייזער וואָלף? געווים נישט. כ'האָב קיינמאָל נישט געזען ער זאָל זיך באַליידיקן. ער איז דאָך פון קיין זאַך נישט נתפעל געוואָרן. זיך געזעגנענדיק האָבן מיר זיך באַלד צעשיידט, ביידע מיר צופרידן וועג, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם.

.6

אַן אָוונט פון די „יונג־ווילנער“ אין זאַל פון דער רעאַל־גימנאַזיע. דער פּאָרזיץ איז געווען אָנגעטרויט מיר. מיט עטלעכע טעג פריער האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, ווער וואָס עס לייענט. מיט לייזער וואָלפן איז געווען אָפּגערעדט, אַז ער לייענט אַ פּאָר בריוו פון מנחם־מענדל צו זיין ווייב און פון איר צו אים. דאָס איז געווען אַ טאַלאַנטפולע קאָפּיע פון שלום־עליכמס העלדן אין נייע באַדינגונגען, כמעט אויסגעהאַלטן אין שלום־עליכמס טאָן און וואָלפיש צוגעפעפערט.

פאַרן אָנהייב פרעג איך אים איבער, צי ער האָט צוגעגרייט זיין מנחם־מענדל. ער ענטפערט מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ אויף יאָ.

איידער ער באַקומט דאָס וואָרט רעד איך גאַנץ לאַנג וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון זיין טאַלאַנט, איבעראָרמיר וועגן זיין נייער אַרבעט — דער אַלטער מנחם־מענדל אין נייע באַדינגונגען. איך פיל — דער עולם איז באַראינטערעסירט, בפרט אַז איך קאַרג נישט קיין שבחים פאַר זיין נייער אָריגינעלער שאַפונג.

שטייט אויף לייזער וואָלף. ער רעדט און איך וויים נישט וווהין די אויגן אַהינצוטאָן, גלויב נישט מיינע אייגענע אויערן. דער עולם קוקט מיט איבערראַשונג אויף אים און אויף מיר. חוזק־בליקן שטעכן מיך מיט שפּאָט דורך. דאָס איז עס די גרויסע כלי, וועגן וועלכער איך האָב אַזוי געהויבן געדרשנט — רעדן זייערע בליקן.

און וואָלף רעדט שטיל, ווי זיין שטייגער איז געווען (לפי ערך) אַזש וואָס:

„מענטשן מיינען, אַז צום שרייבן לידער, דאַרף מען גוט קענען די שפּראַך אויף וועלכער מען שרייבט. דאָס איז אַ טעות. און דאָס וועל איך אייך באַלד באַווייזן. איך קען נישט קיין ענגליש, נישט קיין פראַנצויזיש, נישט שפּאַניש און נישט פּאָרטוגעזיש, פּונקט אַזוי ווי איך קען נישט קיין רוסיש, נישט קיין טערקיש און נישט קיין אַנדערע לשונות. וואָס איך וועל אייך דאָ לייענען. איך האָב אויסגעלערנט צו 100 ווערטער פון צען שפּראַכן און אָנגעשריבן אויף יעדערער פון זיי אַ ליד, מיט אַן אינהאַלט און גע־גראַמט ווי ס'באַדאַרף צו זיין".

און ענדיקנדיק די דאָזיקע ווערטער, נעמט ער מיט אַ רואיקער האַנט אַרויס פון בוזעם־קעשענע בויגעלעך פּאַפּיר און לייענט צען קורצע לידער אין צען שפּראַכן.

אין עולם איז אַ באַוועגונג. מ'האַלט זיך אָבער איין און מען שווייגט. מען קאָן נישט משיג זיין וואָס דאָ געשעט. ער ענדיקט. זעצט זיך גלייכ־גילטיק אַראָפּ אין זיין שטול. אין זאַל — נישט קיין אַפּלאָדיסמענטן, נישט קיין אויסרופן. עטלעכע הייבן זיך אויף און פאַרלאָזן דעם זאַל. וואָלף זיצט ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אַ גליק, וואָס ער איז געווען דער פאָרלעצטער — וועט נאָך ווי נישט אין דער אָוונט אַדורכגיין. געבנדיק דאָס וואָרט דעם לעצטן, מעלד איך, אַז דאָס נאָר וואָס פאָרגעלייענטע איז אין פּראָגראַם נישט געווען פאָ־רויסגעזען.

לייזער וואָלף וויזט נישט אַרויס די מינדסטע פאַרלעגנהייט. ווען איך פרעג אים ביים פאַנאַנדערגיין זיך, פאַרוואָס האָט ער מיר נישט געמאָלדן פאָרויס, וואָס ער האָט בדעה פאָרצולייענען, ענטפערט ער פלעגמאַטיש און גלייכגילטיק:

— נאָך וואָס דאָס אַמפּערן זיך. איך לייען וואָס איך וויל.

7

מאַכט זיך, אין אַ זומערדיקן בין־השמשות טרעף איך לייזער וואָלפן אין „טעלאַטניק"*. ער שפּאַצירט אַרום אין אַ טונקל העמדל מיט קורצע

* ווילנער שטאָט־גאָרטן.

ארבל און אין טונקל־גרויע גאָלף־הויזן. אויף די קרומע פיס לאַנגע זאָקן, אויף וועלכע עס באָמבלען זיך פראַנדזן. ער גייט זיך לאַנגזאַם, דעם קאָפּ עטוואָס פאַרוואָרפן אויף א זייט. זיין הולך דערמאָנט מיר אין מאיאַקאָווסקים „ א וואָלקן אין הויזן”. כ׳יאָג אים אָן פון הינטן און לייג ארויף א האַנט אויף זיין אַקסל: „בירגער, איר זייט ארעסטירט, ווער האָט דערלויבט א וואָלקן אין הויזן ארומצושפּאַצירן אין „טעלאַטאַניק” אויף דער ערד?”

ער גיט אַ שמייכל. כ׳באַמערק אויף זיין פאַרטראַכט פּנים, אז היינט קוועלט אים פון אינעווייניק א פרייד. ער איז מילד און ווארעם ווי דער אָוונט. ער נעמט מיך אונטערן אָרעם — אַ זאַך וואָס ער טוט קיינמאָל נישט.

— ביסט היינט עפּעס, ברודער, אויפגעלייגט — באַמערק איך — געוויינלעך ביסטו קאַלט ווי אַ מטבע.

— כ׳בין שוין איינמאָל א מטבע — זאָגט ער סודותדיק. — שטעל זיך פאָר וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן. פאַראַן מעשהלעך פון טויזנט און איין נאכט, האָב איך באוויזן א גרעסערע קונץ — אין איין חודש האָב איך אָנגעשריבן טויזנט און איין ליד.

און ער מאַכט באלד א חשבון:

— דאָס מאַכט אוים איבער 33 לידער אין איין טאָג.

דאָס זעט מיר אוים ווילד און משוגע.

— דו לאכסט. וואָס איז עס פאר אן איינפאל?

— געווען אזא איינפאל... און היינט האָב איך פארענדיקט דאָס טויזנט און ערשטע ליד. פונקט א חודש.

ווען ער וואָלט מיר געזאָגט, אז ער האָט געוואונען א מיליאָן אויף דער לאָטעריע, וואָלט איך אים גיכער געגלויבט. שוין איינמאָל אַן אונטערנעמונג. קענטיק, אז ס׳איז אין דעם חודש נישט געווען קיין אַרבעט ביי „האַנטלאַס”, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס אויסצופילן די פוסטע צייט.

ער איז היינט באַרעדעוודיק.

— דער גרעסטער טייל פון זיי איז דרוקפעיק. — פאַרזיכערט ער און מאַכט מיר באלד א פאָרשלאַג: — דו ביסט ביי מיר קיינמאָל נישט געווען. קום צו מיר, כ׳וועל דיר לייענען.

מיר גייען באַרג־אַרויף צו שניפּישאָק. לינקס, נישט ווייט פון פלומפל, פירט ער מיך אריין אין א רחבותדיקן הויף און ווייזט מיר אויף א פאַרטער־וווינונג: דאָ וווין איך. און פרעגט איבער: וועסט אריין?

— געווים.

ער עפנט די „טומבאָטשקע" — זי איז פון אונטן ביז סאמע אויבן אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן, העפטן. ער נעמט פון סאמע אויבן ארויס א שטויס, האלט עס אויף דער דלאָניע, ווי ער וואָלט שאצן די וואָג. נישט קלייבנדיק, ווי ארויסציענדיק א גורל, נעמט ער פון פּאַק און לייענט.

ער לייענט איינע נאָך די אנדערע, נישט פרעגנדיק קיין מבינות, מינימום אַ צוואנציק „שטיק". לייענט שטיל און אָן קיין שום אינטאָנאציע. וואָלפישע לידער. סאמע פארשידנאַרטיקע — טייל מיט בדחני־שע גראמען, גראָבע און האַמעטנע. טייל, די וואָס געפעלן מיר, נעם איך פון זיין האנט ארויס און לייען אליין, און, אָ, וווּנדער: ערשטקלאַסיק, אָריגינעל, פיין געבויט, מיט א טיפן געפיל, ליריש און איראָניש גלייכצייטיק. לייכטע ווי אויפגעקלאַפּטע פון ווינט, ווי זיי וואָלטן אים קיין שום מי נישט געקאָסט. כ'ווייס נישט ווי זיך צו דעם אלץ באציען. כ'ווייס נאָר, אַז אַזוי טאָר מען נישט. אַזוי פיל לידער אין איין קורצער צייט — מוז זיין מלאכה, קינדערישער קאַפּריז, אַ וויסטער עקספּערימענט.

— מען טאָר אזוי נישט — זאָג איך.

— וואָס טאָר מען נישט?

— אזויפיל שרייבן.

— פארוואָס? ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן? כ'קוועטש זיי נישט אויס פון פינגער. אין קאָפּ איז ביי מיר א בינשטאָק. עס הודזשעט מיט לידער, מיט טעמעס. פארוואָס טאָר מען נישט? ,

ער האָט זיך צעוואַרעמט. נעמט ארויסציען פון „טומבאָטשקע" נייע שטויסן.

— דאָס איז א טראגעדיע „טראָצקי אין סטאַלין", דאָס א ראָמאַן פון יונגט־לעבן, דאָ פאַנטאַסטישע ראָמאַנען, דראַמעס, פּאָעמעס, זעסט, וויפל ס'האָט זיך אָנגעקליבן!

טאַקע, פארוואָס טאָר מען נישט? איך בין ארויס פון אים א צע־רודערטער. כ'האָב נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז עס פאר א קוואַל אזא, וואָס טרייבט פון זיינע אינגעווייד אזוינע פארשידנאַרטיקע שטראָמען גלייכצייטיק — לויטערע און מוטנע, געזאלצענע ים־וואַסער און

שמעקנדיקע טוי־טראָפּנס, איידעלן ווין און פֿריקרען אייל, גאָפּט, בלוט, אייטער.

איינס איז אָבער געווען אויסער יעדן ספֿק. דאָס האָב איך זיך אײבערצייגט ווידעראַמאָל — דאָס איז אַ טאַלאַנט, אַ גרויסער און זעלטענער.

8

לייזער וואָלף איז געווען זייער פּראָדוקטיוו, אָבער איבערגעבליבן פֿון אים איז זייער נישט פֿיל.

אין בוך־פֿאָרם זענען ארויס:

„ע וו י ג י נ ג אָ“ — א פּאָעמע אין 16 זייטן אָפּגעדרוקט אין ל אַ ט ײנ י ש ע ר טראַנסקריפּציע, אין ווילנע, 1936, געשריבן אין טאָן פֿון לאַנגפֿעלאָס „הייאַוואַטאַ“, ארויסגעגעבן איז זי געווען פֿון באַרימטן יידישן פֿאַרלאַג „אַליינעניו“ — ד.ה. פֿאַר עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע זלאָטעס (פֿון האַנטלאַס, קענטיק) פֿון מחבר אַליין. איז נישט אויפֿפֿאַלנדיק: דאָס ערשטע ביכל און אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע! וואָס פֿאַר א דרייסטער און וואָס פֿאַר א קינדערישער איינפֿאַל! דערמיט האָט ער געוואָלט אונטערשטיצן אַן אַלטן און נישט געראָטענעם געדאַנק וועגן ארויספֿירן די יידישע שפּראַך פֿון די ענגע ד׳אמות פֿון יידישן אלף־בית און אַרייַנפֿירן זי אונטער די ברייטע הימלען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס ביכל איז געבליבן פֿאַרשוויגן. קיין איין רעצענזיע. געבליבן ווי א שטריך צום פּאָרטרעט פֿון זיין מחבר.

„ש וו א ר צ ע   פּ ע ר ל“ — אַ זאַמלונג ארויסגעגעבן פֿון „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע 1939. אַנטהאַלט 116 זייטן. דאָס איז דאָס איינציקע גרעסערע ביכל ארויסגעגעבן ביי זיין לעבן. דאָס בוך האָט אים נישט געמאַכט פּאָפּולערער ווי ער איז געווען ביז דעם, הגם זיין ארויסגאַנג איז געוואָרן אָפּגעמערקט מיט א גרויסן אָוונט אין ווילנע, דורך באַטיצן און רעצענזיעס אין דער טעגלעכער און ליטעראַרישער פּרעסע.

„ל י ר י ק א ו ן ס אַ ט י ר ע“ — מלוכה־פֿאַראַלג „דער עמעס“. מאָסקווע, 1940. אַ ביכעלע פֿון 47 זייטן פֿאַרזען מיט אַ קורצן אַרייַנפֿירוואָרט פֿון דיכטער א. קושניראָוו.

„ד י ב ר ו י נ ע ב ע ס ט י ע“ — אין זעלבן פֿאַרלאַג, 1943. אין זעלבן יאָר פֿון זיין פּריצייטיקן טויט (אין אָקטאָבער 1939 האָט לײ־

זער וואָלף פאַרלאָזט ווילנע און זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד — לויט געוויסע ידיעות אין דניעפּראָפּעטראָווסק, ווו ס'האָט געוווינט זייַנס אַ שוועסטער. אין אָנהייב פון קריג האָט ער צוזאַמען מיט איר זיך עוואַקוּאירט קיין מיטל-אַזיע און געלעבט אין אַ ישוב 70 קילאָמעטער הינטער דער אַלטער אוזבעקישער שטאָט סאַמאַרקאַנד, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ שטריק-אַרטעל). דאָס ביכעלע אין פאָרמאַט פון אַ פּאָסט-קאַרטל האָט פאַרמאָגט בסך-הכל 40 זייטעלעך. אין דער פאָררעדע פון דיכטער עזרא פינינבערג ווערט געזאָגט: „ס'איז אַנטיפאַשיסטישע באַלאַדעס און סאַטירעס, געשאַפן לויטן מוסטער און אויפן גרונט פון יידישע פאָלקס-לידער“.
און לסוף:

„ל י ד ע ר“ — די גרעסטע זאמלונג לידער זייַנע, ארויסגעגעבן אין 1955 אין ניו-יאָרק דורכן „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס“, 204 זייטן, געזאמלט פון ל. ראַן, אָפּגעקליבן און רעדאַגירט פון ה. לייוויק.

פון דאָ דאַרף אָפּגעמערקט ווערן: אַלע ביכער (חוץ „עוויגינגאַ“ און די „ברוינע בעסטיע“) הזרן איבער, הויפּטזעכלעך, איינע און די זעלבע לידער, וואָס די מערסטע פון זיי זענען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּעריאָדיק.

דאָס איז נישט צו פאַרשטיין ביי אַזאַ שפּעדיקן פּראָדוצענט, ווי ס'איז געווען לייזער וואָלף. עס פירט אַרויף אויפן רעיון, אַז די סעגרעגאַציע האָבן דורכגעפירט רעדאַקטאָרן און זייער זיפּ האָט נישט דורכגעלאָזט די שוין צו-רייסיק נאַטוראַליסטישע און די הילפּלאָז בדחנישע לידער.

ה. לייוויק האָט אין דער זאמלונג „לידער“ אפילו נישט אריינגענומען „די באָלוואַנסקע מויד“, וואָס איז אריין סיי אין „שוואַרצע פּערל“ און סיי אין „ליריק און סאַטירע“ (אין לעצטן איז נאָר דער נאָמען געביטן געוואָרן אויף „די אַלטע מויד“). לייוויק האָט זיך געמיט, קענטיק, צו באַזייטיקן די צעפּאַטלטע גראָבקייט און ווייזן דעם פילאָזאָפיש-לירישן לייזער וואָלף. מיר זענען נישט איבערצייגט, צי דער וועג איז דער סאמע ריכטיקסטער.

פאַר דער מלחמה האָבן זיך אין דער פּרעסע און אין די „יונג-ווילנע“-העפטן באַוויזן נאָטיצן וועגן דעם, וואָס לייזער וואָלף האָט איזיין וואַרשטאַט. אין פאַרשידענע צייטן איז געוואָרן מיטגעטיילט וועגן אַזוינע אַרבעטן: ער האָט פאַרענדיקט אַ גרויסן ראָמאַן „מזרח און מערב“, וואָס נעמט אַרום גרונט-פּראָבלעמען פון יידישן לעבן; אַ טראַ-

גיקאָמעדיע „קאָשמאַראָוו“; א ראָמאַן אין פערזן „הראַביאַ זינדראַם זלאָוראָצקי“; א בוך „אייראָפּעישע סאָנעטן“. מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען צו לייענען עטלעכע קאַפּיטלען פון זיינע ווערק „נייע בריוו פון מנחם-מענדל און שיינע שיינדל“ און „נייע מאָנאָלאָגן פון טוביה דעם מילכיקן“.

באַלד נאָך דער מלחמה האָב איך זיך געווענדט צום מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס“ מיט אַ בקשה אויפצוזוכן לייזער וואָלפס כתב־ידן, וואָס האָבן זיך זיכער פאַרוואַלגערט אין זיינע אַרכיוון (אַז ער האָט נישט ווייניק געשיקט אין פאַרלאַג איז פאַר מיר קיין ספק נישט געווען). אויפזוכן איז געווען, קענטיק, שווער, אָבער לסוף האָט מען מיר איבערגעגעבן אַ דין העפטל, געדיכט באַשריבן מיט לייזער וואָלפס קליינינקן כתב. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָנהייב פון אַ פאַנטאַסטישן ראָמאַן. ער האָט זיך אָנגעהויבן — אויף וויפל ס'דינט מיר דער זכרון — לפי ערך אַזוי:

„מיין חבר האָט מיר געזאָגט: לאָמיר אָפּבינדן אונדזערע קאָסמאָסשיפלעך און מאַכן אַן אָוונטיקן שפּאַציר. לאַנג נישט געטראַכט האָבן מיר אַזוי געטאָן. דאָס שיפל איז געשווומען זייער פלינק, אָבער מיר האָבן די שנעלקייט נישט געפילט, ווי מיר וואָלטן זיך געגליטשט אויף אַ שטילער אָזיערע.

— וווהין פאַרנעמען מיר זיך? אפשר אויף דער ערד?

— ניין — האָט קאַטעגאָריש אָפּגעענטפערט מיין חבר — די ערד איז די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פון די פּלאַנעטן. זי איז נודנע און מיר דערווידער. דאָרט איז אַן אייביקער באַלאַגאַן. מ'האַלט זיך אין איין אַרומשלאָגן“.

אָט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, איז אין ערגעץ נישט געדרוקט געוואָרן. וווהין זענען אהינגעקומען די מאַנוסקריפּטן? ווען לייזער וואָלף האָט פאַרלאָזט ווילנע האָט ער זיכער מיטגענומען זיין גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש. צי האָט ער אים מיטגענומען אויך דאַן, ווען ער האָט זיך פון הגיעפּראָפּעטראָווסק עוואַקואירט קיין שאַכריזאַבס, הינטער סאַמאַרקאַנד? מ'דאַרף משער זיין, אַז א טייל פון זיינע ווערק — געוויס. הייסט עס, אַז זיי האָבן געדאַרפט איבערבלייבן ביי זיין שוועסטער. וואָס איז געוואָרן מיט דער שוועסטער נאָכן דיכטערס טויט? ווער קאָן ענטפערן אויף דער פראַגע?

9

נישט שווער פעסטצושטעלן, אַז לייזער וואָלף איז געווען אַן אָריגינעלער טאַלאַנט. דאָס האָבן מודה געווען אַלע. אָבער „מיט וואָס מעסט מען אים“? וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר? וועמען און וואָס דריקט ער אויס?

אָט אויף די שאלות איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן.

פון דעם פּאָרטרעט וואָס מיר האָבן געפּרוווט אָנוואַרפן זעט מען, אַז ער איז געווען אַ „טשודאַק“, ד.ה. אַ מענטש פון אַ מאָדנעם גאַנג און פיר אין לעבן. אויסער דעם איז ער געווען אַן אומגליקלעכער מענטש. ער אַליין האָט טיף אָפּגעפילט זיין אומגליק. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט אַ דינער אייַדעלער נשמה, מיט אַ שוואַכן גוף און נישט צוציִענדיקן אויסזען. ער איז געווען שעמעוודיק און אומבאַהאָלפן, ווייטיקדיק געשפּירט, אַז דאָס לעבן וועט אים אָפּזאָגן אין פיל זאַכן, וואָס אַנדערע גיט עס מיט אַ פולער האַנט. אפילו עלעמענטאַרע פאַרגעניגנס וועט עס אים קאַרגן — אַ שמייכל פון אַ פרוי, די ליכטזיניקע צערטלעכקייט פון איר האַרצן. ער וועט נישט פאַרברענגען מיט ווילע יונגען ביי אַ כוסה. ער וועט זיך קיינמאָל נישט דערלויבן אויף פרעכקייט, וואָס ער וואָלט מיט פאַרגעניגן געטאָן, פונקט אַזוי ווי עס טוען עס אַנדערע.

אויף דעם באָדן האָט זיך אַנטוויקלט אין זיין געמיט אַ מעלאַנכאָליע פון אַ באַזונדער באַפאַרבונג. ער איז מיד געווען פון די נאַטירלעכע מענטשלעך־מאַנסבילשע גראַנגלעגישן אין זיין נשמה, מיד פון נישט דערפילטע פאַרלאַנגען. שרייבן ערנסט וועגן דעם וואָס מאַטערט אים האָט ער נישט געקאָנט. אין דעם האָט אים געשטערט זיין איינגעבוירענע שעמעוודיקייט. האָט ער אָנגעטאָן אַ מאַסקע. אין דער מאַסקע האָט ער זיך דערפילט אָפּגעזונדערט פון מענטשלעכע בליקן, געוואָרן אַ „העלד“, גראָב און צודרינגלעך. אין דער מאַסקע האָט ער זיך געקאָנט נישט צערעמאָניען, אויסדריקן די עלעמענטאַרע געפילן אויף אַן עלעמענטאַרן אופן און אין דעם געפינען אַ באַפרידיקונג, אַ נקמה.

אין גראָטעסקן און בורלעסקן האָט ער אָנגעקליידט זיין גאַנצע איִנעווייניקסטע וועלט. מיט דעם האָט ער אויסגעדריקט זיין באַציִונג צו דער אויסערלעכער וועלט — דער זעלבער, וועמענס פריינדשאַפט און צערטלעכקייטן ער האָט געזוכט און וועלכע ער האָט אַפּריאָרי געפילט אַלס שונא. ער האָט געשפּילט טעאַטער: געוויזן די לינקע זייט פון לעבן אונטער

וועלכער ער האָט באַהאַלטן די רעכטע. דאָס זייד פון זיין נשמה האָט ער זיך באַמיט אָנצוטאָן אין א וואַטניק. די דינקייט און פיין-שפירעוודיקייט, צאַרטקייט און די אים פאַרשלינגעדיקע בענקשאפט האָט זיך אין זיינע לידער דורכגעריסן ווי א שטראַל דורך דיקע צעקודלטע וואָלקנס, ווי א טרויעריקער, פאַרגעבנדיקער שמייכל פון א פילאָזאָף אין דער קאָמפּאַניע פון גראָבהויטיקע באַלעגאָלעס.

אזוי האָט זיך פאָרמירט זיין סטיל שוין אין דער יוגנט. און אזוי ווי ער האָט געפונען דעם סטיל, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע לעבנס-סתירה און זיך אין אים דערשפירט באַקוועם און היימיש, האָט ער זיך שפּעטער געלאָזט נעמען געפאַנגען פון זעלבן סטיל און בלייבן זיין שקלאַף ביז צום סוף פון זיינע קורצע יאָרן.

.10

זיין לעבן איז פאַרלאָפן צווישן דעם „גאָט-געבענטשטער" גרויסער ווילנער אָרעמקייט. אין געמיט זיינעם האָבן געלעבט די יידישע געסלעך, אין וועלכע ס'האָט צוזאמען געהויזט א גרויזאמע נויט און א פאַרביקער חלום, ווו ס'איז טאָג-טעגלעך אָנגעגאַנגען אַ ויתרוצו צווישן דער גרויסער הארבער פּראָזע ארום און דער פּאָעזיע, וואָס האָט געלעבט פאַרשטעקט אינעווייניק — די סתירה, וואָס איז געווען זיין אייגענע סתירה און אַן אַלמענטשלעכע גלייכצייטיק — דער קאָנפליקט צווישן חלום און וואָר.

די יידישע געסלעך! אין זיי האָט מען געהאַנדלט מיט בולבע-טייגעכץ און אַרבעס-באַבקעס, מיט פאַרפרוירענע צוגעלעגענע עפּעלעך, וואָס האָבן אויפן לשון פון די פאַרקויפערינס געהייסן „אָנגעגאָסענע פלעשלעך וויין", מיט קאַלטע באָבעס אין גרויסע, אָפענע קאָשיקעס (זייער ברוינע הויט האָט געפינקלט פון נישט-צעלאָזענעם זאַלץ) און הייסע באָבעס — אין טעפּ פאַרוויקלטע אין א וועלט טראַנטעס (די פאָרציעס פלעגן אָפּגעמאָסטן ווערן מיט א לעפל און איבערגעגעבן ווערן אין „סקאָמוצן"). קאַלטער שוימיקער ברויט-קוואַס איז דאָ געווען א לאַבונג און א הערינג מיט ציבעלע — אַ דערקוויקונג.

די יידישע געסלעך! מיטן דורכהויף, ר' מיילעס הויף, און לייב לייזערס הויף, ווו די קרעמלעך האָבן נישט געהאַט קיין פענצטער און אויסגעזען ווי שוואַרצע פינצטערע קברים פאַרוואָרפענע מיט אַלטוואַרג און שימל, מיטן ספּעציפישן ריח, וועלכן א נישט געוווינטע נאָז האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן אויף א מייל.

די „גאָט=געבענטשטע" ווילנער אָרעמקייט! אונטער טראַנטעוואַטע, צעלאַטעטע בגדים האָבן געלעבט פלאַמיקע בונטאַרישע הערצער, פאַרצאָגטע און אויפגעברויזטע. אין הייפעלעך, ווי פאַרזייערטע ברינעמער, פלעגט איין דאַר ראַכיטיש ביימעלע פאַרשטעלן מיט זיך „די נאַטור" און צוציען אונטער זיין מ'שטיינס געזאָגטן „שאָטן" די פאַרליבטע. פון דער זייט האָט עס אַלץ אויסגעזען אַזוי נישט וואָרהאַפטיק, א געמעל פון א לידיש=אָפּשפּאָטנדיקן גרויסן מייסטער.

די געסעלעך! מיט משוגעים=אָריגינאַלן, וואָס פאַר איינעם פון זיי, וואָלט איר נישט אוועקגעגעבן קיין צען „קלאָרע". דאָס זענען געווען פאַרבנרייכע געשטאַלטן: משיחים — פאַרשטעלט אַלס בעטלערס, גאונים און נביאים — מטורפים, מתיקותדיקע זינגער מיטן אויסזען פון געסט פון יענער וועלט, משוגענע שנאָרערינס, ווי הייליקע שרה בת=טובימס — זיי פלעגן זיך קאַרגן דעם ביסן און מיטן אויפגעשנאָרעטן אויפהאַלטן לערנער און מקובלים אין בית=המדרש, „אַריינזאָגער" — פאַר וועמענס שאַרפע צינגער גבירים און גבאים פלעגן אַנטלויפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. הענדלערקעס! מיט דער תוכחה אויף דער צונג, מיט אַזויגע דערפינדעריש=בילדערישע קללות, וואָס חוץ זייער אומפאַרשעמטקייט, איז אויף פיל דיכטער געזאָגט געוואָרן אַזאַ עשירות פון פאַנטאַזיע.

די דאָזיקע וועלט איז דורך לייזער וואָלפן איינגעזאַפּט געוואָרן. ס'איז אָבער אויך געווען א צווייטע וועלט — א גרויסע און צעשיינטע, מיט חכמה און דערהויבנקייט, גאָר אַן אַנדערע — די וועלט פון ביכער. זי האָט קיין אָנהייב און קיין סוף נישט געהאַט, געבלענדט און געפינקלט.

און אין די ביידע וועלטן גלייכצייטיק האָט לייזער וואָלף געלעבט קייַלעכדיקע מעת=לעתן. ביידע וועלטן האָבן זיך אין אים צונויפגעמישט און געשאַפן א נייע, אין וועלכער ס'איז אַלץ אָנגעגאַנגען א געראַנגל פון די צוויי סטיכיעס, וואָס האָבן אים געבוירן — די ווילנער געסעלעך און דער אוניווערסום! ביידע האָבן געקעמפט פאַר בכורה און קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, לעבן זיי צונויפגעפלאָנטערטע אין זיינע לידער.

וואָס איז האָס לעבן?
דער מעכטיקער פלי?
די טענצערין אויף די נאַקעטע קני?
דער וואָלקן אין האָניק?

דער וואָלקן אין בלוט?
דער באַרג־שפּיץ אין פייער, ווו גאָט האָט גערוט?
אָט דאָס איז דאָס לעבן?

— די שמוציקע זאַקן לעבן דיין בעט.
אין הילצערנעם קאַסטן
דאָס קוויטיקע גרעט,
די פרוי אין דיין צימער
פון ביינער און הויט,
דאָס שווערע פאַרשוויצטע געזאַלצענע ברויט —
אָט דאָס איז דאָס לעבן!

— אָט דאָס איז דאָס לעבן?
דאָס קאָן דאָך נישט זיין!...

אָט דער דיאַלאָג — אין סאַמע פאַרשידענע וואַריאַנטן — וועט אָנגיין אין זייער פיל לידער לייזער וואָלפס. וועלכע איז די וואָרהאַפטע פון די צוויי פאַרשטעלונגען וועגן לעבן? — וועט ער אַלע זיינע יאָרן פרעגן מיט פאַרוווּנדערונג. לייזער וואָלף איזדיעקעוועט זיך אין חלום איבערן לעבן און אין לעבן — איבערן חלום.

אָט דער שטרייט איז דער מקור פון זיין סאַטירע. צי איז עס אָבער סאַטירע?

.11

לייזער וואָלף איז כמעט אַ גאַנץ לעבן (אַזש ביז אָקטאָבער 1939) נישט אַרויס פון גרר פון זיין געבורטס־שטאָט. פיזיש האָט ער געשטעקט אויף שניפּישאָק. אין גייסט האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער אַ וועלט, אומעטום אויסגעוועזן. ער פילט זיך אין פּאַריז און טאָלעדאָ, אין ווין און רוים, ווי אין דער היים. ער איז אַ שטאָט־גאַסט אין דייטשלאַנד און האָ־לאַנד. ער פילט דעם אייגנאַרט פון שטעט און לענדער — זייער לופט, טעם און ריח. ער איז „באַפריינדעט“ מיט די גרעסטע ליטעראַרישע נעמען פון אייראָפּע. זיין פען מאַכט די ווייטסטע עקסקורסיעס אין דער פאַר־גאַנגענהייט און אין דער צוקונפט. ער איז „אויף דו“ מיט שפינאָזען און

געטע, מיט גײַשען און בעטהאָווען, מיט בײַראָן און באָדלער, מיט יעסענין און פּושקין, מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און בודאַ, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז ער איז אַ „גאַש־בראַט“ מיט די ייִדישע גדולים — מיט מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, מיט אײַזיק מאיר דיק און מאַנטעפּיאָרען, מיטן ווילנער גאון און מיטן בעש״ט און מיט וועמען נישט? זיי אַלע זענען „העלדן“ פֿון זײַנע לידער. ער איז מיט זיי אַלע אויף אַ „קורצן פֿוס“, — זיי זענען בײַ אים נישט צו גרויס — זיי זענען מענטשן. ער ווייס נישט פֿון קיין דיסטאַנץ און ווײַטקייט.

חוץ „גוטע באַקאַנטע“ אין די העכערע ספֿערן פֿון גײַסט האָט לײזער וואָלף באַקאַנטשאַפֿט מיט די סאַמע אונטערשטע, נידעריקסטע קרײַזן: מיט היטלערן און מיטן טײַוול, מיט גראַפֿן און מיטן „ריטער פֿאָן שווײַן“, מיט דער פֿעע פֿון פֿאַרדעכטיקטער אויפֿפֿירונג, מיט גאַסן־מוידן פֿון די פּאַריזער בולוואַרן. אויך די וועלט פֿון חיות און געפֿליגל מײַדט ער נישט אויס — דער טיגער און דער וואָלף, דער האָז און די שוואַלב און אַפֿילו דער שנוק פֿון דבר־אחר שמעקט אַרויס פֿון דער חברותא.

צווישן די העלדן פֿון זײַן היימשטאָט פֿאַרנעמט דעם אויבן־אָן ער אַליין — לײזער וואָלף. ער רעדט וועגן זיך אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן, ער לויבט זיך און מאַכט פֿון זיך חוזק, שטאָלצירט מיט זײַן רוה און לייגט דעם זעלבן רום אין בלאָטע, זידלט און באַדויערט זיך און דער עיקר — אַמפּערט זיך מיט זיך אַרום. לײזער וואָלפֿן אינטערעסירט זייער לײזער וואָלף.

די קריטיקער האָבן ליב דעם טערמין „לירישער העלד“. באַנוצנדיק אים קאָן מען זאָגן, אַז לײזער וואָלף איז דער לירישער העלד פֿון די מערסטע זאַכן, וואָס זענען אַרויס פֿון אונטער זײַן פֿען. ס׳מאַכט אָפֿטמאָל דעם אײַנדרוק, אַז אונטער די גרויסע נעמען באַהאַלט ער זיך אַליין. נישט ווײַל ער וויל ז י י תופֿס זײַן, נאָר ז י ך תופֿס זײַן אין זיי. דערפֿאַר פֿאַרוואָלפֿט ער זיי. דורך די גרויסע לײַט שרײַט אַרויס דער אײַנזאַמער ווילנער וואָלף זײַן אייגענע ביטערקייט און גאַליקייט, פֿירט אַ פּערמאַנענטן חשבון מיט זיך, פֿילאָזאָפֿירט איבער זײַן לעבן און זײַן טויט.

אָט ווי ס׳זעט בײַ אים אויס שפּינאָזע:

„ער לייגט די אַרבעט שטום אַוועק
און נעמט דעם קאַלטן קאָפּ אין די הענט.

פלוצלונג:
אַן אייזערנער עק
וויקלט אים אַרום,
גיט אַ ברום:
— וואָס האָסטו זיך פאַרקליבן אין אַ העק,
בעל־מום?
וואָס מיידסטו מענטשן אויס —
ביכער־מויז!
גאָט איז נישט אומעטום
נאָר אין דער טיפסטער טיף!
אומעטום איז נאָר דער טייוול מיט זיין ווײַרל —
קום!
עס איז נישט עטיש צו ליידן שטום,
די וועלט געהער צו שרייער.
די זינד איז פייער
און די אומשולד ווערט אַ ראָב,
ווען זי קאָסט צו טייער.
אַ חרם אויף דיין קאַלטן קאָפּ,
דו שטיק שטיין —
ווײַן".

יעדער מיט זיין מעפיסטאָפעל: שפּינאָזע מיט זיינעם, בעטהאָווען מיט זיינעם, געטע מיט זיינעם און אומעטום לייזער וואָלף מיט זיינעם. בעטהאָווען זאָגט אין חלום אַ מאַדאַם: „דער טייוול מיטן ווײַרל, וועט דיר ברענגען סם". און געטען מאַכט מעפיסטאָפעל אויסצודרייען מיטן עכטן ווילנערישן לשון:

„געטראָפן אין דער זון מיט אַ פּאַנטאָפל!
איך וועל דיר באַלד באַווייזן
מיט מיין פויסט פון אייזן,
ווי מען קען מיט געטער שפּרייזן —
וואָס האָסטו געשאַפן?
באַשריבענע פּאַפּירן,
וואָס מען קען צערייסן..."

רעדט ער דען וועגן זיך מיט ווייניקער באַגייסטערונג, איראָניע, הוזק ווי וועגן אַנדערע גרויסע?

„ווו קען ער זיין דער יונגער זקן,
דער באַלייידיקטער גאון פון יונגע ספרים?
ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן דער ליבער
מיטן שווערן חלום אויף דער גרינגער נשמה...“

און אביסל ווייטער:

„איך האָב זיך געלאָזט אין די פלאַכע שפורן
פון לייזער וואָלפן דעם גרעסטן נאָרנישט
פון איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
נאָר כ׳האָב אים אין ערגעץ נישט געפונען.
נישט ביי נאַראָנים,
און נישט ביי די קלוגע,
נישט אין די אונטנס
און נישט אין די הויכן.
ווו קען ער זיין דער יונגער פלאָקן,
דער ניכטערער נאַר פון די בעלעמער גליקן?
ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן דער ליבער,
מיטן אייזערנעם הויקער אויף די הילצערנע ריפּן?“

דאָס איז איינס פון לייזער וואָלפס לעצטע לידער, געשריבן אין אוזבעקיסטאַן. איז עס נישט דער זעלבער טאָן און דער סטיל ווי אין דער „באַלוואַנסקער מויד“ — איינע פון זיינע ערשטע לידער געשריבן אויף שניפּישאָק?

„פונקט ווי אין אַ באַלעגאָלע-בוידן,
לעב איך די באַלוואַנסקע גרינע מויד
אַלט-געבאַקן פון סאַלדאַטסקן ברויט...“

אין ווילנע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג זיינס אַ „ליבע-ליד“, וואָס מ׳פלעגט זינגען (ווער ס׳האָט אָנגעשריבן די מוזיק ווייס איך נישט) און וואָס איז קיינמאָל נישט, ווי מיר דאַכט, געדרוקט געוואָרן. ס׳איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דער ערשטער פערז:

„כ'האָב דיך ליב — אַ פייער זאָל דיך נעמען.
כ'האָב דיך ליב — אַן אומגליק זאָל דיך כאַפּן.
כ'וועל דיך אין אַ ווינקל וו דערטאַפּן
און אויסקושן די פּראַכט פון דיינע ברעמען —
אַ פייער זאָל דיך נעמען!"

און דאָס האָט געשריבן אַ מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן קיין איין גראָב וואָרט פון מויל נישט אַרויסגערעדט, אַ מענטש, וואָס איז אין פּריוואַטן לעבן געווען די דיגקייט און איידלקייט אַליין, אַ פאַרשלאָפענער און פאַרחלומטער.

ר ע ד ן אַ גראָב וואָרט — גאָט באַהיט! ש ר ײ ב ן — דראַסטיש, האַמעטנע, גראָב, דאָס יאָ — מיט ליידנשאַפט, מיט הנאה.

ווי אַנדערש, האָבט זיך, זיי זענען געווען — דער מענטש און דער דיכטער. און דאָך — דעם מענטשן דאַרף מען זוכן אין דיכטער.

.12

ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט דער אומעטיקער וואָלף. אָבער אין זיי= לוסטיקייט איז קיין שמץ פרייד נישט געווען. ער האָט זיך כסדר געשטעלט פראַגן: ווער בין איך, וואָס טו איך, וואָס וויל איך? און אויף קיינע קיין ענטפער נישט געקאָנט געבן.

ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין אייגענעם צער, מיט זיין טרויער, מיטן וואָלף וואָס איז אַרומגעלאָפן אין זיין ברוסט; געדייצט זיין אייגענע אומבאַהאָלפנקייט.

ער האָט איינגעזען קאָמיזם אין דער טראַגעדיע פון לעבן און טראַגיזם אין דער קאָמעדיע פון לעבן. זיין הומאָר — דאָס איז תליה-הומאָר.

זיינע פערזן זענען לייכטפליסיק און דאָך קאָנט איר זיך נישט באַפרייען פון איינדרוק, אז אין זייער רוקנביין פליסט בליי.

מ'האָט אים געהאַלטן פאַר א סאַטיריקער. דאָס זעט אויס נאָר אַזוי. דאָס איז נאָר אַ מאַסקע. אַ סאַטיריקער איז אַ קעמפער און האָט פיינט און ער, ביי זיין גאַנצער גראָבקייט, האָט ליב געהאַט, איז מילד געווען. אַ סאַטיריקער איז אַ שטראָפער, ער — אַ פאַרגעבער. ביי אַ סאַטיריקער איז יאָ — יאָ, ניין — ניין. ביי אים ליגט דער יאָ אין ניין און דער ניין אין יאָ. ער איז — אַ סקעפּטיקער. און ווייל אַ סקעפּטיקער, דערפאַר זענען

פֿאַראַן אין זײַן פּאָעזיע עלעמענטן, וואָס נאָרמאַל שליסן זיי זיך קעגנזײַטיק אויס און בײַ אים זענען זיי צונויפֿגעפֿלאָכטן אין איין האַרמאָניש-דיסהאַרמאָנישער גאַנצקייט. עס וועט אונדז נישט אָפּנאַרן זײַן גראָבקייט, וואָרום אין איר שטעקט גוטסקייט.

ער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ פּראָדוקט פֿון דורותדיקער ביט, פֿון ווילנער מיליע און פֿון פֿאַררײדישטער וועלט-קולטור. באַגרענעצט אין די ד׳ אמות און פֿרײַ ווי אַן אָדלער. און ווי עס פּאַסט נישט פֿאַר אים דאָס וואָרט אָדלער! ער איז אַ כלומרשטער אָדלער, ווי אַ כלומרשטער קראָט, אַ כלומרשטער וואָלף און אַ כלומרשטע שוואַלב. אין זײַנע לידער מאַכט ער דעם אָנשטעל פֿון אַ הונדערטפּראָצענטיקן מאַנצביל און שעמעוודיק איז ער געווען ווי אַ מיידל, ציטערדיק ווי אַן אינד. ער האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן אויף איין גאַס און אין דער נשמה געווען נע-ונד, אַ דאָן-קיכאָטישער וועלט-רײַזנדער. ער האָט כּסדר געוואָלט זײַן דאָס, וואָס ער איז נישט און געווען נאָר דאָס וואָס ער איז.

איין זאַך איז ער געווען פֿאַר עקסעלאַנס — אַ דיכטער.

די דיאַלעקטיק פֿון זײַן פּאָעזיע איז געווען אַן עקוויוואַלענט פֿון דער דיאַלעקטיק פֿון לעבן — פֿול מיט סתירות און האָט איינהייטלעך.

דער פּאַרטיזאַנער־הימן און זיין מחבר

אין טויזנטער זענען זיי געגאַנגען זייער לעצטן וועג.

אין לאַנגע קאָלאָנעס, וואָס האָבן געציילט צו פיר, פינף און זעקס טויזנט, אין קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעצויגן אויף אַ צוויי־דריי קילאָמעטער, זענען זיי געגאַנגען אַרומגערינגלט דורך תלינים און הינט, געגאַנגען ווייסנדיק, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג.

אַכט קילאָמעטער האָט ער זיך געצויגן דער וועג — פון צענטער שטאָט ביז די הערלעך־שיינע פּאָנאַרער וועלדער. אָט דעם וועג האָבן זיי אויסגעטראָטן מיט זייערע וואַקלדיקע טריט. צופוס האָבן זיי אים געמוזט אַדורכמאַכן. מאַמעס מיט קליינע קינדער ביי די הענט און ביי דער ברוסט, אָדער שטופנדיק מיט די לעצטע כוחות פאָרויס די קינדער־וועגעלעך. און ווען זיי זענען מידע אריבער דעם באַן־פּלאַנט צום גראָדנער טראַקט, האָט מען זיי באַלד אַרייַנגעטריבן לינקס אונטער אַ דראָטענעם טויער. זיי זענען אַריין טויזנטערווייז און זענען צעשאָסן געוואָרן צענערווייז — אַ צענדליק נאָך אַ צענדליק, אַריינטרעטנדיק נאַקעטע אין אָפענעם קבר, וואָס האָט זיי איינגעשלונגען. אַנדערע איז אויסגעקומען צו וואַרטן אַ גאַנצן טאָג אויף זייער ריי. ביי די איז דער שאָס אין נאַקן געווען אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען.

אין ווילנער געטאָ האָבן צענדליקער טויזנטער געוואַרט און נישט געגלויבט, אַז אויך פאַר זיי איז באַשטימט דער לעצטער מאַרשרוט: דורכגיין אַכט קילאָמעטער, אויסטאָן זיך, דערשאָסן ווערן אין מאַסן־קבר.

אין געטאָ האָט מען פאַרוויגט קינדער מיט אַ ניי ליד — פול מיט גורלדיקער רעזיגנאַציע:

„ס'פירן וועגן קיין פּאָנאַר,
עס פירט קיין וועג צוריק".

אַ ליד וועגן לעצטן וועג. מ׳האָט עס געזונגען אין טאָג־טעגלעך מלחמה געהאַלטן פאַרן לעבן — פאַר אַ דייטשיש פּאַפּירל, פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ שטיקל אָרט אויף דער פּאָדלאָגע.

אין דעצעמבער 1941 האָבן זיך גענומען שאַפן, נישט ווייסנדיק איינער פון דער אַנדערער, גרופּעס, וואָס האָבן טיף אין האַרצן אויסגעטראָגן דעם באַשלוס: גיין, דעם אַבסאָלוט־לעצטן וועג דאַרף מען פאַס־וו נישט דורכמאַכן, ס׳מוזן זיין אַ נ ד ע ר ע וועגן, אויב נישט צום לעבן אפילו, איז כאָטש צו שטאַרבן.

אין דעצעמבער 1941 האָט דער פּאָליציי־שעף פון געטאָ יאַקוב גענס באַשלאָסן: מ׳דאַרף פאַרטרייבן די עצבות פון די נשמות, מאַכן קאָנצערטן אין געטאָ, און זיך צונויפגערעדט מיט אַ דיריגענט, מיט אַן אַקטיאָר און אַ רעזשיסער און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: צוגרייטן די כוחות פאַר אַזאַ קאָנצערט.

דעם 18 יאַנואַר 1942 איז צוזאַמענגעקומען דער ערשטער ע פּ ג ט־ ל ע ב ע ר ליטעראַריש־וואָקאַלישער קאָנצערט אין ווילנער געטאָ. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ כאָראַלער דעקלאַמאַציע פון ביאַליקן:

„איבער גאַנצע בערג מיט צרות,
איבער ימים נויט און פּיין,
טראָג מיך מיט פאַרמאַכטע אויגן
און זאָל זיין דאָרט וואָס ס׳וועט זיין"

מיט זעקס טעג שפּעטער, דעם 24 יאַנואַר 1942, איז פאָרגעקומען די ערשטע ג ע ה יי מ ע באַראַטונג פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע גרופּירונגען, אויף וועלכער ס׳איז געוואָרן אָנגענומען: נישט לאָזן זיך טראָגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, שאַפן אַ פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע — צום קאַמף, צום קריג, פאַרן לעבן, פאַרן כבוד.

פון דער ערשטער באַראַטונג פון קעמפער האָבן זיך אַנטוויקלט דיווערסיע־ און סאַבאָטאַזש־אַקטן, אַ געווער־פּראָדוקציע, „פינפערלעך", אָפּטיילונגען און באַטאַליאָנען. דער שונא איז געשלאָגן געוואָרן אויף די וועגן, געפלויגן אין דער לופטן. דער קאַמף האָט געבוירן די מוזע — דאָס וווּנדערלעכע פּאַרטיזאַנער־ליד — דאָס ליד פון אַקטיוון באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד.

אין 1943, ווען ס'איז אָנגעקומען דאָס לעצטע קאַפּיטל פון ווילנער געטאָ, איידער ס'האָט אָפּגעקלונגען די לעצטע טעאַטער־פאָרשטעלונג, דער לעצטער קאָנצערט, די לעצטע הומאָריסטישע רעוויו; ווען אין די אָוונטן האָט מען מיט נאָך מער ווייטיק פאַרצויגן: „ס'פירן וועגן קיין פּאָנאַר, עס פירט קיין וועג צוריק", — האָט פּלוצעם מוטיק א דונער געטאָן:

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

ווי א סנאָפּ ליכט וואָלט געוואָרפן געוואָרן אין דער נאַכט. ווערטער ווי א לאָזונג, פּשוטע, אָבער אויסגעהאַמערטע ווי פון שטאָל.

זאָג נישט!
קיינמאָל נישט!

און ווי מ'וואָלט נאָר אויף די דאָזיקע ווערטער געוואַרט, זענען זיי אויפגעכאַפּט געוואָרן, צעטראָגן געוואָרן און זיך צעקלונגען ווי א רוף, פאַר די צום טויט פאַרמשפּטע — א באַפעל:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.

אין ווילנער געטאָ זענען געווען — און אין אַנדערע געטאָס זענען נאָך מער געווען — אָנגעזעענע שרייבער און דיכטער, אַלטע און יונגע, ראַפינירטע פען־מענטשן, מייסטערס מיט נעמען און אַלע האָבן זיי געשריבן, אַלע געוויינט, אַלע געוואָלט נאָך זיך איבערלאָזן אין די ווייטקייטן פון דורות זייער שטים. אָבער אין סאַמע חצות, צוועלף ביינאַכט האָט מיטאַמאָל א יונגיטשק הענדל זיך צעשריען און זיין שטים האָט געקלונגען ווי אַ טרומייט, וואָס זאַמלט די חיילות אין שלאַכט:

„...קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט א פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!"

דער ניגון פון א סאָוויעטיש ליבע־ליד, ווערטער פון א דיכטער — אַן אָנפאַנגער, וואָס איז נאָך געווען טעכניש הילפלאָז — דאָס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער הימן פון אַ געמאָרדעט פאָלק, וואָס האָט אין זיי געפונען דעם אויסדרוק פאַר זיין פלאַמענדיקן ווילן צו טאָט.

„און וווּ געפאַלן איז אַ טראָפּ פון אונדזער בלוט,
דאָרט וועט אויפגיין אונדזער גבורה, אונדזער מוט".

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז געוואָרן דער אָפיציעלער הימן פון דער ווילנער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע האָט נישט געהאַט קיין איין לאָקאַלן אַקצענט. קיין לאָקאַלן קאָלאָריט. עס איז געווענדט געווען צום גאַנצן פאָלק און האָט אַקומולירט די גאַנצע ענערגיע פון פאָלקס-האַרץ, וואָס איז פון די געמאָסטענע שורות *אַרויסגעשאָסן געוואָרן*. עס האָט פאַרקערפּערט סיי די טאַט און סיי די בענקשאַפט צו דער טאַט; נישט מאַראַרטייליגדיק האָט עס פאַראורטיילט די פּאַסיווקייט; עס האָט געטראָגן אין זיך געפּרעסט אַ גאַנצן פּראָגראַם; אין דער מפּלה האָט עס אָנגעזאָגט די בשורה פון נצחון. געווען אַ צוואה און אַן אָנזאָג.

ס'וועט די מאָרגן-זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט;
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור".

די קראַפט פון דאָזיקן* ליד דערקענען מיר לויטן אָפּקלאַנג זיינעם. די קראַפט איז פאַרבאָרגן אין זיין אומגעהויערער מאָביליזיר-פעיקייט. אָנגעשריבן מיט בלוט ציטערט עס אין אונדז דאָס בלוט.

ווער פון אונדזערע גרעסטע דיכטער אפילו האָט דערגרייכט צו אַזאַ געוואַלדיקער אויסווירקונג? וועלכער דיכטערישער פּאַטאָס איז געווען מער אָנשטעקנדיק? פון ווילנער געטאָ איז דאָס ליד אַריבער אין די לאַגערן, אין די פאַרטיזאַנישע טיילן, האָט אָפּגעווישט גרענעצן, זיך צעקלונגען איבער אַלע ימים און לעבט אומעטום ווו ס'קלאַפּט אַ יידיש האַרץ.

ווער איז ער געווען, דער כישופמאַכער, וואָס האָט געקאָנט אויפשטיין פון אַש, וואָס האָט מיט זיין ליד אַרויסגעריסן זיין נאָמען פון פאַרגעסנקייט, מיט איינע פיר פערזן אַריין אין גאָלדענעם פאָנד פון דער יידישער פּאָעזיע? ווער איז ער, דער, וואָס האָט זיך פאַרזיגלט אין דער פאָלקס-נשמה?

איך האָב אים געקענט. דאָס איז געווען זייער אַ פּשוט ווילנער יינגל. אַ קינד פון שניפּישאָק, אַזש ביי די שעסקינער בערג. כ'האָב געוווּסט, אַז ער שטאַמט פון גויט און דחקות, האָרעוועט פון קינדהייט אָן זיך מפרנס צו זיין. כ'האָב געוווּסט, אַז ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין עפּעס אַ געשעפט און אין געשעפטן האָבן יינגלעך געאַרבעט זייער שווער און ביטער און

זייערע אַרבעטס־שעהן האָבן קיין גרענעץ נישט געהאַט. כ'האָב געוווסט, אַז ער שרייבט לידער. געלייענט נאָר עפעס וואָס. דאָס איז געווען רוי, נאָר ערלעך און פריש. חברים האָבן געזאָגט — ס'איז אַ פעיק בחורל. עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט זיין פנים. ער איז געווען נאָר אַ יונגיטשקער, מיט אַ קיילעכיק קינדיש פנימל, מ'קאָן זאָגן אַפילו אַ שיינס, מיט בלויע אומשולדיקע שעמעוודיקע אויגן און אַ ווייכער צאַרטער גאָמבע. ער האָט געהאַט אַ גלאַטע צאַרטע הויט, אַ ביסל אַ פאַרוויטלטע, ווי אָנגעפאַטשט פון ווינט. נישט הויך, אָבער אַ פיין־אויסגעטאָקטער, מיט אַ מיידלשן האַלדז. כ'האָב געוווסט, אַז לייזער וואָלף איז זיין דיכטערישער אַפּוטרופּוס; אַז לייזער וואָלף האָט געשאַפן עפעס אַ יונגט־גרופּע „יונגוואַלד" פון שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס האַרף זיין דער נאָכוווקס פון „יונג־ווילנע", וועלכע האָט זיך שטאַרק געעלטערט, כאָטש געבליבן ביים יונגן נאָמען; אַז הירש גליק, דאָס געשמאַקע שעמעוודיקע בחורל, דאַרף עס זיין, אייגנטלעך, דער כוח, אויף וועלכן די גרופּע האַלט זיך. הייגט דוכט זיך מיר, אַז איך האָב אים געקענט אַ סך יאָרן, נאָר ער איז ווייניק געוואַקסן. ווען איך האָב געאַרבעט אין „ווילנער עמעס" האָט ער מיר שעמעוודיקערהייט אונטערגערוקט אַ פּאָר לידער און זיי זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן. קיין רעוואָלוציעס זענען עס נישט געווען. אויף זיי איז נאָך געווען אויסגעגאָסן דער חן פון כבראשית. אין געטאָ איז ער געווען אַ מיטגליד פון פ.פּ.אָ. ער פלעגט אַריינקומען אין יוגנט־קלוב, געווען אַ קאָמיוניסט, מערסטנס געלעבט אויסערן געטאָ, אין רעשע, ווו ער האָט מיט אַנדערע יידן געאַרבעט ביי טאָרף. דער בגרימטסטער פּאָעט אין ווילנער געטאָ איז געווען אַ. סוצקעווער. שיינע לידער האָט געשריבן אַ חנעוודיקער לעדער אָפּעסקין, אַ קאָמוניסט. גאַנגבאַרע לידער האָט געשריבן שמערקע קאַטשערגינסקי, טעאַטער־לידער און רעוויע־נומערן פלעגן שרייבן כתריאל ברוידע און לייב ראָזענטאַל. הירש גליק איז געבליבן דאָס זעלבע האָרעפאַשנע בחורל, געהאָרעוועט פיל שווערער ווי אַלע זיינע פּען־קאָלעגן אין געטאָ.

ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" איז נישט באַוווסט. דער אומדערמידלעכער נחמן מייזיל האָט אויף די פרישע שפּורן געוואָלט אויפשטעלן די ביאָגראַפיע פון יונג־פאַרשניטענעם דיכטער און אויך אים האָט זיך נישט איינגעגעבן עס פעסטצושטעלן. ער האָט אָנגעפרעגט מענטשן, וואָס דאַרפן עס וויסן. נאָר די ענטפערס זענען געווען פאַרשידענע. במילא איז שווער צו זאָגן וועמען פון זיי אַלעמען דינט דער זכרון בעסער. איינער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס ליד

איז אָנגעשריבן געוואָרן אונטערן איינדרוק פון די קלאַנגען וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ; אַן אַנדערער, ווידער, אַז ער האָט עס אָנגעשריבן אין די באַריכמטע וויטענבערג־טעג און סאָניע מאַדייסקער האָט עס צום ערשטן מאָל געזונגען פאַרן קאָמענדאַנט פון פ.פ.אָ. אויף אַ בוידעם, ווו ער זאָל זיך האָבן אויסבאַהאַלטן (און דערציילן דערציילט עס דווקא אַ גבית־עדות און מיט אַלע פּרטים). אָבער אבא קאָוונער, וואָס איז נאָכן טויט פון וויטענבערגן געווען קאָמענדאַנט און ביי זיין לעבן — זיין געהילף, פאַרזיכערט, אַז הירש גליק האָט דאָס ליד אָנגעשריבן צום צווייטן יאָרטאָג פון שאַפן די פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פאָלגלעך אין יאַנואַר 1943), און אַז דער שטאַב האָט עס אָנגענומען פאַר אַ הימן פון דער אָרגאַניזאַציע. וואָס איז פון דעם אַלעמען דיכטונג און וואָס וואָרהייט איז שווין איצט, דאַכט זיך, אַן אויפגאַבע נישט צו באַשיידן.

הירש גליק איז געווען אַ קעמפער פון צווייטן באַטאַליאָן פון פ.פ.אָ. דעם 1 סעפּטעמבער 1943 פאַרטאָג האָבן גרויסע מחנות עסטאָנישע פּאַשיסטן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און גענומען כאַפּן פון די גאַסן און הייזער ייִדן אַפּצוטראַנספּאָרטירן זיי כלומרשט „אויף אַרבעט“ קיין עסטאָניע. פ.פ.אָ. האָט גלייך געמאָלדן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, אָבער צוליב דער שרעקלעכער בהלה אין געטאָ האָט די מאָביליזאַציע געדויערט ביי אַ צוויי שעה. ערשט אַכט איגדערפרי האָט מען גענומען פאַנאַנדערטיילן געווער. דער ערשטער באַטאַליאָן האָט זיך באַוואָפנט אויף אַשמענער גאַס 6, זיך איבערגעוואָרפן אויף סטראַשון־גאַס 6 און דעם הויף פאַרוואַנדלט אין אַ באַסטיאָן. דער צווייטער באַטאַליאָן, איידער ער האָט באַוויזן צו באַוואָפענען זיך, איז באַפאַלן געוואָרן דורך די עסטאָנישע פאַשיסטן בראש מיט קיטעלן — דעם ליקווידאַטאָר פון געטאָ — פאַרכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן גרישע צעפּעלעוויטש און איז פאַרטריבן געוואָרן קיין עסטאָניע, ווו הירש גליק איז, אין גאַרווע, אומגעקומען.

דאָס איז אַלץ, וואָס מען ווייסט וועגן אים. איז הירש גליק געווען אַ גרויסער דיכטער? אויפן סמך פון די אונדערהאַלבן צענדליק לידער, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט און וואָס נחמן מייזיל האָט אין 1953 פּובליקירט אין אַ באַזונדער אויסגאַבע און פאַרזען מיט אַ הקדמה, וואָס פאַרנעמט ריכטיק צוויי דריטל פון גאַנצן ביכל — איז ריזיקאַליש צו רעדן וועגן אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט. דאָס פאַרמינערט אָבער בשום אופן נישט דעם געוואַלדיק קינסטלעריש־עמאָציאָנעלן ווערט פון זיין באַריכמט

ליד. אויך דאָס ליד איז נישט קיין שעדעווער פון שרייבערישער מייסטערשאַפט. נישט אין דער טעכנישער גענויטשאַפט פון מחבר, נישט אין דער געשליפנקייט און ווירטואָזיטעט פון וואָרט שטעקט די קאָלאָסאַלע באַצווינגענדיקע קראַפט פון דעם דאָזיקן פאָלקס־הימן. א שרייבער — אַ פּראָפעסיאָנאַל, וואָלט, אפשר, אַזוינס קיינמאָל נישט געקאָנט אָנשרייבן. זענען באַרימט דען אַנדערע מעכטיקע שאַפונגען פון די, וואָס האָבן אָנגעשריבן די „מאַרסעליעזע“, דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, אָדער ענלעכע, וואָס האָבן באַגייסטערט מיליאָנען? דווקא די אויסשליסלעכקייט, די אייגנאַרטיקייט, די איינמאָליקע גרויסע אַנטפּלעקונג, וואָס האָט ווי מיט אַ בליץ אָנגעצונדן זייערע נשמות און זיי אויפגעפלאַמט אַזוי, אַז זיי האָבן אין זיך געקאָנט כולל זיין דעם געזאַמטן פלאַם, פאַטאָס, באַגייסטערונג, התלהבות פון מיליאָנען און אין באַשטימטן היסטאָרישן מאָמענט אַרויסשיסן עס פון זיך, כדי עס זאָל כהרף־עין ווערן אייגנס פון די דאָזיקע מיליאָנען און זיך דאַן אויפלעזן אין זיי — אין דעם באַשטייט די אייגנאַרט פון אַזעלכע דערשיינונגען. דער יחיד איז דאָ נאָר דער דורכפירער, די שפּראַך־רער, דער אַקומולאַטאָר פון גרויסן באַגייסטערטן פילקעפיקן אַנאָנים, וואָס זוכט די ווערטערלעכע פאַרקערפּערונג פון זיינע סאַמע הייליקסטע פאַרלאַנגען, חלומות און האָפענונגען.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע שאַפונגען געהערט דאָס וווּנדערלעכע ליד פון שטילן, פשוטן יונגטלעכן ווילנער האָרעפּאַשניק, וואָס איז מיסטעריעז אויסגעקליבן געוואָרן פון פאָלק, אין דער צייט פון אומגליק, ער זאָל אויסזינגען זיין מוט, גלויבן און בטחון.

עטלעכע געדאַנקען וועגן מאַקסים גאָרקי

אין 1962 איז געוואָרן 70 יאָר זינט ס'האָט זיך אין דער צייטונג „קאַווקאַז“ אָפּגעדרוקט גאָרקיס ערשטע דערציילונג. אין דריי יאָר שפּעטער, אין 1895, האָט ער אָפּגעדרוקט צום ערשטן מאָל אַ דערציילונג אין אַ דיקן צענטראַלן זשורנאַל — אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“, אין פּעטערבורג. נאָך אין דריי יאָר שפּעטער (אין 1898) זענען צום ערשטן מאָל אַרויס זיינע צוויי ביכלעך דערציילונגען און זיין נאָמען האָט זיך באַלד באַזעצט אין דער וועלט-ליטעראַטור. אין 10 יאָר אַרום נאָך דעם ווי דער 24-יעריקער „באָסיאַק“ האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג, אין 1902, ווערט ער אויסגעקליבן אַלס ערן-מיטגליד פון דער רוסישער ליטעראַטור-אַקאַדעמיע. דער צאַר קאָן עס נישט אריבערטראָגן און פּסלט דעם אויסוואַל. אַלס פּראָטעסט קעגן באַשלוס פון צאַר טרעטן טשעכאָוו און קאָראָלענקאָ אַרויס פון דער אַקאַדעמיע. ניקאָלאַי דער I-טער האָט פאַרשפּילט די שלאַכט קעגן פּושקינען און לערמאָנטאָוון. ניקאָלאַי דער II-טער האָט פאַרשפּילט די שלאַכט קעגן „באָסיאַק“ אַלעקסיי פּעשקאָוו, וואָס האָט געשטורעמט די וועלט אונטערן נאָמען מאַקסים גאָרקי.

אין 1898, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע צוויי ביכלעך פון מאַקסים גאָרקי, איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. גאָרקי האָט צונויפגעזאַמלט זיינע ערשטע צעוואָרפענע דערציילונגען און אַריינגענומען זיי צווישן טאָוולען. די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן צונויפגענומען זייערע צעוואָרפענע כוחות, גרופּקעס און אָרגאַניזירט זיי אין איין פּאַרטיי. צוזאַמען, קומט אויס, זענען זיי געבוירן: די מאַרקסיסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי אין רוסלאַנד און איר ליטעראַרישער אויסדרוק — דער גרעסטער פּראָלעטאַרישער שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי. איין צייט האָט זיי געבוירן, די זעלבע סאָציאַל-היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער גרויסער שטורעם דערנענטערט זיך.

פאַר דעם, אין 1895, האָט לענין אָרגאַניזירט פון מאַרקסיסטישע קרייזלעך דעם „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס“. און אין דעם זעלבן יאָר דרוקט גאָרקי „דאָס ליד וועגן סאָקאָל“, אין וועלכן ער באַזינגט אַלעגאָריש די געוואַגטקייט און דעם קאַמפסוויל. ער האָט נאָך נישט געוווּסט צו וועמען ער אַדרעסירט זיין קאַמפסרוף און אין דער זעלבער צייט איז דער אַדרעס געשאַפן געוואָרן.

צופעליקע צוזאַמענטרעפן. אָבער ווי סימבאָליש און כאַראַקטעריסטיש דאָס איז!

די עפּאָכע פון העלדן־יחידים, וואָס האָבן *אָן פאָלק* געשטרעבט צו באַפרייען דאָס פאָלק, איז געווען פאַרענדיקט. דער סאָציאַליזם האָט אויפן רוסישן באָדן זיך צונויפגעגאָסן מיטן אַרבעטער־קלאַס, די טעאָריע — מיטן פּראַקטישן מאַסן־קאַמף און אין דער זעלבער צייט איז געשען אַן אומגעוויינלעכער, ביז דאַן נישט דערהערטער „נס“ — ס׳איז אויפגעקומען אַ שרייבער — אַ ריז, וואָס האָט זיך נישט געדאַרפט פאַראייניקן צום פאָלק אין זיין קאַמף, נאָר איז אַליין געבוירן געוואָרן אין פאָלק, אין די סאַמע אונטערשטע שיכטן זיינע, אין די פּראָלעטאַרישע.

אַלעקסיי פּעשקאָוו איז געווען אַ באַוויז דערצו, אַז אומגעהויערע גייסטיקע פּאָטענצן האָבן זיך אָנגעקליבן אין די געדיכטענישן פון פאָלק. אַ ייִנגל, וואָס האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דריי עלעמענטאַר־קלאַסן און פון 10 יאָר איינגעשפּאַנט געווען אין עבודת פּרך, באַליידיקט און דערנידעריקט געוואָרן, האָט דורכמאַכנדיק זיינע „אוניווערסיטעטן“ — דאָס פינצטערע, גראָבע, אכזריותדיקע, אַמעראַצישע לעבן פון פאָלק — גענומען שטייגן, וואַקסן און דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון קולטור.

ווייזנדיק דעם גרויסן עלנט און די געדיכטע פינצטערניש, שילדערנדיק, וואָס דאָס לעבן מאַכט פון מענטשן, וואָס זיי זענען און וואָס *זיי וואָלטן געקאָנט זיין*, האָט ער געוואָרפן ליכט אין דעם זעלבן לעבן אַריין.

יאָרצענדליקער שפּעטער, אין זיינע „נאָטיצן פון אַ לעזער“ האָט מ. גאָרקי געשריבן: „עס איז פיל שווערער ווי טויטן אַ מענטשן, איינפלאַנצן אין זיין באַוווּסטזיין, וואָס איז פאַרטונקלט און באַלאָדן פון אַלערליי פאָראורטיילן, דעם געדאַנק, צו וועלכן ער איז נישט צוגעוווינט: מענטש — איז נישט נישטיקייט“.

די מענטשן, וואָס ער האָט געזען אפילו אויפן סאַמע דעק פון לעבן — זיי זענען נישט נישטיק געווען. זיי זענען געווען אַ פּראָדוקט פון

אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אָבער אויף זייער אופן האָבן זיי זיך דער געזעלשאַפט נישט אונטערגעגעבן. די „באָסיאַקעס“ און „בראָדיאַגעס“ פון גאָרקיס ערשטן שריפטשטעלערישן פעריאָד זענען געווען נישט נאָר אינטערעסאַנטע, נייערט אויך שטאַרקע נאַטורן. נישט נאָר אַזוינע, וואָס די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסטקאַסטן פון לעבן, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין און מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די געזעלשאַפט. און צווישן זיי האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט מאָראַלישע אייגנשאַפטן, וואָס מען קאָן אין דער „בעסערער“ געזעלשאַפט מיט ליכט בייטאָג נישט געפינען.

מאַקסים גאָרקי, וואָס איז געקומען דערציילן דעם ביטערן אמת וועגן לעבן, האָט לכתחילה אַרויסגערופן אַנטציקונג אויך ביי יענע טייל פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אים שפּעטער באַקעמפט און באַשמוצט און וועלכע ער, פון זיין זייט, האָט, ווי אַ שריפטשטעלער, באַקעמפט אַ גאַנץ לעבן. זיי האָבן לכתחילה זיך אַנטציקט מיטן יונגן שרייבער, דעם נעכטיקן „באָסיאַק“, דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין זיינע באָסיאַקעס אייגנעפונען אַ מין רוסישן „איבערמענטש“, אַ באַפרייטן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע און באַדינגלעכע צוימען און קייטן; פרייע אינדיווידואַליטעטן, וואָס דערלויבן זיך אַלץ, ווייל זיי האָבן די קראַפט דערצו. חוץ דעם עלעמענט פון „סענסאַציע“ און כלומרשטער „עקזאָטיק“ פון זיינע פערסאָנאַזשן, האָט זיי צוגעצויגן דער סאַמאָראָדנער „ניטשעאַניזם“, וואָס אין דער אמתן איז ביי גאָרקין אפילו קיין שמץ פון דעם נישט געווען. אָבער גאַנץ גיך איז זיי אויסגעקומען זיך צו אַנטוישן. נאָכדעם ווי גאָרקי האָט אָפּגעדרוקט די פיעסע „פיינט“ און דעם ראָמאַן „די מוטער“, ווו ס'זענען צום ערשטן מאָל אין דער ליטעראַטור אַרויסגעפירט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַרישע קעמפער; נאָכדעם ווי זיי האָבן דערזען, אַז גאָרקי איז אויך שריפטשטעלעריש אַקטיוו סאָציאַליסטיש און אפילו פּאַרטייאיש אַנגאַזשירט און אַז זיינע ווערק דינען וואָס ווייטער אַלץ מער דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַקטיוון פּראָלעטאַרישן קאַמף, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ ווייסטן ויצעקו: ס'איז דער „סוף פון גאָרקין“ דעם שריפטשטעלער. אַנדערע זענען אַוועק נאָך ווייטער און געלייקנט, אַז ס'איז ווען נישט איז געווען אַן אָנהייב. דאָס גאַנצע שאַפן פון גאָרקין האָט דאָך גערעדט וועגן דעם, אַז מען קאָן נישט באַשאַפן גוטס נישט פאַרניכטנדיק דאָס שלעכטס.

דער קאַמף פון גאָרקין און דער קאַמף אַרום גאָרקין, ווען מען קוקט אויף דעם פון דער רעטראָספּעקטיוו, איז זייער באַלערנדיק. ער ווייזט דעם

כוח פון טעאָרעטישע פּאַראורטיילן, פון פאָרויס אָנגענומענע „אמתן“, וואָס לאַסטן אפילו אויף גרויסע און טיפע מוחות.

הייַנט איז שווער צו געפינען אַזוינעם, וואָס זאָל פאַרלייקענען דעם קינסטלערישן ווערט פון גאָרקיס מייסטער-ווערק „די מוטער“. דאָס בוך האָט שוין לאַנג געקראָגן אנערקענונג פון אינטערנאַציאָנאַלן לייענער, כאָטש ס'איז זיכער, אַז אויך הייַנט רופט עס אַרויס ווידערווילן ביי רעאַקציאָנערן.

„די מוטער“ האָט געשפּילט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע ראָל אין דעם זין, וואָס דער ראָמאַן באַווייזט, ווי אַדאַנק דעם קאַמף וואַקסט אויס די פּערזענלעכקייט פון פּשוטן אַרבעטער-מענטש; ווייזט די דערהויבנקייט פון קלאַסן-קאַמף. הייַנט איז דער אַרבעטער נישט קיין זעלטענער פּערסאָנאַזש אין פיל ליטעראַטורן, אפילו אויפן מערב. אָבער דאַן, ווען גאָרקי איז געקומען מיט „די מוטער“, איז עס געווען אַ דורכבריך אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור. דער באַוווּסטזיניקער אַרבעטער ווי אַ צענטראַלער פּערסאָנאַזש — דאָס איז געווען אַן איבערראַשנדיקע נייעס, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'קומט אַ נייע עפּאָכע, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער בעלעטריסטיק, אין דער קונסט. און כאָטש, אייגנטלעך, דער הויפּט-העלד איז די מוטער, וואָס איר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז נישט אַזוי קיין אויסדרוק פון קלאַסן-באַוווּסטזיין, ווי פון מוטער-ליבע צום איין און איינציקן זון, האָבן די געשווירענע פּאַטענטירטע קונסט-מבינים אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז: פע, דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע און וויבאַלד אַזוי איז עס נישט קיין קונסט. אפילו ג. פּלעכאַנאָוו, אַ גרויסער און טיפער ליטעראַטור-קענער, וועלכער האָט זיך שטאַרק אַנטציקט מיט דער פּיעסע „פייַנט“ און אָנגעשריבן וועגן איר אַ באַגייסטערטן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט באַהויפּטנדיק, אַז גאָרקי איז אַ קינסטלער אַ פּסיכאָלאָג, מיט ליב אונטערגעשטראָכן, אַז די פּיעסע איז ווירקלעך אינטערעסאַנט אין סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן זין און אַז דאָ ווערט געגעבן די פּסיכאָלאָגיע פון דער מאָדערנער אַרבעטער-באַוועגונג — אויך ער, פּלעכאַנאָוו, האָט געספּקט אין קינסטלערישן ווערט פון דער „מוטער“. ס'איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע. נאָר פּראָפּאַגאַנדיסטישע מעלות — האָט ער געשריבן — קאָנען נישט דינען אַלס אַטעסטאַט פאַר אַ קינסטלעריש ווערק. אויב פּלעכאַנאָוו וואָלט געווען געלעבט, וואָלט דען „די מוטער“ געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן לייענער ביזן הייַנטיקן טאָג? גאָרקי האָט מיט זיין הויכקינסטלערישער שריפטשטעלע-

רישער טעטיקייט געגעבן אַ שטויסקלאַפּ אַ טיף איינגעוואָרצלטן קאָנאָני־זירטן פּאַראָרטייל.

גאָרקי איז געוואָרן אַ באַריטמטער שריפטשטעלער און אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אין 19 י.ה. אַרויסגעגעבן אַזוינע ריזן פון קינסטלערישן וואָרט, וואָס האָבן, אפשר, זייער גלייכן נישט. ער האָט זיך געשטעלט אין איין רייִ מיט זיי, ווי אַ ריז צווישן ריזן, און נישט נאָר צוליב דעם פאָרנעם פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט, נאָר אויך צוליבן עצם פון זיין פּערזענלעכקייט. ער איז נישט נאָר געווען דער אויסדריקער פון אַן איבערברוך־עפּאָכע. דורך זיין ווירקונג האָט ער זיך איינגעקריצט אין דער נשמה און אין דער געשיכטע פון דורות, וואָס זענען געווען שטורעמדיקע דורכלייגער פון אַ נייער תקופה.

ער האָט געהאַסט אַלץ, וואָס שטערט דעם מענטש אין זיין וועג צו גליק, פּיינט געהאַט תכלית שנאה די „דאַטשניקעס“, די פּוסטע צביעות־דיקע פלאַפּלער, וואָס וויינען איבערן גורל פון פאָלק, נעבעך, אָבער העכער פון אַלץ שטעלן זיי זייער אייגענע רו, זייער שווער־פאַרדינטע וואָלשטאַנד, זייערע וואַרעמע נעסטן, ווי זיי כאָוועון און אַנטציקן זיך מיט זייער אייגענער „פּערזענלעכקייט“, גייסטיקער „קאָמפּליצירטקייט“ — די נישטיקע, קלייניקעפּלדיקע געביל־דעטע עגאָיסטן אונטער דער שירעמע פון וועלט־פאַרזאָרגער.

גרויס וואַרעמקייט און אויפריכטיקע פריינדשאַפט האָט מ. גאָרקי אַרויסגעוויזן צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן געקרעכצט אין געבלוטיקט אונטערן שטיוול פון די צאַרישע סאַטראַפּן און שוואַרצמאה־ניקעס. צוזאַמען מיט ל. טאָלסטאָי און וו. קאָראָלענקאָ איז מ. גאָרקי אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער טאַדלונג קעגן צאַריזם, וועלכן ער דער־קלערט פאַרן שולדיקן אין קישינעווער פּאָגראָם בפרט, און בכלל פאַר דער יידן־העצע. ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיין גרויסע סימפּאַטיע סיי דעם יידישן פאָלק און סיי יידן — יחידים, און אויך אין זיין ליטעראַרישן שאַפן ווערן יידישע פּערסאָנאַזשן געשילדערט מיט גרויס פאַרשטענדעניש און האַרציקייט.

זיין פען, וואָס איז געווען אומדערמידלעך 43 יאָר, האָט באַוויזן מייסטערשאַפט אין דער דערציילונג, אין פילשיכטיקן ראָמאַן, אין דער־דראַמע, אין פּאַמפלעט, אין ליטעראַטור־טעאָריע, אין פּובליציסטיק. ער האָט אויפגעהויבן גאַנצע פלאַסטן לעבן — געשילדערט באָסיאַקעס, לומפּן־פּראָלעטאַריער, פּראָלעטאַריער, רעוואָלוציאָנערן, קאַפּיטאַליסטן, קליינבירגער, משינאָוויקעס, אינטעליגענטן מכל המינים.

גאָרקי איז געווען אי אַ קינסטלער, אי אַ פּרעדיקער, אי אַ דענקער, אי אַ קעמפער און דאָס אַלץ אין איין ווונדערלעכער האַרמאָנישער גאַנצקייט. ער איז געווען אַ רעאַליסט און ראָמאַנטיקער. געקענט דעם נעכטן, געלעבט מיטן היינט, געחלומט וועגן אַ גאָלדענער צוקונפט. קיינער ווי ער האָט נישט געשטעלט אַזוי קלאָר און דייטלעך די אויפגאַבע וואָס שטעקט אין באַרוף פון שרייבער. פיל יאָרן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער געוואָרפן דעם פלאַמיקן לאָזונג צו די שרייבער:

— העלפט, עס זאָל וואַקסן דאָס גוטע!

ביכער און פּראָבלעמען

דער פונק פון לעבן

ק. צעטניק „דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ“

...ווייל שטאַרקער פון אַלץ איז דאָס לעבן.

קיינע שום מלאכי חבלה, קיינע שום יסורים קאָנען עס נישט צווינגען פּ ר יי וו י ל י ק צו קאַפּיטולירן. עס קלאַמערט זיך אין הויט און ביינער, אין מיגדעסטן קעמערל, אין יעדן טראָפּן בלוט און וויל נישט ארוים. עס קאָן זיך צופּאַסן, כהרף עין צופּאַסן. עס קאָן אויסשטיין די גרעסטע עוולות און באַליידיקונגען.. עס קאָן אדורכגיין שבעה מדורי גיהנום, עס קאָן איבערטראָגן זיין אייגענע פאַרלייקענונג — עס וויל אַלץ איינס נישט פאַרשווינדן.

טיף זיצט אין אונדז דאָס לעבן.

דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון ק. צעטניקס בוך „דער זייגער, וואָס איבערן קאָפּ“. עס איז נישט אָנגעשריבן מיט טינט, נאָר מיט בלוט, מיטן מאַרך פון די ביינער. עס איז בוכשטעבלעך, ממעמקים קראתיך ה'. עס איז דאָס געשריי און דאָס געוויין פון לעבן, וואָס וויל זיך נישט צעשיידן מיטן גוף. דורך דער שוידערלעכער אכזריות פון פאַקטן גייט אויף א באַליידיקטע, אַ פאַרמיאוסטע, אַן אויסגעהויזקטע און פאַרשפּיגענע די מ י ס ט ע ר י ע פון לעבן. די טיפסטע געפאַלנקייט, די שוידערלעכסטע נבזהדיקייט פון פייניקער און געפייניקטן, די אומפאַרשעמטע נאַקעטקייט פון גוף און נשמה — דער מענטש וויל אַלץ איינס לעבן. זעט: אָט זענען מענטשן. וואָס זיי זענען פעיק צו מאַכן איינער פון אַנדערן! און זיי לעבן אַלץ, ווילן לעבן — ווייל אומגעהויער איז דער כוח פון מיסטעריעזן פינק, וואָס הויזט אין אונדזערע גופים און טיילט אָפּ דאָס לעבן פונעם טויט.

„דאָס הויז פון די ליאַלקעס“ — דאָס בוך פון ק. צעטניק, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין 22 שפּראַכן — איז אן אויפשוידערנדיק ב ע־

לעטריסטיש ווערק. דאָ קאָנט איר, אַבסטראַהירנדיק פון אינהאַלט, רעדן וועגן מייסטערשאַפט, וועגן סטיל, וועגן דער לופט וואָס שפּרייט זיך אַרום די זייטלעך; רעדן וועגן קינסטלער און זיין קונסט. עס קאָן טאַקע פאַרטרייבן דעם שלאָף פון אויגן, פאַרשטשעמען דאָס האַרץ, אָנפילן די ברוסט מיט צער און צאָרן, — אָבער דאָס איז פאָרט — אַ בוך, בעלעטריסטיק. „דער זייגער, וואָס איבערן קאָפּ“ איז אינגאַנצן אויסנאַמיק. די באַגריפן: בעלעטריסטיק, מייסטערשאַפט, קונסט, טאַלאַנט — זיי פּאַסן נישט אַהער. זיי זענען אויס ווי השגות פון אַן אַנדער פּלאַנעט. עס ווילט זיך זיי אַלע אָפּוואַרפן. מיר גמאסן זיך זיי צו באַנוצן. זיי פאַרביליקן, פאַרגעוויינלעכן, נעמען אריין אין באקאַנטע ראַמען אַ זאַך וואָס האָט קיין נאָמען נישט. באַנוצן זיך מיט זיי הייסט מסכים זיין, אַז דער אוראינסטינקט, דאָס וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס, דער הוילער גאָמענלאָזער אמת, וואָס וואַרפט אָפּ אַלע באַדינגלעכקייטן און אַלע דערקלערונגען, וואָס איז נישט צו באַנעמען נישט מיטן שכל, נישט מיטן געפיל — קאָן זיין מאַטעריאַל פאַר אַזאַ באַדינגלעכער קאַטעגאָריע, ווי ס'איז קונסט, ווי ס'איז בעלעטריסטיק.

קונסט איז סוף כל סוף — שיינקייט. קאָן מען רעדן וועגן שיינקייט אין אָשוויענטשים? אָדער — וועגן שיין דערציילן דעם שוידערלעכסטן עקל? „דער זייגער, וואָס איבערן קאָפּ“ איז אכזריות פון גיהנום, די צעלייגונג פון מענטשן, פון זיינע געוווינהייטן, זיטן; דאָס אַראָפּוואַרפן טויזנטער יאָרן קולטור, בילדונג, דערציונג. אפילו דער הייל־מענטש איז געווען מער מענטש, מער ציוויליזירט. און דערציילט ווערט עס מיט אַ פּינקטלעכער אכזריות — גאָרנישט באַהאַלטנדיק, גאָרנישט פאַרשטעלנדיק. אַ נאַקעטער ביסטו געקומען, און אַ נאַקעטער וועסטו אַוועק. און אויב קאָנסט עס אַזוי לייענען, ווי איך האָב דאָס אָנגעשריבן — מיינט דאָס דאָזיקע בוך — און נישט אַרויסלויפן אויף די גאַסן מיט צעריסענע קליידער שרייען: דאָס קאָן נישט זיין! דאָס איז נישט מעגלעך! פאַרשטיינט אים, דעם ליגנער, אָדער מאַכט אַזוי עס זאָל דאָס מער קיינמאָל נישט מעגלעך זיין, אויב דאָס איז אמת! אויב דו בלייבסט רואיק, מאַכסט קיין דין וחשבון נישט אין וואַרפסט זיך נישט אין מלחמה פאַר זיך, פאַרן מענטשלעכן מין — ביסטו שוין קיין מענטש נישט. ווייל איך האָב געזען ווי דו זעסט אויס אין אָשוויענטשים. און איך דערצייל דיר עס. איך שילדער נישט, איך מאַך קיין ליטעראַטור נישט. דאָס וואָס איך גיב — דאָס איז דער קווינטעסענץ. ווייטער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן. צוגעבן

איז נישטאָ וואָס. דעם אויספיר מאַך דו — אויב דו ביסט נאָך פעיק צו מאַכן אויספירן, איידער דו ווערסט אַ „מוזולמאַן“, איידער דו ביסט גרייט זיך צו פרייען דערמיט, וואָס דער צווייטער וועט אויסגיסן זיין טעלער יושניק (אין וועלכן עס ליגט זיין לעבן), כדי דו זאָלסט זיך דער ערשטער וואַרפן אויף דער ערד און מיט דיין צונג באַווייזן עפּעס פון דעם אַ לעק צו טאָן, ביז עס וועלן דיך אָפּשטויסן צענדליקער אַנדערע, וואָס וועלן זיך אַזוי אַ וואָרף טאָן ווי דו. ווייל אַזאַ ביסטו, ווען דו קומסט אין אָשוויענטשים. און אָן אויסנאַמען. קיין אויסנאַמען זענען נישט פאַראַן. זע, ווי דו זעסט אויס אין אָשוויענטשים — אומאָפּהענגיק צי ביסטו אַ דאָקטער, צי אַ באַלעגאָלע, אַן אַריסטאָקראַט פון בלויען בלוט, אָדער אַ ממזר וואָס האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין די רינשטאָקן. דאָס ביסטו, דו, דו! ווען דו וואָלסט געווען אין אָשוויענטשים!

דאָס דינע ביכעלע, פון 130 זייטן, וואָס טראָגט אַזאַ אומשולדיקן ליטעראַרישן טיטל „דער זייגער, וואָס איבער דיין קאָפּ“, דאַרף מען לייענען אין די פּאַרלאַמענטן. יעדן טאָג איין קורץ קאַפּיטעלע. נישקשה, עס מעגן עס לייענען די דיפּלאָמאַטן, די פּאָליטיקער, די דעפּוטאַטן, די קאָנגרעסמענער. ווען זיי וואָלטן געווען אין אָשוויענטשים, וואָלטן זיי אויך אַזוי געווען. זיי וואָלטן געזען ווי טייער איז דער פונק, וואָס טיילט אָפּ דעם טויט פון לעבן. פאַר דעם פונק איז מען גרייט אויף אַלץ — פאַר עטלעכע חדשים, וואָכן און טעג לעבן שטיין מיט לאַנגע קאָטשערעס ביי די קרעמאַטאָריע־אוויונס און מישן דעם אַש פון דיינע נאָענטע. אָ, דאָרט קאָן מען זיך ערשט דערוויסן, וואָס איז עס אַזוינס לעבן — דאָס זעלבע לעבן, וואָס איר זייט גרייט אין אייער אומוויסן און בלינדער פאַררעסנקייט צו שלײַדערן אין די מיליאָנען. ס'איז געווען אָשוויענטשים און ער האָט געלערנט, ווי טייער איז דאָס לעבן דאָ, ווען עס ליגט צעטראָטן אונטער די פיס, באַשפּיגן און צעמאָלט; דאַן ווען יעדע מינוט קאָן מען עס ביי אייך צונעמען. איין מאָראַלישער פּרינציפּ גילט דאַן, איין תפילה איז פאַראַן: זאָל דאָס זיין ער און נישט איך, ער — דיין חבר, דיין שכן, דיין מיטליידער — נאָר נישט דו. ווייל דער פונק, דאָס לעבן, וויל זיך נישט צעשיידן מיטן גוף, פאַר קיין שום פּרייז נישט.

אָט דאָס דערציילט ק. צעטניק אין זיין ביכל. הוילע פינצטערע אכזריות: אָשוויענטשים ווערט אויך אַ היים, אַ געוווינשאַפט. וואָס ביליקער ס'איז דאָס לעבן, וואָס אומווערטיקער — אַלץ טייערער ווערט עס.

דאָס ביכל פאַרמאָגט אָבער אויך אַן אַנדער זייט: דאָס איז דער חידוש, די פאַרוואונדערונג, וואָס אַ מענטש קאָן איבערלעבן, צווען, און דאָך ערגעץ־ווו, גאָר אין דער טיף, אויפהיטן דאָס מענטשלעכע. און דער דאָזיקער חידוש, וואָס קוקט אַרויס פון אונטערן טעקסט אפער, גיט צו דעם כפרל אַ מאָדנע צאַרטקייט און ווייכקייט. דער מענטש באַקלאָגט דעם אומקום פון דאָס מענטשישע — איז שוין דאָס אַליין מענטשלעכע דערהויבנקייט. ער הערט זיך נישט אויף צו חידושן — איז ער נאָך אַלץ נישט דערמאָרדעט. ס'הייסט, אַז נישט נאָר דער ביאָלאָגישער פונק, נאָר אויך דער געטלעכער פונק אין אים איז שטאַרק, אפשר נאָך שטאַרקער. וויבאַלד ער גייט נישט אַרויס דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען, היט ער אויף אין זיך דעם אומשטערבלעכן שעפערישן עלעמענט. איז עס שירה פאַר דאָס אומשטערבלעך מענטשלעכע, צוגלייך מיט פראָטעסט און קללה; איז עס שירה פאַרן דאָרן וואָס ברענט און ברענט און ווערט דאָך נישט פאַרברענט. איוב איז אויסגעשטאַנען אַלע נסיונות און נישט אָפּגעקערט זיך פון גאָט. די לעבעדיק דערמאָרדעטע אין אָשוויענטשים זענען דורכגעגאַנגען גרעסערע נסיונות, פאַרלוירן דעם צלם אלהים, האָבן אים אָבער צוריקגעפונען. זיי קומען מאָנען פאַר אונדז אַלעמען, זיי זענען געוואָרן דאָס ציטערדיקע געוויסן פון דער וועלט — זיי, וואָס זייערע נשמות האָבן שוין לאַנג געזאָלט טויט זיין.

* *

*

ווי דאַנטע האָט אויסגעקליבן ווירגילי, ער זאָל אים פירן איבערן גיהנום, אַזוי האָט דער גורל אויסגעקליבן דעם נסתר ק. צעטניק ער זאָל אונדז פירן איבער אַלע מדרגות פונעם גיהנום, וואָס מענטשן האָבן געמאַכט פאַר מענטשן. אין דאַנטעס גיהנום זענען פאַראַן ניין קרייזן, וואָס ווערן אַלץ ענגער און שמעלער צום צענטער פון דער ערד, דאַן קומען זיבן קרייזן פון לייטערונג. ווירגילי האָט צוגעזאָגט דאַנטען, אַז ער וועט אים דורכפירן דאָס לאַנד פון „אייביקע אייביקייטן“, ווי מ'רופט דעם טויט אומזיסט אין דער בענקעניש פון האַרצן. ק. צעטניק אָבער ווייזט ווי אין אַ גיהנום, וואָס איז ערגער פון טויט — רייסט זיך דער מענטש צום לעבן. טויזנטער לוציפערס אין שוואַרצע שינעלן, מיט שאַרבנס באַצירטע, זענען נישט בכוח אַרויסצוטרייבן דעם לעבנס־חשק אין טאָל פון די אויסגעטריקנטע ביינער.

אין דאַנטעס גיהנום איז יעדער קרייז געווען אַ באַשטראָפונג פאַר זינד. וואָס גרעסער די זינד — אַלץ טיפער דער קרייז, אַלץ שווערער די באַשטראָפונג. אָבער די אין אָשוויענטשים זענען אומגעקומען און געפּייניקט געוואָרן אָן קיין שום זינד, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. ווו איז בכן דער צער און דער אומגליק גרעסער, דער ווייטיק שרייענדיקער — אין דאַנטעס גיהנום אָדער אין גיהנום פון אָשוויענטשים?

ביי דאַנטען, ווי געזאָגט, האָט דער גיהנום ניין קרייזן, ביי ק. צעטניק — פינף עטאַפּן. אין יעדער ווייטערדיקן איז שווערער און פינצטערער.

אין ערשטן עטאַפּ גראָבן די מענער — יידן פון דער שטאָט מעטראַפּאָלי, אין עטלעכע טעג נאָכדעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אַ ברודער־קבר. פּונקט מענער גראָבן און הינטן שטייט די מאַסע, פאַר וועמען דער קבר ווערט צוגעגרייט — גרויסע סוחרים, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, באַלעגאָלעס, קצבים. „לעבן! פאַרוואָס גראָבסטו מיט דיינע אייגענע הענט דיין גרוב? שטעל דעם שאַרף פון דעם שופל ווי אַ ביקס" (ז. 22). אָבער קיינער טוט עס נישט. פאַרוואָס? „אַזוי לאַנג ווי דו גראָבסט — לעבסטו!"

זיי גראָבן און פאַרשטייען נישט: „...ווי איז מעגלעך, אַז אַ גאַנץ פאָלק..."

אין צווייטן עטאַפּ: אַן אַלטן־אַקציע. מיט וואָס פאַר אַ כבוד די אַלטע גייען צום טראַנספּאָרט. אָבער די איבעריקע? די שניי־קערער פון געטאָ: „סוף כל סוף איז דאָך אַ פאַרשטענדלעכע זאַך; ליגט זיך אויפן שכל. אַט די פאַרבייגעפירטע וואָלטן נישט געקאָנט שטיין דאָ און שאַרן צוועלף שעה נאָכאַנאַנד דעם שניי. זיי קאָנען מער נישט אַרבעטן, דערפאַר שיקן די דייטשן זיי אַוועק קיין אוישוויץ. אָבער מיר — מיר, וואָס קאָנען אַרבעטן אָט אַזוי, פאַרוואָס זאָלן די דייטשן אונדז שיקן קיין אוישוויץ? פאַרוואָס?"

פאַרשטענדלעך.

דריטער עטאַפּ: קינדער־אַקציע: „קינדער דריקן זיך צו די בייכער פון די מאַמעס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דאָרטן צוריק אַריין". אָבער ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט אַלע קינדער מיינט מען. „דאָס איז ווייזט אויס געווען אַן אַקציע אויף קינדער אָן טאַטע־מאַמע. נישט געווען ווער עס זאָל זיי שפּייזן. אָבער קינדער, וואָס זייערע טאַטע־מאַמע אַרבעטן אין קריגס־וויכטיקע שאָפּן — וועלן זיי דאָך נישט נעמען". קוקט מען זיך צו ווי די זויג־קינדער ווערן אָנגעשטופּט אין די זעק און געוואָרפן איין לאַנגער זאַק נאָך אַ צווייטן אין שוואַרצן אויטאָמאָביל. „זיי זענען אַוועק! פלוצלינג ברעכן

די קינדערלעך אין די שטיבלעך אַרום מיט אַ היסטערישן געוויין. קוקן טאַטעס מיט װ אָ כ ע ד י ק ע בליקן: פאַרוואָס ווייגען פלוצלינג די איבערגעבליבענע קינדער?".

פערטער עטאַפּ: די לעצטע פון לעצטן טראַנספּאָרט גייען צו די וואַגאָנען. ס'דערנעענטערט זיך דער טויט. „אַזאַ טויט האָט דער טויט נאָך נישט געזען". „דיין לעבן — ווי אַ ווייסע טויב, אַ פאַרבאָרגענע אין בוזעם פון דיין געשענדטן גוף; דיין לעבן — וואָס קיינער קאָן דיך נישט ברענגען דערצו עס זאָל דיר פאַרמיאוסט ווערן".

פינפטער עטאַפּ: פּנים אל פּנים מיטן טויט.

פון ערשטן ביזן לעצטן עטאַפּ — אַ לאָגישע קייט, וואָס איז אַזוי אומלאָגיש. די ווייסע טויב — דאָס לעבן אין ברוסט, קאָן מען נישט פאַרמיאוסן. די ווייטערדיקע עטאַפּן פון גיהנום הייבן זיך אָן פאַר די דערוויל לעבנגעבליבענע אין אָשוויענטשים. וועגן זיי אייגנטלעך רעדט זיך אין בוך — ווייטערדיקע גאַנצע צען עטאַפּן גיהנום.

זיי זענען גליקלעך די מענטשן, וואָס אָנשטאָט גאַז פון ציקלאָן האָט פון די קליינע לעכלעך אין באַלקן פון „באָד־אַנשטאַלט" געגומען אויף זיי טריפן... װ אַ ס ע ר. זיי ווייסן נישט, אַז די גליקלעכע זענען געווען יענע, וואָס האָבן איינגעזויגן דעם גאַז. אָבער די לעבן. „און זיי מאַרשירן גליק־שיכורע צו די בלאָקן אין דעם לאַגער, וואָס רופט זיך: „אוישוויץ". זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט דערוויסן, אַז זייער לעבן איז געווען ערגער פון טויט, נישט דערוויסן זיך, וויל... דאָס לעבן, אין טיפסטן אָפּגרונט אפילו, וויל נישט אַרוים פּ ר יי װ י ל י ק פון גוף, קלאַמערט זיך מיט די לעצטע כוחות. פאַרוואָס? מן הסתם מחמת דעם, וואָס עס ווערט געגעבן איין מאָל אינגאַנצן, נ אָ ר א יי נ מ אָ ל. און דערפאַר איז ביי ק. צעטניק נישט פאַראַן קיין איין וואָרט פון טאַדלונג, כאָטש אויך אים האָט זיך דאָך געוואָלט — דער שופל מיט וועלכן עס ווערט געגראָבן דער אייגענער קבר זאָל זיך אין אַ ביקס פאַרוואַנדלען.

איין קורץ גיהנום־בילד ווערט פאַרביטן דורך אַ צווייטס. דער גיהנום וואַקסט אָן. זיבעטער עטאַפּ — „אין אוישוויץ באַמיט זיך יעדער אַרויפ־צוציען וואָס העכער די פּלייצע, אַ שטייגער די פּלייצע זאָל זיין אַ וואַטעגע קאָלדרע, וואָס מען קאָן זי אַרויפציען איבערן קאָפּ, כדי עס זאָל זיין וואַרעמער". אַכטער עטאַפּ: הונגער. די צייט פון „בלאָק־שפּערע": „נישט איינמאָל זעסטו אַ העפטלינג פאַלט צו פלוצלינג צום זייטן־ברעט פון זיין נאַרע, בייסט אַריין אין האָלץ די ציין — ציין לאַנגע, אימהדיקע,

אַרויסשטאַרצנדיקע גלייך פון קין=ביין, אָן אַ שפור פון יאַסלע=פלייש, ביז זיי ברעכן זיך אָפּ, פאַלן אַראָפּ ווי לאַנגע אויסגעטריקנטע טייטל=קערנער אויף דער ערד, און ער בייסט נאָך אַלץ דאָס האַלץ מיט די נאַקעטע יאַסלע=ביינער". לאָזן השתנה דראָט מיט טויט. שווערלעכע יסורים. די יסורים זענען גובר. אַלע קוקן — ער איז געווען דער ערשטער. דער קרבן איז דאָ. קאָנען אויך זיי פּטור ווערן פון יסורים און לאָזן השתנה. אין ניינטן עטאַפּ ליגט דער „שולדיקער" סקעלעט אויפן ציגל=אויוון און מיט שטעקנס איבערן אויסגעטריקנטן געזעם ווערט פון זיין גוף אַרויסגעטריבן דאָס לעבן. צענטער עטאַפּ: תפילה אין אָשוויענטשים: „אָ, גאָט, צוקומענדיק צום שטובן=דינסט, זאָל אויף מיר אויספאַלן אַ גרויסע שיסל!..." (נישט צו באַקומען מער — דאָס געשעט נישט, נאָר עס זאָל זיך נישט אויסגיסן אַ טראָפּן פון דעם קליינעם שיסעלע — „אָ, גאָט! נאָר דאָס זאָל מיך נישט טרעפן!...").

אין צענטן עטאַפּ זעסטו, אַז דאָס לעבן, דאָס מענטשלעכע לעבן, איז שוין אין דיר איינגאַנצן אויסגעראָטן. אָבער אין עלפטן עטאַפּ, אין צוועלפטן עטאַפּ — „אָוונט=אַפּעל אין אוישוויץ", „ברית צווישן צוויי קרישקעלעך" — זעסטו, אַז דאָס פינטעלע מענטש לעבט פאָרט, לעבט נאָך שטאַרק — „עפּעס בענקט זיך בשעתן אָוונט=אַפּעל". ס'דערמאָנט זיך אין די דייגיקע. דער מענטשלעכער פונק וויל זיך אַריבערטראָגן ווייט. די פאָעזיע פון לעבן איז אין האַרץ דאָך נישט פאַרשרפעט געוואָרן, דורך קלעפּ און דורך הונגער נישט אַרויסגעיאָגט געוואָרן. די נשמה בענקט: „אָ, רייטער! נעם מיט זיך דיין געליבטע אויף דיין פערד". טויט אַרום, אין דער שורה לייגן זיך די וואָס וועלן אָט באַלד אויסגיין. זיי ווייסן זייער אָרט ווו צו לייגן זיך שטאַרבן. אָבער „וואָס בענקט דיין האַרץ בשעתן אָוונט=אַפּעל אין אוישוויץ?", „איך האָב היינט איבערגעלאָזן פאַר דיר אַ קרישקעלע פון מיין פאָרציע ברויט. זע, געליבטע, עס ליגט אויף דער דלאָניע פון מיין האַנט ווי אין אַ קרישטאָלענעם שיסעלע".

דרייצנטער עטאַפּ: אין ריי צו דער קרעמאַטאָריע. אַ סעלעקציע גייט. דער לעצטער אַפּעל. „אַלץ איז פון דיר שוין גענומען צוגענומען. געבליבן בלויז דאָס, וואָס ליגט נאָך פאַרשטעקט ערגעץ אינעם סקעלעט דיינעם; דאָס, וואָס דו רופסט עס: לעבן. דאָס וואָס דו ציטערסט אַזוי דעריבער. די קרעמאַטאָריע גייט עס איצט צונעמען. דו גופא וועסט דאָס באַלד דאָרט אַהין צו איר אַוועקטראָגן". נאָר אין לעצטן מאָמענט — אַ בלינדע האָפענונג. ער געדענקט דאָך, ווי יענער האָט

אויסגעזען און ווי ער זעט איצט אויס. אוודאי וועט דער שכן אַוועק. זיך זעט ער דאָך נישט. ער האָט דאָך נאָך פלייש אויפן געזעס. אים וועט עס אויסמיידן. דער פונק וויל בלייבן שטעקן אין גוף, וויל נישט אַרויס דורכן קוימען פון קרעמאַטאָריע.

14=טער עטאַפּ: דער לעצטער וויכוח אין איזאָלאַציע=בלאָק. דער שילעווער רב, וואָס איז געווען קעגן ווידערשטאַנד אין געטאָ און פּערבער, וואָס האָט זיך געריסן צום קאַמף. זיי פירן דעם לעצטן וויכוח, ווען די איבעריקע שרייען: „ראַציאַ!" שוין אָן מורא, ווייל וויבאַלד היינט פירט מען זיי נאָך נישט אין קרעמאַטאָריע, קומט זיי די פּאַרציע ברויט — „ראַציאַ!". פופצנטער עטאַפּ — באַפרייונג. ליידיק. דער אוישוויץ=פּלאַ=נעט ליגט אין אָפּגעקילטער. דאָס אַש פון דיינע נאָענטע איז נישט באַוואַכט. מען קאָן עס אַרומנעמען. דעם אַש זאָגט ער: „טייערע מיינע! עס איז געקומען די באַפרייונג". נישטאָ קיין פרייד אין דער באַפרייונג. די אויס=געטריקנטע ביינער וועלן צוריק נישט אויפשטיין. „ער איז געגאַנגען: איך וועל נישט אויפהערן וועגן אייך דערציילן ביז מיין לעצטן אָטעם=צוג". דער לעצטער עטאַפּ פון גיהנום — אליין נאָך דער באַפרייונג. ווו איז די לייטערונג? די קרייזן פון לייטערונג? נישטאָ. נאָר אַ שלום=אַקאָרד — אַ שווידערלעכער. ער קאָן אַ שטיין וועקן פון שלאָף. דאָס איז עס די ליי=טערונג? — די „ווידערגוטמאַכונג?"?

„ווי אַזוי וועל איך פון אייך נעמען געלט פאַר מיין שוועסטער, די „פעלד=הור" — און נישט זיין קיין אַלפאַנס?

גיט מיר —

גיט מיר צוריק כאָטש איין איינציקע האָר פון מיין שוועסטערס גאָלדענע לאָקן!

גיט מיר צוריק אַן איינצעלנעם שוך פון מיין טאַטן;

אַ צעבראָכן שרייפל פון מיין ברודערלס ראָווערל;

און אַ שטויבעלע וואָס האָט גערוט אויף מיין מאַמען — ".

* *
*

ק. צעטניק דאַרף נישט דעם לויב און די קאָמפּלימענטן פון די קריטיקער. ער דאַרף נישט דעם שריפטשטעלערישן רום. ער דאַרף עס נישט,

דער מענטש, וואָס איז יונג אַריין אין אָשוויענטשים און אַ זקן, וואָס שלעפּט די שווידערלעכסטע דערפאַרונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע, פון איס אַרויס. ער זאָגט אַ שטילן קדיש און ס'ווערן געשפּאָלטן די הימלען. ער זאָגט אַ תּפילה־זכה פון אַ צעבראָכן האַרץ. זי דאַרף — זיין תּפילה — שפּאַלטן הערצער.

אַננאַ פראַנקס טאָגבוך

„דאָס טאָגבוך פון אַננאַ פראַנק" איז געוואָרן אַ וועלט־בוך. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע קולטור־שפּראַכן, אינסצעניזירט געוואָרן פאַר דער בינע און עקראַניזירט געוואָרן.

מיט וואָס דערקלערט זיך דער אומגעוויינלעכער דערפאָלג פון די ריין־פּריוואַטע טאָגבוך־בלעטלעך פון אַ געוויינלעך יידיש מיידל? סענסאַציע? אויפשוידערנדיקער שטאָף? די טראַגעדיע פון יידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה? מיט וואָס? געהערט עס אפשר צו די „בעסטסעלערס" וועמען ס'איז פאַרזיכערט שטורמישע עטלעכע חדשים און דאַן — אייביקע פאַרגעסנקייט?

איך האָב געלייענט די פּיעסע, וואָס עס האָבן אויפן סמך פון טאָגבוך אָנגעשריבן צוויי אַמעריקאַנער שרייבער. זי האָט מיך פאַראינטערעסירט מיט דער פ ע ר ז אָ ן פון אַננאַ, אָבער ווי אַ דראַמאַטיש ווערק האָט זי אויף מיר קיין רושם נישט איבערגעלאָזן. אויף די ברעטער און אויפן עקראַן האָב איך דאָס ווערק, לײדער, נישט געזען. אויב ס'גייט וועגן דראַמאַטישן שטאָף, וועגן שווערע, אויפשוידערנדיקע איבערלעבונגען — איז דאָס, וואָס ס'האָט איבערגעלעבט אַננאַ, בלויז אַ בלאַסער עפּיזאָד פון דער צייט. נישט טיפּיש, נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן אומ־גליק. כ'האָב געלייענט טאָגביכער פון פּשוטע יידן — מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבן דערציילט דאָס, וואָס זיי האָבן צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן. די פ אַ ק ט ן זענען געווען בלוט־פאַרגליווערנדיקע. כ'האָב געלייענט צענדליקער פּראָטאָקאָלן פון גבית־עדות. אין יעדער שורה האָט דאָ געשטעקט דער גיהנום. וועגן סאַמע אוממענטשלעכע גרויליקייטן איז דערציילט געוואָרן מיט אַ טרוקענער שפּראַך. כמעט מיט גלייכגילט. די מענטשן זענען שוין געווען צו ווערן אומפּעיק אויפגעשוידערט סיי פון אייגענע, סיי פון פרעמדע אומגליקן, ווייל זיי זענען טאָג־טעגלעך געגאַנגען געאָרעמט מיטן טויט און מיטן שגעון.

פּאַרוואָס־זשע איז פון דער גרויסער מאַסע ביכער, וועלכע ס'איז אָנגענומען אין אַלגעמיין צו באַצייכענען מיטן שאַקירנדיקן וואָרט „חורבן־ליטעראַטור“, אַנאַס טאָגבוך געוואָרן דאָס בוך פון די ביכער? דאָ דערציילט זיך דאָך נאָר וועגן דעם, ווי 8 מענטשן האָבן אין אַמסטערדאַם זיך צוויי יאָר אויסבאַהאַלטן פון אומקום, אין באַדינגונגען, וואָס זענען בוכשטעבלעך געווען אידעאַלע. זיי האָבן געהאַט צימערן, געווען באַשפּייזט, געהאַט פריינד, געהערט ראַדיאָ, געפייערט געבורטסטאָגן, יום־טובים; אין זייער הינטערהויף זיך פאַרהעלטנישמעסיק פריי באַוועגט, געלייענט ביכער, שטודירט, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַן איזאָלירט לעבן און דערפאַר זיך פאַרנומען איינע מיט די אַנדערע, זיך אַרומגעקריגט צוליב קליניקייטן און זיך איבערגעבעטן. וואָס איז עס אין פאַרגלייך מיט די בונקערס אין דער קאַנאַליזאַציע? אין פאַרגלייך מיט די איבערלעבונגען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער לעבן ווי קראָטן און ווי מייז? מיט די איבערלעבונגען פון אַזוינע, וואָס זענען אין די קאָנצלאַגערן געווען באַשעפטיקט ביים באַדינען די קרעמאַטאָריעס, אָדער אין פאַרגלייך מיט די איבערלעבונגען פון די יעניקע, וועלכע האָבן אָפּגעדעקט אויף פּאָנאַר אין ווילנע, אָדער אויפן 9־טן פאָרט אין קאָוונע, די מאַסן־קברים פון צענדליקער טויזנטער אומגעקומענע און טאָג נאָך טאָג, במשך פון חדשים, זיך נאָר פאַרנומען מיט „באַאַרבעטן“ די הרוגים, זיי גלייכמעסיק פאַנאַנדערלייגן אין שייטערס צו 2000 גופים אויף איין שייטער, פאַרברענען זיי, דאַן צעמאָלן די ביינער און צעמישן זייער אַש מיטן זאַמד. די באַהעלטעניש פון אַננאַ און אירע נאָענטע איז דאָך געווען צוויי יאָר ממש אַ פרידלעך ווינקל צווישן שריפות.

בכן, נישט דער רייצנדיקער ביטערער טעם און ריח פון גרוילן און בענאַציעס האָט צוגעקאָוועט דעם וועלט־לייענער צו אַנאַס זייטלעך. עפּעס אַנדערש האָט געשטעקט אין זיי. אויסערגעוויינלעך אין די בלעטלעך פון טאָגבוך איז געווען דער ש ר י פ ט ש ט ע ל ע ר י ש ע ר ט אַ ל אַ נ ט פון 13—15־יעריקן מיידל.

די וועלט־ליטעראַטור האָט באַקומען אַן אויטענטישן דאָקומענט וועגן דעם פאָרמירונגס־פּראָצעס פון אַ מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — אַ שריפטשטעלערין און מענטש אין סטאַטוס נאַסצענדי, אין לעבעדיקן טאָג־טעגלעכן שטראָם פון רייף ווערן. דערצו אין באַדינגונגען, וואָס זענען מער־ווייניקער — כאָטש ספּעציפישע — דאָך נעענטער צו געוויינלעכע נאָרמאַלע באַדינגונגען. די ספּעציפיק באַשטייט נישט אין דעם, וואָס די

8 מענטשן האָבן צוויי יאָר געלעבט אונטער דער האַק פון גורל, וואָס האָט מחוץ די ווענט פון הינטערהויף געוואַליעט אַ פאָלק, ווי מען וואַרפט אום ביימער אין אַ וואַלד. די ספּעציפיק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַננאַס וועלט אין פאָרמירונגס־עלטער האָט זיך באַגרענעצט מיט עטלעכע מענטשן, פון וועלכע זי האָט זיך נישט געקאָנט איזאָלירן און במילא געמוזט דערקענען. אין דעם הערמעטישן קרייז האָט זי געדאַרפט באַשטימען אירע באַציונגען צו מענטשן אין הסכם מיט דעם, וואָס איז אין איר געווען פון דער נאַטור און אין הסכם מיט די עטישע נאָרמעס, וואָס זי אַליין האָט געהאַרפט באַשטימען. אין דער בראשית־וועלט, וואָס באַגרענעצט זיך מיט 7 מענטשן, פירט זי אַ קאַמף פאַר איר „איך“, פאַר איר „פריי־הייט“, קעגן די באַדינגלעכע געזעלשאַפטלעכע פענטעס אויף איר פער־זענלעכקייט, וועלכער זי אַליין פאָרשט נאָך, כאָטש מיט ליידנשאַפט, דאָך ווי אַ זייטיקער און ווי איר דוכט זיך אויס — מיט געוויסנהאַפטיקער אָביעקטיווקייט.

אין דעם טאָגבוך, וואָס איז געווען באַשטימט נאָר פאַר איר אַליין, פאַרטרויט זי זיך איינגאַנצן ווי צו אַ נאָענטער חברטע, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס געפיל, אַז זי פאַרטרויט זיך נישט עפּעס טויטע זייטלעך פון אַ העפט, נאָר אַ לעבעדיק וועזן, פירט זי דאָס טאָגבוך אין דער פאָרם פון בריוולעך צו איר „טייערע קיטי“. די „קיטי“ דאָס איז דער אָביעקטיווער „איך“, וואָס איז באַרופן אויסצוהערן די ווידוים פון דעם סוביעקטיוון „איך“. און דער סוביעקטיווער „איך“ איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז מיר ווערן אריינגעצויגן און לעבן מיט אלע אברים אין דעם געפעכט, וואָס אַננאַ פירט פ אַ ר ז י ך א ין מ י ט ז י ך. אַלץ, וואָס ווערט אין דעם טאָגבוך דערציילט וועגן אַנדערע האָט נאָר אַזוי פיל דער־קענטעניש־ווערט, אויף וויפל ס'העלפט אונדז נאָכצופאָלגן דעם גייסטיקן מאָטאָר פון אַננען.

אַננאַ איז נישט קיין דורכשניטלעך מיידל. זי פאַרמאָגט אַ ליידנ־שאַפטלעך האַרץ, אַ גרויסן טעמפּעראַמענט, אינטעליגענץ און דערביי אַ שאַרפן אַנאַליטישן מוח. ווי אַן עכטע שעפערישע נאַטור קען זי איר כוח און שאַצט אים אָפּטמאָל אַפילו איבער. אירע פאַראינטערעסירונגען זענען זייער ברייטע, אָבער קאָנצענטרירט איז זי איינגאַנצן אויף זיך. אין איר גייט אָן אַ שטענדיקער ויתרוצו צווישן די געווינלעך־נאָר־מאַלע, אָרגאַניש־נאַטירלעכע טאָכטער־געפילן און איר אָביעקטיוו אומ־קאָמפּראָמיסלעכן קוק אויף זאַכן, וואָס נעמט זיך פון אירע פסיכאָ־

אַנאַליטישע נטיות. און דער דאָזיקער געראַנגל, די פרייד און די ליידן, אירע ערשטע שפּירונגען און אַנטפּלעקונגען, דורכגעוועבט מיט דער דערפאַרונג, וואָס איז געקומען צו איר דורך באַלייענטקייט, גיט אַזאַ ברייט־פאַנאַנדערגעוויקלטן און טיפן פּאָרטרעט פון אַנגען, אַז דער לייענער ווערט דערשטוינט און ביז די האַרץ־וואָרצלען איבערגענומען מיטן דאָזיקן הערלעכן וועזן. און ווי אינדיווידועל עס זאָל נישט זיין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער גייסטיקער פּאָרטרעט אַנגעס, עפנט ער גלייכצייטיק דעם וועג צו דערקענען דעם פרויען־מין אין „געפערלעכן" איבערגאַנגס־עלטער, אין דער צייט פון דער ערשטער פיזישער און גייסטיקער רייפקייט — די שטרעבונג צו באַפרייען זיך פון דער אַפּוטרופּסות פון די עלטערן, דער אין זיך אָנגעשוואָלענער פּראָטעסט קעגן דעם „גוואַלד" און דער „לאַסט" פון די דערוואַקסענע; די פאַררייסנקייט, ליידן און פאַרביטערטקייט ביים אויסקעמפן זיך דאָס רעכט אויף זעלבשטענדיקייט — אויף זעלבשטענדיקן פילן און דענקען און אויך... האַנדלען.

מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם באַקענען מיר זיך נישט מיט דער הילף פון אַ דערוואַקסענעם שרייבשטעלער־פּסיכאָלאָג, וואָס האָט דעם כוח איינצולעבן זיך אין דער פאַרטייעטער וועלט פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, נאָר אַזוי צו זאָגן, פון סאַמע מקור, פון דער ערשטער האַנט — דורך אַן אונטערוואַקסנדיק מיידל, וואָס דערציילט עס וועגן זיך אַליין און דערצו מיטן טאַלאַנט פון אַן עכטן שרייבשטעלער.

אַננאַ האָט ליטעראַרישע „פּרעטענזיעס", זי פילט זיך פאַר אַ שרייבערין, פילט עס ווי איר באַרוף און האָפט ווען נישט איז עס צו ווערן. זי שרייבט דערציילונגען, סצענקעס, גרייט זיך צום שווערן וועג פון אַ שרייבער, אָבער דאָס טאָגבוך גופא האָט נישט קיין שום ליטעראַרישע פּרעטענזיעס — זי פאַרשרייבט דאָס, וואָס זי זעט אַרום און וואָס איז איר שייך. ליטעראַטור שרייבט מען פאַר יענעם, דאָס טאָגבוך שרייבט זי פאַר זיך און דערפאַר באַמיט זי זיך נישט עס זאָל זיין ליטעראַטור. און כאָטש זי באַמיט זיך נישט — איז דאָס טאָגבוך אַ דערשיינונג פון אמתער גרויסער ליטעראַטור. אַ מערקווירדיקער אויטענטישער דאָקומענט — אויטענטיש אין אַלע פּרטים און דאָך פאַרן לייענער: שיינע פּראָזע, בעלעטריסטיק, קונסט. וואָרום אין דעם דאָזיקן טאָגבוך דערשלאָגט זיך, אומווילק, אַננאַ פראַנק נישט נאָר צו השתפכות הלב, נאָר אויך צו גרויסע פאַראַלגעמיינערונגען און אַנטפּלע־

קוגנען פון ערשטער פריליגגדיקער פרישקייט און גאַנצקייט, צו פולבלו־טיקע שילדערונגען, צו אַזוינע פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן, וואָס עס מעגן מקנא זיין גרויסע דער־פאַרענע שריפטשטעלער; צו קורצקייט און פּינקט־לעכקייט פון דערציילן, און יעדע שורה איז באַהויכט מיט וואונדערלעכער נשמה־ריינקייט, מיט ליידנשאַפט, הומאָר, איראָניע, שאַרפזין און צו־זאַמען באַקומט זיך פון די צופעליקע, פון טאָג צו טאָג פאַרשריבענע זייטלעך, א ווערק מיט א סיוזשעט, אַזוי ווייט, אַז עס קאָן דינען, ווי דינאַמישער דראַמאַטישער שטאָף פאַר די בינע־ברע־טער און פאַרן עקראַן. נאָר אין דער צייט ווען די בינע קאָן גיכער געבן די אויסערלעכע דראַמאַטישע באַוועגונג, גיט דאָס אָריגינעלע טאָגבוך די באַוועגונג, די דינאַמיק פון אַננעס האַרץ און מוח, די פּראָצעסן וואָס גייען אָן מיט אַזאַ אומגעווייגלעכער אינטענסיווקייט איגעווייניק אין איר, אין די רמ"ח אברים פון איר וועזן. און דאָס איז נישט אין פאַר־גלייך טיפער און אינטערעסאַנטער, גרעסער און אנטפּלעקערישער, ווי די אויסערלעכע דראַמאַטישע געוועבן און אוזאָרן.

די ערשטע פאַרצייכענונג אין טאָגבוך פאַלט אויס אויפן 12טן יוני 1942, די לעצטע — אויפן 1־טן אויגוסט 1944. צווישן דער צייט וואַקסט אַננאַ אויס אומגעהויער. אין די ערשטע בלעטלעך איז עס נאָך אַן אינטעליגענט, זייער שפּירעוודיק און קאַפּריז קינד. איר 13־טן געבורטסטאָג מערקט זי נאָך אָפּ אין דער געוויינלעכער שטוב־מסיבה, כאָטש די מלחמה האַלט שוין לאַנג אָן. איר 14־טן און 15־טן געבורטס־טאָג מערקט מען אָפּ אין דער באַהעלטעניש.

דעם 20־טן יוני 1942 פאַרצייכנט אַננאַ צווישן אַנדערן:

„פּאַפּיר איז געדולדיקער ווי מענטשן". „אַזוי האָב איך אָפט גע־טראַכט, ווען איך פלעג אין מיינע לייכט־מעלאַנכאָלישע טעג אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין מיינע הענט און נישט וויסן וואָס אָנצוהייבן". „איך האָב נישט בדעה עמעצן צו ווייזן דאָס געבונדענע העפט מיטן הויכקליגג־גענדיקן נאָמען טאָגבוך. סיידן דאָס וועט זיין דער פריינד אָדער די חברטע". „דערפאַר שרייב איך דאָס טאָגבוך, כדי צו שטייגערן אין מיין פאַנטאַזיע די אידעע פון דער לאַנג אויסגעבענקטער חברטע". „נאָר דאָס טאָגבוך אַליין וועט זיין מיין חברטע און די חברטע הייסט קיטי".

א דרייצן־יעריק מיידל פילט זיך איינזאַם, וויל עס האָבן איר חברטע, וועט עס ביי אַננען זיין איר טאָגבוך.

צו 15 יאָר שרייבט אַננאַ:

„איך בין מיין בעסטע און שאַרפסטע קריטיקערין. איך ווייס וואָס איז גוט געשריבן און וואָס נישט“. „איך וויל פאָרויסגיין, און קאָן מיר זיך נישט פאָרשטעלן, אַז איך וועל מוזן פירן אַזאַ לעבן ווי די מאַמע, פרוי וואַן דאַן און אַלע אַנדערע פרויען, וואָס טוען טאָקע אַן אַרבעט, אָבער שפּעטער ווערן זיי פאַרגעסן. חוץ דעם מאַן און די קינדער מוז איך האָבן נאָך עפּעס אַ זאַך וואָס איך זאָל זיך אינגאַנצן אָפּגעבן. איך וויל אויך לעבן נאָך מיין טויט“!

די וווּנדערלעכע אַננאַ פראַנק איז אומגעקומען אין היטלערס קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. זי איז אַוועק צוזאַמען מיט די מיליאָנען זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק. פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך צענ־דליקער טויזנטער שוין אַנטוויקלטע, אָדער נאָר פּאָטענציעלע גרויסע גייסטער, טאַלאַנטן און גאונים. און ווייסן מיר דען, און קאָנען דען וויסן — חוץ דער צאָל — וואָס פאַר אַ כוחות פון גייסט און טאַלאַנט מיר — און צוזאַמען מיט אונדז די גאַנצע וועלט — האָבן פאַרלוירן אונטער דער האַק פון די מענטשנפרעסער? אָבער אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז די ערשטע שפּראָצן פון אַנגעם גייסט — איר קינדיש־מיידלשער טאָגבוך זאָל געפונען ווערן. נישט באַשערט איז אַנגען געווען נישט קיין מאַן און נישט קיין קינדער — צו דעם האָט זי נישט דערלעבט. אָבער איר ווּנטש צו בלייבן לעבן נאָכן טויט איז פולקאָם מקוים געוואָרן. זי לעבט ווייטער איר הערלעך, שיין לעבן אין די הערצער און אין געוויסן פון מיליאָנען. זי וועט בלייבן אייביק יונג און נישט פאַרוויאנעט, אייביק אין עלטער פון 13 ביז 15 יאָר.

די בלעטלעך פון אַננאַ פראַנקס טאָגבוך וועלקן נישט און וועלן קיינמאָל נישט פאַרוועלקן.

רעמאַרקס „האָב ליב דיינע נאָענטע“

ביכער האָבן זייער מזל.

עריך מאַריאַ רעמאַרק איז באַרימט געוואָרן מיט זיין בוך „אויפן מערב=פראָנט קיין שום נייעס“. דאָס בוך איז טאַקע אַ קינסטלערישער שעדעווער, אָבער נישט בלויז דעם האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין וועלט=באַרימטקייט. די פראַנצויזן, די זיגער אין דער ערשטער וועלט=מלחמה, האָבן געהאַט זייער גרויס ווערק, וואָס האָט מיט ליידנשאַפט געשאַדלט דאָס פאַרברעכן פון מלחמה — דאָס איז געווען אַנרי באַרבוס „פייער“; די ליבעראַלן און פאַציפיסטן פון דער ווייִמאַרער רעפובליק, פון דעם באַזיגטן דייטשלאַנד, האָבן אַזאַ בוך נישט געהאַט. די פרידן=ליבנדיקע כוחות אין דייטשלאַנד האָבן אַזאַ ווערק געדאַרפט האָבן — זיי האָבן געדאַרפט אַ קינסטלערישע צייגעניש, אַז אין דייטשלאַנד זענען פאַראַן כוחות וואָס פאַרהאַסן דעם קריג. רעמאַרקס בוך איז דעריבער אויפגעכאַפט געוואָרן מיט גרויס פרייד און געוואַלדיקער אָנערקענונג. דאָס איז געווען דער פרידנס=רעוואַנזש פון די ליבעראַל=דעמאָקראַטישע און פאַציפיסטישע שטרעבונגען אין דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט=שריפה. דער דערפאָלג פון דעם דאָזיקן בוך איז געווען ממש אַ פאַנטאַסטישער. די פאַרלעגער זענען געווען — אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג — געצוווּנגען צו בייטן דעם קאָנטראַקט מיטן כמעט אומבאַקאַנטן שרייבער און אים אויסצאָלן אַ האָנאָראַר לויטן אמתן ווערט פון זיין ווערק, ווי אַ שרייבער פון דער ערשטער קאַטעגאָריע. רעמארק איז געוואָרן די פאָן פון דייטשישן בירגערלעכן פאַציפיזם, זיין בוך איז בליץ=שנעל איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע קולטור=שפּראַכן פון דער וועלט.

די נאַציס האָבן פאַרהאַסט רעמארקן און זיין בוך. באַלד נאָך זייער זיג האָט רעמארק געמוזט עמיגרירן, זיין ווערק איז עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן אויף שייטערם. אַ גאַנצע ריי ווערק, וואָס רעמארק האָט שפּעטער

אַרויסגעגעבן, האָבן מער נישט געהאַט אַזאַ מזל, כאָטש קינסטלעריש איז דער שרייבער געוואָרן רייפער, זיין סטיל — קאָנדענסירטער און אויסדרוקספולער. נישט גרויס איז אויך געווען דער אָפּקלאַנג פון זיין ראָמאַן „האָב ליב דיינע נאָענטע“. די געשעענישן זענען אָנגעוואקסן און זיך געביטן אין אַזאַ טעמפּ, אַז די ליטעראַטור האָט זי נישט געקאָנט נאָכהאַלטן. דער שטודערלעכער שטורעם־אָנגעפלייץ האָט פאַרשרינגן און פאַרטרונקען די מוזעס. די ליטעראַטור האָט נישט באַוויזן צו באַזינגען איין דערשיינונג, ווי זי איז פאַרבלאַסט געוואָרן לגבי דער ווייטערדיקער. די נייע כוואַליעס האָבן מיט איין לעק אָפּגעווישט פון אונדזער געמיט די נעכטיקע איבערלעבונגען. דאָס וואָס איז נעכטן נאָך געווען פריש און ווייטיקדיק האָט מאָרגן געגומען אויסזען קינדעריש, מינדערוועדטיק. די ביכער, געטראָגענע דורך די כוואַליעס פון דער צייט, האָבן אָפט נישט דערוויזן נישט נאָר צו באַזעצן זיך אין לייענער, נאָר אַפילו אָנקומען צו אים.

ווערטפולע ווערק קאָנען אָבער אויפטויכן אויך שפּעטער, זיי קריגן אַ נייעם זין טאַקע אין ליכט פון אונדזער שפּעטערדיקער דערפאַרונג. זיי זענען געווענדט היסטאָריש הינטערווייַלעכטס, אָבער זייער אויסווירקונג איז אקטועל, וואָרום זיי דערמאָנען אונדז, ווי עס האָט אויסגעזען דער אָנהייב און וואָרענען אונדז אויף להבא.

רעמאַרקס „האָב ליב דיינע נאָענטע“ האָט צו טאָן מיט דער דייטשישער עמיגראַציע באַלד אין די ערשטע יאָרן נאָכן קומען פון נאַציזם צו דער מאַכט. הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען אין א קורצער צייט געוואָרן פאָטערלאַנדלאָז און היימלאָז און אין דעם ריזיקן שטראָם פליטים זענען געפלאָסן צענדליקער טויזנטער יידן — די ערשטע קרבנות פון נאַציזם. פאַר די דאָזיקע המונים עמיגראַנטן האָט זיך די מלחמה אָנגעהויבן אַ סך פריער, ווי פאַר אַלע אַנדערע מענטשן אין אייראָפּע. און זיי, די ערשטע פון די געפרוווטע — ווי האָט זיי די וועלט אויפגענומען? און וואָס האָט זיך אויסגעדריקט איר מיטלייד און שוץ? ווי האָט זי באַהאַנדלט די יעניקע, וואָס האָבן פלוצעם ווי דורך אַן ערד־ציטערניש פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס און דעם דאַך איבערן קאָפּ?

רעמארק פּאָליטיקירט נישט און רעזאָנירט נישט. ער דערציילט און ווי אין אַלע זיינע ווערק מאַכט ער נישט גערדיכטער און נישט שיטערער די פארבן — דער אמת איז אים טייער. אָבער באַרירנדיק אַן אייטערדיקע

מכה, ווערט נישט די מכה דער עיקר. רעמארק האָט ליב מענטשן, ער איז אַ הומאַניסט און וו ער ווענדט נישט זיין בליק, זעט ער אַפילו אין ים פון אומזין און רשעות דאָס מענטשלעכע. דער מענטשלעכער כבוד — דאָס איז די זאַך פאַר וועלכער ער קעמפט. און אַזוי ווי ער איז אַ מייסטער פון סיוזשעט און אַ גלענצנדיקער דערציילער, וואקסן די פּראָבלעמען אויס נאַטירלעכערהייט אין גאַנג פון די געשעענישן. ער דערציילט אינטערעסאַנט, פאַראינטריגירנדיק און נישט בהפזון; וויקלט פאַנאַנדער פאַר אונדזערע אויגן געשעענישן און כאַראַקטערן און מישט זיך אין ערגעץ נישט אַריין מיטן מלמדישן טייטל: דאָס מיין איך צו זאָגן און אַזוי מאַכט דעם אויספיר. ער קנעלט נישט און ער טייטלט נישט. אָבער מיר, די לייענער, חוץ וואָס מיר קריגן עסטעטישן גענוס, ווערן פונדעסטוועגן אויפגעצוווּנגען א ל יי ן צו טראַכטן, אַ ל יי ן צו שטעלן פראַגן און אַ ל יי ן אויף זיי ענטפערן.

דער הויפּט־פּערסאָנאַזש פון ראָמאַן איז איינגעטלעך לודוויק קערן — אַ יונגער עמיגראַנט, אַ מישלינג פון אַ יידישן פאָטער און אונגאַרישער מוטער, ביי וועמען ס׳איז צוגענומען געוואָרן אין דייטשלאַנד די בירגערשאַפט און דער פּאַס און ער איז אַרויסגעשיקט איבער דער גרענעץ. עס הייבט זיך אָן זיין דאַכלאָזיקייט. קיין שום לאַנד לאָזט אים נישט אַריין און אַלע גרענעצן איז ער דערפאַר מחויב צו שמוגלען. אין איין טאָג ווערט דער יונגער סטודענט פאַרוואַנדלט אין אַ בראָדיאַגע — דאָס פאָטערלאַנד וויל אים נישט האָבן, אַלע אַנדערע לענדער וואַרפן אים אַרויס. ער ברעכט די געזעצן פון אַלע לענדער, ווייל אַלע האָבן זיי זיך פאַרריגלט פאַר אים. אין זיינע גרענעץ־וואַנדערונגען באַקענט ער זיך מיט אַ יונגער יידישער עמיגראַנטין רוט האָלאַנד, אַ שיינע סטודענטין, און צווישן די יונגע מענטשן אַנטוויקלט זיך אַ טיפע, צאַרטע און ריינע ליבע. די דאָזיקע ליבע, אַ הויך־מענטשלעכע, ווערט טאָג־טעגלעך אָנגעגריפן דורכן קאַלטן געזעץ, וואָס שליסט אָפּ די גרענעצן פאַר די אומגעוווּנטשענע. אויף זייער וואַנדער־וועג טרעפן זיי זיך מיט אַנדערע מענטשן, אַ דעציזירנדיקן איינפלוס אין זייער לעבן האָט אָבער אַ דייטשישער פּאָליטישער עמיגראַנט יאָזעף שטיינער, וועלכער בינדט זיך צו צום יונגן אומבאַהאָלפענעם יידישן סטודענט און זיין געליבטער. שטיינער געהערט צו יענע ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן, וואָס וויבאַלד דער לייענער באַקענט זיך מיט אים, וואַקסט אין אים אויף די נייגעריקייט און ער זוכט מיט אים אַלץ נייע באַגעגענישן. דאָס איז אַ מענטש מיט א גרויסן כאַראַקטער, גרויסער ליידנשאַפט און גוטס־

קייט, אָבער ער קאָן זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען, גובר זיין זיי, און אַפילו ווען ער באַגייט אַ נישט מאָראַלישע טאַט, האָט זי איר מאָראַלישע באַרעכטיקונג. ער זוכט נישט די אַוואַנטורע, ער מיידט זי אָבער אויך נישט אויס. ער פּאַסט צו דאָס לעבן צו זיך, נישט אָפּזאָגנדיק זיך אויף קיין איין מאָמענט פון זיך, פון זיין אומגעפּעלשטן אינעווייניקסטן תוך. ער איז טריי אין געדאַנק, טריי אין הברשאַפט, ביזן טויט טריי אין דער ליבע צו זיין פרוי, צוליב וועלכער ער קומט אום, ווייל ער קאָן נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל שטאַרבן עלנט אין שפּיטאָל און ער קומט צוריק קיין דייטשלאַנד, כדי צו זיין מיט איר אין אירע לעצטע מינוטן. און ווען ער ווערט אַרעסטירט און דאַרף אָפּגעפירט ווערן דורך זיין תלין אין דעם זעלבן קאָנצענטראַציע=לאַגער, פון וועלכן ער איז בשעתו אַנטלאָפן, און יענער וואַרט שוין אויפן מאָמענט, ווען ער וועט קאָנען באַפרידיקן זיין סאַדיסטישע תאווה לגבי דעם פאַרהאַסטן קרבן, שטויסט ער אים אַרויס דורכן פענצטער פון אַ הויכער געביידע און פאַלט צוזאַמען מיט אים. העלדיש און ריין האָט דער מענטש געלעבט און העלדיש געשטאָרבן.

אין ראָמאַן ווערט דערציילט בפרטיות פאַרשידענע פּעריפּעטיעס פון גרענעץ=וואַנדערונגען און פון עמיגראַנטן=לעבן. ווען לודוויק קערן ווערט אַרעסטירט אין דער שווייץ, פרעגט אים דער ריכטער, אַן אָנשטענדיקער מענטש: פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געמאָלדן אין דער פּאָליציי, ווען ער איז אומלעגאַל אריבער די גרענעץ.

— „ווייל איך וואָלט באַלד צוריק אַרויסגעשיקט געוואָרן — ענטפערט קערן אַ מידער.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אַזוי וואָלט עס געווען.

— און אויף דער אַנדערער זייט וואָלט איך זיך ווידער ביים נאָענטסטן פּאָליציי=פּאָסטן געדאַרפט מעלדן, כדי נישט צו ברעכן דאָס געזעץ. און פון דאָרט וואָלט איך ווידער אין דער נאָענטסטער נאַכט אַריבערגעוואָרפן געוואָרן צוריק אין דער שווייץ, און פון דער שווייץ ווידער אַהין, און ביי דאָרט ווידער אַהער. אַזוי וואָלט איך לאַנגזאַם צווישן די גרענעץ=פּאָסטנס פון הונגער אויסגעגאַנגען. צומווייניקסטן, וואָלט איך פון איין פּאָליציי=וואַך געוואַנדערט צו דעם אַנדערן. וואָס זאָלן מיר דען אַנדערש טאָן ווי עובר זיין אויפן געזעץ?"

דער ריכטער, — דער ערלעכער, ווייכער פיינער מענטש, — ענטפערט אים אָבער: איך קאָן אייך נישט העלפן. איך מוז אייך פאַראורטיילן.

צומווייניקסטן אויף פערצן טעג תפיסה... מיר מוזן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון פליטים=אָנגעלויף.

אַזאַ איז דאָס געזעץ. און אומעטום גילט דאָס זעלבע געזעץ, און אומעטום איז פאַראַן פּאָליציי, און אומעטום גרענעצן. קערן האָט זיך שוין באַקענט אָן אַ שיעור מאָל מיט דער גרענעץ=פּאָליציי און מיט די תפיסות אין טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, שווייץ און פראַנקרייך. ער ווערט געוואָרפן ווי אַ באַלעם, ווייל אַזוי הייסט דאָס געזעץ.

דאָס געזעץ וויל נישט וויסן פון מענטש. מענטש און געזעץ זענען פיינטלעך, זענען אין סתירה איינס מיטן אַנדערן, לייקענען זיך אָפּ און באַקעמפן זיך. אָבער די זינד פון די אַלע מענטשן, וואָס זענען געצוווּנגען עובר צו זיין אויפן געזעץ, באַשטייט דאָך נאָר אין דעם, וואָס זיי ווילן לעבן. און דאָס לעבן פאַרמאָגט כּוח צו קעמפן פאַר זיך. דאָס איז אַ טראַגישער גערוּנגל, פון וועלכן ס'קוקט אַרויס אומפאַרשעמט די פאַרדאָרבנקייט פון געזעץ, וואָס באַדייט טויט און אומקום פאַר ערלעכע, אומגליקלעכע מענטשן. און דאָס איז געווען מערב=אייראָפּע, מערב=אייראָפּע אין די ערשטע יאָרן נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, דאָס זעלבע אייראָפּע, וווּ מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פעלקערוואַנדערונג און טויזנטער מענטשן האָבן באַגעגנט דעם טויט אויף די פאַרפלייצטע וועגן. אָבער ביז ס'איז געקומען זייער ריי, האָט דאָס געזעץ פון די דאָזיקע לענדער געהאָלפן דעם היטלעריזם צו פייניקן זיינע קרבנות.

רעמאַרק, שילדערנדיק די גלגולים פון טויזנטער עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, ווייזט אָבער אויך ווי די „נויט ברעכט אייזן", די פאַרשידענע אומוועגן און גענג, וואָס די מער שטאַרקע האָבן אויסגעפונען נישט צו „פאַרהונגערן אויף די גרענעצן". און אַזאַ מצב האָט זיך דאָך געצויגן נישט קיין טעג און וואָכן, און אויך נישט קיין חדשים, נאָר יאָרן נאָכאַנאַנד, און דאָס געזעץ און געוויסן פון די געזעצגעבער האָבן געשטומט. אויפשוידערנדיק זענען די סצענעס אין די וואַרט=זאַלן פון דער פּאַריזער פּרעפעקטור. דאָ זעען מיר טויזנטער קערנס, רוט האָלאַנדס און שטיינערס. אין די טעג איז דער מקום=מקלט פאַר אַ טייל וואַנדערער דער פּאַריזער לוווּר — דער גרעסטער קונסט=אוצר אין דער וועלט. צי באַרויִקט די קונסט דעם הונגעריקן מאָגן איז אַ פראַגע, אָבער אין לוווּר מאַכט די פּאָליציי קיין אָבלאַוועס נישט. דער פאַרטריבענער רייכסטאַג=דעפּיטאַט — מאַריל — טרייסט לודוויק קערן דערמיט, אַז אַ גרויסער טייל פון די

שעפער, וואָס זייערע לייוונטן הענגען אויף די ווענט אין לוווּר און אַנטציקן אונדז, זענען אויך געווען געטריבענע און געיאָגטע עמיגראַנטן. אָבער דווקא זיי האָבן געשאַפן די אייראָפּעיִשע קולטור.

איז עס אַ טרייסט?

רעמארקס ראָמאַן „האָב ליב דײַנע נאָענטע" זאָגט אָבער נישט אָן קיין מרה־שחורה. דער מענטש איז גוט און שיין און עס לעבן אין אים אַזוי פיל שיינע דערהויבענע געפילן, וואָס קיין שום געוואַלד און אומיושר איז נישט בכוח צו דערשטיקן. אָט די דאָזיקע שיינקייט פון מענטשלעכן וועזן איז ווי די מאָרגן־זון אונטער די וואָלקנס, וואָס ווערט זיך ענדלעך אַרויסרייסן אויף אַ פרייען לויטערן הימל. דערפון נעמט זיך די פּאָעטישע וואַרעמקייט וואָס שוועבט אויף די זייטלעך פון ראָמאַן, וואָס דערציילט דאָך וועגן אַ פינצטער קאַפּיטל אין אייראָפּעס געשיכטע.

מיר קערן זיך אום צום אָנהייב פונעם קאָשמאַר איבער אייראָפּע פאַר צווייטן וועלט־קריג און מיר באַדויערן נישט, וואָס מיר מאַכן דורך מיט רעמארקן די דאָזיקע נסיעה אין דער אַזוי נישט ווייטער פינצטערער פאַר־גאַנגענהייט. ווארום די דאָזיקע נסיעה פרישט אָפּ אין אונדזער זכרון דאָס געשעענע. געפירט דורך אַ גרויסן מייסטער פאַרטאָפּלען מיר אונדזער זעעוודיקייט און אונדזער איינדרינגלעכקייט, פאַרשאַרפן אונדזער באַציונג צום לעבן.

און דאָס איז אַלעמאָל געווען נייטיק און היינט מער ווי אַלעמאָל.

ש. דייקסעלס „אינדיאַנישע דערציילונגען"

.1

ס'איז פֿאַראַן עפּעס געמיינזאַמס צווישן ש. דייקסעל און דעם אַמעריקאַנישן שרייבער העמינגווי. נישט אין זין פֿון טאַלאַנטן־קרובהשאַפֿט. דייקסעל דערמאָנט אין העמינגווייען דעם מענטשן — דעם מאַנצביל, דעם אומרואיקן, אַוואַנטוריסטישן, וואָס כדי צו שרייבן מוז ער פֿריער לעבן אויף דער „דריטער שנעלקייט" — זיין, זען, פֿול ווערן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען. פּונקט ווי דער אַמעריקאַנער מייסטער, האָט ש. דייקסעל אַ ביאָגראַפֿיע. פּונקט ווי יענעם האָט דייקסעלן צוגעצויגן דאָס אומגעוויינלעכע, עקזאָטישע; אַזוי ווי העמינגווי האָט ער געזוכט דעם שאַרפֿן טעם פֿון לעבן.

פֿאַר זיינע קרוב אַכציק יאָר האָט שמואל דייקסעל אָנגעשריבן אַכט ביכער. דאָס זיבעטע ליגט פֿאַר מיר. עס הייסט „אינדיאַנישע דערציילונגען" (1959, ניו־יאָרק, זייטן 288), דאָס אכטע דאַרף נאָך אַרויסגעגעבן ווערן, זיין טעמע — דאָס לעבן פֿון די אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה; ייִדן — פּאַראַשוטיסטן.

נישט אַלץ, וואָס דייקסעל האָט אָנגעשריבן האָב איך געלייענט, נאָר די דריי ביכער, וואָס איך האָב יאָ געלייענט האָבן מיך איבערראַשט מיט דער נייקייט פֿון דער טעמאַטיק. אפֿשר איז ש. דייקסעל נישט אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור טאַקע צוליב זיין טעמאַטיק, וואָס איז אין נוסח, אין שטייגער, אין מיליע נישט ייִדיש, נאָר הלוואי וואָלטן אַזעלכע ביכער אין ייִדיש געווען וואָס מער. זיי טראָגן אַריין אויפֿן ייִדישן ביכער־מאַרק אַ נייעם שטראָם, עפּענען אַ פֿענצטערל אין אומבאַקאַנטע וועלטן. דערפֿאַר דאַרף אים דער ייִדישער לייענער דאַנקבאַר זיין. אַ ליטעראַטור פֿון אַ פֿאָלק קאָן נישט לעבן נאָר אין די ד' אמות פֿון פֿאָלקיש־טיפּישן, זי טאָר זיך נישט אַרומשירעמען מיט ענג־נאַציאָנאַלע גרענעצן, אויב זי וויל נישט זיין פּראָווינציעל באַגרענעצט.

דייקסעלס ערשט בוך „די וועגן אין נעפּל" האָב איך געלייענט, באַלד ווי עס איז אַרויס, אין 1923 אָדער אָנהייב 1924, און איך דערמאָן מיר, אַז דאָס בוך האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך פון גרונט אויס א ו נ ט ע ר ש יי ד ט פון אַלע אַנדערע ביכער וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע. ער האָט געזען יענע אַקטיווע יידישע נאַטורן, וועלכע עס האָט זיך נישט איינגעגעבן אַרויפצוכאַפּן אויפן וואָגן פון דער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" און זענען דערפאַר פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין נעפּל אויף הינטערוועגן; די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַקלימאַטיזירן אין נאָרמאַלן לעבן פון „גאָלדענעם לאַנד" און אַנטוישטע געזוכט אַן אויסגאַנג אין צוריקקערן זיך צו דער אלטער היים. ס'איז נישט געווען די ראָמאַנטיק פון דער אַזוי באַקאַנטער אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע „בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים". די אַלטע היים איז נישט אידעאַליזירט געוואָרן, אמתע צוציונג האָט זי געהאַט נישט פאַרן אויפגעקומענעם „אָלרייטניק", נאָר פאַרן ענערגישן, דרייסטן, מוטוויליקן, וואָס האָט זיך דווקא אין אַמעריקע אַרויסגעוויזן פאַר א שלימזל.

זיינע „אַזיאַטישע דערציילונגען" האָבן מיט יידן גאָר קיין שייכות נישט געהאַט. זיי זענען אָבער געווען אינטערעסאַנט דווקא מיט דער עקזאָטיק. מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַן אַלטער וועלט פון אינגאַנצן אַנדערע מנהגים, באַגריפן. אין דעם בוך האָט מען שוין געקאָנט דערקענען דעם גרונט-שטריך פון ש. דייקסעל, זיינע סימפּאַטיעס פאַר מענטשן פון אַלע ראַסן. ער האָט זיך באַמיט תופס זיין נישט נאָר דעם שטייגער, נאָר אויך די לעבנס-פילאָזאָפיע פון די פעלקער פון טורקעסטאַן, האָט געלערנט זייער שפּראַך, איז גיך געוואָרן צוגעפּגעלעבט אין דער נייער סביבה.

אין זיין ניי בוך „אינדיאַנישע דערציילונגען" קומט נאָך מער צום אויסדרוק זיין ליבע צו אונטערדריקטע פעלקער און ראַסן. נישט עקזאָטיק אַליין ציט אים צו, נייערט די פּשוטע האַרציקייט און חכמה פון די נאַטור-קינדער, די אויטאָכטאָנען פון דער אַמעריקאַנער ערד, וואָס זענען אַזוי שענדלעך אויסגעראָטן געוואָרן דורך די געקומענע.

.2

אַ שרייבער איז אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה. וואָס איז געווען די סביבה פון ש. דייקסעל? פאַרוואָס האָט זיך פון אים באַקומען א שרייבער, וואָס טיילט זיך אין זיין טעמאַטיק אויס פון די איבעריקע יידישע שרייבער? דעם ענטפער קריגן מיר אין די קורצע ביאָגראַפישע געגעבענע.

שמואל דייקסעל איז געבוירן געוואָרן אין קישעניעוו, בעסאַראַביע. זיין פֿאָטער האָט געשטאַמט פֿון ליטע. קינדווייז נאָך האָט ער אים פֿאַרלוירן. זיין יידישע דערציונג איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע זמנים חדר. ביז 15 יאָר געלערנט אין דער קרוין־שול און דאַן 3 יאָר געווען אַ משרת אין אַ גאַלאַנטעריע־געשעפֿט. ס'האָט אים ווידער אַ ציִ געטאָן צום לערנען, אָבער אָנשטאָט זיך צוגרייטן צו מאַטורע, האָט ער זיך פּלוצעם פֿאַראינטערעסירט מיט פּאָליט־עקאָנאָמיע. אין אַפּריל 1903 איבערגעלעבט דעם קישעניעווער פּאָגראָם. ער האָט געהערט צו די, וואָס האָבן געשטעלט אַ מוטיקן ווידערשטאַנד די כוליגאַנעס, פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און אַרעסטירט דורך דער פּאָליציי. פּאָליטעקאָנאָמיע און... קישעניעווער פּאָגראָם האָבן אים געוויזן דעם וועג צום קאַמף פֿאַר אַ נייער וועלט. ער פֿירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין אָדעס, ניקאָלאַיעוו און אַנדערע שטעט, דער עיקר צווישן רוסישע סאָלדאַטן. ס'קומט אָן די צייט צו שטעלן זיך צום מיליטער, ער ווערט באַשטימט צו דינען אין פּוילן, בייט אָבער דעם בילעט מיט אַ צווייטן רעקרוט, וואָס איז באַשטימט קיין טורקעסטאַן, דינט ביי דער פּערסיש־אַפֿגאַניסטאַנישער גרענעץ. צוליבן חשד אין פּראָפּאַגאַנדע ווערט ער באַזייטיקט פֿון מיליטער, קומט קיין קישעניעוו און אַרבעט מיט אין דער „בעסאַראַבסקאַיאַ זשיזן". אין 1911 עמיגרירט ער קיין אַמעריקע. געאַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ און נעשריבן אין אַ רוסישער צייטונג. דאַן זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור און זיך גענומען לערנען שרייבן יידיש, געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ ריי יידישע צייטונגען, אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען. שטודירט קייראָפּראַקטיק (היילן קראַנקהייטן אָן רפֿואות) און פּראַקטיקירט אין ניו־יאָרק. אין 1923 איז אַרויס זיין ערשט בוך „די וועגן אין נעפּל". פֿון זיין „אַמעריקאַנער" ביאָגראַפֿיע ווייסן מיר נאָך, אַז ער האָט אַ פּאָר יאָר פֿאַרבראַכט אין די אינדיאַנישע רעזערוואַציעס, באַקענט זיך מיטן לעבן פֿון די באַזונדערע שבטים, זיי ליב באַקומען, געלערנט זייער שפּראַך און מנהגים און אַלס רעזולטאַט האָבן מיר דאָס בוך „אינדיאַנישע דערציילונגען". אַ באַאָרטער מאַן, באַטייליקט ער זיך נאָך אין דער דעסאַנט־אָפּעראַציע איבערן לאַמאַנש (זומער 1944) און שרייבט אַ בוך, אין וועלכן ער פֿאַרנעמט זיך מיט רעהאַביליטירן דעם נאָמען פֿון יידיש־אַמעריקאַנישן זעלנער, וועלכער איז דורך דער „בעסטסעלער"־ליטעראַטור געוויזן געוואָרן, ווי אין אַ קרומען שפּיגל.

שוין די קורצע ביאָגראַפישע דאַטעס גיבן אַ פּאָרטרעט פון אַ מענטש — אַ שרייבער, וואָס האָט הינטער זיך אַן אינטערעסאַנט לעבן, געקענט טשעקאָווע טיפּן, אַ נייגעריקן, מיט אַן אָפן אויג און אָפן האַרץ.

.3

„אינדיאַנישע דערציילונגען" אַנטהאַלטן 9 נאָוועלן און 4 מעשהלעך. אין דעם גרעסטן טייל פון זיי פיגורירט דער מחבר נישט נאָר ווי אַן אָבּ־סערוואַטאָר, נאָר אויך ווי אַ באַטייליקטער און דאָס שאַפט דעם איינדרוק, אַז מיר זעען די פּערסאָנאַזשן פון זייער נאָענט. אונדז גיט זיך איבער אוממיטלבאַר די וואַרעמקייט און האַרציקייט, וואָס דער אויטאָר פילט צו זיינע העלדן. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס דער לייענער באַפרייט זיך פון פאָראורטיילן לגבי דעם „רויטן מענטש", פאַרוואַנדלט ער זיך דערצו אין זיינעם אַ פריינד און גוטווינטשער.

ש. דייקסעלס בוך איז אַן א יי ן א ו ן א יי ג צ י ק גרעסער ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור וועגן לעבן פון די אַמעריקאַנער אינ־דיאַנער. דערמיט ווערט עס אַ פּאָזיציע פון אַ באַזונדערן ווערט. מיט זיין אַרבעט וויל אונדז דער מחבר געבן צו פאַרשטיין: ווען — ווען, אונדז, יידן, דאַרף אַוודאי נישט זיין פרעמד דער קאַמף פון דער רויטער ראַסע פאַר מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט, וואָרום ווי ווייט ס'זאָל נישט זיין די אַנאַלאָגיע — זענען דאָך פאַראַן פאַרבינד־שטריכן צווישן יידישן היסטאָרישן גורל און דעם גורל פון די דאָזיקע מענטשן. זיי זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן ווי אַ פאָלק, און מיר זענען געמאַרדעט געוואָרן; פאַר אונדז זענען געשאַפן געוואָרן געטאָס, פאַר זיי — רעזערוואַציעס; פאַר אונדז זענען געשטאַנען די פּראָבלעמען פון איינגלידערן זיך אין דער גרויסער וועלט, נישט פאַרלירנדיק אונדזער פּנים, שפּראַך און מנהגים, אויך פאַר זיי, פאַר די רעשטלעך פון דער רויטער ראַסע, שטייט אַן ענ־לעך פּראָבלעם; מיר האָבן אַרויסגעוויזן עקשנות און זעלבסט־ווירדע, אויך זיי ווייזן עס אַרויס; פּונקט ווי מיר, אַזוי אויך זיי, ווילן אָפּהיטן די נשמה, די קולטור, וואָס זיי האָבן באַקומען מיט דער ירושה פון דורות. ווי ווייט איז דען פון אונדז די צייט, ווען די ערשטע משכּילים אונדזערע האָבן גע־רופן דאָס פאָלק צו וועלטלעכקייט און בילדונג, דורכגעבראָכן די הויכע וואַנט פון צעטיילונג און דערפירט צו דעם, אַז איין משכּילישער שטראָם האָט זיך אויסגעמישט אין אָקעאַן און פאַרשוווּנדן געוואָרן און אַ צווייטער שטראָם האָט מיטן דעראָבערטן וויסן ביי די שכנים באַוואַסערט דאָס

אייגענע פעלד און דערהויבן האָט אייגענע פאָלק, אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל געשיכטע; מיר האָבן געזוכט פאַרבינדעטע צווישן דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער מענטשהייט, אויך זיי, די פאָרגעשריטנסטע עלעמענטן זייערע, זוכן דעם וועג צו באַפרייונג דורך אָנשליסן זיך אין אַלגעמיינעם קאַמף.

ווי געזאָגט — די אַנאַלאָגיעס זענען ווייטע, וואָרום די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון אונדזער און זייער עקזיסטענץ זענען פאַרשידענע. אָבער פאַרבינד־עלעמענטן זענען דאָך פאַראַן. טשעקאַווע, אַז די אינדיאַנער ווייזן אַרויס אַ ספּעציעלן סענטימענט פאַר אַ יידישן מענטש און זעען אין אים נישט קיין „ווייסן שונא“, נאָר אַ פריינד. אין דער ערשטער דערציילונג „אַ טאָכטער פון די צען פאַרלוירענע שבטים“ דערציילט זיך וועגן אַ ליבע צווישן אַ יידישן בחור דעיוויד און אַן אינטעליגענט אינדיאַניש מיידל, אַ לערערין. דאָס מיידל איז גליקלעך, ווען זי דערוויסט זיך, אַז איר געליבטער שטאַמט פון יידן. און דאָ דערציילט זי אים, אַז אַ באַקאַנטער מאַרמאָנישער פירער האָט איר פאַרזיכערט, אַז זיי, די אינדיאַנער, שטאַמען פון די צען יידישע פאַרלוירענע שבטים, און אַז צווישן די אינדיאַנער איז פאַראַן א שבט „שאוגים“, וואָס האַלט זיך ביי געבאָטן, וואָס דערמאָנען אין די עשרת הדברות. און ווען די מעשה זעט אויס דעם בחור נישט וואַרשיינלעך, פאַרזיכערט זי: „...אָבער איין וויכטיקע ענלעכקייט אין די שיקזאַלן פון אונדזערע ביידע פעלקער וועסטו מוזן צוגעבן: דאָס איז דער פאַקט, אַז מען האָט אונדז און אויך אייך, יידן, געיאָגט און געמאַטערט, מיט שווערד און פייער געפרווט אַוועקצורייסן אייך פון אייער קולטור און גלויבן... ס'איז אָבער נישט געלונגען...“

ש. דייקסעל שילדערט אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן פון אינדיאַנער, מענער און פרויען, זקנים און קינדער — אַלץ מענטשן מיט אַ טיף, כאָטש פּרימיטיוו אינערלעכן לעבן, מיט געוואַגטקייט און עקשנותדיקן אויסדויער, טריי אין פריינדשאַפט און טריי זייער פאָלק, מיט מוטיקער שטאָלציקער שנאה צו זייערע פייניקער („מיין אינדיאַנישע מוטער“, „אויפן צפון־זוים פון גרענד־קעניאָן“, „צו־גאַסט ביי די סיו־אינדיאַנער“ און אַנדערע). מיט פיל פּאָעזיע שילדערט דער מחבר די נאַטור פון אריזאָניע, דעם הימל איבער די אינדיאַנישע רעזערוואַציעס. די מענטשן בילדן איין גאַנצקייט מיט דער נאַטור, זיי זענען מיט איר צונויפגעוואָקסן, דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק. אַפילו זייערע מנהגים, וואָס דאַרפן אונדז אויסזען ווילד און מגושמדיק, זעען אויס אין דער טראַקטירונג פון ש. דייקסעל זינגלעך און עסטעטיש.

די בעסטע דערציילונג אין בוך איז בלתי ספק „דער אינדיאַנער זון“. אין איר איז דייקסעל נישט נאָר אַ גוטער דערציילער (ווי ער איז עס אין אַלע זיינע דערציילונגען), נייערט אַן אמתער מייסטער, וואָס קאָן אויסנוצן מאַקסימאַל אַלע עלעמענטן פון סוזשעט; דער פּסיכאָלאָגישער אַרגאַמענט איז געמאַכט מיט פיל דינקייט, דעליקאַטקייט, טאַקט און גלייכצייטיק רעליעף. די מעשה: אַ ליבע צווישן א ווייסן און אַן אינדיאַנישער שיינהייט, מיט וועלכער ער האָט א זון. ער וואַרפט זי אַוועק צוליב אַ רייכן שידוך און פייניקט זיך לאַנגע יאָרן שפּעטער צוליבן שבועה־ברוך. דער זון זיינער, ווען ער דערוויסט זיך ווער זיין טאַטע איז, בלייבט א שטאָלצער אינדיאַנער, פאַראייניקט אין ליבע צו דער מוטער און צו איר פאָלק. דאָס געלט וואָס דער אַפּנאַרער, וועלנדיק באַרואיקן זיין געוויסן, שיקט גאַנץ דעליקאַט צו, ווערט אָפּגעוואָרפן, ווייל דער אינדיאַנער איז נישט נאָר גרויסהאַרציק, נאָר אויך שטאָלץ און פול מיט זעלבסטווירדע.

אינטערעסאַנט זענען די געשטאַלטן פון די יונגע אויפגעקלערטע אינדיאַנער — די „משכילים“ אין עמבריאָנעלן צושטאַנד. דורך זיי עפנט זיך די פּראָבלעמאַטיק פון אַקטועלן לעבן פון די אינדיאַנער, דער קאַמף וואָס הייבט זיך אָן אינעווייניק אין דער אינדיאַנישער געזעלשאַפט. דאָס זענען אַלץ ענינים נישט נאָר טשעקאַווע, נאָר אויך סאָציאַל אינטערעסאַנטע.

צום סוף דאַרף אָפּגעמערקט ווערן, אַז אין בוך, ווי באַשיידן עס זאָל נישט זיין דער אויטאָר — וואַנדערער, פּוסגייער, באַקענען מיר זיך אויך מיט אים אַליין. מיר זעען פאַר זיך אַ מוטיקן מאַן, אַן אינטערעסאַנטן, ליבן און מיט געוואַלדיק פאַרשפּיצטן נייגיר צו אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אונטער דער זון, אַ פּשוטן און שפּירעוודיקן, אַן אויפריכטיקן פריינד פון אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פון זייער פאַרב און גלויבן; אַ שרייבער, וואָס גלויבט באמונה שלימה, אַז אַלע פעלקער בילדן איין משפּחה און וויל העלפן צו פעלקער־פאַרברידערונג מיט זיין פּען.

אַ פּאָעטישער סך־הכל פון אַ גאַנץ לעבן *)

.1

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז געגליכן צו אַ גרויסער שטאָט. פאַראַן צענטראַלע גאַסן, העל-באַלויכטענע, רוישיקע, פאַראַן טומלדיקע ענגע אַרבעטער-קוואַרטאַלן, פאַראַן שטילע געסעלעך, גאָרטן-גאַסן מיט ווילעס און מאַרק-גאַסן. און יעדע גאַס האָט איר באַלויכטונג, איר מאָטיוו, איר שטימונג. די צענטראַלע גאַסן קענען אַלע. אין די שטילע, זייטיקע געסעלעך פאַרבלאָנדזשעט מען אמאָל אין אַן אָוונט און גאַנץ צופעליק. דו שפּאַצירסט אין זיי אַרום, אָטעמסט איין זייער לופט און טראַכטסט: אַ שיינקייט אַזאַ... אַ שטילקייט... און ס'איז דאָך נישט ווייט פון סאַמע צענטער.

ל. מילערס פּאָעזיע איז אַ שטיל, רואיק געסל. זי איז נישט ווייט פון די צענטראַלע הו-האַ-גאַסן, אָבער זייער רויש דערגייט אַהער שוין אַן אָפּגעשוואַכטער, אַ געטראָגענער פון לייכטן ווינט. אין אַזאַ געסל שטורעמען, דאַכט זיך, נישט קיין ליידנשאַפטן, דאָ טראַכט זיך טיף און רואיק אַזוי ווי עס אָטעמט זיך. די לבנה האָט דאָ נישט קיין קאָנקורענטן אין דער פאַרביקער ליכט-רעקלאַמע — פאַרציט זי איר בלאַסע נעץ רעגלמעסיק, עטוואָס אומעטיק און פאַרטראַכט.

בלויע שלייערס, ווייסע זייד,
פאַלן ווייך אין ווייטן ווייט,
מישט זיך זילבער אויס מיט בלוי.
ווייכער אומעט טונקל-גרוי
לייגט זיך אומעטום אַוועק
אויף אַ זילבער-ווייסן דעק.

---

*) ל. מילער „אייביק לעבן“, פאַרלאַג „יידיש אַמעריקע“, ניו-יאָרק 1959.

סאַראַ איידעלע צייכענונג. דינער געמיש פון זילבער, בלוי, ווייס און גרוי. צאַרטע, פאַרחלומטע פאַרבן.

אָבער נישט ווייט הוזשעט די שטאָט, ווי דער האָדסאָן, און דעם איינזאַמען טרוימער פאַרבענקט זיך נאָך דעם טעמפּ פון יענע גאַסן, וואָס זענען אָנגעטאָן אין שטאָלענע־שטיינערנע העמדער.

שטאָט,
האַמער אין מיין לעבן
אין דיין שטאָל און אייזן,
רייס אַרויס מיט דיינע שטיינערנע הענט
די רו פון מיין האַרצן
און גיס אַריין דיין פייערדיקן בראַנד
צו מיר אין בלוט.

דאָס איז אַ לעכצעניש אַרויסצוגיין פון רו, אַ בקשה. אומזיסט! ל. מילער איז נישט געבוירן פאַרן ברומענדיק־כריפּענדיקן קלאַנג פון שטאָלענע רעדער איבער שטיין. אין געמיט איז ער נישט קיין אורבאַניסט. דאָס גרוי־זילבער־ווייס איז די אַטמאָספער, וואָס ער שפּירט אַרום זיך, וואָרום ער טראָגט זי אין זיך. אין זיין שטיל געסל הערט ער זיך צו צו די באַוועגונגען פון זיין אייגן האַרץ, ווי עס ענטפערט אויף די אומרואיקע נאַכטיקע שאָרכן, אויף די קונציקע גאָלדענע פלעקן, וואָס די זון וואַרפט אויף די די פעלדער, אויף דעם גערויש, וואָס דער ווינט דערטראָגט פון די טומלדיקע גאַסן פולע מיט ווייטיק, ליידנשאַפט, פּראַצע, שווייס, אויסגעלאַסנקייט און פּראָפיטן. אויף אַלע פראַגן וואָס די אַרומיקע וועלט שטעלט אים — ענטפערט ער פון זיין שטיל געסל אַרויס.

און אַזוי זינגט ער פופציק יאָר.

קיין זאַך איז אים נישט פרעמד. די וועלט איז אים אַלעמאָל נאָענט געווען: אירע פּראָבלעמען, נויטן, פריידן און געראַנגלענישן. אָבער אַפילו זיצנדיק אין סאַמע קראַטער פון שטאָט־ווולקאַן, זינגט ער פּינעם שטילן געסל אַרויס — פון זיין געמיט, וואָס דעמפּט דעם באַראַבאַנען און פייקל־קלאַפּ, דעם געבראַזג פון מעטאַלן, דעם געשריי וואָס רייסט זיך פון די אַלע אייטערדיקע מכות פון דער וועלט.

אַזאַ איז ער דער דיכטער — אַ שטילער טרוימער, ווייל אַ שטי־לער מענטש. ער דענקט ווי ער פילט — מיט פשוטע קאַטעגאָריעס, און ווען ער רעזאָנירט אַפילו, טוט ער עס ווי אַ פשוטער האַרציקער פאָלקס־מענטש.

.2

ל. מילער האָט דעביוטירט אין 1909. אין 1959 איז אין ניו־יאָרק אַרויס זיין זיבעט בוך — „אייביק לעבן". דאָס איז אַן אויסגעוויילטע זאַמלונג פון אַלע זיינע פריערדיקע פיר ביכער פּאָעזיע (אין 1920 האָט ער אָפּגעדרוקט אין „שריפטן" זיין איין איינציק פּראָזע־ווערק „אבא", אין 1921, אין ענגליש, זיין דראַמע — „מיסטער מענטש", אין 1941 — זיין יידיש־איבערזעצונג פון וואָלט וויטמאַנס „בלעטלעך גראָז"). דאָס איז אַ רעפּרעזענטאַנץ־בוך, וואָס גיט אַ רעטראָספּעקטיווע איבערקוק פון זיין לאַנגן וועג אין דער יידישער פּאָעזיע. אָבער להיפוך צו אַנדערע סך־הכל־ביכער פון דעם מין גיט ל. מילער דעם סדר פון די לידער נישט פון אָנהייב צום סוף, נאָר פאַרקערט — אָנהייבנדיק פון די לעצטע גייט ער צו די ערשטע. אַזוי זענען איינגעטיילט די טיילן פון בוך: 1959 — 1948; 1948 — 1939; 1939 — 1919; 1919 — 1913; 1913 — 1909.

וואָלט דאָך דער לייענער געדאַרפט דורכמאַכן מיט אים „דעם וועג צוריק": פון זקנה (אין 1959 איז מילער אַלט געוואָרן 70 יאָר) צו דער פריש־צאַפּלדיקער יוגנט זיינער; דורכמאַכן אַ בהדרגהדיקן פאַרייִנגערונגס־מאַרשרוט. אָבער לייענענדיק זיין לעבן צוריק — האָבן מיר נישט אַזאַ געפיל. געוויס, די סאַמע ערשטע לידער זיינע (1909 — 1913) זענען אין פאָרמלעכן זין נאָך קענטיקלעך אומבאַהאָלפן. דאָס זענען טאַקע ערשטע אומזיכערע שריט. גיך אָבער קריגט זיין פערז נאַטירלעכקייט, קריגט די הייך, וואָס בלייבט אים שוין אויף שטענדיק. אָבער סיי עמאָציאָנעל, סיי טעמאַטיש — נישט געקוקט אויף דער אַקטועל־פּאָליטישער באַפאַרבונג פון די לעצטע — שפּעטסטע ציקלען לידער — האָט זיך מילער אין תוך נישט געענדערט.

אין זיינע שפּעטסטע לידער פילט זיך נישט די זקנה, אין זיינע פריע — די יוגנט. ער איז וווּנדערלעך גלייכמעסיק. אויב אין די ערשטע לידער פּוצט זיך די יוגנט אין דער הלבשה פון זקנה — קלאָגט זיך איבער מיד־

קייט, איז אָבער אין די שפּעטסטע פּאַראַן נישט ווייניק רעזאָנירנדיקס, וואָס עס פּאַסט פאַר דער יוגנט.

דער באַהאַרצטער שטילער טאָן איז געבליבן דער זעלבער.

ס'איז נישט קיין געזאַנג פול שפּאַנונג און דראַמאַטיזם, נישט דער געפּלאַטער פון אַן אָדלער, וואָס שיסט ווי אַ קויל אין דער הייך און פאַלט ווי אַ שטיין אין דער נידער, נישט קיין געברויז פון אַ צערודערטן ים, וואָס וואַרפט די וואַסערן, מישט און צעשפּריצט זיי מיט קראַפט אויף די פעלדזן. ס'איז אַ טייך, וואָס פליסט אין זיינע ברעגן און זינגט מיט דער זעלבער שטים זיין אייביקן ניגון — אַמאָל טראָגנדיק אויף זיין קאַרק די אָפּשפּיגלונג פון אַ זוניקן הימל און צעגרינטע ביימער ביי די ברעגן, אַמאָל אַן אָנפלייץ פון וואָלקנס, אַמאָל די גאָלדענע פּטירה פון האַרבסט און אַמאָל דעם שטילן אומעט פון שניי=באַדעקטן אַרום.

ס'איז אַ וועלט אַן אָפּגעשפּיגלטע אין אָנאויפהעריקן שטילן פלוס פון טייך. די וועלט בייט זיך — דער טייך בלייבט דער זעלבער.

דאָס איז סימן מובהק, דער אופן פון וועלט=אָפּשפּיר, דער כאַראַקטער, דער קען=צייכן וואָס ס'טראָגט ל. מילער.

אַזוינע דיכטער טרייסלען נישט אויף. מיט אַזוינע דיכטער איז גוט זיך אָפּצורוען ערגעץ אין דער שטיל אויף אַ באַנק, וואָרום זיי טראָגן מיט זיך באַרואיקונג און גוטהאַרציקייט, נשמה=גלייכגעוויכט, די רו פון שבת=קודש אינדערוואָכן.

.3

ל. מילערס טעמאַטיק איז דירעקט אינספּירירט פון לעבן, זיין אופן — ערלעכע פאָלקסטימלעכקייט. ער נעמט אויף די וועלט ווי אַ מענטש פון זיין שניט, פון זיין נאַטור. זיין פילאָזאָפיע איז אויך די פילאָזאָפיע פון פאָלקס=מענטש — אַן איידעלן און שפּירעוודיקן. אין דעם איז פאַראַן גרויסער חן — נישט=געקינסטלטקייט, אויפריכטיקייט, נאָענטקייט צו דער ערד און צום מיטמענטש.

אָ, פלאָרידע, פאַרקויפערין פון זון און רויש פון ים,
איך האָב געשפּאָרט פון וואָכן שווערער מי, ביי אַרבעט וואָס
איך טו,

די האַסט אַזויפיל זון און פּאַלמעס גרין און הימל־בלוי,
נאַ, נעם ביי מיר דאָס ביסל אָפּשפּאָר־געלט, נאַ, נעם עס צו!
פאַרקויף מיר פאַר אַזויפיל און אַזויפיל זון, אַ ביסל רו.

אַ פּאָלקס־מענטש איז געקומען פאַרן אָפּשפּאָר־געלט קויפן א ביסל זון. נעמט ער דעם גילדענעם אַרום אויף אַנדערש ווי אַ פּאָעט־פּראָפּעסיאָנאַל. ער זאָגט:

„איך ווייס, אַז נישט פאַר מיר, פאַר זיי וואָס קויפן איין הורטאָם געזונט און זון און רו, האָסטו די גאַסן אויסגעפּוצט, באַצירט".

און באַלד דערמאָנט ער זיך אין דעם, ווי פלאָרידע האָט „פאַרשעמט דאָס נעגער־פאָלק, די קינדער פון דער זון". און ווען ער באַזינגט די שיינע לבנה־דיקע נעכט אירע, קאָן ער אַלץ נישט פאַרגעסן אין די נאַציאָנאַלע עוולות.

„קום, עס וועט אַ יידיש קינד דיך פירן צו דער נעגער־געטאָ".

ל. מילער זינגט וועגן שלום און מלחמה, וועגן ים און זון, וועגן דער פרייד פון עלעגאַנטן טענים־שפּיל, וועגן לאָקאָמאָטיוו־הייצער און וועגן דעם, וואָס דער אַרבעטסלאָזער דערציילט זיין קינד, וועגן דער קראַנקן־שוועסטער און פער־לאַ־שעז, וועגן דער בלוטיקער מינבען־נאַכט און וועגן קינדער, וועגן פּאַריז און סאַן פראַנציסקאָ. איר וועט נישט זאָגן: די וועלט איז נישט פאַראַן אין זיינע לידער. זי איז דאָ אין יעדן ליד זיינס. אָבער ווי געזאָגט — די פּויזאַשן בייטן זיך — דער טייך בלייבט דער זעלבער; די טעמאַטיק איז רייך — די אינטאָנאַציע די זעלבע; פאַרבן מיניען און מישן זיך, אָבער א יי ן גרונט־טאָן פּאַראייניקט זיי, נייטראַליזירט זיי, גלייכט זיי אויס. אין שטילן געסל פון זיין האַרץ ווערט אַלץ געדעמפּט, שטיל, עפּיש, זייטיק. נישטאָ דער ריטם פון לעבן, נאָר דער ריטם פון זיין געדאַנק וועגן לעבן, און דער דאָזיקער ריטם איז אַן אַנדערער ווי דאָס לעבן גופא. אַלע קלאַנגען — ווירקלעכע, האַמעטנע, שטורמישע, אַלע פאַרבן — רייסיקע, טומלדיקע, טאַנצנדיקע, הפקרדיקע גייען דורך ווי דורך עפּעס אַ געדיכטן פילטער.

דער פילטער דאָס איז ער — דער דיכטער. און ער אַנט אַליין, ווי די וועלט גייט דורך אים דורך. ער ווייס אפילו מיט וואָס דערקלערט זיך

זיין שטילקייט, זיין רו, כ'וואָלט געזאָגט — דער גאָלדענער זוניקער שפּעט־האַרבסט, וואָס האָט אויף אַ לעבן זיך באַזעצט אין זיין ברוסט.

כ'זינג נישט תשובה, נישט חרטה —
רשעות — זיך אַליין פֿאַרצערט.
כ'זינג דאָס ערלעכע און גוטע —
מענטשנס ברכה אויף דער ערד.

צום מקור פון אייגענעם לעבן

„א לאַמטערן פאַר ירוחמקען" *) פון וו. י. הזשעראָם איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ענגליש. דאָס בוך האָט געקראָגן אַ וואַרעמען אויפנעם און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ ריי שפּראַכן, אויך אין פּויליש און דייטש. די יידישע איבערזעצונג האָט געמאַכט מאַרק ראַקאָווסקי און ערשט אין יידיש קערט זיך דאָס ווערק אום צום מקור, צום באָדן פון וועלכן עס שטאַמט און באַקומט זיין אמתן תיקון. וואָרום דאָס איז דאָך פון אָנהייב ביזן סוף אַ יידיש בוך, וואָס דערציילט וועגן אַ יידיש לעבן אין אַ קליין יידיש שטעטעלע אין פּוילן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. געדיכ־טער שטייגער פלעכט זיך איבער מיט באַגינענדיקע אָבער שוין קענטיקע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף אויף דער יידישער גאַס.

דאָס לעבן, וואָס פליסט איבער די זייטן, איז נאָך נישט קיין דיפע־רענצירטס. די פּורים־שפּילער און די שטרייקער זענען איינע און די זעלבע מענטשן, די גאַרבערייען און די בתי־תפילות זענען אין שכנות, דער עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער קאַמף בילדן איין אָרגאַנישע גאַנצקייט. איינס קומט פון דאָס אַנדערע — פלעכטן זיך דורך. דאָס זענען אָנהייבן פון נייע פאַרהעלטעגישן אויף אַ אַלטן באָדן, פון וועלכן קיינער פון די באַ־טייליקטע האָט זיך דאָך נישט אָפּגעריסן. די קאַמפס־פאָרמען זענען נאָך באַגרענעצט־פּרימיטיווע. דאָס גאַנצע בילד זעט אויס ווייט, גאָר ווייט. מיר האָבן דאָך דורכגעמאַכט א האַלבן יאָרהונדערט פון כסדרדיקע אויפ־טרייסלונגען, פון נישט־רעגלמעסיקער, שפּרינגאַרטיקער אַנטוויקלונג! ס'איז אָבער אַ פול בילד, וואָס זעטיקט אָן דאָס אויג. און דאָס געשעט אַדאַנק דעם, וואָס עס האָט די נאַטירלעכע פאַרב, די אוממיטלבאַרקייט און פריש־קייט פון אַ לעבן, וואָס מען קאָן אָנטאַפּן ווי מיט דער האַנט, וואָס האָט

---

*) וו. י. הזשעראָם — אַ לאַמטערן פאַר ירוחמקען"; יידיש — מ. ראַקאָווסקי פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1961, זייטן 327.

אין זיין אַלטקייט נישט פֿאַרלוירן דעם „זיבעטן חן" — ווייל ס'איז געזען דורך דער נשמה־פּריזמע פֿון אַ קינד; מיטן נייגעריקן אויג פֿון אַ וויסן־גאַרנדיקן חדר־ייִנגל פֿון דעם קליינעם שטעטעלע סטריקאָוו.

ביים לייענען שפּירט מען בפֿירוש אָפּ, אַז דאָס בוך איז געבויט אויף אויטאָביאָגראַפֿישע פֿאַקטן: דער ענגלישער שרייבער זעט זיין קינדהייט — אַ שווערע, אַן אָרעמע, אַ הונגעריקע, אָבער באַהויכט מיט דער פּאָעזיע פֿון אָקאָרשט דערפֿאַרענעם, פֿון די ערשטע אָפּשפּירונגען.

און אין דעם שטעקט דער גאַנצער צויבער פֿון דאָזיקן בוך. דער דערוואַקסענער, דער שרייבער, מישט זיך אין ערגעץ נישט אַריין אין די איבערלעבונגען פֿונעם סטריקאָווער חדר־ייִנגל פֿון דער הייך פֿון זיינע שפּעטערדיקע גרויסע דערפֿאַרונגען. דער קליינער ירוחמקע פֿילט אויס דאָס בוך פֿון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן זייטל, מיר זעענען מיט אים, גאָר מיט אים און אַלץ זעען מיר מיט זיינע אויגן, כאָטש אין דער אונטערשטער שורה איז ער דאָך נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער לירישער העלד פֿון מחבר. דעם מחבר וואָלט מען געקאָנט יאָ און נישט גלייבן, ירוחמקען מוזן מיר גלייבן. ירוחמקע האָט פֿיינט דעם גביר ווייל ער ליידט פֿון אים, ווייל די נאָענטע מענטשן אַרום, וועלכע האָבן אים, ירוחמקען, ליב און וועלכע ער האָט ליב, ליידן פֿון דעם גביר און האָבן אים פֿיינט. אומבאַמערקט זאַפּט ירוחמקע איין אין זיך די געדאַנקען און געפֿילן פֿון די דערוואַקסענע און ווערט אויף אַ קינדעריש־פּאָעטישן אופֿן דער אויסדרוק פֿון דער סביבה.

דערפֿאַר איז פֿאַראַן אין בוך נישט נאָר די פֿרישקייט פֿון די ערשטע אָפּשפּירונגען, נאָר אויך באַהאַרצטקייט, וואַרעמקייט, מיט וועלכע דאָס קינד נעמט אויף די קאָמפּליצירטע וועלט אַרום זיך. די אַלטע וועלט ווערט דערפֿאַר פֿונדאָסניי געבוירן און מיר שפּירן זי נישט ווי אַן אָפּגעלעבטע, מיר זאַפּן איין איר נאַטירלעכן אַראָמאַט — דעם דומפּיקן ריח פֿון די טוכלע שטיבלעך מיט די פֿאַררויכערטע קעראָסין־לעמפּלעך, די זויערקייט, מיט וועלכע ס'זענען דורכגעפּרעסן די בגדים פֿון די גאַרבער, די פֿאַרשיכורנדיקע לופֿט פֿון די סעדער אין זומערדיקער צייטיקייט, די מיט פֿרישע פֿאַלאָווינעס פֿאַרשאָטענע ערדענע דילן ערב שבת. אין קינדערשן האַרץ קריגט אַלץ אַ פּאָעטישן אָפּשיין, די האַרטע פּראָזע פֿון ביטערן לעבן ווערט פּאָעזיע פֿון דערקענטעניש, דער קינדערשער „פֿאַרוואָס?" — אַ קוואַל פֿון אַנטדעקונגען און אַנטפּלעקונגען. דאָס לעבן איז אַ דעספּאָט, עס וואַרפֿט דעם קינד אָן באַגריפֿן, באַציונגען, וועל־

כע עס וויל נישט אַננעמען. די קליינע אילזע, די דייטשקע, די פּאַסטושקע, וועלכער ער דערציילט די מעשיות פון חומש און מיט וועמען אים איז אַזוי גוט, וועלכע ער האַלט פאַר זיין „כלה“ און וויל פאַר איר זאָרגן אַ גאַנץ לעבן — אָט די קליינע אילזע איז אַ פרעמדע? זי איז דאָך אים אַזוי נאָענט — ווי קאָן זי אויך זיין אַ פרעמדע? און יאַנעק, דער פּיילישער אַרבעטער יאַנעק, וועלכער טרעט אַריין אין דער יידישער זעלבשוץ און קומט אום אין אַ פּאָגראָם — איז ער דען אַ פרעמדער? און אין דעם אייגענעם אַרום — צווייטע וועלטן: אָט איז די פּאַרזאָרגערין, די קלאָגע־רין אין דער ווייבערשער שול און אָט איז איר בונטאַרישע טאָכטער פרי־מעט, וועלכע דער קליינער ירוחמקע פאַרגעטערט, ווייל זי איז גוט צו אים. אַלע וואָס זענען גוט צו אים האָט ער ליב. ווייל דורך דער ליבע צו אים זעט ער די וועלט. דאָס קינד ווייסט דאָך איין קריטעריע — ווער ס'איז גוט צו אים און ווער ס'איז שלעכט צו אים. די פּשוטע אָרעמע האָרע־פּאַשנע מענטשן, צווישן וועלכע ער לעבט, זענען גוט צו אים. און הגם דעם קליינעם ירוחמקען דערוואַרט אַ לעבן אין לאָנדאָן, ווו ס'געפינען זיך זיינע עלטערן — עמיגראַנטן, איז אים צומטייערסטן דאָס שטעטעלע מיט די האַרציקע פּראָסטע מענטשן, פון וועלכע ס'פליצט אויף אים אַזויפיל האַרציקייט און ליבע.

אַלץ וואָס דזשעראָם דערציילט אין זיין בוך איז פאַר אַ מענטשן פון מיין דור אַלט און באַקאַנט ביזן לעצטן שטריכעלע, און דאָך לייענען מיר אים מיט גרויס נחת־רוח, וואָרום אין דעם פאַל זענען מיר אינגאַנצן ק ו נ ס ט ־ג ע נ י ס ע ר. מיר האָבן פאַרגעניגן נישט פון דעם סיפור־המעשה, נישט פון דעם, וואָס ער דערציילט, נאָר טאַקע דורכאויס פון דעם, ווי ער דערציילט און מיר לאָזן זיך פירן דורך אים, ווי באַגלייט ווערנדיק דורך אַ באַקאַנטן ליבן ניגון אויף אַ באַקאַנטן שליאַך, דורך וועלכן מיר גייען מיט פאַרליבטע און פאַרבענקטע בליקן. אָט אַזוי זענען די מענטשן געווען. אַזוי האָבן אויסגעזען אונדזערע עלטערן, באָבעס און זיידעס. קיין זאַך האָבן זיי נישט פאַרמאָגט, חוץ גרויסע ערלעכקייט און אמתע ליבע. אַ סך, אַ סך מענטשלעכקייט און ליבע.

וו. י. דזשעראָם איז אַ קינסטלער מיט אַ שאַרף אויג. זיין סטיל ווייסט דעם סוד פון צמצום, זיין פּראָזע איז בינדיק־קורץ, זיין בילד — רעליעף און פינקטלעך, דער דיאַלאָג כאַראַקטעריסטיש און נישט באַלאָדן מיט איבעריקע וויניעטקעס.

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס בוך:

„די מומע זיצט אויפן קופער ביים אויוון. זי האַלט אַ געשאָכטענע גאַנדז צווישן אירע קני, פליקט די פעדערן פון דער ברוסט. איך זיין איוף אַ פוס=בענקל ביי אירע פיס און שניץ א פעדער פאַר א פען. דער קנויט אויפן טיש=לאָמפּ ברענט קרום און קאָפּטשעט. איין באַק פון גלאָז איז שוואַרץ פון סאַדזשע, ווי דאָס פּנים פון אַ פּורים=שפּילער. דאָס לאָמפּליכט וואַרפט אַ לאַנגן, באַוועגלעכן שאָטן איבערן וואַנט=זייגער. דער שאָטן יאָגט זיך נאָכן קליינעם גאָלדענעם טעלערל, וואָס וויגט זיך הין און צוריק. דאָס קליין גאָלדן טעלערל אַנטלויפט פון שאָטן און זיין טיק=טאַק איז פול מיט אימה“.

אין דעם זעלבן סטיל איז אָנגעשריבן דאָס גאַנצע בוך: געפּרעסט, קלאָר, בילדעריש און שטימונגספול.

אין דער סביבה פון פּראָסטע פאָלקס=מענטשן ווערט דאָס קינד נישט אָפּגעטיילט פון די דערוואקסענע ווי דורך אַ וואַנט, ווי דאָס טרעפט אין „גוטע“ הײמען. דאָ רעדט מען וועגן אַלץ אין דער אָנוועזנהייט פון קליינעם, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס ער דאַרף יאָ אָדער נישט הערן. באַקענט זיך טאַקע דאָס אָרעמע קינד גיכער מיטן לעבן, שליסט זיך איין אין אים און ווערט אַ מיטבאַטייליקטער. ער גייט גיך אַרויס פונעם אייגענעם קרייז פון קינדערישע חלומות. דאָס לעבן זאָגט אים: טאַפּ מיך אָן, דערקען מיך! און דאָס קינד ווערט ווי אַ שוואָם, וואָס זאַפּט איין מיט דורשט די ווירקלעכקייט. ירוחמקע קומט צום ערשטן מאָל אין דער גאַרבעריי און זעט ווי זיין פעטער טאַנצט אין אַ גרויסער פאָס. ער טאַנצט!

— „פעטער צי האָט איר און דער געזונטער לייביש געטאַנצט אין די דאָזיקע קאַדקעס?

דער פעטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— גיין, נאַריש קינד, טאַנצן! וואָס איז מיט אונדז די שמחה, מיר זאָלן טאַנצן... מיר טרעטן די פעלן, כדי זיי ווייכער מאַכן צום גאַרבן...

ער האָט נישט געטאַנצט...“

ער האָט נישט געטאַנצט — שטעלט דער קליינער פעסט און ער וועט שוין עס וויסן אַ גאַנץ לעבן.

און ווען מרדכי=לייב, דער באַלעבאָס פון זיין פעטער וואָלפקע, ביי וועמען ער, ירוחמקע, לעבט ווי אַן אייגן קינד, זאָגט:

— ווען גאָט וואָלט געוואָלט דיך מזכה זיין מיט קינדער, צי דען וואָלט ער זיי דיר נישט געגעבן? און קענן גאָטס ווילן האָסטו זיך אַליין

געגומען אַ זון, וואָס וועט אם ירצה השם נישט זיין דיין קדיש און שלעפּסט אויף זיך אַרויף אומזיסטע דאגות.

— „ד אָ ס ב י ן א י ך, ד אָ ס מ יי נ ט מ י ך ע ר“ — שטעלט דאָן פּעסט ירוחמקע און ווייסט אין וועמען ער האָט א שונא.

און אַזוי שטעלט אים דאָס לעבן אַלץ נייע און נייע פראַגן און ער מוז אויף זיי אַליין געבן די ענטפערס.

ווי קומט עס וואָס צוקער, דער הונט פון אילזען, פאַרשטייט דייטש?

„דער פעטער און די מומע רעדן צו בורעקן (צום אייגענעם הונט אין סאָד — ש. ב.) פּויליש. ווען אילזע רעדט געפעלט מיר דייטש. פונ־וואַנען נעמט זיך עס, וואָס די גויים רעדן עפּעס אַן אַנדער מין יידיש?“

און אַז ס'ווערט דערמאָנט דער בלויקער זונטיק, פרעגט ירוחמקע:

— „וואָס איז אַזוינס דער בלויקער זונטיק?“

עולם קוקט מיך אָן. איינער זאָגט:

— צו וואָס זאָל אַ קינד אויסהערן אַזוינע געשפרעכן?“

אָבער פיניע כלבוניק וויל דווקא ער זאָל ויסן וועמען ליב האָבן און וועמען פיינט האָבן, דערציילט ער אים דווקא וועגן דעם בלויקן זונטיק, וואָס דער צאַר האָט איינגעאָרדנט די רוסישע אַרבעטער.

צוגלייך מיטן חומש, מיט אַ בלאַט גמרא, לערנט זיך דער קליינער, אַז אַ זון פון א תקיף איז אויך אין הדר אַ תקיף, און ער, דאָס אָרעמע ייִנגל, האָט צוליב אים אויסצושטיין רדיפות פון רבין, ווייל דער רבי איז צו דעם געצוווּנגען, ווייל דער רובל פון תקיף איז ווי כ ט י ק ע ר ווי דער רובל פון אָרעמאַן. אינטערנאַציאָנאַליזם לערנט אים אויך דאָס לעבן, ווייל קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס טרעט אַרויס דער פּוילישער אַרבעטער יאַנעק. דאָס פאַרגעשרימענע קעמפט מיט דאָס אַלט־שטייגערישע און צווינגט דעם ייִנגל דורכצומאַכן אַ קפיצת־הדרכדיקע אַנטוויקלונג.

אַ גרויסע גאַלעריע פּאָלקס־מענטשן ווערן געשילדערט אין בוך מיט גרוים וואַרעמקייט. אָבער זיי ווערן נישט צוגעפּוצט. צו די רעאַליסטישע צייכענונגען קומט צו דער קינדערישער לירזם און דער קינדערישער אינ־טעלעקטואַליזם. און כאָטש ס'איז אַ שווער און אָרעם לעבן. איז עס אַ שיין לעבן. וואָרום מיר האָבן פאַר זיך האָרעפּאַשניקעס, אויף וועמענס ערלעכקייט און בענקעניש נאָך אַ לייכטער, אַ ליכטיקער, מער יושרדיק לעבן ליגט אויסגעגאָסן אַזאַ שטילע מענטשלעכע גוטסקייט, די נאָבעלע שיין פון מאָרגנדיקן בעסערן טאָג.

וו. י. דזשעראָם האָט פריש אָפגעהיט אין זכרון און נשמה די פּאָע־זיע פון זיין אָרעמער קינדהייט און אונדז דערציילט וועגן דעם מיט דער קלאָרקייט און פרישקייט, ווי נעכטן וואָלט עס אַלץ פּאַסירט. אין דעם דאָזיקן בוך, ווו ער קערט זיך אום צו די וואָרצלען פון זיין לעבן, גיט ער זיך אַליין אָפּ אַ דין וחשבון אויף וועלכן באָדן ס'איז אויסגעוואַקסן זיין הומאַניזם, פונוואַנען קומען די אָנהייבן פון זיין פּראָגרעסיוון קוק אויפן לעבן, די ליבע צום האָרעפּאַשנעם פאָלקס־מענטש, וועמענס גוטסקייט און נשמה־שיינקייט ער טראָגט אין זיין האַרצן עד היום.

עמנואל רינגעלבלומס „כתבים פון געטאָ“

ס׳איז באַקאַנט, אַז דער באַוווּסטער יידישער היסטאָריקער פּראָפ. שמעון דובנאָוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין ריגער געטאָ, פלעגט עצהן קינד און קייט: פאַרשרייבט, פאַרשרייבט, פ אַ ר ש ר יי ב ט אַ ל ץ. ער, דער היסטאָריקער, האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט זיין פאָלק דעם סאַמע שווערסטן קאַפּיטל יידישע געשיכטע. ער האָט נאָטירט און פאַרשריבן, אָבער פון זיינע נאָטיצן איז, צום אומגליק, גאָרנישט געראַטעוועט געוואָרן און מען ווייסט אַפילו נישט וווּ צו זוכן.

דער יונגער יידישער היסטאָריקער, עמנואל רינגעלבלום, וועלכער איז איבערגעבליבן מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע, כאָטש ער האָט געהאַט פיל מעגלעכקייטן אַוועקצוגיין פון אונטער דער פאַרניכטנדיקער האַנט פון אָקופּאַנט, האָט נישט נאָר אַליין כסדר פאַרשריבן, נאָר ער האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצן אונטערערדישן אַרכיוו מיט פיל באַגייסטערטע פאַר דער דאָזיקער זאַך מיטאַרבעטער. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס דינט אַלס עיקרדיקער קוואַל צו פאָרשן די געשיכטע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע און פוילן אונטער דער בלוטיקער האַק פון אירע פאַרטיליקער.

שוין דערמיט אַליין האָט ער אויף אייביק פאַרשריבן זיין נאָמען אין דער יידישער געשיכטע. דערווייסט מען זיך וועגן זיין אַרבעט אין וואַרשע אין דער צייט פון דער מלחמה און לייענט מען זיינע בחפזונדיקע, אָפט טעלעגראַמען־אַרטיקע, אויף דער הייסער מינוט, ממש אויף דער קני פאַרשריבענע נאָטיצן, שטייט פאַר אונדזער דמיון אויף נישט נאָר אַ ליידנשאַפטלעכער היסטאָריקער, נייערט אויך אַ מענטש פון השיבות און וואָג — אַ ג ר ו י ס ע פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט.

ביזן ערשטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער פאַרגאַנגענהייט — מיט דער געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, פון יידן אין פוילן. ער איז געווען בלויז אַ היסטאָריקער. אָבער אָט

זענען אָנגעקומען גורלדיקע טעג און ער איז געוואָרן: אַליין דער עד-ראיה, אַליין דער טוער, אַליין דער אַרכיוואַר, אַליין דער קרבן און אַליין דער היסטאָריקער פון דער קעגנוואַרט. וויפל זענען דען פאַראַן אַזוינע ביישפילן אין דער געשיכטע? ווי נישט ענלעך איז עס אויפן גורל פון יענע היסטאָריקער, וואָס האָבן פאַרשריבן דעם לויף פון דער צייט, זייענדיק אין דינסט פון פירשטן און מלכים, וועלכע האָבן דורך זיי געדאַרפט פאַראייביקט ווערן.

געשיכטע שרייבט מען געוויינלעך זייענדיק אַליין פון אויסן. שרייבן געשיכטע פון אינעווייניק, זייענדיק דערצו אַ געפאַנגענער און פאַרפאָלגטער — איז עס מעגלעך? דער היסטאָריקער קלייבט אויס פון גרויסן אַרכיוואַלן מאַטעריאַל זיין טעמע און באַאַרבעט באַשטימטע פראָבלעמען. פאַראַלגעמיינערונגען, קאָנצעפציעס שאַפט מען ביי אָפגעשלאָסענע ציקלען. דער געלערנטער דאַרף האָבן די היסטאָרישע רעטראָספעקטיוו, וואָרום נאָר דאַן ווערן קלאָר די גרונטיקע טענדענצן אין דעם געשיכטלעכן שטראָם. רינגעלבלום האָט געהאַט פאַר זיך נאָר דעם טאָג, די לעבעדיקע, זיך פאַרענדערלעכע צייט, מיט אַלע אירע פראָבלעמען — ניי אויפגעקומענע און זיך נישט איבערהזרנדיקע. זיין אויפגאַבע איז געווען פיקסירן דאָס מאָמענטאַלע, פאַרגענגלעכע, דאָס טאָג-טעגלעך זיך ביטנדיקע. אָנמערקן גרונט-ליניעס און ריכטליניעס, דורכפירן א ווויסנשאפטלעכן אַנאַליז, באַקענען זיך מיט די מקורות פון אויסן — דאָס אַלץ האָט ער געמוזט אָפלייגן אויף שפּעטער, לאחר המעשה. זיין טראַגישער אומקום, זיין טויט אין פּאַוויאַק, האָט געבראַכט אַ גרויסן פאַרלוסט פאַר דער יידישער געשיכטע.

ס׳ליגט פאַר אונדז דער ערשטער באַנד פון רינגעלבלומס „כתבים פון געטאָ“. מיר האָבן תחילת די כוונה — נאָר אים איבערצובלעטערן. נאָר בלעטערן איז אוממעגלעך. שוין פון די ערשטע שורות *פליצט* אויף אונדז אַ מבול. שוין ביי די ערשטע זייטלעך טונקען מיר זיך אָפּ אין אַ קעסל-גרוב און ווערן מיטגעשלעפט אין תהום אַריין.

ניין, עס איז נישט געשיכטע. ס׳איז *וויניקער* פון געשיכטע און ס׳איז *מער* פון געשיכטע. *וויניקער*, ווייל געשיכטע האָט צו טאָן מיט דורכקאָנטראָלירטע, *באַזייניקטע פאַקטן*; *מער*, ווייל קיין שום היסטאָריקער איז אונדז נישט מסוגל צו געבן דעם לעבעדיקן טאָג-טעגלעכן שטראָם, די פרישקייט פון די ערשטע רעאַקציעס אויף נייע דערשיינונגען און פאקטן, אויף דעם וואָס דער טאָג ברענגט —

ווי דאָס גיט רינגעלבלום. ס'איז אַ קאַליידאָסקאָפּ, אין וועלכן עס טראָגט זיך נישט די געשיכטלעכע *געאָרדנטקייט*, נאָר די לעבעדיקע *אומאָרדענונג*, דער רוישיקער *אומרואיקער מישמאַש פון דער צייט אין ווערן*, אין האַסטיקן געלויף, עס האָט די איבערראַשונג פון דער אומדערוואַרטקייט, די פרישקייט פון עמפּינדונגען, און כאָטש צומווייניקסטן איז עס בעלעטריסטיק, האָט עס איר גרונטשטריך — דעם לעבעדיקן אָטעם, דעם פּולס. ס'איז נישט קיין דאָקומענט *וועגן* דער צייט, נאָר אַ דאָקומענט *פון* דער צייט. און דאָס איז אַ גרויסע נפקא=מינה.

דער ווערט פון דר. רינגעלבלומס טאָג=נאָטיצן איז אַ טאָפּלטער. פון איין זייט קאָנען זיי דינען אַלס רוימאַטעריאַל פאַר איינדרינגלעכע היסטאָריקער, וואָס דאַרפן זיך געבן די גרויסע מי, גייענדיק אויף די שפּורן פון די דאָזיקע נאָטיצן, אויפצושטעלן געאָרדנט און באַזיניקט די קייט פון די געשעענישן — אָפּרייניקנדיק פון אָנגעטראָגענעם, צופעליקן, נישט כאַראַקטעריסטישן און אומוויכטיקן. אַזאַ אַרבעט, ווען זי זאָל דורכגעפירט ווערן מיטן גאַנצן פליים און ווּיסנשאַפטלעכן ערנסט, וואָלט געווען באמת אַ קאַפּיטאַל ווערק, וואָס זיין באַדייט וואָלט געווען ממש נישט אָפּצושאַצן. פון דער אַנדער זייט — דער זעלבשטענדיקער ווערט פון די דאָזיקע כתבים אַדאַנק זייער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. כאָטש דאָס זענען אומגעאָרדנטע און מערסטנטייל בחפּזונדיקע, טרוקענע נאָטיצן, שטעקט אין זיי דאָס לעבן פון דער צייט אין דער גאַנצער פאַרפלאָנטערטקייט און ווירקלעכער אַלזייטיקייט, די מעלות און חסרונות פון אַן עד ראיה, צוגלייך מיטן אויג פון אַ געווויסנהאַפטן באַאָבאַכטער, וועלכער האָט קיין זאַך נישט דורכגעלאָזט און פאַרמאָגט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פאַראינטערעסירונגען: סאָציאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע, פאָלקלאָריסטישע, עטישע, פּאָליטישע א. אַנד. און ווי גרויס ס'איז נישט דער ווערט פון די דאָזיקע נאָטיצן כאָטש פון שטאַנדפּונקט וואָס דאָס זענען פאַרצייכענונגען פון פאַקטן אויף דער הייסער מינוט, איז דער פּאָטענציעלער ווערט וואָס ליגט אין די דאָזיקע נאָטיצן אומפאַרגלייכלעך נאָך גרעסער. שוין אַ טיפע אָפּשאַצונג פון די דאָזיקע נאָטיצן און די ערשטע אַנאַליזן זייערע, וואָלטן געקאָנט ברענגען צו זייער פרוכטבאַרע און וואָגיקע רעזולטאַטן. און לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זיך סוף כל סוף געפינען אַזאַ איינער, וואָס וועט עס מאַכן נאָך אַ גרינטלעכן שטודיום. וואָרום אויב פאַרן אײנפאַכן לייענער איז עס נאָר פאַרכאַפּנדיקער לייען=שטאָף, וואָס פירט אים אַריין אין די לאַבירינטן

פונעם מוראדיקסטן היסטאָרישן קאַפּיטל, קאָן עס פּאַר ספּעציאַליסטן, געלערנטע זיין אַן אומגעהויערער באָדן פּאַר אָריגינעלע אַנאַליטישע און סינטעטישע שטודיעס און פאָרשונגען.

אַזוי, דוכט זיך, דאַרף מען צוגיין צו רינגעלבלומס נאָטיצן. יעדער זאַץ איז דאָ אַ פּאַקט, אַ געשעעניש, אַ פּאַסירונג, אַ באַאָבאַכטונג, אַ קלאַנג, אַ ווערטל. דער עיקר איז אים געגאַנגען אין פאַרגרייטן און לכתחילה האָט ער זיך זיכער נישט פאָרגעשטעלט אַפילו, אַז זיי קאָנען אַמאָל געדרוקט ווערן. וואָלט ער נישט פאַרצייכנט באַלד, וואָלט יעדער ווייטערדיקער טאָג אויסגעמעקט דעם פריערדיקן, דער זכרון וואָלט זיי נישט געקאָנט פאַרהאַלטן. ער האָט פאַרגרייט פ אַ ר ז י ך, כדי זיך שפּעטער אומצוקערן צו דעם. דאָס זעט מען לויטן סטיל. פאַראַן זאַצן, באַצייכענונגען, וואָס ער אַליין וואָלט זיי נאָר געקאָנט פאַרשטיין. לכתחילה איז ער אויך זייער פאָרזיכטיק, היט זיך פאַר אַן איבעריק וואָרט. שפּעטער, און וואָס ווייטער אַלץ מער, פאַרשווינדט די גרויסע פאָרזיכטיקייט, ער ווערט מער פּרטימדיקער, דער זאַץ — קלאָרער, ווי ער וואָלט גענומען אָפּפילן, אַז מיט די זייטלעך זיינע קאָן אויסקומען צו באַנוצן זיך אַנדערע. אויף דער גאַנצער לענג פון דעם פעריאָד, וואָס עס פאַרנעמט דער ערשטער באַנד, האַלט ער זיך ביים גרונט=פּרינציפּ — קודם כל צו נאָטירן דעם פּאַקט, אָבער גלייכצייטיק, אין אַ געווויסער מאָס געבן אויך זיין פערזענלעכע באַציונג צום אים. זיין וויסנשאַפטלעכע געוויסנהאַפטיקייט זאָגט אים אונטער אונטערצושטרייכן, ווי עס קומט צו אים די ידיעה: „ג ע ה ע ר ט פון מענטשן געקומענע פון קריגס=געפאַנגענע = לאַגערן וועגן אַן איבערברוך“... „געהערט פון אַ פּערזאָן“, „מען זאָגט“, „געהערט אַז דער רעקטאָר פון קראָקעווער אוניווערסיטעט האָט געוויזן די טיר סטודניצקין, וועלכער איז געקומען צו אים וועגן גרינדן אַ פּוילישע רעגירונג“, אָבער: „די קהילה האָט שוין באַקומען איבער צוויי הונדערט טויזנט אויסקויפגעלט“, — דאַן איז עס אַ פּאַקט, דאָס וויס ער. אין אַן אַנדער אָרט קאָן ער זאָגן: „פאַרשפּרייט אַ קאַטשקע“, ד. ה. ער האָט נישט קיין אמונה אין דעם געזאָגטן, אָבער זיין חוב איז אַלץ צו פאַרצייכענען.

„אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה וועגן וואָפנשטילשטאַנד“... „מען דערציילט, אַז סקלאַדקאָווסקי איז געקומען קיין א״י און דאָרט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט גרינבוימען. יענער האָט אים אויפגענומען: „אָוושעם“.

אין יעדן פאַל באַמיט ער זיך, אַז זיין באַציונג זאָל נישט פאַרטושן די אָביעקטיווקייט — פאַרצייכנט ער סיי דאָס גוטע, סיי דאָס שלעכטע,

ליכט ווי שאָטן. אָט פאַרשרייבט ער וועגן אָנפאַלן פון פּוילישע כוליגאַנעם אויף יידן און מערקט אָפּ: „צווישן די רויבער זענען געווען שילער, גוט געקליידעטע קריסטן“, אָבער באַלד פאַרצייכנט ער אַ טשעקאַוון איינצלפאַל: „בעיר פּאַלעניץ הראש של עיר געזען אַ ייִנגל פאַרקויפן פּאַפּיראָסן, געשטעלט זיך פאַרקויפן, קיינעם נישט געגעבן קיין רעשט און די גאַנצע סומע איבערגעגעבן דעם ייִנגל“. אָדער בשעת עקסצעסן: „אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי און אויסגעשריגן: „איר ווייסט וועמענס ווערקצייג איר זענט?“ ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט אָפּצומערקן אַ פאַקט, אַ ווערטל, וואָס ווייזט דעם יידישן אָפּטימיזם. „דער איש הגדול באַשטעלט ביי אַ שניידער אַן אָנצוג. איינער האָט געזאָגט: פון דעם שטאָף קאָן מען האָבן בלויז א מאַרינאַרקע, דער צווייטער — אַ גאַנצן אָנצוג, דער ייד — דריי אָנצוגער“. און אַ דערקלערונג: ביי זיי איז ער גרויס, ביי אונדז איז ער קליין.

און אַזוי טאָג נאָך טאָג ווערט ארייגעשטופּט אין די ענגע זאַצן אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט, אַלץ וואָס ער האָט געהערט און, אויך בהפזון — וואָס ער האָט צו דעם צוצוגעבן, און עס וויקלט זיך פאַנאַנדער די מגילה פון צרות, פון הונגער, פון קלעפּ, פון געמיינקייט, געפאַלנקייט פון זיטן, פאַרטרעטן פון מענטשן. און ס'איז אָפט צו באַוווּנדערן, וואָס פאַר א גרויסן אונטערטעקסט עס קאָן טראָגן אַ קורצע טרוקענע פראַזע.

איין־און־איינציק איז דער אויפטו פון רינגעלבלומען אין זיינע נאָטיצן. מיר איז אויסגעקומען צו לייענען נישט ווייניק טאָג־ביכער פון געטאָ, זכרונות, באַשרייבונגען, אַפילו מיט בלייפעדער פאַרשריבענע נאָטיצן. נאָר ביי קיינעם קאָן מען נישט טרעפן נישט נאָר אַזאַ שלל פון אינפאָרמאַציעס, נאָר אויך אַזאַ פּינקטלעכקייט און געווויסנהאַפטיקייט. נישט נאָר פיל טויזנטער פאַקטן ברענגט ער, נאָר אויך הונדערטער פראָבלעמען פון גרויסן באַדייט ווערן אָפּגעמערקט. ווען מען וואָלט נאָר געמאַכט סיסטעמאַטישע אויסצוגן איבער באַשטימטע פראַגן, וואָס ווערן באַריהרט אין זיינע נאָטיצן, וואָלטן מיר באַקומען אויספירלעכע באַריכטן, פראָבלעמען אין זייער דינאַמישער אנטוויקלונג.

שוין די נאָטיצן רינגעלבלומס פאַר זיך זענען אַ גרויסער אומאויסשעפּנדיקער אַרכיוו, איבער וועלכן מען דאַרף אַזוי אַרבעטן, ווי איבער אַן אַרכיוו. דאָס איז אַן אַרכיוו, וואָס ווערט אונטערגעטראָגן נישט נאָר דעם ספּעציאַליסט, דעם היסטאָריקער, נאָר אויך דעם מאַסן־לייענער, וועמען ער וועט פאַרכאַפּן מיט זיין מאַטעריאַל.

אַ יידיש בוך וועגן טשאַפּלינען

אַ גרויסער קינסטלער איז ווי אַ ים, וואָס מען קאָן נישט אויסשעפּן. יאָרהונדערטער שרייבט מען וועגן שעקספּירן. אין פיל לענדער עקזיסטירן שוין זייער לאַנג ספּעציעלע שעקספּיר־געזעלשאַפטן. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז וועגן אים אָנגעשריבן געוואָרן און דאָך איז די טעמע נישט אויסגעשעפּט געוואָרן, די רעטעניש שעקספּיר נישט געלייזט געוואָרן.

ביכער וועגן גרויסער קונסט זענען ציגל צו אַ געביידע, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרענדיקט ווערן.

*   *

*

טשאַרלי טשאַפּלין איז דער גרעסטער אַקטיאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פיל יאָרצענדליקער גאַכאַנאַנד (זינט 1914) שטורעמט ער די הערצער פון וועלט־פּובליקום.

פאַר דער צייט האָט די פילם־קונסט דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג: פון שטום איז זי געוואָרן רעדעוודיק, פון שוואַרץ־ווייס — קאָלירפול, פון פלאַך — טיף. געמען האָבן אויפגעבליצט, געקלונגען ווי אַלע גלעקער פון אַלע קלויסטערס אין דער וועלט צוזאַמענגענומען און... אָפּגעקלונגען; פּנימער, וואָס מיליאָנען האָבן געקענט, זענען פאַרשוווּנדן; ס'האָבן זיך געביטן „סטאַרן" און „ליבלינגס". שיינהייטס־געטינס זענען פון עקראַן אראָפּגעשטויסן געוואָרן דורך נייע שיינהייטן. טענער — „קראַסאַוויצעס" — אָפּגעטער פון דער ווייבער־וועלט — זענען פאַרגעסן געוואָרן באַלד ווי זיי האָבן זיך געעלטערט; אַפילו גרויסע דראַמאַטישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן „געטרייסלט" סצענעס — אויך זיי האָט צוגעדעקט דאָס שוואַרצע טוך פון פאַרגעסנקייט.

די צייט האָט נישט געשווינט קיינעם. נאָר איינעם האָט זי נישט גע־קאָנט איינברעכן, באַזייטיקן, מנצח זיין. פאַרקערט — ע ר האָט ז י מנצח געווען. דער איינער איז טשאַרלי טשאַפּלין.

* *
*

ס'איז אַ סוד פון דער נאַטור. איינעם קלויבט זי זיך אויס פון מיליאָ־נען און באַשענקט אים מיט טאַלאַנטן, וואָס וואָלטן געסטייעט פאַר צען. די פילם־קונסט איז אַ קאָנגלאָמעראַט פון קונסטן. זי איז תמיד אַ פּראָ־דוקט פון די שעפערישע אָנשטרענגונגען פון פיל, פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו.

טשאַפּלין האָט באַוויזן צו זיין אַלץ צוזאַמען אין איין פּערזאָן: דער שרייבער און סצענאַריסט, דער רעזשיסער, דער אַקטיאָר, דער קאָמפּאָזי־טאָר, דער באַלעטמייסטער, אַפילו דער דעקאָראַטאָר. ער איז אַליין — דער קאָלעקטיוו.

געלט ווערט נישט קאַליע, געלט אָבער מאַכט קאַליע.

טשאַפּלין איז אַ פילם־פּראָדוצענט, אַ קינעמאַטאָגראַף־מאַגנאַט. אַ מיליאָנער. ער איז דער פאַבריקאַנט, אָבער גלייכצייטיק אַן אַרבעטער. דער אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער. ער צאָלט זיך אַליין אויס האָנאָ־ראַרן פאַר אַלע זיינע טאַלאַנטן. ער האָט געצאָלט קאָלאָסאַלע שטייערן פון הכנסה און געווען אַ מיטגליד פון אַ „יוניאָן", נאָכמער — אַן ערן־מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

געלט פאַרפעסט דאָס האַרץ, מאַכט גראָב און גלייכגילטיק. טשאַפּ־לין איז נישט פאַרפעסט געוואָרן. דאָס גאָלד האָט אים נישט געמאַכט גלייכגילטיק צו די מיטמענטשן, צו זיין צייט, צו די פּראָבלעמען פון זיין עפּאָכע. דאָס געלט האָט אים בלויז געמאַכט א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ק, דערלויבט נישט אַריינצופאַלן אין „קאַבאַלע" צו האָליוווד, געגעבן מיט־לען אין קאַמף קעגן די „טראַדיציעס" פון האָליוווד, האָט אים באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו דינען דעם עגל הזהב, געגעבן מעגלעכקייטן צו שטעלן זיך אין קאַמף קעגן אים, אין שוץ פון „קליינעם מענטשעלע", פון פּראָסטן בשר־ודם, וואָס פאָדערט גערעכטיקייט, עלעמענטאַרע מענטש־לעכע עקזיסטענץ.

אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג איז טשאַרלי טשאַפּלין.

זיין פילזייטיקייט האָט אים דערמעגלעכט צו שאַפן זיין דורך יאָר־צענדליקער וואַנדערנדיקן טשאַרלי, דעם איינאונאיינציקן טיפּ מיט די צעדרייטע שיך, האַרטן ענגן קאַפּעלושל און שטעקל אין האַנט, וואָס וועט בלייבן אויף אַלע צייטן. איין טיפּ — איין גורל. און דאָך — וויפל צענדליקער קינאָ־קאָמעדיעס טשאַפּלין האָט נישט געשאַפן פאַרן אומגליקלעכן טשאַרלין, איז דער לעצטער דאָך נישט נמאס און דערעסן געוואָרן, נאָר אַלעמאָל דורך קאסקאַדן פון געלעכטער אַרויסגערופן טרערן פון מיטגעפיל. אַ גרויסער הומאָריסט, אַ גרויסער קאָמיקער צווינגט דורך פּאַראָקסיזם פון געלעכטער צום ערנסטן ישוב־הדעת, צו חשבון־הנפש, וואָרום גרויסע קונסט איז אַלעמאָל חשבון הנפש.

ווער איז טראַגישער פון קאָמישן טשאַרלי, און ווער איז קאָמישער פון טראגישן טשאַרלי? אין טויזנטער סיטואַציעס ווערט ער געשלאָגן, צענדליקער מאָל רינען אויס זיינע האָפענונגען אין אַ רגע ארום ווי זיי קומען אויף, אָבער תמיד הייבט ער אָן פון אָנהייב, אַלעמאָל פון אָנהייב און דער רעזולטאַט דער זעלבער — אַ טרויעריקער.

טשאַפּלין האָט געשאַפן א נייע גרויסע „מענטשלעכע קאָמעדיע“ — די געשיכטע און די ליידן פון דער געזעלשאַפט אין דער עפּאָכע פונעם פאַנאַנדערגעוויקלטן קאַפּיטאַליזם.

*   *
*

די גרויסע אָפּהאַנדלונגען וועגן טשאַפּלינען וועלן נאָך קומען. די קומענדיקע צייט וועט זיך אָן זיי נישט באַגיין. דערווייל האָבן זיך אָבער שוין אָנגעקליבן נישט ווייניק ביכער וועגן קעניג פון די קאָמיקער. אין יידיש איז נאָך ביז היינט קיין איין בוך וועגן אים נישט געווען. איצט איז אַזאַ בוך פאַראַן. דאָס איז „די וועלט פון טשאַרלי טשאַפּלין“ פון דוד מאַטיס (איקוף־פאַרלאַג ניו־יאָרק, 1959).

נישט דער אַנאַליז און נישט די סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונגען געהערן צו די שטאַרקסטע זייטן פון מאַטיסעס בוך. אין דעם פּרט וואָלט מען זיך געקאָנט ווינטשן מער. פּרעציזער און פּלאַסטישער האָבן געמעגט זיין די שילדערונגען. אויך די קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור קאָן נישט אַרויסרופן קיין באַגייסטערונג. נאָר נאָך וואָס רעדן וועגן דעם וואָס

ס׳פעלט, בעסער זיך אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס אין בוך איז פאַראַן, בפרט, אַז פאַראַן איז זייער פיל.

וואָס גרעסער דער קינסטלער — אַלץ שווערער וועגן אים צו שרייבן, אָבער אַלץ מער ווילט זיך וועגן אים וויסן. דוד מאַטיס שטילט אין אַ גרויסער מאָס אונדזער דורשט צו וויסן, וואָרום ער ברענגט א שלל פאַקטישן מאַטעריאַל וועגן טשאַפּלינען. שוין דאָס אַליין פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון לייענער. דאָך קאָנען מיר נישט איינהאַלטן דעם חשק צו ראַטן דעם מחבר זיך נעענטער צו האַלטן ביים ביאָגראַפיש־כראָנאָלאָגישן סדר, ווען אים וועט אויסקומען צוצוגרייטן א צווייטע אויפלאַגע פון בוך (אַ בוך וועגן טשאַפּלינען מעג אויסהאַלטן אין יידיש צוויי אויפלאַגעס). מיר זענען איבערצייגט, אַז דאָס ווערק וואָלט אומגעהויער אויסגעשפּילט, כּאָטשבי צוליב דעם אַליין, וואָס עס וואָלט אויסגעמיטן געוואָרן איבעריקע און באַלעסטיקנדיקע איבערחזרונגען, וואָס זענען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער פעלערהאַפטער קאָמפּאָזיציאָנעלער סטרוקטור. כּדי צו געבן אַ פאַנאַנדערגעוויקלט בילד פונעם וווּקס און דער אַנטוויקלונג פון אַ גרויסן מייסטער איז באַקוועמער אַ בהדרגהדיקע שילדערונג. אַ באַרג דאַרף מען דורכגיין פּאַוואָליע אָנהייבנדיק פון דעם צופוסנס ביזן שפּיץ, דורכמאַכנדיק סיסטעמאַטיש אַלע געשלענגלטע גענג און פּעטליעס.

דוד מאַטיס האָט, משמעות, פלייסיק און לאַנג געאַרבעט איבער זיין בוך, געקליבן מאַטעריאַלן, געלייענט אַלץ וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אים. וואָלט ער אַלע פּראָבלעמען און מאָמענטן, וועלכע ער האָט באַרירט, איינגעפלאָכטן אין אַ פליסיק ביאָגראַפיש־אַרטיקער דערציילונג, וואָלט זיין אַרבעט געווען פולבלוטיקער און אינטערעסאַנטער. מאַטיס האָט אָבער דאָס גרויסע לעבן פון קינסטלער פאַנאַנדערגעהאַקט אויף טעמעס, האָט ער דערמיט צעבראָכן דעם דערציילערישן רוקנביין.

* *

*

נאָך די קריטישע באַמערקונגען און באַוואָרענישן, מעגן אונדז דערלויבט זיין די שבחים אויפן אַדרעס פון מחבר, וואָרום ער האָט זיי כּשר פאַרדינט. דער וויכטיקסטער שבח איז דער, וואָס מאַטיסעס בוך איז נישט סתם אַ בוך אין יידיש וועגן טשאַרלי טשאַפּלין, נאָר אַן אָריגינעל יידיש בוך, וואָס באַרירט די פעדעם, וואָס פאַרבינדן טשאַפּלינען מיט יידן און יידיש פאָלק און איז געשריבן טאַקע פאַר יידן.

ווי באַקאַנט, איז צווישן ייִדן, ווי נישט=ייִדן געווען ברייט פאַרשפּרייט די ווערסיע, אַז טשאַפּלין איז אָפּשטאַמיק פון ייִדן. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר דערוויזן, בפרט, אַז דער גרעסטער פון די אַקטיאָרן האָט קיינמאָל די דאָזיקע ווערסיע נישט אָפּגעלייקנט און נישט באַשטעטיקט. ער האָט תמיד געהאַלטן, אַז דאָס איז לחלוטין נישט וויכטיק. די ראָל שפּילט דער מענטש, אַזאַ ווי ער איז, זיין קוואַליטעט, און נישט זיין אָפּשטאַמונג. זיינע סימפּאַטיעס פאַרן ייִדישן פאָלק, ווי אַ פאָלק אַ גערודפטס און באַליידיקטס, האָבן נאָך מער געגעבן מאַטעריאַל צו באַשטעטיקן די דאָזיקע השערה. מאַטיס דערוויזט, אַז טשאַפּלינס שייכות צו ייִדן איז נישט קיין בלוט=געמיינשאַפט, נישט גענעאַלאָגיש, נישט אָפּשטאַמיק. פון דער זייט האָבן מיר נישט מער וואָס צו יחוסן זיך. ער איז אַן ענגלענדער, פון עלנערן — וואַנגעליקער. וויכטיק איז די באַציונג פונעם נישט=ייִד, פון הומאַניסט, פון גרויסן קינסטלער טשאַפּלין צום ייִדישן פּראָבלעם, זיין פאַרבינדונג מיט ייִדישע מענטשן, זיין קינסטלערישע און נשמה=שייכותדיקייט מיטן גרעסטן פון די ייִדישע שרייבער, שלום=עליכם, זיין פריינדשאַפט מיט פּראָפעסאָר איינשטיין, זיין סימפּאַטיע פאַרן ייִדישן טעאַטער (וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די באַגעגענישן מיט די אַרטיסטן פון מאָריס שוואַרצס קונסט=טעאַטער), זיין טיפער גלויבן אין דער טאַלאַנטירטקייט פון ייִדישן פאָלק, זיין דרייסטקייט ביים שטעלן אין צענטער פון איינער פון זיינע גרעסטע קונסט=שאַפונגען, — אין פילם „דער גרויסער דיקטאַטאָר“ — דאָס פּראָבלעם פון פאַרפאָלגטן ייִד, זיין מוט בעת ער האָט מיט פאַראַכטונג איגנאָרירט די אַטאַקעס פון דער רעאַקציע קעגן „ייִד“ טשאַפּלין (נישט פאַרטיידיקנדיק זיך דורך קאַטעגאָריש אָפּלייקענען זיין כלומרשטע „ייִדישקייט“).

מאַטיס באַווייזט אַז טשאַפּלין — דער אָנהייבער האָט געזינדיקט מיט וויזן אין זיינע ערשטע פילמען דעם נעגאַטיוון ייִד, דעם קאָמישן און אויסגעלאַכטן, דעם האַרצלאָזן געשעפטסמאַן, פּראָצענטניק, נאָכקומענדיק דעם געשמאַק פון פּובליקום און די דעמאָלטיקע גאַנגבאַרקייט פון אַזאַ ייִדן=געשטאַלט, אַז אָנגעפּיקעוועטע מיט אָפּשטויסנדיקע שטריכן. דער מענטש און דער קינסטלער טשאַפּלין האָבן זיך אַנטוויקלט גלייכצייטיק. זיין רייפקייט איז געקומען צוזאַמען מיטן וווּקס פון זיינע געזעלשאַפטלעך=סאָציאַלע פאַראינטערעסירונגען, זיינע פילמען זענען געוואָרן טיפער, איבערצייגנדיקער, ליידנשאַפטלעכער, וואָס מער ער האָט זיך אריינגעצויגן אין קאַמף פאַר פּראָגרעס, פאַר הומאַניזם, וואָס מער זיין קונסט האָט זיך

גענומען אַריינגמישן דירעקט אין לעבן — ווען דער גרויסער מייסטער איז געוואָרן אַ גרויסער קעמפּער.

די אַלע מאָמענטן שענקט מאַטיס זייער פיל אָרט און די דאָזיקע קאַפּיטלען דערציילן אונדז אַ סך וועגן פייס און לייענען זיך מיט גרויסער שפּאַנונג. מאַטיס רעדט באריכות וועגן די קינסטלערישע מיטלען טשאַפּ־לינס און באַקענט אונדז מיט זיין שאַפונגס־פּראָצעס, מיט זיין האָרעוואַ־ניע ביים פּראָדוצירן, מיט זיינע אַרבעטס־מעטאָדן. ער דערציילט אונדז בפרטיות וועגן אינהאַלט פון אַ גאַנצער ריי פילמען, באַטאָנענדיק זייער פּראָגרעסיוון ווערט און ברענגט צום סוף אַ רשימה פון 80 פילמען, וואָס טשאַפּלין האָט געשאַפן, מיט אַ קורצן תוכן פון יעדערן פון זיי.

פאַרן יידישן לייענער זענען אינטערעסאַנט שלום־עליכמס אַנטציקנ־דיקע אַרויסזאָגונגען וועגן טשאַרלי טשאַפּלין, דעם מחברם פיין־אָנגעשרי־בענער עסיי „מנחם־מענדל“, „טוביה“ און טשאַפּלינס „קליין מענטשע־לע“, וואָס אַנטהאַלט אַ ריי טרעפלעכע אַנאַלאָגיעס און געדאַנקען. זיין אויספיר: ביידע (שלום־עליכם און טשאַפּלין) קינסטלער פון געלעכטער דורך טרערן, זענען געווען קעמפער פאַר אַ וועלט אָן טרערן.

דוד מאַטיס ציטירט אַרויסזאָגונגען פון פאַרשידענע ספּעציאַליסטן און זשורנאַליסטן, וועמען עס האָט זיך געוואָלט, אין דינסט פון דער רע־אַקציע, באַווייזן (אין פאַרשידענע צייטן), אַז מיט טשאַפּלינען איז אויס, אַז אינגיכן וועט ער ענדגילטיק אַראָפּגיין פון עקראַן און פאַרגעסן ווערן. זייערע נביאות זענען נישט מקוים געוואָרן. יעדער נייער פילם פון טשאַפּ־לינען איז געווען אַ נייע דערגרייכונג אין דער פילם־קונסט און געשטעלט אין אַ לעכערלעכער לאַגע די „נביאים“ און אַרויסגעבראַכט פון די כלים זיינע שונאים.

די וועלט פון אַ גאון איז שווער אַרומצוכאַפּן, שווער צו באַנעמען אין דער גאַנצער טיף און אַלזייטיקייט, אָבער אויב דאָס בוך דערלויבט אונדז נאָר אַ בליק צו טאָן אין דער וועלט פון גאון, פאַרשאַפט עס אונדז אָן שום ספק אַ גרויסן נחת־רוח און שעהן פון אמתן גענוס.

דער יחוס־בריוו פֿון די ייִדן אין די סלאַווישע לענדער

דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנט ביכל. ס׳וועט זיך געוויס נישט געפֿינען קיין לייענער, וואָס זאָל נאָכן איבערלייענען עס נישט זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט דערוווּסט פֿיל אַזױנס, פֿון וואָס ער האָט פֿריער קיין אַנונג נישט געהאַט, אויב אַפֿילו ער קען גוט ייִדישע געשיכטע. אַ וויסנגיריקער לייענער וועט באַלד נאָכן בייקומען די ערשטע זייטלעך עס איבערלייענען מיט סאַטיספֿאַקציע ביזן סוף. און צום סוף וועט ער זאָגן: ס׳איז כדאַי געווען מײַן מי.

ב. נאַדעלס „די ייִדישע ישובֿים אין מזרח־אייראָפּע“ (פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך“, וואַרשע, 132 זײַטן) געהערט נישט צו דעם מין לײַכטע לעקטורן, וואָס ווערן באַצייכנט מיטן טיטל „פּאָפּולער וויסנשאַפֿטלעכע“. אין ביכער פֿון דעם מין, ווען דער מחבר אַנט פֿאָרויס אַ נישט וויסנגיריקן לייענער, אַ נישט פֿעיקן צו טראַכטן, צו פֿאַרטיפֿן זיך, ווערט געוויינלעך דער מאַטעריאַל גופֿא פֿאַרפֿלאַכט. ב. נאַדעל איז געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג. די פּאָפּולערקייט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער העלפֿט דיסקרעט צו פֿאַרשטיין די וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיע, אין וועלכער דער לייענער איז נישט מחויבֿ צו זײַן באַהאַוונט. ווײַטער גייט ער נישט אויף קיינע הנחות, וואָרום ער נעמט אָן, און מיט רעכט, אַז דער לייענער איז אַ מענטש, וואָס האָט אינטערעס און איז אַליין פֿעיק צו אַרבעטן מיטן קאָפּ. די וויסנשאַפֿטלעכע געוויסנהאַפֿטיקייט, די פּינקטלעכקייט פֿון מעטאָדאָלאָגישן פֿאָרטראָגן ווערט, דורכן צוהעלפֿן דעם געוויינלעכן לייענער, אויף אַ האָר נישט געמינערט. און דאָס איז אויסגעצייכנט דערפֿאַר, וואָס נישט נאָר ער גיט פֿעסטגעשטעלטע אמתן, נאָר פֿירט אַרײַן פֿאַר דער האַנט דעם לייענער אין דער „געהיימער“ לאַבאָראַטאָריע און ווײַזט אים, ווי „וויסנשאַפֿט ווערט געמאַכט“.

דער רוקנביין פֿון דאָזיקן בוך (ביכל לויט דער צאָל זײַטן, בוך — לויט דער וואָגיקייט פֿון מאַטעריאַל) איז אייגנטלעך דאָס פֿאַנאַנדערשיפּ=

רירן, פאַרטייטשן און קאָמענטירן אַ ריי אַרכעאָלאָגישע שטייגער=גע=
שריפטן, הויפטזעכלעך פון 1=טן און 2=טן יאָרהונדערט פון אונדזער
צייט=רעכענונג, וואָס דאַרפן ווייזן, אַז שוין אין יענע אַלטע צייטן זענען
אין דרום=רוסלאַנד, דער עיקר אין קרים, געווען יידישע ישובים. דער אַנאַ=
ליז פון געשריפטס כאַפט אַרום די פעסטשטעלונג פונעם טעקסט, גיט אַ
וויסנשאפטלעך=באַגרינדעטע דערגאַנצונג פון פעלנדיקע ווערטער און טיילן,
דערקלערונגען פון די גריכישע נעמען (וואָרום די שטיינער זענען גריכיש=
געשריבענע), וואָס יידן האָבן געטראָגן, פון ווערטער וואָס רופן אַרויס אַ
שווערע פלוגתא און אויפן סמך פון דעם ווערט אויפגעשטעלט אַ סכעמע
פון די סאָציאַלע און רעליגיעזע באַציונגען פון די יידן פון יענער צייט.
מיט אַנדערע ווערטער — געוויסע היפאָטעזעס ווערן פאַרוואַנדלט אין
וויסנשאַפטלעך=באַגרינדעטע אמתן, מיט דער הילף פון באַנוצן מיט אַ
ברייטער האַנט דעם פאַרגלייכנדיקן מעטאָד.

ב. נאַדעל האָט אין זיין בוך נישט רעפערירט קיין פאַרטיקע וויסנ=
שאַפטלעך פעסטגעשטעלטע אָנגענומענע אמתן. ס'איז אויך נישט קיין
עקלעקטישע אַרבעט, ד. ה. גענומען פון דאַנען און פון דאָרט און... צו=
נויפגעפאָרט. זיין אַרבעט אָטעמט מיט דער לופט פון זעלבשטענדיקע,
אריינדרינגלעכע זוכענישן העט ווייט אונטערן שלייער פון לאַנגע
פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. ער איז אַן אָריגינעלער פאָרשער, וועלכער
קען נישט נאָר אויסנעצייכנט דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס איז ביז אים
אויסגעפאָרשט געוואָרן, נאָר טראָגט אין אים אַריין נייעם און אייגנס, ער
פאַרמאָגט און באַהערשט נישט נאָר די מעטאָדאָלאָגיע און דעם פאַקטישן
וויסן, ער האָט די גרויסע וויסנשאַפטלעכע נייגעריקייט, וואָס נאָר זי
אַליין איז שעפעריש און טרייבט צום זוכן דעם „גאָלדענעם אָדער“, וואָס
פירט צו נייע היסטאָרישע קאָנצעפציעס.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער ריין=שרייבערישער סטיל איז די שטאַר=
קע זייט פון ב. נאַדעלן, אָבער דאָס ווערט פאַרגיטיקט דורך דער בהדרגה=
דיקער אויסלייגונג, וואָס פירט אונדז וואָס ווייטער אַלץ טיפער אַריין אין
געדיכטן געצווייג פון פראָבלעמען. און כאָטש ס'איז אַ טונקעלער געקנויל,
באַוועגן מיר זיך אַדאַנק אים פריי, ווייל פון קאַפיטל צו קאַפיטל ווערן
מיר אַלץ היימישער מיטן מאַטעריאַל און קאָנען נאָכפאָלגן דעם מחבר
מיט דער זעלבער זיכערקייט ווי ער גייט אַליין. און דאָס איז איינע פון
די וויכטיקסטע דעראָבערונגס=פעיקייטן פון לייענער אין אַ לעקטור, וואָס
איז פאַר אים פריער געווען אומבאַקאַנט און זעט לכתחילה אויס ווי נישט

בייצוקומען. פאַראינטערעסירן דעם לייענער מיטצומאַכן אַזאַ שווערע עקסקורסיע אין עפּיגראַפישע דאָקומענטן, וואָס איז אַ געביט פון ווייניקע ספּעציאַליסטן — דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע דערגרייכונג, שוין פאַר דעם אַליין קומט דעם מחבר אַ גרויסן יישר-כוח.

אין דער הקדמה זאָגט דער מחבר: „היות ווי די מקורות גופא זענען אויפגעשריבן אין דער גריכישער שפּראַך, וועלכע שטאַמען אָפּ פון ארכעאָלאָגישע פאָרשונגען, האָב איך ספּעציעל שטודירט זיי אין די סאָוועטישע מוזייען און אויך באַזוכט אין די יאָרן 1941, 1955 און 1957 די שטעטביים שוואַרצן ים, וווּ זיי זענען אָפּגעפונען געוואָרן"... נאַדעל האָט זיך נישט באַגנוגנט, ווי מיר זעען, נאָר מיט אויפקלייבן דעם פאָרש-מאַטעריאַל און מיט די סינטעטישע אַרבעטן אויף זייער סמך, ער איז אַליין געגאַנגען, ווי ווייט ס'האָט זיך געלאָזן, צו די ערשטע מקורות און אַליין געקומען אין מערסטנס באַרירטע פראַגן צו סינטעטישע אויספירן.

ער דערציילט נישט געאיילט וועגן דעם, ווי דער געלערנטער באַנוצט זיך מיטן געפונענעם געשריפטס. ער דערקלערט פאַרוואָס זיי זענען אַזוי ווייניק איבערגעבליבן („אַזוי ווי קרים און טאַמאַן זענען זייער אָרעם אין גוטע מינים שטיינער, פלעגט מען די שטיינער מיט גריכישע אויפשריפטן אויסנוצן אין די קאַנטן אין די שפּעטערדיקע צייטן אַלס שוועלן און מילשטיינער אָדער איינמויערן אַלס בוי-פּליטעס אין די ווענט פון פעסטונגען און קלויסטערס"); גיט צו פאַרשטיין, אַז כדי צו זיין באַהאוונט אין דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח-אייראָפּע אין אלטערטום דאַרף דער וויסנשאַפטלער האָבן ידיעות אין ארכעאָלאָגיע, עפּיגראַפיק, פילאָלאָגיע און געשיכטע און נישט אַלעמאָל זענען די, וואָס האָבן געפונען אַזעלכע געשריפטסן, געווען ספּעציאַליסטן אין די אַלע געביטן און געוויס זיך נישט געגריבלט אויפן געביט פון יידישער געשיכטע. ער כאַראַקטעריזירט קורץ די אַרבעט פון פאַרשידענע געלערנטע, וואָס האָבן בייגעטראָגן אין דעם געביט, און ס'ווערט קלאָר פאַרוואָס דער מחבר האָט זיך געשטעלט אין דאָזיקן בוך „די אויפגאַבע אויפסניי צו באַלייכטן דעם אַ נ ט י ק ן פעריאָד פון יידישער געשיכטע אין מזרח-אייראָפּע".

מען דאַרף מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע האָט דער פלייסיקער היסטאָריקער אין אַ גרויסער מאָס — נעמענדיק אין אַכט דעם מאַנגל אין מאַטעריאַלן און מקורות — דערגרייכט. מיר האָבן פאַר זיך אַ ווערטפול ווערק, אין וועלכן ס'ווערט איבערצייגנדיק

דערוויזן, אַז אין דרום=טייל פון רוסלאַנד זענען געווען איינפלוסרייכע ייִדישע ישובים שוין מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און אפשר טאַקע מיט הונדערטער יאָרן נאָך פריער, וואָרום דער שׂכל איז מחייב. אַז די באַציונגען, וואָס האָבן געהערשט דאַן אויף די דאָזיקע טעריטאָריעס, האָבן געדאַרפט האָבן אַ לענגערע פאָרגעשיכטע, וואָס כאָטש מיר ווייסן וועגן איר בוכשטעבלעך גאָרנישט, דאַרף מען זי אָבער משער זיין. די דאָזיקע פעסטשטעלונג וועט האַרפן אָנרעגן די ייִדישע געשיכטע=פאָרשער צו ווייטערדיקער פאַרטיפטער ארבעט, כדי צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע — דורך וואַנען זענען יידן געקומען אַהין. ווי ס׳איז באַוווסט, איז דאָך פון די עשׂרת השבטים קיין איין שפור נישט איבערגעבליבן. זיי זענען פאַרשוונדן און מיר ווייסן נישט אינגאַנצן פון זייער ווייטערדיקן גורל. די השערה, אַז די יידן פון דרום=רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער גריכישער השפּעה=ספערע און זענען געווען שטאַרק העלעניזירט קאָנען אפשר אָפּשטאַמען פון די אסורי=אשור, רעגט פשוט די פאַנטאַזיע. אפשר וועט קומען א צייט, ווען די וויסנשאַפט וועט אויף דעם קאָנען געבן אַ וואָסער נישט איז ענטפער. פון דער אַנדער זייט — דאָס וואָס ס׳זענען ביז איצט נישט געפונען געוואָרן קיין אָביעקטן, געשריפטן, וואָס זענען עלטער פון 80=טן יאָר פון 1=טן יאָרהונדערט, לאָזט איבער די השערה פולשטענדיק אין דער לופטן.

ב. נאַדעל פירט דורך אַן אַנאַליז פון דריי מעגלעכקייטן פונעם אַנטשטיין פון די ייִדישע ישובים אין דרום=רוסלאַנד: געקומען פון קאַווקאַז דורך יבשה און דורכן ים; שטאַמען פון קליינאַזיע; געקומען פון גריכנלאַנד. ער באַנוצט זיך מיט אַ גרויסן מאַטעריאַל, מיט גלייכשטעלונגען, לעגענדעס און זייער שורש און קומט צו אַזאַ אויספיר: „נאָך אין סוף פון IV י. ה. האָבן די יידן אין ארץ=ישׂראל געהאַלטן זייערע ברידער ביים באָספאָר (דאָ ווערט געמיינט דער אַזאָווער ים) טיילווייז פאַר קינדס=קינדער פון די עשׂרת השבטים“ און אַז נאָך פאַר דער נייער צייט=רעכענונג זענען אין אַרמעניע געווען באַדייטנדיקע ייִדישע קהילות.

אַ סך אינטערעסאַנטער ווערט דער מאַטעריאַל, ווען ב. נאַדעל גייט (אין קאַפּיטל 4) איבער דירעקט צום אַנאַליז פון געפונענע גריכישע געשריפטן, וואָס זענען הויפּטזעכלעך באַפרייונגס=אַקטן פון שקלאַפן און שטאַמען פון 1=טן און 2=טן י. ה. פון אונדזער צייט=רעכענונג (הגם דאָס אויסרעכענען די גרייס און דיק פון די געפונענע שטיינער, די טיף פון די אותיות — באַשווערט דאָס לייענען און איז אפשר נישט געווען גייטיק אין

דעם פּאַל צוליבן כאַראַקטער פון בוך, וואָס איז באַשטימט פאַרן פּשוטן לייענער און נישט פאַרן ספּעציאַליסט). אין די דאָזיקע שטיין־שריפטן רעדט זיך אָפט וועגן די התחייבותן פון באַפרייטן שקלאַף לגבי דעם בית־תפילה, אָדער געמיינדע, וואָס נעמט איבער אים איבער די אַפּוטרופּסות. דאָס רעדט דייטלעך וועגן אָרגאַניזירט יידיש לעבן מיט אינסטיטוציעס און שטייגער. די בתי־תפילה האָבן געדינט אַלס געביידעס פאַרן קולט, אָבער אויך אַלס צענטערס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער געמיינדע. דאָ פלעגט זיך אויפקלייבן די עדה, דאָ פלעגט מען באַפרייען שקלאַפן, משפּטן, לערנען מיטן אונטערוואַקסנדיקן דור.

אָט דער וועג פון דעשיפרירן די גריכישע אויפשריפטן, וואָס זענען אייגנטלעך נאָר קאָנקרעטע יורידישע אַקטן, און געפינען אין זיי די פּעל־קערלעכע, רעליגיעזע און סאָציאַלע צווישנבאַציונגען איז זייער פּרוכטבאַר. עס עפנט אַ שפּעלטל אַריינצוקוקן צו די יידן פון יענער צייט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע. און ביז גאָר אינטערעסאַנט — און קאָן פירן צו ווייטערדיקע מסקנות — איז די דערקלערונג, אַז די פאָרמען פון באַפרייען שקלאַפן ביי די באָספּאָראַנישע יידן האָבן נישט קיין אַנטשפּרעכונגען אין די יידישע דינים און מען דאַרף מסתמא אויפקלערן זייער אָפּשטאַם מיט דער הילף פון אַלטן גריכישן רעכט.

צווישן דריטן און פינפטן יאָרהונדערט קומען פאָר אין די געגנטן גרויסע, נאָך נישט קיין אויפגעקלערטע, ענדערונגען אין יידישן לעבן, ווען די גריכישע נעמען (פון יידן) הייבן אָן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרביטן ווערן מיט העברעישע. העברעיש מרעט שוין דאָן אין די ערטער אַרויס אַלס ליטעראַטור־ און ליטורגיע־שפּראַך צוגלייך מיט גריכיש.

אויפן סמך פון דאָקומענטירטע ביישפּילן ווייזט דער מחבר אויף, אַז יידן זענען אין די ערשטע יאָרהונדערטער אין די ערטער געווען גלייכבאַ־רעכטיקט און אַפילו פאַרנומען הויכע מלוכה־אַמטן, ד. ה. געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אַלגעמיינעם לעבן. און דער אויספיר, וואָס דרינגט אַרויס פונעם געבראַכטן מאַטעריאַל איז טאַקע אַזאַ, ווי ס'ווינטשט זיך דער מחבר, נעמלעך, אַז „צוזאַמען מיט די גריכן און סקיטן זענען יידן געווען די בויער פון דער געשיכטע און קולטור פון די אַנטיקע פעלקער ביים שוואַרצן ים אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נייער ערע און, נישט מגזם זייענדיק, קאָן מען זאָגן, אַז יידן אין אַלטערטום זענען געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון קולטור־אַנטוויקלונג אין מזרח־אייראָפּע“.

מיט זיין אַרבעט האָט ב. נאַדעל אויף גאָר אַ סך יאָרהונדערטער פאַרלענגערט דעם יחוס־בריוו פון יידן אויף דער סלאַווישער ערד. ער איז אויך ביי דער מיינונג, אַז די הונען האָבן נישט אָפּגעווישט אינגאַנצן די יידישע ישובים, אַז זיי האָבן ווייטער עקזיסטירט, אויסגעדויערט און פאַרבונדן ווי איין רינג אין אַן אַנדערן די לאַנגע קייט פון יידישן לעבן אויף די סלאַווישע שטחים.

דער מענטש און דער שרייבער

(וועגן אורי פינקעלס בוך „שלום־עליכם“)

די מאָנאָגראַפיע האָט תמיד אַ קלאָרע אויפֿגאַבע — ווי ווייט מעגלעך ווינשאַפטלעך און אויסשעפּנדיק באַהאַנדלען איין געוויסן פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם קאָן זיין ענג און זייער באַגרענעצט, אָבער אַלזייטיקייט, טיפֿקייט, מאַקסימאַלע אַרומכאַפּנדיקייט פֿון דעם איינאיינציקן פּראָבלעם — דאָס דאַרף זיין דער סימן פֿון אַ מאָנאָגראַפֿיע.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק איז געווען שטאַרק ריזיקאַליש צוצוגעבן צו אורי פינקעלס בוך „שלום־עליכם“ (פֿאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1959. ז״ז 334) דעם אונטערטיטל „מאָנאָגראַפֿיע“.

נאָכוואָס דורך איין אַמביציעז וואָרט שטעלן אונטער דער סכּנה פֿון באַרעכטיקטע פּרעטענזיעס אַן אמתדיק און גוט בוך?

ווי קאָן מען פֿאָדערן צונויפֿברענגען דעם גאַנצן שלום־עליכמען אונטער איין דאַך, אין די ענגע ווענט־טאָוולען פֿון איבער 300 זייטן? ביז היינטיקן טאָג האָבן מיר נישט קיין מאָנאָגראַפֿיעס וועגן שלום־עליכמען, הגם איבער זיין שאַפֿן איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור און אין איר געפֿינען זיך נישט ווייניק ערשטקלאַסיקע, ווערטיקע און טיפֿע אַרבעטן.

יעדעס בוך האָט זיך זיין אַדרעס. פינקעלס בוך איז אַדרעסירט צום ברייטן מאַסן־לייענער, צו דער יוגנט. עס איז געשריבן פּאָפּולער, נישט פּרעטענציעז, לייענט זיך לייכט און פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. פֿון יעדן זייטל אָטעמט מיט האַרציקער ליבע צו שלום־עליכמען. די דאָזיקע ליבע איז די אַטמאָספֿער, וואָס רינגלט אייך אַרום ביים לייענען. נישט קיין נודנער באַבריל־טער פּראָפֿעסאָר „אַנטדעקט אַמעריקעס“, נאָר אַ גוטער ייד, אַ קלוגער טאַטע דערציילט זיינע קינדער — די לייענער — וואָס פֿאַר אַ

וווּנדערלעכן שרייבער דאָס פֿאָלק האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן, ווען דער סביבה וווּ ער איז געבוירן, זיינע ערשטע אומזיכערע טריט, זיין רייף ווערן, ווי ער איז — אַנטוויקלענדיק דאָס, וואָס איז אים אין געלעגן פֿון געבוירן אָן — אויסגעוואַקסן צו אַ ריז, וואָס האָט פֿאַרקערפּערט אין זיין שאַפֿן דאָס גאַנצע פֿאָלק, אין וועמענס דינסט ער האָט געשטעלט זיין לעבן.

דווקא אַזאַ בוך ווי אורי פינקעלס האָט געפֿעלט אין דער יידישער ליטעראַטור. פֿיל ליטעראַטורן פֿאַרמאָגן בעלעטריזירטע ביאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע מענטשן. אין יידיש האָבן מיר נישט אַזוינע ביכער. זיי זענען אָבער זייער גייטיק. אורי פינקעלס בוך איז אין אַ גרויסער מאָס אַ בעלעטריזירטע ביאָגראַפֿיע, וואָס באַקענט אין אַ צוטריטלעכער פֿאָרם דעם מאַסן־לייענער מיט דער לעבנס־געשיכטע פֿון גרויסן הומאָריסט און מיט זיינע ווערק. מיר זעען שלום־עליכמען צווישן עולם, צווישן קאָלעגן־שרייבער, צווישן זיינע העלדן. מיר זעען אים אין קאַמף פֿאַר דער יידישער שפּראַך און געזונטמאַכונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור. מיר שפּירן די עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט. אינטערעסאַנט פֿאַרן ברייטן עולם זענען די באַשרייבונגען פֿון די באַציונגען מיט אַנדערע שרייבער: די קענגזייטיקע ליבשאַפֿט פֿון „אייניקל" שלום־עליכם און „זיידן" מענדעלען, דער ברוגז מיט פּרצן, די לאַנגיאָריקע פֿריינדשאַפֿט מיט מרדכי ספּעקטאָרן, וואָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם הומאָריסט צו קריטיקירן אַזאַ נאָענטן מענטשן, ווען זיינע ליטעראַריש־אידעיִשע פּרינציפּן האָבן דאָס געפֿאָדערט. מיר זעען דעם לעבעדיקן שלום־עליכם אויף אַן אָוונט ביים פֿאַבריקאַנט בראָדסקין און אויפֿן „דעק" צווישן דער גרויזאַמער יידישער אָרעמקייט אין בערדיטשעוו. מיט דאַנקבאַרקייט צו שלום־עליכמען לייענען מיר די זייטלעך וועגן דעם, ווי ער האָט זיך באַקענט מיטן 50־יאָריקן קיעווער אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי, האָט אַנטדעקט דעם טאַלאַנט פֿון דאָזיקן זעלטענעם פֿאָלקס־דיכטער, אים געגומען דרוקן, אונטערגעהאַלטן מיט זיין האַרציקייט און דערמיט אַריינגעבראַכט אַ נייעם אוצר אין געזונגענעם יידישן ליד.

אורי פינקעל האָט זיך באַמיט צונויפֿצושמעלצן אין איין אָרגאַניִשער גאַנצקייט די צייט, דעם מענטשן און דעם שרייבער. דאָס איז אים אין אַ גרויסער מאָס געלונגען. שלום־עליכם טרעט אויף פֿאַר אונדז ווי אַ קינד פֿון זיין צייט, ווי אַן אַקטיווער קעמפֿער פֿאַרן פֿאָלקסוויל, קעגן זיינע אויסגעווייניקסטע און אינעווייניקסטע שונאים, ווי אַ מענטש וואָס האָט

פאַרשטאַנען צו נוצן זיין קינסטלערישן טאַלאַנט אַלס געווער פון געזעלשאַפטלעכן גערעַנגל.

אַ גרויסער קענער פון אונדזערע קלאַסיקער, פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, אַ גרינטלעכער שלום=עליכם=קענער, וואָס האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט איבערן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל, האָט אורי פינקעל, באַנוצנדיק דעם דאָזיקן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל אין זיין ווערק, גובר געווען די סכנה אין אים דערטרונקען צו ווערן. ער איז נישט באַהערשט געוואָרן דורכן מאַטעריאַל, נאָר האָט אים באַהערשט, אַסימילירט, דערמיט אויסגעמיטן האַמעטנעקייט און שווערקייט פון דאָקומענטאַלער ציטאַטאָלאָגיע און דערגרייכט היסטאָרישע טרייקייט, וואָרהאַפטיקייט.

ווען איר לייענט איבער דאָס בוך, פילט איר — איר האָט זיך באַקענט נישט אַזוי מיטן גרויסן שרייבער, וועלכן איר האָט געקענט ביז איצט, ווי מיט אַ לעבעדיקן, אויסערגעוויינלעך סימפּאַטישן האַרציקן מענטשן. צו דעם פּאָרטרעט פון שרייבער האָט פינקעל נישט שטאַרק בייגעטראָגן, אָבער צום פּאָרטרעט פון מענטשן — פיל. אפשר איז עס בכוונה און אפשר דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס עס פעלט אין דעם ווערק גלייכמעסיקייט. דער קינדהייט איז אָפּגעגעבן פיל אָרט, אַ סך זייטן געווידמעט דעם דאָזיקן פּעריאָד זענען אָנגעשריבן פּלאַסטיש, וואַרעם, פיל אָרט איז געשענקט דעם טאַטן פון שרייבער, די באַציונגען צווישן טאַטן און זון. שוין אפשר צופיל זייטן די אומבאַהאָלפענע אָנהייבן פון יונגן שלום=עליכם, שפּעטער אָבער, ווען שלום=עליכם איז שוין דאָס, וואָס ער איז איבערגעבליבן אויף אַלע צייטן, גייט די דערציילונג אַוועק בחפּזונדיקער, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך אַ געוויסע דיספּראָפּאָרץ: די וויכטיקסטע עטאַפּן איז געשענקט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט, ווי די ווייניקער וויכטיקע. דעמאָלן צווייטראַנגיקע זענען פאַרצייכנט אויספירלעכער, ווי די גרעסטע געשעענישן — דאָס שאַפן זיינע בעסטע ווערק. ס'מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוויסער גיוועלירונג. מען זעט נישט רעליעף די שפּיצן פון שלום=עליכמס שאַפן. דאָס איז אַ קענטיקער מינוס. מען זעט נישט דעם באַרג=אַרויף פון דעם רעאַליסטישן גאון. דער מחבר האָט געדאַרפט ווייזן די „קרומע" פון זיין שאַפן, אויפקלערן די סיבות פון די באַרג=אַרויפן און באַרג=אַראָפן, אָפּמערקן די דורכבריכן. אורי פינקעל, דער אַלטער פאַרדינסטפולער סאָוויעטישער ליטעראַטור=פאָרשער, האָט אין גרויס פאַרליבטקייט צום ג אַ נ צ ן שלום=עליכם, נישט דערזען דעם מינדסטן פגם נישט אויף אים, נישט אויף זיין שאַפן.

נאָך אַ מאָמענט, וואָס איז כדאי אָפּצומערקן. די פּראָגרעסיווע יידישע וועלט האַלט זיך פאַר אַ טרייען יורש פון שלום-עליכמס קינסטלערישער ירושה. איר איז נאָענט שלום-עליכמס פאָלקישקייט, זיין הומאַניזם, זיין ליבשאַפט און טריישאַפט דער אָרעמקייט, אָבער ביי אורי פינקעלן זעט שלום-עליכם אויס שיעור נישט ווי אַ סאָציאַליסט, ווי אַ באַוווסטזיניקער קעמפער פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס. שווין צו אָפט ווערט באַטאָנט זיין סאָציאַלע אָריענטאַציע, ביי יעדער געלעגנהייט, און ס'ווערן געמאַכט אויספירן אונטערצושטרייכן שלום-עליכמס סאָציאַלן ראַדיקאַליזם. אַזאַ איינשטעלונג איז נישט קיין ריכטיקע. שלום-עליכם ווי אַ גרויסער שרייבער-רעאַליסט האָט געוויזן געוויסע זייטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע (ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט וועגן ל. נ. טאָלסטאָי), אַליין איז אָבער שלום-עליכם קיינמאָל קיין סאָציאַליסט נישט געווען. און ס'איז קיינעם נישט נייטיק אים צו מאַכן פאַר אַזאַ. מיר דאַרפן נישט צושניידן שלום-עליכמען פאַר אונדזער געברויך, מיר קאָנען אים געברויכן אַזאַ ווי ער איז געווען.

אונטערשטרייכנדיק אָפט זיין פּראָגרעסיווקייט, האָט אורי פינקעל ווי מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט, מיט עטלעכע ווערטער (און עפּעס ווי שעמעוודיק) אָפּגעפּטרט שלום-עליכמס אומגליקלעכע געשעפטן אויף דער בערזע און סתם אין פאַרשידענע מינים האַנדל, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט גלענצנד אויסצופאָרשן, אויף דער אייגענער הויט אויסצושפּירן און אויספּרוּוון דעם מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָס וואָלט געווען דווקא זייער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל. שלום-עליכמען וואָלט ער מיט דעם קיין רעה נישט געטאָן און זיין אויטאָריטעט אויף א ק אַ פּ נישט געמינערט.

אורי פינקעל האָט איבערגעלאָזט אונדז א וויכטיק און אינטערעסאַנט ווערק. די מעלות פון דעם בוך וואַקסן כפל-כפלים אַריבער די דאָ און דאָרט פאַראַנענע בלויזן, בפרט, אז אויך זיי, די בלויזן, הייסט עס, שטאַמען פון אַ פאַרגעבלעכער עבירה — פון דער גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר אונדזער טייערן שלום-עליכם.

שטאַרקער פֿון טויט

„זיבן אין בונקער“ פֿון ה. י. גאָלדשטיין („יידיש בוך“, וואַרשע 1963) לייענט זיך אין איין אָטעם. עס איז אַן אינטערעסאַנט בוך. אייגנטלעך דערציילט עס אַ קליינעם עפּיזאָד פֿון דער נישט ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט: עטלעכע יידן, פֿון צווישן די, וועמען ס'איז באַשערט געווען אָנטיילצונעמען אין וואַרשעווער אויפֿשטאַנד פֿון אויגוסט 1944, האָבן נאָך זיין דורכפֿאַל זיך פֿאַרגראָבן אין אַ בונקער און דורכגעהאַלטן ביז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אין יאַנואַר 1945 באַפֿרייט די פּוילישע הויפּטשטאָט.

דער מחבר איז געווען צווישן די דאָזיקע בונקער־יידן און ער דערציילט בפּרטיות אַלע פּעריפּעטיעס פֿון זיינע איבערלעבענישן פֿון דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בונקער, ביז דער מינוט פֿון אויסגעלייזט ווערן. איז עס אַ פֿאַקטאָגראַפֿיש בוך. ווי ס'דערקלערט דער אויטאָר אין „גאָבוואָרט“ איז עס „נישט קיין קינסטלעריש ווערק, נישט קיין ראָמאַן, נישט קיין ראָמאַנסירטע זכרונות, ס'איז א ג ב י ת ע ד ו ת“.

פֿונדעסטוועגן איז דאָס בוך נישט קיין טרוקענער פּראָטאָקאָל פֿון פֿאַקטן. ס'איז עפּעס מער. און טאַקע דערפֿאַר לייענט עס זיך אַזוי פּליטיק און מיט שפּאַנונג. דער סוד באַשטייט אין דעם, וואָס דער מחבר האָט געהאַט געוויסע בעלעטריסטישע אַמביציעס. ער האָט נישט סתם אויסגעלייגט סיסטעמאַטיש און כראָנאָלאָגיש דאָס בינטל פּאַסירונגען. ער האָט די דאָזיקע פּאַסירונגען ק אָ מ פּ אָ נ י ר ט.

די ב ע ל ע ט ר י ס ט י ש ע ק אָ מ פּ אָ ז י צ י ע האָט געגעבן דער דערציילונג פֿעסטע ראַמען און מעגלעך געמאַכט זיי אָנצופֿילן מיט אַ קאָמפּאַקטן אינהאַלט, אויסצומיידן „וואַקומס“, פּוסטע לעבער, וואָס האָבן זיך אומבאַדינגט געמוזט שאַפֿן שוין צוליב דעם עצם כאַראַקטער פֿונעם מאַטעריאַל: מענטשן ליגן איבער פֿיר חדשים אין אַ בונקער.

ביי זיי האָט זיך די צייט געצויגן אומענדלעך, שווער, נודנע, אין פוסטקייט. די מענטשן אין בונקער האָבן עס געמוזט אויסהאַלטן — קיין אַנדער ברירה האָבן זיי נישט געהאַט. אָבער דער לייענער האָט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון וואקום — ער פאַרמאַכט דאָס בוך. דערפאַר פאַרליידט נישט קיין בוך וואקום — מעג עס אַפילו דערציילן וועגן... וואקום. ה. י. גאָלדשטיין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז רעגלמעסיק פאַנאַנדערלייגן דעם אינהאַלטלעכן באַלאַסט, כדי די דערציילונג זאָל קריגן גלייכגעוויכט און ווערן צוטריטלעכער לייען־שטאָף. ער האָט ביסלעכווייז אַריינגעטראָגן די פאַרגאַנגענע צייט, די רעטראָספעקציע, אויף דער לענג פון גאַנצן בוך און רואיק, אָן געאייל, זיך דערקליבן — אין דער צווישנצייט פון דער לויפיקער אַקציע — צו די באַזונדערע פערסאָנאַזשן זייגע אין דער בונקער־דראַמע, צו דער געשיכטע פון יעדערן פון זיי, צו זייערע אויסערלעכע און אינערלעכע סילועטקעס, צו דער כ ר אָ נ י ק פון די פאַסירונגען ביז דעם מאָמענט, ווען יעדער פון זיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בונקער און געוואָרן אַן אָנטיילנעמער פון דעם קליינעם בונקער־ראָמאַן.

אָן אַ בעלעטריסטישער קאָמפּאָזיציע וואָלט דער מחבר נישט געקאָנט באַלאַנסירן מיטן מאַטעריאַל. דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז ס'איז געוואָרן אַ בעלעטריסטיש ווערק. דאָס געווים נישט. ער האָט זיך אַן עצה געגעבן, אַזוי צו זאָגן, מיט דער אינזשינערישער זייט פון דער קאָמפּאָזיציע, גאַנץ געראָטן אויסגערעכנט ווו צו שטעלן די „סלופעקלעך" — דער בנין זאָל זיך האַלטן, אָבער אַפילו נישט בדעה געהאַט צו רעאַליזירן די ק י נ ס ט לערישע אויפגאַבע פון זיין ליטעראַרישער אונטערנעמונג, ווייסנדיק, אַז ער איז צו דעם נישט מסוגל. דאַרף דערפאַר פאַררעכנט ווערן פאַר אַ דערפאָלג שוין דאָס, וואָס דער מחבר האָט געקענט — באַנוצנדיק אַ פרימיטיוון בעלעטריסטישן גאַנג — אויף אַ מער ווייניק פשוטן און נישט אויפגעצוווּנגענעם אופן צ ו פ י ר ן די פערסאָנאַזשן צום דערציילן אין אַ פ אַ ס י ק ן מאָמענט וועגן זייערע פריערדיקע איבערלעבונגען און פאַר זיך געפונען אָרט און צייט צו לאָזן פריי זייגע זכרונות און אָנבינדן זיי אין די פריש־אויפגעקומענע רעפלעקסן.

אין דער אונטערשטער שורה הייסט עס, אַז מען דאַרף נישט טאַדלען דעם מחבר פאַר באַנוצן זיך מיט אַ בעלעטריסטישער קאָמפּאָזיציע צו אַ נישט בעלעטריסטיש ווערק, נאָר אדרבא — אָפּמערקן די מעלות טובות פון אַזאַ איינשטעלונג אין קאָנקרעטן פאַל און באַטאָנען, אַז די בעלעט־

ריסטישע עלעמענטן זענען זייער נישט צודרינגלעך, נישט פּרעטענציעז און זענען נוצלעך געווען צו מאַכן דאָס בוך אינטערעסאַנט, שפּאַנענדיק פֿאַרן מאַסן־לייענער.

אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שרייבער (און א היינטצייטיקער דערצו) וואָלט געוויס קאָמפּליצירטער געמאַכט די ענדערונגען און איבערגאַנגען אין גייסטיקן, פּסיכישן פּייזאַזש פֿון די פּערסאָנאַזשן; וואָלט אויפֿגעהויבן פֿון אונטערן נשמה־דנאָ די אונטערבאַוווסטזיין־קאָמפּלעקסן, וואָלט פֿאַנאַנדערגעבויט א קאָלאָסאַלן לאַבירינט, אַ סדום ועמורה פֿון סתירותדיקע שפּירונגען, פֿון זאָאָלאָגישע אוראינסטינקטן וכדומה. וואָרום וואָס אוממענטשלעכער ס׳זענען די באַדינגונגען פֿון דער ווירקלעכקייט, אַלץ ווילדער די געראַנגלענישן פֿון די אוראינסטינקטן מיט די געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגלעכקייטן, וואָס פֿאַלן אָפּ איינער נאָכן אַנדערן אין דער הוילער נאַקעטקייט פֿון דער עקזיסטענץ. אַזוי וואָלט עס אויסגעזען ביי אַ היינטצייטיקן פּראָפֿעסיאָנעלן שרייבער, אָבער ה. י. גאָלדשטיין, אַ פּשוטער פּראָגרעסיווער מענטש, האָט באַשריבן *דאָס*, וואָס ער האָט *געזען* און *אַליין* איבערגעלעבט; באַשריבן פּשוט, אָפּגעהיט און ערלעך און *אונדז באַוויזן*, אַז די פֿאַרשידענע מענטשן אין בונקער (פֿון פֿאַרשידענעם עלטער, סאָציאַלן שטאַנד, בילדונג און דערציִונג, צווישן זיי אַ פּוילישער יונגער גלח — דער אַכטער, דערפֿאַר איז טאַקע נייטיק פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס הייסט דאָס בוך דווקא „זיבן אין בונקער“) — האָבן אויפֿגעהיט אין די סאַמע שווידערלעכסטע, אויסזיכטלאָזע, אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען אין דער אונטערערד — און פֿריער אין געטאָ און טויט־לאַגערן — זייער מענטשלעך פּנים און ווירדע און מיט רירנדיקער טאַקטישקייט באַמיט זיך אויפֿצוהאַלטן די האַרמאָניע, גלייכקייט און ברידערלעכקייט אין דעם קליינעם קאָלעקטיוו. זיי האָבן נישט נאָר דורכגעהאַלטן דעם גיהנום פֿון ליידן און פֿאַרצווייפֿלונג, נאָר אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען אין מענטשלעכקייט.

און ווייל „זיבן אין בונקער“ איז אַ בוך פֿון פֿאַקטן, פֿון ווירקלעכע מענטשן, און גלויבנדיק דעם מחבר, אַז דאָ איז גאָרנישט „צוגעפּוצט און אויסגעקלערט“ — איז עס *א דאָקומענט פֿון גרויסן הומאַניסטישן באַדייט*. ער זאָגט עדות, אַז ס׳זענען פֿולשטענדיק נישט גערעכט די יעניקע, וואָס האָבן פֿון דער גרויל־תקופֿה געמאַכט נאָר דעם אויספֿיר, אַז דער מענטש איז ווערט באַשפּייט צו ווערן. גאָר להיפּוך: אויב קיין סימן פֿון מענטשלעכקייט אין

נישט געווען צו דערקענען אין דער פאַשיסטישער הידרע, האָבן אָבער אירע קרבנות און די וואָס האָבן זיך איר קעגנגעשטעלט, באַוויזן אָן אַ שיעור ביישפּילן פון מענטשלעכער ריינקייט, ציכטיקייט, דערהויבנקייט און קראַפט; ער ברענגט אָן אַ שיעור פאַקטן, וואָס באַווייזן, ווי אומדערשיטערלעך=פעסט עס זיצט דער מענטש אינעם מענטשן.

ה. י. גאָלדשטיין שטרעבט אין זיין בוך צו ווייזן דעם אמת. ער לאָזט זיך נישט אַריין אין פּאַראַלגעמיינערונגען און הקירות. אַ פאָלקס=מענטש — פּרוווט ער זיין אייגענעם געוויסן. נישט דאָס אומגליק, די צרות, נישט די פאַלן פון אַכזריות מצד טייל פּאָליאַקן קאָנען אים נישט אויפצווינגען קיין איינזייטיקייט, מאַכן אים נישט בלינד. די פאַקטן פון לעבן באַקרעפטיקן זיין אינטערנאַציאָנאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע וועלט=אָנשויונג. ער האָט געזען פיל ביישפּילן פון פינצטערן זינלאָזן אַנטיסעמיטיזם, געזען ווי יידן — קעמפער אין וואַרשעווער אויפשטאַנד זענען קאַלטבלוטיק דערשאָסן געוואָרן דורך געוויסע פאַרשוינען בעת די קאַמפן קעגן אָקופּאַנט, ער האָט אָבער אויך געזען פאַקטן פון ריר=דיקער זאָרג, מסירת נפש און ברידערלעכע געפילן מצד פּאָליאַקן צו יידן. ער פרעגט זיך: צי קאָן ער וואַרפן די שולד פון איינע אויף די אַנדערע?! עס ווערט הרוב וואַרשע, נישט נאָר פון רשעים, נאָר אויך פון די איידלמוטיקע, ערלעכע, און ער, אין בונקער, האָט צייט פאַר דין וחשבון, פאַר נאָכטראַכטענישן.

בנוגע אַ בוך פון אַזאַ כאַראַקטער איז נישט שייך צו רעדן, וועלכע סצענעס זענען מער און וועלכע ווייניקער געראָטן. וויכטיק איז, אַז דער טאָן, וואָס מאַכט די מוזיק, איז אין בוך אַזאַ לויטערער, אמתדיקער, מענטשלעך=וואַרעמער און ציכטיקער. מיר שפּירן, אַז די זייטלעך האָט געשריבן אַ מענטש מיט אַן ערלעך האַרץ און ריינעם געוויסן. דאָס בוך געפעלט, נישט נאָר דערפאַר וואָס אין אים ווערן דערציילט אינטערע=סאַנטע, פון קיינעם ביז איצט נישט באַשריבענע פאַקטן, נאָר דערפאַר אויך, וואָס מיר זעען אין אים דעם מחבר — דעם מענטש, וואָס רופט אַרויס גוטע געפילן.

אברהם מאָרעווסקיס אַ באַנד

יעדער ליטעראַרישער זשאַנער האָט זיך זײַנע געזעצן. מעמואַרן זענען ליטעראַטור, נאָר קיינע שום געזעצן זענען פֿאַר זיי נישט חל. ווילט איר, זענען מעמואַרן אַ ראָמאַן — דאָס איז דאָך די געשיכטע פֿון אַ לעבן. נאָר אַ ראָמאַן קאָן נישט געמאָלט זײַן אָן אַ קאָמפּאָזיציע, מעמואַרן האָבן פֿון דער נאַטור אויס, לויט זייער טבֿע, קיין קאָמפּאָזיציע נישט. זיי קאָנען ווערן געשריבן מיט אַ גלענצנדיקן סטיל, אַנטהאַלטן קינסטלערישע נאַטור־ און שפּיגער־באַשרייבונגען, קאָנען ראַפֿינירט איבערגעבן די איבערלעבענישן פֿון יחיד, מענטשלעכע קאָנפֿליקטן — קיין קאָמפּאָזיציע פֿאַרמאָגן זיי נישט.

דער הויפּט־העלד פֿון מעמואַרן איז געוויינלעך דער מחבר אַליין. ער איז דער צענטער פֿון אַלץ, וואָס ווערט דערציילט. זאַכן, וואָס זענען געשען נישט מיט אים אַליין, אָדער צו וועלכע ער האָט נישט דירעקט, צי אומדירעקט, אַזוי, אָדער אַנדערש קיין שייכות — גייען אַרויס פֿונעם גדר פֿון זײַנע פֿאַראינטערעסירונגען. און פֿאָדערט נישט פֿון אַ מענטשן אָביעקטיוויטעט דאָ, ווען ס'האַנדלט זיך דירעקט און אויסשליסלעך וועגן אים אַליין, וועגן *זײַנע* באַציונגען מיט מענטשן, וועגן *זײַן* ראָל אין די געשעענישן. אַלע איבעריקע פּערסאָנאַזשן פֿון אַ מעמואַרן־ווערק זענען עפּיזאָדישע, זיי בײַטן זיך ווי פּייזאַזשן געזעענע פֿון אַ לויפֿנדיקן צוג, און פֿאָרט איר נישט ווידעראַמאָל דורך דער זעלבער געגנט, טרעפֿט איר זיי מער נישט. אַלץ — מענטשן, קאָנפֿליקטן, געשעענישן — ווערט געזען מיט די אויגן פֿונעם הויפּט־העלד. אַלע איבעריקע האָבן נישט קיין פּערזענלעך לעבן. איר באַקענט זיך מיט זיי און פֿאַרלאָזט זיי, נישט האָפֿנדיק מער זיך מיט זיי צו באַגעגענען. אַ ראָמאַניסט מוז זיך באַגרענעצן מיט אַ געוויסער צאָל פּערסאָנאַזשן, מוז זיך בדרך כלל אומקערן צו זיי איינמאָל און אַ צווייט מאָל ביז מיר לעבן זיך צונויף מיט זיי און זיי קריצן זיך אײַן אין אונדזער זכרון. בײַם מעמואַריסט איז די צאָל

פערסאָנאַזשן אומבאַגרענעצט, אײַנהאַלטן זיי אַלע אין זכרון איז אוממעגלעך, ביים בעסטן ווילן.

דער דערקענטעניש־ווערט פון מעמואַרן ווערט אָבער דערמיט נישט קלענער. אדרבא, מערסטנס זענען זיי זייער באַלערנדיק. מען דערוויסט זיך וועגן געשעענישן פון דער ערשטער האַנט, פון ערשטן מקור. דער מעמואַריסט זאָגט דאָך: „דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר אַליין", אָדער „דאָס איז געשען פאַר מיינע אויגן". קודם־כל — באַקענט איר זיך גרינגלעך מיטן דערציילער אַליין. און ווען דער מחבר איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש און דערצו נאָך אַ גוטער דערציילער — האָבן מיר שוין הנאה פון דער לעקטור.

די דאָזיקע הקדמה האָב איך געמאַכט אין שייכות מיט די מעמואַרן פון אברהם מאָרעווסקין, וועמענס פּערטער באַנד „אַהין און צוריק" איז דערשינען אין פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, אין 1963 (410 זייטן). פאָרשטעלן מאָרעווסקין איז איבעריק — אים קען די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט. זיין לאַנג לעבן אויף די בינע־ברעטער (רוסישע און יידישע) איז דער אינהאַלט פון זיינע בענדער, פּונקט ווי טעאַטער איז דער אינהאַלט פון זיין לעבן. זיין גאַנצער פּאַטאָס, פלאַם, ליידנשאַפט איז קאָנצענטרירט אויפן דאָזיקן געביט. דער פערטער באַנד איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אים און פאַר אונדז דערפאַר, וואָס ער נעמט אַרום אַ פּעריאָד פון זיין פּערזענלעך לעבן און פון יידישן טעאַטער, וואָס איז רייך געווען מיט אויפטוען. אין די דאָזיקע 10 יאָר (פון 1920 ביז לפי ערך 1930) האָט מאָרעווסקין געבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט מיט ש. אַנ—סקין און אַלטער קאַציזנען. דאָס זענען די געבורט־יאָרן פון „דיבוק" און „דוכוס", פון צוויי דורכן מחבר קרעאירטע הויפּט־ראָלן אין פילמען; יאָרן פון זיין צוזאַמענאַרבעט מיט דער „ווילנער טרופּע", אין ריגער מינאָריטעטן־טעאַטער (בראש פון וועלכן ער איז געשטאַנען), פון זיין שוישפּילערישער טעטיקייט אין אַמעריקע (אין אַרגענטינע, אין מאָריס שוואַרצס ניו־יאָרקער „קונסט־טעאַטער").

אברהם מאָרעווסקי באַוואָרנט זיך פיל מאָל, אַז ער שרייבט נישט קיין געשיכטע, אַז ער דערציילט נאָר וועגן זיין א יי ג ן לעבן — במילא פאַלט אָפּ סיי די נויטווענדיקייט, סיי די מעגלעכקייט צו נעמען שטעלונג צו די פ אַ ק ט ן, וואָס ווערן דערציילט אין פערטן באַנד (ווי אין אַלע פריערדיקע בענדער). ג ע ש י כ ט ל ע ך איז עס דאָס עדות־זאָגן פון איין פ אַ ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ט ן. און די געשיכטע

— דער העכסטער שופט — פאַרלאָזט זיך קיינמאָל נישט אויף איין צד. אין יעדן באַזונדערן פאַל מוז דער ריכטער אויסהערן ביידע אָדער אַלע צדדים. און כאָטש אַלע צדדים גיבן אָפּ אַ שבועה, אַז זיי זאָגן „גאָר דעם אמת און דעם ריינעם אמת“, ווערט דער אורטייל אַרויסגעטראָגן אויפן סמך פון דער ס ו מ ע עדות־זאָגן וועגן „פאַקטן“.

אברהם מאָרעוווסקי איז אַ גלויבנסווירדיקער עדות און כאָטש ער זאָגט „דעם גאַנצן אמת“, איז ער (דער אמת) האָך אָפּהענגיק פון דעם, ז י מאָרעוווסקי האָט געזען, ו ו י ער האָט אינטערפּרעטירט און פאַרשטאַנען דעם פאַקט. ס'איז ז יי ן הונדערטפּראָצענטיקער אמת. און ס'איז גוט, וואָס ער באַוואָרנט זיך אַזוי פלייסיק, אַז ער שרייבט קיין געשיכטע נישט.

פאַראַן מעמואַרן, אויטאָביאָגראַפיעס, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן, ווי ווידוים. אָפנהאַרציק איז זיך מתוודה אַ בעל־תשובה. אַ בעל־תשובה איז געווייגלעך אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ פּסיכישן מצב, ווען ער איז פאַרעדיסטינירט איבערצוטרייבן זיין חטא; ער באַשולדיקט זיך אָפטמאָל אין חטאים, וועלכע ער איז אפילו נישט באַגאַנגען, ווי אַ ייד, וואָס קלאַפּט זיך „על חטא“ פון סידור אַרויס. און דאַן טרעפט ערשט, אַז מען ספקט אין „בעל־תשובה“; דעם ווידוי גופא נעמט מען אָן פאַר אַ פּאָזע.

א. מאָרעוווסקי שרייבט נישט קיין ווידוים און איז קיין בעל־תשובה נישט. ער פילט זיך פשוט נישט פאַר אַזאַ. יידן זאָגן, אַז אַ בעל־תשובה שטייט העכער פון אַ צדיק. מילא, איז מאָרעוווסקי נישט קיין צדיק. ער איז אָבער עפּעס מער. וועגן דעם וועלן מיר באַלד רעדן. דאָ דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז שרייבנדיק דאָס בוך אין טיפן עלטער, פילט ער זיך אויך נישט ווי אַ פילאָזאָף — אַ סקעפּטיקער, וואָס קוקט מיט אַ פאַר־געבנדיקן, עטוואָס איראָנישן שמייכל אויף דעם „האַוועו“ וואָס ער האָט געהאַוועט אין לעבן, קוקט נישט פון אויבן אַראָפּ, פון דער הייך פון זיין עלטער אויף זיינע „חטאת נעורים“, אויף געשעענישן, וואָס זענען פאַר־ביייגעגאַנגען און וועלן מער נישט צוריקקומען און ס'איז במילא נישט פאַראַן צוליב וואָס צו פּעכטן דאָס גרויסע געפעכט. ניין, מאָרעוווסקי איז אַן איש מלחמה. ער קעמפט אין זיינע מעמואַרן מיט דעם זעלבן אייפער, מיט דער זעלבער ליידנשאַפט און פאַרביטערטקייט, מיט קלעמעניש און צער און אפשר טאַקע אויך מיט ציין־קריצעניש, פונקט ווי ער האָט גע־קעמפט אַלע זיינע יאָרן אין טעאַטער. ער פאַרגעסט גאָרנישט און וויל

נישט פֿאַרגעסן. ער קאָן פֿאַרגעבן אַ מינוט נאָכן קאַמף, נאָר נישט אין די מינוטן פֿון קאַמף. אין זיינע מעמוארן לעבט דער עבר מיט אַ פּולבלוטיק לעבן, ווי עס וואָלט געווען קעגנוואַרט. ער פֿירט נאָך אַלץ זיין אַלטע אייביקע מלחמה. און וואָלטן געוויסע שטריכן פֿון זיין שרייב־נוסח (דאָס צו אָפֿטע דירעקטע ווענדן זיך צום לייענער, אָפּשיקן אים צו די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, אויסטענהן און פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר אים) נישט געשטערט די אילוזיע, אַז דאָ גייט אָן אַ ליידנשאַפֿטלעכער קאַמף פֿאַרן פּנים, פֿאַרן אינהאַלט און אפֿילו פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון טעאַטער בכלל און פֿון יידישן בפֿרט, וואָלטן מיר באַקומען נישט דווקא קיין זכרונות פֿון אָפּגעפֿלאָסענע צייטן און קאַמפֿן, נאָר אַ ווערק, וואָס לעבט אויף דעם נעכטן ג אָ ר אין די אינטערעסן פֿון קאַמף פֿאַר באַשטימטע אידעען, וואָס דאַרפֿן לעבעדיק־בלייבן אין דעם טעאַטער פֿון היינט און פֿון מאָרגן.

לעוו טאָלסטאָי האָט אַמאָל געגעבן אַזאַ לפֿי ערך דעפֿיניציע פֿון קונסט: איבערלעבן פֿונדאַסניי, אין מאָמענט פֿון שאַפֿן, דאָס איבערגעלעבטע אַזוי פֿריש, ווי דאָס איז בשעתו איבערגעלעבט געוואָרן, און איבערגעבן עס מיט דער זעלבער פֿרישקייט אַזוי, אַז דער לייענער זאָל עס פּונקט אַזוי פֿריש און עכט איבערלעבן.

אָט דעם כּוח — אַקטיוו און שאַרף פֿונדאַסניי איבערצולעבן דאָס איבערגעלעבטע — פֿאַרמאָגט אברהם מאָרעווסקי. אין זיינע בלעטער זענען אויפֿגעהיט נישט נאָר פֿאַקטן, נאָר אויך די עמאָציעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן. טאָקע אַרויסגערופֿן און נישט — איבערגעלאָזט. ס'פֿילט זיך לעבעדיקער אָטעם, פּולס, טעמפּעראַמענט. פֿאַר דעטאַלן איז דאָ פֿאַראַן נישט ווייניקער אָרט ווי אין אַ בעלעטריסטיש ווערק און זיי האָבן דאָ נישט קיין קלענערע פֿונקציע.

אַ קינסטלעריש ווערק גייט אָפֿט אַרויס פֿונעם גבֿול וועלכן דער מחבר האָט אָנגעמערקט. מאָרעווסקי איז דורכאויס אַ קינסטלער־נאַטור — צעשפּאַרט ער אין זיינע מעמוארן די סכעמע „אַהין און צוריק“, וועלכע ער האָט זיך לכתחילה אָנגעמערקט. די סכעמע, ווי אַלע סכעמעס, צעקריכט זיך, האָט קיין האַפֿט נישט, אָבער דאָס לעבן וואָס קוועלט אין זיינע ביכער — דאָס איז דאָס ווערטפֿולע, וואָס זיי אַנטהאַלטן. די טעאָריעס זענען גרוי, אייביק גרין איז דער לעבנס־בוים. די בלעטער פֿון מאָרעווסקיס מעמוארן זענען בלעטער אויף אַ לעבעדיקן בוים, זיי אָטעמען, זענען אָנגעזאַפּט מיט זאַפֿטן און מיט זון. מיר באַקענען זיך אין זיינע בענדער מיטן אמתן, מיטן לעבעדיקן מאָרעווסקין, אַזאַ ווי ער איז — מיט אַלע

זײַנע „קאַפּריזן“, „פּאַראַדאָקסן“, „פּלוצלונגדיקע אײַנפֿאַלן“, „אַנטפּלעקונגען“. און דער עיקר טאַקע מיט זײַן אײגענעם לשון. אומאָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס ער אַליין טראַכט וועגן זיך, אומאָפּהענגיק פֿון דעם אין וואָס ער וויל אונדז איבערצײַגן — דערקענען מיר אים אַזאַ ווי ער איז. און די דאָזיקע מדרגה דערגרײכן זעלטן מחברים אין זײערע מעמוּאַרן. דאָס איז די מדרגה, וועלכע מען דערגרייכט אין קונסט.

אין מאַרעוווסקיס מעמואַרן שווײַבלט און ווימלט מיט דיגרעסיעס, מיט אָפּווײַכונגען, עס רײַצט אים דער אַנעקדאָט און ער לאָזט אים נישט דורך. און ווײַל מעמואַרן קאָנען, ווי געזאָגט, פֿון נאַטור אויס נישט האָבן קײן קאָמפּאָזיציע, בלײַבט די געוואַלדיקע פּערזענלעכע אַנגאַזשירטקייט אין אַלע ענינים, וואָס ווערן באַשריבן און באַהאַנדלט, ווערט די צעפּאַטלטקייט, די אומאָרדענונג, די נישט גלײַכמעסיקייט און גלײַכווערטיקייט פֿון די קאַפּיטלען — דער סימן פֿון טראַנספֿאָרמירן לעבן אין קונסט אַזוי, עס זאָל בלײַבן עכט לעבן.

מאַרעווסקי ווי אַ שוישפּילער, וואָלט זיך עס קײנמאָל נישט דערלויבט, ווײַל ווי אַ שוישפּילער *שאַפֿט* ער קונסט, אָבער ווי אַ מעמואַריסט *לעבט ער* ווי אַ קינסטלער אין דער קונסט און צווינגט אונדז צוזאַמען מיט אים לעבן אין דער קונסט.

עס וואָלט, לויט מײַן השגה, נישט געווען ריכטיק צו פּרוּוון אויפֿשטעלן פֿון זײַנע אַרויסזאָגונגען אַ סיסטעם, אויסאַרטירן און דאַן קאָנצענטרירן זײַנע געדאַנקען לויט באַשטימטע פּראָבלעמען. קלאָר זענען פֿאַר אונדז פֿון דער גאַנצער לעקטור נאָר די פֿאָלגנדיקע עיקרים פֿון מאַרעווסקיס אַני-מאמין אין טעאַטער: דער שוישפּילער און זײַן קינסטלערישע *פּערזענלעכקייט* איז די צענטראַלע אַקס פֿון טעאַטער. ער מוז טרײַ-זײַענדיק דעם מחבר און אָפּהיטנדיק זײַנע אינטענצן, פֿילאָזאָפֿיע, אײגנאַרטיקייט, *שאַפֿן מענטשישע געשטאַלטן מיטן האַרצן*, וואָס איז דער אײנציקער דורכפֿירער פֿון דער עמאָציאָנעלער ענערגיע צום האַרץ פֿון צושויער. ער איז פֿאַר רעאַליסטישער טעאַטער-קונסט, קעגן טויטע סימבאָלן, קעגן „קונצן“ — פֿאַר קונסט. אין קונסט דאָס איז פֿלאַם, לײַדנשאַפֿט, זעלבסטפֿאַרגעסונג, דערהויבונג, די עמאַנאַציע פֿון אַלע טיפֿענישן, וואָס עס פֿאַרמאָגט דער שוישפּילער-פֿאַרקערפּערער. ער גלויבט אין אינטויציע, אין זיבעטן חוש, וואָס רופֿט אַרויס צום ריכטיקן מאָמענט פֿון דער פֿאַרגעסנקייט טענער, וואָס זענען געלעגן אין אים און געשלומערט און פֿון וועלכע ער האָט פֿריער קײן

אַנונג נישט געהאַט. אין דעם פּרט זענען אינטערעסאַנט די באַשרייבונגען פֿונעם אויפֿקום פֿונעם ניגון אין „דיבוק“. דאָס איז זייער אינטערעסאַנט, זייער באַלערנדיק און טאַקע אמת, וואָרום אין פּראָצעס פֿון קינסטלערישן שאַפֿן זענען עס וועזנטלעכע עלעמענטן. מיר זאָגן געשלומערט, כּדי צו באַטאָנען, אַז אין דעם פֿאַל האָט מאָרעווסקי ריכטיק געפֿונען די דערקלערונג פֿאַר אַ פֿענאָמען, וועלכער וואָלט אָן דעם אַנאַליז געקלונגען, ווי אַ מיסטעריעזע אינספּיראַציע, ווי די „שכינה“, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די פּמליותן. דער קינסטלער זאַפּט אײַן אַ גאַנץ לעבן, זאַפּט אײַן פֿון לעבן און ווי אויף אַ לענטע ווערט עס פֿאַרשריבן אין די געהירן און צום ריכטיקן מאָמענט טויכט עס אויף, ווי אַן אַנטפּלעקונג. אין דער דאָזיקער אינטערפּרעטאַציע ווערט אַלץ געשטעלט אויפֿן אָרט. אַזאַ פֿאָרמולירונג פֿון אינטואיציע איז אין הסכּם און נישט אין סתירה מיט מאָרעווסקיס צוגעבונדנקייט צום רעאַליסטישן טעאַטער, מיט זײַן קאַמף פֿאַרן רעכט פֿון שוישפּילער נישט צו זײַן בלויז אַן אינסטרומענט פֿון דער רעזשיסערישער אַלמאַכט. אין דעם פֿערטן באַנד איז דער דאָזיקער געדאַנק אויסגעדריקט בעסער ווי אין אַלע פֿריערדיקע בענדער. דער קינסטלערישער געוויסן איז דער וועכטער פֿון אמתן שוישפּילער און ווער עס פֿאַרמאָגט עס נישט — דער איז נישט קיין קינסטלער. טעאַטער — דאָס איז אַ קונסט־פֿאָרם פֿון דירעקטער באַווירקונג, איר קולטור־אויפֿגאַבע איז אין ברייטסטן זין אַ דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע. און מיר גלייבן מאָרעווסקין, ווײַסנדיק, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט אַ שמייכל אפֿילו צו דער פֿאַרפֿירערישער האַמע שונד און ביליק טעאַטער, אַז ער האָט געקעמפֿט פֿאַר קולטור אין יידישן טעאַטער און פֿאַר דער דערהויבונג, פֿאַרן אָרט פֿון שוישפּילער־קינסטלער אין יידישן טעאַטער.

מאָרעווסקי ווײַזט דעם לייענער די קיך פֿון טעאַטער. דאָס דאַרף מען אויך. דאָס האָט אַ דערקענטעניש־באַדײַטונג. טעאַטער איז נישט נאָר קונסט, טעאַטער איז אויך קאָמערץ, און טעאַטער און בײַם טעאַטער זענען טעטיק לעבעדיקע מענטשן מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. אַ סך קאָמפּאָנענטן שאַפֿן ערשט דאָס, וואָס מען רופֿט אָן דעם מצב אין טעאַטער. מאָרעווסקי ווײַזט דעם דאָזיקן מצב ווי ער האָט אים געזען, אָפּגעפֿילט און פֿאַרשטאַנען.

אין די „זכרונות און רעיונות פֿון אַ יידן אַן אַקטיאָר“, בפֿרט פֿון אַזאַ שוישפּילער ווי מאָרעווסקי, קאָן מען געפֿינען זייער פֿיל אינטערע־

סאַגטס און זייער פיל ענינים וואָלטן זיך געלאָזט אַרומרעדן. ווייל אָבער ס'איז אוממעגלעך זיך אַריינצולאָזן אין פּרטים, מוזן מיר זיך באַגרענעצן מיט דאָס שוין געזאָגטע און נאָר צוגעבן, אַז דער פערטער באַנד איז באַזונדערס וואָגיק הן לויט די זכרונות און הן לויט די געדאַנקען און ווי באַקאַנט יענען געדאַנקען זייער אָנשטענדיק — זיי רופן אַרויס רעיונות אויך ביים לייענער. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס פאָדערט זיך פון יעדער לעקטור.

יעטע האָט זיין ביאָגראַפיע אָנגערופן „דיכטונג און וואַרהייט". ביי אַ קינסטלער איז עס אזוי — די דיכטונג ליגט אין דער וואָרהייט און די וואָרהייט אין דער דיכטונג. מאָרעווסקי דערציילט אויף די זייטן 255 — 259, אין קאַפיטל „דער שטורעם", ווי ער האָט אָנגעהויבן זיין לעבן מיט מאַגיע לעגצנער. ווי ער שילדערט וועלן מיר נישט ציטירן. מיר וועלן נאָר ברענגען דעם לעצטן אָבזאַץ:

„ביסט אַ וונדערבאַרער שרייבער און אַ גאָטגעבענטשטער דיכטער און אַלע אויסגערעכנטע פאַקטן זענען פינקטלעך... נאָר... קיין שטורעם אויפן ים איז יענעם טאָג נישט געווען... מיר זענען געווען אויף אַ הויכן פעלז און אויף צוריקוועג אַהיים ביסטו געגאַנגען פאָרויס און מיך איבער־געלאָזט פון הינטן. איך בין נאָכגעגאַנגען און זיך געפילט דערדריקט און אומגליקלעך". אַזוינס האָב איך דערהערט פון מיין קעניגין 35 יאָר נאָך יענעם טאָג, ווען איך האָב איר איבערגעלייגט דאָס בלאַט וועגן שוימען און גאַטור־אויסברוך".

דער דאָזיקער זאַץ איז מלא חן. אײן פּאַקט איבערגעלעבט דורך צוויי הערצער — זענען צוויי פאַקטן. ווייל דיכטונג און וואַרהייט מישן זיך אויס. מאָרעווסקים מעמוארן געווינען נאָר דערפון, וואָס זיי זענען דיכטונג און וואַרהייט.

שמועסן וועגן וואָרט־קונסט

א. ווי דער שטיין וואָס ווערט געוואָרפֿן אין וואַסער

דער געדאַנק, אַז שעפֿערישקייט איז אַ נישט קאָנטראָלירטער פּראָצעס, כמו אַ שפּיל פֿון אומבאַוווּסטע כּוחות, וואָס מען ווייס נישט פֿון וואַנען ער קומט, נאָר וואָס באַווייזט זיך אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער קינסטלער געפֿינט זיך ביי זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט — דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר אַלעמאָל אויסגעזען פֿאַלש.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער אמתן איז די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג אַ לעגענדע, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך אַ טייל קינסטלער, וואָס האָבן אויס פּאָזע און געפֿיל פֿון העכערקייט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר טרעגער פֿון רוח הקודש. דער זין פֿון אַזאַ פּאָזע איז אַלעמאָל לפּי ערך געווען אַזאַ: אונדז איז מער דערלויבט, ווייל מיר זענען פֿון אַן אַנדער טייג געקנאָטן, מיר זענען אַנדערע מענטשן און פֿרעגט אונדז נישט קיין קשיות אויך דאָן, ווען איר פֿאַרשטייט אונדז נישט — אונדזער שאַפֿן איז אַן אַנטפּלעקונג פֿון וועלכער מיר אַליין גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון; אַן אומבאַקאַנטע קראַפֿט ליגט אין אונדז און זי איז דער דעמיורג. מיר זענען נאָר זיינע געהאָרכזאַמע אויספֿירער.

ניין, ס'איז נישט אַזוי. דער שעפֿערישער פּראָצעס איז די העכסטע פֿאָרם פֿון קאָנצענטרירטקייט און אָרגאַניזירטקייט, בכן — פֿון סאַמע געשפּאַנטער קאָנדענסירטער ניכטערקייט. די מוזע קומט נישט פֿון אָלימפּ, זי איז נישט די שכינה, וואָס נידערט אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד, זי איז נישט די בת השמים — אַ סימן, אַז זי ווערט געבוירן אויף דער ערד און די התחלה פֿון אַלע קונסטן, היסטאָריש גענומען, איז געלעגן אין דער פּראָזאַישער מלאכה. און נאָך — קונסט איז נישט קיין פֿאַרגעסן זיך, קיין שכחה, נאָר גאָר להיפּוך, אַ שאַרפֿע דערמאָנונג. זי פֿאָדערט די צונויפֿנעמונג פֿון אַלע גייסטיקע כּוחות, פֿון דער גאַנצער דערפֿאַרונג און פֿון גאַנצן וויסן פֿון קינסטלער. דער לעצטער ווערט אינספּירירט פֿון דער וועלט אַרום, פֿון אָבסערווירטע דערשיינונגען. זיין

קוואַל איז דאָס לעבעדיקע לעבן. וואָלט עס אַנדערש געווען, וואָלט דער קינסטלער געשעפּט נאָר פון זיך אַליין, פון עפּעס א ספּיריטואַליסטיש און אומדערקענטלעך וועזן, וואָלט זיין פאַנטאַזיע זייער גיך אויסגעשעפּט געוואָרן, זיין טאַלאַנט וואָלט נישט אויסוואַקסנדיק פאַרטריקנט און פאַרדאַרט געוואָרן.

צי ער וויל עס יאָ, צי ער וויל עס נישט, דריקט תמיד דער קינסטלער אויס נישט זיך אַליין, אַן אָפּגעטיילטן, איזאָלירטן, א פאַרשלאָסענעם אין ענגן קרייז פון אַ ספּיריטועלן „איך“, נאָר דווקא עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרבינדט אים מיט די אַנדערע מענטשן סיי אין וואָך, סיי אין יום־טוב. אַנדערש וואָלט ער בכלל נישט פאַרשטאַנען געוואָרן און נישט געקאָנט אויפגענומען ווערן מיט די געהירן פון אַנדערע. נאָר דערפאַר, וואָס ער געפינט זיך צווישן אונדז און מיט די גייסטיקע אייגנשאַפטן אין אונדז, פונקט ווי מיר געפינען זיך אין אים — איז ער ביכולת אונדז אָנרעגן, אויפשוידערן, באַווירקן, און דער עיקר — נאָר דערמיט איז ער אונדז נייטיק.

דאַכט זיך, אַז דאָס זענען אַלטע, עלעמענטאַרע און אַלגעמיין באַוווּסטע, באַנאַלע אמתן. און דאָך קומט אויס ביז היינט צו דעמאַסקירן די רעצידיוון (און מען דאַרף זאָגן אָנוואַקסנדיקע רעצידיוון) פון דער שכינה־טעאָריע פון די אינדיווידואַליסטן און דעקאַדענטן, וועלכע זענען בלומרשט איבערצייגט, אַז זיי האָבן רעכט נישט צו פאַרשטיין אַפילו זייערע אייגענע ווערטער.

ווילט זיך אונדז א שמועס טאָן וועגן ענינים פון ליטעראַטור און קונסט מיטן פּשוטן לייענער און צוזאַמען מיט אים פּרווון זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַ ריי פראַגן.

ס׳אונטערליגט דאָך נישט קיין ספק, אַז קונסט אָן אַן אָפּנעמער איז אַ טויטע זאַך. מיר קאָנען זיך דאָך נישט פאָרשטעלן ביכער אָן לייענער, אַ טעאַטער אָן אַן עולם, מאָלעריי — אָן אַן אָנקוקער. דער עצם פון שאַפן איז דער ווילן א י ב ע ר צ ו ג ע ב ן — געדאַנקען, געפילן, בילדער, שפּירונגען. די קונסט קאָן דאָך נישט האָבן קיין אַנדער ציל, ווי צו באַווירקן. קונסט לשם קונסט איז אַ צביעותדיקע אויסטראַכטעניש, וואָס דאָס לעבן לייקנט טאָג־טעגלעך אָפּ. ווען קונסט זאָל זיין נאָר שיינקייט אַפילו, וואָלט זי אויך געשאַפן געוואָרן פאַרן געברויך, ווי פערל צו טראָגן אויפן האַלדז. דאָס וואָס קאָן נישט געברויכט ווערן

האָט קיין שום ווערט נישט — אומאָפּהענגיק זענען עס פּראָדוקטן פון פיזישן אָדער גייסטיקן שאַפן.

אויפנעמען אַ קונסט־ווערק איז אויך אַ שעפערישער פּראָצעס, אַפילו נישט קיין פּאַסיווער, נאָר בפירוש אַן אַקטיווער, טעטיקער. דער קינסטלער וויל באַזיניקן דערשיינונגען פון פאַרשידענער אַרט און וויל באַזיניקן אויך זיין אייגענעם שאַפן; דער געניסער, דער אָפּנעמער מעג, חוץ אַלעמען, אויך וועלן באַזיניקן סיי דעם פּראָצעס פון אויפנעמען, סיי די פּסיכאָלאָגיע פון שאַפן.

אַן אמת קונסט־ווערק דערוואַרט אַן אויפנעמער מיט אַ רייך איינגעוויקסט לעבן, אַן אָפּהופלעך־שפּירעוודיקן, אַ פעיקן צו אַנטציקן זיך, באַוווּנדערן און קודם כל — מיטצולעבן. צווישן איין קינסטלער און אַ צווייטן איז אַ נפקא מינה, אָבער צווישן איין לייענער און אַ צווייטן אויך. און הגם די ווירקונג פון אַ קונסט־ווערק איז אַן אוממיטלבאַרע, דאָך איז דער אָביעקטיווער כוח פון באַווירקן אָפּהענגיק פון דעם סוביעקטיוון כוח פון דעם אָפּנעמער. נאָכמער, דער אָפּנעמער, דער „קאָנסומענט" איז אַ מיטשעפער. האָט דאָך נאָך וואָלטער בשעתו געשריבן:

„די מאמע נוצלעכסטע ביכער זענען די, וואָס אַ העלפט פון זיי שאַפט דער לייענער; ער אַנטוויקלט די געדאַנקען וועמענס שפּראָצונגען עס ווערן אים פאָרגעלייגט; ער פאַרריכט דאָס, וואָס אים דוכט זיך אויס פעלערהאַפט, ער באַקרעפטיקט מיט זיינע דערקלערונגען דאָס, וואָס איז לויט זיין מיינונג שוואַך אויסגעדריקט געוואָרן".

אַ קינסטלעריש ווערק איז אַ קוואַל פון אָנרעגונג. עס צווינגט צו טראַכטן נישט בלויז וועגן דעם, וואָס איז פאַראַן אין בוך, נייערט אויך וועגן דעם, וואָס אין בוך איז נישט פאַראַן, וואָרום עס רופט אַרויס פערזענלעכע דערינערונגען, פרישט אָפּ עפּעס פון דער פערזענלעכער דערפאַרונג, פירט צו פאַרגלייכן, שטויסט צו פאַראַלגעמיינערונגען, פאַרשאַרפט דעם אינטערעס צו די אַרומיקע, פאָדערט אויף זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין אייגענע געפילן און מעשים.

אין דעם שטעקט דער כוח און דער סוד פון דער קונסט, וואָס זי שטייט אויף אַ גרויסע גייסטיקע אַרבעט אין געניסער, אַן אַרבעט וואָס לאָזט זיך נישט באַגרענעצן מיטן דירעקטן מאַטעריאַל וואָס עס אַנט־

האַלט. געמען געהערט דער קלוגער שפּרוך: „דעם מאַטעריאַל זעט יעדערער פֿאַר זיך, דעם אינהאַלט געפֿינט נאָר דער, וואָס האָט צו אים עפּעס וואָס צוצוגעבן". וואָלט אַ קונסט־ווערק נישט אַרויסגערופֿן קיין לאַנגע קייט אַסאָציאַציעס, וואָלט עס געווען באמת נאָר אַ שפּיל, אַ פֿאַרווײַלונג, אַ מער־ווייניק אָנגענעמער צייט־פֿאַרטרייב.

אין דער אומצערײַסלעכער קאָנטאַקטירונג צווישן שעפֿער און געניסער — אין דעם וואָס דער קינסטלער שאַפֿנדיק אַ קאָמפּאָזיציאָנעלע געדאַנקלעכע און בילדלעכע איינהייטלעכקייט עפֿנט פֿאַרן געניסער פֿון זיין קונסט די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פֿון די ראַמען פֿון קונסטווערק אין דער ספֿערע פֿון אייגענע געדאַנקען און איבערלעבונגען — אין דעם שטעקט די אומגעהויערע איפּטוערישע באַדייטונג פֿון דער קונסט.

ווי אַ שטיין וואָס ווערט געוואָרפֿן אין אַ שטיל וואַסער רופֿט אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך קרייזן וואָס ברייטערן זיך אַלץ איים, פּונקט אַזוי רופֿט אַן אמת קינסטלעריש ווערק אַרויס אַסאָציאַציע־קרייזן אין אונדזער נשמה, פֿאַרכאַפּט אונדז, שטורעמט אויף דאָס געמיט און באַפֿרוכפּערט עס. טאַקע דערפֿאַר קאָן מען זאָגן, אַז אַ בוך, וואָס מען קאָן נישט לייענען אַ צווייט מאָל איז נישט כדאי געווען צום לייענען אין ערשט מאָל. אין אַן אמת קינסט־ווערק וועסטו יעדעס מאָל דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס דו האָסט פֿריער נישט דערזען, יעדעס מאָל רופֿט עס אַרויס נישט די זעלבע, נאָר דווקא נייע רעגונגען, נייע געפֿילן און שטימונגען.

ב. די ספּעציפיק פון דער וואָרט־קונסט

.1

אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיטן געביט פון מענטשלעכער פּסיכיק איז זייער קאָמפּליצירט. די פּסיכישע לאַבאָראַטאָריע פון מענטשן אַרבעט אונטערן דרוק פון אויסערלעכע פאַקטאָרן און עס זענען נישט פאַראַן קיין אַגרעגאַטן, אינסטרומענטן און פּראָבירקעס, וואָס זאָלן געבן אַ מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן און דערקלערן די געזעצמעסיקייטן פון די באַציונגען צווישן די אויסערלעכע פאַקטאָרן און פּסיכישע רעאַקציעס. נישטאָ דערווייל אַזוינע אָביעקטיווע מאָסן און וואָגן, וואָס זאָלן באַוואָפענען דעם אַנאַליטיקער פון שעפערישן פּראָצעס אין זיין אַרבעט. דער רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען איז בכן קיינמאָל נישט עקזאַקט, נישט אַדעקוואַט, קיינמאָל נישט 100־פּראָצענטיק אָביעקטיוו, תמיד לפי־ערכדיק.

ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַזאַ דערשיינונג, ווי דאָס ש ע פ ע ר י ש ע וו אָ ר ט, ווערט דער ענין נאָכמער קאָמפּליצירט צוליב דער באַזונדערער אייגנאַרט פון דער וואָרט־קונסט.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין ווייטע דרכים, ווילן מיר אָפּמערקן נאָר פאָלגנדיקס.

דאָס וואָרט איז די מאַטעריע פון געדאַנק. די צרה איז אָבער, וואָס די דאָזיקע „מאַטעריע“ איז אַליין אַ גייסטיקע אייגנאַרט, זי עקזיסטירט נישט אין דער נאַטור אַן און פאר זיך. זי איז נאָר אַן איבערזעצונג, אַ שפּיגל פון קעגנשטאַנדן, שפּירונגען, געדאַנקען. זי איז פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכער הושימדיקער וועלט ווי דער שאָטן, וואָס עקזיסטירט נישט באַזונדער.

וואָס איז, אין פּשוטע ווערטער, ד י מ ע כ אַ נ י ק פון דער קונסט? די זעלבע מעכאַניק וואָס אין דער מלאכה: מיט דער הילף פון

אינסטרומענט פאַרענדערן דעם געגעבענעם מאַטעריאַל און דערשלאָגן זיך די א ו י פ ג אַ ב ע, וואָס עס שטעלט זיך דער מייסטער. א סקולפּטאָר, וואָס אַרבעט, דהיינו, אין מאַרמאָר, גראַניט, ליים אָדער האָלץ, נעמט אַראָפּ פון מאַטעריאַל אַלדאָס איבעריקע און פאָרמירט אים לויט זיין פאַרטראַכט און אידעע. פונקט אַזוי טוט דער אַרבעטער ביי דער פרעזמאַשין. אויך ער מאַכט פון דער „באָלוואַנקע" די פיגור, וואָס איז אים פאַרגעבן אין דער צייכענונג. ווערט געמאַכט אַ סקולפּטור אין גיפּס אָדער בראָנז, מוז מען די פיגורן אָפּגיסן פון פאָרמעס, וואָס זענען פריער צוגעגרייט געוואָרן און דאַן דערמאָנט עס די עבודה פון שטאָל= און טשוהון=גיסער. דער מאָלער אָפּערירט מיט אַזוינע מאַטעריאַלן ווי לייוונט, פּאַפּיר, פּענזל, טוש, פאַרבן. דער מאַטעריאַל פון מוזיקער זענען פאַרשידענע מיניגים אינסטרומענטן, זיין פּראָדוקט — קלאַנגען, וואָס זענען אויך מאַטעריעל — מען קאָן זיי אויסרעכענען און אויסמעסטן זייער לענג און צאָל וויבראַציעס.

דער וואָרט=מייסטער האָט צו טאָן מיטן ווערטער=לעקסיקאָן. דאָס איז זיין מאַטעריאַל. פיל צענדליקער טויזנטער ווערטער זענען די ציגל פון וועלכע ער בויט זיין געביידע. יעדעס וואָרט איז כולל אַ באַגריף, אַ קעגנשטאַנד, א באַוועגונג. יעדעס וואָרט פאַר זיך איז לפי=ערך באַשטימט, קאָנקרעט. דאָס איז דער פ ע ס ט ע ר מ אַ ט ע ר י אַ ל צום געברויכן. ד ע ר ב אַ ד יי ט פון וואָרט קאָן אָבער נישט געמאָסטן ווערן מיט זיין לענג און קאָנפיגוראַציע, נאָר מיט זיין זין, מיט זיין סעמאַנטיק, וואָס איז אַ ריין גייסטיקע סובסטאַנץ. ווען דאָס וואָרט הייבט אָן געברויכט צו ווערן, ווערט לעבעדיק, הייבט אָן שפּילן אַ געוואַלדיקע ראָל די אינטאָנאַציע, דער סדר, די קאָנפיגוראַציע פון דער פראַזע. דאָס פאַרשרייבן פיקסירט די מאָמענטאַלע אַרבעט איבערן וואָרט. עס ווערט א יש. דער דרוק מולטיפּליצירט און דערטראָגט די מייסטערישע פראַזע צום לייענער.

דער געדאַנק און געפיל, וואָס איז אויפגעקומען אין מאָמענט פון שאַפן און וואָס איז געווען אַן אויפטויך, אַן אָפּפרישונג פון שוין איינמאָל איבערגעלעבטן און אָפּגעשפּירטן ווערט אויף אַזאַ אופן מאַטעריאַליזירט, ווערט פאַרשפּרייט אין אידענטישע עקזעמפּליאַרן אבסאָלוט פון זעלבן ווערט — אין ביכער. דער שאַפונגס=מאָמענט, די געמיט=אָנלאָדונג, די אויפגעקומענע געדאַנקען=אַסאָציאַציעס הייבן אָן אַן אומפאַרענדערט לעבן. זייער אָביעקטיווער ווערט ווערט רעאַליזירט ערשט דעמלט ווען ס'נעמט

זיי געברויכן דער „קאָנסומענט“, דער געניסער, ד. ה. אַן אַנדער מענטש. די פּאָטענציעלע קראַפט, וואָס ליגט פאַרפרעסט אין די שורות רייסט אויף, הייבט אָן דורכפירן איר ארבעט אין מאָמענט ווען מען נעמט זי געברויכן. און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער פּראָצעס: די קאָנסומירנדיקע און מיטשעפערישע אַרבעט פון דעם געברויכער, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט פריער. דאָס אומפאַרענדערלעכע, פיקסירטע דרוק־וואָרט הייבט אָן באַקומען די ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע באַפאַרבונג פונעם געניסער.

.2

וועגן דעם, וואָס פאַר אַ פּראָצעסן ס'האָבן אַן אָרט ביים געניסן פון אַ קונסט־ווערק, זעען מיר אויפן ביישפּיל פון דער קריטיק. פאַרשידענע קריטיקער נעמען אויף אנדערש איינס און דאָס זעלבע קונסט־ווערק. הגם זיי באַמיען „זיך“ נישט אַריינצומישן און שטרעבן צו אָביעקטיווע קריטעריעס, זעען מיר דאָך אין די נפקא־מינהס בולט דעם סוביעקטיוון עלעמענט.

אַ קריטיקער איז אין לעצטן סך־הכל נאָר אַ קוואַליפיצירטער לייענער, וואָס טיילט זיך מיט זיינע געדאַנקען און שפּירונגען ביים לייענען און געניסן יענעמס ווערק. אַזאַ מיינונג, למשל, האָט געהאַט וועגן זיין אַרבעט דער באַרימטער קריטיקער געאָרג בראַנדעס (די ציטאַטעס און פאַר־רופונגען מיט וועלכע איך באַנוץ זיך שייל איך אויס פון מיין זכרון. איך ענטפער נישט דריבער פאַר זייער וואָרט־קלאַנג, נאָר פאַר זייער זין). בראַנדעס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס זענען מ יי נ ע מיינונגען, מ יי נ ע געדאַנקען, מ יי נ ע געפילן ביים געניסן פון קונסט־ווערק.

פאַרשטייט זיך (און דאָס איז אַ דיגרעסיע), וויבאַלד קריטיק איז געוואָרן אַ באַזונדערע ליטעראַטור־פּראָפעסיע, האָט זי זיך אָנגעלעבט חסרונות פון אַ סך אַנדערע פּראָפעסיעס, וואָס וואַרפן ארויס „סחורה“ אויפן מאַרק. נישט ווייניק האָבן זיך באַוויזן און באַווייזן זיך קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס באַגרענעצן זיך מיט איבערדערציילן דעם טרוקענעם אינהאַלט, דערגעבנדיק עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן די מעלות און חסרונות פון געגעבענעם ווערק. נאָר לייענען אַזאַ קריטיק, וואָס גיט גאָרנישט נישט דעם מוח און נישט דעם האַרץ, איז באמת אַרויסגעוואָר־פענע מי. אַ קריטיקער, ווי יעדן מענטש, קאָן מען מוחל זיין פעלערן (ביי

.ווען אַ קריַ=
טיקער נעמט זיך דאָס רעכט צו שרייבן וועגן ביכער, צו וועלכע ער איז
אַבסאָלוט גלייכגילטיק, וועלכע האָבן אים נישט אָנגערירט, נישט אַרויס=
גערופן ביי אים נישט קיין באַגייסטערונג, נישט קיין פּראָטעסט. ער שרייבט
דאַן נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט באַקומען אַן אויפגאַבע פון רעדאַקציע.
עס גלויבט זיך קוים, אַז יעדער קריטיקער קאָן אָנשרייבן וועגן יעדן באַ=
ליביקן בוך. פאַרשטייט זיך, פּראָפעסיאָנעלע געוווינשאַפט, א באַשטימטע
ערודיציע און אַ פאַרטיקער רעזערוו טערמינען מאַכן אים נישט שווער
אָנצושרייבן אַן אַרטיקל. אין אַזאַ אַרטיקל וועט אויבנאויפיק זיין אַלץ גלאַ=
טיק. אין תוך וועט עס אָבער זיין פּוסט. ס'וועט נישט שלאָגן אין דעם
קיין געדאַנק און קיין געפיל. און אָן דעם — פאָדערט אויך נישט קיי=
סטיל. מיר רעדן דעריבער נישט סתם וועגן קריטיקער, נאָר וועגן קריטי=
קער, ביי וועלכע זייער פּראָפעסיע איז אַ באַרוף. קריטיק דאָס איז דאָך
אַ קאַמף פאַר איבערצייגונגען, פאַר א וועלט=אָנשויונג, פאַר געשמאַקן.
דער קריטיקער דערווייזט, מאָטיווירט, פאַרטיידיקט, קלערט אויף, פאַלט
אָן, עס קאָכט אין אים, ווייל אין זיין שרייבן, פּונקט ווי ביים קינסטלער,
אַנטפּלעקט זיך זיין פּערזענלעכקייט. און אין יעדער קונסט איז פּערזענ=
לעכקייט — אַלץ.

דער פּראָפעסיאָנעלער קריטיקער אונטערשיידט זיך פון געוויינלעכן
לייענער דערמיט, וואָס ער שטעלט זיך די פראַגע: „ווי אַזוי איז עס גע=
מאַכט געוואָרן?“ אין דער צייט, ווען דעם לייענער אינטערעסירט דער
עיקר: „וואָס זשע לאָזט עס מיך צו הערן?“ דערפאַר פאַרנעמט זיך דער
קריטיקער הויז מיט דער סאָציאָלאָגיע פון דער קונסט, ד. ה. מיטן אי=
בערזעצן, אָדער אַריבערפירן די וועלט פון בילדער אין דער וועלט פון באַ=
גריפן און אַנאַליזירן זייער געזעלשאַפטלעכע אָפּשטאַמונג און געזעלשאַפט=
לעכע באַשטימונג, — אויך מיט א פּרטימדיקן אַנאַליז פונעם ווערטער=
באַנוץ, בויונג פון דער פראַזע, פאַקטור, סטרוקטור און קאָמפּאָזיציע פון
ווערק, מיטן געוועב וואָס בינדט צונויף די באַזונדערע טיילן, דעם פאָדער=
גרונט און הינטערגרונט. קורץ — ער אַנאַליזירט די עלעמענטן פון דער
מייסטערשאַפט. דערביי בויט ער זיינע באַטראַכטונגען אויפן פונדאַמענט
פון זיין אייגענער וועלט=אָנשויונג, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס, אַזוי
אָדער אַנדערש באַפאַרבט דורך זיין קלאַסן=אָנגעהעריקייט, אָדער קלאַסן=
סימפּאַטיעס. נעמט אַראָפּ די דאָזיקע ספּעציפיק פון זיין פּראָפעסיע, וואָס
איז אין אַ געוויסן גראַד אַ מעטאָדאָלאָגישע, אַ מער אָדער ווייניק אויס=

געלערנטע, איז ער בלויז אַ לייענער, אַ צושויער, אַ געניסער, און דער דיאַפּאַזאָן פון זיין אויפנעמערישקייט איז, פּונקט אַזוי גוט ווי ביים אַלגעמיינעם לייענער, אַ פּראָדוקט פון זיינע גייסטיקע אבסאָרביר=פעיקייטן.

.3

וואָס אנטוויקלטער ס'איז דער קונסט=געניסער, אַלץ אַקטיווער איז זיין רעאַקציע.

אַן אַקטיווע רעאַקציע איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר געניסער פון יעדער אַרט גייסטיקער פּראָדוקציע, נישט דווקא פון דער קונסט. ביים לייענען וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק, ד. ה. ביים נוצן אַ לעקטור, וואָס האָט צו טאָן מיט באַגריפן און נישט מיט פּלאַסטיק, מיט בילדערישקייט, ווי ס'איז אין דער ליטעראַטור און קונסט — האָבן מיר אויך צו טאָן מיט זייער אַ שאַרפער רעאַקציע, אין וועלכער ס'זענען געוויס פאַראַן מאָמענטן עמאָציאָנעלע. אין קונסט אָבער איז די רעאַקציע הויפּטזעכלעך אַן עמאָציאָנעל=אוממיטלבאַרע. דאָס איז איר ספּעציפיק.

ביי דער לעקטור פון נישט=קינסטלערישער ליטעראַטור איז אונדזער רעאַקציע אַ כּהרף=עין=דיקע. מיר נעמען אָן אָדער וואַרפן אָפּ באַגריפן, פעסטשטעלונגען, מיינונגען. ביי דער לעקטור פון קינסטלערישער ליטעראַטור גיבן מיר זיך *לכתחילה אונטער*, מיר ווערן באַהערשט דורך אַ פרעמד לעבן, גייען פוסטריט מיט זיינע איבערלעבונגען און טאַטן, באַקענען זיך מיט זיין נאָענטער מסיבה און מוזן דערגיין ביזן לעצטן זייטל. ווען מיר וואַרפן אַפילו אָפּ אַ גרונט=טענדענץ, די אַלגעמיינע איינשטעלונג פון אַ געוויס קונסט=ווערק, מוזן מיר זיך לכתחילה אונטערגעבן, וואָרום אַנדערש זענען מיר נישט פעיק אויפצונעמען, געניסן, הנאה האָבן. ערשט נאָכדעם, ווען מיר האָבן שוין דאָס דורכגעלייענטע קונסט=ווערק הינטער זיך, זענען מיר פעיק פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם רושם, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אונדז, און אָפטמאָל זיך באַפרייען פון דאָס אויפגענומענע, ווי פון אַ טשאַד, וועלנדיק אויסלופטערן אונדזערע געהירן און אונדזער געמיט. דאָס איז שוין דער כּוח פון דער קינסטלערישער מייסטערשאַפט: *אַפילו כּדי זיך צו באַפרייען, מוזסטו זיך פריער לאָזן פאַרקנעכטן, זיך איבערגעבן אין רשות*. קונסט האָט אין זיך עפּעס פון נאַרקאָטישן אָדער היפּנאָטישן, ווי איר ווילט.

גרויסע שרייבער און גרויסע דענקער זענען קודם־כל אויסגעצייכנטע און ליידנשאַפטלעכע לייענער. זיי זענען געוואַלדיק פילבאַר און רעאַגירן אויף דאָס געלייענטע זייער שטורמיש. ווי אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען צוויי גרויסע רוסן: לעוו טאָלסטאָי און וולאַדימיר לענין.

דער לעצטער האָט ביים לייענען נישט נאָר אויסגעשריבן די ערטער, וואָס זענען אים באַזונדערס געפעלן געוואָרן, אָדער אויסגעזען וויכטיק, ער האָט תיכף מיטן בלייפעדער פאַרשריבן אויף די ראנדן קורץ, געוואַלדאַרטיק און פינקטלעך זיין אָפּרוף.

אַזוי, למשל, בלעטערנדיק אַ זאמלונג פון „לענינישע העפטן" דערווייסן מיר זיך פון די אויפשריפטן זיינע אויף די ראנדן, ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט אויף דאָס געלייענטע. „שטות!", „כאַ־כאַ", „סוואָלאָטש! גאָט איז אים אַ שאָד!", „ריכטיק", „ערלעד", „אַ הענדלער!", „ווער — וועמען?", „גוט געזאָגט!", „אַ פּרודאָניסט אַ שוטה, אַ באַנקיר קען געלט!" א. אַ. וו. א. א. וו. אַלע ראנדן זענען פאַרשריבן, אומעטום פילט איר, ווי לעבעדיק עס שלאָגט דער געדאַנק. דאָ איז אַלץ פאַראַן: אי צאָרן, אי פאַראַכטונג, באַשטעטיקונג און אָפּלייקענונג, פאַרגעניגן און פרייד, סאַרקאַזם און איראָניע. אַלע געפילן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די דאָזיקע קורצע שורות. און דאָס זענען דאָך געווען נאָר באַמערקונגען געמאַכטע פאר זיך אַליין.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַרויס אַ צען בענדער פון טאָלסטאָיס „דער קרייז פון לייענען". האָרטן זענען פאַראַן אָן אַ שיעור ציטאַטן, וואָס טאָלסטאָי האָט אויסגעשריבן פון געלייענטע ווערק — דער עיקר אויפן געביט פון קונסט, אויך פילאָזאָפיע, טעאָלאָגיע, געשיכטע. וועגן איבערגעלייענטע קונסט־ווערק האָט ער איבערגעלאָזט קורצע און לאַנגע אָפּהאַנדלונגען, וואָס טייל פון זיי זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַזונדער.

און ס'איז אויפפאַלנדיק, וואָס קיינמאָל מערקט טאָלסטאָי נישט אָפּ באַזונדערע זאַצן און געדאַנקען (ווי לענין האָט אָפּגעמערקט, לייענענדיק פילאָזאָפיע, עקאָנאָמיק און פובליציסטיק) פון געלייענטער קינסטלערישער ליטעראַטור, נאָר אַלעמאָל זענען עס אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. ווען ער האָט, דהיינו, איבערגעלייענט טשעכאָווס דערציילונג „דושענקאַ", האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן, אַז טשעכאָוו האָט נישט אויסגעלאַכט און דעמאַסקירט די פרוי, נאָר להיפוך, אַרויסגעוויזן איר העכסטע טוגנט, אויפגעכאַפּט דעם עיקר־

שטריך פון דעם פרויען=כאַראַקטער, וואָס אַנדערע האָבן עם אויסגעטייטשט פאַר נישטיק און ער, טאָלסטאָי, פאַר שיין און דערהויבן.

אין די ביישפילן ווילן מיר געפינען אַ באַשטעטיקונג פון געדאַנק און אַן אילוסטראַציע צו אים, אַז די רעאַקציע אויף ווייסנשאַפטלעכע און פובליציסטישע ווערק איז אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי די רעאַקציע ביים לייענען קונסט=ווערק. אין קונסט=ווערק האָבן באַזונדערע געדאַנקען קיין עיקרדיקן ווערט נישט, זיי כאַראַקטעריזירן נישט דאָס ווערק אינגאַנצן גענומען. אַ קונסט=ווערק מוז מען פריער אויפנעמען אינגאַנצן, אוממיטלבאַר, מען מוז זיך, ווי איך האָב זיך אויסגעדריקט, עם אונטערגעבן, אַפילו דאַן, ווען שפּעטער מעגט איר עם אָפּוואַרפן.

אויב דאָס קונסט=ווערק איז אַן אמתדיקע מאַטעריאַליזירונג פון גייסט, איז דער פּראָצעס פון אויפנעמען, געניסן, פון לייענען, — די טראַנספּאָרמאַציע פון מאַטעריע אין גייסט, מיט אַ צוגאָב פון דער אינטעלעקטועלער און עמאָציאָנעלער שעפערישער טעטיקייט פון אָפּנעמער.

ג. וועגן דער „מוזע“

דער שעפערישער פּראָצעס איז נישט קיין מיסטעריעזער אקט, אָבער אויך נישט קיין געוויינלעכער, וואָכעדיקער צושטאַנד. נישט אומזיסט ווערן אויף צו באַצייכענען דעם שעפערישן פּראָצעס באַנוצט אַזויגע גאַנץ נעפּלדיקע ווערטער, ווי „די מוזע איז צו אים געקומען“, עקזאַלטאַציע, התלהבות און דאָס רוסישע וואָרט, וואָס האָט נישט קיין עקוויוואַלענט אין יידיש „וודאָכנאָוועניע“. אין מאַמע־לשון איז, דוכט מיר, קיין אנדער באַצייכענונג נישטאָ ווי „שטימונג“. מען זאָגט דאָך: „אַ שטימונגספולע זאַך“, דער פּאָעט איז געווען אין אַ „וווּנדערלעכער שטימונג“. צומבעסטן דריקן אויס דעם מצב פון שעפערישן מאָמענט די ווערטער „כל עצמותי תאמרנה“. דער שעפערישער אקט איז געווים פאַרבונדן מיט נשמהדיקער דערהויבונג, מיט פאַרשאַרפטער שפּירעוודיקייט און זעעוודיקייט.

געוויסע קינאָ־רעזשיסערן, ווען זיי שאַפן אַ פילם וועגן אַ גרויסן דיכטער אָדער קאָמפּאָזיטאָר, באַמיען זיך צו געפינען די אויסערלעכע פאַרקערפּערונג פון דער אינעווייניקסטער, גייסטיקער אייגנאַרט; זוכן ממשותדיקע פאָרמען פאַר דער אנטפּלעקונג פון שעפערישן פּראָצעס און טרעפן זייער אָפט... מיט אַ פינגער אין אויג. באַווייזן זיך טאַקע אויפן עקראַן משונהדיקע מאַניאַקן, דורך עפּעס אַ שגעון באַהערשטע טיפן, אַרויסגעשלייכטע פון עולם התוהו. דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז, ווי ווייט ס׳איז באַנאַליזירט געוואָרן דער באַגריף — שעפערישער פּראָצעס. אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן בשעתו די שרייבער פּראָטעסטירט קעגן דעם, ווי ס׳איז אין פילם וועגן פּושקינען קרעאירט געוואָרן דער גרויסער דיכטער, וועלכער האָט אויפן עקראַן אויסגעזען ווי אַ באַגייסטערטער מאַניאַק.

קיין ספק נישט, אַז די קאָנצענטרירטקייט און אָנגעלאָדנקייט פון שעפערישן פּראָצעס לייגט אַ שטעמפּל אויך אויפן פּנים פונעם מייסטער, דאָך דערמאָנט ער נישט אין קיין פאַל קיין לונאַטיקער, אָדער היסטערי־

קער, וואָס געוואַלדעוועט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. פאַרטאָן אין דער וועלט פון זיינע בילדער, פון זיין פאַנטאַזיע, פאַרגעסט ער, אין זיין ביחידותדיקער שעפערישער טואונג, אין דער וועלט ארום. דאָס איז אינ־גאַנצן גאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. אָבער ווי ווייט איז דער דאָזיקער קאָנצענטרירטער אַרבעטס־מצב פון דער פאַרשטעלונג וועגן רוח הקודש, אָדער אן אַנדער רוח.

כ'דערמאָן מיך מיין ערשטע באַגעגעניש מיט משה קולבאַקן. דאָס איז געווען אין דער ערשטער צייט פון זיין לעבן אין ווילנע. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ גרויס געדיגנגען צימער אויף גרויס פּאָהולאַנקע, לעבן דער ראָמאַנאָוו־צערקווע. ס'איז געווען אין די פרימאָרגן־שעהן. כ'האָב שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. קיין ענטפער. כ'האָב איבערגעחזרט דאָס קלאַפּן אַ צווייט און דריט מאָל. שטיל. כ'האָב פאָרזיכטיק געעפנט די טיר און געזען: דער דיכטער זיצט ביים שרייב־טיש מיט דער פּלייצע צו מיר. עס איז געווען נישט אַריינצוגיין און נישט אַרויסצוגיין. כ'בין מיט יראת־הכבוד געבליבן שטיין אויפן אָרט. ווי לאַנג כ'בין אַזוי געשטאַנען, ווייס איך נישט. וואַרשיינלעך, נישט מער ווי א מינוט, וואָס האָט מיר אָבער אויסגעדוכט לאַנג. מיטאַמאָל האָט קולבאַק פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון אָרט, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים און לאַנגזאַם זיך גענומען דערנעענטערן. ער האָט געהאַט אין דעם מאָמענט א וווּנדערלעך מילד אין פאַרחלומט פּנים. זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן זענען געווען פאַר־נעפּלט, ווי ער וואָלט זיך אָקאָרשט אויפגעהויבן נישט פון שרייב־טיש, נאָך פון שלאָף. אין אַ פּאָר סעקונדעס אַרום זענען מיר ביידע געזעסן אין פאָטעלן און געשמועסט. ער האָט דאַן דוכט מיר, געשריבן „משיח בן אפרים".

כ'געדענק אין יענעם ערשטן שמועס האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האַלט נישט פון אסאָנאַנסן. אַ גראַם דאַרף האָבן אַ מעטאַלענעם קלאַנג, אַ פולן ווי אַ גלאָק. שפּעטער אַ וויילע האָט ער אויסגעדריקט זיין איבער־צייגונג, אַז אַלע מענטשן אָן אויסנאַם האָבן די פעיקייט איבערצולעבן און שפּירן, אָבער נישט אַלעמען איז געגעבן געוואָרן די פעיקייט אויסצו־דריקן עס אין ווערטער. אין דער נשמה זענען אַלע פּאָעטן — האָט ער געזאָגט.

זיין דעמאָקראַטישער „אני־מאמין" האָט אויף מיר, נאָך דאַן כמעט אַ ייִנגל, געמאַכט אַ טיפן רושם. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען כ'האָב ביי שילערן איבערגעלייענט דעם שפּרוך „אַז דער מוזע": „וואָס איך וואָלט

געוועזן אָן דיר, דאָס ווייס איך נישט, אָבער מיך גרוילט, וואָס הונדערטער און טויזנטער אָן דיר לעבן" — האָב איך אין געדאַנק זיך אַרומגעאַמפּערט מיטן גרויסן דייטשישן דיכטער, פאַררופנדיק זיך אויף דער טעזע פון קולבאַקן, אַז אַלע מענטשן זענען דיכטער, אויך זיי באַזוכט די מוזע, אויך זיי זענען פעיק זי צו באַגעגענען, אַנדערש וואָלטן מיר אין האַנט קיינמאָל קיין ביכל נישט גענומען.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו „פּאַקן" שרייבער אויף דער „הייסער מינוט" — ביים שרייבן. יעדעס מאָל איז עס געווען אַן אַקט פון איבעררייסן דעם פּראָצעס פון שעפערישער צוזאַמענגענומענקייט, וואָס האָט געקאָנט גורם זיין פאַרדראָס און אומווילן, נאָר קיינמאָל האָב איך נישט געטראָפן א מחבר אַזוי אויפגעשרויפט, ער זאָל זיין ווילד, בלינד און גראָב, זאָל אויסזען ווי אַ מאַניאַק.

אין צענדליקער יאָרן שפּעטער, נאָך מיין ערשטער באַגעגעניש מיט קולבאַקן, איז מיר אויסגעקומען אָפּט זיך צו טרעפן מיט „פּאָעטן פון דער טעכניק", מיט פּשוטע אַרבעטער — דערפינדער און סתם אויסגעצייכנטע ספּעציאַליסטן, ביי וועמען זייער אַרבעט איז געווען נישט נאָר אַ זאַך פון פּרנסה, נאָר דער קעגנשטאַנד פון זייער ליבע און דערהויבונג. כ'בין ווידער געווען אַן עד־ראיה פון „שעפערישן פּראָצעס". אַ האַלבע שעה פלעג איך קאָנען אָפּשטיין ביי דער זייט פון אַזאַ „פּאָעט פון טעכניק" און ער פלעגט מיך נישט באַמערקן, אַזוי פאַרמוחט, אַזוי אריינגעטאָן איז ער געווען אין זיינע מחשבות און אַרבעט. אויך ביי אים האָט אַרויסגערופן פאַרדראָס דאָס, וואָס מען שטערט אים. זיין „שעפערישער פּראָצעס" האָט געפאָדערט אויסשליסן אַלדאָס איבעריקע און זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירן אויף דעם וואָס ער טוט. דאָס איז נישט שכחה, נישט שיכרות, דאָס איז געווען ניכטערקייט פון הויכער שפּאַנונג.

אָט צוליב וואָס עס קאָנען אונדז נישט איבערראַשן אַזוינע ביישפּילן ווי דער, אַז די גרויסע ענגלישע שוישפּילערין סידראנס, ביים איינשטודירן די ראָל פון שעקספּירס „ליידי מאַקבעט", האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט קינדער און איז צו זיי נישט אַרויס צום אָוונטברויט.

ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס זי איז געווען „נישט הי". זי איז אין דעם מאָמענט געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין אַרבעט. מיט „אומבאַוווּסטזיין", „בלינדקייט און ווילדקייט" האָט עס אינגאַנצן נישט צו טאָן.

נאָר וואָס זאָלן מיר ווייט גיין זוכן? פּרווט אָפּרייסן א קינד, וואָס איז פאַרטאָן אין ליינען א בוך, פון וועלכן עס איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט

געוואָרן. עס וויינט און לאַכט אויפן קול, מאַכט מיטן העלד דורך אַלע זיינע איבערלעבענישן, איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט פון אַ פרעמד לעבן, וואָס האַלט אים פאַרקלאַמערט מיט זיינע קרעפטיקע אומ־זיכטבאַרע אָרעמס. וואָס פאַר אַ פאַרדראָס שפּירט עס, ווען איר נעמט אים מיט כּוח אַוועק צום אָונטבריט. און איר וועט זאָגן, זעענדיק זיין אומגעדולד און ווידערווויליקייט: אָ, וואָס פאַר אַ נערוועז קינד דאָס איז!

יאָ, דער שעפערישער פּראָצעס איז פאַרבונדן מיט אַ קאָנצענטריר־טער אָנגשטרענגונג. דאָס איז אַן אַקטיווע טעטיקייט, וואָס פאָדערט דעם גאַנצן מענטשן. אויך יוליוס צעזאַר וואָלט בעתן שאַפן קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט טאָן, כאָטש ווען אים זאָגט מען, אַז ער האָט געקאָנט טאָן עטלעכע אַרבעטן מיטאַמאָל.

וואָס איז אַזוינס, בכן, פאָרט די מוזע, די „וודאָכנאָוויעניע“, די שטימונג?

פיל שרייבער האָבן אין פאַרשידענע צייטן געפּרוווט ענטפערן אויף דער דאָזיקער קשיה. פּושקין, דהיינו, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז „אַ ניי־גונג צו אַ לעבעדיקן אויפנעם פון איינדרוקן“; דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר טשייקאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז „דאָס איז אַ צושטאַנד, ווען דער מענטש אַרבעט מיט אַלע כּוחות“; טאָלסטאָי האָט מיט זיין געניאַלער פּשטות דערקלערט, אַז די „וודאָכנאָוויעניע“ „באַשטייט אין דעם, וואָס פּלוצעם ווערט קלאָר דאָס, וואָס מען דאַרף טאָן. וואָס קלאָרער זי איז (די „וודאָכ־נאָוויעניע“ — ש. ב.), אַלץ מער פאָדערט זיך שווערע, געדולדיקע אַרבעט זי אויסצופירן“. אַלע שעפער, מייסטער, קינסטלער אָנערקענען פּה־אחד, אַז דער „עפּעס“ — די שטימונג, די „מוזע“ ווירקט פּרוכטבאַר. טורגע־ניעוו האָט ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז ס'זענען פאַראַן מינוטן, ווען ס'ווילט זיך שרייבן, ווען דו ווייסט, אַז איצט וועסטו קאָנען שרייבן. „דאָס ליד רייפט“ — הגם דו ווייסט נאָך נישט וואָס פאַר אַ ליד וועט עס זיין. די דאָזיקע מינוטן זענען פאַרן דיכטער אַן אמתער פאַרגעניגן. קומט אויס, אַז די מינוטן ערבֿ־שאַפן זענען דער נחת־רוח, וואָרום דער פּראָצעס פון שאַפן גופא איז פאַרבונדן מיט פּיין און מאַטערנישן. די שטימונג איז דאָס, וואָס פירט אריין אין אקטיוון אַרבעטס־צושטאַנד.

ווען מיר זאָלן וועלן די אַלע אַרויסזאָגונגען, וואָס זענען אייגנט־לעך זייער נאָענט איינע צו דער אַנדערער, אויסדריקן אין איין געדאַנק, קאָן מען מער אָדער ווייניקער פּינקטלעך אים אויסדריקן אַזוי:

דאָס איז אַזאַ געמיט־צושטאַנד, ווען דו האָסט אַ ניגון, ביסט פּרעדיספּאָנירט צו אַרבעטן מיט דער גאַנצער קאָנצענטרירטער אָנגעשטרענגטקייט, ווען דו האָסט דאָס געפיל, אַז דו ביסט מסוגל צו ברענגען אין האַרמאָנישער גאַנצקייט דאָס, וואָס לעבט כאַאָטיש אין דיין געמיט און אין דיינע געהירן.

די האָזיקע פאָרמולירונג פּרעטענדירט נישט (גאָט באַהיט!) אויסצושעפּן און כולל זיין דעם גאַנצן פּראָצעס. זי איז ווידער נאָר אַ לפי־ערכדיקע, אָבער גענוג אויף אָפּצולייקענען די אויסטראַכטענישן וועגן עפּעס אַ יענערזייטיקן, איבערנאַטירלעכן כוח, וואָס מיר זענען מיטן שכל נישט מסוגל צו באַנעמען. אַפילו באַלמעלאָכעם ווייסן, אַז „היינט אַרבעט זיך עפּעס גוט“ און „היינט אַרבעט זיך עפּעס שלעכט“.

גרויסע מייסטער האָבן געהאַט אַזאַ כוח פון ווילן, אַז זיי פלעגן צווינגען די „מוזע“, זי זאָל זיי באַזוכן דאַן, ווען זיי דאַרפן זי, זיי פלעגן זי נעמען „מיט כוח“. ווי באַקאַנט, האָט דער גרויסער ענגלישער ראָמאַניסט וואַלטער סקאָט געאַרבעט יאָרצענדליקער רעגלמעסיק, אין באַשטימטע שעהן פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג, און נישט געוואַרט אויפן זעלטענעם גאַסט פון אָלימפּ. ווי נאָר ער פלעגט זיך אַוועקזעצן אַרבעטן — אַ שעה פריער אָדער שפּעטער — און די אַרבעט איז אַוועק, האָט דאָס געהייסן, אַז „זי“ איז צו אים געקומען. דאָס זעלבע האָט „פּאַסירט“ מיט געטען, מיט באַלזאַקן, מיט טשייקאָווסקין, מיט טאָלסטאָיען, מיט בעטהאָווען. דאָס זענען געווען מענטשן יגיע־כפּימניקעס, האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן איבער זייערע ווערק. און זאָל ווער זאָגן, אַז איבער זיי האָט די גאַנצע צייט נישט געשוועבט די מוזע! זיי האָבן זייערע ריזן־ווערק געשאַפן נישט מיטן רוח הקודש, נאָר אין שווערן קאַמף מיטן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך, ווי יעדער מאַטעריאַל, קעגנגעשטעלט (אינזשיניערן, ווי באַקאַנט, מאַכן דורך אַ לימוד, וואָס רופט זיך „דער ווידערשטאַנד פון מאַטעריאַלן“). זיי האָבן דעם מאַטעריאַל געדאַרפט באַהערשן, פאָרמירן, איבעראַנדערשן. פּושקינען געהערט דער וויץ, אַז „דער בעסטער עקספּראָמט איז דער, וואָס ווערט גוט צוגעגרייט“. דער גרויסער היינריך היינע, וועמענס לידער זענען אַזוי מוזיקאַליש, אַזוי שפּילעוודיק־לייכט, אַז ס'דוכט זיך אויס, אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין איין אָטעם, זענען ווי פליצעם „אויסגעגאָסן געוואָרן“ — ער, היינע, האָט שרעקלעך שווער געהאָרעוועט אויפן ריטם און אויפן גראַם, ממש מיט שוויים,

אין פיין און מאַטערגישן, זיי זאָלן זיך באַקומען אַזוי לייכט, אַזוי פּשוט און גראַציעז, אַזוי מוזיקאַליש און האַרמאָניש. דער באַרימטער סאָוויע־טישער שרייבער קאָנסטאַנטין פעדין איז אַפילו ביי דער מיינונג, אַז שרייבער, וועמען דאָס עצם שרייבן קומט אָן שווערער זענען בעסערע שרייבער. יעדנפאַלס, איז כמעט ריכטיק, אַז אַ ווערק אויף וועלכן דער מייסטער האָט ווייניק געהאָרעוועט איז זעלטן פולקאָם.

דער טאַלאַנט — און נישט קיין מיסטעריעזער כוח הנבואה — דאָמינירט. אין שאַפן אַ קינסטלעריש ווערק. און דער טאַלאַנט אַרבעט אָן אויפהער אַ גאַנץ לעבן, אָבסערווירט, זאַפט איין, פאָרשט. ביי אים איז אַנטוויקלט די ליידנשאַפט צום וויסן, צו גענעראַליזירן, צו רעליע־פער בילדערישער פאָרשטעלונג, צו „מענטשן־קענטעניש“, באַגרענדיק די טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מאַקסים גאָרקי.

ד. עלעמענטן פון שעפערישן פּראָצעס

סוף 1955 האָט דער אָנגעזעענער סאָוועטישער שריפטשטעלער ק. פּאַוסטאָווסקי אָפּגעדרוקט אַ ווערק א. נ. „די גאָלדענע רויז“. דאָס איז אַ בוך, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט דער פּסיכאָלאָגיע פון שאַפן, דער אַרבעט פון אַ שרייבער איבער אַ ווערק.

אַ גאַנץ בוך פון אַ שריפטשטעלער איבער אַזאַ טעמע, איז אַ זעלטענע דערשיינונג. דערפאַר טאַקע האָט פּאַוסטאָווסקיס ארבעט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכן אינטערעס.

דאָ ווילן מיר פּרוּוון רעפערירן די פּרינציפּן, וואָס בילדן דעם פונדאַמענט פון דאָזיקן בוך. „פיל וועט אָנערקענט ווערן פאַר דיסקוטירבאַר“ — באַשטעטיקט באַשיידן דער באַוווסטער שרייבער. ער אילוסטרירט זיינע געדאַנקען מיט דער פּראַקטיק פון זיין אייגענער שעפערישער טעטיקייט, פירט אַריין דעם לייענער אין די „סודות“ פון זיין אינעווייניקסטער לאַבאָראַטאָריע, און דאָס אַלץ ווערט געמאַכט נישט פּרעטענציעז, אָן חשק אויפצוצווינגען זיינע מיינונגען.

„די אַרבעט איבערן דאָזיקן בוך — שרייבט דער מחבר — דערמאָנט אַ רייזע אָן אַ מאַפּע איבער אַ ווייניק באַקאַנט לאַנד, ווען אויף יעדן שריט עפענען זיך אויף נייע האָריזאָנטן, נייע וועגן. זיי זאָגן אונדז צו פיל אומדערוואַרטקייטן, וואָס גיבן שפּייז פאַר באַטראַכטונגען“.

די שווערקייט פון איבערגעבן פּאַוסטאָווסקים אַרויסזאָגונגען שטעקט אין דעם, וואָס מערסטנס זענען זיי אָנגעקליידט בעלעטריסטיש; פון באַטראַכטונגען גייט ער אַריבער צו ריין קינסטלערישע נאָוועלן, ווענדט אָן אַלעגאָרישע מיטלען. חוץ דעם איז דער קרייז פראַגן, וואָס ער באַרירט, גענוג גרויס, מ׳זאָל אים קאָנען אויסשעפּן אין אן אַרטיקל. נעמען מיר נאָר דאָס, וואָס איז דירעקט נוגע אונדזער טעמע.

אין דער ערשטער נאָוועלע „ווערטפולער שטויב“ דערציילט דער מחבר וועגן אַ פאַריזער מיסט־קלייבער, וועלכער האָט יאָרנלאַנג גע=

קליבן דעם שטויב פון א יובילער־וואַרשטאַט, כדי לסוף אויסצואַרבעטן אַ גאָלדענע רויז, וואָס דאַרף ברענגען גליק אַ געליבטן מענטשן. דאָ רעדט זיך וועגן דעם, אַז קלייבן מוז מען אַלץ, נאָר צום שאַפן מוז מען דאָס אויפגעקליבענע פיל מאָל דורכזיפן און איבערלאָזן נאָר דאָס וואָגיקע, די גאָלדענע שטויב־קערנדלעך.

„יעדע מינוט, יעדעס צופעליק געוואָרפן וואָרט, יעדער בליק, יעדער טיפער אָדער שפּאַסיקער געדאַנק, יעדע אומבאַמערקלעכע באַוועגונג פון מענטשלעכן האַרצן, פּונקט אַזוי ווי דער פליענדיקער פּוך פון טאָפּאָל־בוים, אָדער דאָס פייער פון שטערן אין אַ נאַכטיקער לוזשע — דאָס אַלץ זענען קערנדלעך גאָלדענער שטויב.

„מיר, ליטעראַטן, קלייבן זיי יאָרצענדליקער, די דאָזיקע מיליאָנען קערנדלעך, קלייבן זיי אומבאַמערקלעך פאַר זיך אַליין, פאַרוואַנדלען זיי אין אַ גוס און שמידן שפּעטער פון דעם דאָזיקן גוס אויס אַ גאָלדענע רויז — אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, אָדער אַ פּאָעמע“.

די דאָזיקע קערנדלעך גאָלד זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר שטיקלעך לעבנס־קענטעניש. קענען דאָס לעבן, הייסט נישט נאָר קענען אַ געוויסע צאָל מענטשן און לעבנס־דערשיינונגען, מיט וועלכע מיר טרעפן זיך. פאַר אַ שרייבער באַדייט „קענען דאָס לעבן“ — זיין פעיק תמיד אָן אַן אויפהער איינזאַפּן אין זיך, האָס איז די עמפּינדלעכקייט פון דער נשמה, פאַרשאַרפטער חוש־הראיה און חוש־השמיעה, אַ בילדערישער זכרון, וואָס פאַרצייכנט ווי אויף אַ לענטע געשעענישן, איינדרוקן, בילדער, געפילן און די פעיקייט אַרויסצורופן זיי אין דעם מאָמענט, ווען זיי זענען אים שפּעריש נייטיק. אַרויסגערופן אַסאָציאַטיוו לייגן זיי זיך אויפן אָרט אין קאָנטעקסט — אומגעריכט, נישט פאַרויסגעזען דורך קיין שום פּלאַן. אַזאַ מאַטעריאַל קלייבט דער לעבעדיקער מענטש און נישט דער שרייבער — פּראָפעסיאָנאַל, מיטן בלאָקנאָט אין האַנט. דאָס אויפקלייב־מאַטעריאַל פון אַ באַשטימטן קאָנקרעטן לעבנס־געביט, וואָס איז נייטיק פאַר אַזאַ אָדער אַנדער בוך איז גאָרנישט נישט ווערט אָן דעם טעגלעכן, וואָכעדיקן, אָנפּלאַניקן, אומבאַמערקלעכן פאַר זיך אַליין און פון קיין זאַך נישט אויפגעצוווּנגענער אָנזאַמלונג פון קלייניקייטן, שטריכן, פּרטים, שטויבעלעך. אָן אַזאַ אָנזאַמלונג קאָן קיין קינסטלעריש ווערק נישט געשאַפן ווערן.

גרויס אויפמערק שענקט פּאַוסטאָווסקי דעם באַרוף פון שרייבער. ער האָט געזען אויפן ריגער ים־ברעג, אויף אַ פעלז, אַ לעטישן אויפ־

שריפט, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: „אין אָנדענק פון די, וואָס זענען אומגעקומען און וועלן אומקומען אין ים“. ער מיינט, אַז דער געדאַנק שטערט זיך ניִשט, ווען מען וועט דעם אויפשריפט פּאַראַפראַזירן אַזוי: „אין אָנדענק פון די, וואָס זענען בייגעקומען און וועלן בייקומען דעם ים“. דאָס וואָלט געווען אַ גוטער עפּיגראַף פאַר אַ בוך וועגן דער שרייבערישער מלאכה. וואָרום שרייבעריי איז אַ באַרוף. דער שרייבער מוז מנצח זיין אַלע שוועריקייטן און צוימען. ער דאַרף אויספירן אַ שווערע אויפגאַבע, צו וועלכער עס רופט אים דאָס פליכט־געפיל. דערפאַר מאַקע האָט סאַלטיקאָוו־שטשעדרין געזאָגט, אַז אויב ס'וועט כאָטש אויף איין מינוט אנטשווייגן ווערן די ליטעראטור, וועט עס זיין גלייכוואָגיק צום טויט פון פאָלק.

„מ'טאָר ניִשט פאַרלירן דאָס געפיל פון באַרוף...“, אָבער ניִשט פאַרלירן דאָס געפיל פון באַרוף באַדייט אַבסאָלוט ניִשט זיך גאַוודיק פאַררייסן צוליב זיין כלומרשטער אויסנעמלעכקייט. „דאָס גרעסטע גליק פאַר אַ שרייבער איז — האָט געזאָגט פּרישווין — ניִשט רעכענען זיך פאַר אַן אויסנאַמיקן, איינזאַמען, נאָר זיין אַזאַ ווי אַלע מענטשן“.

יעדע באַליביקע שאַפונג ווערט געבוירן פון אַ פאַרטראַכט, און ווי ווערט געבוירן דער פאַרטראַכט? פּלוצים, ווי אַ בליץ. נאָר דאָס אויפקומען פון פאַרטראַכט איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן איבערלעבן צושטאַנד פון שרייבער. „דער פאַרטראַכט... אַנטשטייט אין באַוווסטזיין פון אַ מענטשן אַן אָנגעזעטיקטן מיט געדאַנקען, געפילן און זכרון־פאַרצייכענישן. דאָס קלייבט זיך אָן אומבאַמערקלעך, לאַנגזאַם, ביז עס דערגייט צו אַזאַ געשפּאַנטקייט, וואָס פאָדערט קאַטעגאָריש אַן אויסלאָדונג“. כדי עס זאָל אויפקומען דער פאַרטראַכט, ד. ה. די אידעע פון ווערק, איז אָפטמאָל גייטיק אַ נישטיקער שטויס, ער לויכט מיטאַמאָל אויף און נעמט לאַנגזאַם רייף ווערן, פאַרכאַפּט דעם געדאַנק און האַרץ פון שרייבער, וועלכער באַטראַכט אים, קאָמפּליצירט אים. דעם דאָזיקן פּראָצעס איז מען געוויינלעך זיך נוהג אָנצורופן „אויסטראָגן“. אויף „אויסטראָגן“ דאַרף מען זיך ניִשט פאַרשליסן אין זיך, להיפוך „פון אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט צעבליט זיך דער פאַרטראַכט און גיסט זיך אָן מיט די זאַפטן פון דער ערד“.

יעדער שריפטשטעלער, שרייבט פּאַוסטאָווסקי, מערקט זיך אָן פּלענער פון זיינע קומענדיקע ווערק. איינִיקע באַאַרבעטן זיי מער גענוי, אַנדערע — ווייניקער. נאָר אַ ווערק הייבט אָן אויף אַן אמת לעבן איז

באַוווּסטזיין פון שרייבער ערשט דאַן, ווען ער אַרבעט אויף אים. די לכתחילהדיקע פּלענער ווערן אָפט אומגעוואָרפן און דאָס איז גאָר אַ סימן, אַז דאָס אייגנטלעכע לעבן האָט צעריסן די שרייבערישע סכעמע און פאַרפולט דאָס ווערק. „אין דער צייט פון דער אַרבעט אַנטשטייט אַ שטורעם, אַ מבול, קאַסקאַדן פון נייע געדאַנקען און בילדער, שפּירונגען און ווערטער“.

אַ גרויסע ראָל אין שאַפן אַ קונסט־ווערק געהערט דער פאַנטאַזיע פון שרייבער. וואָס איז אַזוינס די פאַנטאַזיע? פּאַוסטאָווסקי ענטפערט אויף דעם אַזוי: „די פאַנטאַזיע — דאָס איז אַן אייגנאַרט פון דער מענטשלעכער נאַטור: ברייט און פריי, באַנוצנדיק דעם רעזערוו לעבנס־באַאָבאַכטונגען, געדאַנקען און געפילן שאַפן אַ בילדערישע וועלט“. ס'איז דאָך פאַראַן אַ ווירקלעך לעבן, טאָ נאָך וואָס שאַפן אַ וועלט פון בילדער? פּאַוסטאָווסקי ענטפערט אויף דעם אַזוי: דערפאַר, וואָס די פאַנטאַזיע גיט דעם מענטשן דאָס, וואָס עס האָבן אים נישט באַוויזן אָדער קאָנען נישט געבן זיינע דירעקטע באַאָבאַכטונגען. דער מענטשלעכער געדאַנק איז אָן דער פאַנטאַזיע באַגרענעצט. די פאַנטאַזיע אָבער אָן דער ווירקלעכקייט איז פּרוכטלאָז און קאָן בכלל נישט עקזיסטירן. זי דערנערט זיך מיט איר. פון דער אַנדערער זייט, איז די פאַנטאַזיע אָפט משפּיע אויפן גאַנג פון אונדזער לעבן, אויף אונדזערע ענינים און געדאַנקען. נאָר קודם־כל און שטאַרקער פון אַלץ איז די פאַנטאַזיע פאַרבונדן מיט קונסט און ליטעראַטור. און ער גיט אַזאַ בילדערישן ביישפּיל:

„עס זענען פאַראַן שטאַרקע מינעראַלע קוואַלן. גענוג אַריינצולייגן אין אַזאַ קוואַל אַ צווייגל אָדער אַ טשוואָק, וואָס איר ווילט, ווי דורך אַ קורצער צייט וועט עס באַוואַקסן ווערן מיט אַ מאַסע ווייסע קריסטאַלן און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמת קונסט־ווערק. לפי ערך דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיטן מענטשלעכן געדאַנק, וואָס מען האָט געלאָזט אונטערטונקען אין קוואַל פון אונדזער זכרון, אין דער אָנגעזאַפּטער מיט אַסאָציאַציעס אַטמאָספער“, „די רייכקייט פון אַסאָציאַציעס רעדט וועגן דער רייכקייט פון דער אינעווייניקסטער וועלט פון שרייבער“.

פיל אָרט שענקט פּאַוסטאָווסקי דער אַרבעט פון פאַרשידענע שרייבער איבער זייערע ווערק. ווער ס'האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן בייטאָג, ווער ביינאַכט, אין וועלכע צייטן פון יאָר. ער גיט אַ ריי קורצע פאָר־

טרעט=פאַרצייכעניש פון פאַרשידענע שרייבער. נאָר די אַלע סקיצן,
כאָטש אינטערעסאַנטע, זענען צווישן זיך נישט געבונדן מיט איין גע=
דאַנק און ס'איז שווער צו געפינען אין זיי וואָס פאַר א נישט איז גע=
זעצמעסיקייט. דאָס זענען נאָר אָנגעוואָרפענע שטריכן צו אַן אַלגעמיינער
גרויסער פראַגע — די פסיכאָלאָגיע פון שאַפן.

ווי געזאָגט, דערלאָזט פּאוסטאָווסקי דעם געדאַנק, אַז פיל אין
זיין בוך איז דיסקוטירבאַר, בכן — אָפּפרעגלעך. דהיינו, אָט ווי ער שיל=
דערט בעלעטריסטיש זיין אייגענעם שעפערישן צושטאַנד ביים שרייבן
דאָס בוך (ער האָט עס געשריבן אין שעפערישן הויז פון סאָוועטישן
שרייבער=פאַרבאַנד אין דובלטי, ביים ריגער ים=ברעג):

„דאָס הויז איז פּוסט. איך בין אַליין. דערנעבן — ים אויף הונ=
דערטער מייל. הינטער די דיונעס גרויסע בלאָטעס און נידעריקע וועל=
דער. קיינער איז נישטאָ אַרום. נאָר ס'איז גענוג אָנצוצינדן דעם לאָמפּ,
זעצן זיך ביים טיש און נעמען שרייבן, ווי דאָס געפיל פון איינזאמקייט
פאַרשווינדט. איך בין נישט אַליין..." „דערווייל ווייס איך נאָך אַליין
נישט גענוי, וואָס כ'וועל שרייבן. פאַרשטייט זיך, דער געדאַנק עקזיס=
טירט אין מיר, ווי אַ ליכטיקע אָנרעגונג. און ס'איז פאַראַן דער ווילן
איבערצוגעבן אַנדערע דאָס אַלץ וואָס פילט איצט אָן מיין מוח, מיין
האַרץ, מיין גאַנץ וועזן".

ווער קאָן לייקענען, אַז אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען? דאָס איז דאָס
פּאָעטישע געפיל ערב שרייבן, ווען דו הערסט די שטילקייט פון אַרום
און הערסט די שטילקייט רעדן אין דיין אייגענעם האַרצן. בעת ער
זאָגט אָבער „דערווייל ווייס איך נאָך אַליין נישט גענוי, וואָס כ'וועל
שרייבן", ראַטעוועט די סיטואַציע נאָר דאָס וואָרט „גענוי". ווייל, זאָגן
קלאָר: איך זעץ זיך צום טיש, נאָר כ'ווייס נישט וואָס איך וועל שרייבן
— וואָלט געווען אוממעגלעך. אַזוינע סיטואַציעס זענען נישט פאַראַן.
פון נישט ווערט גאָרנישט געבוירן. גענוי פון פאָרויס, ווי ווערט זיך באַ=
קומען דאָס זייטל, ווייסט נישט קיין שום מחבר, פאַרשטייט זיך, אין
דער וועלט, היץ אין דעם פאַל, ווען עס איז שוין פאַרטיק אינגאַנצן ביי
אים אין קאָפּ און אים בלייבט אויסצופירן נאָר א ריין טעכנישע אויפ=
גאַבע — אָנשרייבן. אָבער יעדער קינסטלער ווייס, אין אַלגעמיין, גענוי
באַשטימט צו וואָס ער טרעט צו: שרייבן א ליד, אַ ראָמאַן, אַ פּיעסע,
אַ נאָוועלע. און ער ווייס לפי ערך וואָס, וואָרום פון אַלע טעמעס אין

דער וועלט, איז ער אין דעם מאָמענט באַהערשט פון איין טעמע. ס'איז פאַראַן דער ווילן, די כוונה, דער פאַרטראַכט, די אָנרעגונג, דער חשק צו אַן אַקטיווון אַרבעטס־מצב, ס'איז אַפילו אינעווייניק, ביי אים אין די געהירן, פאַרטיק אַ געוויסע פאָרם.

נאָר אין חלום, ווען דער ווילן שלאָפט, איז מעגלעך אַ נישט־קאָנטראָלירטער פאַנטאַסטישער צונויפגעפלאָנטער. ווען דער שריפטשטעלער זעצט זיך צו זיין וואַרשטאַט, פאַרשווינדט די אָפּגעלאָזנקייט, די צעקראָכנקייט, ער ווערט צוזאַמענגענומען, שטרעבט צו דערפירן זיין אויפגאַבע צום ציל. וואָרום קיין איין פראַזע קומט נישט אויף פון זיך אַליין. ביי פּאָעטן טרעפט, אַז אַפריאָרי קומט אויף דער ריטם, דער ניגון, די קאָמבינאַציע פון זיך איבערחזרנדיקע מאָסן, וואָס ווערט ליגן אין יסוד פון קומענדיקן לירישן ליד. ביים פראָזאַיקער, ווען ער טרעט צו צום שרייבן, הייסט עס, ער טרעט צו *צו רעאַליזירן* דאָס, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג פאַרטראַכט און „אויסגעטראָגן". ער ווייסט גאַנץ גענוי וואָס ער וויל, ער ווייסט נאָר נישט ווי עס וועט זיך באַקומען, וואָרעם אין פּראָצעס פון דער אַרבעט ווערט דער פאַרטראַכט קאָנקרעטער, בולטער, ווערט קאָרעגירט און געענדערט. ווען ער זעצט זיך צום שרייבטיש הייבט זיך אָן דער *קאַמף* פאַר דער *מאַטעריאַליזירונג*.

זאָגט דאָך פּאַוסטאָווסקי אַליין, אַז פריער קומט אויף דער „פאַרטראַכט", דאַן פאַרנעמט צייט דאָס „אויסטראָגן", דאָס „רייף ווערן" און ערשט דאַן קומט דער מאָמענט פון אויסלאָדן די שפּאַנונג. צי איז אויב אַזוי נישט קיין סתירה די באַהויפּטונג, אַז דער שרייבער זעצט זיך צום שרייב־טיש, נישט וויסנדיק וואָס ער וועט שרייבן, נאָר בלויז האָבנדיק דעם חשק צו שרייבן? וועט נישט ריכטיקער זיין צו זאָגן, אַז ווייל ער פילט, אַז ס'איז רייף געוואָרן די פרוכט, וואָס ער האָט אין זיינע רעיונות און אין האַרצן אויסגעטראָגן, קומט אין אים אויף דער חשק צו אַרבעטן, די אָנרעגונג פון ערב־אַרבעט, ווען ער האָט די איבערצייגונג, אַז ס'קומען אויף שעהן פון גראָטעסנער שעפערישער טעטיקייט.

מען דערציילט, אַז טאָלסטאָי האָט צוויי יאָר געזוכט אַן אָנהייב פאַר זיין ראָמאַן „אננא קאַרעניננאַ" און ערשט דאַן, ווען ער האָט צופעליק געגומען אין האַנט אַריין פּושקינס „די דאַמע פּיק" איז אים פּלוצעם קלאָר געוואָרן וואָס ער דאַרף טאָן, געמענדיק אַ ביישפּיל פון

פושקינען. און ווי וואָלטן געקאָנט אָנגעשריבן ווערן גרויסע ווערק, ווען דער מחבר וואָלט זיך געזעצט צום שרייב־טיש נישט ווייסנדיק וואָס ער וועט שרייבן, וואָס ער האָט צו טאָן, נאָר פּילגריק בלויז אַזאַ אומבאַוווסטע אָנגענעמע אָנרעגונג. ווען אַזאַ צושטאַנד וואָלט געווען געזעצמעסיק און רעאַל, ווי וואָלטן אָנגעשריבן געוואָרן אַזוינע ווערק ווי „פאוסט“ (אויף וועלכע געטע האָט געאַרבעט צענדליקער יאָרן), „מלחמה און שלום“ טאָלסטאָיס, מיצקעוויטשעס „פאַן טאַדעוש“, באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָמעדיע“, פלאָבערס „מאַדאַם באָוואַרי“ א. א. וו.

ה. וועגן אייגנאַרט

קונסט פאַרלײדט נישט קיין פאָרשריפטן, וואָס ווערן איר אָנגעוואָרפן פון אויסן. נאָרמאַטיוון אין דער קונסט זענען אומזין, וואָרום יעדער נאָרמאַטיווער קונסט־סיסטעם איז אין סתירה מיטן עצם וועזן פון דער קונסט, וואָס ווערט געבוירן דורכאויס פון אַ פרייען, אומגעצווונגענעם פּראָצעס, אין וועלכן ס׳קומט צום אויסדרוק די פּערזענלעכקייט.

מען קאָן אויסלערנען „ריכטיק" מאָלן, לאָגיש און עברידיק אויסלייגן די אייגענע געדאַנקען, שרייבן לידער אין אַ באַשטימטער מעטריק, אָנשרייבן אַ מעשה לויט אַ פאָרויס אָנגעמערקטן פּלאַן. אָבער ווען די קענטעניש וועט אַפילו דערפירט ווערן צו אַ געוויסער, לאָמיר אַפילו זאָגן באַדייטנדיקער, מדרגה, וועט עס אַלץ נישט זיין קיין קונסט.

אַ קינסטלער דאַרף בלי ספק האָבן קענטעניש. אָבער מיט דער קענטעניש אַליין, ד. ה. מיט דאָס אויסגעלערנטע, קאָן קיין קונסט נישט געשאַפן ווערן. גיט הונדערט קינסטלער אַ פאַרגעב אָנצושרייבן אַן אַרבעט אויף איין טעמע און איר וועט קריגן הונדערט פאַרשידענע אַרבעטן. פון דעם קאָן מען דרינגען, אַז יעדעס אמתע קונסט־ווערק איז אָריגינעל. בכן, אָריגינעל איז דאָס, וואָס אונטערשיידט איין קונסט־ווערק פון אַ צווייטס אַפילו דאַן, ווען אין יסוד וועט זיין איין טעמע. אָבער ווען קריטיקער און קונסט־קענער נעמען זיך צו אַנאַליזירן קונסט־ווערק, מערקן מיר אָן אַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג: זיי געפינען כמעט אַלעמאָל די עלעמענטן, די סימנים, וואָס פאַראייניקן פיל און זעלטן כאַפּן זיי אויף דאָס אייגנאַרטיקע, וואָס כאַראַקטעריזירט נאָר דעם געגעבענעם קינסטלער, אָדער דאָס געגעבענע קונסט־ווערק.

קריטיקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט קריטיק פון דער קריטיק, האָבן שוין לאַנג אָפּגעמערקט, אַז אין גאַנג פון אַנאַליטישן פאָרש־פּראָצעס ווערט ערגעץ־ווו אויפן וועג פאַרלוירן די קינסטלערישע אייגנאַרט,

די אָריגינאַליטעט, דאָס אייגנטלעך, וואָס דער קריטיקער האָט זיך באַמיט אויסצופאָרשן, און אָנשטאָט דעם ווערן געגעבן אייגנשאַפטס-סימנים, וואָס זענען אין תוך גאָר פאַראַלגעמיינערונגען. אייניקע האָבן עס אַפילו געפרוווט דערקלערן מיט דעם אומשטאַנד, וואָס דערפאַרענע קריטיקער דרייען זיך דער עיקר אין דער ספערע פון די סאַמע גרעסטע שעפערישע קאַטעגאָריעס, ד. ה. אין דער אַזוי גערופענער מאַקראָ-וועלט פון שאַפן, אָדער פאַרנעמען זיך גאָר מיטן אַנאַליז פון די סאַמע קלענסטע קאַטעגאָריעס — מיטן בוי און מוסקולאַטור פון דער פראַזע, מיטן דעטאַל, מיט דער ספּעציפיק פון דער לעקסיק, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דער מיקרא-וועלט פון שאַפן.

די אָריגינאַליטעט — האָט מען געפרוווט דערקלערן — ליגט גאָר אין אַן אַנדער ספערע, נעמלעך, אין דעם געוועב פון קינסטלערישן שטאָף. ד. ה. אין דעם איבערגאַנג פון איין עפּיזאָד צום צווייטן, אין די צווישנדיקע, פאַרבינדנדיקע רינגען, אין דעם אַרכיטעקטאָנישן קליי, וואָס האַלט אויף די באַזונדערע טיילן, אין דעם סיסטעם פון דער באַוועגלעכקייט פון די „קאַדרען“, פון וועלכע עס באַשטייט אַ ליטעראַריש ווערק.

אָבער דאָ איז געשען אַ וווּנדער: אַרויסכאַפּנדיק זיך אויפן וועג וואָס דאַרף, דאַכט זיך, דערפירן צום ציל, אָנזאָטלענדיק דאָס פערד, וואָס לאָזט זיך אין די הזשונגלען אויסצופאָרשן דאָס קינסטלערישע געוועב און זיינע „אוזאָרן“, זיין אָרנאַמענטיק, האָט מען ווייטער פאַרלוירן פון אויג דאָס, וואָס מען רופט אָן אָריגינאַליטעט, מ'האָט ווידער נישט געפונען קיין אַדעקוואַטע פאָרמולירונגען פאַר דאָס עיקרדיקע, וועזנטלעכע, וואָס שפּירן — שפּירן מיר עס יאָ, אָבער „אָנטאַפּן“ קאָנען מיר עס נישט.

נייִן, אויך ביי די טעקסטאָלאָגן, ד. ה. ביי די יעניקע, וואָס פאָרשן פּרעציז דעם טעקסט א שורה נאָך אַ שורה, אַן עפּיזאָד נאָך אַן עפּיזאָד און מאַכן דערביי אינטערעסאַנטע אַנטפּלעקונגען — אויך ביי זיי — אומבאַמערקטערהייט פאַר זיי אַליין — איז דאָס *געזוכטע* צעקראָכן צווישן די פינגער, ווי עפּעס אַ האָמונקולוס אין קעראָסין-לעמפּל. איר זעט אים, דאַכט זיך אייך אויס, נאָר פּאַקן, פאַרהאַלטן און אַ געבונדענעם איינזעצן אין אַ שטייג, קאָנט איר אים נישט.

וואָס איז די מעשה? מיט וואָס דערקלערט זיך, בכן, וואָס דאָס געמיינזאַמע, קאָלעקטיוו-כאַראַקטעריסטישע, געזעצמעסיקע פאַר די שאַפונגען פון א סך אָדער בכלל פון דער קונסט, קאָן די קונסט-וויסנשאַפט איינשפּאַנען אין באַגריפן און פאָרמולירונגען און דאָס סאַמע אייגנאַר-

טיקע, דאָס סאַמע אינדיווידועלע, איין־און־איינציק־יחידישע, אויסשליסלעכע, דעם סימן מובהק פֿון געגעבענעם קינסטלער, קאָנען מיר נישט פֿאַקן און פֿאָרמולירן!

ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע וועלן מיר נישט, ווייל מיר קאָנען נישט, אָבער שטעלן די פֿראַגע איז פֿונדעסטוועגן כּדאַי. זאָל יעדער פֿאַר זיך פּרוּוון פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע רעטעניש.

אין דעם אָרט ווילן מיר מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע. זאָל זי דערווייל שטיין אָפּגעזונדערט, כאָטש אָפּשפּרינגענדיק זייטיק פֿאַרטשעפּעט זי אין געוויסע פּונקטן דאָס געשטעלטע פּראָבלעם.

די גרעסטע טשעמפּיאָנען אין ג ע י ע ג נאָך אָריגינאַליטעט זענען, ווי באַקאַנט, די פֿאָרמאַליסטן און זייערע שולן פֿון אַלע וואַריאַציעס. טשעקאַווע, אַז הווקא זיי, וואָס קריכן פֿון דער הויט אויסצומיידן איבערחזרינגען און שטרעבן כּסדר און יעדעס מאָל צום אומגעוויינלעכן גייעם, אומגעזעענעם — הווקא זיי, די פֿאָרמאַליסטן, ליידן צוממערסטן פֿון דער קללה פֿון עפּיגאָניזם. און עפּיגאָנישקייט איז דאָך דער סאַמע בפֿירושער באַווייז, אַז די געגעבענע שיטה האָט אויסגעלעבט אירע אייגענע מעגלעכקייטן ביזן גרונט, אַז די קוואַלן פֿאַר באַנייונג און היפּער־מאָדערניסטישער טראַנספֿאָרמאַציע זענען אויסגעטריקנט געוואָרן, אַ באַווייז, אַז עס בלייבט זיי נישט איבער גאָרנישט חוץ ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל דעמאַסקירן זייער אייגענע פֿרוכטלאָזיקייט.

דער געוויינלעכער קינסטלער, וואָס באַוועגט זיך לויט די געזעצן, וואָס דער בורא־עולם האָט געשאַפֿן און טראָגט דעם קאָפּ מיט דער נאָז אַראָפּ, ווי ס׳זענען זיך באַנאַל נוהג סיי מענטשן און סיי בעלי־חיים, ליידט פֿון עפּיגאָנישקייט אַ סך ווייניקער, ווייל „גרוי, מיין פֿריינד, זענען אַלע טעאָריעס און אייביק יונג איז דער לעבנס־בוים“ (געטע). די רעאַליסטישע קונסט, וואָס שעפּט נישט פֿון אייגענעם קאָפּ, נאָר פֿון דעם אומאויסשעפּלעכן, פֿאַרשיידנאַרטיקן, אייביק זיך באַנייענדיקן און אָן אויפֿהער זיך ענדערנדיקן לעבן, איז נישט געצוווּנגען זיך צו שטעלן אויפֿן קאָפּ, וואָרום קיינמאָל — אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט שטיין — וועלן זיך נישט אויסשעפּן אירע קוואַלן, וואָרום דאָס לעבן, דאָס ווירקלעכע, איז רייכער און פֿאַרשייטער פֿון דער סאַמע גראַנדיעזסטער קאָפּ־אַראָפּ־פֿאַנטאַזיע.

און ס׳איז נישט אומעטיק, גאָט! ניין, נישט אומעטיק, ווייל אַרום אונדז לעבן און וואַקסן אָן אַלץ נייע וווּנדער. דאָס לעבן שעפּט זיך קיינ־

מאָל נישט אויס — קאָן זיך די קונסט קיינמאָל נישט אויסשעפּן; זי איז נישט געצוווּנגען אָנצוקומען צו קינסטלעכע דערנערונגס=מיטלען; זי דאַרף נישט דעם טרוקענעם מילך=פּראָשעק, ווען זי האָט בשפע פרישע מילך פון קי, וואָס פּאַשען זיך אויף די פּעטע, קילע לאָנקעס.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער אייגנטלעכער טעמע אונדזערער: ווו האַלטן מיר עפּעס אין דער וועלט מיט דעם רואה ואינו נראה, מיט דער אָריגינאַליטעט?

געטע, וועמען קיינער וועט נישט חושד זיין, חלילה, אין מאַרקסיזם (ווען ער איז געשטאָרבן איז מאַרקס אַלט געווען 14 יאָר) האָט, ווי עס דערציילט עקערמאַן, געזאָגט: מען רעדט וועגן אָריגינעלקייט! אָבער וואָס איז עס אַזוינס? ווי מיר ווערן געבוירן הייבט די וועלט אָן ווירקן אויף אונדז און אַזוי ביזן טויט.

קומט אויס, אַז ער, דער גרויסער דיכטער, האָט נישט געגלויבט אין אָריגינאַליטעט, ווי אין אַ שעפּערישער סובסטאַנץ. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער. אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז די דיכטער=נאַטורן, וואָס קאָנען שעפּן נאָר פון זיך — ליידיקן זיך גיך אויס; אומאויסשעפּלעך זענען נאָר די קינסטלער, וואָס נעמען די גאַנצע וועלט אַריין אין זיך. ער האָט גערעדט וועגן דער באַגרענעצטקייט פון אינדיווידואַליזם. נאָך מער: ער האָט געהאַלטן, אַז עפּאָכעס אונטערן צייכן פון סוביעקטיוויזם זענען רעאַקציאָנערע עפּאָכעס. שטייענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון אַן אָביעקטיווער ריכטונג אין דער קונסט, האָט ער פונדעסטוועגן פאָרט נישט אָפּגעלייקנט דעם קערן, מיט וועלכן דער דיכטער ווערט געבוירן, זיין אייגנאַרט. ער האָט האָך באַטאָנט, אַז פון אַ דיכטער קאָן מען נישט פאָדערן דאָס, וואָס ער איז נישט. צווינגט אים אויף, ער זאָל זיין דאָס וואָס ער איז נישט פון דער נאַטור און איר דערהרגעט איר אים דעם דיכטער. דאָס הייסט, אַז הגם ער האָט געהאַלטן, אַז די אָריגינאַליטעט איז אָביעקטיוו באַגרענעצט, אַז דער קוואַליטאַטיווער ווערט פון קינסטלער איז ווייט נישט אָפּהענגיק פון איר, דאָך איז די אָריגינאַליטעט די פאָרם, דער אופן פון דער וועלט=אָפּשפּירונג פון קינסטלער, דאָס פּינטעלע, וואָס דינט פאַרן אינדיווידועלן קען=צייכן.

מיר, לייענער, ווייסן זייער גוט, אַז באמת גרויסע קינסטלער זענען אָריגינעל, האָבן זייער אייגנאַרטיקייט. אַ פאַקט איז, אַז אַ געניטער לייענער כאַפּט זיך אָפּ, נישט וויסנדיק אפילו דעם נאָמען פון מחבר, וועמענס ווערק, וועמענס פערזן ער האַלט אין האַנט. פאַראַן עפּעס אין

זיי צוליב וואָס ער דערקענט זיי. וואָס איז דער „עפּעס“? — דער נוסח? דער סטיל? די „האַנטשריפט“? וועט איר נישט דערקענען מיצקעווימשעס שורות? פּושקינס? וועט איר נישט דערקענען משה לייב האַלפּערינס אַ פערז, לייוויקס אַ ליד, מאַרקישעס טאָן און ריטם? וועט איר נישט דערקענען מאַיאַקאָווסקיס „לייטערל“ צווישן די הונדערטער אַנדערע „לייטערלעך“ פון די עפּיגאָנען און נאָכמאַכער, וואָס שרייבן אַ לאַ מאַיאַקאָווסקי?

אָפטמאָל פאַרבייט מען דעם באַגריף אָריגינעלקייט, אייגנאַרט מיטן באַגריף מאַניער. מען פאַרבייט זיי אומגערן, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין וחשבון, אַז דאָס זענען אַבסאָלוט נישט קיין גלייכע ווערטן. אַ שרייב־מאַניער נעמט זיך פון איבערהזרונגען, ער איז ווי אַ באַדינגלעכער רעפלעקס; ער איז צוגעשטאַנען צו דער נשמה. אַדאַנק דעם, וואָס ער איז איינמאָל געפונען געוואָרן אין דעם אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט און שפּעטער, שוין אויס געווינשאַפט, באַנוצט געוואָרן. מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ מין טראַפּאַרעט און דער דיכטער, אָדער קינסטלער, דאַרף מיט כוח זיך באַפרייען פון אים, וואָרום אַנדערש פאַלט ער אַריין אין אַ זעלבסט־עפּיגאָנישקייט און ווערט צוגעגעסן דעם געברויכער.

דאָס דערמאָנט די געשיכטע מיט דער באַקאַנטער יידישער אַקטריסע, וואָס האָט אַזוי לאַנג און אַזויפיל מאָל „אויסגעאַרבעט“ די ראָל פון „לאהן“ אין „דיבוק“. אַז שפּעטער האָט זי זיך פון דיבוק אין איר שוין מער נישט געקאָנט באַפרייען, און וואָס פאַר אַ ראָל זי האָט אין איר ווייטערדיקן לעבן נישט געשפּילט, פלעגט אַרויסקריכן פון איר דער זעלבער דיבוק.

שוין צו אָפט טרעפן מיר אין דער דיכטונג שרייב־מאַניערן, וואָס מיר נעמען אויס פשטות הלב אויף פאַר דער אָריגינעלקייט פון דיכטער, הגם ס׳האָט מיט אָריגינעלקייט גאָר נישט צו טאָן, אדרבא, גאָר פאַרקערט. פון דעם דאָזיקן שרייב־מאַניער שרייט אַרויס די געקינסטלטקייט, אָנשטעל, פוסטקייט און אין גרונט — באַנאַלקייט.

די אָריגינעלקייט שטעקט לחלוטין נישט אין דער טעכניק. כ׳האָב געקענט דיכטער, וואָס האָבן גלענצנדיק, מען קאָן זאָגן פולקאָם באַהערשט די ווערסיפיקאַציע־מייסטערשאַפט, האָבן געוווסט אַלע סודות פון גראַם־בילדונגען, פון שפּילעוודיקער עלעגאַנטער מוזיקאַלישקייט און נישט געקוקט אויף דעם אַלץ איז פּאָעזיע אין זייערע פערזן אפילו קיין שמץ נישט געווען.

אַנדערע ווידער, באַהאַלטן זייער אינערלעכע פוסטקייט דורך געדיכטע וואָלקנס פון אומקלאָרקייט. זייער שרייבן דערמאָנט אַ רעטעניש, אַ רעבוס. וויפל מאָל איר זאָלט אַזוינע לידער נישט לייענען שטויסט איר זיך אָן ווי אויף אַ וואַנט. קיין איין שורה דערגייט נישט צו אייער נשמה, קיין איין געפיל וועקן זיי אין אייך נישט אויף, קיין איין וואָרט בלייבט נישט שטעקן אין אייערע געהירן. אָ, זאָגט מען, עס איז קאָמפליצירט. דער דיכטער איז אָריגינעל, ס'איז שווער אים צו פאַרשטיין. אָבער זאָל מיר ווער אָנרופן אַ באמת גרויסן דיכטער, וואָס איז נישט קלאָר, ווי קרישטאָל, וואָס איז נישט דורכזיכטיק און פריש ווי דער טוי, וואָס זאָל נישט פאַרשטאַנען ווערן, אָדער זיך נישט באַמיען פאַרשטאַנען צו ווערן. גרויסע קונסט איז — קלאָרע פאָרמען, גרויסע טיפע פשטות. אַזוינע ווערק באַלויכטן אונדזער אינעווייניקסט ווען מיטן בלענדנדיקן רעפלעקטאָר פונעם שעפערישן גייסט.

וואָס טויג אונדז, ווען פשוטע זאַכן ווערן געמאַכט פאַר אונדז אומקלאָר, ווען ברעקלעך נישטיקע געפילן און געדאַנקען-שפליטערס ווערן פאַרהילט אונטער ווערטער-זשופיצעס, ווערטער-וואַטניקעס, ווערטער-פליושן, ווערטער-שפיגוועבס און מען טראָגט אונדז צו די אויפגאַבע: טו זיי אויס און דערקלייב זיך צו זייער קערן. און וואָס קומט פאָר, ווען דו מאַטערסט זיך גוט אָן און ציסט אַראָפ די גאַנצע אַרויפגעצויגענע, אָפטמאָל בלומערשט געהיימניספולע, פוצונג? דאַן דערוויסטו זיך ערשט, אַז קיין קערן איז בכלל נישטאָ, אַז אומזיסט האָבן מיר זיך פאַרנומען אַזוי לאַנג מיטן שאָלעכץ.

אמתע קונסט איז פונקט פאַרקערט: דאָס פאַרהוילענע, דאָס פאַרשאָטנטע אין אונדז, די ווידערשפרוכן אין אונדזער נשמה, אונדזערע געראַנגלענישן מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט — דעקט זי אויף און באַלויכט. זי העלפט אונדז זיך געפינען און אונדזער אָרט אויף דער ערד. כדי צו באַלויכטן די טיפענישן פון אונדזער זיין, אונדזערע געפילן אין דעמערונג און אין אויפברויז, זוכט זי פאַר אונדז דאָס פשוטע וואָרט, דאָס פלאַסטישע, אָבער פול ווי אַ מילגרוים און אָנגעלאָדן ווי מיט דינאַמיט. דער דעוויז פון דער קונסט קאָן נישט זיין קיין אַנדערער, ווי: יהי אור, ליכטיק זאָל זיין!

איז אפשר דאָ, אין דעם אופן ווי דאָס ליכט ווערט געבראַכט צו אונדז, ליגט די אָריגינאַליטעט פון דיכטער, פון שעפער, הגם מיר קענען נישט בולט דעפינירן.

אַ הייגטצייטיקער ערנסטער רוסישער קריטיקער, נאַזאַרענקאָ, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ גרעסערער אַרבעט „אָריגינאַליטעט און לעבן“ געשטעלט די פראַגע: „איז דען באמת פאַראַן אַ געוויסע פאָרויס עקזיסטירנדיקע אָריגינעלקייט פון טאַלאַנט, וואָס שאַפט די אָריגינעלקייט פון אַלע לידער, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אָדער וועט אָנשרייבן אַ פּאָעט?“ ער אַליין ענטפערט אויף דער פראַגע נעגאַטיוו: ניין. ער פאַרזיכערט, אַז שעפערישע פילאַרטיקייט איז לעבנס־נויטווענדיק נישט נאָר פאַר דער פּאָעזיע אינגאַנצן גענומען, נאָר אויך פאַר יעדן פּאָעט באַזונדער, און ער זאָגט: „ס׳טרעפט, אַז מיר וווּנדערן זיך: אָט ווי כאַראַקטעריסטיש שרייבט דער פּאָעט — נישט אַ קוק טוענדיק אויפן אונטערשריפט, דערקענסטו זיינע לידער! נאָר צי דען, לכל־הפּחות, איז ווייניקער גרונט פאַראַן פאַר פרייד, ווען איבערלייענענדיק נייע גוטע לידער פון אַ באַוווּסטן פּאָעט *דערקענסטו אים נישט*, ביסט איבעראַשט: ווי אומגעווייגלעך, אויף אַ נייעם אופן האָט ער אָנגעשריבן“.

אויבנאויפיק זעט אַזאַ טעזע אויס גאַנץ ריכטיק. טראַכט איר זיך אָבער אַ ביסל אַריין, זעט איר, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַן אומבאַמערקלעכער „פאַרבייט פון די יוצרות“. דער מחבר האָט פּלוצעם אונטער אייגנאַרט פאַרשטאַנען מאַניער. נאָר אייגנאַרט איז נישט קיין מאַניער, וואָס קומט פון געווינשאַפט; דאָס איז דער עצמדיקער נשמה־בוי. אייגנאַרט איז דער אופן פונעם וועלט־אויפנעם, פון אַסימילירן אין זיך די לעבנס־דערשיינונגען. דאָס איז די וועזנטלעכע פאָרם פון אויסדריקן די וועלט דורך זיך; דאָס איז די פּלאַסטישע און עמאָציאָנעלע אויסווירקונג פון דער וועלט־שפּירונג.

אַ מעכאַנישער גלייכשטעל־צייכן צווישן פילאַרטיקייט און אייגנאַרטיקייט האָט אַלץ צונישט געמאַכט. דער קריטיקער האָט געהאַט דעם סוף פון די אַנדערע מרגלים, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ סכנהדיקער עקספּעדיציע אין אומבאַקאַנטן לאַנד פון דער אָריגינאַליטעט. די מעשה איז, וואָס מען קאָן רעדן וועגן פילאַרטיקייט פון פאָרמען ביי איין פּאָעט, וועגן פילאַרטיקייט פון טאַלאַנטן אין פּאָעזיע בכלל, נאָר די אייגנאַרטיקייט ביי *איין* פּאָעט איז — *איינע*. פּושקין האָט געקאָנט שרייבן אי פּאָעמעס, אי דראַמעס, אי לידער, אי פּראָזע. מען קאָן שטודירן זיין אייגנאַרט אין פאַרשידענע זשאַנרען, אָבער פּושקינס אייגנאַרט — איז איינע, דאָס איז איין אָריגינעלער גאון פּושקין און נישט

צען אָריגינעלע פּושקינס אין איין פּושקינען. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן פּילאַרטיקן שלום־עליכם אונדזערן, וועגן הונדערטער שרייבער און דיכטער פון פאַרשידענע פעלקער און שפּראַכן. וואָרום דעריקענען — דעריקענען מיר יעדן באַזונדער לויטן „עפּעס“, וואָס נ אָ ר ע ר פאַרמאָגט, לויטן סוד, וואָס אַ באַהאַלטענער אינעווייניק, זעען מיר אים פּאָרט, שפּירן אים; לויט דער פאַר אים כאַראַקטעריסטישער פּ אַ ר ב פון טעמפּעראַמענט און פּ אָ ר ם פון וועלט־אויפנעם. און ס'איז, לויט מיין השגה, אינגאַנצן נישט שרעקלעך, וואָס מיר האָבן עד היום זיך נישט אויסגעלערנט מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט פעסטצושטעלן די אייגנאַרט, קאָנען נישט פּרעציז פאָרמולירן די אָריגינעלקייט. דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס מיר קאָנען זיך נישט באַגיין מיטן מיקראָסקאָפּ, נאָר צוליב דעם וואָס אומאויסשעפּלעך־רייך זענען די טאַלאַנטן און לאָזן זיך נישט בשום אופן אַריינשפּאַרן אין פאָרמולעס.

„יעדער טראָפּן טוי, אַ באַלויכטענער דורך דער זון, שפּרודלט מיט אַן אומאויסשעפּיקער שפּיל פון פאַרבן“ — האָט געשריבן מאַרקס (אין זיין אַרטיקל וועגן דער פּרייסישער צענזור), כדי אונטערצושטרייכן ווי קאָמפּליצירט און רייך ס'איז דאָס „איבערברעכן“ זיך פון קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען אין דער מענטשלעכער נשמה. און ביי גרויסע שעפער?! ווי אומענדלעך פילזייטיק האָט זיך אין זייער פּריזמע איבערגעבראָכן דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, געכפּלט אויף זייער מעכטיקער פאַנטאַזיע, רעפּראָדוצירט אין זייערע ווערק, אויף וועלכע עס ליגט דער שטעמפּל פון דער ריזיקער קראַפט פון זייער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע און קאָאָרדינאַציע.

איז מעגלעך צו געפינען אַ פאָרמולע אָדער אַ סיסטעם פאָרמולעס, וואָס זאָל כולל זיין דעם אומגעהויערן קאָמפּליצירטן צונויפגעפלעכט פון אויסערלעכע ווירקונגען און אינערלעכע רעאַקציעס? צי קאָנען מיר זיך נישט באַגיין אָן דער פאָרמולע?

מיט טעכנישע מיטלען קאָנען מיר אויספאָרשן די אַנאַטאָמיע, נאָר מיט דעם זעלבן אופן וועלן מיר נישט זען ווי די אָרגאַנען און חושים „אַרבעטן אויס די נשמה“ אין אירע קאָמפּליצירטע אַנטפּלעקונגען. די אייגנאַרט, די אָריגינאַליטעט פון סטיל, וואָס איז אין זיך כולל ווי איין גאַנצעס די אידעע, דעם פון אינעווייניק אָרגאַניזירטן אינהאַלט, זיין פּלאַסטישע, בילדערישע אויסדריקלעכקייט — איז די נשמה פון אַ ווערק. די פאָרמלעכע זייט איז דאָך אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אינהאַלט, ווי די

הויט מיטן פלייש. דער אינהאַלט קאָן זיך דאָך נישט אַנטפּלעקן אָן דער פאָרם. זיי זענען דאָך אומצערייסלעך, וואָרום זיי זענען אונטערגעוואָרפן איינער און דער זעלבער בלוט־צירקולאַציע. אָריגינאַליטעט קאָן מען נישט אַרויפציען אויף זיך ווי אַ בגד, די פאָרם קאָן מען נישט **אַ ר ו י פ צ י ע ן** אויפן אינהאַלט. די אָריגינעלקייט קומט פון געבוירן אָן, נאָר פאָרמירט זיך אין לעבן, אין אַרבעט, פאַרפולקאָמט זיך דורך דער אייגענער דערפאַרונג, אַנטוויקלט זיך.

מיר קאָנען גאַנץ גענוי זאָגן, וואָס איז נישט אָריגינאַליטעט. אָבער דורך אַזאַ מעטאָד וועלן מיר זיך נישט דערנעענטערן, אָדער זיך ווייניק דערנעענטערן צו איר באַשטימונג. אַ ביסל פּראָסטלעך וואָלט געווען פאָרמולירן: דער קריטיקער דאַרף זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם „וו אָ ס" איז געזאָגט געוואָרן דורכן דיכטער און „וו י" איז עס געזאָגט געוואָרן. ביידע צוזאַמען שאַפן זיי אפשר דאָס, וואָס מיר רופן אָן אָריגינאַליטעט. אָבער אויך דאָס וועט נישט אויסדריקן אַדעקוואַט און פּינקטלעך די באַזונדערע אינדיווידועלע ספּעציפיק.

דער דערמאָנטער קריטיקער גאַזאַרענקאָ (אַ מענטש אַ זוכנדיקער, זיך גריבלענדיקער, לײדנשאַפטלעכער) האָט געפּרוווט פאָרמולירן דאָס פּראָבלעם אויף אַזאַ אופן:

„אַ גרויסער פּאָעט עפנט אויף און מאַכט פאַר אַלגעמיינעם אייגנטום אַ נייעם און וויכטיקן קוק־ווינקל אויפן לעבן".

דאָס איז ריכטיק. אָבער דאָך ענטפערט עס נישט אויף דער פראַגע, וואָרום מיר זענען באַרעכטיקט צו פרעגן: און אַ גרויסער דענקער, אַ פילאָזאָף, אַ פּאָליטיקער, אַ געלערנטער, מאַכט נישט פאַר אַלגעמיינעם אייגנטום אַ נייעם קוק־ווינקל אויפן לעבן? געוויס. טאָ אין וואָס בכן שטעקט דער אונטערשייד צווישן זיי און אַ פּאָעט? אין וואָס באַשטייט די ספּעציפיק פון ליטעראַטור און פּאָעזיע? אָנשטאָט אַ פּרוּוו צו דיפערענצירן האָבן מיר ווידער אַ פאַראַלגעמיינערונג. און מיר ווילן דאָך גיין נאָך ווייטער: מיר שטרעבן צו דער דיפערענציאַציע פון דער אינדיווידועלער אייגנאַרט.

דער דאָזיקער שמועס שטעלט מיך אַליין אין אַ פאַרלעגנהייט. קאָן שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט אויך דעם לייענער. וואָס איז דער קץ? וואָס איז דער אויספיר? לוינט זיך צו פאַרנעמען מיטן גאַנצן עסק, ווײַבאַלד מיר האָבן נישט קיין פּאָזיטיוון ענטפער? איז עס, אין גרונט גענומען, נישט אַ ביסל קאָמיש ביים סוף צו זיין אַזוי ווייט פון ציל ווי ביים

אָנהייב? און דאָך דוכט זיך, אַז ס'האָט געלוינט די מי, אויב אפילו מען וועט מיך כאַפּן ביי סתירות און אויב אפילו כ'וועל אַרויסרופן ספקות ביים לייענער.

דער זין פון דאָזיקן שמועס איז געווען צו טראַכטן וועגן די דאָזיקע ענינים אין דער הויך, אויפן קול, און נישט אַ מיין צו ברענגען פּאַרטיקע אָנגענומענע אמתן. וויפיל דערשיינונגען זענען נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָרן? איז דערפון געדרונגען, אַז זיי זענען „טאַבו", אַז ס'איז פאַרבאָטן דער פּרוו דעם קנופּ פּאַנאַנדערצובינדן, אויב אפילו ס'קאָן הראָען די סכנה אים נאָך מער צו פּאַרפּלאָנטערן? מיר דוכט, אַז אַ געוויסע שיין איז פונדעסטוועגן דאָך געוואָרן. דער הויפן ליכט האָט באַוויזן, אַז דער ענין איז אַ שווערער און הינטער אַ נעפּל. לאָמיר באַטש דאָס וויסן. לאָמיר וויסן, אַז אומזיסט באַנוצן מיר אָפּט דאָס וואָרט אָריגינעל, מאַכנדיק קאָמפּלימענטן; אַז אָפּטמאָל באַנוצן מיר ערזאַצן, אָנשטאָט וויסנשאַפטלעך־קאָנקרעטע באַגריפן.

ו. דאָסווירקלעכע און אויסגעטראַכטע

— איז דאָס אַן אמת? האָט דאָס ווירקלעך פּאַסירט? — האָט מיך אַנומלט געפרעגט אַן 11—12־יאָריק מיידעלע, נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעלייענט און געווען ביז די טיפעניש אויפגעשוידערט פון דיקענס „אָליווער טוויסט“.

ענטפערן אויף דער פראַגע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָרנישט אַזוי פשוט.

— צי איז ווירקלעך געווען פּונקט אַזאַ יינגל, מיט וועלכן ס'איז געשען פּינקטלעך דאָס, וואָס איז באַשריבן, ווייס איך נישט, אָבער ס'איז קיין ספק נישט, אַז יינגלעך וועמען ס'איז אויסגעקומען ענלעכס איבערצולעבן, זענען געווען זייער פיל.

דעם מיידעלע האָט מען קיין פינגער אין מויל נישט געדאַרפט אַריינלייגן, זי איז מיט מיין ענטפער געווען בפירוש נישט צופרידן. זי האָט אַ ברוגזע קאַטעגאָריש געזאָגט:

— אויסטראַכטן איז קיין קונץ נישט!

איך האָב איר געפרווט דערקלערן אַזוי און אַנדערש, אָבער מיינע ווערטער זענען געווען דברים בטלים, אַרויסגעוואָרפן ווי אויפן ווינט. זי האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע און אַרויס מיט פאָרוואורפן צום מחבר:

— איך האָב אַזוי איבערגעלעבט... אַזוי געוויינט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דאָ איז אַלץ באַשריבן אַזוי ווי ס'האָט פּאַסירט און ס'איז מיר געווען אַזאַ רחמנות אויף דעם יינגל. אויב די שרייבער טראַכטן אויס, נאַרן זיי דאָך אונדז אָפּ, מיר נעמען דאָך אָן זייערע ביכער פאַר אמת.

דערקלערן, איבערצייגן דאָס מיידל אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסע נפקא־מינה צווישן קינסטלערישן אמת און אויטענטישן פאַקט, איז געווען איבער מיינע כוחות. דאָס מיידל האָט פאַרלאַנגט נאָר איינס: דעם

ווירקלעכן פֿאַקט. זי וויל נישט איבערלעבן, ווייטיקן איבער אויסטראַכטעניש. זי האָט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געטענהט:

— אויסטראַכטן איז קיין קונץ נישט!

אין 1945 בין איך בייגעווען אויף אַ פּאָרלייענּיש פֿון אַ פּיעסע „איציק וויטענבערג", וואָס אַ יידישער שרייבער האָט אָנגעשריבן אויף די הייסע שפּורן פֿון די געשעענישן. אויף דער פּאָרלייענּיש זענען געווען פֿאַרבעטן עדי-ראיה — חברים און מיטקעמפֿער פֿון וויטענבערגן. זיי אַלע, אָן אויסנאַם, זענען פֿון דער פּיעסע געווען זייער נישט צופֿרידן. און נישט דערפֿאַר, וואָס די פּיעסע איז געווען קינסטלעריש שוואַך. נאָר בלויז דערפֿאַר, וואָס געוויסע דעטאַלן פֿון נישט וועזנטלעכן באַטייט, האָבן נישט אַנטשפּראָכן גענוי דער ווירקלעכקייט, דעם דאָקומענטאַלן פֿאַקט. אַזוי, למשל, האָט דער מחבר געוויזן אַ סצענע, ווי וויטענבערג באַהאַלט זיך אויס בעתן געיעג נאָך אים, אין דער קאַנאַליזאַציע. אין דער ווירקלעכקייט איז ער געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער. דער מחבר האָט, אויסקלייבנדיק די קאַנאַליזאַציע, געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז וויטענבערג האָט געקאָנט אויסנוצן זיין באַהעלטעניש אויף אַנטרינען צו ווערן, ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. דערמיט ווערט בולטער אונטערגעשטראָכן די פֿ ר ײ װ י ל י ק ײ ט פֿון זיין העלדן-טאַט. ער גייט אַלס קרבן, וועלנדיק מיט זיין לעבן אויסקויפֿן לעבנס פֿון אַ סך, די לעבנס פֿון אַ גאַנצן פֿאַרשפּאַרטן קאָלעקטיוו.

ווי באַקאַנט, באַשטייט אין דעם דווקא דער תמצית פֿון אַ טראַגעדיע, וואָס דער א ו י ס וו אַ ל פֿ ו ן ד ע ר ט אַ ט בלייבט איבער דעם פֿירנדיקן טראַגישן פּערסאָנאַזש, ד. ה. די האַנדלונג איז נישט אַבסאָלוט דעטערמינירט פֿון ריין אויסערלעכע פֿאַקטאָרן. די טעזע האָט נאָך בשעתו אַרויסגערוקט העגעל און איז שפּעטער, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, דורך קיינעם נישט געשטעלט געוואָרן אונטער אַ ספֿק. די טראַגישע געשטאַלט טראָגט דעם לעצטן אַקט, דעם אומפֿאַרמיידלעכן אומקום, אין איר כאַראַקטער. אָביעקטיוו וואָלט זי געקאָנט אויסקלייבן אַן אַנדערן וועג, וואָס וואָלט אויסגעמיטן דעם טראַגישן פֿינאַל, אָבער די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס די אינעווייניקסטע געזעצן פֿון איר כאַראַקטער, איר אינערלעכער מהות, איר מאָראַליש וועזן, צווינגט זי צו גיין דווקא צום טראַגישן סוף. דער מחבר פֿון דער דערמאָנטער פּיעסע האָט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קינסטלערישן אמת און אין גייסט פֿון דער קלאַסישער טראַגעדיע געהאַנדלט, נאַטירלעך, ריכטיק, ווען ער האָט אויס=

געקליבן דעם דאָזיקן וואַריאַנט — די באַהעלטעניש אין דער קאַנאַליזאַציע. די עדי־ראיה זענען אָבער געוואָרן מלא חימה פֿון אַזאַ איבערבײַט פֿון דעקאָראַציע פֿאַן און צוליב דעם און ענלעכע אָפּווײַכונגען אינגאַנצן מבטל געמאַכט די פּיעסע.

— טראַכט זיך אויס, וואָס איר ווילט, נאָר נאָך וואָס שלעפּט איר ווײַטער מיטן גערעגן דאָ אַרײַן? טראַכט אויס אַ נאָמען פֿון דער הפּטורה.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער פּלוגתא און געטראַכט: דאַכט זיך, קלוגע מענטשן, אינטעליגענטע, נאָר ווײַבאַלד זיי וויסן די אויטענטישע פֿאַקטן, קאָנען זיי בשום אופֿן נישט דערלאָזן די מינדסטע ענדערונג, זאָל עס זײַן אַפֿילו אין די אינטערעסן פֿון אַ העכערן אמת. פֿאַר זיי איז דער דאָקומענטאַלער פֿאַקט, דער אײנצל־פֿאַל ווײַכטיקער ווי די קינסטלערישע און אידעישע קאָנצעפּציע.

אויפֿן ערשטן בליק איז שווער, אײַנגעטלעך, צו געפֿינען אַ חילוק צווישן דעם באַנעם פֿון דעם מיידל און דעם אײנשטעל פֿון די דערוואַקסענע, פֿאַרהאַרטעוועטע קעמפֿער.

ס'קאָן אָבער זײַן, אַז עס וואָלט געווען צו האַרב, און אפֿשר טאַקע אויך אומיושרדיק, אָפּצופּטרן דעם ענין מיט אַ דערקלערונג, אַז אויך די דערוואַקסענע האָבן, גלײַך, נישט געוווּסט דעם אונטערשיד צווישן ליטעראַטור און לעבן, אַז זיי זענען, לאָ־עליכם, פּרימיטיוו. פֿיל ריכטיקער וועט זײַן צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז אין דעם גרעסטן טייל פֿאַלן, ווען מיר ווייסן בפּרטיות די פֿאַקטן פֿון אַ געוויסער פּאַסירונג, דער עיקר — ווען מיר זענען עדי־ראיה, אָדער אָנטײלגענעמער אין איר, זענען מיר פּשוט נישט פֿעיק איבערצוווינדן דעם ריס צווישן דעם דאָקומענטאַלן און שעפֿעריש־איבערטראַנספֿאָרמירטן. פֿאַרוואָס? ווײַל ליטעראַטור, וואָס איז אין איר טבע העלער אמת, פֿאַרלײדט נישט די מינדסטע פֿעלשונג, און בשעת מיר ווייסן דעם חילוק צווישן ווירקלעכן און באַשריבענעם, נעמען מיר דאָס באַשריבענע אויף ווי אַ פֿעלשונג און בלײַבן אַנטוישט.

אַ גליק איז, וואָס די ליטעראַטור פֿאַרנעמט זיך נישט מיט ייִדערן פֿון אונדז, נאָר מיט מענטשן ענלעכע אויף אונדז.

איך ווייס פֿון אַ סך פֿאַלן, ווען שרײַבער, האַלטנדיק זיך טרײַ בײַם פּראָטאָטיפּ און דערמיט צופֿרידנשטעלנדיק דעם פּראָטאָטיפּ ווי אַ לייענער, האָבן אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין אָפּגעשוואַכט די קינסטלערישע אויסווירקונג פֿון זייער ווערק.

ליטעראַטור איז נישט סתם לעבן אין געוויינלעכן באַגריף. אין לעבן איז דאָס וועזנטלעכסטע צעלאָזן אין ים פון אומוועזנטלעכן, אין אָקעאַן פון טאָג־טעגלעכע קליניקייטן — פון אַרבעטן, עסן, טרינקען, אָנטאָן זיך, אין אַ שלל זיך איבערחזרנדיקע מאָמענטן, טואונגען, רייצונגען און רעאַקציעס. דער באַדייט און דער כוח פון דער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי קלייבט אָפּ דאָס עיקרדיקע, דעם נייטיקן מאַטעריאַל פאַר אַ געביי, וואָס דריקט אויס דעם תמצית און דערביי האַלט זי איין געוויסע פּראָפּאָרציעס, כדי צו זיין לעבנס־וואַרשיינלעך. ליטעראַטור — דאָס איז לויטן פאַרטראַכט פון קינסטלער — פאָרמירט לעבן. דאָס אומפאָרמיקע, צעלאָזענע, צעשטויבטע, צעבראָקלטע נעמט זי צונויף אין געוויסע פעסטע, האַרמאָנישע פאָרמען. אַזוי, אַז עס ווערט קלאָר נישט דער אָדער יענער קאָנקרעטער פאַקט, נאָר דורך איין אָפּגעקליבענעם **קינסטלעריש־פאָרמירטן** פאַקט ווערט קלאָר דער קווינטעסענץ פון אַ סך פאַקטן, די פילאָזאָפיע פון דערשיינונגען.

ליטעראַטור און קונסט קאָן נישט געבן דאָס לעבן פונקט אַזאַ ווי עס איז. זיי ווערן אינספּירירט פון לעבן, זיי רופן זיך אָפּ אויף אים. ווילן עס דערקלערן, באַגרייפן, ווילן זיך אַריינמישן אין אים אַקטיוו דורך אויסטיילן און קאָנצענטרירן אַרום באַשטימטע אַקסן (אידעען) אינטערעסאַנטן, בילדערישן לעבנס־שטאָף. אָבער דאָס לעבן אין זיין ביאָלאָגיש־געזעלשאַפטלעכן, אַלטעגלעכן שטראָם קענען זיי נישט בכוח צו געבן. און וואָלטן זיי יאָ געווען בכוח, וואָלטן זיי געווען העכסט אומאינטערעסאַנט און קיינער וואָלט זיי נישט באַדאַרפט.

היינט צו טאָג האָט שוין די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור הינטער זיך די צייט, ווען מ'האָט געשטעלט צו איר פּרעטענזיעס פון אַזאַ אַרט: „אין לעבן האָט אַזוינס נישט פּאַסירט“. די דאָזיקע קריטעריע איז שוין לאַנג אויסגעלאַכט געוואָרן. היינט ווייסט מען, אַז די פראַגע קאָן געשטעלט ווערן אַזוי: „קאָן אַזוינס נישט פּאַסירן אין לעבן?“ די נפקא־מינה איז אַ ריזיקע.

מען קאָן נישט שטעלן די פראַגע — איז די אויפגאַבע פון ליטעראַטור פאַראַלגעמיינערונג? פאַראַלגעמיינערן איז נישט קיין אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור, דאָס איז איר אומאָפּפרעגלעכע **אייגנשאַפט**, איר **נאַטור**, איר **וועזן**. שוין אַריסטאָטעל האָט אין זיין „פּאָעטיקאַ“ גערעדט וועגן דעם פילאָזאָפיש־פאַראַלגעמיינערנדיקן כאַראַקטער פון דער פּאָעזיע, וועגן דעם, אַז זי פאַרנעמט זיך נישט מיטן איינצל־

פֿאַל — דאָס איז געווען, נאָר מיט אַ מער ערנסטן ענין — ק אָ ן ע ס ז יי ן? אויב מיר האָבן פֿאַר זיך אַ קונסט־ווערק, וואָס שפּיגלט אָפּ געוויסע זייטן פֿון דער ווירקלעכקייט, מוזן מיר וועגן אים זאָגן, אַז אין זיין יסוד ליגט אַ פֿילאָזאָפֿישע פֿאַראַלגעמיינערונג.

אין דער ליטעראַטור טראָגט די הויפּט־אָנלאָדונג דער ליטעראַרישער העלד. די פּראָבלעמען פֿון שפּראַך, קאָמפּאָזיציע, פּייזאַזש, עפּיטעטן־באַנוץ וכדומה קאָמפּאָנענטן זענען זייער וויכטיקע, אָבער אין לעצטן סך־הכּל אונטערגעאָרדנט דעם צענטראַלן פּראָבלעם — דעם ליטעראַטור־העלד, דורך וועלכן ס'קומט צום אויסדרוק די פֿילאָזאָפֿיע פֿון מחבר, זיינע געדאַנקען וועגן די עיקרדיקסטע ענינים, וואָס באַאומרואיקן און אינטערעסירן דעם מענטשן — לעבן און טויט, גערעכטיקייט, ליבע, אייפֿערזוכט, גליק, די פֿראַגן פֿון בין אדם למקום און בין אדם לחברו. דורכן העלד אַנטפּלעקט דער מחבר זיין בילדערישע געדאַנקען־וועלט, זיין באַציִונג צו זאַכן און געשעענישן.

אין דעם גרעסטן טייל פֿאַלן ווייסן מיר נישט וואָס איז וואָר און וואָס אויסגעטראַכט. אונדז אינטערעסירט עס נישט. אייגנטלעך דאַרף עס אונדז נישט אינטערעסירן.

אויב דער אויסגעטראַכטער איז אַזוי לעבנס־אמתדיק, אַז מיר גלייבן אין זיין עקזיסטענץ, אַזוי וואָר, אַז ער שטייט פֿאַר אונדז ווי אַ לעבעדיקער, וועלכן מיר קענען אַ סך בעסער ווי אונדזערע באַקאַנטע און פֿריינד און ווייסן וועגן אים אָפֿטמאָל מער ווי וועגן זיך אַליין — קאָן אונדז דען אויפֿקומען דער געדאַנק, אַז דאָס דאָזיקע בלוט און פֿלייש, דער דאָזיקער נערוון־קנויל איז בלויז אַ פּראָדוקט פֿון דעם מחברס געהירן? אויב דאָס 11—12־יאָריקע מיידל איז געווען אַזוי אויפֿגעשווידערט פֿון „אָליווער טוויסט“, אַז זי וואָלט גרייט געווען צו פֿאַרטיידיקן אים מיט אַלע אירע כּוחות, אויב זי האָט אים אויפֿגענומען ווי אַ ווירקלעכן, ווי אַ לעבעדיקן, באַווייזט עס טאַקע, אַז דיקענס איז אַ גרויסער שרייבער. ער האָט געקאָנט אויפֿרודערן הערצער און דאָס איז דער אויפֿטו פֿון אַ שרייבער. איז דען וויכטיק צי פּונקט אַזאַ ייִנגל איז געווען?

וויכטיק איז עס נישט. אָבער טשעקאַווע צו וויסן איז עס. באַזונדערס, ווען מ'וויל זיך באַקענען מיט דער לאַבאָראַטאָריע פֿון שרייבער, מיט די סודות פֿון שעפֿערישן פּראָצעס.

פֿאַראַן ליטעראַרישע טיפּן, וועגן וועלכע מיר ווייסן, אַז זיי האָבן געהאַט ווירקלעכע לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן. שלום־עליכם, ווי באַקאַנט, האָט

מיט אַ פולער האַנט געשעפּט פון לעבן. מען ווייסט, אַז אויף טביהן, מנחם-מענדלען און צענדליקער אַנדערע טיפּאַזשן האָט זיך שלום-עליכם אָנגעטראָפן. ער האָט זיי ג י ש ט ג ע ד א ר פ ט א ו י ס ט ר א כ ט ן, נ א ר צ ו ט ר א כ ט ן, ד ע ר ט ר א כ ט ן, א י ב ע ר ט ר א כ ט ן, דורכלאָזן דורך דער פּריזמע פון זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. ליי-דער איז אונדזער יידישע ליטעראַטור-קענטעניש נישט רייך מיט מאַטע-ריאַל און פאָרשונגען וועגן דער שייכות צווישן פּראָטאָטיפּ און טיפּ. מען קאָן אָבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז שלום-עליכם האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע העלדן נישט אויסגעטראַכט.

שלום-עליכם האָט אין זיין קורצער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט געשריבן אין רוסיש אויף דער באַשטעלונג פון „קיעווסקאַיאַ מיסל“ (אין 1908) אָפּגעמערקט:

„לויט דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די סוזשעטן אין די דערציי-לונגען פון שלום-עליכם דאַרף מען אַרויסזען די פאַרשידנאַרטיקע באַ-שעפטיקונגען פונעם מחבר, וועלכער איז איבערגעווען אי אַ סוחר, אי אַ ברעזע-האָז, אי אַ קאַזיאָנער ראַבינער, איז אַ קאָמיסיאָנער, אי אַ לע-רער, אי אַן אַגענט פון לעבנס-פאַרזיכערונג, און וואָס נישט?“

דערמיט האָט שלום-עליכם געוואָלט זאָגן אַז זיינע פּערסאָנאַזשן האָט ער נישט נאָר געטראָפן אין לעבן און געווען באַקאַנט מיט פאַרשי-דענע מינים מענטשן פון פאַרשידענע מלאכות, נאָר אומעטום, צווישן זיינע העלדן, גייט אַרום אַ שטיקל שלום-עליכם אַליין.

מיר ווייסן, אַז דער באַרימטער „פּעטער פּיניע“ האָט געהאַט זיין פּראָטאָטיפּ אין פּנחס ראַבינאָוויטש, „פּעטער ניסל“ האָט גענומען זיין אָנהייב פון ניסן ראַבינאָוויטש, „דער ברודער אליהו“ (אין „מאָטל פּיי-סי דעם חזנס“) איז ממש אַ קאָפּיע פון שלום-עליכמס אמתן ברודער אליהו, הן לויטן כאַראַקטער, הן לויט זיינע אומגעלונגענע פּרנסות. שלום-עליכם האָט זיך אפילו נישט באַמיט צו בייטן די נעמען.

מעגלעך, אַז אויך אַנדערע יידישע שרייבער האָבן גענומען אַלס יסוד פאַר זייערע פּערסאָנאַזשן לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן. די יידישע ליטע-ראַטור-קענטעניש האָט אָבער נישט געשענקט, ווי געזאָגט, קיין באַזונ-דערע אויפמערקזאַמקייט דער אויספאָרשונג פון דאָזיקן פּראָבלעם. אין אַנדערע ליטעראַטורן האָט מען זיך מיט דער פראַגע פאַרנומען אַ סך מער.

פאַראַן קריטיקער און ליטעראַטור-פאָרשער, וועלכע האַלטן, אַז מען איז מגזם דעם באַדייט פון פּראָטאָטיפּ און אַז מעטאָדאָלאָגיש איז בכלל

נישט ריכטיק זיך צו פֿאַרנעמען דערמיט, וואָרום אמתע קינסטלער, ביים שאַפֿן טיפּישע געשטאַלטן, נעמען בכלל נישט אָן פֿאַר אַן אויסגאַנגס־פּאָזיציע אַ וואָסער נישט איז פּראָטאָטיפּ.

וויקטאָר שקלאָווסקי אין זיין בוך „פֿאַרצייכענונגען וועגן דער פּראָזע פֿון די רוסישע קלאַסיקער" פֿאַררופֿט זיך אויף לעוו טאָלסטאָיס אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט, אַז אַנדריי באָלקאָנסקי (פֿון „מלחמה און שלום") זאָל האָבן געהאַט אַ פּראָטאָטיפּ.

„איך וואָלט זיך געשעמט צו דרוקן — האָט געשריבן טאָלסטאָי — אויב מיין גאַנצע אַרבעט וואָלט באַשטאַנען אין דעם, כ'זאָל שרייבן אַ פּאָרטרעט, דערוויסן זיך, פֿאַרגעדענקען. כ'וועל זיך באַמיען צו דער־קלערן, ווער איז אַזאַ מיין אַנדריי. אין דער שלאַכט ביי אויסטערליץ, וואָס דאַרף באַשריבן ווערן, נאָר פֿון וועלכער כ'האָב אָנגעהויבן מיין ראָמאַן, האָב איך געדאַרפֿט האָבן עס זאָל דערהרגעט ווערן אַן אויס־געצייכנטער יונגער מענטש; אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון ראָמאַן האָב איך געדאַרפֿט נאָר דעם אַלטן באָלקאָנסקי מיט זיין טאָכטער. נאָר אַזוי ווי עס איז נישט באַקוועם צו באַשרייבן אַ פּערזאָן, וואָס איז אינגאַנצן נישט געבונדן מיטן ראָמאַן, האָב איך באַשלאָסן דעם גלענצנדיקן יונגן מענטשן צו מאַכן פֿאַר אַ זון פֿון באָלקאָנסקין. שפּעטער האָט ער מיך פֿאַראינטערעסירט, ס'האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אים אַ ראָל אין ווייטערדיקן גאַנג פֿון ראָמאַן, האָב איך זיך אויף אים מרחם געווען און אים פֿאַרוווּנדעט אָנשטאָט אים צו טייטן".

אַזוי האָט געשריבן טאָלסטאָי. און פֿון דעם האָט מען געפּרוּווט מאַכן דעם אויספֿיר, אַז פּראָטאָטיפּן זענען נישט קיין וויכטיקער עלע־מענט אין שעפֿערישן פּראָצעס.

אָבער אַ צווייטער רוסישער קלאַסיקער, נישט קיין אַנדערער ווי טורגעניעוו, האָט געטענהט וועגן דעם, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט צו שאַפֿן אַ געשטאַלט, אויב ער האָט נישט געהאַט פֿאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט אַ לעבעדיקע פּערזאָן, צו וועלכער ס'זענען שפּעטער צוגעמישט און דערגעבן געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע עלעמענטן. גאָרקי האָט געזאָגט: „איך קען נישט שלעכט דעם רוסישן שטייגער און די רוסישע ליטעראַ־טור און איך מוז זאָגן נישט אָן באַדויערן: קיינער מראַכט נישט אויס וויניקער פֿון מיר". אויך גאָגאָל האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער שאַפֿט זיינע פּערסאָנאַזשן נישט אַזוי דורך אויסטראַכטן ווי דורך דערטראַכטן.

פֿון דעם געזאָגטן איז פֿונדעסטוועגן נישט געדרונגען, אַז אין דעם

פאַל, ווען דער מחבר האָט געהאַט אַ פּראָטאָטיפּ, קאָן מען זיין ליטעראַרישן נאָכפאָלגער — דעם טיפּ — האַלטן פאַר זיין פשוטער קאָפּיע. קיין קאָפּיע איז עס נישט. קיין גלייכשטעלצייכן קאָן נישט געשטעלט ווערן. אַ ליטעראַרישער פּאָרטרעט איז קיינמאָל נישט (חוץ אפשר אויסנאַמיק) קיין פאָטאָגראַפיע.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַ ווערק, וואָס איז באַקאַנט אַלע לייענער אין דער גאַנצער וועלט. אַלעמען איז באַוווּסט, אַז גאָרקי האָט פאַר זיינע הויפּטיקע העלדן פון ראָמאַן „די מוטער“ געהאַט אַלס פּראָטאָטיפּן דעם סאָרמאָווער אַרבעטער פּעטער זאַלאָמאָוו (געשטאָרבן ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק) און זיין מוטער. אין 1911 האָט גאָרקי געשריבן י. יאָרדאַנסקין: „גילאָוונאַ — איז דער פּאָרטרעט פון דער מוטער פון פּעטער זאַלאָמאָוו, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַן 1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין סאָרמאָווא“. אָבער, ווי באַקאַנט, האָט דער זעלבער גאָרקי גערעדט וועגן דעם, אַז ווען ער וויל געבן, ההיינו, דעם טיפּ פון אַ קרעמער, איז ווייניק צו קענען איין קרעמער; מען דאַרף קענען הונדערטער און געפינען דאָס געמיינזאַמע צווישן זיי, דאָס טיפּישע. וואָס האָט בכן גאָרקי געטאָן מיט זאַלאָמאָוון, כדי צו מאַכן פון אים אַ טיפּ, וואָס טראָגט די שטריכן פון זיין קלאַס אין דעם געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד? די סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט זיך מיט דעם ענין נישט ווייניק פאַרנומען און צונויפגעקליבן אַ גרויסן פאַרגלייכנדיקן מאַטעריאַל. דאָס פאַרגלייכן גיט פיל שטאָף צו טראַכטן איבער דער פראַגע ליטעראַטור און לעבן, וועגן דער שייכות צווישן פּראָטאָטיפּ און טיפּ.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אַ פּאָר הונדערטפּראָצענטיק פעסטגעשטעלטע פאַקטן. ביי אַננאַ קירילאָוונאַ זאַלאָמאָוו זענען געווען זיבן קינדער; אונטער דער השפּעה פון פּעטערן זענען זיי כמעט אַלע צוגעשטאַנען צו דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, געוואָרן אָנגעזעענע באָלשעוויקעס. אַזאַ גרויסע משפּחה רעוואָלוציאָנערן האָט געקאָנט פאָרשטעלן זייער אַן אינטערעסאַנט מאַטעריאַל פאַר אַ ראָמאַן. וואָס האָט געטאָן גאָרקי? ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פאַקטישן מאַטעריאַל. אין דער „מוטער“ האָבן מיר אַ משפּחה פון דריי מאַן: פאָטער, מוטער און זון.

דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער נ. לענאָבל מיינט, אַז גאָרקי האָט רעדוצירט די משפּחה צוליב אַ ריי טעמים:

פּילצאָליקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען אַרויס פון איין און דער זעלבער משפּחה, וואָלטן אומפאַרמיידלעך זיך אַרויסגעוויזן אין אַ געוויסער מאָס פאַר א י נ ט י פּ י ק, וואָס וואָלט פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט געווען נישט געוונטשן און נישט צוועקמעסיק;

אַ רעוואָלוציאָנערין ווערט פּעלאַגיאַ נילאָוונאַ קודם כּל אויס מוטער=ליבע. אין דער „מוטער“ ווערט איר ליבע קאָנצענטרירט אויפן א יי נ א ו נ א יי נ צ י ק ן זון, וועלכן נילאָוונאַ לאָזט פונדעסטוועגן מיט אַזאַ אומגעוויינלעכן מסירת=נפש גיין אויף דער סכּנותדיקער דעמאָנסטראַציע, וויסנדיק, אַז די סאָלדאַטן קאָנען אים דערהרגענען, דורכלעכערן מיט זייערע באַגנעטן. דאָס מאַכט די געשטאַלט פון נילאָוונאַ שאַרפער און אויסדרוקפולער, שטאַרקער און העראָישער.

און אָט נאָך אַ פּאָר פאַרגלייכנדיקע מאָמענטן:

פּעטער אַנדרעיעוויטש זאַלאָמאָוו, דער פּראָטאָטיפּ פון פּאַוועל וולאַסאָוו, האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט ניבול=פּה, מיט גראָבע זילזולים, ער האָט נישט געטרונקען קיין בראָנפן און אפילו נישט גערויכערט, וואָס ס'האָט אינגאַנצן אַרונטערגעריסן זיין אָנזען אין די אויגן פון זיינע חברים. אָבער פּאַוועל וולאַסאָוו ביי גאָרקין פירט זיך לכתחילה ווי אַלע פון זיינס גלייכן — טרינקט, הגם ער פאַרטראָגט נישט קיין אַלקאָהאָל. ביטן בייט ער זיך ערשט דאַן, ווען ער קומט אין פאַרבינדונג מיט פּאַרטייער. אַזוי ווערט אונטערגעשטראָכן די השפּעה פון דער פּאַרטיי נישט בלויז אויף דער וועלט=אָנשויונג פון פּאַוועלען, נייערט אויך אויף זיין טאָג=טעגלעכער אויפפירונג.

גאָרקי שרייבט צו פּאַוועלען מעשים, וועלכע זאַלאָמאָוו איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען. למשל, זאַלאָמאָוו האָט זיך נישט באַטייליקט אין קאַמף פאַר דער „בלאָטע=קאָפּיקע“. אויך דער פּאָרטרעט פון דער מוטער פאַלט זיך נישט צונויף מיט דער ווירקלעכער זאַלאָמאָוואַ.

ענדערנדיק דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, די ווירקלעכע פאַקטן, איז גאָרקי אַרויס פון זיין אידעישער צילגעווענדטקייט, פון זיין קינסטלערישן פאַרטראַכט.

פרעגט זיך: ענדערנדיק, איבעראַרבעטנדיק דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס דאָס לעבן האָט אים געגעבן, איז גאָרקי באַגאַנגען אַ חטא קעגן דעם לעבנס=אמת, אָדער גאָר פאַרקערט — נאָך שאַרפער, נאָך איבערציינגנדיקער געבראַכט צום אויסדרוק דעם לעבנס=אמת?

אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור זענען פאַראַן פיל באַרימטע אין דער גאַנצער וועלט ביכער, וואָס זענען געבויט געוואָרן אויף דעם פאַקטישן מאַטעריאַל פון דער ווירקלעכקייט. גענוג צו דערמאָנען אַזוינע ווערק ווי פורמאַנאָווס „טשאַפּאַיעוו“, מאַקאַרענקאָס „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע“, א. פאַדייעווס „יונגע גוואַרדיע“, באָריס פּאָלעוואָיס „דערציילונג וועגן אמתן מענטש“ און לסוף דאָס בוך, וואָס איז געוואָרן אַ וועגפירער פאַר אַ גאַנצן דור רעוואָלוציאָנערער יוגנט, ניקאָלאַי אָסטראָווסקיס „ווי ס'האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל“, וואָס ווערט געהאַלטן פאַר אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק.

אין די לעצטע יאָרן איז אויך אויפגעדעקט געוואָרן, אַז דאַווידאָוו פון שאָלאָכאָווס באַרימט ווערק „אויפגעאַקערטע רויערד“ האָט אויך געהאַט זיין פּראָטאָטיפּ. דאָס איז געווען... אַ ייִד, איצט אַן אינזשיניער, צי אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק ביי מאָסקווע.

און ביי יעדן פון די אויסגערעכנטע ביכער גיט דער פאַרגלייכנדיקער מאַטעריאַל באַווייזן דערפון, אַז קיינער פון די מחברים האָט זיך קנעכטיש נישט געהאַלטן ביים פאַקטישן מאַטעריאַל, נאָר להיפוך — יעדער האָט זיך באַנוצט מיטן לעבנס־מאַטעריאַל אין הסכם מיט זיין עיקרדיקן אידעישן און קינסטלערישן פאַרטראַכט און בלויז אַדאַנק דעם זענען די ביכער געוואָרן נישט קיין בעלעטריזירטע ביאָגראַפיעס, נאָר קונסט־ווערק.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פרט ניקאָלאַי אָסטראָווסקיס „ווי עס האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל“. דער דערמאָנטער קריטיקער לעבל מערקט אָפּ, אַז די לעצטע אויספאָרשונגען באַווייזן אויסשעפּיק, אַז ס'איז אַ גראָבער טעות די מיינונג, אַז פאַוועל קאָרטשאַגין איז בלויז אַ געטרייע קאָפּיע פון ניקאָלאַי אָסטראָווסקי. אָסטראָווסקי האָט נישט אַריינגעטראָגן אין זיין ראָמאַן זייער פיל פּאַסירונגען פון זיין אייגן רייך לעבן, מעשים, מיט וועלכע ער וואָלט געקאָנט שטאָלצירן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָן אַ שיעור עפּיזאָדן, ווייל זיי זענען אים נישט געווען נייטיק ביים אַנטוויקלען דעם כאַראַקטער פון זיין ליטעראַרישן העלד. ווען ער וואָלט באַשריבן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט, פאַרזיכערט דער קריטיקער, וואָלט פיל אויסגעזען פאַר נישט ווירקלעך, פאַר אויסגעטראַכט, פאַר אומגלייבלעך און דערפאַר האָט ער זיך פון אַזוינע עפּיזאָדן אָפּגעזאָגט. פאַרקערט — ער האָט צוגעשריבן זיין העלד אָנ־

מייל אין געשעעניש׳ן, אין וועלכע אָסטראָווסקי אַליין איז גאָרנישט געווען באַטייליקט, נאָר וואָס זענען געווען אָרגאַניש נייטיק פאַרן ווערק.

אָסטראָווסקיס פריינד האָבן דערציילט אַזאַ פאַל:

איינמאָל, ווען דער אומגליקלעכער שרייבער איז געווען מיט זיך צוליב עפּעס אומצופרידן, האָט ער אויסגעשריגן: „ניין, קאָרטשאַגין וואָלט אַזוי נישט געהאַנדלט“. דאָס הייסט, אָסטראָווסקי האָט נישט באַטראַכט קאָרטשאַגינען פאַר אידענטיש מיט זיך, ער האָט זיך גאָר פאַרקוקט אויף אים, ווי אויף אַ מענטש, וועלכן מ׳דאַרף נאָכפאָלגן און ביי וועמען מען דאַרף זיך לערנען.

* * *

דאָס אויספאָרשן ווי גרויסע מייסטער פון קינסטלערישן וואָרט זיצנען זיך באַגאַנגען מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן דירעקט גענומען פון לעבן; וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן און וואָס אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט; וועלכע קאָרעקטיוון זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דאָקומענטאַלן פאַקט, — עפנט אַ וועג פאַר זייער אינטערעסאַנטע פאַראַלגעמיינערונגען פון טעאָרעטישן כאַראַקטער.

די ליטעראַטור־פאָרשונג האָט אָנגעקליבן אַ גרויסן מאַטעריאַל, וואָס איז אָבער ביז היינט נאָך אַלץ נישט סיסטעמאַטיזירט געוואָרן און נישט דערפירט געוואָרן צו וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט.

אַ ריי פאָרשער האַלטן, אַז האָבנדיק פאר זיך אַ סוזשעט, וואָס איז גענומען געוואָרן דירעקט פון לעבן, האָבן די מחברים אין פיל פאַלן געענדערט דעם סוף און דערמיט פאַרשאַרפט דעם קאָנפליקט, בולטער געמאַכט די אידעע. אַזוי, למשל, האָט טורגעניעוו אין יסוד פון זיין דערציילונג „אַ מאָדנע געשיכטע“ געהאַט אַ ווירקלעכע דראַמע פון אַ מיידל, וואָס איז אַוועק פון פאָטערס הויז, כדי אַלס דינסט צו באַגלייטן אַ „יוראָדיוון“ און אויף אַזאַ אופן אויסקויפן די זינד פון איר טאַטן, וואָס האָט באַגנבעט די מלוכה־קאַסע. ביי טורגעניעוון בלייבט דאָס מיידל אויף אַ גאַנץ לעבן אַ „שוויגערין“. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך די מעשה געענדיקט דערמיט, וואָס דאָס מיידל האָט זיך לסוף אומגעקערט אַהיים און אפילו חתונה געהאַט.

פיל שרייבער האָבן זיך אויף אַזאַ אופן באַנוצט מיטן ווירקלעכן מאַטעריאַל. זיי אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס אין לעבן

קאָן זיין צ ו פ ע ל י ק, מוז אין דער ליטעראַטור זיין א ו מ ב אַ־ ד י נ ג ט. דאָס לעבן איז פול מיט אומלאָגישע סיורפריזן, די ליטעראַ־ רישע שאַפונג פאָדערט אינעווייניקסטע לאָגיק. דער לעבנס־שטראָם שלעפט מיט זאַמד און שטויב, בלעטער און צווייגן, מיסט און אָפּפאַל, אַלץ וואָס ער פאַרכאַפּט אין וועג און קאָן טראָגן אויפן קאַרק פון זיין כוואַליע; אין דער ליטעראַטור מוז דער מאַטעריאַל אָפּגעזויבערט ווערן פון צופעליקן, אָנגעשלעפּטן, נישט־אָרגאַנישן, צוגעמישטן, פון דער זייט געקומענעם. ווי קומט פאָר די האָזיקע דיסטילירי־אַרבעט? ווי ווערט גאָרדנט דער ווילדער הפקר־מאַטעריאַל פון לעבן? מיט וועלכע אינסטרו־ מענטן באַנוצט זיך דער שעפער, דורך וועלכע קאַנאַלן טרייבט ער דעם רוימאַטעריאַל, כדי אים אָפּצורייניקן?

די לאַבאָראַטאָריע, וואָס פירט דורך די דאָזיקע אַרבעט, איז — זיין וועלט־אָנשויונג. דער מאַטעריאַל ווערט אָפּגעקליבן, געאָרדנט און פאַר־ שאַרפט אין הסכם מיט דער אידעע פונעם קינסטלער, אין הסכם מיט דעם, וווהין ער וויל קערעווען דעם בליק און דעם געדאַנק פונעם לייענער.

אַזוינע גרויסע פּאָעטן, ווי די יידישע נביאים, זענען געווען אייג־ קנעלער, דידאַקטן, מוסר־זאָגער; זייערע פלאַם־פייערדיקע וויזיעס האָבן צו עפּעם וואָס געפירט, געלערנט, מדריך געווען. אַזאַ קינסטלער־ גיגאַנט, ווי לעוו טאָלסטאָי, וואָלט זיין שרייבן אין קיין איין פרוטה נישט געשאַצט, ווען ער וואָלט נישט געוואָלט אין לעבן, אין דער וועלט דורכ־ זעצן זיין האַרץ, זיין מוח, זיינע אידעען, די מחשבות, וואָס האָבן אים קיין מנוחה נישט געגעבן; סערוואַנטעס האָט געשלאָגן דעם ריטער און דעם ריטער־לעבן ראָמאַן; שלום־עליכם, מאַרק טווען, גאָגאָל, מאָליער, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, מענדעלע מוכר־ספרים האָבן אויסלאַכנדיק — אָנ־ געגריפן עפּעס און פאַרטיידיקט. זיי האָבן געוואָלט דורך אויפדעקן, דורך באַווייזן, דורך דעמאַסקירן — אָפּשאַפן, אָפּווישן, אויסקערן. און נישט קערן צוליב קערן און לאַכן צוליב לאַכן, נאָר אויס ליבע צום מענטש, אויס האַרצווייטיק, אויס אַ ליידנשאַפטלעכער כוונה. דורכלייכטנדיק דעם מענטשן — אים העלער מאַכן, שענער. ד י נ ע ן האָבן זיי געוואָלט — זייערע פעלקער, דער מענטשהייט. ד י נ ע ן יעדער אויף זיין אַרט, מיט דער גרעסטער אומפאַרגלייכלעכער קראַפט פון זייערע טאַלאַנטן, מיט רענטגען־שטראַלן פון זייער קינסטלעריש אויג, וואָס אַנטפּלעקט די אינגעווייד, דאָס פאַרבאָרגענע פאַרן פשוטן אויג, דאָס אַזויפיל מאָל געזעענע און דאָך אומגעזעענע. זיי האָבן געוואָלט אויפשווידערן, אויפ־

רודערן, העפטיקער טרייבן דאָס בלוט דורך די געפעסן, שפּירעוודיקער מאַכן דאָס האַרץ פונעם לייענער, אים ענדערן און דורך אומגעאַנטער, אומבאַמערקטער איינזאַפּעניש פון אידעען און בילדער סטימולירן אים צום אַקטיוון אויפפאַסן דאָס לעבן; איבערגיסנדיק זייער האַרץ, זייערע שפּירונגען, זייערע אידעען אין אומבאַקאַנטן געניסער, וואָס איז, ווער ער זאָל נישט זיין, קודם-כל אַ מענטש — אים מענטשלעכער מאַכן.

ווען נישט די דאָזיקע הויכע מיסיע פון דער קונסט, פון דער ליטעראַטור, ווער וואָלט זיך אין זיי גענייטיקט? קאָרטן-שפּיל און קאַווע-טרינקען וואָלט דאַן געווען אַ בעסערער צייט-פאַרטרייב.

די קונסט קומט פון לעבן, כדי צו ווירקן אין לעבן. אין דעם שטעקט די אָרגאַנישע שייכות צווישן ליטעראַטור און לעבן.

דער ליטעראַטור-קענער ע. האָבין, וועלכער האָט אַ ריי יאָרן דערפאָלגרייך זיך פאַרנומען מיט באַאַרבעטן פאַרגלייכנדיקן מאַטעריאַל, ד. ה. מיט אויספאָרשן דעם מאַטעריאַל וועגן ליטעראַרישע פּראָטאָטיפּן און פאַרגלייכן מיט די ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן, וואָס זענען אויפן יסוד פון די פּראָטאָטיפּן געשאַפן געוואָרן, איז געקומען צום אויספיר, אַז כמעט יעדער „אויסגעטראַכטער" סוזשעט פון אַ קינסטלערישן ווערק שטיצט זיך אויף ווירקלעכע לעבנס-פאַקטן און פאַסירונגען. די מעשה איז, האַלט ער, וואָס נישט אַלעמאָל זענען די פאַקטן באַוווּסט דעם אויספאָרשער. ס'איז באַוווּסט, אַז פּושקין האָט דעם סוזשעט פון זיין דערציילונג „דובראָווסקי" אינגאַנצן געפונען אין לעבן. ס'איז אַלטבאַוווּסט, אַז פלאָבער האָט אין „מאַדאַם באָוואַרי" גאָר געביטן די נעמען פון די העלדן; די גאַנצע געשיכטע אָבער איז ווי זי גייט און שטייט גענומען פון לעבן. אפילו דער ראָמאַנטישער סוזשעט פון לערמאָנטאָווס „מצירי" איז נישט אויסגעטראַכט. דאָס צעטל וואָלט מען געקאָנט צייען זייער לאַנג און יעדער וואָלט געקאָנט צו דעם עפּעס צוגעבן.

ס'איז דאָך באַקאַנט, וואָס פאַר אַן אומאויסשעפּיקער קוואַל פאַר שרייבער ס'שטעלט מיט זיך פאָר דער געריכט-זאַל. עמיל זאָלאַ, למשל, האָט געשטיצט זיין נאַטוראַליסטישע טעאָריע פון דער ליטעראַטור אויף דער פאָרשערישער אַרבעט פון שרייבער און אַליין געווען טאַקע אַ געוויסנהאַפטער פאָרשער פון ווירקלעכן לעבנס-מאַטעריאַל.

דאָס בעסטע, לויט מיין מיינונג, ווערק פון דייטשישן שריפטשטעלער האַנס פאַלאַדאַ, זיין לעצט בוך „יעדער שטאַרבט ביחידות" (וועגן

וועלכן ס'גייט אַ רייד אין אַן אַנדער אָרט פון דאָזיקן בוך, אין דער אַרבעט „דאָס פאַרברעכן פון פאַסיווקייט") איז געבויט אויף אַרכיוו־מאַטעריאַלן, אָפּגעזוכטע אין געסטאַפּאָ. ס'איז טאַקע געווען אַזאַ פאָרפאַלק, וואָס האָט, נישט זייענדיק מיט קיינעם פאַרבונדן, נישט אָנגעהערנדיק צו קיין שום אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, אויף אייגענער האַנט פאַרפירט אַ מלחמה קעגן „פירער", קעגן „דריטן רייך", שרייבנדיק אַליין פּאָסטקאַרטלעך און אַליין פאַרשפּרייטנדיק זיי. די „מלחמה" האָט געדויערט יאָרן ביז די געסטאַפּאָ האָט געכאַפּט די איינזאַמע העלדן און פאַרמישפּט זיי צום טויט דורך קעפּן.

וואָס פאַר אַ גרויס מענטשלעך ווערק, וואָס פאַר אַ טיפע פאַראַלגעמיינערונג האָט ער געשאַפן איבערטראַנספאָרמירנדיק אין הויכער קונסט די זייטן פון די פּאָליצייאישע פּראָטאָקאָלן!

אָבער פאַראַן שרייבער, בײַ וועמען דאָס אויסטראַכטן, די וויזיע, בילדעט דעם גאַנצן חוט־השדרה פון זייער ווערק, בײַ וועמען דער קאָנטאַקט מיטן מאָדעל, מיטן פּראָטאָטיפּ איז זייער לויז.

פּרץ מאַרקיש, אין זיין לעצט גרויס ווערק „מלחמה", האָט אַריינגעפירט צענדליקער פּערסאָנאַזשן — ייִדן, רוסן, אוקראַינער, דייטשן, דערציילט הונדערטער עפּיזאָדן פון קריג, הריגות, געטאָס און קאָנצלאַגערן. דער גענעראַלער סוזשעט איז די היסטאָריע, וואָרום ער הייבט אָן פון ערשטן טאָג קריג און פאַרענדיקט זיין עפּאָפּעע אין בערלין בײַם בראַנדענבורגער טויער. אָבער דער גענעראַלער סוזשעט לייגט זיך צונויף פון הונדערטער אַנדערע סוזשעטן — גאַנצע פּאַסירונגען, עפּיזאָדן, טראַגעדיעס. בלי ספק האָט דער מחבר אויסגענוצט אָן אַ שיעור פאַקטן געהערטע, געלייענטע אין די צייטונגען, אינפאָרמאַציעס פון דער הויפּטקאָמאַנדשאַפט א. א. וו. און דאָך... איז, קענטיק, אַלץ אויסגעטראַכט. אויסגעטראַכט, ווייל אין כאַראַקטער פון מאַרקישן דעם דיכטער, דעם וויזיאָנער איז נישט געלעגן די נייגונג צו דאָקומענטאַלער פאָרשונג, אים האָט אינגאַנצן נישט אינטערעסירט די אויטענטישקייט. ער האָט נאָר געדאַרפט אַ שפּראָץ, אַ פונק, אַ קליין פּינטעלע, אַן אָנצוהערעניש און זיין פאַנטאַזיע האָט עס שוין פאַנאַנדערגעבלאָזן צו אַ שייטער, צו אַ שריפה, צו אַ גיגאַנטישער געשטאַלט.

בײַ זיין שמאָלן נידעריקן שרייבטיש, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן די עפּאָפּעע זיינע, האָט ער געהאַט זעונגען, חזיונות, וואָס זענען אויפגעקומען אויפן סמך פון אַלץ־געזעענעם, געהערטן, געלייענטן, אי־

בערגעלעבטן און איבערגעפילטן צוזאַמענגענומען. ס'איז נישט געווען קיין מעטאָד, דאָס איז געלעגן אין זיין נאַטור אויפצוצווינגען דעם פאַקט האָבן די פאַרב וואָס ער וויל, אויסקלינגען אַ געשטאַלט. דער מאָדעל, אויב ס'איז געווען אַזאַ, איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען.

אָט, למשל, האָט אים פאַראינטערעסירט די געשטאַלט פון יונגן אומבאַקאַנטן ווילנער פאָעט־פאַרטיזאַן הירש גליק, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם הימן פון די ווילנער יידישע פאַרטיזאַנער „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". מאַרקיש האָט נאָר געקענט די ווערטער פון דעם ליד. מער נישט. ער האָט גאָרנישט געוווסט וועגן גליקן, נישט באַמיט צו דערוויסן זיך וועגן אים גענויער. איך ווייס אַפילו נישט, צי ער האָט געוווסט, אַז דאָס יינגל איז געווען פאַרן קריג אַ פאַרקויפער אין אַ געשעפט, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, האָס איז געווען אַ באַשיידן שעמעוודיק יינגל.

פאַר מאַרקישן איז גענוג געווען עפעס צו וויסן וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ווילנער געטאָ, דעם נאָמען פון פאָעט און זיין ליד. דאָס איז געווען גענוג. ביים שרייבטיש איז פאַר אים געשטאַנען דער גליק, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט — דער לערער גליק. ער האָט אים געמאַכט פאַרן הויפט־העלד פון זיין פיעסע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", וואָס האָט נישט געהאַט קיינע שום עלעמענטן, קיין שום ספעציפיק פון ווילנער געטאָ; ער האָט הירש גליקן אַריינגעפירט ווי אַ העלד אין זיין בוך „מלחמה" און געלאָזט אים אָנשרייבן „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" און ער דרוקט עס אָפ ווי אַן אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. דערמיט האָט ער געשטעלט אַ דענקמאָל דעם אומגעקומענעם דיכטער, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט נאָך זיין טויט. אויפן זעלבן אופן האָט ער אַריינגעפירט די פאַרטיזאַנערין נעמי, אַ ווילנער מיידל, אויף וועלכער ער האָט נאָר איינמאָל אַ בליק געטאָן און געזען אין איר אויסגעאיידלט טונקל געזיכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זען.

ווען מ'זאָל אַפילו וויסן און קענען אַלע איבעריקע פערסאָנאַזשן, וועט מען קוים אויפכאַפן אפשר געציילטע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון פראָטאָטיפן. מאַרקיש האָט זיי נישט געדאַרפט. ער האָט זיי אַליין אויסגעטראַכט און געשטעלט אין סיטואַציעס, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט.

אפשר דערפאַר טאַקע זענען — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מאַרקיש איז רייך אין מאָלערישע מיטלען, וואָס ער וואַרפט ווי אַ וואַסערפאַל קאַסקאַדן־בילדער, נייע אומגעזעענע און ממש אָנטאַפּנדיקע מעטאַפאָרעס — זיינע פּערסאָנאַזשן דאָך נישט אינדיווידואַליזירט, אין זיי פעלט עפּעס. געוויס דער דעטאַל, דער סימן, וואָס זאָל עדות זאָגן, אַז דאָס איז אומאָפּפרעגלעך דער און נישט קיין אַנדערער.

באַזונדערע, לעבעדיקע מענטשלעכע שטריכן שאַפט די נאַטור באַשטימט קאָנקרעטער, אָנשוילעכער, פיל רעליעפער ווי די קונסט, און די קונסט מוז זיך ביי איר לערנען.

אפשר טאַקע דערפאַר האָט טורגעניעוו אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט צו שאַפן אַ געשטאַלט, אַרויסגייענדיק נאָר פון אַן אידעע. פריער האָט ער זי געדאַרפט האָבן געזען אין לעבן. ער האָט געמוזט האָבן אַ פּראָטאָטיפּ.

* *
*

דער פריער דערמאָנטער לענינגראַדער רוסיש־יידישער ליטעראַטור־פאָרשער ע. דאָבין, פאַררופט זיך אין איינער פון זיינע אַרבעטן אויף אַ גרויסן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל, וואָס די פראַנצויזישע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט אויפגעזאַמלט וועגן דעם פּראָטאָטיפּ פון זשולען סאָרעל, דעם הויפּט־העלד פון סטענדאַלס באַרימטן ראָמאַן „רויט און שוואַרץ“. אויפן סמך פון דאָזיקן מאַטעריאַל פירט דער פאָרשער דורך אַ פאַרגלייכנדיקן אַנאַליז און קומט צום אויספיר, אַז די אויסערלעכקייט פון סאָרעל איז טריי קאָפּירט פון זיין פּראָטאָטיפּ אַנטואַן בערטע. טריי זענען אויך דער גרעסטער טייל פון די פּעריפּעטיעס פון דער דראַמע, און דאָך אַנטפּלעקט זיך די אידעע און דער תמצית פונעם ווערק דווקא אין די אָפּווייכונגען פון פאַקטישן מאַטעריאַל. די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער דראַמע איז פולשטענדיק געענדערט און אַנטוויקלט געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. סטענדאַל האָט אַקצענטירט די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַדייטונג אין דער געוויינלעכער מאָרד־געשיכטע, געמאַכט פון איינצלפאַל אַ גרויס פּראָבלעם.

געווים, יעדער שרייבער טראַקטירט דעם פּאַקטישן מאַטעריאַל אויף זיין אופן און הסכם מיט דעם, וואָס ער וויל באַווייזן, מיט דער אידעע, וואָס ער וויל דורכזעצן, מיטן ציל, וואָס ער שטעלט זיך.

די ביישפילן, ווי אַזוי אויפן סמך פון פּראָטאָטיפּן זענען געשאַפן געוואָרן ליטעראַרישע געשטאַלטן רעדן בלתי ספק גענוג דייטלעך וועגן דער ראָל פון דער וועלט-אָנשויונג אין שעפערישן פּראָצעס. און דאָך איז פון פריער געזאָגטן ריזיקאַליש צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די וועלט-אָנשויונג פון מחבר איז אַלעמאָל אידענטיש מיטן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט. פאַראַן נישט ווייניק ביישפילן פון אַ להיפוכדיקן כאַראַקטער. נעמלעך, ס'טרעפט טיילמאָל, אַז דער אויספיר, וואָס בעט זיך מאַכן פון אַ קונסט-ווערק איז גראָד אין סתירה מיט די אַלגעמיין-באַוווסטע אידעאָלאָגישע סימפּאַטיעס פון מחבר. אַזוינע פּאַראַדאָקסן טרעפן דער עיקר מיט גרויסע שריפטשטעלער-רעאַליסטן. ביי זיי, וועלכע הערשן אַזוי מייסטעריש איבערן מאַטעריאַל, טרעפט, אַז דער קינסטלער איז מנצח דעם אידעאָלאָג און טרעט מיט אים אַריין אין שטרייט.

שוין מאַרקס האָט אָפּגעמערקט, אַז באַלזאַק, וועלכער איז געווען אַ ראַיאַליסט, אַן אַריסטאָקראַט בלב ונפש, האָט דווקא דעם בורזשואַ, אין הסכם מיטן היסטאָרישן פּראָצעס, געוויזן ווי אַן אונטערנעמערישע, געוואַגטע, פּראָגרעסיווע געשטאַלט. לענין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דווקא דער גראַף טאָלסטאָי, דער אַריסטאָקראַט און פריץ, האָט געשילדערט דעם פאַנאַנדערפאַל פון פעאָדאַליזם און געוויזן געוויסע וועזנטלעכע זייטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

מ'קאָן זיך משער זיין, אַז שעקספיר האָט זיין „שיילאָק“ געשריבן מיט דער כוונה צו פאַרוויילן דאָס ענגלישע טעאַטער-פּובליקום מיט אַן אַנטיסעמיטישער הוזק-קאָמעדיע; געוואָלט לאָזן זיך משמח זיין דעם פּלעבס איבער דעם דורכפאַל פון יידן — דעם פּראָצענטניק, דעם בלוט-זויגער, וואָס וויל גאָר דאָס „פונטל פלייש“. דער קינסטלער אין אים איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געשאַפן פונקט דאָס פאַרקערטע — אַ באַשולדיקונגס-אַקט קעגן די יידן-פאַרפאָלגער. וואָרום ווי אַ גרויסער שריפטשטעלער און מענטשן-קענער האָט ער זיך געמוזט שטעלן די פראַגע: פונוואַנען קומט צו זיין פערסאָנאַזש אַזאַ ווילדער נקמה-דורשט? און געענטפערט: די קריסטן האָבן אַזאַ יידן באַשאַפן. די פאַרדאָרבענע געוויסנלאָזע אַנטאַגאָניסטן האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַזאַ גיפטיקער שנאה און נקמה-דורשט;

די שולדיקע זענען די פאַרפאָלגער. די אַנטיסעמיטישע ליצנות איז בלאָס געוואָרן, פאַרשעמט אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט פאַר דער שרייענדיקער טראַגעדיע פונעם פאַרפייניקטן, אויסגעשפּאָטן פאָלק.

ליאָן פויכטוואַנגער אין „גאָיאַ“ האָט צווישן אַנדערן געגעבן אַ זעלטן אינטערעסאַנט בילד פון שפּעטערישן פּראָצעס, דערציילנדיק, ווי גאָיאַס יונגער ראַדיקאַלער פריינד האָט איינגעפונען אין זיינע צייכענונגען אַ שאַרף פּאָליטיש געווער אין קאַמף קעגן דער צעפוילטער מאָנאַרכיע — טענדענצן, וואָס גאָיאַ איז גאָרנישט אויסן געווען. גאָיאַס אוממיטלבאַרע איינדרוקן, זיין פערזענלעכער אומווילן צו געוויסע פּערזאָנען זענען אין זיין קונסט אויסגעוואַקסן צו פּאָליטישע פּאַמפלעטן, וואָס זענען גענומען געוואָרן אויף באַוואָפענונג דורך אַ פּאָליטישער פּאַרטיי.

מיט וואָס קאָן מען עס דערקלערן, אויב נישט מיט דער געוואַלדיקער לעבן-טרייסאַפט פון דער קונסט, וואָס פאַרוואַנדלט אַן איינצלפאַל צו אַ סינטעטישן סך-הכל, צו אַ פילאָזאָפישער פאַראַלגעמיינערונג?

גאָגאָל איז געווים נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען זענען געווען רעאַקציאָנערע; ער איז געווען אַ מאָנאַרכיסט ביזן מאַרך פון די ביינער. זיינע ווערק, וואָס האָבן געצילט דורך רייניקן פאַרפעסטיקן די זעלבסטהערשאַפט, האָבן אָביעקטיוו געהאָלפן צו איר פאַנאַנדערטרייסלונג; געוויזן איר צעפוילטקייט און די פינצטערע מערכה פונעם קליינעם מענטשעלע. ער האָט זיך געוואָלט אַריינמישן קאָניונקטורעל, אָבער ווייזנדיק אַווירקלעך בילד פון דער עפּאָכע אונטערגעשוועכט דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער סטרוקטור.

די פעיקייט מיטן קינסטלערישן אויג צו דערזען און אַנטפּלעקן די גרונט-שטראָמען, וואָס גורטעווען אונטער דער אויבערפלאַך, צעזעצן, קעגן ווילן פון מחבר, די אידעאָלאָגישע הויט און דער קינסטלער גייט אין קאָנפליקט מיט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען.

דער דעמאַסקירנדיקער ליטעראַטור האָט מען אַ נאָמען געגעבן קריטישער רעאַליזם. אָבער פאַראַן אַ קריטישער רעאַליזם, וואָס קומט פון אַ געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער באַציונג צו דערשיינונגען, און פאַראַן אַ רעאַליזם וואָס די קריטיק קומט כמעט אומבאַוווסטזיניק, נאָר אויס טרייסאַפט צו די אין די אויגן זיך וואַרפנדיקע לעבנס-פאַקטן. די דעמאַסקירנדיקע ראָל שפּילט דאָ נישט די וועלט-אָנשויונג, נאָר דאָס קינסטלעריש-באַוואָפנטע אויג, וואָס גיט דעם לייענער מאַטעריאַל פאַר

אויפֿרייסנדיקע אַנטפּלעקונגען. ה. לייוויק האָט אין זיין סאַמע מייסטערישן ווערק „דער גולם“ חוץ פֿיל אַנדערע פּראָבלעמען אַרויסגערוקט דאָס פּראָבלעם פֿון שעפֿער און שאַפֿונג און אונטערגעשטראָכן שאַרף די דערשייַנונג, ווען דאָס באַשאַפֿענע טרעט אַרויס קעגן שעפֿער: דער וואָס איז גערופֿן געוואָרן צום לעבן אויף צו פֿאַרטיידיקן, פֿאַרוואַנדלט זיך אין געוויסע באַדינגונגען אין אַ מערדער פֿון די, וועלכע ער האַרף באַשיצן. און נעמען נעמט זיך עס, לויט לייוויקן, ווי מען קאָן דרינגען פֿון זיין דערמאָנטן ווערק, פֿון דעם, וואָס דער שעפֿער האָט אין פּראָצעס פֿון באַשאַפֿן אַליין געספּקט אין דעם, צי וועט זיין שאַפֿונג דערגרייכן דעם ציל און זיין נאָר אַ געהאָרכזאַם געווער אין די הענט פֿון זיין באַשאַפֿער.
אַ קונסט־ווערק, טרעפֿט טיילמאָל, רייסט זיך אַרויס פֿון די אייזערנע קייטן פֿון דיסציפּלין און אָנהייבנדיק אַ זעלבשטענדיק לעבן, איז עס שוין נישט בכוח צו באַגרענעצן זיין אויסווירקונג. מיר הייבן אָן איינצוגעפּינען אין ווערק אידעען, וועלכע דער מחבר האָט אונדז נישט געוואָלט איינפּלאַנצן, נאָר וואָס קומען אין אונדז אויף אויפֿן סמך פֿון זיינע פּלאַסטישע שילדערונגען.

אין דעם פּרט איז טשעקאַווע פֿויכטוואַנגערס ווערק „די חכמה פֿין אַ נאַר“ (נאַררענוויייזע), אַ בוך וואָס שילדערט דעם מ ע נ ט ש ל ע כ ן פּאָרטרעט פֿון זשאַן זשאַק רוסאָ, וועמענס אידעען (ווי רוסאָ האָט זיך אפֿילו פֿאָרשטעלן נישט געקאָנט) עס האָט געגומען רעאַליזירן דער הייסער טרוימער, פֿאַנאַטיקער און קנאי ראָבעספּיער. איבער דעם ראָמאַן שוועבט דער איראָנישער שמייכל פֿון קלוגן פֿויכטוואַנגער, וועלכער באַגלייט דעם שלימזל רוסאָ אין דעם פֿאַנטעאָן פֿון אייביקן רום, וואָס ווערט אויפֿגעשטעלט דורכן אומגעצוימטן רעאַליזאַטאָר פֿון אַ נייער רעליגיע, וואָס פֿאָדערט פּונקט ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס געהאָרכזאַמקייט, פֿרומקייט און אייזערנע דיסציפּלין — אַלץ ענינים מיט וועלכע רוסאָ, דער פֿריִדיקער פֿון אומקערן זיך צו דער נאַטור, האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס.

אַ ברייט געביט צו פֿאָרשן דאָס עיקרדיקע, אַזוי קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פֿון טראַנספֿאָרמאַציע פֿון לעבן אין קונסט־ווערק, וואָלט געקאָנט דינען אַזאַ וויכטיקער זשאַנר פֿון ליטעראַטור ווי ס'איז דער היסטאָרישער ראָמאַן. פֿאַראַן פֿיל ראָמאַנען און פּיעסן געבויט אויף איין און דעם זעלבן היסטאָרישן מאַטעריאַל, אויף דאָקומענטן. אַ פֿאַרגלייכנדיקע פֿאָרשאַרבעט אויף דעם באָדן, וואָלט געוויס געקאָנט ברענגען צו זייער אינטע-

רעסאַנטע אויספירן. וואָרום אין דעם פאַל וואָלטן מיר געגני געקאָנט נאָכפאָרשן, ווי יעדער באַזונדערער קינסטלער איז זיך נוהג מיטן אַלגעמיין באַוווסטן מאַטעריאַל און מיט וועלכע מיטלען דערגרייכט ער צו דעם, אַז ער איבערצייגט אונדז אין דער ריכטיקייט פון זיין פסיכאָלאָגיש-אידעישער קאָנצעפּציע. לײדער איז דאָס דאָזיקע פעלד, וואָס זאָגט צו צו זיין זייער פרוכטבאַר, ביז איצט נישט נאָר נישט באַאַרבעט, נאָר אפילו נישט באַרירט געוואָרן.

* *
*

די פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט זענען אומאויסשעפּיק ווי דאָס לעבן. בין איך, פאַרשטייט זיך, זייער ווייט געווען פון געדאַנק זיי צו וועלן אַרומכאַפּן, כ'האָב געוואָלט נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויף זיי מרמז זיין.

דאָס פֿאַרברעכן פֿון פּאַסיווקייט

פּראָבלעמען
פון אינעווייניקסטן אַנטינאַציִשן ווידערשטאַנד
אין דער דייטשישער ליטעראַטור

.1

זיגט גערינג האָט אין יאַנואַר 1933 אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג אין דער מאַסן־טעראָר פון די נאַציס אָנגעוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די בלוטיקע האַק האָט זיך אין דער ערשטער ריי אַראָפּגעלאָזט אויפן דייטשישן פאָלק גופא. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פּראָגרעסיוו־דענקענדיקע דייטשן זענען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זענען צעשאָסן און געקעפּט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן איז דייטשלאַנד „גלייכגעשאַלטעט“ געוואָרן.

די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דעמאַגאָגיע, דער אַנטיסעמיטיזם — אַווילדער, זאָאָלאָגישער; דער היהשער טעראָר קעגן יעדן, וואָס האָט נישט גערנוויליק און גוטוויליק אָנגענומען דעם פאַרברעכערישן רעזשים; די לייכטע זיגן, וואָס דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט אונטערגעטראָגן היטלערן, די מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון שרעק — דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען האָט דעמאָראַליזירט די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דייטשישן פאָלק.

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד גופא איז שוין לכתחילה געווען שוואַך און איז וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרן. דאָס דייטשישע פאָלק האָט נישט געפונען אין זיך קיין כוחות קעגנצושטעלן זיך דעם רעזשים. זיין אייגענע באַפרייונג האָט געדאַרפט קומען פון דרויסן, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרשפּילטער מלחמה, וואָס דער נאַציזם האָט מיט אַזאַ אימפּעט און אכזריות, מיט דער הילף פון דער ווייט־גרעסטער מערהייט פון דייטשישן פאָלק, פאַנאַנדערגעפלאַקערט.

דער פאַקט, וואָס די באַפרייונג איז געקומען פון דרויסן, וואָס אין דייטשלאַנד האָבן זיך נישט געפונען קיין ערנסטע ווידערשטאַנד־כוחות,

וואָס זאָלן לכל הפּחות אין אַ מער־וויניקער קענטיקער מאָס צוהעלפֿן דער פֿאַנאַנדערלייגונג פֿון רעזשים, האָט געצוווּנגען די פּראָגרעסיווע כּוחות, און אין דער ערשטער ריי די פּראָגרעסיווע פֿאָרשטייער פֿון דער דייטשישער ליטעראַטור, צו זוכן די סיבּות פֿון דער שוואַכקייט פֿון דער דייטשישער דעמאָקראַטיע.

דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז דווקא יענע פּראָגרעסיווע כּוחות, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף עמיגראַציע אָדער אין אונטערערד, דווקא די, וואָס האָבן געקעמפֿט אַקטיוו און מיט מסירת־נפֿש קעגן נאַציזם, זיי באַשולדיקן ערלעך און קאַטעגאָריש דאָס דייטשישע פֿאָלק, אַז עס טראָגט די פֿולע מיטשולד פֿאַר די פֿאַרברעכנס פֿון דער רעגירנדיקער מערדערבאַנדע, אַז בלויז אַדאַנק זיין טעמפּער געהאָרכזאַמקייט און פּאַסיווקייט זענען מעגלעך געוואָרן די אומגליקן, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן איבער די פֿעלקער אין אייראָפּע און אויך איבערן דייטשישן פֿאָלק.

אין די ערשטע יאָרן באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דאָס פּראָבלעם פֿון אינערלעכן ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם נישט געקאָנט נישט זיין דאָס צענטראַלסטע פּראָבלעם פֿון דער דייטשישער ליטעראַטור. אָבער באַלד איז געווען קענטיק, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל דייטשישע שרייבער האָבן גענומען זוכן אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַרן דייטשישן פֿאָלק. זייער אַרגומענט איז געווען אין תּוך אַזאַ: היטלער האָט געשאַפֿן אַזאַ טעראָריסטישן רעזשים, וועלכן ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך קעגנצושטעלן. דאָס דייטשישע פֿאָלק איז געווען רעכטלאָז און נישט געהאַט די מינדסטע השפּעה אויף די געשעענישן. צי קאָן, בכן, אַ געבונדן פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געווער פֿון אַ פֿיינטלעכן ווילן, זיין שולדיק פֿאַר די פֿאַרברעכנס, אויב עס איז אפֿילו אַליין געווען אַ מיטבאַטייליקטער אין דורכפֿירן די פֿאַרברעכנס?

קודם דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער טעראָריסטישער רעזשים פֿון היטלעריזם אין די אָקופּירטע לענדער פֿון אייראָפּע איז געווען פֿילפֿאַכיק שאַרפֿער און גרויזאַמער, און דאָך האָט עס נישט נאָר נישט אָפּגעהאַלטן פֿון ווידערשטאַנד, נאָר אדרבא, סטימולירט צום פֿאַנאַנדערוווּקס פֿון אַ מעכטיקער באַוועגונג קעגנצושטעלן זיך דעם פֿאַשיזם און דעם אָקופּאַנט. אין דייטשלאַנד אָבער האָט די גרעסטע מערהייט פֿון פֿאָלק פֿאַרבונדן מיט די נצחונות פֿון נאַציזם נישט נאָר נאַציאָנאַל־עגאָיסטישע, נאָר אויך יחידיש־אייגננוציקע צילן, נישט נאָר טאָלערירט, נאָר איינ=

געזען געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן מיטן דאָזיקן רעזשים און אים מיט אַלע כוחות געהאָלפן.

די אויבן דערמאָנטע אַרגומענטאַציע איז חוץ לזה נישט ווייט פון דער אַרגומענטאַציע פון די קריגס־פאַרברעכער, וואָס זענען געמשפט געוואָרן דורך אינטערנאַציאָנאַלע און דייטשישע געריכטן. אפילו די הויפּטיקע שולדיקע אויפן נירנבערגער פּראָצעס האָבן געפּרוווט אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז זיי האָבן נאָר אויסגעפירט באַפעלן. פון גערינגן ביזן לעצטן לאַגער־קאָמענדאַנט, און אפילו אייכמאַן אויפן פּראָצעס אין ירושלים — זיי אַלע האָבן זיך באַמיט צו ראַטעווען זייערע קעפּ דורך אַזאַ מין אַרגומענטאַציע.

דאָס איז אין פולן זין פון וואָרט דער אַרגומענט פון פ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ן ת ל י ן, וואָס האַלט, אַז ער האָט קיין שייכות נישט צום קרבן. ער פירט נאָר אויס אַ דינסט־פאַראָרדענונג, זיך נישט אַריינמישנדיק און נישט פרעגנדיק, ווער איז דער קרבן און וואָס איז זיין זינד. זיין אַרבעט איז אַראָפּנעמען קעפּ — אַלדאָס איבעריקע אינטערעסירט אים נישט. דעם פּראָפעסיאָנעלן תלין מאַטערט נישט דאָס געוויסן, נישט ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין, און נישט ער דאַרף האָבן ספקות אין דער שולדיקייט פון קרבן.

די יעניקע דייטשישע שרייבער, וואָס האָבן געפונען די פאַראַנטפערונג פאַרן דייטשישן פאָלק אין טעראָר פון היטלעריזם, מעג מען אָפּזאָגן אין ערלעכקייט און אין ריינעם געוויסן. דאָס איז דאָך אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלע צייטן — מאָרגן וועלן זיי ווידער שווייגן אונטערן דרוק פון טעראָר, מאָרגן וועלן זיי ווידער רופן זייער פאָלק צו מלחמה און שפּעטער אים פאַרענטפערן דערמיט, אַז אַ סאָלדאַט פרעגט נישט, נאָר פירט בלויז אויס באַפעלן. דאָס איז דאָך אַזוי פרייסיש־יונקעריש. אַזוינע שרייבער קאָן מען נאָר צושרייבן די מיטשולד פאַר די נעכטיקע און מאָרגנדיקע פאַרברעכנס.

צום לויב פון דער פּראָגרעסיווער דייטשישער ליטעראַטור דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז זי האָט דאָס פּראָבלעם פון אינערלעכן ווידערשטאַנד דעם נאַצי־רעזשים געשטעלט שאַרף און ליידנשאַפטלעך. די פּראָגרעסיווע דייטשישע שרייבער האָבן נישט נאָר געשילדערט די אוממענטשלעכקייט פון היטלעריזם, נאָר אויך מיט ביטערקייט און סאַרקאַזם, אָפט אפילו מיט פאַראַכטונג געוויזן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן מיט שטוינענדיקער טעמפּקייט געפאָלגט און מיטגעהאָלפן זייערע מושלים־פאַרברעכער,

ווי אַזוי זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרוואַנדלען אין אַ ווילנלאָזן געווער. זייערע ביכער זענען קינסטלערישע דאָקומענטן וואָס באַשולדיקן- זיי באַשולדיקן דערפאַר, ווייל זיי ווילן אויפוועקן, אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון פאָלק, ווייזן אים דעם גאַנצן תהום פון עקל און שאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געלאָזט אַריינוואַרפן און די פאַרניכטונג פון אַלע מענטשלעכע ווערטן, אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס עס איז נישט געווען ווידערשטאַנדפעיק. די קראַפט פון די דאָזיקע ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס זיי טאַדלען און דעמאַסקירן די פאַסיווקייט און פּחדנות און אויפן פון דער גאַנצער פינצטערער, טעמפּער, באַגרענעצטער מאַסע מיטהעלפער און מיטפאַרברעכער ווייזן זיי די גאָר ווייניקע, אָבער ביזן סוף דרייסטע און מסירת-נפשדיקע קעמפער קעגן דער נאַצישער פעסט, ווייזן יענע כאַראַקטער-שטריכן, וואָס דאַרפן דערצויגן ווערן אין דער דייטשישער באַפעלקערונג, כדי זי אויסצוהיטן פון רעצידיוון פון פאַרבלענדעניש.

נישט צאָליק, קליין און איזאָלירט זענען געווען די גרופּעס פון אינערלעכן ווידערשטאַנד. זיי זענען אָבער געווען. דאָס איז אַ פאַקט. פרעגט זיך: ווו ליגן די סיבות, וואָס זיי זענען געווען אַזוי ווייניק? מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס פיל צענדליקער טויזנטער, וואָס זענען ביזן סוף געווען קעגן נאַצי-רעזשים און נישט אַרונטערגעפאַלן זיין טשאַד — פאַר וואָס זענען זיי געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט?

אָט דאָס איז די פראַגע, וואָס האָט באַאומרואיקט פיל דייטשישע פּראָגרעסיווע שרייבער און אויף איר האָבן זיי געזוכט דעם ענטפער.

היות ווי דער ציל פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג איז נאָר דאָס פּראָבלעם וועגן פאַרברעכן פון פאַסיווקייט, נעמען מיר אַלס באַזע פאַר באַטראַכטונגען נאָר דריי ביכער פון דריי גאַנץ פאַרשידענע דייטשישע שרייבער.

.2

אַננאַ זעגערס, די באַרימטע רעוואָלוציאָנערע שריפטשטעלערין, האָט איר ראָמאַן „דער זיבעטער קרייץ“ געשריבן אין יאָר 1938. זי האָט זיך שוין לאַנג געפונען אויף עמיגראַציע, אָבער געפירט אַן אַקטיוון קאַמף קעגן נאַציזם און נאָכגעפאָלגט טאָג-טעגלעך דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין דייטשלאַנד.

צו יענער צייט איז שוין די אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד געווען דערשטיקט, אירע פירער געקעפּט. ס'האָבן געבליט די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. דאָס פאָלק האָט געשטומט. ווער ס'האָט נישט געוואָלט ווערן אַ „דערצויגלינג" פון קאָנצלאַגער האָט געמוזט אַרויפציען אויף זיך די מאַסקע פון אַ טרייען אָנהענגער פון רעזשים. די יוגנט איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער „היטלער־יוגנט", אין „אַרבעטס־פראָנט" און דאָ באַקומען איר אויסשולונג און דערציונג.

אַ גאַנצער דור רעוואָלוציאָנערן איז שוין געווען אויסגעמאָרדעט. איז וואָס געבליבן אין דייטשלאַנד? וועט זיין ווער ס'זאָל איבערנעמען די קאַמפס־פאָן און זי טראָגן ווייטער? אָט מיט דעם פּראָבלעם פאַרנעמט זיך אַנגאַ זעגערס אין איר בוך.

דער סוזשעט פון ראָמאַן איז אין עטלעכע ווערטער אַזאַ:

7 אַרעסטאַנטן זענען מיט איין מאָל אַנטלאָפן פון קאָנצלאַגער אין וועסטהאָפען, נישט ווייט פון מיינץ ביים ריין. דער גאַנצער אַפּאַראַט, די געסטאַפּאָ, די צייטונגען, דער ראַדיאָ — אַלץ ווערט געשטעלט אין דינסט פון כאַפּן די פליטים. דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, פאַרענבערג, גייט אַזש פון זינען אַראָפּ פאַר אויפרעגונג: ביי אים זאָל עפּעס אַזוינס געשען! נאָר פאַרענבערג איז זיכער: ס'וועלן אַריבער עטלעכע טעג און אַלע 7 פליטים וועלן צוריק זיין ביי אים אין די הענט אויף אָפּרעכענונג. נישקשה, ער קען די דייטשן. קיינער וועט נישט באַהאַלטן, קיינער וועט נישט וואַגן מיט עפּעס וואָס צו העלפן די אַנטלאָפענע. פאַרקערט — אַלע וועלן זיך באַמיען, אוים הוילער שרעק, זיי וואָס גיכער אַרויסצוגעבן.

פאַרענבערג האָט קיין גרויסן טעות נישט געמאַכט: דריי זענען גע־כאַפּט געוואָרן תיכף; אַ פערטער האָט זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, ווייל ער האָט מער קיין אויסוועג נישט געפונען; אַ פינפטער, אַן אַלטער פויער, שטאַרבט נישט ווייט פון זיין שטוב (ווען ער שטאַרבט אָבער נישט פלוצלונג, פאַלט ער אַריין אין דער פּאַסטקע, וואָס איז שוין פאַר אים געווען צוגעגרייט); אַ זעקסטער, אַ צירק־אַקראָ־באַט, קומט אום אויף די אויגן פון אַ גרויסן גלייכגילטיקן המון, ווען ער שפּרינגט איבער די דעכער, ווילנדיק זיך ראַטעווען פון זיינע פאַר־פאָלגער. און דאָך האָט פאַרענבערג פאַרשפּילט, דאָך האָט דער נאַצי־רעזשים זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט אַזוי אַלמעכטיק — דער 7־טער האָט זיך געראַטעוועט. דער 7־טער קרייץ איז געבליבן פּוסט.

די 7 אַנטלאָפענע פון וועסטהאָפען זענען געווען מענטשן פון פאַרשידענע איבערצייגונגען און גאַנץ פאַרשידענע כאַראַקטערן. נאָר צוויי פון זיי זענען געווען קאָמוניסטן: איינער — דער ראַיאָניקער קאָמוניסטישער אָנפירער וואַלאַו, אַ מענטש מיט אַן אומבויגזאַמען ווילן. אַ באַהערשטער, אַ דעצידירטער, איז ער אין יעדן מאָמענט שטאַרקער פון זיינע פיינט. אפילו דאַן, ווען ער ווערט ראַפינירט־סאַדיסטיש געפייניקט, איז ער שטאַרקער פון זיינע פייניקער; דער צווייטער — דער הויפט־העלד פון ראָמאַן — געאָרג הייסלער איז אויך אַ מענטש פון אַזאַ שניט. זיין אויסדויער און פאַרביסנקייט בעת די פייניקונגען פאַרשאַפן אים די רעפוטאַציע פון אַן אומבויגזאַמען קעמפער. אָבער אויך פאַר אים, פאַר הייסלערן, איז וואַלאַו דער ביישפיל, דער וועגווייזער און לערער. אין די שווערסטע מאָמענטן נאָך דער פליטה פרעגט ער זיך: „ווי וואָלט וואַלאַו געהאַנדלט אויף מיין אָרט?" און ער געפינט דעם ריכטיקן באַשלוס. וואַלאַו איז זיין אינערלעכע שטים. און וואַלאַו פאַלט דורך. ער ווערט אַרויסגעגעבן דורך זיינעם אַ געוועזענעם פאַרטיי־חבר, וועלכער פאַרקויפט זיין נשמה אויס מורא פאַר זיין פעל. אָבער פונקט ווי וואַלאַוס דורכפאַל איז נישט קיין צופעליקייט, וואָרום אונטער היטלערס ממשלה איז פאַראַט געוואָרן דער קענצייכן פון דער דייטשישער פאַרפעסטעטער געזעלשאַפטלעכקייט, פונקט אַזוי — מיינט זעגערס — איז די רעטונג פון געאָרג הייסלער אויך נישט קיין צופעליקייט, וואָרום די פליטה פון 7 אַרעסטאַנטן האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף די, וואָס האָבן פאַרהאַסט די נאַציס און געבליבן טריי זייערע איבערצייגונגען. זיי זענען דורך דעם פליטה־אַקט אַקטיוויזירט געוואָרן צום קאַמף. הינטער הייסלערן זענען געשטאַנען אידעען־חברים. דאָס ראַטעווען געאָרגן האָבן זיי פאַרשטאַנען ווי אַ קלאַפ איבערן נאַצי־רעזשים, ווי אַ באַווייז, אַז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דייטשישן פאָלק לעבט פאָרט. די יאַגד נאָך געאָרגן און זיין רעטונג איז געווען אַ דועל צווישן צוויי פיינטלעכע כוחות. און אין דאָזיקן דועל האָט געזיגט דער אַנטיפאַשיסטישער לאַגער. אַ קליינער זיג, אָבער דאָך אַ זיג. אַ סימבאָלישער. ער האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז דער היטלעריזם איז נישט אַזוי אַלמעכטיק, אַז מען קאָן קעגן אים פירן אַ קאַמף.

7 טעג האָט געדויערט דער געראַנגל, נאָר וועגן 7 טעג ווערט דערציילט אין בוך. אַננאַ זעגערס פאָרשט נאָך גענוי די יאַגד נאָך געאָרגן שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג און דורכן קאַליידאָסקאָפ פון די געשע־

עגישן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דער פּליטה, באַקענט זי אונדז מיט פֿאַרשידענע שיכטן און גרופּעס פֿון דער דייטשישער געזעלשאַפֿט אויפֿן 5־טן יאָר נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. זי באַווייזט אונדז דעם מעכאַניזם פֿון נאַציישן צוואַנגס־אַפּאַראַט און די שוואַכקייט פֿון די ווידערשטאַנד־גרופּעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין איינהייטלעכע אָנפֿירונג.

איז יעדער ווידערשטאַנד קעגן פֿאַשיזם פֿאַרמשפּט אויף דורכפֿאַל? אָט דאָס איז די פֿראַגע, וואָס יעדער אָנטיילנעמער אין ווידערשטאַנד האָט זיך געמוזט שטעלן און געבן אויף איר אַן ענטפֿער. וואָרום יעדער, וואָס קעמפֿט דאַרף זיין זיכער נישט נאָר אין דער גערעכטיקייט פֿון זיין זאַך, נאָר אויך אין דעם, אַז מען קאָן דעם שונא באַזיגן. ער מוז האָבן פֿאַר זיך די פּ ע ר ס פּ ע ק ט י וו פֿון זיג. ליידנדיק אָבער איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, פֿאַרלירנדיק די קנופּן, די פֿאַרבינדונגען, האָבן די קעמפֿער קעגן נאַציזם אויך פֿאַרלוירן די פּערספּעקטיוו פֿון זיג, זענען זיי פֿאַרקראָכן אין זיך, זיך פֿאַרבאַריקאַדירט קעגן פֿאַשיזם אין זייער אייגענעם האַרצן. וויפֿל זענען געווען אַזוינע פֿידלערס, פֿראַנץ מאַרגנטן, הערמאַן קרעסן, וואָס זייער קאַמף קעגן נאַציזם איז פֿאַראַליזירט געוואָרן נישט אויס מורא פֿאַר טורמעס און קאָנצלאַגערן, פֿאַרן טויט, נאָר אויס־שליסלעך אויס פּערספּעקטיוולאָזיקייט.

„צווישן זייער פֿאַרשלאָסענער גרופּע און די נאַציסטן — שרייבט אַננאַ זעגערס אין איר דערציילונג „סאַבאָטאַזשניקעס“, וואָס איז אָנגע־שריבן געוואָרן שוין נאָכן קריג — איז געלעגן עפּעס כמו „נישט קיינעמס ערד“, אַ וואַקלענדיקע, אויסוואַרטנדיקע, אומאַנטשלאָסענע מענטשלעכע מאַסע“.

מיט דער דאָזיקער א ו י ס וו אַ ר ט נ ד י ק ע ר, וו אַ ק ל ע נ־ד י ק ע ר מאַסע האָט זיך אָבער היטלער באַנוצט אין זיינע אַוואַנטי־רעס, איבער דער דאָזיקער מענטשלעכער מאַסע האָט ער געהערשט. די אויפֿגאַבע פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז געווען אויפֿפֿירן דעם דאָזיקן מענטשלעכן אָקעאַן און דאָס איז מעגלעך געווען צו טאָן נאָר דורך אַקטיווער טעטיקייט קעגן רעזשים — טאָג־טעגלעכער, עקשנותדי־קער און מסירת־נפֿשדיקער. טעטיקייט און נאָר טעטיקייט! אַזוי האָט געמיינט אַננאַ זעגערס. ווי אַ שטיין, אַן אַריינגעוואָרפֿענער אין אַ שטיי־ענדיק וואַסער, רופֿט אַרויס אַ באַוועגונג אויף דער אויבערפֿלאַך, אַזוי האָט די פּליטה פֿון קאָנצלאַגער וועסטהאָפֿען אַרויסגעריסן פֿון פֿאַרגלי־ווערטקייט, פֿון איגעריץ, פֿון פּאַסיווקייט גרופּעס מענטשן. פֿידלער, וואָס

האָט געלעבט אויסערלעך אונטער דער פֿאַלשער שאָלעכץ פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך כּלומרשט אָפּגעזאָגט פֿון זיין פֿאַרגאַנגענהייט, האָט אויפֿ־געוואַכט צו טעטיקייט. ער, וועלכער האָט מורא געהאַט פֿאַר יעדער פֿאַרבינדונג, פֿאַרן מינדסטן קאָנטאַקט מיט זיינע אַלטע חברים, האָט גענומען ז ו כ ן פֿ אַ ר ב י נ ד ו נ ג ע ן, כּדי צו ראַטעווען געאָרגן. אינזשיניער קרעס, וועלכער האָט איבערגעריסן פֿריער די פֿאַרבינדונגען מיט דער ווידערשטאַנד־גרופּע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין לעבן — „אומקומען צוליב עפּעס אַ בראָשור“, און געמאָלדן, אַז ער איז גרייט צו ריזיקירן מיטן קאָפּ פֿאַר עפּעס אַ „גרעסערער אַר־בעט“, זאָגט זיך טאַקע נישט אָפּ פֿון ריזיקע ביים ראַטעווען געאָרגן. אַפֿילו דער טיפּישער קליינבירגער פֿאָלכען רעדער, וואָס איז נאָר אַן ערלעכער מענטש און וויל ראַטעווען זיין יוגנט־חבר, געפֿינט אין זיך כּוחות, פֿון וועלכע ער האָט פֿריער נישט געאַנט.

זענען אין דייטשלאַנד אויסגעשטאָרבן אַלע ערלעכע מענטשן? — פֿרעגט מיט איר ראָמאַן אַננאַ זעגערס און ענטפֿערט: ניין. נישט אויס־געשטאָרבן, מיינט זי. אַ סימן, געאָרג געפֿינט אויף זיין וועג פֿון וועסט־האָפֿען צו זיין רעטונג נישט נאָר די מאַסע טעמפּע נאָכגייער פֿון נאַ־ציזם, נאָר אויך ערלעכע מענטשן; נישט נאָר בירגער, וואָס שליסן זיך אַליינוויליק איין פֿאַרפֿאָלגן די פּליטים, נאָר אויך — מעג זיין זייער ווי־ניק — מענטשן ביי וועמען דער היטלעריזם האָט נאָך נישט אויסגע־טריקנט די מענטשלעכע געפֿילן און נישט דעם מוט. ס'זענען פֿאַראַן נישט נאָר לענים (די לעצטע געליבטע פֿון געאָרגן, וועלכע טרייבט אים אַרויס, ווען ער קומט צו איר), נייערט אויך דער יוגנטלעכער העלווינג, אַ מיטגליד פֿון דער „היטלער־יוגנט“, ביי וועמען געאָרג גנבעט זיין קורט־קע און וועלכער לייקנט, אַז די קורטקע, וואָס פֿאַלט אַריין דער געסטאַפּאָ אין די הענט, זאָל זיין טאַקע זיינע, וואָרום טיף אין האַרצן וויל ער, אַז דער פּליט זאָל זיך ראַטעווען.

די מעטענהיימערס, די שולצס, זיי זענען נאָך אַלץ נישט קיין פֿאַר־לוירענע מענטשן, זיי זענען נישט אָנגעשטעקט און נישט דורכגעפּוילט מיטן נאַציזם, נאָר אָנגעפּילט מיט דער מורא פֿאַר אים. אָבער די פֿראַ־גע איז דאָך, וויפֿל זענען זיי און וואָס זענען זיי ווערט? דאָס וואָס זיי האָבן זיך „נישט געביטן“ אין דער נשמה, טיף פֿאַרשטעקט אין די גע־הירן זייערע אמתע געדאַנקען — וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט עס? קאָן עס דען זיין אַ פֿאַרענטפֿערונג?

„...דער סאַמע עיקר באַשטייט דאָך אין דעם — ווייזט דער מענטש אַרויס זיינע סאַמע טייערסטע געפילן און געדאַנקען אין חלום, אין טאַט, אָדער ער פאַרשליסט זיך אין זיך?“

דאָס אומגליק איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַלע, וואָס זענען געווען *ווידערווייליק* דעם נאַציזם, זענען נישט געווען *ווידערשטאַנדיק*, ד. ה. נישט פעיק צו מעשים.

דער לאָזונג פון היטלערן וועגן אן איינהייטלעך דייטשיש פאָלק איז דאָך אין תוך געווען נישט נאָר אַן אילוזאָרישע, נאָר פון אָנהייב ביזן סוף אַ ליגנערישע. דאָס דייטשישע פאָלק האָט נישט געקאָנט זיין איינהייטלעך אונטער היטלערן, ווייל דער היטלעריזם איז געווען די בלוטיקע דיקטאַטור פון מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַל. דער קלאַסן-קאַמף פון אַרבעטער האָט נישט געקאָנט אויפהערן, ווייל די סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט אין „דריטן רייך“ איז געווען אַ קלאַסן-סטרוקטור. ער האָט געקאָנט דורכן ווילדסטן טעראָר דערשטיקט ווערן, אָבער אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, ביי געענדערטע באַדינגונגען, צוריק אויפפלאַקערן.

אַזוי האָבן געטראַכט די אַנטיפאַשיסטן. די אַקטיווע קעמפער האָבן געהאָפט, אַז דער מענטשן-אָקעאַן וועט זיך אַ באַוועג טאָן. אָבער כדי ער זאָל זיך אַ באַוועג טאָן האָבן געדאַרפט קומען מעשים, האָט געדאַרפט געשפּירט ווערן אַ העפטיקער קאַמף, האָט געמוזט זיין אַ שטאָלענער אָנפירנדיקער צענטער, האָט מען געמוזט געבן קלעפּ, כדי צו צעשטערן די לעגענדע וועגן דער אַלמעכטיקייט פון היטלעריזם. יעדער פאַל פון ווידערשטאַנד, יעדע דיווערסיע איז אַ קלאַפּ איבער דער דאָזיקער לעגענדע און קאָן העלפן אַרויסצורייסן די דייטשישע פאָלקס-מאַסן פון הינערפלעט.

אַזוי האָבן *געטראַכט* די אַנטיפאַשיסטן. און דאָס איז דאָך געווען נאָך אין 1938. די האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. אין דייטשישן פאָלק זענען נישט געווען קיין כוחות; עס איז מיטגעריסן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דורך לייכטע זיגן אין דער דיפּלאָמאַטיע און אויפן שלאַכטפעלד. ביזן סוף פון קריג, ביזן גרויסן זיג פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָס דייטשישע פאָלק, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען אַ געהאָרכזאַמער אינסטרומענט פון אַ מערדערישער באַנדע.

.3

זייער ווערטפול סיי אין קינסטלערישן זין, סיי אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן איז דאָס בוך פון האַנס פֿאַלאַדאַ „יעדער שטאַרבט ביחידות" — דאָס לעצטע בוך פון אין יאָר 1947 פֿאַרשטאָרבענעם שרייבער.

האַנס פֿאַלאַדאַ האָט גוט געקענט דעם גרויען, פּראָסטן מענטש פון פֿאָלק, וועלכן ער האָט געשילדערט אין זײַנע ביכער. בשעתו האָט דעם גרעסטן רושם געמאַכט זײַן „און וואָס ווײַטער, גרויער מענטש?" דער שרײַבער, אַ בירגערלעכער הומאַניסט, האָט דעם גרעסטן אויפֿמערק געשאָנקען דעם נישט אָנזעעוודיקן מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס מאַטערט זיך פֿאַר זײַן טעגלעך אויסקומעניש, דעם מענטש אָן אַ מאָרגן, דעם איינזאַמען און פֿאַרוואַלגערטן אין שטראָם פון לעבן. ער האָט ליב געהאַט די דאָזיקע מענטשן, זיי באַדויערט — אָבער פֿאַר זיי קיין אויסוועג נישט געפֿונען. די דאָזיקע מענטשן זענען ערלעך, אָבער נישטיק, נישט פֿעיק אַרויסצוטרעטן אין קאַמף צו בײַטן זייער פֿינצטער מזל. פֿאַלאַדאַס העלדן זענען געווען שטילע קרבנות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט.

אַן אמתער רעאַליסט, אַ שרייבער מיט אַ גענײַט אויג, מיט גרויסע קענטעניש אין וואָכעדיקן לעבן פון זײַן פֿאָלק, האָט ער אָבער, פּונקט ווי זײַנע „העלדן", קיין היסטאָרישן האָריזאָנט נישט געהאַט, צוזאַמען מיט זיי זיך געפֿונען אין אַ טעמפּן ווינקל.

האַנס פֿאַלאַדאַ איז געווען איינער פון די ווייניקע באַגאַבטע און טאַלאַנטירטע דײַטשישע שרײַבער, וואָס האָבן נישט פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. ער האָט, וואָס אַן אמת, נישט מיטגעמאַכט דעם געוואָי פון דער היטלעריסטישער קריגערישער ליטעראַטור, אָבער זיך צוגעפּאַסט צו דער נאַציִשער צענזור. שרײַבנדיק אַלץ וועגן די פּראָסטע, גרויע מענטשן פון פֿאָלק, פֿלעגט ער זײַנע ביכער, בימי היטלער, פֿאַרזען מיט אַ פֿאָרוואָרט, אין וועלכן ער פֿלעגט זיך באַוואָרענען, אַז ער שרײַבט כלומרשט וועגן צײַטן פֿאַרגאַנגענע.

ער האָט געלעבט אין היטלער־דײַטשלאַנד, געשריבן, זיך געדרוקט, אָבער מיט אַלע פֿיבערן פון זײַן נשמה פֿאַרהאַסט דעם היטלעריזם. וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט ער נישט געקאָנט אָנשרײַבן, באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג, זײַן לעצט ווערק, וואָס אָטעמט מיט לײַדנשאַפֿטלעכער שנאה, מיט פֿאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו די נאַצים. דאָס

דאָזיקע בוך באַדייט אַ קוואַליטאַטיווע ענדערונג אין דעם גאַנצן שאַפן זיינעם. אין אים איז ער שוין מער נישט קיין באַאָבאַכטער, נאָר אַ מיטבאַטייליקטער. דאָ האָט ער ליידנשאַפטלעך פיינט און ליידנשאַפטלעך ליב. אין בוך טרעט ער אַרויס ווי אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער קעגן פאַשיזם.

„אין דריטן רייך — שרייבט פאַלאַדאַ אין „יעדער שטאַרבט ביחידות“ — זענען אפילו פאַר מענטשן, וואָס האָבן אים טיף פאַראַכט, געווען סיורפּריזן. ער איז געווען געמיינער פון יעדער געמיינקייט, העסלעכער פון יעדער העסלעכקייט“.

פאַלאַדאַ איז זיך געבליבן טריי אין דעם זין, וואָס ער האָט, ווי תמיד, געווענדט זיין בליק צום באַשיידענעם פּראָסטן מענטשן פון פאָלק, נאָר דאָסמאָל נישט צום פאַסיוון קרבן, נישט צו דער אינערטער נישטיקייט, נאָר צום גרויען קליינעם מענטש, וואָס איז ג ר ו י ס אין זיין כאַראַקטער, אין זיין ערלעכקייט, אין זיין שנאה, אין זיין דרייסטקייט און מסירת־נפשדיקייט — דעם פּראָסטן מענטש, וואָס שטייט אויף צום קאַמף קעגן פאַשיזם, נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט.

פאַלאַדאַ האָט נישט געקענט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זי איז אים געווען פרעמד. דערפאַר האָט ער נישט נאָר נישט פאַרשטאַנען די באַוווסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן, נאָר זיי אויך נישט געקענט, קיין אַנונג נישט געהאַט פון זייער לעבן און פון זייער קאַמף. פאָלגלעך, זענען טאַקע די איינציקע אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער פירט אַרויס אין זיין ווערק, נישט וואָרהאַפטיק, אויסגעטראַכט. זיי זענען געזען מיט די אויגן פון אַ נישט פאַרטרויטן, פון אַ פרעמדן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז פאַלאַדאַ האָט צום סוף פון זיין לעבן נישט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דער אָרגאַניזירטער קאַמף פון מאַסן איז דער איינציקער וועג צו באַפרייונג און צום זיג. נישט צופעליק איז דאָך דאָס פאַלאַדאַ, וואָס איז אַלעמאָל געווען ווייט פון פאָליטיק, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט געוואָרן בירגערמייסטער פון איינער פון די שטעט פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע־זאָנע פון דייטשלאַנד.

און נישט צופעליק דערקלערט קוואַנגעל (דער הויפּט־העלד פון באַהאַנדלטן ראָמאַן) אין מאָמענט, ווען ער שטייט נאָכן אַרעסט פנים אל פנים מיטן געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר אייששעריך:

„מיין פאַרברעכן באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב זיך געהאַלטן פאַר כיטרער פון אייך, איך האָב געוואָלט האַנ־

> לען אײנער אַלײן און איך װײס דאָך, אַז ביחידות װעסטו גאָרנישט אױפטאָן. נײן, איך האָב זיך נישט צו שעמען מיט דעם, װאָס איך האָב געטאָן, נאָר געטאָן האָב איך נישט ריכטיק. פאַר דעם בין איך װערט אַ שטראָף און איך בין גרײט צו שטאַרבן".

און װען דער קאָמיסאַר אײשעריך זאָגט אים, אַז ער פאַרשטײט נישט, װי ער, קוואַנגעל, אַ פשוטער אַרבעטער, האָט זיך דאָס פאַרמאָסטן צו קעמפן קעגן פירער, װעלכער האָט שױן באַזיגט אַ האַלבע װעלט און װעט אײנגיכן אַן ענדע מאַכן מיט דער צװײטער העלפט — ענטפערט קוואַנגעל:

> „גיט מיר פרײהײט און איך װעל װײטער קעמפן, נאָר שױן אױף אַן אַנדער אופן. אַך, אינגאַנצן אױף אַן אַנדער אופן".

די איבערצײגונג, צו װעלכער ס'איז געקומען קוואַנגעל נאָך אַ צװײ־יאָריקן קאַמף אײנער אױף אײנעם קעגן דריטן רײך — איז אַן איבערצײגונג, װאָס קומט פון אַ לאַנגער פּראַקטישער דערפאַרונג. דאָס װאָס ער זאָגט אײשעריכן זענען נישט קײן צופעליקע װערטער. דאָס איז דער אױספיר, צו װעלכן ס'איז געקומען דער מחבר אַלײן און װעלכן ער לײגט פאָר, מיט זײן בוך, צו מאַכן דעם לײענער.

די טעמע פאַרן בוך האָט פאַלאַדאַ גענומען דירעקט פון לעבן. ער האָט זיך געשטיצט אױף אַן אױטענטישן מאַטעריאַל, װאָס ער האָט געפונען אין די אַרכיװן פון געסטאַפּאָ אין בערלין. אין 1942 זענען דער אַלטער אַרבעטער קוואַנגעל און זײן פרױ, אַננאַ, פאַרמשפּט געװאָרן דורך אַ פאַשיסטיש געריכט געקעפּט צו װערן. דאָס פאָרפאַלק איז נישט געװען פאַרבונדן מיט קײן שום אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. אױס אײגענער איניציאַטיװ האָבן זײ במשך פון צװײ יאָר געשריבן און פאַרשפּרײט פּאָסט־קאַרטלעך, װאָס האָבן גערופן צום װידערשטאַנד קעגן נאַצי־רעזשים.

װער איז קוואַנגעל? אַן אַלטער סטאָליער־מײסטער. אַ גאַנץ לעבן איז ער געװען אַ מעבל־אַרבעטער. אונטער היטלערן איז די פאַבריק אַריבער אױף דער פּראָדוקציע פון קעסטלעך פאַר סנאַריאַדן. שפּעטער, װען די סנאַריאַדן זענען געלאָזט געװאָרן אין גאַנג, איז די פאַבריק אי־

בערגעפירט געוואָרן אויף דער פּראָדוקציע פון טרומנעס פאַר די געהרגעטע אויף די פראָנטן דייטשישע סאָלדאַטן. אין דריי שיכטן, טאָג און נאַכט זענען צונויפגעקלאַפּט געוואָרן טרומנעס — און דאָס איז געווען אַלץ ווייניק. די נאַציס האָבן אַלץ אונטערגעיאָגט צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ „פּראָדוקציע“. וועגן פירן דאָ סאַבאָטאַזש האָט, פאַרשטייט זיך, קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

קוואַנגעל, „אַ מענטש מיט אַ שאַרף פויגלש געזיכט און קאַלטן בליק“, אַ שטענדיק אָנגעכמורעטער און אין זיך פאַרשלאָסענער, אַן אויסגערעכנטער און שפּאָרעוודיקער, האָט קיין זאַך אין זיין לעבן נישט געוווסט מחוץ דער אַרבעט. ער האָט קיין איין בוך פון קינדווייז אָן נישט געלייענט. פּאָליטיק האָט אים נישט אינטערעסירט. ער האָט נאָר איין מאָל צוזאַמען מיט דעם ווייב געשטימט פאַר היטלערן, ווייל ביידע האָבן זיי דאַן געהאַלטן, אַז „דער וואָגן איז שטעקן געבליבן אין בלאָטע און דער פירער וועט אים אַרויסציען“.

טראַכטן האָט ער מורא געהאַט, ווייל דאָס טראַכטן האָט אים געפירט צו אַפּיקורסות לגבי דעם רעזשים און דאָס ווידער וואָלט אים געקאָנט צווינגען צו בייטן זיין גאַנץ לעבן. און ער וויל גאָרנישט בייטן, ער וויל נאָר אַ שטיל, אָפּגעזונדערט לעבן.

נאָר אָט רייסט זיך דער קריג אַריין אין זיין אייגענער שטוב אין דער פאָרם פון אַ געוויינלעכער מיטטיילונג וואָס עס ברענגט דער פּאָסטטרעגער. מען טיילט דעם פּאָרפאָלק אָפּיציעל מיט, אַז זייער זון (דער איינאונאייניציקער!) איז „געפאַלן מיטן טויט פון אַ העלד פאַרן פירער און פאָטערלאַנד“. דאָס איז געווען אין יאָר 1940 צום סוף פון בליץ־קריג איבער פראַנקרייך. אַננאַ קוואַנגעל איז אויפגעטרייסלט, זי וואַרפט פאָר דעם מאַן:

„אָט וואָס אייער פאַרשאָלטענע מלחמה האָט אָנגעמאַכט!
אָט וואָס איר האָט אָנגעטאָן, דו און דיין פירער!“

דער פירער יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט קוואַנגעל צו דעם? קוואַנגעל האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען די שייכות, אים איז אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז אין קריג זענען שולדיק אַלע, וואָס האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט דעם קריג. די פאַרביטערונג קלייבט זיך אין אים אָן לאַנגזאַם. ער פילט, אַז אין אים קומט פאָר אַן ענדערונג און ער האָט מורא פאַר יעדער ענדערונג. נאָר ווייל דער געדאַנק אַרבעט

פּאַרט, דערפירט ער צום איינציקן לאָגישן אויספיר: מ ע ן ד אַ ר ף ק ע מ פ ן. אָבער קעמפן וועט ער אויף זיין, קוואַנגעלישן אופן. ווי ער האָט געלעבט אַליין און אין איינזאַמקייט — אַזוי וועט ער קעמפן קעגן „זיין" פירער.

ווען ער פּאַרטרויט דעם פּלאַן דעם ווייב, בונטעווועט זיך אין איר אַלץ. געהערט אַ פּאָרם פון קאַמף?! — שרייבן קאַרטלער!

„און די דאָזיקע קאַרטלער קלייבט ער זיך נישט פּאַנאַנ־דערשיקן געוויסע באַשטימטע מענטשן, אָדער אויסהענגען אויף די ווענט, ווי פּלאַקאַטן, ניין, ער האָט געוואָלט זיי אונטערוואַרפן אויף טרעפּ פון שטאַרק באַפעלקערטע הייזער און דאַן זיי איבערלאָזן זייער אייגענעם גורל. אפשר וועט עמעץ זיי אויפהייבן און אפשר פשוט צעטרעטן, צערייסן..."

אַנגאַן ווילט זיך אַקטיווער קאַמף — עס זאָלן קענטיק זיין רעזול־טאַטן, אָבער, ווי אַלעמאָל, גיט זי נאָך דעם מאַן. אַ גרויסע אַרבעט, אַ קליינע, נאָר מיטן קאָפּ וועט מען מוזן באַצאָלן. יעדער קעמפט לויט זיינע השגות, לויט זיינע כוחות און מעגלעכקייטן.

דאָס ערשטע קאַרטל:

„מוטערס! דער פירער האָט דערהרגעט מיין זון. מוטערס, דער פירער וועט דערהרגענען אויך אייערע זין. ער וועט זיך נישט באַרואיקן אויך דאַן, ווען ער וועט אַריינטראָגן אומגליק אין אַלע הייזער אין דער גאַנצער וועלט".

אַ געפיל פון שטאָלץ פילט זי אָן: „במעט אַלע האָבן מורא, מיר — נישט!"

אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן אַלטן פּאָרפּאָלק: „אויסערלער האָט זיך גאָרנישט געביטן, אָרום די קוואַנגעלס הערשט שלום און רו. אינעווייניק האָט זיך אַלץ איבערגעאַנדערשט — ס'איז דעריקלערט גע־וואָרן קריג".

מיט גרויס מייסטערשאַפט שילדערט פּאַלאַדאַ די פרייד פון קאַמף, די צוגעבונדנקייט און די ליבע, וואָס דער געמיינזאַמער קאַמף רופט אַרויס ביי די אַלטע. דאָס לעבן האָט מיטאַמאָל אַ זין באַקומען, דער טויט האָט אַ זין באַקומען.

צוויי יאָר דויערט דער גערangל. די זונטיקס שרייבט קוואַנגעל קאַרטלעך, די מאָנטיקס און דינסטיקס וואַרפט ער זיי אונטער. פאַללאַדאַ שילדערט דעם וועג פון די קאַרטלעך — דאָס איז דער וועג צו געסטאַפּאָ. אין טויט-שרעק איילט זיך יעדער, וואָס הייבט אויף אַ קאַרטל, איבערגעבן עס וואָס גיכער אין געסטאַפּאָ; יעדער האָט מורא אפילו איבערצולייענען. הונדערטער קאַרטלעך קלייבן זיך אָן אין געסטאַפּאָ, זיי קומען אָן רעגלמעסיק, פּינקטלעך, פּונקט אַזוי רעגלמעסיק און פּינקטלעך ווי זיי זענען געשריבן און פאַרשפּרייט. אָבער די געסטאַפּאָ קאָן נישט כאַפּן די געהיימע האַנט, וואָס שרייבט זיי. ערשט אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם ערשטן קאַרטל, ווערן קוואַנגעל און זיין פרוי צוליב אַ לייכטזיניקן שריט אַרעסטירט. אין געסטאַפּאָ דערוויסט זיך ערשט קוואַנגעל, ווי גערינג ס'זענען די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט. פון 276 קאַרטלעך און 9 בריוו, וואָס ער האָט געשריבן זענען 259 קאַרטלעך און 8 בריוו איבערגעגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ. בלויז 17 קאַרטלעך און איין בריוו האָבן אויסגעמיטן דעם געוויינלעכן וועג — דעם פּחדנותדיקן וועג פון די דייטשן.

קוואַנגעל איז דערשיטערט, אָבער נישט איינגעבראָכן. ער קומט נאָר צו דער איבערצייגונג, אַז ז יי ן וועג איז נישט דער אמתער וועג פון קאַמף. די קעלערן פון געסטאַפּאָ זענען געפּאַקט, די טורמעס זענען געפּאַקט. דאָס זענען אַלץ שונאים פון נאַציזם. זענען דאָך פאַראַן שונאים! אָבער יעדער פון זיי שטאַרבט ביחידות, ווי זיי האָבן געקעמפט באַזונדער — צו צוויי, צו דריי. ווען אַזוינע קוואַנגעלס וואָלטן זיך געווען צונויפגענומען — וואָס פאַר אַ קראַפט די דאָזיקע אומדערשראָקענע מענטשן וואָלטן מיט זיך פאָרגעשטעלט!

דריי ליניעס פירט פאַללאַדאַ דורך אין זיין בוך:

ווער זענען די נאַציס? דאָס זענען די שיכורע שענקערס און גנבים פערזיקעס, דאָס זענען זייערע טעמפּע גרויזאַמע זין, די עסעסאָווצעס, דאָס איז דער געוויסנלאָזער פאַרדאָרבענער קאַריעריסט באַלדור, דאָס איז דער גרויליקער זומפּ פון דעגענעראַציע און אַפּאַטיע — דער געסטאַפּאָמערדער פיראַל און זיינס גלייכן. און בראש פון דער ריזיקער כנופיא שטייען פּונקט אַזוינע באַנדיטן. וואָס איז די פילאָזאָפיע פון פערזיקן? — די פילאָזאָפיע פון היטלערן. פערזיק זאָגט אַזוי:

„זאָלן די אַנדערע אונדז די שטיוול פּוצן, מיר וועלן ווערן די באַלעבאַטים פון דער וועלט“.

וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די גרעסטע מאַסע פֿון דײַטשישן פֿאָלק? פּחדנים. וואָס האָבן מורא צו טראַכטן, וואָס ציטערן פֿאַר יעדן פֿערזיקע, וואָס טראָגן מיט עקלדיקער גרייטשאַפֿט די קוואַנגעלשע קאַרטלעך אין געסטאַפּאָ, די, וואָס זענען גרייט צו פֿאַראַטן אַלץ און דינען דעם תּליין, זאָל ער נאָר האָבן קראַפֿט צו באַפֿעלן.

אָבער דײַטשלאַנד פֿאַרמאָגט אויך אַנדערע מענטשן. ערלעכע, פּראָסטע, דרייסטע פֿאָלקס-מענטשן. זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר דאָס געזונטע און דאָס בעסטע, וואָס דאָס דײַטשישע פֿאָלק פֿאַרמאָגט. אַ ביסל קאָמיש איז די אַלטע פֿרײַלין שענליין, נאָר וויפֿל מוט און גײַסטיקע שײַנקייט פֿאַרמאָגט זי. אַ פּשוטע פֿרוי איז העבערלע — ערלעך, אונטערנעמעריש, קלוג און זי האַסט דעם היטלעריזם; איר נשמה איז פֿאַרשלאָסן פֿאַר זײַן סם. ס'זענען פֿאַראַן די גריגאָלייטעס, וועלכע פֿאַלאַדאַ קען ווייניק, אָבער וועגן וועלכע ער ווייסט, אַז זיי זענען שטאָלץ און אומבויגזאַם אין קאַמף. ס'זענען פֿאַראַן די קוואַנגעלס, די שטילע פּראָסטע מענטשן פֿון פֿאָלק, וואָס קומען לאַנגזאַם צום באַוווסטזיין, וואָס לאָזן זיך מער נישט אָפּנאַרן, און זייער מאָראַלישע קראַפֿט און אויסדויער, זייער פֿאַראַכטונג צום טויט פֿ אַ ר ל יי ק נ ט דעם פֿאַשיזם. אַ טרייסט פֿאַר דער שאַנד פֿון היטלעריזם זוכט פֿאַלאַדאַ אין די קוואַנגעלס, אין די ווייניקע, וואָס נאָר זיי ראַטעווען דעם כּבֿוד פֿון די דײַטשן.

איידער קוואַנגעל האָט זיך ענדגילטיק אַנטשלאָסן צום קאַמף, איז ער געווען ווי אַלע דײַטשן, וואָס האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט קעגנצושטעלן זיך דעם נאַציזם. ער זאָגט צו טרודעלן (דער כּלה פֿון זײַן דערהרגעטן זון):

„וואָס קאָנען מיר טאָן, דו און איך, ווען הינטער אים זענען מיליאָנען“.

מיט דעם זעלבן פֿאַרענטפֿערט זײַן פּאַסיווקייט און פּחדנות הערגעזעל, ווען ס'איז טייערער פֿון אַלץ זײַן אייגענע רו. אָבער הערגעזעל פֿאַלט, צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי, אַ קרבן פֿון נאַציזם, ווײַל קיין האַלבער וועג איז נישט פֿאַראַן. אַהער, אָדער אַהין. פֿאַר היטלערן אָדער קעגן היטלערן. און אויב קעגן — איז קאַמף ביזן סוף.

הערגעזעל זאָגט צו גריגאָלײַטע:

— און איר האָפֿט אין דער אמתן אויף וואָסערע נישט איז רעזולטאַטן. אַ צענדליק פֿאַרשווערער קעגן אַזאַ גיגאַנטישער מאַשין.

> — ערשטנס, זענען מיר נישט קיין צענדליק — ענט־פערט גריגאַליִיטע. — יעדער ערלעכער דייטש — און אַ צוויי־דריי מיליאָן אַזוינע וועט זיך נאָך אָנקלייבן — וועט אונדז העלפן. דאָס עיקרדיקע פאַר זיי איז גובר זיין די שרעק...
>
> צווייטנס, זיי ווייסן, מיין ליבער כיטראַק, די זאַך איז לחלוטין נישט אין דעם, פיל אָדער נישט פיל וועלן קעמפן קעגן היטלעריסטישן רעזשים, נאָר אין דעם, וואָס אויב דו האַלטסט עפּעס פאַר ריכטיק, דאַרף מען פאַר דעם קעמפן. דו וועסט דערלעבן די פרוכט פון דאָזיקן קאַמף, אָדער ערשט דער, וואָס וועט פאַרנעמען דיין אָרט — דאָס איז פולשטענדיק אַלץ איינס".

און ווען כערגעזעל פאַרענטפערט זיך, אַז ער נעמט ביי קיינעם גאָר־נישט צו, ענטפערט אים גריגאַליִיטע אַזוי:

> „גיין, דו גנבעסט פשוט. דו גנבעסט ביי דער מוטער איר זון, ביי דער פרוי — דעם מאַן, ביי דעם מיידל — איר פריינד... קאָן זיין אַז דו ביסט אפילו ערגער פון דעם טעמפּעקעפיקן נאַציסט. דו ווייסט, וואָס עס קומט פאַר אַרום דיר און דאָך קעמפסטו נישט".

דאָס איז אַ באַשולדיקונג געווענדט קעגן מאַסן דייטשן, דאָס איז אַ באַשולדיקונג קעגן פאַרברעכן פון פּאַסיווקייט; פּאַסיווקייט ווערט אַ פאַרברעכן, ווען זי דערמעגלעכט דעם רוצח זיך פאַר־נאַנדערצוביגדן די הענט.

ווען כערגעזעל פרעגט מיט פאַרביטערונג און חוזק, אפשר האָט נישט היטלער, נאָר ער, כערגעזעל, פאַנאַנדערגעבונדן די מלחמה, ענט־פערט גריגאַליִיטע מיט רעכט:

> „יאָ, און דו אויך! נאָר דיין געהאָרכזאַמקייט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצוביגדן זי".

נישט אַלץ איז און פאַלאַהאַס בוך אַבסאָלוט גויטוועגדיק. ער שענקט אין אים נאָך אַלץ פיל אויפמערקזאַמקייט דעם טיפּ מענטש, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר נאָר מענטשלעך מיסט (עוואַ קלוגע, באַרקהאַוזען), הגם אין דאָזיקן ווערק האָבן זיי אַ פּרינציפּיעל אַנדערע באַדייטונג, ווי

אין זיינע פריערדיקע ביכער.דאָ רופט דאָס מענטש־מיסט נישט אַרויס קיין מיטגעפיל, קיין באַדויערן. פאַללאַדאַ האָט נאָך פיל סימפּאַטיעס צו די צופעליקע, נישט טיפּישע אַרויסווייזן פון בורזשואַזן ליבעראַליזם און הומאַניזם (דער ראָמאַן פראַם, דער פּאַסטאָר לאָרענץ). ער האָט נישט פאַרשטאַנען נישט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון היטלעריזם, נישט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף. זיין פייער איז דער עיקר געווענדט נאָר קעגן דער אוממענטשלעכקייט, בעסטיאַלישקייט און קאַניבאַליזם פון פאַשיזם. נישט געקוקט אויף דעם איז עס נישט נאָר אַ קרעפטיק, מייסטעריש, קינסטלעריש ווערק, נאָר צוגלייך אַ פּאָליטיש ווערק, וואָס רופט צום קאַמף קעגן רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה.

.4

„דער סוף פון בערלין" איז דאָס ערשטע בעלעטריסטישע בוך פון פראַגרעסיוון דייטשישן זשורנאַליסט הײַנץ ריין.

דאָס בוך איז אינטערעסאַנט נישט נאָר דערמיט, וואָס דאָ ווערן געשילדערט די לעצטע טעג פון היטלער־רייך און דאָס פאַלן פון בערלין, נאָר אויך מיט דעם, וואָס עס שטעלט אַ ריי וויכטיקע פראַגן. עס ווייזט די קליינע גרופּקעס פון אַנטינאַציישן ווידערשטאַנד אין דייטשלאַנד אויפן לעצטן עטאַפּ, ערב דער באַפרייונג פון דער נאַצישער טיראַניע.

מען קאָן אַרויסרוקן טענות צום מחבר אין פּרט פון דער נישט גענוגנדיקער פאַרטיפטקייט פון די פּערסאָנאַזשן, מען קאָן אים פאָרוואַרפן מאַנגל אין קינסטלערישע מיטלען, נאָר אויב מען זאָל דאָס בוך באַטראַכטן ווי אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, וואָס שטרעבט צו שאַפן כאָטש אַ בעלעטריזירט דאָך אויטענטיש בילד — מוז מען מודה זיין, אַז דער אויטאָר האָט אין דעם אָפּגעהאַלטן אַ דערפאָלג.

דעם מחבר האָט זיך איינגעגעבן צו באַווייזן די אַטמאָספער און די דינאַמיק פון די געשעענישן, געבן דאָס א ל ג ע מ יי נ ע ב י ל ד פון דער פאַרלוירנקייט פון די דייטשן, וואָס פירן אויך אין די לעצטע שעהן אויס די לעצטע באַפעלן פון זייער מטורפדיקן פירער, וואָס קאָנען אין דער מינדסטער מאָס נישט פאַרמיידן דעם גיכן קראַך פון דעם „טויזנטיאָריקן" רייך, נאָר בלויז מיטווירקן צו פאַרטרינקען אין בלוט פון די דייטשן די דייטשישע הויפּטשטאָט.

די עקשנותדיקע פאַרטיידיקונג פון בערלין איז געווען בלויז זעלבסטמאָרד אויס פאַרצווייפלונג. אָבער דאָס טעמפּע פאָלגן איז אַריין אין בלוט און פלייש, געוואָרן געוווינהייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

ווערטפול איז דאָס בוך מיט דעם, וואָס די זיך שנעל-וויקלענדיקע געשעענישן זענען געזען מיט די אויגן פון פּראָגרעסיווע דייטשן, פון אַקטיווע אַנטיפאַשיסטן און דערפאַר טאַקע איז דאָס בילד אַן אמתדיקס, מען קאָן זאָגן — אַ פולס.

צוויי קליינע אַנטיפאַשיסטישע גרופּעס, וואָס האָבן געאַרבעט באַזונדער, קריגן אַ פאַרבינדונג און מיט געמיינזאַמע כוחות, ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, אַנטוואָפענען זיי די פאַרטיידיקער פון אַ פאַרפעסטיקטן פונקט און שטערן אויפרייסן אַן אייזנבאַן-בריק, כדי צו פאַרלייכטערן די סאָוויעטישע טאַנקען צו באַוועגן זיך פאָרויס אין געגעבענעם שטאָט-טייל.

דאָס זענען מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן 12 יאָר היטלעריסטישע הערשאַפט און געבליבן געטריי זייערע סאָציאַליסטישע און פּאַטריאָטישע פליכטן. צווישן זיי איז פאַראַן דער געוועזענער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט פון רייכסטאַג און פּראָפאַריין-טוער וויגאַנד, וועלכער האָט נישט איין מאָל זיך געראַטעוועט פון קאָנצלאַגער, געלעבט אין דער אונטערערד אונטער אַ פאַלשן נאָמען און אויף קיין איין טאָג נישט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. דאָ איז פאַראַן דער סאָציאַל-דעמאָקראַט ד"ר בעטכער, אַן אַקטיווער אַנטיפאַשיסט; דאָ איז פאַראַן קלאָזע, ביי וועמען אין ביר-הויז ס'קומען זיך צונויף די אַנטיפאַשיסטן; דער אַלטער אַרבעטער שרעטער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן פאַרן היטלעריזם און אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד-גרופּע, פאַראַן אויך אַנדערע און צווישן זיי צוויי פּרעכטיקע געשטאַלטן פון פּרויען-רעוואָלוציאָנערינס. דאָס זענען אַלין מענטשן מוטיקע, וואָס, וויסנדיק ווי נישטיק זיי זענען אין צאָל, האַלטן זיך דאָך נישט אָפּ פון אַקטיווער טעטיקייט.

נאָר נישט די אַלע אויסגעפּרוווטע העלדן פון פּראָלעטאַרישן אַנטיפאַשיסטישן קאַמף זענען די צענטראַלע אַקס פון בוך. לויט דעם פאַרטראַכט פון שרייבער, איז די צענטראַלע פיגור דער יונגער 22-יאָריקער דעזערטיר פון דער דייטשישער אַרמיי יאָאַכים לאַססען, אַ געוועזענער שילער פון קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער האָט זיין באַרוף געזען אין דער מוזיק, האָט אָבער געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן בלויז אין האַרמאַטן-פלייש פאַר היטלערן.

לאַססען דעזערטירט נישט פון דער אַרמיי, ווייל ער איז אַ באַוווסטזיניקער אַנטיפאַשיסט. קיין אַנדערע „אידעען" ווי די נאַציסטישע האָט די דייטשישע יוגנט נישט געוווסט. אים איז פשוט דערעסן געוואָרן דער קריג; ער האָט געוואָלט אַרויסקריכן פון בלוט, שמוץ און מיסט פון קריג, און פלוצעם האָט זיך אים געמאַכט אַ געלעגנהייט. איין שריט — און קיין צוריקוועגס איז מער נישט געווען. אַן אויסגעמאַטערטער, אין טויט־שרעק, קומט ער קיין בערלין, פאַלט אַריין נאָך אַ קופל ביר צו קלאָזען אין שענק. דער לעצטער, מיט זיין געניט אויג, דערקענט באַלד מיט וועמען ער האָט צו טאָן. ער באַהאַלט אים אויס און פאַרבינדט אים מיט דער ווידערשטאַנד־גרופע.

די גרופע בראש מיט וויגאַנדן פילט אחריות פאַר דער יוגנט. די אַנטיפאַשיסטן מאַטערט דער געדאַנק, וואָס וועט ווערן פון דער דייטשישער יוגנט אויף מאָרגן נאָך דער באַפרייונג. די גרופע ווערט די דערציערין פון לאַססען און די דערציונג מאַכט ער דורך אויספירנדיק פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, וואָס ווערן אים אָנגעטרויט דורך דער ווידערשטאַנד־גרופע.

„ביי אים (ביי לאַססענען — ש. ב.) זענען נישט פאַראַן קיין אידעען, וואָס זאָלן געבן אַ ווענדונג זיין לעבן און ציען אים צום ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. ער קאָן נאָר אָ פ וו אַ ר פ ן דאָס, וואָס מען האָט אים מיט פרעכער פייערלעכקייט אָנגעבויגדן, ווי אַן אידעע. אים איז באַקאַנט נאָר עקל, וואָרום ער זעט בלויז אויף די אויסגעפאַשעטע פינגער און גלאַנצנדיקע שטיוול פון די טרעגער פון דער האַזיקער אידעע; ער ווייס נאָר האָפענונגסלאָזע געהאָרכזאַמקייט, ווייל מען האָט אים אַריינגעצויגן אין אַ מאַשין, וואָס צעקוועטשט ווי אַ שרייַעדערן, וואָס מאַכט בלויז דעם מינדסטן פרווו זיך אַרויסצורייסן".

אין די מענטשן פון דער ווידערשטאַנד־גרופע זעט ער מענטשן פון גאָר אַן אַנדער שניט, דערפאַר גייט ער צוזאַמען מיט זיי אין קאַמף, איידער ער פאַרשטייט נאָך זייער אידעע.

דאָס פראָבלעם וועגן גורל פון דער דייטשישער יוגנט איז דאָס צענטראַלע אין בוך. איז האָד דער ז ו ן פון אומדערשראָקענעם פראָלעטאַ־

רישן קעמפּער וויגאַנד און עסעסאָוויעץ, אַ נאַציִשער קוילער, אַ באַנדיט מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען „ראָבערט — טייוול“, וועלכער וועט זיך אויף אַ רגע נישט אָפּשטעלן צו דערמאָרדן זיין אייגענעם פאָטער.

מיט אַזוינע ווערטער ווענדט זיך דר. בעטכער צו לאַססענען:

„די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דאַן וועט אויף אייך אַרויספאַלן דאָס גרויסע שווייגן, ווייל קיינער וועט שוין מער נישט באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון אייערע האַנדלונגען. דווקא להיפוך — פון אַלע זייטן וועט מען אייך אַרויסשטעלן גאָר באַשולדיקונגען; ערשט דאַן וועט איר פאַרשטיין, אַז מ׳האָט פאַראַטן אייער יוגנט, אַז מ׳האָט געחוזקט און מיסברויכט פון אייער צוטרויען, אייער געדאַנק האָט מען געפירט אויף אַ פאַלשן וועג“.

יאָאַכים לאַססען ברענגט אויף אַ שמועס צו די אַנטיפאַשיסטן זיין יוגנט-חבר, דעם עלטערן לייטענאַנט טאָלקסדאָרף, אַ מענטש מיט נישט ווייניק אָרדנס באַקומענע פון היטלער-רייך פאַר שלאַכט-פאַרדינסטן. דאָס איז שוין אַן איינגעבראָכענער מענטש. זיין „וועלט-אָנשויונג“ פאַלט זיך פאַנאַנדער צוזאַמען מיטן דריטן רייך, אָבער קיין אַנדערע האָט ער נישט, קיין שום אידעע, קיין שום פּאָזיטיוון אינהאַלט אין לעבן. ער קאָן שוין נישט קעמפן קעגן די ווידערשטענדלער און נישט פעיק מער צו קעמפן פאַר היטלערן אָדער קעגן אים. צו לאַנג איז ער געוווינט געווען צו דיספּיפּלין, צו לאַנג געוווינט געווען נישט צו טראַכטן. זאָלן די זעלנער פון זיין ראָטע טאָן וואָס זיי ווילן, ער אַליין פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד.

פאַראַן אין טאָלקסדאָרפס ראָטע אַ יונגער סאָלדאַט העלוויג, אויך אַ 22-יאָריקער ווי לאַססען. דאָס איז אַ דורכשניט-טיפּ פון אַ דייטשישן יוגנטלעכן דערצויגן דורכן נאַציזם. זיין פּאַך איז — מלחמה האַלטן. אים איז אַלץ גלייכגילטיק, אַלץ איינס — ווו קעמפן און קעגן וועמען, ביי דער אילמען-אָזערע, אין מינסק, אָדער דאָ ביי אַן אויפגעריסן הויז אין בערלין. ער איז איינגעוווינט זיך אונטערצוואַרפן און האָט קיין כּוח נישט „אַ ריס טאָן זיך צוריק“. „בייטן די ריכטונג“ קאָן ער נישט. ער פאָלגט ווייטער, ווייל דאָס איז „פּשוטער פון אַלץ“.

„מיר קאָנען נאָר דינען (זאָגט העלוויג). אַרבעט? מיר ווייסן נישט וואָס איז עס אַזוינס? אַ ציל? מיר האָבן

אַזאַ נישט. אויב מיר וועלן לעבן בלייבן פון דער דאָזיקער מלחמה, וועלן מיר ׳בלייבן מיט פּוסטע הענט. אונדזערע הענט קענען נאָר שיסן, אָנלאָדן, צילן, וואַרפן גראַנאַטן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אָפּלאָזן דאָס צינגל, פּאַרלייגן אַ פּולעמיאָט־לענטע און וואָס ווייסן מיר נאָך? וואָס האָבן מיר זיך נאָך אויסגעלערנט?"

אַ יוגנט פון דור הפלגה. זי האָט פּאַראורזאַכט די אַנדערע פעלקער מיליאָנען קרבנות — דאָס איז געווען איר מאַן, איר אַרבעט. ווער איז שולדיק אין דעם? ד״ר. בעטכער שטעלט די דאָזיקע פראַגע און ענטפערט אַליין אָפן און שאַרף:

„איך האַלט, אַז מיטן אויסנאַם פון דער גאָר קלייגער גרופּע ווידערשטענדלער, איז שולדיק דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק — צוליב זיין פאַרברעכערישער נאַכלעסיקייט, בלינדקייט, קלייגמוט, צוליב זיין טיפּיש־דייטשישער אינערטקייט און אויך צוליב זיין פּאַרויסנקייט, געמיינקייט, גיריקייט און מאַכטזוכט".

מען טאָר מער די דייטשישע יוגנט נישט איבערלאָזן אַליין אין דער פאַרצווייפלונג, אין דער פוסטקייט. דער איינציקער רעצעפּט איבערצודערציען די יוגנט, דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק, איז די אומברחמנותדיקע זעלבסטקריטיק. ווייטער זאָגט:

„...נאָר אין דער זעלבסטקריטיק, וואָרום אין דעם, וואָס די דייטשישע יוגנט האָט זיך געפונען אין די הענט פון די נאַצישע פאַרברעכער און איז געבאַפּט געוואָרן אויף דער ווענדקע פון אַ פאַלשער תורה, איז שולדיק נישט זי, אויב מיר רעדן שוין וועגן שולד, נאָר די, וואָס האָבן צו דעם דערלאָזט..."

די טראַגעדיע פון אָן אַ שיעור דייטשישע עלטערן איז דאָך געלעגן אין דעם, וואָס הגם זיי אַליין זענען געווען קעגנער פון נאַציזם, האָבן זיי אויס פּחדנות נישט אַריינצופאַלן אין געפאַר, אויסבאַהאַלטן זייערע אַנשוויונגען און איבערצייגונגען פון זייערע אייגענע קינדער און מיט אַנמעכטיקן צאָרן געקוקט אויף דעם, ווי היטלער קריגט די השפּעה איבער דער יוגנט און פירט זי אויף אַ וועג, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט דערפירן צו דער קאַטאַסטראָפע.

דאָס הימלער-רייך פאַלט זיך פאַנאַנדער, סנאַריאַדן און באָמבעס פאַלן אויף די קעפּ, אָבער די דייטשישע באַפעלקערונג כאַפּט אַלץ נישט אָן איר אייגענעם מערדער פאַר דער האַנט. עס הייבט אָן וואַקסן דער האַס פון גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג קעגן די נאַציס, אָבער זיי ציטערן נאָך פאַר יעדן נאַצישן קנעפּל, פאַר יעדן טרעגער פון דעם מאָרגון אומגליק-רעזשים.

די נאַציס הענגען אויף אויף אַ לאַמטערן אַ יונגן דעזערטיר אין די אויגן פון זיין מאַמען. אַרום שטייט אַ גרויסע מאַסע מענטשן, זי איז אָנגעפילט מיט שנאה און פאַראַכטונג צו די מערדער. קיין איינער וואַגט זיך אָבער נישט אַריינצומישן. די 12-יאָריקע מורא פאַראַליזירט אין וואָרצל זייער ווילן, מאַכט זיי שווידערלעך עקלדיק און גישטיק. איין עסעסאָוויעץ קאָן צווינגען אַ גאַנצע גרופּע פאָלקסשטורמיסטן, וואָס פאַרשטייען, אַז דער ווידערשטאַנד איז אומזיניק, צו דיסציפּלין און געהאָרזאַמקייט.

און נאָך אין צושטאַנד פון העכסטער אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג, ווען די שרעק טרעט אָפּ פאַרן גרויסן ווייטיק, דערציילט פרוי פראַנקע (אַן עפּיזאָדישע פיגור אין בוך) פאַר דער גאַנצער פאַרזאַמלטער מאַסע אין שוצקעלער וועגן די לעצטע פאַרברעכנס פון דער רעגירנדיקער מערדער-באַנדע, וואָס האָט באָמבאַרדירט טויזנטער דייטשישע פרויען און קינדער אויף די שאָסייען, ווען זיי האָבן זיך, אונטער דער שוץ פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, עוואַקואירט אויף מזרח פון דער פראָנט-ליניע. ווענדנדיק זיך צום נאַציסט שרייט פרוי פראַנקע:

> „מיר האָבן צו לאַנג געשוויגן און איר האָט אָנגענומען אונדזער שווייגן פאַר אַ הסכּמה. און אויב מען דאַרף עמעצן באַשולדיקן, דאַן זענען שולדיק מיר, וואָס האָבן אייך אַזוי לאַנג געדולדעט“.

די פּובליציסטישע שאַרפקייט און לײַדנשאַפטלעכקייט געהערט צו די שטאַרקע זייטן פון היינץ רייננס בוך. די פיל פּובליציסטישע זייטן זענען דאָ אָרגאַניש אַריינגעפלאָכטן אין בעלעטריסטישן געוועב און שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט, דערפאַר טאַקע זענען זיי אויך קינסטלעריש באַרעכטיקט.

5.

דריי ביכער פֿון דריי אויטאָרן. זייער פֿאַרשידענע. איז פֿאַראַן צווישן זיי אַ שייכות? געווים.

די דריי ביכער שילדערן דריי פּעריאָדן פֿון אינעווייניקסטן ווידערשטאַנד. אַננאַ זעגערס — ביזן קריג, האַנס פֿאַלאַדאַ — אין דער צייט פֿון קריג, הייניץ ריין — דעם קראַך פֿון „טויזנטיאָריקן“ רייך אויפֿן 12־טן יאָר נאָך זיין געבורט.

אַלע דריי ווייזן קודם: אַזוי זעט אויס דער פֿאַשיזם. אַלע דריי רוקן אויפֿן פֿאָדערשטן פּלאַן אַרויס די פֿראַגע פֿון שולד (זיי באַשולדיקן נישט נאָר דעם פֿאַשיזם, נייערט דאָס גאַנצע דייטשישע פֿאָלק). אַלע דריי שטעלן זייער שאַרף דאָס פּראָבלעם פֿון פּאָליטישער פּאַסיוויקייט ווי אַ פֿאַרברעכן און דערמיט אונטערשטרייכן זיי די אַבסאָלוטע צונויפֿפֿאַלונג פֿון פּאָליטיק און לעבן. ד. ה. אַז פּאָליטישע אינדיפֿערענץ איז דאָס זעלבע, אין געוויסע היסטאָרישע באַדינגונגען, ווי אַנגאַזשירן זיך אויפֿן צד, קעגן וועלכן מען טרעט נישט אַרויס.

אַלע דריי ביכער דערציילן וועגן דעם ווי שוואַך, ווי קליינצאָליק און ווי נישט אָרגאַניזירט ס׳איז געווען דער אינעווייניקסטער ווידערשטאַנד. כאָטש ער האָט אויף קיין איין טאָג נישט אויפֿגעהערט, איז ער נישט נאָר נישט אָנגעוואַקסן, נאָר שוואַכער געוואָרן, נישט אויסגעוואַקסן אין קיין איין פּעריאָד צו אַ גרויסער מאַסן־באַוועגונג און נישט געקראָגן קיין רעזאָנאַנס צווישן ברייטע שיכטן פֿון דייטשישן פֿאָלק. דער עכאָ פֿון ווידערשטאַנד, לויט דעם בילדערישן אויסדרוק פֿון אַננאַ זעגערס, איז „אָנשטאָט אָפּצוקלינגען אין די טאָלן, אָפּגעשטאָרבן אין די בערג“.

פֿאַרוואָס איז דאָס געווען אַזוי? אַלע דריי גיבן דעם זעלבן ענטפֿער: די מורא האָט פּאַראַליזירט דעם ווילן פֿון די יעניקע דייטשן אפֿילו, וואָס זענען נישט אַרונטערגעפֿאַלן דעם נאַצישן טשאַד. אין לעצטן סך־הכל געפֿינען מיר אין דעם כאַראַקטער פֿון דעם אינעווייניקסטן ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם אַ באַשטעטיקונג פֿונעם אַלטן כלל, וואָס עס האָט ערגעצוו פֿאָרמולירט שעקספּיר: די מורא פֿאַרן פֿיינט, פֿאַרשטאַרקט דעם פֿיינט מיט דיין אייגענער שוואַכקייט. ד. ה. האָסטו מורא — קעמפֿסטו קעגן זיך אַליין. דיין פּחדנות איז דער פֿאַרבינדעטער פֿון דיין שונא. באַזונדערס איז עס ריכטיק דווקא דערפֿאַר, וואָס עס רעדט זיך

וועגן אַ סיסטעם, וווּ די אָרגאַניזאַציע פון שרעק איז געווען דער צענטראַלער פּרינציפּ פון זיין מלוכהשאַפטלעכער חכמה. אַנגעוואָרפן טויט=שרעק איז געווען אַ פאַנאַנדערגעאַרבעטער מעטאָד פון פּאָליטישן און מיליטערישן מעכאַניזם פון היטלעריסטישן רעזשים. די פונקציע זיינע איז געווען: דעמאָביליזירן און אַנטוואָפענען דעם קעגנער. פאַר די נאַציס איז וויכטיק געווען צו איזאָלירן די קעגנער פון זייער מאַכט. די קאָנצלאַגערן זענען געווען טאָרטורן און טויט=לאַגערן. מ'האָט געדאַרפט פאַר זיי ציטערן ווי פאַרן גיהנום: דער וואָס קומט דאָ אַהער, וועט שוין קיינמאָל פון דאַנען נישט אַרויס. דערהרגענען קודם כל און אויף שטענדיק די נשמה — דעם דאָזיקן מעטאָד האָבן צוגעטראַכט די „געלערנטע" פון מאַסן=אויסראָטונג.

דער פילאָזאָפיש=פּאָליטישער פּאַטאָס פון די דריי ווערק איז דער רוף צו באַפרייען זיך פון שרעק. אין דעם שטעקט זייער טיפערער זין, אַדאַנק דעם בלייבן זיי אַקטועל אויף לאַנגע יאָרן. באַפרייט זיך פון שרעק, ווייל זי צעלייגט דעם מענטשן, פאַרניכטעט זיין ווערט, זיין ווילן, די שענסטע זאַפטן פון זיין גייסט. פאַרטרייבט די שרעק, ווייל זי פאַרוואַנדלט אייך אין אַן אינסטרומענט פון פרעמדן ווילן, אין אַ געווער פאַר פרעמדע אינטערעסן.

איז מעגלעך זיך צו באַפרייען פון דער אָרגאַניזירטער שרעק? יאָ, ענטפערן קאַטעגאָריש די דריי ביכער. אַ סימן, אַז מענטשן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין מסירת=נפש פאַר אַ גרויסער אידעע, זענען צו דעם מסוגל. דערפאַר זענען זיי טאַקע אויף אַן אמת פריי. וואָרום די פרייהייט דאַרף מען קודם כל טראָגן אין זיך אַליין. אין קאַמף אַנטפּלעקט זיך זייער אמתע גרויסע מענטשלעכע פרייהייט.

די ראַפינירטסטע אָרגאַניזאַציע פון שרעק און טעראָר זענען דאָך נישט בכוח געווען צו צעברעכן דעם ווילן ביי קעמפער, וואָס האָבן זייער לעבן געשטעלט אין דינסט פון אַ הומאַניסטישער אידעע. די נאַציסטישע רוצחים האָבן געהאַט טויזנטער געלעגנהייטן דאָס זיך צו איבערצייגן.

„איצט דערמאָן איך מיך זייער גוט דעם דאָזיקן אָביעקט — זאָגט דער שטורמבאַנפירער וועלענהאָפער צום שטורמפירער זירינג (אין בוך „דער סוף פון בערלין") — ער איז געווען, זאָלט איר וויסן זיין, פון די לינקע פראָפּ=טוער, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט באַרויקן מיט קיי=

נע מינים קלעפּ. ביי זיי אויף דער פיזיאָגנאָמיע איז ווי אָנגעשריבן אַזאַ טייוולאָנישער שטאָלץ. ס'פלעגט מיך דער־פירן ביז משוגעת, כ'פלעג זיי ממית זיין, ווי כ'האָב נאָר גע־קענט, און האָד איז מיר בשום אופן נישט געלונגען אַרויסצושלאָגן פון זיי זייער שטאָלץ און פאַרריסנקייט".

„ריכטיק, שטורמבאַנפירער — באַשטעטיקט זיריגג. — אין די דאָזיקע מענטשן איז פאַראַן עפּעס, צו וואָס מיר קאָנען זיך בשום אופן נישט דערקלייבן. דער טייוול ווייס, וואָס ס'איז עס אַזוינס און פונוואַנען קומט עס צו זיי".

אין זעגערס „זיבעטן קרייץ" ווערט דערציילט ווי דער אַרעסטירטער וואַלאַו האַלט זיך בעת דער אויספאָרשונג:

„... — וועט איר באַפעלן ברענגען צו זיך פון רעסטאָראַן אַ ביפשטעק?

(אַזוי זאָגט דער געסטאַפּאָוויעץ פישער צום קאָמיסאַר אָווערקאַמף, איידער מען רופט אַריין צו דער אויספאָר־שונג וואַלאַו — ש. ב.)

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איר וועט גיכער אויסקוועטשן אויפ־קלערונגען פון ביפשטעקס, ווי פון דעם מענטשן, וועלכן מען וועט אייך דאָ באַלד צושטעלן".

אַזוינע זענען געווען די מענטשן, וואָס זענען באמת פריי געווען און נישט געוווסט פון שרעק. אויב פון איין זייט זענען די ביכער דאָקומענטן פון שאַנד, זענען זיי פון דער אַנדער זייט דאָקומענטן פון אומדערשראָקנ־קייט און העלדנמוט.

די דאָזיקע קאָנטראַסטאַרטיקייט טיילט אויס רעליעף די הומאַניס־טישע אידעע פון די ביכער: אָט זענען שרצים, ברואים, און אָט זענען מענטשן.

די דייטשישע פּראָגרעסיווע ליטעראַטור האָט אין די יאָרן פון נאָך דער מלחמה זיך פיל געמיט אין דער ריכטונג צו באַפרייען די מאַסן פון דער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט, זי האָט געהאָלפן אויפקלערן דעם פאָלק, אַז די מפּלה פון היטלעריזם איז נישט נאָר געווען אַ מיליטערי־שע, נייערט אויך אַ מפּלה פון דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע.

די פֿעלקער לערנען זיך אויף זייער אייגענער דערפֿאַרונג, אָבער די ליטעראַטור העלפֿט באַזיגיקן די דאָזיקע דערפֿאַרונג און זי לערנט, אַז די גרעסטע סכנה שטעקט אין דער פּאַסיווקייט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, אין איבערשאַצן די כוחות פֿון פֿיינט און נישט דערשאַצן די אייגענע.

קוואַנגעל האָט זיך געשטעלט אין קאַמף, ווען דער „פֿירער" האָט דערהרגעט זיין זון. דאַן האָט ער ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז אין קאַמף האָט מען זיך געדאַרפֿט שטעלן פֿריער. כדי צו פֿאַרטיידיקן אַלע זין, נאָר אין אַזאַ קאַמף וואָלט ער געקאָנט ראַטעווען זיין אייגענעם זון. פֿאַראַן אין די באַהאַנדלטע ביכער איבערציינגנדיקע, שטאַרקע שלום־אַקצענטן, אַזוינע, וואָס פֿאַרלירן נישט זייער אַקטועלקייט אויך היינט.

טרודעל (אין האַנס פֿאַללאַדאַס „יעדער שטאַרבט ביחידות") רעדט מיט צאָרן וועגן דעם, אַז נישט אויף דעם געבוירן מאַמעס זייערע קינדער, זייערע זין, כדי וואָס פֿאַר אַ נישט איז אויסוואורף און אַוואַנטוריסט זאָל זיי קאָנען שיקן לייגן זייערע קעפּ פֿאַר פֿרעמדע אינטערעסן. פֿרוי בושקאַמפּ („סוף פֿון בערלין") האָט איר זון פֿאַרלוירן אין היטלערס פֿאַרברעכע־רישן קריג און זי קלאָגט:

„פֿאַרוואָס, פֿרעגט זיך, איז ער אומגעקומען? וואָלט כאָטש געווען פֿאַר עפּעס גוטס, וואָלט מיר לייכטער געווען, אָבער דערפֿאַר? פֿאַר זיי?"

די דאָזיקע פֿראַגן קאָנען שטעלן הונדערטער טויזנטער מאַמעס אין דער גאַנצער וועלט אויך היינט. פֿאַרוואָס האָבן די זין פֿון די אַמעריקאַנער און ענגלישע מאַמעס געדאַרפֿט פֿאַלן אין קאָרעע, די זין פֿון די פֿראַנצויזישע — אין אַלזשיר? אין אָנגעזיכט פֿון די נייע מלחמה־גע־פֿאַרן, וואָס קומען ווידער אויף מצד די יורשים פֿון היטלערן, קאָנען עס פֿרעגן מיליאָנען מאַמעס. וויפֿל מאַמעס דראָט זיך צו געפֿינען אין דער לאַגע פֿון פֿרוי קלוגע (אין „יעדער שטאַרבט ביחידות"), וועלכע דער־וויסט זיך, אַז איר „טייער יינגל", וואָס זי האָט אויסגענערט מיט איר ברוסט, נעמט אָן קליינע קינדער פֿאַר די פּיסלעך און צעשמעטערט זיי־ערע קעפּלעך אין די שטאַמען פֿון די ביימער. איר „טייער יינגל" — אַ מערדער פֿון אומשולדיקע קינדער. און וואַקסן נישט היינט ווידער אַזוינע „טייערע יינגלעך" פֿאַר ענלעכע מאָרד־צוועקן? ווערן זיי נישט געהאָדעוועט אויף צו פֿירן אומגערעכטע מלחמות, אויספֿירן באַפֿעלן!

אָט די דערפֿאַרונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די דריי ביכער שרייט צו דער צוקונפֿט: זעט, ווי דאָס זעט אויס, ווען דאָס פֿאָלק דערלאָזט פֿאַסיוו די קאַפּיטאַליסטישע הייפּיש צו מיליטאַריזירן דאָס לאַנד, צו דערשטיקן די פֿרייהייט, די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, די אַרבעטער־באַוועגונג!

די פּאָליטישע אויסווירקונג פֿון די באַהאַנדלטע ביכער, ווי פֿון פֿיל אַנדערע פֿון דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי רוקט אַרויס ווי אַ קאַמפּס־לאָזונג די קלוגע ווערטער פֿון גרעסטן דייטשישן דיכטער געטע:

דאָס לעבן פֿאַרדינט נאָר דער, וואָס גייט פֿאַר אים יעדן טאָג אין שלאַכט.

קולטור אונטער דער האַק

(וועגן דער „קולטור־בוֿיונג" אין ווילנער געטאָ)

א. קולטור און ווידערשטאַנד

די פּראָגרעסיווע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע — פפּא, אין ווילנער געטאָ, האָט די ערשטע, שוין אין יאַנואַר 1942, געוואָרפן דעם לאָזונג פון קאַמף און ווידערשטאַנד. זי האָט אַרויסגעשיקט אירע פאָרשטייער קיין וואַרשע און ביאַליסטאָק צו דערציילן וועגן די מאַסן־שחיטות פון יידן אין דער ליטע, צו וואָרענען און רופן צו קעגנשטעלונג.

סיי אין ביאַליסטאָק, סיי אין וואַרשע האָט די עקזיסטענץ פון געטאָ זיך פאַרענדיקט אין פייער פון אויפשטאַנד; אין ווילנע איז געפאַלן נאָר איין צופעליקער שאָס. קיין אויפשטאַנד איז דאָ נישט פאָרגעקומען. אַ צונויפגעפלעכט פון טראַגישע אומשטענדן האָט צונישט געמאַכט די פלענער. די פּאָטענציעלע קראַפט, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איז אין געטאָ נישט רעאַליזירט געוואָרן.

וואַרשע האָט אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע דעם טאָג פון 19־טן אַפּריל.

אין דעם טאָג האָבן די היטלעריסטישע אויסראָטער אָנשטאָט צו טרעפן מאַסן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, גרייטע צו שטאַרבן, אָנגעטראָפן אויף אַ הוראַגאַן־פייער פון באַוואָפנטע יידן, גרייטע צום קעמפן.

אין דעם טאָג איז געשטאָרבן די פאַלשע לעגענדע, אַז יידן קען מען נעמען מיט ליידיקע הענט, אַז יידן קענען נאָר די תורה פון שטאַרבן.

פון יאָר צו יאָר מערקן אַלע יידן אויף דער גאָרער וועלט אָפּ דעם דאָזיקן טאָג, ווען דער אומדערשיטערלעכער קאַמפס־מוט פון פאַרשפּאַרטע, פאַרהעצטע, פאַרהונגערטע, אויסגעהונגערטע און פיזיש אויסגעשעפּטע יידן האָט אָפּגעשטעלט דעם אַריינמאַרש פון רעגולערע טיילן פון דער היטלעריסטישער אַרמיי אויף די גאַסן פון געטאָ.

און אָפּמערקנדיק די דאָזיקע דאַטע פון ווארשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, קלינגט אויף אַלע מאַניפעסטאַציעס, פייערונגען און אַקאַדעמיעס דאָס קאַמפּס־ליד פון די פּאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ.

איז עס נישט סימבאָליש? וואַרשע האָט געגעבן דעם קאַמף, ווילנע דאָס קאַמפּס־ל י ד. ציז אין דעם נישט איינגעשלאָסן אַ רמז אויף דעם גאַנצן היסטאָרישן עבר פון דיביידע גרויסע, פאַרדינסטפולע יידישע צענטערס?

וואַרשע איז געווען איכות און כמות. צוליב כמות האָט זי פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער יידישער וועלט, און די מעכטיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם האָבן דאָ געשטורעמט שטאַרקער ווי אין וועלכן נישט איז אַנדערן יידישן ישוב. וואַרשע האָט געהאַט גרויסע שרייבער, גרויסע פּאָליטיקער, גרויסע צייטונגען, גרויסע דעמאָנסטראַציעס, ווייל גרוים אין צאָל זענען דאָ געווען די יידישע מאַסן.

ווילנע האָט קיינמאָל נישט געשפּילט קיין ראָל אין יידישן לעבן מיט דער כמות, נאָר אויסשליסלעך מיט איר איכות. זי איז געווען אַ וויגעלע פון אידעען, זיך אויסגעווירקט אין דער יידישער וועלט מיט איר ק אָ ל ע ק ט י וו ן שאַפן, געווען אַן אָנהייבער פון באַוועגונגען, וואָס זענען אויפגעקומען אין איר, אָבער אויסגעברייטערט און אַנטוויקלט זיך מחוץ אירע גרענעצן. איר גאַנצע היסטאָרישע טעטיקייט האָט געהאַט אַ קולטוריסטישע באַפאַרבונג. איר כוח איז געלעגן נישט אַזוי אין אירע גרויסע יחידים, ווי אין איר ראָל אַלס קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַטאָר. איר יידישער קולטור־קלימאַט האָט געשאַפן אַ באַזונדערן טיפ — דעם ראַציאָנאַליסטישן „ליטוואַק“.

ווען נאָך די טראַגישע יאָרן פון גרויסן היסטאָרישן נסיון ווילן מיר אונטערפירן אַ סך־הכל פון דעם לעצטן קאַפּיטל, וואָס האָט געבראַכט צום פאַרשניטן ווערן פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, טיילן זיך אויס באַזונדער צוויי ישובים: איינער (וואַרשע) מיטן פענאָמענאַלן קאַמף, דער צווייטער (ווילנע) מיט זיין פענאָמענאַלער קולטור־בויונג אונטערן הלף.

געווים, קאַמף און קולטור האָבן געהאַט אַן אָרט — ווו מער און ווו ווייניקער און אין כלערליי פאָרמען — אין פאַרשידענע ישובים, אָבער צוזאַמבולטסטן, צומרעליעפסטן, ווי ווירקלעכע קען־צייכנס זענען זיי געקי־

מען צום אויסדרוק אין די האָזיקע צוויי שטעט: יעדע שטאָט מיט איר סימן מובהק, דאָ — דער עיקר קאַמף, דאָרטן — דער עיקר קולטור.

דער איבערוואָג פון קולטור־פאַקטאָר אין ווילנער געטאָ האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס משפּיע געווען — חוץ, פאַרשטייט זיך, אַנדערע וויכטיקע פאַקטאָרן — אויף דעם, וואָס דאָ איז נישט רעאַליזירט געוואָרן דער לאַנג־צוגעגרייטער און גוט אָרגאַניזירטער קאַמפּס־כוח.

אין דעם שטעקט דער „טשוואָק". קולטור האָט געקאָנט זיין אַ גלענצנדיקער מאָביליזירנדיקער קאַמפּס־פאַקטאָר; קולטור האָט אויך געקאָנט זיין פאַרשלעפערונגס־מוזיק.

קולטור אין וועמענס הענט? קולטור, געווענדט אין וועלכער ריכטונג? קולטור — אָפּהענגיק פון וועלכע אויפגאַבן?! מיט אַזאַ קריטעריע מוז מען צוגיין צו דעם פּראָבלעם קולטור אין געטאָ. קולטור איז נישט קיין אויסער־היסטאָרישע און איבער־היסטאָרישע קאַטעגאָריע.

קולטור האָט געקאָנט זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין פאַנאַנדערבלאָזן דאָס פייער פון ווידערשטאַנד, וואָרום קודם כל האָט זי — אין יענע באַדינגונגען, ווען דער שונא האָט ערב דעם פיזישן פאַרניכטן באַמיט זיך אָפּצווישן פון זיין קרבן דעם צלם אלהים, זיין מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד — געקאָנט ווערן אַן אויסדרוק פון מענטשיקן גייסטיקן ווידערשטאַנד, אַ קאַמפּס־מיטל פאַר אויפהיטן די מענטשלעכע פיזיאָנאָמיע פון קיבוצים, וועלכע מ'האָט געוואָלט אַראָפּזעצן צו דער מדרגה פון בהמות און שרצים.

קולטור און ווידערשטאַנד — האָט איז געכפלטער כוח. קולטור אָן ווידערשטאַנד — דאָס איז פאַסיוקייט, אינערטקייט, הילפלאָזיקייט, אין תוך אַריין — אַ בפירושע סתירה צו איר עצם וועזן; קולטור קעגן ווידערשטאַנד — דאָס איז פאַראַט פון די עיקרדיקע פאָלקס־אינטערעסן, באַזונדערס דאַן, ווען די טאַט, אַן אַנגעוואָרפענע פון געשיכטלעכן גורל, ווערט די פאַרקערפּערונג פון דער העכסטער שיינקייט, פון די הערלעכסטע מאָראַלישע כוחות פון דער מאַסע.

* * *

פאַראַן אַ הויף אין ווילנע, וואָס דאַרף אַריין אין דער געשיכטע. דער הויף האָט ווי אַ פאָקוס צונויפגעזאַמלט און דורכגעפלאָכטן אַלע

דערשיינונגען, אַלע פּראָבלעמען פון די שווידערלעכע געטאָ־יאָרן אין ירו־שלים דליטא —

דער הויף אויף סטראַשון־גאַס 6.

אין פאָדערשטן בנין, אויפן צווייטן שטאָק, האָט זיך געפונען דער צענטער פון דער קולטור־אַרבעט — דער קולטור־קאָמבינאַט. דאָ איז גע־ווען די געטאָ־ביבליאָטעק (40 טויזנט ביכער) מיט טויזנטער לייענער. מען פלעגט דאָ בייטן פון צען טויזנט ביז 14 טויזנט ביכער אַ חודש (אויף צוואַנציק טויזנט איינוווינער!). דאָ איז געווען דער לייענזאַל, וואָס האָט געאַרבעט אָן איבעררייסן 7 טעג אין דער וואָך און באַדינט 200 לייענער טעגלעך. דאָ איז געווען אַ מוזיי, וואָס האָט אָפּגעהיט די רעשטן פון אַלטע יידישע קולטור־ווערטן. דאָ האָט זיך געפונען דער סטאַטיסטי־שער אַמט, וואָס האָט אונטערגעפירט סך־הכלען פון אַלע צווייגן פונעם געטאָ־לעבן.

אין פאַרטער פון זעלבן בנין האָט זיך געפונען די באָד. יעדער געטאָ־איינוווינער האָט געהאַט אַ דאָקומענט, אַז איין מאָל אין צוויי וואָכן גייט ער דורך דעם „אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט" און די דיזענפעקציע־קאַמער.

אין הינטערשטן בנין אויפן זעלבן הויף האָט זיך געפונען די גע־טאָ־טורמע, ווו מען האָט איינגעזעצט פאַר סאַמע פאַרשידענע הטאים — פאַר פאַרבן די ליפּן און פאַר אַ רויב־מאָרד, פאַר גיין נאָך דער פּאָליצײ־שעה און פאַר פּרווון דורכשמוגלען שפּייז אין געטאָ, פאַר כאַבאַר און פאַר פאַרשפּרייטן „פאַלשע" קלאַנגען. פון טורמע האָט אַ קליינע קאַליטקע געפירט אויף דער לידער גאַס, וואָס האָט זיך געפונען שוין מחוץ דעם געטאָ. די קאַליטקע פלעגט מען עפענען נאָר דאַן, ווען פון טורמע פלעגט מען דורכמאַכן דעם „לעצטן וועג", דעם „אייביקן וועג" — אויף פּאָנאַר.

צווישן דיביידע בנינים האָט זיך געפונען אַ שטח. אַמאָל זענען אויף אים געווען הרויב־יאַטקעס, זענען זיי חרוב געוואָרן, האָבן די געטאָ־קינדער, פאַראייניקט אין אַ „טראַנספּאָרט־ביוראָ" אונטערן אָנפיר פון אַ פּאָליצײ־אינספּעקטאָר, אָפּגערייניקט די חורבות, אויסגעגלייכט דעם שטח און אים פאַרוואַנדלט אין אַ ספּאָרט־פּלאַץ. אויף די ווענט זײַנען מויערן אַרום זענען מיט שיינע גרויסע יידישע אותיות אויסגעשריבן גע־וואָרן: „אין אַ געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט", „נאָך שווערער

אַרבעט געפֿין אַן אָפּרו אין ספּאָרט", „פֿאַר אַ ספּאָרטלער איז די שווערע אַרבעט לייכט" וכדומה. דערביי האָבן מאָלערייען באַוויזן ווי מוסקולירטע קערפּערס לויפֿן, וואַרפֿן דיסקן, קוילן. אויף דעם פּלאַץ האָט מען געטורנט זייער אינטענסיוו. קינדער פֿון די שולן, פּאָליציי און די ספּאָרט־סעקציעס פֿון אַרבעטס־מענטשן. אין יולי 1942 זענען געווען 28 ספּאָרט־גרופּעס, אין סעפּטעמבער דעם זעלבן יאָר שוין 33 גרופּעס מיט טויזנט ספּאָרטלער. מ'האָט זיך פֿאַרנומען מיט גימנאַסטיק, ריטמיק, באָקס, פֿאַרשידענע באַוועגלעכע שפּילן. באַליבט איז געווען דער ספּעציעל צוגעטראַכטער צו די באַדינגונגען פֿון פּלאַץ „פֿוטבאָל־טעניס". צו פֿאַרמעסטונגען פֿון די ספּאָרט־מאַנשאַפֿטן פֿלעגן זיך צוקוקן טויזנטער מענטשן און זייערע התלהבותדיקע געשרייען פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערטראָגן איבערן געטאָ און ווייט אויסער אים.

ספּאָרט — זייער אַ גוטע זאַך! אפֿילו אין געטאָ! צוליב וואָס? צוגרייטן צום קאַמף? פֿאַרטיידיקן דאָס לעבן? דעם הימל איבערן קאָפּ? די ערד אונטער די פֿיס, וואָס מען וויל זי ביי זיי צונעמען?

ניין! גאָט באַהיט. אָט איז אַן אָפֿיציעלע דערקלערונג אין דעם יודענראַט־ביולעטין:

„מיר אָנערקענען נישט דעם קולט פֿון פֿיזישן כוח. מיר ווילן זיין געזונט, און היגיענע און סאַניטאַריע פֿאַרנעמען ביי אונדז אַ חשוב אָרט. אָבער דער פֿיזישער כוח ווי אַזעלכער, די ווילדע מוסקולאַרע מאַטעריע — פֿאַר זיי האָבן מיר קיין שום דרך־ארץ נישט, מיר האָבן צו זיי קיין צוטרוי נישט און מיר האַלטן גאָר ווייניק פֿון זייערע צופֿעליקע אויפֿטוען".

יונגע מענטשן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט, יונגע מענטשן, וואָס אין יעדן מאָמענט קאָנען זיי שוצלאָז אומגעבראַכט ווערן אויף פֿאַנאַר! וואָס פֿאַר אַ זין האָט ספּאָרט ערב דעם מאַסן־קבר; נאָכדעם ווי פֿופֿציק טויזנט ווילנער יידן האָט שוין דער קבר איינגעשלונגען און צוגעדעקט. דער זין? אָט האָט איר אים:

„עס איז איבעריק צו זאָגן ווי שטאַרק אַזאַ ספּאָרט איז נייטיק פֿאַר אונדז און די באַדינגונגען פֿון געטאָ. ער דאַרף אונדז שאַפֿן דעם חלום פֿון פֿרייער באַוועגונג".

און ווי דער ספּאָרט, אַזוי האָבן אַנדערע צענדליקער קולטור־צווייגן (טעאַטערס, קאָנצערטן, כאָרן, וויסנשאַפט־קרייזן) געדאַרפט טאָן איינס: שאַפן *די אילוזיע פון לעבן*. קולטור ווי אַ נאַרקאָטיק אַרויסצורופן אָנגענעמע האַלוצינאַציעס, קולטור ווי אַ פאַרשיכורונגס־מיטל. און ווייל די קולטור איז געווען *קעגן ווידערשטאַנד*, האָט מען נישט געדאַרפט לחלוטין מורא האָבן, אַז די געשרייען פון די ספּאָרט־ליבהאָבער זאָלן דערהערט ווערן מחוץ די ווענט פון געטאָ. דאָס איז דאָך נישט געווען קיין אויסגעשריי צום קאַמף.

נישט זאַמלען די פאָלקס־ענערגיע האָבן געשטרעבט די אידעאָלאָגן פון יודענראַטלערישער קולטור, נאָר אויסלאָדן זי אין פוסטן.

אָבער דאָס בילד פון סטראַשון־גאַס 6 איז דערמיט נישט פאַרענדיקט. אונטערן ספּאָרט־פּלאַץ האָבן זיך געפונען טיפע קעלערס. איין אַריין־ און אַרויסגאַנג האָבן זיי געהאַט. דער פאַרוואַלטער פון באָד, איציק וויטענבערג — דער אָנפירער פון פ.פ.א. — האָט געהאַט אַ געהיימען צודעק אין דיל. ווען מען פלעגט עפענען דעם צודעק האָט אַ לאַנגער לייטער געפירט צו דער פינצטערניש פון די גרויסע קעלערס אונטערן ספּאָרט־פּלאַץ. דאָ אין דער אונטערערד פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן געהיימע פאַרזאַמלונגען, דאָ האָבן פ.פ.א.־מיטגלידער געאיבט זיך אין קאַלט און הייס געווער, געלערנט זיך שיסן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן און דעם כבוד פון דער בליענדיקער יוגנט אויבן אין דער הויך, וואָס האָט איבער זייערע קעפּ געגאָסן די פרייד פון אַ חלום, וועלכער האָט זיך געדאַרפט פּלוצעם איבעררייסן אויף פּאָנאַר. זיי, אין אונטערערד, האָבן נישט געוואָלט די אילוזיע פון לעבן, זיי האָבן געוואָלט דעם *קאַמף* פאַרן לעבן, זיי האָבן געוואָלט *לעבן* פאַרן קאַמף.

און אויב די העלדן פון דער ווילנער אונטערערד האָבן געמאַכט טעותים איז זייער עיקרדיקער פעלער געווען דאָס, וואָס גרייטנדיק זיך צום לעצטן קאַמף, צום טראַגישן געראַנגל מיט געוואַלדיקע כוחות פון שונא, האָבן זיי נישט דעמאַסקירט די קולטור־אילוזיע, וואָס איז ווי אַ ווייררויך־נעפּל געהאָנגען איבער די קעפּ פון די געטאָ־איינוווינער. דווקא פאַר ווילנע מיט אירע גרויסע קולטור־טראַדיציעס, איז דער קולטור־פאַנאַנדערבוי אין די געטאָ־קאַזשמאַטן, אין דער געטאָ־תפיסה געווען אַ סכנה. ווייל דאָ איז געווען די *מאַסע*, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרשיכורן מיט דער אילוזיע פון קולטור־בויונג, ווייל דאָ איז דער באָדן געווען צו־

געפּאַסט דערצו, די גייסטיקע ענערגיע זאָל אָנשטאָט אין קאַמף — דירעקטן און אומדירעקטן — אויסגעלאָדן ווערן אין קולטור=חלומות.

קיין ספק נישט, די אינטענסיווע קולטור=טעטיקייט אין געטאָ האָט לייכטער און אינטערעסאַנטער געמאַכט דאָס לעבן. זי האָט געהעכערט דעם לעבנס=אימפּולס ביי מענטשן, וואָס וואָלטן אָן איר אפשר איינגעזונקען אין שוואַרצער מרה=שחורה, אין אויסזיכטלאָזער שוואַרצער רעזיגנאַציע. אין דער ערשטער ריי איז עס ריכטיק בנוגע דער אינטעליגענץ. וואָלט עס געווען אין אַן אַנדער עפּאָכע, ווען די קולטור=אַרבעט וואָלט געדאַרפט העלפן דורכהאַלטן די נאַכט ביזן אָנקום פון פרימאָרגן — וואָלט זי געווען פולשטענדיק באַרעכטיקט, וואָרום מיט דער הילף פון אַ פאַרצווייגטער קולטור=טעטיקייט איז אויך לייכטער געווען צו שאַפן די מוסטערהאַפטע אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין ווילנער געטאָ — אַ זאַך וואָס וואָלט נישט געקאָנט דערגרייכט ווערן נאָר מיטן צוואַנגס=אַפּאַראַט — דער יידישער פּאָליציי. אין דער שוואַרצער היטלער=תקופה איז אָבער נישט געווען קיין פּערספּעקטיוו פון קאָלעקטיווער רעטונג, פון דורכהאַלטן, אויסדויערן. אויסראָטן און פאַרטיליקן איז געווען דער פּראָגראַם פון שונא און ער איז אָן קיין שום איינזעעניש דורכגעפירט געוואָרן קאָנסעקווענט. אין די האָזיקע באַדינגונגען איז יעדע טעטיקייט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו שטערן, אָפּשוואַכן, האַמעווען, אָפּווענדן פון מאַסעווען ווידערשטאַנד, געווען נישט נאָר אַ טעות, אַ פעלער, נאָר אַ פאַרברעכן.

די אָפיציעלע קולטור=אידעאָלאָגיע איז געגאַנגען האַנט=ביי=האַנט מיט אַ פּאָליטיק פון פאַרדינען זיך מאַכן דעם שונא, זי איז געווען אָפן און צילגעווענדט קעגן יעדן מין ווידערשטאַנד דעם אָקופּאַנט, איז געווען אַ באַוווסטזיניקע דיווערסיע קעגן די אַקטיווע קעמפערישע כוחות אין געטאָ, אַ דיווערסיע, אַ טייוואָליש פאַרמאַסקירטע, אָפּנאַרערישע, אַן אָנגעטוענע אין כלומרשט גוטע כוונות און ברייטהאַרציקייט לגבי דער שעפערישער אינטעליגענץ.

דער נס פון דער קולטור אין ווילנער געטאָ איז מעגלעך געווען נאָר דערפאַר, וואָס דאָ האָבן מיר געהאַט אַ קלאַסישע אייניקייט פון סתירות, אַ דיאַלעקטישע אייניקייט. אין דער צייט ווען די מאַסן, אַריינציענדיק זיך אין דער קולטור=אַרבעט, האָבן געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון היגערפלעט און טאָן אַ זאַך צוליב וואָס ס'איז כדאי צו לעבן, וואָרום זי פאַרשטע=

נערט האָט, האָבן די רעדלפֿירער אויסגענוצט די דאָזיקע נאַטירלעכע שטרעבונג פֿון אַן אַלטן קולטור=ציבור אין די אינטערעסן פֿון זייער פּאָליטיק, וואָס האָט אויס פּחדנות, באַוווסטזיניק געצילט צו מיטאַרבעט מיטן שונא און איז געווען אָפּנאַרעריי לגבי די ברייטע פֿאָלקס=מאַסן.

די ווידערשטאַנד=באַוועגונג אין ווילנער געטאָ האָט געהאַט אַ נייטראַליסטישע באַציִונג צו דער קולטור=אַרבעט, נישט געשטעלט זיך פֿאַר אַ ציל זי צו באַהערשן, זי פֿאַרבינדן מיט זיך. אויפֿן קולטור=פֿראָנט איז אָנגעגאַנגען אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט, די קולטור איז כמעט אויסגעשלאָסן געוואָרן ווי אַן אַרענע פֿון קאַמף. די דאָזיקע נייטראַלע זאָנע האָט אָבער נישט געקאָנט שפּילן קיין נייטראַלע ראָל. אין דער צייט, ווען זי איז נישט אויסגענוצט געוואָרן דורך דער ווידערשטאַנד=באַוועגונג, האָט זי פֿאַרלוירן איר פּאָטענציעלע מאָביליזירנדיקע אויפֿווירקונגס=קראַפֿט. פֿאַרנעמענדיק אויסערלעך די פּאָזיציע פֿון קולטור אָן ווידערשטאַנד, איז זי פֿאַקטיש פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטור קעגן ווידערשטאַנד, וואָרום די אָפֿיציעלע אידעאָלאָגן פֿון קולטור=אַרבעט, ווי אַ ריין גייסטיקער אָפּווער=מיטל, זענען מיט ביידע פֿיס געשטאַנען אויפֿן באָדן פֿון קאַמף קעגן ווידערשטאַנד און אַקצעפּטירט די אידעאָלאָגיע פֿון סאָלידאַר אונטערוואַרפֿן זיך אַלע פֿאַראָרדענונגען פֿון דעם „יידן=עלטסטן“, וואָס האָט נאָר אויסגעפֿירט די באַפֿעלן פֿון דער אָקופּאַציע=מאַכט.

אילוזיעס זענען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אָבער דערמיט הערן זיי נישט אויף צו זיין גלייכצייטיק שעדלעך. דער אָקופּאַנט האָט אַזוי לאַנג, ווי ס'איז אים נויטיק געווען, געשפּייזט דאָס ווילנער געטאָ מיט אילוזיעס, ווייל ער האָט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, אַז אילוזיעס פֿאַרפֿירן די פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס רייסט זיך צום קאַמף.

צו דער דאָזיקער איבערצייגונג בין איך געקומען אויפֿן סמך פֿון פֿאָרשן די קולטור=אַרבעט אין ווילנער געטאָ. ווערנדיק פֿאַרכאַפּט פֿון קאָלאָסאַלן מאַסשטאַב און זעלטענער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פֿאַרצווייגטער קולטור=טעטיקייט, האָב איך פֿונדעסטוועגן נישט געקאָנט נישט באַמערקן די צווייטע זייט, וואָס רופֿט אַרויס פֿאַרביטערונג און טרויער.

וואָס פֿאַר אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג דער דאָזיקער מאַסיווער קולטור=פֿאַרמעסט וואָלט געהאַט, ווען ער וואָלט געווען אָרגאַניש איינגעשלאָסן אין דער ווידערשטאַנד=באַוועגונג קעגן די מערדער פֿון אונדזער פֿאָלק!

אָפּגעריסן פֿון ווידערשטאַנד, בלייבנדיק אין דער ספֿערע פֿון אילוזיעס, איז דער דאָזיקער פֿאַרמעסט געבליבן אָן אַן עכאָ.

איבערגעבליבן איז דאָס באַגייסטערטע ליד פון יונגן פּאַרטיזאַנער הירש גליק, וועלכער האָט באַוואָפנט זיין אָרגאַניזאַציע מיטן גליענדיקן, פּאָעטישן קאַמפס־וואָרט. די שורות פונעם ליד צינדן אָן די הערצער, קלינגען איבער שטעט און לענדער, דערמאָנען אונדז אין די, וואָס האָבן מיט זייער מוטיקן העלדישן קאַמף זיך געשטעלט אַ דענקמאָל אויף אַלע אייביקייטן.

ב. אָביעקטיוו און סוביעקטיוו

אין ווילנער געטאָ זענען טעטיק געווען פאָלגנדיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און הערציערישע אַנשטאַלטן: עלעמענטאַר־שולן, אַ טעכנישע שול, קינדער־גערטנער, אַ קינדערהיים, אַ מיטלשול, אַ ישיבה קטנה, אַ ישיבה גדולה, פאַרשידענע פאַך־קורסן, אַ מוזיק־שול, אַ ביבליאָטעק, אַ לייענזאַל, אַ מוזיי, אַ טעאַטער, קליינקונסט־בינע, קאַפע־קאַבאַרעט, כאָרן — אַ יידישער און העברעישער, אַ קינדער־קלוב, אַ יוגנט־קלוב, אַ ספּאָרט־קלוב, אַ פאַראייניקונג פון שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן, אַ פאַראייניקונג פון לערער, אַ פאַראייניקונג פון דאָקטוירים, אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטס־קרייזן, אַ סיסטעמאַטישע אַרבעטער־אוידיטאָריע; ס'איז אַרויס אַ וועכנטלעכער בולעטין (אין שרייבמאַשין־קאָפּיעס) „געטאָ־ידיעות“; רעגולער זענען דורכגעפירט געוואָרן אין געטאָ פאָרלייענישן פון אַ מעדיצינישער צייטשריפט „פאָלקס־געזונט“, ס'זענען אויסגעטיילט געוואָרן פרעמיעס אויף אַ ריי קונסט־געביטן (ליטעראַטור, פּלאַסטיק, מוזיק). מ'האָט געזאָרגט וועגן אַ שרייבערישן „נאָכוווקס“, קינסטלערישן „נאָכוווקס“, מוזיקאַלישן „נאָכוווקס“ א.אַ.וו. דאָ האָט מען געפייערט יום־טובים, אָפּגעמערקט שלושים און יאָרצייטן, דורכגעפירט טיי־אָוונטן, שאַך־טורנירן, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, דאָ זענען געהאַלטן געוואָרן זייער פיל לעקציעס.

דער „רואיקער“ פעריאָד אין ווילנער געטאָ האָט זיך געצויגן לפי־ערך פון יאַנואַר 1942 ביז פרילינג 1943. צו יאַנואַר 1942 זענען אין ווילנער געטאָ איבערגעבליבן לעגאַלע און נישט לעגאַלע איינוווינער אַרום 20.000 (40—45 טויזנט זענען שוין געווען אויסגעמאָרדעט במשך פון 2־טן האַלביאָר 1941). די ענגשאַפט אין געטאָ איז געווען אין לשער. מען איז געשלאָפן אויף נאַרעס, בענק, טישן און אויף דער פּאָדלאָגע (לויט אינווענטאַר פון 1943 איז צו זען, אַז אינגאַנצן זענען געווען אין געטאָ 2.000 פאַרשידענע בעטן). אין אַזאַ ענגשאַפט קאָן מען זיך פאָר־

שטעלן די „גוטשכנהשע“ באַציונגען, וואָס האָבן דאָ געהערשט. די מענטשן זענען געווען אבֵלים — מ׳האָט אַרויסגעריסן פֿון זיי די נאָענטע, פֿרײַנד און באַקאַנטע. די נערוון זענען געווען אויפֿגעשרויפֿט, דער מאָגן — אומזיכער. מען איז געווען פֿאַרהאָרעוועט און אויסגעשעפּט. דער טאָג איז הויך אין פֿראַצע פֿאַרלאָפֿן אין געיעג נאָך אַ שטיקל ברויט, נאָך אַ קילאָ קאַרטאָפֿל, נאָך אַ ביסל גרויפּן.

ווי קאָן עס געמאָלט זײַן, אַז די דאָזיקע מענטשן איז אין קאָפּ געלעגן קולטור? ווי קומט עס? מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

אויף די פֿראַגן וועלן מיר אין דער האָזיקער אַרבעט געוויס נישט ענטפֿערן. זיי פֿאָדערן ברייטע גרונטיקע סטודיעס. נישט ווייניק אַרבעט איז דאָ פֿאַראַן פֿאַר פּסיכאָלאָגן און ווער ווייס, צי אויך זיי וועלן זיך ספּראַווען.

איין פֿראַגע קאָן אָבער אָן ספֿק פֿאַרענטפֿערט ווערן. די פֿראַגע איז: צי איז די האָזיקע ברייט־פֿאַרצווײַגטע קולטור־אַרבעט געפֿירט געוואָרן אומלעגאַל, ווי מאַנכע שרײַבער וועגן ווילנער געטאָ ווילן סוגערירן? נאָך קלאָרער: האָט די אָקופּאַציע־מאַכט נישט געוווּסט פֿון דער דאָזיקער טעטיקייט?

דער ענטפֿער: אין די באַדינגונגען פֿון געטאָ האָט אַזאַ אַרבעט נישט געקאָנט געפֿירט ווערן אומלעגאַל. פֿאָרמעל — אפֿשר יאָ, פּראַקטיש — קאַטעגאָריש ניין. די דײַטשן האָבן געוווּסט. געוווּסט און נישט געשטערט, טאָלערירט. מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

מיר וועלן זיך נישט פֿאַררופֿן אויף פֿאַקטן (כאָטש זיי זענען פֿאַראַן נישט ווייניק. דערמאָנען כאָטש האָס: הגם די קינדער פֿלעגן זיך — ווי עס שרײַבן בעלי־זכרונות — צעלויפֿן און נעלם ווערן, ווען מורער — דער אַדיוטאַנט פֿון געביטס־קאָמיסאַר הינגסט און דער ממונה איבערן געטאָ — פֿלעגט זיך באַווײַזן אין געטאָ, האָך איז פּעסטגעשטעלט, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט האָט דערלויבט אַרײַנצופֿירן אין געטאָ שול־בענק און שול־טאָוולען, וואָס זענען אין די ערשטע חדשים נישט געווען; ס׳זענען באַוווּסט באַזוכן פֿון דײַטשישע פּני אין געטאָ־טעאַטער). מיר וועלן זיך פֿאַררופֿן נאָר אויפֿן שכל הישר. די דײַטשן האָבן געפֿירט טעראָר־קאַמפּאַניעס קעגן אַרײַנפֿירן פּראָדוקטן אין געטאָ און פֿיל האָבן פֿאַר אַזאַ פֿרווו באַצאָלט מיטן לעבן. אָבער ס׳זענען נישט באַקאַנט קיין פֿאַלן, ווען זיי זאָלן האָבן אַקטיוו באַקעמפֿט די קולטור־אַרבעט אין געטאָ.

פון דעם דער אויספיר: זיי האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק. זיי האָבן אין דעם נישט אײַנגעזען קיין שטערונג פאַר זייערע פּלענער. און אפשר זענען זיי גאָר געווען פ אַ ר אי נ ט ע ר ע ס י ר ט אין דעם פאַנאַנדערוווּקס פון אַזאַ קולטור־אַרבעט? די פראַגע קאָן קלינגען פּאַראַדאָקסאַל און אומוואַרשײַנלעך.

צי איז דאָס אָבער טאַקע אַזוי אומוואַרשײַנלעך?

מיר וועלן ברענגען פאָלגנדיקע גבית־עדות פון אַ וואַרשעווער דאָקטאָר, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם ווילנער געטאָ און צום סוף געווען „אינטערנירט" אין אָשוויענטשים. דער דאָקטאָר, יחזקאל גליקסבערג, דערציילט, אַז אין לאַגער „C" אין אָשוויענטשים — איידער ס'זענען אָנגעקומען די טראַנספּאָרטן מיט אונגאַרישע ייִדן — האָבן זיך געפונען טויזנטער ייִדן פון טשעכיע. דער לאַגער האָט זיך גערופן „טשעכישער פאַמיליען־לאַגער". דאָרט זענען געווען פרויען, קינדער, עלטערע, געהאַט אייגענע דאָקטוירים און אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע, אַ שפּיטאָל, אפילו אַ ק י נ ד ע ר ה י י ם און אַ שול. זיי האָבן געהאַט גרויסע „פּריווילעגיעס", נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, געקראָגן פיל בעסערע באַפּלעגונג איידער אַנדערע לאַגערן. פאַר קראַנקע און קינדער איז געגעבן געוואָרן מילך, פּוטער, אייער און ווייס געבעקס. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען פון דער היים, פון טשעכיע, פּעקלעך, ווי אויך שרײַבן און באַקומען ענטפערס. דער נוסח פון די בריוו איז געווען אַן אײַנהייטלעכער, „אַז עס גייט זיי גוט" (דאָקומענט נר. 4084 פון יה"א, וואַרשע). האָן ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער טערמין פון אָנקום פון אונגאַרישע ייִדן, האָט מען זיי אָפּגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס...

אַ ש ו ל און מילך פאַר קינדער אין אָשוויענטשים! אין טויט־לאַגער! האָבן דען די טשעכישע ייִדן געקאָנט גלייבן, אַז מען מאַכט פאַר זיי אַ שול, מען היילט קראַנקע, מען גיט זיי פּוטער, זיי שרײַבן בריוו און אַלץ כדי אין איין טאָג אָפּגעפירט צו ווערן צו די אויוונס?! אָשוויענטשים! זיי האָבן געדאַרפט מיינען, גלייבן, אַז ז יי מיינט מען נישט. נישט פאַר זיי זענען די קרעמאַטאָריעס.

פּונקט אַזוי האָט מען אין דעם „רואיקן" פּעריאָד, און אפילו צווישן איין „אַקציע" און אַ צווייטער אין 1941, געדאַרפט אײַנשמועסן די נאָך לעבן געבליבענע ווילנער ייִדן, אַז מיט פאַנאַר מיינט מען עס נישט זיי, נאָר אַנדערע. אַ סימן — זיי אַרבעטן, זיי זענען נוצלעך, מען דערלויבט

זיי קולטור. וואָלטן זיי באַשטימט געווען פֿאַר פּאָגאַר — וואָלטן זיי דען געהאַרפֿט האָבן טעאַטערס?

די נאַציישע פֿאַרניכטונגס־מאַשין האָט געאַרבעט פּרעציז. די מערדערייען זענען געווען וויסנשאַפֿטלעך באַאַרבעט. זיי האָבן צו זייער באַוואָפֿענונג גענומען די פּסיכאָלאָגיע. זיי האָבן געוווּסט דעם כּוח פֿון דער ה אָ פֿ ע נ ו נ ג, וואָס ליגט איינגעוואָרצלט אין דער נשמה פֿון מענטשן און דערפֿאַר האָבן זיי געלאָזט די צום טויט־פֿאַרמשפּטע זיך שפּייזן מיט אילוזיעס. זיי זענען געווען פּראַאינטערעסירט אין פֿאָרסירן און אויפֿוועקן אַזוינע אילוזיעס. זיי האָבן נישט נאָר אָנגעוואָרפֿן באַדינגונגען, נאָר זיי האָבן זיך אויך צוגעפּאַסט צום געגעבענעם באָדן, צו דער מענטאַליטעט פֿון עטנישע גרופּן, אַבי האָס זאָל דינען זייער „ענדציל“ — דער „ענדגילטיקער לעזונג“ פֿון דער יידן־פֿראַגע. דאָס מיטל פֿון אָפּנאַרן איז געווען אַ גוט געווער אין דעם אַרסענאַל פֿון זייערע מעטאָדן.

דאָס ווילנער געטאָ איז געווען „גוט אָרגאַניזירט“. די אינגעוויניקסטע איינאָרדענונג האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן אויטאָקראַטישע דיקטאַטור. יעקב גענס איז געווען דער יודען־עלטעסטער און גלייכצייטיק שעף פֿון דער יידישער פּאָליציי. ער איז אונטערגעלעגן נאָר דעם געביטס־קאָמיסאַריאַט און באַרופֿן געווען אויסצופֿירן זיינע באַפֿעלן. ער האָט געהאַט אין זיינע הענט דעם צוואַנגס־אַפּאַראַט — די יידישע פּאָליציי (וואָס איז כּסדר פֿאַרגרעסערט געוואָרן אין צאָל), דעם אַדמיניסטראַטיוו־ווירטשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט — דעם יודענראַט, און צוגלייך אַן אַפּאַראַט פֿאַר אידעאָלאָגישער און קולטור־באַווירקונג.

מען טאָר אָבער צו דעם גאַנצן פּראָבלעם נישט צוגיין צו שמאָל. מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז דער אָביעקטיווער ווערט פֿון געוויסע דערשיינונגען פֿאַלט זיך נישט דווקא צונויף מיט די סוביעקטיווע כּוונות. מען דאַרף נישט אָננעמען, אַז די אַנטשטייונג פֿון אַזויפֿיל קולטור־מוסדות אין ווילנער געטאָ איז לכתחילה געווען אַ באַוווּסטזיניקע דיווערסיע פֿון יודענראַט, אָדער אַז זיי זענען אויפֿגעקומען אויפֿן דירעקטן באַפֿעל פֿון דער אָקופּאַציע־מאַכט (כאָטש דאָס טעאַטער איז, וואַרשיינלעך, אַנטשטאַנען נישט אָן אַ פֿריערדיקן צונויפֿרייד מיט די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פֿון דער אָקופּאַציע־מאַכט), נאָר להיפּוך — פֿון אָנהייב איז די איניציאַטיוו געקומען פֿון אינעווייניק, אָבער די אָקופּאַציע־מאַכט האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף עס נישט שטערן, נאָר אדרבא שטילשווייגנדיק באַוויליקן, וואָרום די האָזיקע איניציאַטיוו קאָן שפּילן אַ'ן

דער לעצטער שורה די ראָל פֿון דעם דונער=אַפּליטער צו איר גונסטן. די פּראַקטיק פֿון צוויי יאָר ווילנער געטאָ האָט עס דערוויזן. גענס האָט געקראָגן אַ גרויסן אויטאָריטעט אין געטאָ אויך מיט דער הילף פֿון דער ברייט=פֿאַרצווייגטער קולטור=אַרבעט, דורך צוציען אויף זיין זייט אַ טייל פֿון דער אינטעליגענץ. און ס'וואָלט געווען נאַיוו צו מיינען, אַז דער אָקופּאַציע=מאַכט איז גישט געגאַנגען אין שטאַרקן דעם אויטאָריטעט און אָנזען פֿון גענסן אין געטאָ.

סובּיעקטיוו איז פֿאַראַן טראַגישער העראָיזם אין דעם, ווי באַדייטנדיקע גרופּעס מענטשן האָבן זיך איינגעצויגן אין דער קולטור=אַרבעט, ווי זיי וואָלטן וועלן אויפֿן שטייענדיגעם באָדן פֿון דער געטאָ=תּפֿיסה איבערפּלאַנצן זייער גרויסן קולטור=פֿאַרמעגן און אויף אַזאַ אופֿן זיך גייסטיק אַרויסרייסן פֿונעם מצב, אין וועלכן דער שונא האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן. אָבער דאָס מינערט נישט די אָפּשאַצונג, אַז די קולטור=באַוועגונג, וועמענס אידעאָלאָגן זענען געווען קעגן אַקטיוון פֿיזישן ווידערשטאַנד, האָט אָביעקטיוו פֿאַרשפּרייט אָפּיום, אַ חלום=רויך, וואָס איז געווען שעדלעך, וואָרום זי האָט אויפֿגעהאַלטן און געשפּייזט די אילוזיע, אַז מען קאָן בלויז אַדאַנק פּאַסיוון צופּאַסן זיך דורכהאַלטן, און נאָכמער — גערופֿן אָפּצוהיטן די קאָלעקטיווע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אָנגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון אויסן.

אַ גרויסער פּראָצענט פֿון קולטור=אַרבעט איז געווען. גרויסע גרופּעס מענטשן זענען אין אים איינגעצויגן געוואָרן — קאָן באַרעכטיקט זיין דעריבער די פֿראַגע: און ווי איז געווען מיט איכות, מיט קוואַליטעט? האָט דער דאָזיקער קולטור=דראַנג געבראַכט שעפֿערישע אויפֿטוען, וואָס זאָלן אָנטשפּרעכן דער טראַגישער שעה, דער היסטאָרישער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿונעם מאָמענט? האָט די גייסטיקע ענערגיע פֿון אַ צום=טויט=פֿאַרמשפּטן אַלטן קולטור=קיבוץ אַ שלאָג געטאָן אין דער הייך? צי קאָן ווער פּאָזיטיוו ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער פֿראַגע? ז. קאַלמאַנאָוויטש, דער אידעאָלאָג פֿון דער קולטור=אַרבעט אַלס „גייסטיקער ווידערשטאַנד“, ענטפֿערט בפֿועל ממש נעגאַטיוו. אָט וואָס ער שרייבט אין זיין טאָגבוך: „מען איז נאָך ממשיך די סובּסידיעס פֿאַר שרייבער. מען ליינט פֿאַר שמאַטעס. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. נישטאָ דאָ קיין שאַפֿערס“ (ייוואָ=בלעטער, ב. 35, ז. 58). הייסט עס, אַז דער קולטור=פּראָצעס איז געגאַנגען אין אַ האָריזאָנטאַלער ריכטונג — אין דער ברייט, און נישט אין דער ווערטיקאַלער — אין דער טיף. נישט געקוקט אויף

די באַמיונגען (פּרעמיעס, אונטערשטיצונג) האָט מען זיך נישט דערשלאָגן צו קוואַליטאַטיווע ווערטן. מיר שטעלן פעסט: קיין אמתע גייסטיקע ווי=רונג איז אין געטאָ נישט געווען.

גרויסע גרופּעס זענען געגאַנגען אויף קולטור=אימפּרעזעס, כדי צו אַנטלויפן פון זיך, געזוכט פאַרגעסונג, אָפּרו, יום=טוב. דאָס איז געווען אַן אַנטלויפן אויף אַ ווייל, אויף אַ שעה, כדי זיך אָפּצורייסן פון די גע=דאַנקען — פינצטערע, מרה=שחורהדיקע — וואָס דער גורל וועט ברענ=גען מאָרגן. מ׳האָט אַזוי געוואָלט גלויבן אין אַ נס, מ׳האָט אַזוי געדאַרפט דעם נס, אַז יעדע פאָרם פון טרייסט און האָפענונג איז גיריק אויפגענומען געוואָרן. מ׳האָט גענומען גלויבן, ווייל מ׳האָט געוואָלט גלויבן. דער קאָנפליקט צווישן פאָרגעפיל פון אומקום און דער אילוזיע פון רעטונג איז אָנגעגאַנגען טאָג=טעג=לעך, סיי ביים יחיד, סיי ביים כלל, אָבער דאָס טאָג=לעבן האָט געדאַרפט די האָפענונג. דערפאַר, מיין איך, איז טאַקע מעגלעך געווען די קולטור=אַרבעט.

„מיר זוכן נישט קיין עצבות און טוען אַלץ די עצבות צו פאַריאָגן. צוליב דעם צוועק האָבן מיר אונדזער טעאַטער, אונדזער אָרקעסטער און כאָרן געשאַפן. מיר ווילן שטאַרקן דעם לעבנס=ווילן. אָבער מיר ווילן נישט קולטיווירן קיין לייכטזין און הפקרות“. — אַזוי האָבן געשריבן די „גע=טאָ=ידיעות“.

ג. פאַרוואָס און וואָס האָט מען געלייענט?

איינע פון די ערשטע קולטור־מוסדות אין געטאָ איז געווען די ביבליאָטעק. דעם 8־טן סעפּטעמבער 1941, ד. ה. אויפן דריטן טאָג נאָכן אַריינטרייבן די ווילנער ייִדן אין געטאָ, איז די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה", וואָס האָט זיך געפונען אין גבול פון געטאָ „פאַרכאַפּט געוואָרן" — לויטן אויסדרוק פון אַ באַריכט־אָפּגעבער — דורך אַן איניציאַטיוו־גרופּע.

די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה" האָט ביזן קריג געציילט 45.000 בענדער (אין ייִדיש, פּויליש, העברעיש, רוסיש, דײַטש, פראַנצויזיש, ענגליש און ליטוויש), חוץ אַן אַרכיוו פון 20.000 פּובליקאַטן. ביזן אַריינטרייבן אין געטאָ האָט די ביבליאָטעק פאַרלוירן ביי אַ 20 פּראָצענט פון איר ביכער־פאָנד — ביי אַ 9.000 ביכער. פון דעם פריערדיקן ביבליאָטעק־פּערסאָנאַל איז שוין קיינער נישט געווען ביים לעבן. די „איניציאַטיוו־גרופּע" איז באַשטאַנען פון נייע מענטשן.

„די איניציאַטיוו צו פאַרוואַנדלען די „מפיצי השכלה"־ביבליאָטעק אין אַ געטאָ־ביבליאָטעק — האָט געשריבן אַ באַריכט־אָפּגעבער, וואַרשיינלעך, הערמאַן קרוק — האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ ווילן צו ראַטעווען די ביבליאָטעק ווי אַן אידעע. ביכער זאָלן געלייענט ווערן אין געטאָ, ווען דעם האָט, דוכט זיך ווייניק־ווער געקאָנט גלויבן".

דער נס איז אָבער געשען. לייענער האָבן זיך באַלד געפונען. און זייער צאָל איז אָנגעוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

דעם 15־טן סעפּטעמבער איז די ביבליאָטעק געעפנט געוואָרן ווי אַן עפנטלעכע אינסטיטוציע. וואָס איז פאָרגעקומען ווייטער זאָלן דערציילן די עדות, די זעלבע, וואָס האָבן די ביבליאָטעק געשאַפן און מיט איר אָנגעפירט. דער באַריכט, פון וועלכן מיר ציטירן, איז אָנגעשריבן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1942, ווען ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן אַ יאָר געטאָ־ביבליאָטעק:

„ווי דורשטיקע לעמער האָבן זיך די נייע געטאָ=בירגער (געטאָ=בירגער! — ש. ב.) אַ וואָרף געטאָן אויפן בוך. אַפילו די שווידערלעכע געשעענישן האָבן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן נישט בלויז די קינדער, נאָר אויך אַ גרויסן טייל פון דערוואַקסענעם לייענער=עלעמענט. אין בוך האָט מען געפונען זוכן אַ נאַרקאָטיק, אַ פאַרשיכורונגס=מיטל אויף צו פאַרגעסן זיך“.

„...אַלץ ליגט אויף דער פּאָדלאָגע, אָן אַ טיש, אָן אַ שטול. די שטוב איז אַ קנויל, פונדעסטוועגן ליגט מען איינגעקאָרטשעט אין דרייען אויף די מאָגערע פּעקלעך און מען זייגט דעם נאַרקאָטיק — דאָס בוך“. „דאָס בוך האָט פאַרטראָגן איבער די געטאָ=מויערן צו דער וועלט. דער געטאָ=לייענער פלעגט אויף אַזאַ אופן זיך אָפּרייסן פון דער דריקנדיקער איינזאַמקייט און אין רעיון זיך צוריק באַהעפטן מיטן לעבן, מיט דער צוגערויבטער פרייהייט“.

„דעם ערשטן אָקטאָבער, יום=כּיפּור (1941) האָט מען אין פאַרשידענע ערטער (פון בתי=מדרשים — ש. ב.) אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ ביי 3.000 מענטשן און שוין דעם 2=טן אָקטאָבער זענען אין ביבליאָטעק געשטאַנען ריזן=רייען און געוואַרט אויף אַ בוך. אין זעלבן טאָג ווערט טאַקע געטוישט אין ביבליאָטעק 390 ביכער, דעם 3=טן און 4=טן אָקטאָבער האָט מען מאַסן מענטשן אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ 2 (יידישע גאַס, גלעזער=גאַס, יאַטקעווער, גאון=גאַס — ש. ב.), די געשפּאַנטקייט אין געטאָ 1 איז געווען נישט צו באַשרייבן, אָבער שוין דעם 5=טן ווערן געטוישט נישט ווייניקער ווי 421 ביכער. דעם 24=טן (אָקטאָבער — ש. ב.) קומט פאָר די אַקציע פון געלע שיינען. דעם 26=טן טוישט מען ווידער ווי קיינמאָל גאָרנישט. קוים דעם 6=טן (נאָוועמבער — ש. ב.) קומט מען צוריק פון געטאָ 2 אין געטאָ 1 (פון 3=טן ביזן 6=טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען די צווייטע אַקציע פון „געלע שיינען“. אַלע באַזיצער פון געלע שיינען און זייערע משפּחה=מיטגלידער, וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט „ראָזע שיי=

נען“ זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ אָדער אויף די אַרבעטס־פּלעצער אין שטאָט אָדער אין דעם ליקווי־דירטן געטאָ 2, וועמענס באַפעלקערונג איז אויסגעהרגעט געוואָרן דעם 28־טן אָקטאָבער 1941. אַלע איבערגעבליבע־נע אין געטאָ 1 זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף פּאָנאַר און דערשאָסן געוואָרן — ש. ב.), טרעפנדיק חוץ דעם אַלגעמיינעם חורבן אויפגעריסענע טירן און צערויבטע שטוב־זאַכן, און שוין דעם 9־טן טוישט די ביבליאָטעק 381 ביכער. אַזוי „אַקציע“ צו „אַקציע“, „רייניקונג“ צו „רייניקונג“.

דעם ענטפער, פאַרוואָס האָט מען געלייענט? — געפינען מיר שוין אין ציטירטן באַריכט: נאַרקאָטיק, אָפּיום. אָבער נישט ווייניקער אינטע־רעסאַנט איז די פראַגע: וואָס האָט מען געלייענט? דעם ענטפער נעמען מיר פון זעלבן מקור:

„לייענער, אין דער ערשטער ריי פרויען, וואַרפן זיך אויף לייכטער לעקטור, קרימינאַליסטיק, האַלבע שונד. אַזוי האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט. דער בעסערער בוך איז אַ זעלטנהייט. בכלל אָבער איז אינגאַנצן נישטאָ קיין נאָכ־פרעג אויף אַזעלכע אויטאָרן, ווי פלאָבער, גאָרקי און אַנדערע“.

אויך דער אינטעליגענטער לייענער איז דאַן כמעט דורכאויס אַן אָפּנעמער פון ביליקער און שונד־ליטעראַטור.

צווישן די דאָקומענטן איבערגעבליבענע פון געטאָ האָבן מיר געפו־נען אַ קליין שטיקל פּאַפּיר אַ פאַרשריבנס מיט אַ בלייפעדער. דאָס האָט אַ ביבליאָטעקאַר (נישט קרוק, זיין האַנטשריפט האָבן מיר גוט געקענט) פאַרצייכנט פאַר זיך:

„אָפטמאָל דוכט זיך דעם געטאָ־ביבליאָטעקאַר, אַז ער איז אַ צושטעלער פון נאַרקאָטיק, אַזוי בולט איז דער מאָמענט נישט פון לייענען, נאָר פון פאַרשיכורן זיך. ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס אין שווערע טעג לייענען זיי אָן אויפהער און חוקא קרימינעלע שונד־ראָמאַנען. ס'זענען דאָ אינטע־ליגענטע לעזער, וואָס נעמען נישט קיין אַנדער בוך, ווי די קרימינעלע ראָמאַנען, אָפטמאָל פון ערגסטן סאָרט“.

מ'וואָלט געקאָנט ברענגען באַשטעטיקונגען פאַר די האָזיקע ווערטער אויך פון אַנדערע מקורות. מיר וועלן זיך אָבער באַגרענעצן מיט אַ ציטאַט פון די זכרונות פון אַלעקסאַנדראַ סאָלאָווייטשיק, אַן אינטעליגענטע וואַרשעווער פרוי, אַ טאָכטער פון אַ באַרימטן מעדיצינער. אָט וואָס זי דערציילט וועגן דער פונקציע פון לייענען נאָך אין דער צייט ערב־געטאָ אין ווילנע, ווו זי האָט זיך געפונען אין די ערשטע וואָכן אָקופּאַציע:

„איך ליג אויף דער קאַנאַפּע און לייען ביז טעמפּ ווערן קרימינעלע ראָמאַנען. איצט ווען אַ פּאַפּיראָס איז אייך שווער צו קריגן, זענען די ביכלעך ביי מיר אַ נאַרקאָטיק. נאָכן איבערלייענען דריי אַזעלכע ביכער איז מיר דער קאָפּ פאַרשטאָפּט, אַז איך פאַרגעס וועגן דער וועלט אַרום מיר. און דאָס איז דאָס גאַנצע גליק. איך פּרוּוו לייענען ערנסטע ביכער, אָבער איך קען די געדאַנקען נישט צונויפנעמען. צו צען מאָל לייען איך איין זייטל און ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס דאָרטן שטייט“.

(ייוואָ־בלעטער, ב. 30, 1947).

אין „רואיקן“ פּעריאָד האָט זיך דער מצב אַ ביסל געענדערט. לעקטאָרן, לערער, שרייבער, פאָרשער האָבן געמוזט אָנקומען צום ערנסטן בוך פאַר זייער אַרבעט. ביים אינטעליגענטן לייענער האָט דאַן, ווי ס'האָט געוויזן די סטאַטיסטיק, געהאַט גרויס אָפּגאַנג טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום“, וואָס איז געלייענט געוואָרן 6 מאָל מער ווי פאַרן קריג. אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָט זיך זייער גענומען אינטערעסירן מיט יידישער געשיכטע, באַזונדערס מיטן מיטלאַלטער, מיט דער געשיכטע פון די קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס. אויך די בעלעטריסטיק אויף היסטאָרישע טעמעס האָט געהאַט אַ גרויסן נאָכפרעג. שלום אַשס „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע“, „קידוש השם“, זאַנגווילס „די טרוימער פון געטאָ“ זענען געגאַנגען אויפן ערשטן אָרט.

אין די ערשטע צוויי וואָכן געטאָ־ביבליאָטעק האָבן זיך פאַרשריבן 1.492 לייענער. אין חודש אָקטאָבער (אַ צייט־אָפּשניט פון כבדדיקע „אַקציעס“, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט פיל טויזנטער לעבנס) זענען געטויישט געוואָרן 7.806 ביכער. פאַרן ערשטן יאָר געטאָ זענען אין ביבליאָטעק איבערגעלייענט געוואָרן 88.697 ביכער (פון 1־טן אָקטאָבער 1941 ביזן 1־טן אָקטאָבער 1942). די האָזיקע ציפערן נעמען פאַקטיש אַרום נאָר 16

חדשים, וואָרום כמעט צוויי שווערע ווינטער־חדשים — פון 19־טן דע־צעמבער 1941 ביזן 9־טן פעברואר 1942 — איז די ביבליאָטעק געווען געשלאָסן.

אָנהייב דעצעמבער 1942 איז שוין אין דער געטאָ־ביבליאָטעק געווען איבערגעלייענט 100.000 ביכער. דער דאָזיקער נס איז אָפּגעמערקט גע־וואָרן דורך אַ גרויסער פייערונג אין געטאָ־טעאַטער. אין שייכות מיטן דאָזיקן יום־טוב האָבן די „געטאָ־ידיעות“ געשריבן:

„...אָבער ווי מען זאָל נישט זיין צופרידן מיט דער שטאַרקער גייסטיקער פאַראינטערעסירטקייט פון אונ־דזער געטאָ־עולם, פאַרלאַנגט דאָך דער אמת אָנצוווייזן אויפן פאַקט, אַז איבער 75 פּראָצ. פון די געלייענטע ביכער זענען פרעמדשפּראַכיקע און בלויז אַז ערך 17 פּראָצ. יידישע. ערשט אין דער לעצטער צייט מערקט זיך אַן אויפשטייג (ביז 24 פּראָצ.) אין לייענען יידישע ביכער, אָבער לײדער איז עס נאָר אויפן חשבון פון קינדער־ליטעראַטור. פרעמדע ליטעראַטורן קאָנען נאָר זיין אַ דערגאַנצונג צום לייענען, אָן שום ספק אַ זייער וויכטיקע דערגאַנצונג, ווייל מיר טאָרן זיך נישט איינ־שליסן אין אונדזערע ד׳ אמות, דאָס איז קלאָר, אָבער דער יסוד פון לייענען דאַרף ביי אונדז בילדן, ווי ביי יעדן פאָלק, נאָר די אייגענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור“.

אויב דער ערשטער יאָר־באַריכט רעדט וועגן „נס פון בוך“ איז דער באַריכט פאַרן צווייטן יאָר טרוקן און קורץ. און נישט קיין וואונדער. דער באַריכט איז אויפגעשטעלט געוואָרן דעם 15־טן סעפּטעמבער 1943 — פולע צוויי יאָר זינט יענעם טאָג, ווען די ביבליאָטעק האָט זיך געעפנט. דאָס איז געווען איין וואָך פאַר דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. אייגנטלעך האָט די ליקווידאַציע זיך אָנגעהויבן מיט אַ חודש פריער — שוין אין אויגוסט, ווען מאַסן יידן זענען מיט צוואַנג אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין עסטלאַנד. מ׳האָט שוין דאַן געפילט, אַז דער ביטערער סוף קומט אָן, דאָך האָט מען נאָך אַלץ געפרוווט איינרעדן דעם געטאָ־עולם, אַז ס׳האַנדלט זיך נאָר וועגן „פאַרקלענערן“ דאָס געטאָ. דווקא צו יענער צייט ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די גרויסע אַרויסשיקונ־גען, האָט מען אין געטאָ פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן גע־

בײַטן זײַער פּאָליטיק לגבי ייִדן און אַז עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַראָרדענונגען אָפּצושטעלן די מאַסן־שחיטות פֿון ייִדן (באַלבערישסקי „די ליקווידאַציע פֿון ווילנער געטאָ“).

פֿאַר די גאַנצע צוויי יאָר האָט די געטאָ־ביבליאָטעק געהאַט 6 800 לייענער. אויפֿן 1־טן סעפּטעמבער 1943, בײַ אַ שטאַרק פֿאַרקלענערטער באַפֿעלקערונג (העכסטנס זענען איבערגעבליבן אין געטאָ 10—12 טויזנט), האָט די ביבליאָטעק געציילט 2.500 אַקטיווע אַבאָנענטן (אַ נשתּוממדיקע פּראָפּאָרץ!).

ווער זענען געווען די לייענער לויטן עלטער? אויך אויף דער פֿראַגע קאָן מען געפֿינען אַן ענטפֿער אין די באַריכטן. די צאָל לייענער איבער 25 יאָר האָט אויסגעמאַכט גאַנצע 45 פּראָצ. פֿון דער אַלגעמיינער צאָל.

די אינטענסיווקייט פֿון לייענען איז נישט געווען קלענער ווי פֿאַרן קריג, כאָטש די לעבנס־באַדינגונגען זענען, פֿאַרשטייט זיך, געווען גאָר נישט צום פֿאַרגלײַכן. אָט זענען ציפֿערן: אין 1937 האָבן אויף איין אַבאָנענט אין דער „מפֿיצי השׂכּלה“־ביבליאָטעק אויסגעמאַכט 67 דורכגעלייענטע ביכער, אין 1939 — 74, אין 1942 — 60.

פּויליש איז געבליבן די גאַנצע צײַט די גרונט־שפּראַך פֿון דער גרעסטער צאָל לייענער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין ייִדיש איז אין דער ביבליאָטעק די צאָל ביכער געווען אַזוי גרויס ווי אין פּויליש, און אין רוסיש — באַלד צוויי מאָל גרעסער. דער נידעריקסטער פּראָצענט האָט באַטראָפֿן געלייענטע ביכער אין העברעיִש.

אַ קלאָר בילד אין דעם פּרט קאָנען אונדז געבן ציפֿערן וועגן קאָעפֿיציענט פֿון אויסנוצן האָס בוך (ד. ה. די פֿאַרהעלטעניש פֿון דער צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער, צו דער צאָל ביכער, וואָס די ביבליאָטעק האָט פֿאַרמאָגט).

אין בעלעטריסטיק, וויסנשאַפֿט און קינדער־ליטעראַטור, בכן אויף אַלע געביטן פֿון געדרוקטן וואָרט, איז דער קאָעפֿיציענט געווען אַזאַ: ייִדיש — 154 פּראָצ., העברעיִש 20 פּראָצ., פּויליש — 819 פּראָצ.

דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿון פּוילישן בוך אין ווילנער געטאָ קאָן מען דערקלערן מיט פֿאָלגנדיקע סיבות: א. אין געטאָ איז געווען אַ באַדײַטנדיקע צאָל פּליטים פֿון קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָבן ווי אַן אומגאַנגס־שפּראַך באַנוצט פּויליש, צווישן זיי — אַ גרויסער פּראָצענט פֿולקאָם אַסימילירטע אינטעליגענץ. ב. דאָס פּוילישע בוך האָט דערציילט וועגן אַ פֿרעמדער וועלט, אין דער צײַט וועגן פֿון דער אייגענער האָט מען געוואָלט

אנטלויפן. דאָס יידישע בוך האָט געהאַט צו טאָן מיט יידישע צרות, וואָס זענען אין דער קעגנוואַרט געווען נאָך גרעסער, און ג. — אין יידיש איז געווען גאָר ווייניק שונד־ליטעראַטור און קרימינאַליסטיק — טאַקע יענע ליטעראַטור, וואָס איז אין געטאָ, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, צוממערסטן געזוכט געוואָרן.

דאָך איז אינטערעסאַנט, אַז דער פּראָצענט פּויליש־לייענער איז מיט דער צייט סיסטעמאַטיש פאַרקלענערט געוואָרן און די צאָל יידיש־לייענער איז געשטיגן.

אָט וואָס עס דערציילן ציפערן פאַר די 3 שווערסטע חדשים אין ווילנער געטאָ (אין 1941) — חדשים פון אַקציעס און הריגות:

	אָקטאָבער	נאָוועמבער	דעצעמבער
יידיש	16,72 פּראָצ.	18,88 פּראָצ.	22,20 פּראָצ.
העברעיש	0,78 פּראָצ.	0,50 פּראָצ.	0,40 פּראָצ.
פּויליש	80,41 פּראָצ.	77,62 פּראָצ.	74,50 פּראָצ.

דער נידעריקסטער פּראָצענט פאַר יידיש איז געווען אין אָקטאָבער 1941 (16,72), דער נידעריקסטער פאַר פּויליש — אויגוסט 1942 (62,7 פּראָצ.). העברעיש: דער נידעריקסטער דעצעמבער 1941 (0,40 פּראָצ.), דער העכסטער — מאַי 1942 (2,2 פּראָצ.). בכלל האָט זיך העברעיש געוואַקלט פאַר דער גאַנצער צייט אַרום 1 פּראָצ. מאָדנע אינטערעסאַנט איז די קרומע פון געלייענטע ביכער אין רוסיש (אין פּראָצענטער): 1,12; 1,50; 3,78; 3,87; 7,00; 6,33; 11,42; 10,18; 14,30; 14,89.

ס'זענען נישט פאַראַן קיין געגעבענע, וואָס זאָלן אויפקלערן דעם ראַזיקן מערקווירדיקן וווקס. דאָס איז אָבער זיכער נישט קיין צופעליקייט. מען קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט די אַלץ וואַקסנדיקע סימפּאַטיעס פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, פון וואַנען מ'האָט דערוואַרט די רעטונג.

די רעקאָרד־צאָל פון אַרויסגעגעבענע ביכער אין דער ביבליאָטעק איז געווען מאַי 1943 — אַזש 14.406 (אויף קנאַפּע צוואַנציק טויזנט איינוווינער).

אָבער אויך די דאָזיקע ציפערן קאָנען נישט געבן קיין פול בילד פון דעם אינטערעס צום בוך און במילא פון זיין פונקציע אין יענע טראַ־

גישע יאָרן. מ'דאַרף זיך משער זיין, אַז די דאָזיקע ציפֿערן נעמען נישט אַרום די פֿיליאַלן, וואָס די ביבליאָטעק האָט אויסגעטיילט און אויך נישט די באַוועגלעכע ביבליאָטעקן אויף די אַרבעטס-ערטער. די צענטראַלע ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פֿירן אַ סטאַטיסטיק, זי האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן פּערסאָנאַל און צווישן זיי ספּעציאַליסטן אין ביבליאָטעק-וועזן. די פֿיליאַלן האָבן קיין באַצאָלטע ביבליאָטעקאַרן נישט געהאַט און די, וואָס האָבן זיך מיט זיי פֿאַרנומען אויס געזעלשאַפֿטלעכן אינטערעס האָבן נישט געהאַט די נויטיקע אויסבילדונג און אויך נישט קיין צייט פֿאַר פּינקטלעכער אָפּמערק-אַרבעט.

פֿיליאַלן, אויסגעטיילטע פֿון ביכער-פֿאָנד פֿון דער צענטראַלער ביבליאָטעק אויף סטראַשון-גאַס 6, זענען געווען: אין דער געטאָ-טורמע, ביי דער פֿוטער-פֿאַבריק „קיילים“, וואָס האָט זיך געפֿונען מחוץ פֿון געטאָ און אין אַ ריי אַנדערע גרעסערע אַרבעטס-פּלעצער; אין טראַנספּאָרט-ביוראָ „ילדים“, אין קינדער-היים, אין קינדער- און יוגנט-קלובן. חוץ דעם זענען געווען „וואַנדערנדיקע ביבליאָטעקן“ אין די אויסערשטאָטישע אַרבעטס-פּלעצער, ווו ייִדן זענען הויפּטזעכלעך געווען באַשעפֿטיקט ביי טאָרף-אַרבעט.

ס'דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין געטאָ זענען געווען אויך פּריוואַטע פּערזענלעכע ביבליאָטעקן, גרעסערע און קלענערע. די ערשטע גזירה, וואָס גענס האָט אַרויסגעגעבן איז געווען, אַז אַלע פּריוואַטע ביכער דאַרפֿן צענזורירט ווערן אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק, הערביי זענען פֿיל ביכער צוגענומען געוואָרן. שפּעטער איז אַרויס אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע ביכער אָן אויסנאַם דאַרפֿן אָפּגעטראָגן ווערן אין ביבליאָטעק. אין דער פֿאַראָרדענונג וועגן אָפּגעבן אַלע ביכער ווערט צווישן אַנדערן אָנגעגעבן דער מאָטיוו, אַז „זיי קאָנען ביי אַ קאָנטראָל פֿאַרשאַפֿן אומגעווונטשענע מיספֿאַרשטענדענישן“. ד. ה., אַז אחוץ דעם, וואָס עס איז געגאַנגען אין פֿאַרגרעסערן דעם ביכער-פֿאָנד האָט די פֿאַראָרדענונג געצילט צו דעם, אַז אין געטאָ זאָלן בכלל נישט זיין קיין ביכער נישט געשטעמפּלטע אין ביבליאָטעק, ד. ה. געצילט אַרויסצונעמען פֿון אומגאַנג יעדעס „קראַמאָלע“-בוך.

די לייענער פֿלעגן מוזן די אויסגעליִענע אין ביבליאָטעק ביכער אומקערן צום באַשטימטן טערמין. ביי פֿאַרשפּעטיקטע פֿלעגן די ביכער אויפֿגעמאָנט ווערן מיט דער הילף פֿון דער געטאָ-פּאָליציי. נישט זעלטן פֿלעגט אַ ייִד, וואָס האָט נאָך אַ פּאָר אויפֿפֿאָדערונגען נישט אָפּגעבראַכט

דאָס אויסגעליענע בוך, באַקומען אַן „איינלאַדונג" פון געטאָ־געריכט, וועלכער פלעגט אָן אויסנאַם צומשפטן קנס.

בײַ דער ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט אַ גוט־באַזוכטער לייענזאַל, אַ מוזיי און אַ סטאַטיסטישער אַמט, וואָס האָט סענגרעגירט און באַאַרבעט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון די „זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען". דער דאָזיקער מאַטעריאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט, וואָרום ער גיט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע פון געטאָ־לעבן. אין דער ערשטער צייט געטאָ האָט זיך דאָ אויך געפונען דאָס אַדרעסן־ביוראָ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן קרובים פון אייגוויינער פון געטאָ 1 אין געטאָ 2 און פאַרקערט.

ווי געזאָגט, האָט די ביבליאָטעק געהאַט אַ באַדייטנדיקן פערסאָנאַל אָנגעשטעלטע. אין דער „מפיצי השכלה"־ביבליאָטעק זענען פאַר דער מלחמה געווען באַשעפטיקט אינגאַנצן 3—4 מאַן. אין דער געטאָ־ביבליאָטעק, מיט די דערבײַיאיקע אינסטיטוציעס בײַ איר, איז געווען באַשעפטיקט אַ גאַנצער שטאַב. אַזוי האָט זי שוין צום ערשטן אָקטאָבער 1941, ד. ה. נאָך צוויי וואָכן טעטיקייט פאַרמאָגט: אַן אַלגעמיינעם סעקרעטאַריאַט — דרײַ פערזאָן, אין דער ביבליאָטעק גופא — 10 פערזאָן, אין לייענזאַל — 4, אין אַדרעסן־ביוראָ — 4, אין סטאַטיסטישן אַמט — 4 — צוזאַמען 25 פערזאָן. אין 10 טעג שפּעטער (10 אָקטאָבער 1941) זענען שוין געווען 30 פערזאָן (פון זיי באַזיצער פון שיינען — 21 פערזאָן).

כדי צו הייבן די פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציעס פון דעם שטאַט זענען דורכגעפירט געוואָרן ספּעציעלע קורסן, אויף וועלכע הערמאַן קרוק (וועלכער איז געשטאַנען בראש פון גאַנצן „קולטור־קאָמבינאַט") האָט געלייענט אַ ציקל לעקציעס וועגן ביבליאָטעק־טעכניק; ל. טורבאָוויטש — אַ ריי לעקציעס וועגן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג צום לייענער; ברוך לובאָצקי — וועגן דער יידישער ליטעראַטור און קינדער־ליטעראַטור. צווישן פערסאָנאַל האָבן זיך געפונען אַזוינע ספּעציאַליסטן, ווי דער יידישער היסטאָריקער ד"ר משה העלער, דער אַלטער ביבליאָטעקאַר פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק חייקל לונסקי.

די ביבליאָטעק איז געווען אָפן פאַרן לייענער 7 שעה אַ טאָג, 6 טעג אין דער וואָך און זינט דעם ערשטן אויגוסט 1942 — די גאַנצע 7 טעג פון דער וואָך. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, זענען די רייען געווען אַזוינע ריזיקע, אַז מ'האָט געמוזט צעטיילן די ביבליאָטעק אין צוויי אָפּ־

טיילן — באַזונדער פאַר דערוואַקסענע און באַזונדער פאַר קינדער. די ביבליאָטעקאַרן פלעגן פשוט פאַלן פון די פיס, אַזוי פיל אַרבעט האָבן זיי געהאַט. ווען אַ זייטיקער מענטש וואָלט דאָ מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז מ׳טיילט דאָ צוקער און ניט, אַז מען טוישט ביכער. ביכער זענען טאַקע אין ווילנער געטאָ „פאַרצוקערט געוואָרן".

פאַרן לייענזאַל איז לכתחילה אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדערער ביכער־פאָנד (2.895 ביכער), אָבער שפּעטער האָט מען די גאַנצע ביבליאָ־טעק געשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע. ער איז געווען צוטריטלעך פאַרן לייענער אַ גאַנצן טאָג, 7 טעג אין דער וואָך. דורכשניטלעך פלעגן אים טעגלעך באַזוכן 200 מאַן. וואָס אַזוינס האָט געטריבן דעם לייענער אַהער? ער איז דער עיקר געווען אַן אַפּרו־אָרט. דאָ האָט מען געקאָנט אין דער שטילקייט, אויף אַ מענטשלעכן שטול זיך אָנשפּאַרן אין טיש און זיך אָפּרוען. ווען אין די שווערע ווינטער־חדשים 1941—42 איז דער לייענזאַל געווען געשלאָסן, זענען מענטשן אָפּגעקומען, ניט געווען זיך וו אַהינצוטאָן. אין אַ נאָטיץ אין די „געטאָ־ידיעות" א. ג. „דער לייענ־זאַל איז נאָך אַלץ געשלאָסן" ווערט דערציילט: „אונטער דער טיר פון לייענזאַל זאַמלען זיך הײמלאָזע, הונגעריקע און אַרבעטסלאָזע און קוקן מיט בענקשאַפט אויפן אַריינגאַנג פון לייענזאַל, דעם בית־המקדש פון געטאָ".

אָט וואָס פאַר אַ שורות מיר געפינען אין יאָר־באַריכט פון דער ביבליאָטעק וועגן דער אַרבעט פון לייענזאַל:

„כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מידקייט און פאַרמאַטערט־קייט פון עלטערן לייענער אין געטאָ־לייענזאַל איז דאָס, וואָס דאָ קומט ער זיך אָפּרוען און ניט לייענען. אָט למשל איז ביי 27.683 אַרויסגעבונגען פאַר 5 חדשים פאַ־ראַן 7.119 פרעסע־אַרויסגעבונגען, ניט הלילה אַקטועלע פרעסע. דאָס רוב מענטשן, וואָס קומען דאָ אָפּרוען און זיצן אויף אַ נאָרמאַלן שטול און ביי אַ נאָרמאַלן טיש, לייענט ניט, נאָר בלעטערט, מען וואַרפט אַדורך אַן אַלטן יאָרגאַנג „ליטעראַרישע בלעטער", אַן אילוסטרירטן זשורנאַל".

פאַרן ערשטן יאָר עקזיסטענץ פון לייענזאַל האָבן אים באַזוכט 40.762 מענטשן, אין דעם 21.896 מענער, 4.440 פרויען און 14.426 קינ־

דער. די קליינע צאָל פרויען דערקלערט זיך מיט דער גרעסערער פאַרנומענקייט פון ווייבלעכן מין אין דער היים. די פרויען זענען געווען צופרידן אָפּצושיקן זייערע מענער און קינדער אין לייענזאַל, זיי זאָלן זיך „נישט דרייען אונטער די הענט" אין דער געוואַלדיקער ענגשאַפט און דערמיט דערמעגלעכן זיי צוגרייטן עפעס פאַרן הויזגעזינד.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר אַזוינע לייענער האָט געהאַט דער לייענזאַל. געווען אויך מענטשן, וועלכע האָבן דאָ אויסגענוצט דעם ביכער־אוצר, כדי צוצוגרייטן לעקציעס, רעפעראַטן, וועלכע האָבן דאָ געקליבן מאַטעריאַל פאַר זייערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. אָבער אויך זייער גייסטיקע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויקייט איז גיכער פון אַלץ געווען אַ מיטל צו אַנטלויפן פון דער שוידערלעכער טאָג־טעגלעכקייט, ד. ה. אויך אין אַ געוויסן זין געשטויסן דורך דער שטרעבונג, דער בענקשאַפט צו פאַרגעסן זיך, דורכלופטערן דעם קאָפּ און דאָס האַרץ מיט אַנדערע רעיונות און געפילן, ווי די וואָס האָבן געעקבערט אָן אויפהער און נישט אָפּגעלאָזט.

ד. די לערן־אַנשטאַלטן

צווישן די סאַמע ערשטע קולטור=אינסטיטוציעס אין ווילנער געטאָ איז געווען די אָנפאַנג=שול.

ווי שוין דערמאָנט, זענען לכתחילה געשאַפן געוואָרן 2 געטאָס — פון ביידע זייטן דייטשע גאַס. וועגן דעם צווייטן געטאָ (2=טע יאַטקעווער גאַס, יידישע, אַ שטיקל גאון=גאַס, אַ שטיקל דאָמיניקאַנער און גלעזער=גאַס) ווייסן מיר זייער ווייניק (ליקווידירט געוואָרן דעם 28=טן אָקטאָבער 1941). מיר ווייסן אָבער, אַז שוין אין די ערשטע טעג איז ביים יודענראַט פון דעם צווייטן געטאָ געשאַפן געוואָרן אַ יידישע פאָליציי, אַ געזונטהייטס=אָפטייל, אַ סאָציאַלער אָפטייל און קולטור=אָפטייל, וואָס האָט תיכף געפרוווט אָרגאַניזירן אַן אָנפאַנג=שול.

מען דאַרף אָננעמען, אַז אין די ערשטע שוידערלעכע מהומה=טעג אין געטאָ האָבן די עלטערן געוואָלט האָבן די קינדער ביי זיך, זיי נישט אָפגעלאָזן אויף אַ טראָט און נישט געוואָלט שיקן די קינדער אין שול. די סאַמע גרעסטע מערהייט האָט טאַקע נישט געשיקט. ווער האָט געקאָנט דאַן קלערן וועגן בילדונג פאַר קינדער, ווען דער טויט איז געהאָנגען יעדע מינוט איבער זייערע קעפעלעך?

און דאָך איז די נויטווענדיקייט צו עפענען אַ שול באַלד אויפגעקומען. אין דער אומבאַשרייבלעכער מהומה אין טאָג פון אַריינטרייבן אין געטאָ, ווען צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעפראָפט די עטלעכע געסלעך, נישט וויסנדיק גענוי, ווו דאָס געטאָ וועט זיין, לויפנדיק ווי משוגע געוואָרענע פון איין געסל אין דעם אַנדערן, וואַלגערנדיק זיך מיט די בעבעכעס אויף טרעפ און הייפן, זענען פיל קינדער פאַרפאַלן געוואָרן, אַרומגעבלאָנקעט אָן עלטערן. הונדערטער זענען אין דעם זעלבן טאָג יתומים געוואָרן. דער יודענראַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בוכשטעבלעך אין די ערשטע שעהן געטאָ, האָט געמוזט זיך דרינגענדיק

פאַרנעמען מיט אויפזאַמלען די היימלאָזע קינדער און זיי שטעלן אונטער וואָס פאַר אַ נישט איז השגחה, אָנקאָרמענען זיי. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַ שול, וואָס איז געווען אַ לערן־אַנשטאַלט בלויז לויטן נאָמען. ס'זענען לכתחילה נישט געווען קיין באַזונדערע קלאַסן לויטן עלטער און לויט דער צוגרייטונג. אַלע קינדער זענען צונויפגענומען געוואָרן אין איין צימער. לפנים וועגן, פלעגן די לערערינס עפעס שרייבן אויפן טאָוול, די קינדער פלעגן נאָכשרייבן אויף אַ שטיקל פּאַפיר, אָדער אויף אַן אַלטער פאַרוואַלגערטער צייטונג. וואָלט געווען מעגלעך אין יענע טעג זיך שפּילן מיט די קינדער, וואָלט דער טאָוול זיכער איינגאַנצן איבעריק געווען. נאָר שפּילן זיך, זינגען, טאַנצן, איז אוממעגלעך געווען, איז דער טאָוול געוואָרן אַלץ. ס'איז געווען די איינציק־מעגלעכע אָרגאַניזירטע פאַרנעמונג.

ס'זענען נישט פאַרבליבן לחלוטין קיינע שום דאָקומענטן, וואָס זאָלן וואַרפן אַ שיין אויפן מצב פון די שולן אין די סאַמע ערשטע וואָכן געטאָ. מיר ווייסן נאָר, אַז אין דעם ערשטן געטאָ האָבן זיך די „שולן" לכתחילה אָרגאַניזירט אין די בנינים פון די געוועזענע יאַטקעס אויף דער ערשטער יאַטקעווער גאַס. קיין בענק זענען נישט געווען, קיין טישן אויך נישט. אויף אַ באַזוך־פרעקווענץ האָט מען זיך גערעכנט נאָר צוליב דעם גרויסן דלות צווישן די אין געטאָ אַריינגעטריבענע יידן — אין די שולן האָט מען די קינדער געשפּייזט. אַ לערער פלעגט אויסקומען אַרבעטן מיט הונדערט און מער קינדער אין נישט קיין גרויסע צימערן. ערשט שפּעטער האָט מען גענומען אויפקלאַפּן וואָסערע נישט איז בענקלעך צום זיצן, ווי נישט איז פאַרשטעלן די פענצטער קעגן ווינט און רעגן. ערשט אין אַ סך חדשים אַרום, ווען דאָס לעבן האָט זיך „נאָרמאַליזירט", האָט דער געביטס־קאָמיסאַריאַט דערלויבט אַריינצופירן שול־בענק פון מחוץ דעם געטאָ, ווי אויך אַ געוויסע צאָל טאָוולען. די מעגלעכקייטן צו אונטערריכטן זענען דאַן געווען מער־ווייניקער דערטרעגלעכע. מיט דער צייט האָבן די שולן פאַרמאָגט 380 שול־בענק און 36 טאָוולען, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר צייטווייליק אויסגעליענע (ווי אַלץ, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם געטאָ). פון דעם איז צו דרינגען, אַז די שולן זענען נישט געווען קיין אומלעגאַלע (ווי ס'מיינט טעותדיק פּראָפ. מאָוושאָוויטש, וועלכער איז געווען אַ לערער אין די געטאָ־שולן. זע „ווילנער בלעטער", לאָדזש, 1947).

דער קלענער באַזוך אין די שולן אין דער ערשטער צײַט דערקלערט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויך דערמיט, וואָס באַלד זענען אויפֿגעקומען די פֿאַרמלחמהדיקע סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן. די פֿריער פֿאַרמעגלעכע עלטערן און אַ טייל פֿון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ האָט „נישט געפּאַסט“ צו שיקן זייערע קינדער אין שולן צוזאַמען מיט קינדער פֿון עמך. אָבער ווײַבאַלד אויך די פֿאַרמעגלעכע האָבן גיך געמוזט אָנקומען צו אַרבעט, ווי אַ מיטל צו ראַטעווען דאָס לעבן, און נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן דאָס קלײנוואַרג, זענען זיי במילא געצוווּנגען געווען צו שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן.

ווי געזאָגט, זענען די שולן אויפֿגעקומען ווי אַ טאָג־נויטווענדיקייט, און קיינער האָט נישט געשטעלט קיין פֿראַגן וואָס פֿאַרא דאַרפֿן זיי זײַן (פֿאַר דער מלחמה זענען אין ווילנע, ווי אויך אין דער ליטע, געווען אַ גאַנצע רײ טיפּן שולן: רעליגיעזע, העברעישע און יידיש־וועלטלעכע). ווען מ'איז אָבער שפּעטער־צו צוגעטראָטן צוצוגרייטן פּראָגראַמען און די שול אין געטאָ האָט גענומען באַקומען אויך אַ דעציזירישן כאַראַקטער, האָבן באַלד אויפֿגעוואַקסט די אַלטע הילוקי־דעות. אויף דער באַראַטונג פֿון לערער, וואָס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן בײַ יעקב גענס (ביים שעף פֿון דער יידישער פּאָליציי, וועלכער איז אַליין געווען אַן אָנהענגער פֿון העברעישן שולן), האָט דער לעצטער געוואָלט דורכפֿירן אַזאַ קאָמפּראָמיס: איין שול זאָל זײַן אַ העברעיִשע, די צווייטע—אַ יידישע (ביז האַרבסט 1942 זענען אין געטאָ געווען נאָר צוויי עלעמענטאַר־שולן — אויף שאַוולער גאַס 1 און סטראַשון־גאַס 2, אָבער נאָכדעם ווי צום געטאָ זענען צוגעטיילט געוואָרן נאָך שטיקלעך טעריטאָריע — פֿון אָשמענער און יאַטקעווער גאַס — איז געעפֿנט געוואָרן אַ דריטע שול — אויף דײַטשע 21 — מיט אַרײַנגאַנג פֿון אָשמענער גאַס). אָבער אויך די העברעיִסטן זענען אויף דער באַראַטונג אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פֿאָרשלאָג. זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז קיין באַזונדערע העברעיִשע שול דאַרף נישט זײַן, וויכטיק איז נאָר „דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט“. מען דאַרף פֿאַרגרעסערן די צאָל לערן־שעהן פֿון תנ"ך און העברעיִש. אויך דער דעמאָלטיקער אָנפֿירער פֿון דעם שול־אָפּטייל ביים יודענראַט, דער ציוניסט און העברעיִסט דימענטמאַן, איז געווען קעגן אַ באַזונדער העברעיִשער שול. גענס איז נישט באַשטאַנען אויף דאָס זײַניקע. דער אָנגענומענער קאָמפּראָמיס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין די עלטערע קלאַסן זאָלן די קינדער סטגרע־

גירט ווערן לויטן שליסל פון זייער העברעיש־קענעוודיקייט, ד. ה. לויט דעם, וואָס פאַר אַ שול זיי האָבן באַזוכט פאַרן קריג.*)

אָבער מיר זענען אַ ביסל פאַרלאָפן פאָרויס און דאַרפן זיך צוריקקערן צום סאַמע ערשטן עטאַפּ פון די געטאָ־שולן. ווי ס'זאָגט עדות ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי האָט „אויפן דריטן טאָג פון געטאָ, דער לערער משה אָליצקי, געוו. לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון ווילנער העברעישן לערער־פאַריין, צונויפגערופן אין בנין פון ר' שאולקעס קלויז (שאַוולער גאַס) די לערערין רחל ברוידא (קאָמוניסטין), מירע בערנשטיין (קאָמוניסטין), מרים גוטגעשטאַלט (בונדיסטין) און אַרויסגעטראָטן מיט דער איניציאַטיוו צו שאַפן אַ געאייניקט שול־וועזן פון אַלע געוועזענע ווילנער שול־ריכטונגען.

די לערער האָבן אַליין אויפגעראַמט די לאָקאַלן און דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון קינדער. אין סעפּטעמבער 1941 זענען רעגיסטרירט געוואָרן — גיט אָן ד"ר דוואָרזשעצקי — 2700 **) קינדער און גיט דערביי צו אַ כאַראַקטעריסטישן דעטאַל: „די עלטערן האָבן לכתחילה געהאַט אַ ביסל מורא, מאָמער איז עס אַ שפּיצל פון יודענראַט, כדי צו וויסן

---

*) ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין ווארשעווער געטאָ האָט דער שולענין אַנדערש אויסגעזען. אויך דאָ איז ביים יודענראַט געווען אַ שול־אָפּטייל און אַ פּערמאַנענטע שול־קאָמיסיע, צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם א"ג שול־פּאַטראָנאַט. די שולן האָבן געזאָלט אָפּשפּיגלען דאָס אידעאָלאָגישע בילד פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין ווארשעווער געטאָ האָבן געאַרבעט פאָלגנדיקע טיפּן שולן: תרבות־שולן מיט העברעיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, ציש"אָ־שולן מיט יידיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך; שול־קולט — מיט יידיש; די רעליגיעזע שולן — בית יעקב, חורב, יבנה און מזרחי — מיט יידיש און העברעיש אַלס אונטעריכט־שפּראַכן און שולן מיט פּויליש אַלס אונטעריכט־שפּראַך. אַ צונויפרייד איז אָבער געווען, אַז דער פּראָגראַם זאָל באַטאָנען די יידישע טעמאַטיק. פאַר די קינדער פון משומדים איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „חסד" אַ באַזונדערע שול מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל קינדער (זע: אַנאַ נאַטאַנבלום „די שולן אין ווארשעווער געטאָ". ייוואָ־בלעטער, ב. XXX, נומ. 2, 1947).

**) מיר האָבן דאָקומענטן וואָס ווייזן, אַז אויפן 30־טן סעפּטעמבער 1941 זענען אין די לערן־ און דערציונגס־אַנשטאַלטן געווען פאַרשריבן 2722, און אויפן 31־טן אָקטאָבער — 1349. דער גרעסטער טייל פון די פעלנדיקע קינדער זענען פאַר דעם חודש אומגעבראַכט געוואָרן. די ציפערן נעמען אַרום קינדער באַר פון 5 ביז 12 יאָר.

וויפל עס זענען דאָ קינדער און צו וויסן זייערע אַדרעסן". מען קאָן צוגעבן, אַז אַזאַ מורא האָט לאַנג אָנגעהאַלטן.

די שול איז געווען דער שפּירעוודיקער באַראָמעטער פונעם לעבן, פון די וועטערן און אומוועטערן אין געטאָ. ווי נאָר אַ בייזער ווינט, האָבן די עלטערן פאַרהאַלטן די קינדער ביי זיך, פאַרשטעקט זיי. די באַזוך-פרעקווענץ אין די שולן פלעגט אָנוואַקסן לאַנגזאַם צוזאַמען מיט דער באַרויִקונג. קלאָר איז, אַז כל זמן אין געטאָ זענען אָנגעגאַנגען „אַקציעס", האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן אַ נאָרמאַלן שול-באַזוך. ידיעות וועגן דער באַזוכיקייט אין די שולן האָב איך געזען פאַר עטלעכע חדשים: די ערשטע פאַרצייכענונגען פאַלן אויס אויפן 9-טן נאָוועמבער 1941 — נאָך דער צווייטער קאָנטראָל פון די געלע שיינען. אין דעם טאָג זענען אין די שולן בסך-הכל געווען 23 קינדער. דעם 11 נאָוועמבער זענען אין צוויי גרופעס אין דער שול אויף שאַוולער 1 געווען 79 קינדער און אין דער שול אויף סטראַשון-גאַס — 63. דעם 12-טן נאָוועמבער אין דער שול אויף שאַוולער, אין דריי גרופעס — 105 קינדער, אויף סטראַשון-גאַס, אין דריי גרופעס — 88. און אַזוי וואַקסט די באַזוך-צאָל פון טאָג צו טאָג, ביז דעם 16-טן נאָוועמבער פאַלט זי פּלוצעם צו 181 אויף ביידע שולן. וואָס איז געשען? אין דעם טאָג איז אַרויס די פאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז אַלע אַרבעטער פון באַשטימטע אַרבעטס-פּלעצער מוזן וווינען צוזאַמען אין די אַרבעטס-בלאָקן. דאָס געטאָ, וואָס איז שוין געווינט געווען צו וואַנדערן, האָט אין יענעם טאָג געהאַט איינע פון זיינע פיל מאַסן-וואַנדערונגען. ערשט דעם 20-טן נאָוועמבער קומט מען צו זיך און אין אַלע גרופעס לערנען שוין 234 קינדער, ווי ערב דער מהומה. באַלד נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ בהדרגהדיקער וווּקס. דעם דריטן דעצעמבער אַרבעטן אין די שולן שוין צו פיר גרופעס מיט 315 קינדער צוזאַמענגענומען; דעם 16-טן דעצעמבער — שוין 434 קינדער. אָבער דעם 22-טן דעצעמבער קומען פאָר „קאָנטראָל-געשעענישן" — אַזוי האָט מען באַצייכנט די „אַקציע" איבער די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „ראָזע שיינען" (פאַר משפחה-מיטגלידער פון אייגנטימער פון „געלע שיינען") — און די שולן דאַרפן נאָכדעם ווי פונדאָסניי געבוירן ווערן. דעם 23-טן דעצעמבער קומען אין ביידע שולן צוזאַמען נאָר 83 קינדער. דעם 24-טן, שוין 189 קינדער, און די ציפער וואַקסט אָן פון טאָג צו טאָג. אָבער דעם 30-טן דעצעמבער ווערט מיטאַמאָל דער באַזוך ווידער אָפּגעהאַקט — אין ביידע שולן נאָר 83 קינדער. וואָסי? ס'איז פאָרגעקומען

די קאָנטראָל פון פוטערוואַרג. די דייטשן זענען געגאַנגען פון שטוב צו
שטוב און צוגענומען פעלצן, פוטערס, קראַגנס, מופטעס אאַ"וו.

אין יאַנואַר 1942 האָט נאָך אין געטאָ געהויזט דער פּחד, אָבער
אַ „באַרואיקונג" טרעט דאָך אַריין.

פאַרן יאָר 1942 און פאַר די ערשטע 5 חדשים 1943 האָבן מיר
ציפערן — באַאַרבעטע דורכן שוין פריער דערמאָנטן סטאַטיסטישן אַמט
אין געטאָ—וועגן חודשלעכן דורכשניטלעכן באַזוך און די באַזונדערע לערנ=
אַנשטאַלטן. פון זיי איז צו זען, אַז אין יאַנואַר 1942 האָט איןביידע לערנ=
אַנשטאַלטן דער באַזוך באַטראָפן 390 קינדער. אין פעברואַר זענען אין
בלאָק „קיילים" וואָס האָט זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ, נעבן דער פּי=
טער=פאַבריק אונטער דעם זעלבן נאָמען, ווו יידן האָבן געאַרבעט, געשאַפן
געוואָרן 2 קליינע שולן, וואָס זענען אַמטלעך באַצייכנט געוואָרן אַלס
„קיילים" 1" און „קיילים 2". צוזאַמען האָבן די 4 אַנשטאַלטן אין דעם
חודש באַזוכט 523 קינדער. דער ווייטערדיקער באַזוך זעט אויס אַזוי:
מערץ — 824, אַפּריל — 1083 (אין אַפּריל האָבן גענומען אַרבעטן 6
גרופן גימנאַזיע=קורסן מיט אַ צאָל שילער פון 119, וואָס גייען אַריין
אין חשבון. די ווייטערדיקע ציפערן זענען אויך צוזאַמען מיט די גימ=
נאַזיע=קורסן — ד. ה. שוין אין 5 לערן=אַנשטאַלטן); מאַי — 1214,
יוני — 1197, יולי — 967, אויגוסט — 1060 (די גימנאַזיע=קורסן זע=
נען אין אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער נישט געווען טעטיק). אין
סעפּטעמבער זענען אין אַלע שולן געווען זומער=פעריען. אין נאָוועמבער
איז אין געטאָ גופא געעפנט געוואָרן נאָך אַ שול, וואָס האָט אין דעם
חודש געהאַט 175 קינדער. צוזאַמען האָבן באַזוכט די 6 לערן=אַנשטאַלטן—
1342 קינדער, און דעצעמבער — 1448 קינדער.

אין 1943 האָט דער באַזוך אויסגעזען אַזוי: יאַנואַר — 1325, פעב=
רואַר — 1406, מערץ — 1372, אַפּריל — 1184, מאַי — 1395. אַ דורכ=
שניטלעכע ציפער פאַר די לעצטע 5 חדשים וועט אויסמאַכן 1336.*)

---

*) ווען מיר פאַרגלייכן די דאָזיקע ציפער מיט די ציפערן וועגן קינדער
אין די וואַרשעווער געטאָ=שולן, זעט מען, אַז אין ווילנע זענען פּראָפּאָרציאָ=
נעל מער קינדער געווען אַרומגעכאַפּט פון שול=בילדונג. מען דאַרף אָננעמען,
אַז דער פּראָצענט קינדער אין שול=עלטער לגבי דער גאַנצער יידישער באַפעל=
קערונג איז אין ווילנער געטאָ לפי ערך געווען אַזאַ ווי אין וואַרשעווער. אָבער
דער שול=באַזוך איז געווען נישט אין פאַרגלייך אַ העכערער. וואַרשע האָט אויך

אינטערעסאַנט קאָנען זיין אויך די ציפערן וועגן דער געדיכטקייט אין די קלאַסן אין דער ערשטער צייט געטאָ. נאָר עטלעכע ביישפּילן.

דעם 16־טן נאָוועמבער 1941

שול אויף שאַוולער גאַס		שול אויף סטראַשון־גאַס
1־טע גרופּע	20	12
2־טע גרופּע	32	41
3־טע גרופּע	31	25

צום 24־טן פעברואַר 1942 ענדערט זיך דאָס בילד ראַדיקאַל:

אויף שאַוולער גאַס		אויף סטראַשון־גאַס
1־טע גרופּע	60	64
2־טע גרופּע	58	54
3־טע גרופּע	58	85
4־טע גרופּע	33	76
5־טע גרופּע	52	79

אין אַפּריל 1942 ווערט די געדיכטקייט נאָך גרעסער, באַזונדערס אין די יינגערע גרופּעס:

אויף שאַוולער גאַס		אויף סטראַשון־גאַס
1־טע גרופּע	112	76
2־טע גרופּע	85	65

אין די ווייטערדיקע קלאַסן איז די געדיכטקייט געווען אַ באַדייטנדיק קלענערע.

אין פרילינג 1942, ווי שוין דערמאָנט, איז געגרינדעט געוואָרן אַ 6־קלאַסיקע מיטלשול. זי איז געעפנט געוואָרן אויף דער בקשה פון אַ גרופּע יוגנט, וואָס האָט מיטן אויסברוך פון קריג איבערגעריסן די לי־מודים. דירעקטאָר פון דער מיטלשול איז געוואָרן ל. טורבאָוויטש, אַן

לפי ערך 450 טויזנט איינוווינער אין געטאָ געהאַט 10 טויזנט קינדער אין אַלע טיפּן שולן, וואָס מאַכט אויס ביי 22 שול־קינדער אויף טויזנט איינווווי־נער, אין ווילנער געטאָ — ביי 66 שול־קינדער אויף טויזנט געטאָ־איינוווי־נער, ד. ה. אין דריי מאָל מער.

אַלטער געניטער פּעדאַגאָג. ער האָט זיך זייער דערפֿרייט מיטן פֿאָרשלאָג און אָפּגעגעבן דעם אַנשטאַלט זיין גאַנצע ליבע. היות דער גרעסטער טייל פֿון די יוגנטלעכע האָט געאַרבעט, זענען די לימודים געפֿירט געוואָרן אין די אָוונט־שעהן. אין אַפּריל האָבן אין די גימנאַזיע־גרופּעס געלערנט 119, אין מאַי — שוין 105. אין דורכשניט האָט אין יעדער גרופּע לכתחילה אויסגעמאַכט צו 20 שילער, אָבער זייער צאָל איז כסדר געפֿאַלן. אין דער עלטסטער גרופּע זענען שוין צום צווייטן חודש עקזיסטענץ נישט געווען קיין אמאָטאָרן. פֿון מאַי ציילן שוין די גימנאַזיע־קורסן נאָר 5 גרופּעס און די צאָל קינדער אין זיי — 85. אין יוני — שוין נאָר 58. עס פֿאַרבעסערט זיך די לאַגע אין די גרופּעס ערשט נאָכן אַרויסלאָז אין די שולן. אַזוי האָבן מיר אין 5 גימנאַזיע־גרופּעס אין נאָוועמבער 117, דעצעמבער — 120. אין די ציפֿערן וואַקלט זיך די צאָל ביז אַפּריל 1943, ווען עס בלייבן איבער נאָר 77 שילער. אַזוי ווי אַ טייל פֿון די עלטערע שילער האָבן פֿאַרט זיך געוואָלט לערנען און פֿירן אַ קלאַס מיט 4—5 קינדער איז געווען אוממעגלעך, איז באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען 3—4 מאָל אין דער וואָך פֿאַר די, וואָס האָבן חשק, פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן. די אוידיטאָריע פֿלעגט צונויפֿגערופֿן ווערן דורך פּלאַקאַטן. ס'זענען געלייענט געוואָרן לעקציעס פֿון כעמיע, נאַטורוויסנשאַפֿט, מאַטעמאַטיק און... אַסטראָנאָמיע. ס'איז געווען אַ מין רעגולערער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, אָבער אָן אַ סטאַבילער אוידיטאָריע.

פֿאַר אַ מיטלשול איז אין געטאָ קיין באַדן נישט געווען. זיין אַ קינד אין געטאָ איז געווען אַן אוממגליך. קינדער זענען די ערשטע געווען אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פֿון טויט. די עלעמענטאַר־שול האָט געדאַרפֿט צוגרייטן דאָס קינד עס זאָל טויגן צו אַן אַרבעט, כדי וואָס גיכער אַריינגעצויגן ווערן אין „אַרבעטס־איינזאַץ“ און פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ דערוואַקסענעם. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט כסדר קאָנטראָלירט דעם „אַרבעטס־איינזאַץ“ און דער יודענראַט האָט אַלץ געטאָן אים צו פֿאַרגרעסערן. קינדער־אַרבעט אין געטאָ גופֿא איז געווען געוואַלדיק פֿאַרשפּרייט. שוין אין די שולן האָט מען די קינדער געלערנט אַ מלאכה. די שילערינס פֿלעגן נאָך די לימודים ווערן באַשעפֿטיקט ביים אויספֿירן לייכטערע באַשטעלונגען אין די שניידעריי־שטובן פֿון דער געטאָ־אינדוסטריע, די יינגלעך זענען מערסטנס באַשעפֿטיקט געוואָרן ביי סטאָליערײַ.

דעם 28־טן אַפּריל 1943 האָט דער „געטאָ־פֿאָרשטייער“, יעקב גענס, איינגעפֿירט אין געטאָ אַלגעמיינעם שול־צוואַנג פֿאַר

קינדער פון 5 ביז 13 יאָר. די עלטערן אָדער אַפּוטראָפּסים זענען געמאַכט געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן רעגולערן קינדער־באַזוך אין די שולן. אויף די בלאָק־קאָמענדאַנטינס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט דורכצופירן אַ שטרענגע רעגיסטראַציע פון אַלע קינדער אין שול־עלטער און סיסטעמאַטיש אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן באַזוכן די שולן. מאָטיווירט איז די פאַראָרדענונג וועגן אַלגעמיינעם שול־צוואַנג געווען דערמיט, וואָס אַ טייל עלטערן (אין דער פאַראָרדענונג ווערט געזאָגט „געטאָ־עלטערן“) האָבן נישט געשיקט זייערע קינדער אין די שולן נישט מחמת דעם מאַנגל פון פּלאַץ אין די שולן, נייערט דערפאַר, וואָס זיי העלפן זיך אַרויס מיט די קינדער, באַנוצן זיי צו שטוב־אַרבעט, אויף שטיין אין די רייען וכדומה. אַ טייל האָט נישט געשיקט די קינדער אין די שולן אויס סאָציאַלן סנאָביזם, ס'האָט זיי נישט געפּאַסט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך געפינען צוזאַמען מיט קינדער פון המון, אַ דריטער טייל האָט אַרויסגערוקט דעם תירוץ, אַז זיי האָבן מורא פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן אין שול. פאַרוואָס נאָר ביז 13 יאָר? אויף דעם איז געגעבן געוואָרן אַ קלאָרער ענטפער — פון 13 יאָר מוז מען אַרבעטן. די פאַראָרדענונג האָט טאַקע אַריינגעבראַכט אין די שולן פיל נייע קינדער.*)

די יידישע לערער אין ווילנע האָבן געהאַט אַלטע טראַדיציעס פון מסירת־נפש אין זייער אַרבעט פאַרן יונגן דור. פיל פון זיי זענען געווען אמתע אידעאַליסטן, אין שענסטן זין פון דאָזיקן וואָרט. זיי האָבן זייער אַרבעט פאַרשטאַנען ווי אַ מיסיע און באַמיט זיך צו דערציען די קינדער אין גייסט פון זייערע געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלע אידעען. אין געטאָ האָט זייער ליבשאַפט צום קינד אויפגעפלאַקערט מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט. זיי האָבן אָפּגעגעבן די קינדער נישט נאָר זייער וויסן, נאָר זייער גאַנץ האַרץ, זיי האָבן זיך באַמיט צו לינדערן זייערע שווערע איבערלעבונגען, געווען איינפאַלעריש אין אונטערריכטן.

די לערערשאַפט האָט פיינלעכער ווי אַנדערע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ געפילט די שוידערלעכע צייט, איז געווען גייסטיק צעבראָכן מער ווי דער פאָלקס־מענטש, זי איז ווייניקער געווען פעיק צוצופאַסן זיך צו די באַדינגונגען און גרויזאַם געליטן. אַ פשוטער ייד פון אַ גאַנץ יאָר

*) ווי ס'הייסן די ציפערן פון באַזוך, זענען אין מאַי 1943 לגבי אַפּריל דעם זעלבן יאָר אין די דריי עלעמענטאַרע לערן־אַנשטאַלטן אין געטאָ צוגעקומען 214 שילער.

האָט זיך דער עיקר געריסן אויף אַרבעט מחוץ דעם געטאָ, אין שטאָט וווּ מ'האָט זיך געקאָנט גיכער איינשאַפן עפּעס אַ פּרנסה, כאַפּן אַ זייטיק פּאַרדינסטל דורך אַרייַנשמוגלען וואָס נישט איז אין געטאָ. דער אינטעליגענט, און באַזונדערס דער לערער, האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אויסמיידן די שטאָט און זיך אויפהאַלטן אין די פיר ווענט פון געטאָ. ער האָט שאַרפער אָפּגעפילט די פרעמדקייט פון גויש-יידישן אַרום און נאָר געוואָלט זיין צווישן אייגענע. די לערער האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און געזוכט וואַרעמקייט ביים חבר. ווי גבית-עדות האָבן דערציילט איז גלייך אין דעם ערשטן פּעריאָד געטאָ קיין שום טייל פון דער אינטעליגענץ נישט געוואָרן אַזוי אָפּגעלאָזן ווי די לערערשאַפט. די לערער האָבן געהאַט שוואַרצע, פינצטערע פּנימער. זיי זענען אינגאַנצן געווען איבערגעלאָזן אויפן חסד, אויף דער הילף און שוץ פון יודענראַט.

וועגן דעם ליבלינג פון די ווילנער קינדער, דעם לערער פון דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע און דיריגענט פון אַ באַרימטן כאָר יעקב גערשטיין, דערציילט מען, אַז ער איז אין גאָר אַ קורצער צייט פאַרביטן געוואָרן נישט צו דערקענען. אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ שיינער גרויער שעוועליורע און לעבעדיקע אויגן איז ער געווען דער צענטער ביי יעדער מסיבה פון יוגנט. אַ פרייליכער, אַ וויצלינג, פלעגט ער רעדן מיט אַ טיפן באַס און איז געווען מיט אַלעמען זייער היימיש — מיט יונג און אַלט. ס'האָט פון דעם מענטשן ממש געשטראָמט פאָלקסטימלעכקייט און אָפּטימיזם. שוין אין די ערשטע וואָכן אָקופּאַציע איז ער מאָראַליש איינגעבראָכן געוואָרן. די קינדער האָבן אים אַ צונאָמען געגעבן „דער קוימענקערער" — אַזוי שוואַרץ איז געווען זיין פּנים און אַזוי אָפּגעלאָזן איז ער געווען. איז ער טאַקע געשטאָרבן פון מאָראַלישע יסורים דעם 7-טן סעפּטעמבער 1942 און דאָס געטאָ, וואָס איז געווינט געווען צו הריגות און צום טויט, האָט אים אויפריכטיק באַוויינט. אין דער ערשטער צייט געטאָ זענען אויך געשטאָרבן אַזוינע אָנפירנדיקע לערער פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן ווי: ג. פלודערמאַכער, דער היסטאָריקער ד"ר העלער און כאַימסאָן — דער אויטאָר און צונויפשטעלער — צוזאַמען מיט שלמה באַסטאָמסקי — פון פיל לערנביכער און כרעסטאָמאַטיעס פאַר יידישער ליטעראַטור.

מער ווי אַלע אַנדערע, זענען די לערער איבערגענומען געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם גורל. קיינמאָל — און אפשר אין ערגעץ — איז נישט געווען אַזאַ האַרציק צוזאַמענלעבן צווישן לערער און שילער ווי אין די שולן

פֿון ווילנער געטאָ. די דאָזיקע צוזאַמענגעבונדנקייט, אַזאַ קעגנזייטיקער צוטרוי און אַזאַ ליבשאַפֿט האָט געהאָלפֿן סיי די קינדער, סיי די לערער אויסצוהאַלטן אין יענע טראַגישע יאָרן דעם מאָראַלישן גלייכגעוויכט זייערן. מיט וועמען מיר איז נאָר אויסגעקומען צו רעדן פֿון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גיהנום — אַלע האָבן זיי פּה אחד פֿעסטגעשטעלט, אַז די קינדער, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, האָבן זיך געלערנט מיט אַ געוואַלדיקער התמדה, אין די שווערסטע באַדינגונגען געגרייט די לעקציעס, זיך באַמיט צו קריגן גוטע מיינונגען און צער געהאַט פֿון שלעכטע. די לערער האָבן געבראַכט אין די קינדערישע הערצער דערמוטיקונג, געזייט גלויבן, איינגעפֿלאַנצט ליבע צו זייער פֿאָלק, באַמיט זיך צו פֿאַרטרייבן פֿון קינדערישע אויגן דעם טרויער און דעם צער. ס'זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער פֿאַרווייַלונגען, טיי-אָונטן, מ'האָט צוזאַמען געבאַקן לאַטקעס. די לערער האָבן געפּרוווט אַריינברענגען יום-טוב און דערהויבונג אין דעם פֿינצטערן בלוטיקן אינדערוואָכן. אין די שולן זענען געגרייט געוואָרן אָונטן מיט אַרויסטריטן פֿון די קינדער — אין געזאַנג, דעקלאַמאַציע און אַפֿילו אין פּיעסעס. מ'האָט אַנגעקוואָלן פֿון זייערע טאַלאַנטן.

געווים זענען אין קיינע צייטן די שילער נישט פֿאַרגעבן געוואָרן שריפֿטלעכע אַרבעטן אויף אַזוינע טעמעס: „ווי אַזוי האָב איך פֿאַרלוירן מיינע נאָענטע“, „ווי אַזוי האָט מען אונדז געפֿירט אין געטאָ“, „מיין אַרבעטס-טאָג אין געטאָ“ וכדומה. די בעסטע אַרבעטן פֿלעגן געלייענט ווערן אויף טיי-אָונטן. איינע אַ מיידעלע האָט אויף אַזאַ אָונט געלייענט איר אַרבעט וועגן דעם, ווי זי איז אַנטלאָפֿן פֿון גרוב. זי האָט אויספֿירלעך דערציילט, וואָס זי האָט געזען אויף פּאָנאַר, ווי מ'האָט געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, און ווי מ'האָט זיי געטריבן אין גריבער און געשאָסן צו זיי פֿון מאַשין-געווער, וואָס זענען געווען פֿאַרשטעקט אין די קוסטעס.

דער, שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערמאָנטער, פּראָפֿ. מאָוושאָוויטש דערציילט אין זיינע זכרונות („ווילנער בלעטער“, לאָדזש 1947), אַז די קינדער פֿלעגן זיך פֿרייען מיט „פֿינפֿן“ און באַוויינען „צווייען“. זיי האָבן באַוויזן גוטע רעזולטאַטן אויף אַלע לימודים. צרות איז נאָר געווען מיט לאַטיין — „די לערערין גראָסמאַן איז געווען אומברחמנותדיק“. ס'האָבן געאַרבעט שול-קרייזלעך. אַזוי האָט די לערערין פֿון געשיכטע ליזע גאָרדאָן געפֿירט אַ שילער-קרייזל, וואָס האָט שטודירט די געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער לערער פֿון מאַטעמאַטיק, סטאָליצ-

קי, פלעגט זיצן גאַנצע נעכט ביי אַ ליכטל און דורכקוקן די קינדער־העפטן. די לערער, ווי די קינדער, האָבן אויפגענומען זייער אַרבעט זייער ערנסט. אויך אין דעם קאָן מען אײַנזען די אַלגעמיינע שכחה־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין געטאָ. די געוואַלדיקע פאַרנומענקייט אין לערנען איז אויך געווען אַ רפואה קעגן די געדאַנקען, וואָס זענען אויפגעקומען באַלד ווי מ'איז געבליבן מיט זיך אַליין. די האָזיקע לערן־לײַדנשאַפט איז געווען אַ רינג אין דעם „סיסטעם“ פון פאַרגעסן זיך, פון אַרויסטרייבן די עצבות און דעם יאוש. מ'האָט זיך געמיט צו לעבן אין אַ שלאָף אויף דער וואָר.

אינמיטן זומער 1942 איז אין געטאָ געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט אַ טיפן רושם. נעמלעך, יעקב גענס האָט באַקומען די הסכמה פון דער אַנטשפּרעכנדיקער אָקופּאַציע־מאַכט אַרויסצופירן די שול־קינדער פון געטאָ אויף שפּאַצירן אין זאַקרעטער וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען ווייט אויסערן געטאָ און פאַרביי וועלכן ס'פליסט די ווילִיע. די עלטערן האָבן זיך דערשראָקן: איז עס אפשר אַ קונץ אַרויסצונאַרן די קינדער פון געטאָ? אָבער די פאַרזיכערונגען פון גענסן און דער נסיון, אַז די קינדער קאָנען זיך אָנעטעמען מיט אַ ביסל וואַלד־לופט, אויסבאָדן זיך אין טייך, האָבן גובר געווען. אָבער דאָס ערשטע מאָל ווען די קינדער, אונטערן אָנפיר פון לערער, זענען אַרויס אויף אַזאַ שפּאַציר, זענען די עלטערן אין טויט־שרעק געשטאַנען ביים טויער און מיט קלאַפּנדיקע הערצער אָפּגעוואַרט זייער צוריקקער. וועלן זיי צוריקקומען? נישט ווייניקער אינטערעסאַנט וועט זיין צוצוגעבן, אַז בעת זייער שפּאַציר אין די וועלדער פלעגן די קינדער דאַרפן קלייבן געוויסע געוויקסן, גראָזן פון וועלכע די דייטשן פלעגן פּראָדוצירן רפואות. אַלזאָ, אפילו אין דעם האָט געשטעקט אַ געוויסער אוטיליטאַרער צוועק.

די לערער אין געטאָ זענען געווען, ווי אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, אָרגאַניזירט אין אַ פאַריין. פאַרשטייט זיך, ער האָט נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אין שוץ פון דער לערערשאַפט. דער פאַריין איז געווען זייער זאַמלאָרט. דאָ פלעגן זיי איינאָרדענען שמועסן, דיסקוסיעס, זיך אַרומגעקריגט איבער שול־ענינים און געפּרוווט דאָ שאַפן פאַר זיך אַ געמיטלעכע היימישע סביבה. אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1942 זענען אפילו דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי ווייסנשאַפטלעכע לעקציעס פאַר די אַרבעטנדיקע לערער

אין דער פאָרם פון אַן אָוונט־סעמינאַר, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו הייבן זייערע פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציעס.

אין יולי 1943 האָבן די „געטאָ־ידיעות“ אין אַן אַרטיקל „דער סיום פון אונדזערע שולן“ געשריבן:

„מ'דאַרף באמת האָבן אַ סך מסירת־נפש, אַ סך ליבע צו דער זאַך, כדי אין אונדזערע אויסערגעוויינטלעכע באַדינגונגען צו זיין אַ לערער. ווינטערצייט, נישט באַהייצטע צימערן, פענצטער — צעבראָכענע, אָן שויבן, דורך וועלכע ס'פייפט דער ווינט און ס'גיסט דער רעגן, זומערצייט — שטיקנדיקע פאַרסמטע לופט אין די איבערגעפולטע קלאַסן. אַ לאַנגע צייט האָבן די שולן נישט געהאַט קיין בענק, נישט קיין טאָוולען, און אַ גרויסער טייל האָט געמוזט שטיין אָדער זיצן צונויפגעפרעסטערהייט אויף איין באַנק. ווי דאָס ווירקט אויף דער דיסציפלין, קאָן פאַרשטיין נאָר דער מענטש, וואָס ווייסט בכלל וואָס פעדאַגאָגישע אַרבעט באַדייט, דערביי זענען זעלטן איזאָלירטע קלאַסן, מערסטנס זענען דאָס געווען דורכגאַנגסקלאַסן, נישט געווען קיין אָפּרו־זאַלן, קיין קאָרידאָרן“.

די דאָזיקע שורות זענען ריינער אמת. אָבער אין זעלבן אַרטיקל זענען פאַראַן שורות, וואָס אונטערשטרייכן די צילן וואָס מ'האָט געהאָפט צו דערגרייכן דורך דער דערציונג: „באַזונדערס אָבער האָט אונדזער שול געשטאַרקט אין אונדזער געטאָ־יוגנט דאָס אחריות־געפיל פאַרן געטאָ, דאָס באַוווסטזיין, אַז די אינטערעסן פון יחיד מוזן ווערן אונטערגעוואָרפן דער טובה פון כלל“ — פאַרשטייט זיך, אַזוי ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען די מענטשן פון יודענראַט און זיינע אידעאָלאָגן. פון דעם זעלבן אַרטיקל דערוויסן מיר זיך, אַז „אין משך פון לעצטן יאָר זענען די פּראָגראַמען פון אונדזער געטאָ־שול נישט געענדערט געוואָרן. דער מאָמענט פון יידיש־נאַציאָנאַלער דערציונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן“. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרגרעסערן די צאָל העברעישע שעהן, זינגען העברעישע לידער און רעליגיע ווי אַ נישט אָבליגאַטאָרישער לימוד אין אַלע קלאַסן.

ס'וואָלט טשעקאַווע געווען צו וויסן, ווי האָט זיך די יוגנט באַצויגן צו דעם איינפּלאַנצן דאָס „אחריות־געפיל פאַרן געטאָ“, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין נישט אַנטלויפן פון געטאָ און שטרענג זיך צופּאַסן צום „אַרבעטס־איינזאַץ“.

מיר ווייסן עטלעכע פאַקטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דעם געדאַנקען-גאַנג פון דער יוגנט.

אין יוני 1942 איז אין געטאָ געשאַפן געוואָרן אַ קינדער-קלוב. דער קלוב האָט זיך געגרינדעט בשעת מעשה מיטן צוועק די קינדער זאָלן האָבן אַן אָרט וווּ צו צוגרייטן די לעקציעס. שפּעטער האָט זיך פון זיך אַליין אַנטוויקלט אַן אמתער קלוב מיט אַ דראַמקרייזל, קינדער-כאָר וכדומה.

צו יענער צייט האָט דער פּאָליציי-אָבעראינספּעקטאָר מושקאַט אָרגאַניזירט די קינדער-וואַד. דאָס זענען געווען 10—12-יאָריקע יאַטלעך, אָנגעטאָן אין פּאַסקעס מיט מגן דודס, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו העלפן דער יידישער פּאָליציי אין סאַניטאַרער אויפזיכט איבער די הייזער (אַ מין פּאָליצייאישער „נאָכוווּקס"). אָט פאַר דער קינדער-וואַד האָט מושקאַט געוואָלט שאַפן אַ קלוב. אָט די יאַטלעך האָבן טאַקע אָפּגערעמאָנטירט אַ לאָקאַל אויף דיסנע-גאַס נומ. 4. די קינדער-וואַד איז זיך אין אַ קורצער צייט אַרום צעפאַלן און דעם לאָקאַל האָט איבערגענומען דער יוגנט-קלוב, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַ חודש שפּעטער נאָכן קינדער-קלוב, אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יוגנט, טאַקע פון די זעלבע יוגנטלעכע, וואָס האָבן באַזוכט דעם ציקל פּאָפּולערע לעקציעס, וועגן וועלכע ס'איז גערעדט געוואָרן פריער. אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זענען אָנוועזנד געווען 58 יוגנטלעכע — גימנאַזיסטן און אַרבעטער. זיי האָבן געגרינדעט פיר גרונט-סעקציעס: פאַר ליטעראַטור, געשיכטע אַ דראַמסעקציע און אַ סעקציע פאַר האַנט-אַרבעט. בראש פון יעדער סעקציע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אָנפירער. ביז ס'איז באַפרייט געוואָרן דער לאָקאַל פון דער קינדער-וואַד, האָבן די סעקציעס געאַרבעט אין פאַרשידענע שולן. צום טעטיקסטן איז געווען די דראַמסעקציע, ווייל מיט איר האָט מען זיך געקאָנט באַווייזן פאַר אַ גרעסערן עולם. זי האָט געאַרבעט איבער שלום-עליכמס „פאַרכישופט שניידערל", פּרצעס „וועכטער" און „ביים פרעמדן חופּה-קלייד". שפּעטער איז נאָך צוגעקומען אַ סובסעקציע פאַר באַלעט, וואָס איר ציל איז געווען אַרויסהעלפן די פאַרשטעלונגען מיט פּלאַסטישע נומערן. סיי דער דראַמקרייז, סיי דער באַלעט פלעגן אַרויסטרעטן עפנטלעך, דער עיקר פאַר די אַרבעטער-אוידיטאָריעס, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ באַקאַנטן ווילנער סוחר און קולטור-טוער, ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי (וועגן די אַרבעטער-אוידיטאָריעס וועט נאָך זיין אַ רייד שפּעטער). די פּראָגראַמען פלעגן מערסטנס צוגעגרייט ווערן אויף באַשטעלונג, ווי אילוסטראַציעס צו די געפירטע

אַרבעטער־אוידיטאָריעס (למשל, צו אַ פּרין־אָוונט, פֿלעגט צוגעגרייט ווערן אַ פּרין־פּראָגראַם).*)

אין קלוב איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָליטישער קאַמף. יעדע פּאָליטישע גרופּירונג האָט זיך באַמיט אַריינצוציען אין קלוב וואָס מער אירע אָנהענגער, אָבער אַזוי ווי די עלטערע, אַזוי האָבן זיי אויך געפֿונען צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דער יוגנט־קלוב האָט געציילט אַרום 300 מיטגלידער. אַ טייל פֿון זיי האָט געהערט צו דער פּאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פּפּא), וואָס האָט איינגעשלאָסן אין אירע רייען אַקטיוויסטן פֿון סאַמע לינקס ביז סאַמע רעכטס — אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען. די מיליטערישע אַרבעט איז געווען פּאַראייניקט אין פּפּאָ, די פּאָליטישע האָט יעדער געפֿירט אויף אייגענער האַנט און אויפֿן אייגענעם שטייגער. דערפֿאַר טאַקע האָט מען זיך דאָ, ווי אין די גוטע יאָרן, אַרומגעקריגט וועגן ייִדיש און העברעיִש און די העברעיסטן האָבן געשאַפֿן אַן אייגענע דראַמסעקציע. די קאָמוניסטן האָבן די אַרבעט צווישן דער יוגנט געפֿירט קאָנספּירירט, און זענען געווען זייער אָפּגעהיט אין אַריינציען נייע מיטגלידער, דורכגעקאָנטראָלירט יעדן איינעם. זיי זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן אין קלוב געפֿירט חוץ אַ פּאָליטישע טעטיקייט, אויך אַ געהיימע מיליטערישע (אגב, הינטער דער סצענע פֿון קלוב איז געווען איינגעמויערט אַ געווער־אַרסענאַל פֿון פּפּאָ).

און איצט קאָנען מיר צוגיין צום כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס וואַרפֿט אַ ליכט אויף דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דער יוגנט.

דער יוגנט־קלוב איז פֿייערלעך געעפֿנט געוואָרן מיט אַן אַרוים־טריט אין געטאָ־טעאַטער אין יאַנואַר 1943. זינט דאַן זענען אַזויגע גרויסע אימפּרעזעס איינגעאָרדנט געוואָרן נישט זעלטן. צווישן די אָפּטע אימפּרעזעס זענען געווען קעסטל־אָוונטן (יעדן זונטיק). אָבער די סאַמע

---

*) אין דער היים האָט מען לאַנג פֿון קיין יום־טובים נישט געוווּסט, אין די שולן, אין קינדער־ און יוגנט־קלוב האָט מען זיך געמיט אַריינצופֿירן וואָס מער יום־טוב. אין קינדער־קלוב איז מיט גרויס פֿרייד, דהיינו, איינגעאָרדנט געוואָרן אַ חנוכּה־אָוונט, מיט אַ בולבע־טייגעכץ אָנשטאָט די טראַדיציאָנעלע „לאַטקעס“. יעדעס קינד האָט געבראַכט צו דריי קאַרטאָפֿל און אַ לעק מאָן־אייל. און יעדער האָט אין אַ פּאַפּירל באַקומען אַ שטיקל בולבע־טייגעכץ. און דאָס איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב. טיי האָט מען געקאָכט פֿון געברענטע גערשטן. פּורים זענען קיין המן־טאַשן נישט געווען, מ'האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס יעדעס קינד האָט באַקומען צוויי קאַרטאָפֿל אין פּעלצלעך.

אינטערעסאַנטע אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער הינזיכט איז געווען דער משפט איבער יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס ס'האָט צוגעגרייט די יידיש־היסטאָרישע סעקציע. לאַנג האָבן זיך די אָנטיילנעמער באַקענט מיטן מאַטעריאַל, איבערגעלייענט וואָס נאָר ס'איז געווען צו קריגן איבער דער טעמע פון די יידיש־רוימישע מלחמות און איבער פלאַוויוסן. דאַן האָבן זיי זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן — אויף באַשולדיקער און פאַרטיידיקער. אזוי איז דער משפט צוגעגרייט געוואָרן. די צדדים זענען געווען צו באַרעדעוודיק, געפירט לאַנגע דעבאַטעס. פאַר די ריכטער איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: „פלאַוויוס איז אַ פאַרעטער אָדער נישט?“ דאָס ערשטע מאָל איז אויף דער פראַגע קיין ענטפער נישט געגעבן געוואָרן. אין אַ געוויסער צייט שפּעטער איז אָבער אין געטאָ־טעאַטער איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע אימפּרעזע „אַן אָוונט אין יוגנט־קלוב“ מיטן אָנטייל פון אַלע סעקציעס. די סעקציע יידישע געשיכטע האָט אין אַ פאַרקירצטער פראָצעדור איבערגעחזרט דעם משפט און דאָסמאָל האָבן די „ריכטער“ אַרויסגעטראָגן קלאָר און דייטלעך זייער אורטייל: פלאַוויוס איז אַ פאַרעטער. דער אורטייל איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס איז געווען אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש דעם יודענראַט און זיינע מנהיגים. די לעצטע האָבן זיך געמאַכט כלא ידע, ווי נישט זיי מיינט מען עס. פאַר דער יוגנט איז אָבער קלאָר געווען: ס'איז נישט בלויז אַ ליטעראַרישער משפט איבער פלאַוויוסן.

דער יוגנט־קלוב איז פאַרמאַכט געוואָרן ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

אין דער נאַכט פון 15־טן אויפן 16־טן יולי 1943, ווען דער ליטווישער פּאָליציי האָט, אויף אַ מסירה פון גענס געהילף — דעסלער, זיך איינגעגעבן צו אַרעסטירן וויטענבערגן (דעם קאָמענדאַנט פון פפּא) אין קאַבינעט פון גענסן און די פאַרטיזאַנער האָט זיך איינגעגעבן אים אָפּצושלאָגן און באַפרייען אויפן וועג צום טויער, איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי אין קלוב, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען פאַרמויערט אַ געווער־אַרסענאַל, האָט מען דאָס געווער אַרויסגענומען, גענומען רייניקן, צוגרייטן צום קאַמף און אָפּן אַרויסטראָגן פון בנין. די שכנים, דערזעענדיק געווער אין די הענט פון די יונגע מענטשן, האָבן אויפגעהויבן אַ טומל: „מיר ווילן צוליב אייך נישט אומקומען“ און אַוועק מעלדן אין דער יידישער פּאָליציי. דער קלוב איז דעריבער געשלאָסן געוואָרן פון אינעווייניק און עטלעכע יוגנטלעכע זענען איבערגעבליבן ביים רייניקן דאָס רעשט געווער. גיך איז

אָנגעקומען דער „הויפּט־פּאָליציסט“, דער ברודער פון „יודען־עלטסטן“, סאַלאָמאָן גענס, און געפּרוּווט אויפברייסן די טיר. דאָס איז אָבער געווען אָנשטעל, אין דער אמתן האָט ער באַקומען פּחד און זיך צוריקגעצויגן. אויף מאָרגן, ווען ווייטענבערג האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, איז דאָס געווער צוריק פאַרבאַהאַלטן געוואָרן. דעם 19־טן יולי איז אָנגעקומען אַן אָפיציעלע מיטטיילונג מיט י. גענס אונטערשריפט, אַז דער קלוב ווערט געשלאָסן. שפּעטער האָט ער אַרויסגערופן דעם סעקרעטאַר פון קלוב (רייזעלע סמאָליצקי), זי געפּרוּווט פאַנאַנדערפרעגן, וואָס פאַר אַ געווער דאָ ווערט אויסבאַהאַלטן און אַז זי האָט געענטפערט, אַז ס'איז לא דובים ולא יער, נישט געשוויגן און נישט געפלויגן — האָט ער איר געזאָגט אין זיין צעקאַליעטשעטן יידיש און אין זיין געוויינלעכן נוסח: „אַ סעקרעטאַר מוז וויסן וועגן יעדער קלייניקייט, וואָס ביי אים אין דער אָרגאַניזאַציע טוט זיך. און דו האָסט נישט געוווּסט, אָדער ווילסט נישט וויסן, אָדער מאַכסט זיך נישט ווּיסנדיק — האָב איך דיך געמאַכט אויס. איך האָב דער יוגנט געשאַפן אַ קלוב, געוואָלט זי זאָל זיך קולטורעל, גייסטיק אויסלעבן, די יוגנט האָט זיך פאַרנומען מיט נאַרישקייטן, וואָס האָבן געקאָנט אומברענגען דאָס געטאָ — האָב איך דעם קלוב פאַרמאַכט“.

אין געטאָ זענען געווען פיל אַנשטאַלטן, וואָס זענען אויפגעקומען ווי אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט, — דאָס לעבן אַליין האָט זיי אָנגעוואָרפן. צו אַזוינע, דהיינו, דאַרף פאַררעכנט ווערן די קינדערהיים (געשאַפן דעם 15־טן דעצעמבער 1941), וו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן קינדער — קיילעכדיקע יתומים — פון 6 חדשים ביז 14 יאָר אַלט. דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז כסדר פאַרברייטערט געוואָרן, ווייל יתומים זענען געוואָרן אַלץ מער; די טאָג־היים, די יאַסלע פאַר קינדער פון 6 חדשים ביז 6 יאָר. דאָ זענען געווען פיל קינדער האַלבע יתומים, וואָס זייערע שפּייזער פלעגן מוזן גיין אַרבעטן און נישט געהאַט דאָס קליינוואַרג ווו איבערצולאָזן. פאַר אַ קליינעם געצאָלט פלעגן זיי דאָ אויפגעפּאַסט ווערן פון 6 פרי ביז 6 אָוונט. אויסגערעכנט לכתחילה אויף הונדערט קינדער איז זיך דער אַנשטאַלט גיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און געמוזט אויפנעמען צוויי הונדערט און מער. צו די נויטווענדיקסטע אַנשטאַלטן האָבן געהערט די טעכנישע שולן, וואָס האָבן געלערנט די אונטערוואַקסנדיקע שלאָסעריי און מאָנטיר־אַרבעט; די פּילצאָליקע פאַך־קורסן, דהיינו — גלעזעריי (די שילער פלעגן קאָנען גלייך זעלבשטענדיק אויספירן די אַרבעט און גע־

שיקט ווערן אין שטאָט אין אין שטעטלעך אַרום); קורסן פאַר אויזונמאַבערם און קוימענקערערם (די לעצטע זענען שטאַרק געפאָדערט געוואָרן און מחמת זיי האָבן געגאָסן פון פרייער באַוועגונג אין שטאָט, איז דאָס פאַך געוואָרן דאָס סאַמע מיוחסדיקסטע, פריווילעגירטסטע און גליקלעכסטע); קורסן פאַר מענער= און מיליטערישער אוניפאָרם=שניידעריי, פאַר מעבל=סטאָלעריי, שטריקעריי, פלעכטעריי, טעפעריי, וואָליקעס=שוסטעריי. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט גיך זיך אויסצולערנען אַ פאַך, קריגן עפעס פרנסה, פאַרגרעסערן דעם „אַרבעטס=איינזאַץ". אַלע האָבן האָד, ווי באַוווּסט, געריסן זיך צו קריגן אַ מלאכה אין האַנט, וואָרום אויף פאַנאַר זענען האָד אין דער ערשטער ריי אַוועק די „נישט=פאַכמענער". לויט דער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געהערשט אין געטאָ, האָט נאָר די אַרבעט געקאָנט ראַטעווען פון טויט. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז איינגעפלאַנצט געוואָרן טאָג=טעגלעך, געוואָרן אַן איבערצייגונג.

אָבער מאָדנע זעט אויס, וואָס די דייטשן האָבן טאָלערירט אַ מוזיקשול אין געטאָ. די דייטשן האָבן געקאָנט און געוואָלט נוצן יידישע אַרבעט, יידישע הענט, יידישע פאַכמענישע קענטעניש, אָבער די דייטשישע נשמה האָט נישט געוואָלט קיין יידישע מייסטערשאַפט. פון דער קונסט און וויסנשאַפט זענען דאָך די יידן אין דייטשלאַנד אַרויסגעטריבן געוואָרן באַלד ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. ראַטעווען דעם דייטשישן גייסט פון יידישער פאַרדאַרבונג — דאָס איז דאָך געווען איינער פון די ערשטע לאָזונגען פון נאַציזם. און דאָ גאָר — אַ יידישע מוזיק=שול אין געטאָ.*) די מוזיק=שול איז געגרינדעט געוואָרן דעם 3=טן אַפריל 1942 און אָנגעהויבן אַ נאָרמאַלע אַרבעט ערשט דעם 31=טן מאַי אין זעלבן יאָר. וואָס איז געווען די נויטווענדיקייט? די סיבה איז געווים געווען די, וואָס אין געטאָ זענען אַריינגעטריבן געוואָרן באַדייטנדיקע מוזיקאַליש=פעדאַגאָגישע כוחות, קוואַליפיצירטע מוזיק=לערער. מ'האָט זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַרבעט — איז געשאַפן געוואָרן די מוזיק=שול.

*) דאָס באַווייזט ווידעראַמאָל, אַז די דייטשן האָבן זיך לחלוטין נישט אינטערעסירט מיטן אינערלעכן לעבן אין געטאָ. די, אין דער אַרבעט שוין ציטירטע, אַננאַ נאַטאַנבלום, זאָגט דאָס זעלבע וועגן וואַרשע: „די דייטשן האָבן נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס פאַר דעם, וואָס עס טוט זיך אין די שולן — זיי האָבן געהאַט זייערס אין זינען. איז די וואַכיקייט ביי די לערער אָפגעשוואַכט געוואָרן און זיי האָבן זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן".

אָבער איר אָ פּ י צ י ע ל ע ר זכות הקיום איז געווען זאָרגן פאַרן „מוזיקאַלישן נאָכוווקס“.

פאַר יעדער נייער אינסטיטוציע, וואָס איז אויפגעקומען איז דאָס הארבסטע פּראָבלעם געווען די לאָקאַל־פראַגע. איינער און דער זעלבער לאָקאַל איז אויסגענוצט געוואָרן פאַר פיל צוועקן. די מוזיק־שול האָט גע־קראָגן איר צענטער אין דער שול אויף שאַוולער 1, אָבער איר אַרבעט האָט זי געפירט אין פיל לאָקאַלן: די לימודים אין דריי לאָקאַלן, די אי־בונגען אין 8 (אַזאַ סיסטעם איז אויך אָנגעווענדט געוואָרן אין דער יידישער מוזיק־שול אין ווילנע ביזן יאָר 1939). שפּעטער האָט מען דער שול צוגעטיילט אַ באַזונדער לאָקאַל אויף סטראַשון־גאַס 10. ס'זענען גע־ווען 9 קלאַסן פאַר קלאַוויר (די צאָל קלאַסן האָט זיך גערעכנט לויט דער צאָל לערער), 1 קלאַס פידל און 1 קלאַס געזאַנג. טעאָרעטישע לימודים זענען איינגעפירט געוואָרן ערשט דעם 9־טן אויגוסט 1942. דירעקטאָר פון דער שול איז געווען דער באַקאַנטער מוזיק־לערער און דיריגענט א. סליעפּ. צווישן פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל (17 פּערזאָן) זענען געווען די בעסטע מוזיק־לערער פון ווילנע. די שול האָט זיך אויסגעהאַלטן אויס־שליסלעך פון שכר־לימוד. די שילער זענען איינגעטיילט געווען אין 3 גרו־פּעס: וואָס צאָלן 10 מאַרק אַ חודש, 3 מאַרק און באַפרייטע פון אָפּ־צאָלן. די צאָל שילער, ווי פאַר אַ מוזיק־שול און בפרט אין די באַדינגונ־גען פון געטאָ, איז געווען זייער אַ הויכע — אַזש 95 שילער. פון זיי האָבן 72 געלערנט קלאַוויר. אין יולי איז מען שוין צוגעטראָטן רעאָרגאַ־ניזירן די שול צוליבן גרויסן אָנפלוס פון קינדער. צוליבן מאַנגל אין קלאַווירן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין שול דאַרפן איבערבלייבן נאָר באמת טאַלאַנטירטע קינדער — דערווייסן מיר זיך פון אַ באַריכט פון דעם קולטור־אָפּטייל ביים יודענראַט.

די מוזיק־שול פלעגט איינאָרדענען, ווי אין די אַמאָליקע פרידלעכע יאָרן, עפנטלעכע באַריכטס־קאָנצערטן, אויף וועלכע די קינדער פלעגן ווייזן זייערע פעולות.

אין אַ רעצענזיע וועגן אַזאַ קאָנצערט, לייענען מיר אין די „געטאָ־ידיעות“, אַז „ביי אונדז גרייט זיך אַ שיינער מוזיקאַלישער נאָכוווקס“. צום יאָרטאָג פון גרינדן די שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער עפנטלעכער קאָנצערט אין געטאָ־טעאַטער. „דער זאַל איז געווען פול מיט עלטערן, קרובים און באַקאַנטע פון די אויפטרעטנדיקע קינדער. ס'איז געווען אַן אמתער משפחה־יום־טוב“.

אין מערץ 1943 איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער פּאַטראָנאַזש — אַן אָרגאַן מיט ברייטע פֿולמאַכטן — וועמען ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאָרג פֿאַר אַלע קינדער אין געטאָ — „האַלטן זיי אונטער אַפּוטרופּסות און באַזאָרגן מיט אַרבעט".

די „געטאָ־ידיעות" (פֿון 7־טן מערץ 1943) טיילן וועגן דעם מיט אָט וואָס:

„ביז איצט האָבן די פֿאַרשידענע קינדער־אַנשטאַלטן געאַרבעט יעדערער פֿאַר זיך און זיי זענען געווען לויז און ריין־אַדמיניסטראַטיוו פֿאַרבונדן מיט אונדזערע לייטנדיקע אָרגאַנען. איצט ווערן די אַלע ענינים פֿאַראייניקט אין איין אָרגאַן, וועלכער ווערט אָנגערופֿן פּאַטראָנאַזש, ווייל ער דאַרף דערפֿילן די פֿליכטן פֿון טאַטע־מאַמע לגבי די קינדער. אין דער ערשטער ריי וועט דער פּאַטראָנאַזש האָבן די אויפֿזיכט איבער די בריגאַדעס פֿון די קינדער — אַרבעטער, קינדערהיימען און אינטערנאַטן".

„אָן שום ספק קאָן מען זאָגן — לייענען מיר ווייטער — אַז די פֿאַראָרדענונג (פֿון געטאָ־פֿאַרשטייער) עפֿנט אַ נייעם קאַפּיטל אין אונדזער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון קינדער־שוץ. די פֿאַראָרדענונג גייט אַרויס פֿון דער הנחה, אַז מען קאָן זיך נישט באַנוגענען מיט לערנען אַליין, ד. ה. מיט איבערגעבן די קינדער אַ סכום מיט ידיעות, אַז נאָך וויכטיקער פֿאַר דעם איז די דערציונג פֿון די קינדער, דאָס איינפֿלאַנצן אין זיי גוטע מידות, מיט דער הילף פֿון אַ דורכגעטראַכטן סיסטעם איינפֿלאַנצן גוטע אויפֿפֿירונג און גוטע געוווינהייטן. אין דעם דאָזיקן סיסטעם דאַרף פֿאַרנעמען דעם חשובסטן אָרט חוץ אַלגעמיינער מאָראַלישער אויפֿקלערונג און געזעלשאַפֿטלעכער איינקנעלונג אויך די פּראַקטישע אַרבעט. זי איז די ערשטע און זיכערסטע גאַראַנטיע דערפֿאַר, אַז די מאָראַלישע כוחות זאָלן נישט בלייבן קיין פּוסטע ווערטער, נאָר אַרייַנגיין אין בלוט און פֿלייש פֿון דער יוגנט".

„דער פּאַטראָנאַזש וועט, ווי מיר זעען, האָבן די אַלגעמיינע אויפֿזיכט איבער דער דערציונג פֿון אַלע געטאָ־קינדער. די באַדינגונגען פֿון אונדזער געטאָ־לעבן זענען אַזעל־

כע, אַז אַפילו קינדער, וואָס לעבן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, קאָנען נישט געניסן פון דער געהעריקער מאָס אויפזיכט אין וועלכער זיי נויטיקן זיך. די אייביקע פאַרהאָרעוועטקייט, די שטענדיקע מאַטעריעלע זאָרגן, דאָס ענגע צוזאַמענלעבן און נאָך אַ סך ענלעכע מאָמענטן גיבן די עלטערן אַלס יחידים גאָר זעלטן די מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן ווי געהעריק מיט דער דערציונג פון זייערע קינדער. די האָזיקע דערציונג קאָן פאַרזאָרגט ווערן נאָר דורך אַלגעמיינע פּלענער און מיט געזעלשאַפטלעכע מיטלען“.

„מיר האָבן שוין ביז איצט אַ פולע אויפגעטאָן אין דער ריכטונג. דער קינדער-קלוב, די באַזונדערע קינדער-פאַרוויילונגען און פאָרשטעלונגען אין געטאָ-טעאַטער. דאָס זענען אַלץ געווען התחלות. דער פּאַטראָנאַזש וועט מוזן די אַלע אָנהייבן פאַרזעצן, פאַרברייטערן און פאַרבעסערן. איטלעך קינד איז פאַר אונדז אַן אוצר. דעריבער וועט מען מוזן לייגן אַכט אויף יעדן יונגטלעכן און זען צו אַנטוויקלען אין אים זיינע באַזונדערע פעיקייטן און טאַלאַנטן. נישטאָ קיין גוטע און שלעכטע קינדער. פאַראַן נאָר גוטע און שלעכטע באַדינגונגען, אין וועלכע די קינדער וואַקסן אויס. דאָס וועט דער פּאַטראָנאַזש האָבן אין אויג. ער וועט קודם זאָרגן דערפאַר, אַז די קינדער זאָלן זיין פיזיש און מאָראַליש געזונט און זיי זאָלן באַקומען די געהעריקע דערנערונג און די געהעריקע גייסטיקע שפּייז. ער וועט פאַר זיי שאַפן אַ וואַרעמע הברישע סביבה און זיי דורך סיסטעמאַטישער פאַר-דערציונג און פאַר-באַשעפטיקונג מאַכן פאַר אָנשטענדיקע מענטשן און פּראָדוקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט“.

דאָס איז געווען, ווי מיר זעען, אַ גאַנצער פּראָגראַם. ווי האָט זיך דער פּאַטראָנאַזש פּראַקטיש אויסגעווירקט ווייסן מיר נישט. אָבער מען קאָן אָננעמען, אַז די נויטווענדיקייט אין אַזאַ פּאַטראָנאַזש איז אויפגעקומען, ווייל ס'האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשפּרייט קרימינאַליזם צווישן קינדער. ס'זענען געווען קינדער-חברות פון יתומים און פאַרוואָרלאָזטע, וואָס האָבן געלעבט זייער אייגן, אָפּגעזונדערט לעבן אין געהיימע

קעלערן און אויף בוידעמס, געפירט אַ האַנדל, איינגעקויפט סחורה אויף די מערק און זיי אַריינגעשמוגלט אין געטאָ. וועגן איינער אַזאַ גרופּע ווייסן מיר, אַז ס'האָבן זיי אונטערגעכאַפּט פּוילישע קינדער פון די דערנעבנדיקע גאַסן. ס'זענען געווען געשלעגן. די פּוילישע קינדער האָבן זיי פון אַנהייב שאַנטאַזשירט און געפאָדערט אויסקויף־געלט. אָבער דער קלוגער „קאָפּ" פון דער האַזיקער קינדער־באַנדע, וואָס איז געווען ביי זיינע אונטערגעאָרדנטע אַ גרויסער אויטאָריטעט, האָט געפונען אַן אויסוועג. אַנשטאָט צו האָבן די פּוילישע גאַסן־קינדער פאַר שונאים, האָט ער זיי געמאַכט פאַר פריינד און פאַרבינדעטע. ער האָט פאַררופן צו זיך דעם „הערשט" פון די פּוילישע גאַסן־קינדער און אים אַריינגעצויגן אין די געשעפטן. די פּוילישע יינגלעך איז געווען לייכטער איינצוקויפן און שטאָט, פלעגן זיי דורך אַ לאָך אין מויער אויף לידער גאַס אַריינשמוגלען די סחורה און טיילן זיך מיט די יידישע יינגלעך מיטן ריווח. ס'איז דערגאַנגען צו אַ גרויסער פריינדשאַפט. אַדאַנק דעם פלעגן זיך די יידישע יינגלעך פון דער שייקע באַוועגן פריי איבער דער שטאָט און אפילו גיין מיט זייערע פּוילישע חברים אין קינאָ.

בדרך כלל זענען געטאָ־קינדער געצוווּנגען געווען צו זעלבשטענדיקייט. גלייך אין די ערשטע טעג געטאָ איז געוואַקסן צווישן זיי דער קרימינאַליזם. נישט ווייניק האָבן געגנבעט און זיך פאַרנומען מיט שמוציקע עניינים און אָפט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע געשיקטקייט און דרייסטקייט. די יידישע פּאָליציי פלעגט זיי אויפכאַפּן, אָבער נישט געוווּסט וואָס מיט זיי צו טאָן. צום סוף האָט מען געשאַפן פון זיי אַ טראַנספּאָרט־אַרטעל, פאַר מיידלעך — זיי זאָלן נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג — אַזאַ אַנשטאַלט ווי „ילדות", וווּ מ'האָט זיי געפירט באַשעפטיקן. ס'איז געשאַפן געוואָרן אויך די שוין פריער דערמאָנטע גרופּע צו הילף דער סאַניטאַר־פּאָליציי, אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן. די גנבים־חברות פלעגן וואַקסן, זיי פלעגן מאַכן געוואַגטע איינבראָכן. אין פעברואַר 1943 איז דאָס געטאָ אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ דרייסטער גנבה מיט אַן איינבראָך, וואָס אַ גרופּע קינדער האָט דורכגעפירט אין מיטן העלן טאָג און ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען עס נישט געווען קיין פאַרוואָרלאָזטע קינדער. די „געטאָ־ידיעות" האָבן דעם 21־טן פעברואַר 1943 געשריבן:

„עס זעט נישט אויס, זיי (די קינדער — ש. ב.) זאָלן עס האָבן געטאָן אויס נויט. גיכער האָבן מיר פאַר זיך

> דאָס אַלטע שטרעבן פון די קינדער צו העלדישקייט און סודותדיקייט, אפילו אין די בעסטע באַדינגונגען. דאָס דאָזיקע שטרעבן ווערט באַזונדערס געפערלעך אין אונדזערע געטאָ=באַדינגונגען. זייענדיק אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אויסצולאָדן זייער יוגנטלעכע ענערגיע אין נוציקער באַשעפטיקונג און שפּעטער צו שפּאַצירן אין גאָטס שיינער נאַטור, וואַרפן זיך די קינדער אויף דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט פון אימפּעט=אויסלאָדונג און פון כלומרשטער ראָמאַנטישער העלדישקייט“.

און די „געטאָ=ידיעות“ וואָרענען, אַז „אַ שוועבעלע קאָן אַרויסרופן אַ גרויסע שריפה“, אַז „אַ נאַרישקייט פון אַ קינד, וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט עס אָנגעגאַנגען נאָר זיין נאָענטע סביבה, קאָן ביי אונדז אין געטאָ ווערן אַ סכנה פאַרן גאַנצן כלל“.

ווי ס'איז צו זען פונעם סטיל פון דאָזיקן אַרטיקל און פון די רמזים איז קענטיק, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט נישט נאָר וועגן קרימינאַליזם ביי קינדער, נייערט וועגן „ראָמאַנטישער העלדישקייט“ — וועגן דער פּאָליטישער אַנגאַזשירונג פון קינדער. נישט „קרימינעלן העראָיזם“ האָט דער מחבר פון אַרטיקל געהאַט אין זין, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. געוויסע קינדער, וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט אויסגעשמירט די געטאָ=ווענט מיט אַזוינע לאָזונגען ווי „נידער מיט דער יידישע פּאָליציי!“, „נידער מיטן פאַשיזם!“ און ענלעכע. אין דעם פּרט איז טשעקאַווע, אַז אַ טייל קינדער האָבן ביי קיינעם נישט פרעגנדיק, אויף אייגענער האַנט, אָרגאַניזירט אַ פּיאָנערן=קרייז און געפּאָדערט פון עלטערע, אַז מען זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, זיי געבן אויפגאַבן. די קאָמוניסטן, זייענדיק אין אַזאַ טיפער קאָנספּיראַציע, האָבן מורא געהאַט צו שאַפן אַ קינדער=אָרגאַניזאַציע, אָבער די קינדער, שאַפנדיק אַזאַ אָרגאַניזאַציע אויף אייגענער האַנט, האָבן לסוף געצוווּנגען דעם לערער יאַנקל קאַפּלאַן, וועלכן זיי האָבן געקענט פאַר אַ קאָמוניסט, ער זאָל מיט זיי אָנפירן. מען האָט זיי געמוזט נאָכגעבן, כדי זיי זאָלן אויס אייגענער איניציאַטיוו נישט אונטערנעמען קיין אומבאַרעכנטע שריט. אָרגאַניזירט, פלעגן זיי זייער נשמה=פייער אויסלאָדן אין אומלעגאַלע פייערונגען פון רעוואָלוציאָנערע יום=טובים און אַנדערע אימפּרעזעס.

אפֿשר האָבן מיר נישט קיין ידיעות וועגן דער אויסווירקונג פֿון דעם קינדער־פּאַטראָנאַזש דערפֿאַר, ווייל צום סוף פֿון זעלבן חודש ווען ער איז געשאַפֿן געוואָרן, זענען פֿאָרגעקומען פֿיל וויכטיקערע געשעענישן: ס׳זענען ליקווידירט געוואָרן אַ ריי געטאָס אין ווילנע — לאַנד (ווי ס׳האָבן אין דער אָפֿיציעלער נאָמענקלאַטור געהייסן די נאָענטע געטאָס אין ווילנער קאַנט). אַ העלפֿט פֿון זייערע איינוווינער איז אָפּגעפֿירט געוואָרן אין וואַגאָנען קיין פּאָנאַר, אַ צווייטע העלפֿט — אין ווילנער געטאָ. אַ טייל פֿון די זאַכן פֿון די דערמאָרדעטע אויף פּאָנאַר פּראָווינצער ייִדן האָט מען געבראַכט ווי אַ מתּנה דעם געטאָ. די קליידער זענען געווען באַרבלוטיקט, און אין געטאָ האָט ווידער זיך אַריינגעריסן דער ריח פֿון פּאָנאַר און אָנגעפֿילט די הערצער מיט שרעק. אין דעם ענגן געטאָ איז נאָך ענגער געוואָרן, ווייל די אַנדערע העלפֿט, די געבראַכטע אין געטאָ, האָט מען געדאַרפֿט איינקוואַרטירן. צו דעם האָט מען אויסגענוצט אַלע מעגלעכע לאָקאַלן — דעם יוגנט־קלוב, דעם ספּאָרט־זאַל, די שולן און אפֿילו די קינדער־גערטנער. די עלטערע קלאַסן זענען אַריבערגעפֿירט געוואָרן אויף אַ נאָכמיטאָג־שול. די קולטור־אַרבעט איז אויף אַ קורצער צייט געהאַמעוועט געוואָרן, אָבער דאָך אָנגעגאַנגען ווייטער, ווייטער ביזן סאַמע לעצטן טאָג. ס׳איז נאָך צוגעקומען אַ נײַ ליד:

„ס׳האָבן די געטאָס פֿון דער פּראָווינץ
געגעבן פֿיר טויזנט קרבנות,
און אָפּגעפֿירט האָט מען די זאַכן פֿון זיי,
צוריק אין די זעלבע וואַגאָנעם“.

ה. בינע־קונסט

סוף דעצעמבער 1941 איז אין ווילנער געטאָ אַריינגעטראָטן אַ „באַרואיקונג“. די „כאַפּעניש“ פון יולי—אויגוסט, דאָס אַריינטרייבן אין געטאָ, די יום־כיפור־„אַקציע“, די ערשטע און צווייטע „אַקציע“ פון „געלע שיינען“, די ליקווידאַציע פון געטאָ 2, די קאָנטראָל פון די „ראָזע שיינען“, די „אַקציע“ אין „בלאָק געסטאַפּאָ“ — דאָס אַלץ איז שוין געווען הינטער זיך, פון 70—80 טויזנט יידן אין ווילנע (צוזאַמען מיט די אָנגעלאָפענע פליטים פון פוילן און ליטווישע יידן) זענען איבערגעבליבן עפּעס אַרום 20.000. דאָס איז געווען אַ „נצחון“, וואָרום „געלע שיינען“ זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַרום 3700 און דאָס האָט באַדייט, אַז אין געטאָ האָבן געזאָלט איבערבלייבן אַרום 12—14 טויזנט יידן און איבערגעבליבן זענען אַרום 20.000 — פאַך־אַרבעטער, ספּעציאַליסטן און די וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן פון די „אַקציעס“ אין בונקער־באַהעלטענישן. די אומלעגאַלע האָבן זיך אויך ביסלעכווייז גענומען „לעגאַליזירן“ — צוגעשריבן זיך צו שיינען, געקראָגן שיינען פון פאַרשידענע מדרגות. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די סכנה איז שוין אַריבער... די לעבן־געבליבענע וועלן בלייבן לעבן.

דערווייל האָט זיך דאָס געטאָ „געאָרדנט“. דער אַפּאַראַט האָט זיך פאַרפעסטיקט. די יידישע פּאָליציי בראש מיט יעקב גענס האָבן פאַר דער צייט אָנגענומען כוח און אויטאָריטעט. זיי זענען געוואָרן די אמתע דעה־זאָגער אין געטאָ, די פּריווילעגירטע קאַסטע.

דאַן איז אויפגעקומען, טאַקע ביי גענסן, ד. ה. אין דער פּאָליציי, די „אידעע“ צו שאַפן אַ טעאַטער אין געטאָ. אייגנטלעך לכתחילה נישט קיין טעאַטער, נאָר די אידעע איינצואָרדענען קאָנצערטן. און אַז פּאָליציי וויל — וועט מען שפּילן. דער מאָטיוו: אויפוועקן ביי די איבערגעבליבענע דעם חשק צו לעבן, פאַרטרייבן די עצבות.

אין דעצעמבער האָט געגעם אַרויסגערופן דעם דיריגענט דורמאַשקין, דעם אַקטיאָר בליאַכער, די לערערין פון פּלאַסטיק ניגע גערשטיין און זיך מיט זיי צונויפגערעדט וועגן איינאָרדענען דעם ערשטן קאָנצערט אין געטאָ. דער רעזשיסער ישראל סעגאַל האָט באַקומען די פאַראָרדענונג צוצוגרייטן די כוחות פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. די ערשטע פּראָבעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּריוואַטן צימערל פון אַרטיסט שבתי בליאַכער.

ווי נאָר מ'האָט זיך דערוווסט אין געטאָ, אַז ס'גרייט זיך אַ קאָנצערט, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּראָטעסטן פון אַלע זייטן. כמעט אַלע האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ חילול השם, פאַר אַ חוזק איבער זיך אַליין, איבער די צענדליקער טויזנטער קרבנות. אבלים, ווי באַקאַנט, באַזוכן דאָך נישט, לויט דער יידישער טראַדיציע, אַ גאַנץ יאָר קיין פאַרווייל־אונגס־אַנשטאַלטן. און אין געטאָ זענען דאָך אַלע געווען אבלים. דורך דער נאַכט האָבן זיך באַוויזן אויפשריפטן אויף די ווענט פון געטאָ: „אויף אַ בית־עולם טאַנצט מען נישט".

באַזונדערס אַקטיוו האָט פּראָטעסטירט די לערערשאַפט פון פאַרשידענע גרופּירונגען. אומעטום זענען אָנגעגאַנגען הייסע וויכוחים. אַלע זענען געווען ק ע ג ן. אָבער געזיגט האָט די פּאָליציי, געזיגט האָט גענס. דער ערשטער קאָנצערט איז צושטאַנד געקומען דעם 18־טן יאַנואַר 1942 אין זאַל פון דער געוו. יידישער רעאַל־גימנאַזיע, אויף רודניצקער 6. מען דאַרף זאָגן, אַז דער ערשטער קאָנצערט איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער שטימונג ווי די שפּעטערדיקע. אין זאַל האָט געהערשט אַ פייערלעכער ערנסט. מ'האָט געוואַרט, וואָס וועט מען אין אַזויגע באַדינגונגען פאָרטראָגן, און דער ערשטער קאָנצערט האָט טאַקע אַנטשפּראָכן די דאָזיקע שטימונג.

ביי אַ טויטער שטילקייט אין זאַל האָט זיך דער קאָנצערט אָנגעהויבן מיט אַ קאָלעקטיווער דעקלאַמאַציע פון ביאַליקס „עס ווילט זיך מיר וויינען". דאַן האָט דער שוישפּילער בליאַכער דעקלאַמירט ביאַליקס „אַ פרייל עכם". בליאַכער איז געווען אַ מענטש מיט טאַלאַנט, מיט טעמפּעראַמענט, מיט גייסטיקער אָנלאָדונג. ער האָט מיט זיין עמוואָס הייזעריקלעכער שטים אַ וואָרף געטאָן אין שטום־פאַרגליווערטן זאַל אַריין:

איבער גאַנצע בערג מיט צרות,
איבער ימים נויט און פּיין,
טראָגט מיך מיט פאַרמאַכטע אויגן

און זאָל זיין דאָרט וואָס וועט זיין.
ווי אַ טראָפּן גאַל פאַרבאָרגן,
ווי אַ ווייַ און ווי אַ וווּנד —
אויסגעטאַנצט מוז הייַנט דאָס ווערן
ביז צום סוף און ביז צום גרונט.

און דאַן מיט אַן אייַנגעבראָכענער שטים, פול אויסגאַנגסלאָזן פּיין, געזעגנט ער:

נישט איין טראָפּן צו דערקוויקן,
אויסגעטריקנט ווי אַ קוואַל.
וואָס זשע שמאַכט איר, נעמט דעם בעכער
גיסט אים אָן מיט גרינגער גאַל.

און ווי ער וואָלט געטרונקען בייַם ראַנד פון אַ תהום, פאַר די אויגן פון די פּייַניקער, האָט ער אַ ציטער געטאָן:

אויסגעזופּט און נישט פאַרקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט.
זאָל אַ קרענק דער שונא וויסן,
וואָס אין האַרצן בראָט און ברענט.

דער חזן איידעלזאָן (אַן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס איז געוואָרן ווילנער שטאָט-חזן און מיטגעמאַכט מיט די ווילנער ייִדן זייערע שווערסטע נסיונות) האָט געזונגען „אלי, אלי“, די פּיאַניסטין רעטיק האָט געשפּילט שאָפּענס נאָקטורן און צום סוף איז געגעבן געוואָרן די עקסטאַטישע סצענע פון ערשטן אַקט פון פּרצעס „גאָלדענע קייט“, ווען ר׳ שלמה מאַכט קיין הבדלה נישט און רופט דעם עולם צום אייביקן שבת: „שבת זאָל זיין!“

דער גאַנצער פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן מיט געציימטער פּאַטעטיק און איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן אייַנדרוק.

און דאָך איז די קעגנערשאַפט צו אַזוינע אָרגאַניזירונגען נישט שוואַכער געוואָרן. נאָכן ערשטן (מען דאַרף זאָגן — געלונגענעם) קאָנצערט איז זי אַפילו שטאַרקער געוואָרן. אויפשריפטן אויף די ווענט האָבן זיך געמערט — די אָרטאָדאָקסן זענען געווען אויפגערעגט, קאַ-

מעגאָריש קעגן; די לערערשאַפט — פאַרביטערט, און פונקט אַזוי אַנ־דערע טיילן פון דער אינטעליגענץ. די דאָזיקע קעגנערשאַפט צום טעאַ־טער אין געטאָ האָט ביי אַ טייל מענטשן אָנגעהאַלטן ביזן סוף. אַזוי ווייסן מיר, אַז אין אָנהייב פרילינג 1943, נאָכדעם ווי דאָס טעאַטער איז געווען שוין איבער אַ יאָר טעטיק, איז אויף אַ פרייטיק־צונאַכט אין לערער־פאַריין (אַלע פרייטיק פלעגן פאָרקומען לערער־מסיבות מיט פאָרטראַגן, דיסקוסיעס, פאָרלייענישן א. אַנד.) פאָרגעקומען אַ דיס־קוסיע וועגן געטאָ־טעאַטער. דער גרעסטער טייל פון די רעדנער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן טעאַטער, אָנגעוויזן, אַז דאָס געטאָ־טעאַטער איז נישט קיין דערציונגס־פאַקטאָר, נאָר אַ ווילגיין פון אַ פריילעכער כאַליאַסטרע אויף אַ בית־עולם. פאַרטיידיקט דאָס טעאַטער האָט בעת דעם וויכוח דער דעמאָלטיקער אָנפירער פון קולטור־אָפּטייל פון יודענ־ראַט, ג. יאַשונסקי. ער האָט אַרגומענטירט, אַז דער געטאָ־עולם מעג אויך לאַכן און פאַרווײַלן זיך, מעג פאַרגעסן זיך. די רעדע האָט קיינעם נישט איבערצייגט. די לערערשאַפט איז ביזן סוף געבליבן אַ קעגנערין פון די פאַרווײַלונגס־אימפרעזעס אין געטאָ.

די פּאָליציי, בראָש מיט גענסן, האָט פאָרסירט דאָס טעאַטער מיט אַלע מיטלען — מאַטעריעלע און מאָראַלישע. די ערשטע דריי קאָנ־צערטן זענען, אין טעכנישער הינזיכט, אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן שפּע־טערדיקן קאָמענדאַנט פון דער טויער־וואַך, לעוואַס (וואָס איז געוואָרן מיט דער צייט דער סאַמע פאַרהאַסטער מענטש אין געטאָ, פלעגט אייגנהענטיק שלאָגן און שמייסן פרויען און מענער פאַר פרוון אַריינ־טראָגן שפּייז אין געטאָ. פון די אויפשריפטן אין דער געטאָ־טורמע האָבן זיך אויסגעטיילט די אויפשריפטן קעגן לעוואַסן, ווי דהיינו: „לע־וואַס טאָר נישט שטאַרבן מיט זיין אייגענעם טויט!"). די אַפּיטרופּסות איבערן סימפאָנישן אָרקעסטער, וואָס מען האָט אין קורצן גענומען אָרגאַניזירן, האָט איבערגענומען דער באַפולמעכטיקטער פון דער פּאָ־ליציי, אַדוו. דזימיטראָווסקי. די פּאָליציאַנטן פלעגן אין דער ערשטער צייט זיך אַפילו באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען אַלס אַקטיאָרן.

דער צווייטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען דעם 22־טן פעברואַר 1942. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ רעציטאַציע פון קאַפּיטל נ״א פון ישעיה (געזאָגט דורך רוטענבערגן) אין יידיש, אין דער איבערזעצונג פון יהואש. ישעיה האָט געקאָנט אויסדריקן דעם מצב פונעם ישוב און נישט אונטערליגן קיין צענזור. ער האָט געשטראָפט און געטרייסט.

דאָס זענען געווען ווערטער, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין די הערצער און זיי געמאַכט אויפציטערן.

„נאָענט איז מיין גערעכטיקייט.
אַרויס איז מיין הילף
און מיינע אָרעמס וועלן משפּטן די פעלקער“.

דאָס האָט אויסגעדריקט דעם טיפסטן ווונטש, געקלונגען אינגאַנצן אַקטועל. און נישט ווייניקער טרעפלעך צום אַקטועלן מצב זענען געווען די ווייטערדיקע שורות, וואָס האָבן מיט איבערצייגונג און האָפענונג געקלונגען פון דער סצענע.

„דערוועק זיך, דערוועק זיך,
שטיי אויף, ירושלים,
דו וואָס האָסט געטרונקען פון גאָטס האַנט
דעם כוס פון זיין גרימצאָרן,
דעם בעכער, דעם כוס פון פאַרטומלעניש,
געטרונקען און אויסגעזויגן.
נישטאָ ווער זאָל זי פירן
פון אַלע זין, וואָס זי האָט געבאָרן,
די ביידע האָבן דיך געטראָפן —
און נישטאָ ווער זאָל האַלטן איר האַנט
פון אַלע זין, וואָס זי האָט אויפגעצויגן.
ווער קען דיך באַקלאָגן?
פאַרוויסטונג און בראָך און הונגער און שמערץ —
ווי קען איך דיך טרייסטן?
דיינע זין ליגן געחלשטע אין אַלע עקן גאַסן,
ווי אַ ווילדצייג אין נעץ.

און צום סוף דער רוף צום בטחון:

„זע, איך האָב אַוועקגענומען פון דיין האַנט
דעם כוס פון פאַרטומלעניש,
דעם בעכער, דעם כוס פון מיין גרימצאָרן;
וועסט אים מער ווידער נישט טרינקען.
און איך וועל אים אַריינטאָן אין דער האַנט פון דיינע פייניקער.

וואָס האָבן געזאָגט צו דיין זעל:
ביים זיך איין, מיר זאָלן אַריבערגיין,
און דו האָסט געמאַכט ווי די ערד דיין רוקן
און ווי די גאַס פאַרן אַריבערגייער".

אויף דעם דאָזיקן קאָנצערט זענען צום ערשטן מאָל אויך געגעבן געוואָרן געטאָ־אַקטואַליען, וואָס האָבן זיך שפּעטער זייער פאַרשפּרייט אין געטאָ. דער פּראָפעסאָר זייערער איז געווען די אַרטיסטין געניע שאַפּיראָ (פרוי פון שבתי בליאַכער), דאָ איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן חיהלע ראָזענטאַל — די שפּעטערדיקע באַליבטע זינגערין פון ווילנער געטאָ — אין אַ ליד אָנגעשריבן דורך איר ברודער לייב ראָזענטאַל.*)

נאָכן צווייטן קאָנצערט איז געוואָרן קלאָר: דאָס טעאַטער איז אַ פאַקט. כוחות אַרטיסטישע, מוזיקאַלישע און אַנדערע זענען געווען לרוב. איצט איז נאָר געשטאַנען די פראַגע צו פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַ נאָרמאַל פונקציאָנירנדיקער סטאַבילער אינסטיטוציע. דער פאַר טאַקע איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ קינסטלערישער ראַט אין צוזאַמענשטעל פון י. סעגאַל (פאָרזיצער), מאַקס וויסקינד (רעזשיסער),

*) דער פּראָגראַם פון צווייטן קאָנצערט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע נומערן: ערשטער טייל: ישעיה נ׳א — רוטענבערג, נוימילער (אַ פאָלקסמיידל — אַ ליבהאָבערין מיט אַ פיינער מתיקותדיקער שטים) — „אַ מאַמע", מוזיק פון יעקב קרימסקי (אַ ווילנער טעאַטער־אַמאַטאָר און מוזיקאַנט); כתריאל ברוידאָ (מוזיק און טעקסט) — „קיעלע"; דער פידלער בודאָוונויטש האָט געשפּילט טשייקאָווסקים „מעלאַנכאָליק". ב. קרעמער (אַ לאַנגיעריקער אַמאַטאָר) האָט געלייענט מ. נאַדירס — „איך אַלם ביישפּיל". עליזעראָוויטש האָט געזונגען ענגעלס — „אתה בוקר" און „ווער עס זינגט". די אַרטיסטין דאָרע רובין האָט דעקלאַמירט א. סוצקעווערס — „עס קלאַפּן די שלייפן". קאָוואַרסקי (אויף פּיאַנע) מאָצאַרטס מאַרש פון ויער סאָנאַטע א־דור און ליסטס עטיוד לויט פּאַגאַניני. צווייטער טייל: אַ סצענע פון לייוויקס „גולם" — „דורך דער פינצטערניש", בודאָוויטש־אַמבראָזאַ, חיהלע ראָזענטאַל — „ישראליק" (טעקסט — ל. ראָזענטאַל, מוזיק — וועקסלער). שלמה דאָנסקי — „וויין נישט, מאַמעלע", אסתר ליפּאָווסקי און ישראל ראָטבליום — „אַ נגידישער פיינקוכן". קאָוואַרסקי — ליסטס ראַפּסאָדיע. ש. בליאַכער און געניע שאַפּיראָ — געטאָ־אַקטואַליען, ליובאַ לעוויצקאַ און איידעלזאָן — די שבועה פון גאָלדפאַדענס „שולמית" און „געקומען איז די צייט" פון „בר כוכבא".

וואָלף דורמאַשקין (דיריגענט) און אַרטיסט מרדכי שאַדאָווסקי. שוין די ערשטע פּראָגראַמען זענען איינגעלערנט געוואָרן דורך זויסקינדן, זייער אַ באַגאַבטן און אינטעליגענטן יונגנמאַן (וואָס האָט, דוכט זיך, געענדיקט אַ וואַרשעווער דראַמאַטישע סטודיע און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער העברעישער סטודיע אין ווילנע).

אויף דער פּאַראָרדענונג פון פּאָליציי־שעף איז מען אייליק צוגעטראָטן צו רעמאָנטירן דעם קליינעם שטאָטזאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין גבול פון געטאָ און שוין אין אַפּריל 1942 איז דאָ פאָרגעקומען די עפענונג פון אַ נאָרמאַל טעאַטער. עס איז געוויזן געוואָרן איין אַקט פון „שלמה מולכו" פון א. לעיעלעס און שלום־עליכמס „מזל־טוב". אין דעם ספּעקטאַקל זענען צום ערשטן מאָל אין געטאָ באַנוצט געוואָרן קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, ליכט־עפעקטן.

ס'ווערט באַלד די אַמביציע פון שוישפּילער־פּערסאָנאַל צו פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַן ערנסטער בינע. דער עולם האָט די שוישפּילער געקענט פון פריער, געהאַט צו זיי צוטרוי. די געטאָ־אָנפירונג האָט דאָס טעאַטער באַטראַכט פאַר איינער פון אירע וויכטיקסטע אויפטוען.

פאַר דער צייט איז אין געטאָ דערווייל אויך געשאַפן געוואָרן אַ סימפאָנישער אָרקעסטער. אָנגעהויבן מיט 17 מוזיקאַנטן, איז ער באַלד אויסגעוואַקסן צו 33. דעם ערשטן זעלבשטענדיקן קאָנצערט האָט דער אָרקעסטער געגעבן דעם 18־טן מערץ 1942 (אין פּראָגראַם: היפּאָליט איוואַנאָוום — קאַווקאַזער סויטע, מאַקס ביגער — יידישע פּאָפּורי, דעם ערשטן טייל פון שוברטס „ניישט פאַרענדיקטע סימפאָניע"). דיריגענט פון אָרקעסטער איז געווען וואָלף דורמאַשקין. זינט דאַן איז דער סימפאָנישער אָרקעסטער געוואָרן אַ סטאַבילע אינסטיטוציע און איז געווען נישט ווייניקער טעטיק ווי דער אַרטיסטן־אַנסאַמבל.

פאַרמעסטן זיך אויף אַ גאַנצער פאָרשטעלונג האָט לכתחילה אויסגעזען פאַר אַ צו שווערער אויפגאַבע, דערפאַר טאַקע האָט מען אַריינגעאַרבעט אין זשאַנער פון רעווי. ווען מען רעדט וועגן געטאָ־פאָלקלאָר, וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון געטאָ־ליד, דאַרף מען געדענקען, אַז כמעט דאָס אַלץ, וואָס מיר נעמען אָן פאַרן ווילנער געטאָ־פאָלקלאָר זענען פאַקטיש לידער און נומערן פון די געשטעלטע רעווי־פּראָגראַמען, וואָס זענען פון די בינע־ברעטער איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער מאַסע. דער גרעסטער טייל פון די לידער זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך כתריאל

ברוידא און לייב ראָזענטאַל. די מוזיק איז געווען אָדער אויסגעליִען, אָדער אין דעם גרעסטן טייל פאַרפאַסט פון געטאָ־קאָמפּאָזיטאָר וועקסלער (וועלכער איז ביז דער מלחמה געווען ווייניק באַקאַנט). די רעווי־נומערן זענען טאַקע געווען דער סימבאָל פאַר די אומבאַקאַנטע מחברים פון פאָלק אויך צו פאַרפאַסן ענלעכע צייט־לידער, צוגעפּאַסט געלעגנהייטלעך. סיי די ערשטע, סיי די צווייטע פלעגן פון געטאָ איבערוואַנדערן אין די אַרבעטס־לאַגערן און דאַן פון איין געטאָ אין אַנדערן און זענען מיט דער צייט געוואָרן דאָס אייגנס פון אַלע געטאָס אין דער ליטע און טיילווייז אויך אין די נעענטער ליגנדיקע געטאָס פון ווייסרוסלאַנד.

די ערשטע רעווי אין געטאָ־טעאַטער איז געגעבן געוואָרן דעם 24־טן יוני 1942 און האָט געהייסן „קאָרענע יאָרן, ווי צו די טעג“ (אין צוויי טיילן, 12 בילדער. דאָס איז געווען אַ וואָרט־שפּיל, ווייל אַרויסרעדן פלעגט מען די צווייטע העלפט פראַזע צוזאַמען — נישט „ווי צו די טעג“ — נאָר „ווייצענע טעג“). לויטן עדות זאָגן פון די „געטאָ־ידיעות“, זענען די סקעטשן און לידער געווען „אַמוזאַנט“, די „מעלאָדיעס זייער שיינע“, און זיי זענען געוואָרן „פּאָפּולער ביי יונג און אַלט“. „אין די דאָזיקע רעוויעס זענען אויך געהערט געוואָרן וויציקע געטאָ־גראַמען. אין וועלכע ס'איז געוואָרפן געוואָרן אַ שאַרפע ליכט אויף אַנגעווייטיקטע געטאָ־פּראָבלעמען. אין די גראַמען זענען געווען אַ סך סאַטירע און הומאָר און אָן שום ספק האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע קריטישע ווירקונג“.

פון דאָס ווייניקע, וואָס מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט זיי, איז צו זען, אַז טעמאַטיש זענען די נומערן און לידלעך געווען אַקטועל, פילמאָל טרעפלעך און אין גרעסטן טייל פון נישט קיין זייער געהויבענעם קינסטלערישן ניוואָ. זיי האָבן דירעקט אָנגעבויגן אין די טראַדיציעס פון די יידישע קליינקונסט־בינעס, וואָס זענען מערסטנס נישט געווען ליטעראַריש זויבער און שפּראַכלעך — נישט געהובלט.

„ווייל וואָס איז דער עיקר?
שעם זיך נישט און זאָג אויס,
וואָס דיר קוועלט...
גייסט אַרום פאַרשיכורט

און טראַכסט, וואָס איז געוואָרן
מיט דער וועלט.
ס'איז הײַנט נישט צו קלערן,
קיין קשיות נישט פרעג:
ס'איז קאָרענע יאָרן
און ווײ צו די טעג".

(טעקסט כתריאל ברוידאָ).

פון די אַנדערע רעווי־פּראָגראַמען זענען אונדז באַקאַנט „מען קאָן גאָרנישט וויסן" (אָקטאָבער־נאָוועמבער־דעצעמבער 1942), „משה, האַלט זיך" און „פּעשע פון רעשע" (יולי־אויגוסט 1943). רעווי־פּראָגראַמען זענען אָבער געווים געווען מער. מירן דאָ ברענגען די גרונט־מאָטיוון (רעם „טשוואָק") פון די פּראָגראַמען. אין „מען קאָן גאָרנישט וויסן" (טעקסט: ברוידאָ) זינגט זיך:

מען קאָן גאָרנישט וויסן
ווו דער אָנהייב, ווו דער מיטן,
ווו דער סוף.
אַז גאָט וויל קאָן אַ בעזעם שיסן;
הײַנט ביסטו גאָר אויבן,
מאָרגן — ביסטו אַראָפּ.
שווער איז דער ביסן
אים צעקייען דאַרף מען האָבן
שאַרפע ציין.
מען קאָן גאָרנישט וויסן,
אַ מענטש קאָן קיינמאָל גאָרנישט זאָגן:
יאָ, צי ניין!

וועגן דער האָזיקער רעווי האָבן די „געטאָ־ידיעות" געשריבן:

„די רעווי געפעלט, אַמוזירט. די מערסטע נומערן זענען אויסגעוואָקסן פון אונדזער געטאָ־ווירקלעכקייט, ווייזן בילדער פון אונדזער לעבן גוטמוטיק, הומאָריסטיש, אָפּטמאָל אַ ביסל סאַטיריש־פאַרשעמט. אַ נייעם איז דער נימער „מלאכה מלוכה", וואָס וויל פּאָפּולאַריזירן דעם געדאַנק פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַלס ערשטער פּרוו אין

עס נישט שלעכט געלונגען. אָבער מען וועט נאָך מוזן ערנסט קלערן וועגן געפינען דעם פּאַסיקן אופן ווי צו פאַרייניקן גוט קינסטלעריש שפּילן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון נוציקע אידעען. אויב אַזעלכע אויפפירונגען זאָלן דערגרייכן זייער ציל, טאָרן זיי נישט זיין לאַנגווייליק, מען דאַרף נישט זען די ווייסע אַגיטאַציע־נעט. פון די איבעריקע נומערן איז דער אינטערעסאַנטסטער אָן שום ספק „דער בעכער“ — אַ נייע באַאַרבעטונג פון ש. פרוגס „כוס“, גוט געמאַכט פון כתריאל ברוידאָ. אינטערעסאַנט איז אויך דער פינאַל „די קאַלייקע“, וו מען קאָן זען, ווי עס פאַבריצירן זיך די געטאָ־פליאָטקעס.*) אונדזער אַרבעטער־עולם, וואָס נויטיקט זיך נאָך אַ שווערן טאָג אין נשמה־אַפּרו, ווילט זיך גוט און לאַכט געשמאַק“.

דער לייטמאָטיוו פון דער רעווי „משה האַלט זיך“ איז געווען אַזאַ:

„משה האַלט זיך,
נישט פאַרליר זיך,
און געדענק — מען דאַרף אַרויס.
משה, האַלט אויס,
געדענק — מען דאַרף אַרויס.
משה האַלט זיך, האַלט זיך משה,
עס איז נישט ווייט,
עס שלאָגט שוין באַלד די שעה די גרויסע“.

(טעקסט — ברוידאָ; מוזיק — וועקסלער).

די גרעסטע צאָל רעווי־לידלעך זענען געווען לייכטע און אָפּטימיסטישע. דאָס געטאָ האָט געלעבט מיט דער האָפענונג: מ'האָט איבערגעלעבט ביז איצט, וועט מען ווייטער איבערלעבן.

צום אונטערשייד פון די אַנדערע רעוויעס איז די רעווי „פּעשע פון רעשע“ געווען אַ מין מוזיקאַלישער וואָדעוויל, מיט אַן אייגנהייטלעכן סוזשעט.

---

*) אַ ביישפּיל פון די אויסגעלאַכטע געטאָ־פליאָטקעס; איינע זאָגט: אין געטאָ מאַכט מען לוימענע טעפּ; אַ צווייטע: — אָ, טעפּ? דער ווייטערדיקער אין קאַלייקע: וואָס זאָגט איר? טאַקע, מאָרגן וועט מען נעמען 400 קעפּ?

אין רעשע, אַכט קילאָמעטער פֿון ווילנע, האָט זיך געפֿונען אַן אַרבעטס-לאַגער פֿון אַ פּאָר הונדערט ייִדן באַשעפֿטיקט ביי טאָרף-פּאַרגרייטונגען. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אָבער דאָ איז דער מענטש געווען אויף דער פֿרישער לופֿט און נישט אַזוי געפּיניקט ווי אין געטאָ, געלעבט האָט מען אין באַראַקן.

דעם טעקסט פֿון דעם וואָדעוויל האָט אָנגעשריבן לייב ראָזענטאַל. די טראַקטירונג פֿון דער טעמע איז אַן אָפּערעטעמעסיקע, מיט קופּלעטן און אַ זאָרגלאָזן רעפֿרען. אָבער להיפּוך צו די ייִדישע אָפּערעטקעס איז דער אינהאַלט גענומען געוואָרן פֿון סאַמע אַקטועלן היינט און איז געווען זייער נאָענט דער אוידיטאָריע.

„ווי ביטער איז אַ הײמלאָזע צו בלייבן,
עלנט אַזוי ווי איך בין,
אַז יעדער איינער האַלט מיר אין איין טרייבן,
מען טרייבט מיר פֿון האַנען אַהין.
נאָר כאָטש כ'בין געיאָגט פֿון שרעקלעכן יעגער,
מיין ווילן נישט קיינער צעברעכט,
און אייבע עס פֿעלט מיר אַ ווייכער געלעגער,
איז היינט אויך אַ נאַרע נישט שלעכט.

דער רעפֿרען:

ווייל איך האָב אַזאַ כאַראַקטער,
זיך אין ערגעץ נישט פֿאַרלירט,
אָט אַזאַ מין-אָ כאַראַקטער
ווי אַ גלגול זיצט אין מיר.
כאָטש מיין גורל אַ פֿאַריאָגטער —
מיין האַרץ איז פֿול מיט גליק
אָט אַזאַ מין-אָ כאַראַקטער,
עד טי, עד טי, טשאָרט פּאָבערי!

דער עיקר האָבן אויסגענומען די פֿאָלגנדיקע קופּלעטן פֿונעם וואָדעוויל.

„איך הייס — פּעשע, כ'קום פֿון רעשע,
דו ווייסט וו דעם אַדרעס מען געפֿינט.
פּעשע, אַ מויד פֿון רעשע,

איך זוך אַ טאַטן, וואָס זאָל צושרייבן אַ קינד
און איך זוך אין יעדן טויער,
און איך פרעג אין יעדער גאַס:
אפשר ווייסט איר, ווער, אַ טאַטע
דער וואָס האָט פאַר מיר אַ פאַס,
פאַר פעסע דער באַראָנעסע,
איך זוך אַ טאַטן מיט אַ בלעכל *)
ווי עס פּאַסט"

הערן ווען דאָס טאָג־טעגלעכע — דאָס וועגן וואָס מ'האָט טאָג־איין טאָג־אויס גערעדט אין געטאָ — פון די בינע־ברעטער, איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקער עלעמענט: מ'האָט פון דער בינע לעגאַליזירט אַן אומלעגאַלע זאַך. יעדע קאָמבינאַציע מיט פעסער, מיט שיינען, מיט צושרייבן זיך איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות און דאָ זינגט מען פון די בינע־ברעטער אַראָפּ וועגן טריפהנע זאַכן, וועגן וועלכע אַלע ווייסן טאַקע, נאָר וואָס ווערט דורך דעם נישט אויס פאַרברעכן. און ס'איז דאָך באַקאַנט, אַז יענע קונסטפאָרמען ווירקן צומשטאַרקסטן, וואָס טרעפן אין סאַמע פינטל פון דער אוידיטאָריע. דעריבער דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אין די לידלעך זײַנען געווען רמזים, שפּאַס איבערן שונא, האָפענונג אויף נקמה. און ווען אַזוינע געפילן ווערן אויסגעדריקט עפנטלעך, קריגן זיי דעם טיפסטן אָפּקלאַנג. דערפאַר טאַקע האָט דער עולם אָנגעקוואָלן ווען ער האָט געהערט דעם קופּלעט פון פעשעס פאַרטנער:

„פּאַק זיך אויס, פּאַק זיך אויס,
ס'וועט פון דעם וואָס אַרויס.
דו וועסט פעשע מיינע בלייבן,
דיר וועל איך צו זיך צושרייבן.
פּאַק זיך אויס, פּאַק זיך אויס.

---

*) יעדער אייננוויכער פון געטאָ האָט נאָכן דורכפירן פון אַלע „רייניקונגען" און נאָכן פאַרענדיקן זיך פון אַלע סעלעקציעס, אין 1942 באַקומען אַ פּאַס און אַ בלעכל. דאָס בלעכל האָט געהאַט דעם נומער פון פּאַס און מען האָט עס תמיד געדאַרפט טראָגן אויפן האַלדז, ווי אַ קאָנטראָל־סימן. דער פּאַס איז נישט געווען גילטיק אָנעם בלעכל און דאָס בלעכל אָן דעם פּאַס — ש. ב.

פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין,
ווער קאָן נישט דעם רעפריין.
ס'איז אַן אַלט באַקאַנטע לידל,
וואָס מע זינגט אַ יעדן יידל:
פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין.

פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין,
ס'וועט פון דעם גאָרנישט זיין.
דאָסמאָל זענען מיר נאָך היגע,
מאָרגן שיקט מען אונדז אין ריגע,
פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין.

פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין,
ס'וועט דער סוף בעסער זיין,
דאָסמאָל וועט זיי נישט געלינגען,
מירן זיי דאָס לידל זינגען:
פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין,

דער עולם האָט פאַרשטאַנען וועמען מיינט מען מיטן וואָרט: „זיי", און ביי די ווערטער פלעגט אויסברעכן אין זאַל אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטן און אַ געלעכטער.

פיל רעוויו־נומערן זענען געווען איבערגעניצעוועט אויף אַ נייעם אופן און צוגעפּאַסט צום געטאָ־שטייגער און צום געשמאַק פון דער אוידי־טאָריע. זיי האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג מאַקע דערפאַר, וואָס די מאָ־טיוון האָט מען גענומען פון פריער.

אָט די וויימעהדיקע שורות זענען אַ טיפּישער מוסטער פון די לידער אין געטאָ־רעוויו:

„ווער זאָגט, אַז אַ ליבע שפּילן דאַרף מען אין פּאַלאַצן
און אין געטאָ איז עס אַ שאַנד.
איך האָב זיך פאַרליאָבעט ביז איבער די אויערן
און דווקא אין אַ פּראָסטן פּאָליציאַנט.
מען רופט אים אבּרהמל, אַ בראָך צו זיינע ביינדעלעך,
ער האַלט ביי דעם טויער די וואַך,
ביי אַלינקע מיידעלעך נעמט ער צו די פּעקעלעך,
ביי מיר אָבער טשעפּעט ער קיין זאַך".

אָדער אַזאַ פערז:

„אַז גאָט וועט וועלן און מיינער וועט וועלן,
וועט דאָך ביי אונדז עפּעס זיין.
צעפּלאַצט וועלן ווערן די שכנים פון מיין צימער,
מיט אַלע זיינע צווייאונדרייסיק מאַן“.

דער קאַפּול, אויף וועלכן ס'איז געמאַכט געוואָרן דאָס לידל איז געווען אַ פון פאַר דער מלחמה באַקאַנטער רעוויו=נומער פון שמשון כהן „זאָל איך זיך פאַרשרייבן אין דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע און אָנטאָן אַ רויטן מונדיר“. אויך דאָרט רעדט זיך וועגן דעם, אַז „אַלע מיידעלעך וועלן מיר מקנא זיין“. נישט גלאַנצנדיק מיט אָריגינאַליטעט, האָבן די קופּלעטן אויסגענומען מיט זייער אינהאַלט, מיטן טרעפלעכן שטייגער=בילדל.

די ערשטע גאַנצע פאָרשטעלונג, וואָס דאָס טעאַטער האָט צוגעגרייט, איז געווען פריץ הירשביינס „גרינע פעלדער“ (סוף יולי — אויגוסט 1942). מען איז געווען שטאַרק מסופק, צי אַ פּיעסע פון אַזאַ כאַראַקטער קאָן אויסנעמען ביי דער געטאָ=אוידיטאָריע. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די פּיעסע האָט דווקא שטאַרק אויסגענומען. פון אַ נאָטיץ אין די „געטאָ=ידיעות“ דערוויסן מיר זיך: „די פּיעסע גייט שוין צום 17=טן מאָל. דער זאַל איז געווען געפּאַקט ביזן לעצטן פּלאַץ“. און אין אַ רעצענזיע איבער דעם זעלבן ספּעקטאַקל לייענען מיר:

„אַ באַזונדערן חן האָט די דאָזיקע דאָרף=אידיליע.
אַ שטיל האָרפּיש לעבן, אַ ליבע צווישן נאַטור=קינדער,
אַ קאָנקורענץ פון ישובניקעס=משפחות צוליב אַ חתן פאַר
זייערע טעכטער. וואָס קאָן זיין ווייטער פון אונדזער היינ=
טיקן געטאָ=לעבן ווי אָט די פּרימיטיווע סביבה מיט אירע
פּרימיטיווע מענטשן און זאַכן. אָבער עס איז אַ פאַקט —
די שוישפּיל געפעלט שטאַרק אונדזערע געטאָ=באַזוכער.
די „גרינע פעלדער“ פאַרמאָגן אַ אַראָמאַט, וואָס איז
נאָענט זייערע נאָז=לעכער“.

אַ וויכטיקערע דערגרייכונג פון טעאַטער איז געווען די אויפפירונג פון דער קאָמעדיע „דער מענטש אונטער דער בריק“ פון אונגאַרישן שרייבער אָטאָ אינדיג (יאַנואַר—פעברואַר—מערץ 1943). די פּיעסע איז פון אַלטן אייראָפּעישן רעפּערטואַר און די מאָראַל אירע:

נאָר נישט פֿאַרצווייפֿלען, נאָר נישט מיאש זיין זיך, צום סוף קאָן נאָך אַלץ גוט זיין.

די „געטאָ־ידיעות“ האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג האָט „ענהגילטיק פֿאַרפֿעסטיקט דעם גלויבן פֿון אונזערע אַרטיסטן אין זיך אַליין און דעם גלויבן פֿון אונדזער עולם אין געטאָ־טעאַטער“.

אין רעפּערטואַר איז אויך געווען די פּיעסע פֿון דוד פּינסקי „דער אוצר“, וואָס איז שטאַרק איבערגעאַרבעט געוואָרן דורכן רעזשיסער סעגאַל און צונויפֿקאָמבינירט געוואָרן מיט לידער, וואָס זייערע טעקסטן האָט אָנגעשריבן לייב ראָזענטאַל.

די לעצטע גרעסערע אויפֿפֿירונג איז געווען די באַרימטע פּיעסע פֿ׳ן בערגער „דער מבול“. אויך דאָ האָט אין אויסוואַל דעציִדירט די באַשטימטע מאָראַל און דער מוסר־השכל, וואָס האָט זיך איבערגערופֿן מיט דער ווירקלעכקייט אין געטאָ. מיר וועלן אין עטלעכע ווערטער איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון דער פּיעסע, כּדי דער לייענער זאָל פֿאַרשטיין, מיט וואָס איז זי נאָענט געווען דעם געטאָ־עולם (די „געטאָ־ידיעות“ האָבן אָפּגעמערקט ערב דער פּרעמיערע: „מיר זענען געשפּאַנט, ווי אונדזער געטאָ־עולם וועט אויפֿנעמען די פּיעסע, וואָס דערמאָנט אין אַ סך פּרטים זיין אייגענע לאַגע און איבערלעבונגען, זאָלן מיר אויך זאָגן — זיין אייגענע אויפֿפֿירונג“):

אַז אָרטשאַפֿט אין אַמעריקע. עס ברעכט אויס אַ געוויטער מיט אַ שלאַקס־רעגן. די לאַגע ווערט ערנסט: ס׳האָט געפּלאַצט אַ דאַמבע, דער שטאָט דראָט אַ מבול. דער רעסטאָראַן, וווּ ס׳קומט פֿאָר די האַנדלונג, געפֿינט זיך ביים ברעג. די מענטשן, וואָס זענען דאָ צונויפֿגעזאַמלט קאָנען ווערן די ערשטע קרבנות. טעלעפֿאָן און טעלעגראַף הערן אויף צו פֿונקציאָנירן, דאָסגלייכן — די עלעקטריע. 7 מענער און איין פֿרוי, וואָס געפֿינען זיך דאָ זעען אויס צו זיין פֿאַראורטיילט און גרייטן זיך צום טויט. אין סכּנה ווערן די מענטשן געלייטערט. מען פֿאַרגיט זיך די זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען איינער קעגן אַנדערן. דאָס פֿאַרגאַנגענע ווערט פֿאַרגעסן. אַלע שליסן אַ פֿריינדשאַפֿט־בונד און אויך דער קעלנער ווערט אַריינגענומען ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע. אָבער פּלוצלינג צינדט זיך ווידער אָן דאָס ליכט. עס אַרבעט ווידער דער טעלעפֿאָן. די סכּנה איז פֿאַרביי. אין איין מאָמענט פֿאַרגעסן די מענטשן אַלע זייערע שבועות און צוזאָגן. זיי ווערן צוריק ווי געווען — שלעכט, עגאָיסטיש.

דער רושם פֿון דער פֿאָרשטעלונג „דער מבול“ איז נאָך געווען

גרעסער דערפאַר, וואָס זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַ שווערער צייט פאַרן געטאָ, ווען עס איז ווידער געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיטן טויט. אין יולי איז פאָרגעקומען די וויטענבערג־געשעעניש, באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרויסשיקונגען קיין עסטלאַנד. דאָס געטאָ איז געווען אומרואיק און די פּיעסע האָט געדאַרפט לערנען סאָלידאַריש־קייט, פריינדשאַפט און קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן אין אָנגעזיכט פון טויט און סכנות.

דאָס טעאַטער אין געטאָ איז נישט געווען קיין טעאַטער אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. דאָס איז געווען אַ סצענישער קאָמבינאַט, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע מינים בינע־קונסט — וואָקאַלישע און מוזיקאַלישע. דער גרעסטער טייל פּראָגראַמען זענען געווען געמישטע, דהיינו: אַן איינאַקטער, אַ סימפאָנישער קאָנצערט, אַ רעווי־אָפּטייל, אַ קאָנצערט פון סאָליסטן, אָפטמאָל פאַרבונדן מיט אַ ליטעראַרישן אָוונט. אין זעלבן זאַל פלעגט אויפטרעטן אַן עסטראַדע־אָרקעסטער, אַ דזשאַז און ס'פלעגט געגעבן ווערן אַ לעקציע. דאָ פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אַקאַדעמיעס, אויסשטעלונגען, קאָנצערטן פון שילער, די אויפטריטן פון די כאָרן, דאָ פלעגן אַרבעטן און זיך ווייזן די גרופּעס פאַר פּלאַסטישע טענץ. אַלץ פלעגט פאָרקומען אין זאַל פון טעאַטער. דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אַ גרויסע צאָל אָוונטן, נישט אין אַן ערך מער ווי פאַרן קריג, זענען געווען מוזיקאַלישע — פון זינגער — סאָליסטן, פּיאַניסטן, פידלער און וויאָלאָנטשעליסטן.

אַ סך לייכטער ווי אין פרידנס־צייט איז דאָ געווען דאָס אויפטויכן פון קינסטלער און מוזיקער און די רעאַליזירונג פון זייערע שעפערישע פּלענער. זענען טאַקע שעפעריש געווען די קאָמפּאָזיטאָרן פון געטאָ: דורמאַשקין, וועקסלער, ברודנאָ און דער יונגינקער וואָלקאָוויסקי. זייער אַרבעט האָט דאָ געקראָגן אַ גיכערן אָפּקלאַנג.

פון די חודש־סך־הכלען, וואָס מיר ברענגען ווייטער, קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט און אַרבעטס־אינטענסיווקייט פון דאָזיקן סצענישן קאָמבינאַט.

דער חודש סעפּטעמבער 1942, למשל, איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ שוואַכער אין דער טעטיקייט פון טעאַטער. דאָך זענען אין דעם חודש פאָרגעקומען: 2 ספּעקטאַקלען פון די „גרינע פעלדער“, איין ספּעקטאַקל פון דער רעווי „קאָרענע יאָרן ווי צו די טעג“, דריי אויפ־

טריטן פון העברעישן כאָר, איין סימפאָנישער קאָנצערט, איין אָוונט פון קאַמער־מוזיק.

אין פעברואַר 1943: 5 קאָנצערטן פון העברעישן כאָר (אין דעם איין מאָל צוזאַמען מיטן יידישן — פאַר די שול־קינדער), דריי מאָל דער ספעקטאַקל „דער מענטש אונטער דער בריק“, דריי מאָל די רעווי „מען קאָן גאָרנישט וויסן“, איין מאָל אַ קאָנצערט פון עסטראַדע־אָרקעסטער, חוץ צוויי אַנדערע אונטערנעמונגען, נעמלעך — דער ליטע־ראַטן־פאַריין האָט דאָ איינגעאָרדנט אַ יהואָש־אָוונט און אַן אָוונט לכבוד די פרעמירטע קינסטלער.

אין מערץ 1943 זענען געווען 12 אונטערנעמונגען: אין דעם — 4 מאָל „דער אוצר“, 2 מאָל „דער מענטש אונטער דער בריק“, צוויי מאָל די רעווי „מען קאָן גאָרנישט וויסן“, דריי מאָל דער סימפאָנישער אָרקעסטער און אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוונט.

צוזאַמענגעטראָפן אינטענסיוו איז דאָס טעאַטער עקספּלאָאַטירט געוואָרן אין די שבת־צונאַכטסן און אין די זונטיקס. אין די זונטיקס פלעגט אָפטמאָל געגעבן ווערן צוויי און אפילו דריי פּראָגראַמען: 12 בייטאָג, 4 בייטאָג און 8 אָוונט. אָבער דערמיט האָט זיך נישט באַגרענעצט דאָס קולטור־לעבן אין די זונטיקס. נישט זעלטן פלעגן אויסגענוצט ווערן אויך אַנדערע לאָקאַלן, נישט ווייניק זונטיקס זענען געווען אַזוינע, ווען ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן 6—7 אימפּרעזעס און פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס פלעגן אין איין טאָג צוציען אַן עולם פון צוויי טויזנט מאַן.

אין יאַנואַר 1943 איז מיט גרויס פּאָמפּע געפייערט געוואָרן דער ערשטער יאָרטאָג פון גרינדן דאָס געטאָ־טעאַטער. אַלס אויסגאַנגס־דאַטע איז אָנגענומען געוואָרן דער טאָג פונעם ערשטן קאָנצערט — דער 18־טער יאַנואַר 1942. דער געטאָ־פּאָרשטייער (און פּאָליציי־שעף, וואָרום דאַן איז שוין לאַנג געווען די גאַנצע מאַכט אין געטאָ קאָנצענטרירט פערסאָנעל אין די הענט פון יעקב גענסן) האָט באַפוילן אָפּצומערקן די דאַטע דורך „אַ טעאַטער־וואָך“, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15־טן יאַנואַר 1943 מיט אַ פייערלעכער פאָרשטעלונג אין טעאַטער, וואָס האָט אין אַלע פּרטים איבערגעחזרט דעם פּראָגראַם פון ערשטן דראַמאַטיש־מוזיקאַלישן קאָנצערט. דערביי זענען אפילו קאָפּירט געוואָרן די אויסערלעכע תּנאָים פון ערשטן קאָנצערט: די פּראָוויזאָרישע עסטראַדע, וואָס איז צונויפגעקלאַפּט געוואָרן צום ערשטן קאָנצערט אין זאַל פון דער געוו. רעאַל־גימנאַזיע.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש: דאָס געטאָ האָט איינגעשטעלט זיינע אייגענע יום־טובים, אָפּגעמערקט זיינע אייגענע דאַטעס. איין יאָר געטאָ איז געווען אַ גרויסע, אומדערוואַרטע דערשיינונג. יעדעס מאָל האָט עס געהייסן פּראַווען דעם נס פון איבערלעבן אַ יאָר, פון בלייבן לעבן. ס'זענען אָפּגעמערקט געוואָרן אַלע דאַטעס: אַ יאָר געטאָ־ביבליאָטעק, אַ יאָר שולן אין געטאָ, אַ יאָר מוזיק־שול, אַ יאָר כאָרן אין געטאָ, אַ יאָר זינט דער גרינדונג פון דער פּאַראייניקונג פון שרייבער, אַרטיסטן און קינסטלער אאַזוו. — ווי דאָס געטאָ וואָלט געהייסן דער אָנהייב פון אַ נייער ערע. און ס'איז פאַרשטענדלעך דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פאַר אַזוינע פייערונגען — די איבעראַשונג פון אויסדויערן, פון איבערלעבן. און נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז אָפּצומערקן, אַז ס'האָט זיך געפילט נישט נאָר אַן איבעראַשונג, נאָר אויך שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען, מיט דעם אַלץ וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין די דאָזיקע אומדערהערטע באַדינגונגען. דאָס וואָרט געטאָ איז געוואָרן אַ בייוואָרט, וואָס האָט צוגעגעבן אַ געוויסע חשיבות: געטאָ־מענטשן, געטאָ־עולם, געטאָ־בירגער, געטאָ־עלטערן, געטאָ־קינדער, געטאָ־פּראָדוקציע, געטאָ־שרייבער, געטאָ־טעאַטער, געטאָ־פייערלעשער, געטאָ־פּאָליציי אאַזוו. און חוץ חשיבות איז אין דעם טאַקע צום אויסדרוק געקומען דער ווילן אָפּצומערקן די באַזונדערקייט, די היסטאָרישע אייגנאַרט, ווי ס'וואָלט צו די אַלע באַגריפן און אינסטיטוציעס צוגעלייגט געוואָרן דער שטעמפּל פון דער צייט.

דאָס איבערחזרן דעם ערשטן קאָנצערט מיט אַלע פּיטשעווקעס האָט געטראָגן אין זיך עפּעס פאַנטאַסטיש־סימבאָלישעס: אַן אָנהייב־פּרווו צו שאַפן אַ לעבן אויפן עשאַפאָט־ברעט. די עשאַפאָט־ברעט האָט זיך שוין געהאַלטן אַ יאָר צייט. און דער געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגישער מיין איז געווען: מיר האָבן ד אַ ז געהאָפט און געגלויבט, מעגן מיר ה יי נ ט אוודאי גלויבן. דאָס האָט געדאַרפט אויך באַדייטן, אַז די „קלוגע", די „רעאַליסטישע" פּאָליטיק פון יודענראַט און זיינע אידעאָלאָגן האָט זיך באַרעכטיקט, אויסגעהאַלטן דעם לעבן־עקזאַמען.

איידער מ'איז צוגעטראָטן איבערחזרן דעם ערשטן קאָנצערט, איז געווען אַ פייערלעכער אָפיציעלער טייל. ס'זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס און באַגריסונגען: דער לייטער פון קולטור־אָפּטייל, ג. יאַשונסקי, דער געטאָ־פאָרשטייער, יעקב גענס, שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, פריד, דער געהילף פונעם פאַרוואַלטער פון קולטור־אָפּטייל און רעדאַק־

טאָר פון די „געטאָ=ידיעות“, ד״ר פעלדשטיין; אין נאָמען פון די שרייבער — לעאָ בערנשטיין, פון בריגאַדירן=ראַט זיין פאָרזיצער, ה. קאַפלאַן=קאַפלאַנסקי, פון די אַרטיסטן — שבתי בליאַכער. אין פאָיע פון טעאַטער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון דיאַגראַמעס, דעקאָראַציע=פראָיעקטן; פאָרטרעטן פון די טעאַטער=טוער געמאָלט פון דער טאַלענטירטער קינסטלערין רחל סוצקעווער. די דיאַגראַמעס האָבן גערעדט וועגן די אויפטוען און דערגרייכונגען: במשך פון איין יאָר געטאָ=טעאַטער זענען געגעבן געוואָרן 119 פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן. דעם טעאַטער האָבן דורכן יאָר באַזוכט 35.000 צושויער.

פאַררופנדיק זיך אויף די דאָזיקע ציפערן האָבן די „געטאָ=ידיעות“ געשריבן:

„דאָס ערשטע יאָר געטאָ=טעאַטער האָט דערוויזן, אַז דער גאַנצער פחד פאַר אונדזער טעאַטער איז אומבאַגרינדעט, סיי אין געזעלשאַפטלעכער, סיי אין פערזענלעכער באַציונג. נשמות זענען דערהויבן געוואָרן, דער לעבנסווילן איז געשטאַרקט געוואָרן, די פעיקייטן איבערצוטראָגן די שוועריקייטן פון לעבן זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נאָרמאַלע פאַרטיילונג פון אַרבעט און גייסטיקן אָפרו. דאָס געפיל פאַר אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן ריטם איז פאַרטיפט געוואָרן און דאָס האָט, ווי אַ שאַרף אויג קאָן לייכט באַמערקן, אויך געלאָזט זיך פילן אין דער פאַראייִדעלונג פון די קעגנזייטיקע באַציונגען אין ישוב, אין גאַס, אין עפנטלעכע ערטער און אין אַ בעסערער אָרגאַניזירטקייט פון אונדזער געטאָ=לעבן בכלל“.

קיין ספק נישט, אַז די דאָזיקע נאָטיץ זאָגט פיל מער וועגן דעם מחבר, וועגן דער געטאָ=אידעאָלאָגיע, ווי וועגן דערווירקלעכער ראָל פון טעאַטער אין לעבן פון דעם געפייניקטן ישוב. יעדעס וואָרט איז דאָ איבערגעטריבן און טייל זאַצן רופן אַרויס אַן אמתן ווידערווילן. מעגלעך טאַקע, אַז פאַרן יאָר „סטאַבילן“ לעבן זענען די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די געטאָ=שקלאַפן עפעס מילדער געוואָרן. אָבער פאַרשטייטזיך, אַז ס'איז אַן אומזין צוצושרייבן דאָס דער ווירקונג פון טעאַטער.

דאָס טעאַטער גופא איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער געוויסער צייט=
ווייליקער „סטאַביליזירונג“ און פון זיין זייט געהאָלפן פאַרשטאַרקן די
אילוזיעס, וועלכע מ׳האָט מיט אַלע כוחות און מיטלען זיך באַמיט איינ=
צופלאַנצן אין די איינוווינער פון געטאָ. דער געטאָ=מענטש האָט נישט
געקאָנט זיין העפלער. דער לעבנס=שטייגער האָט אים ווילד געמאַכט —
קריגערייען, זידלערייען, פעטש זענען געווען אַ זאַך שבכל יום. אָבער
אמת איז, אַז דאָס טעאַטער איז נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו די תנאים
געווען גוט אַוועקגעשטעלט; אמת איז, אַז די אַרטיסטן, די קינסטלער,
די מוזיקער האָבן געפילט אַ געזעלשאַפטלעכע אחריות און געאַרבעט
מיטן גאַנצן ערנסט.

במשך פון דער פּראָקלאַמירטער טעאַטער=וואָך זענען פאָרגעקומען 11
אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געוויזן זיין אַנטוויקלונג אויף אַלע געביטן
(פאָרשטעלונגען, סימפאָנישער אָרקעסטער, דזשאַז, יידישער און העב=
רעיִשער כאָרן אאוו.). די ברוטאָ=הכנסה פון טעאַטער האָט אין דעם
חודש איבערגעשטיגן 7.500 מאַרק.

דער בודזשעט פון טעאַטער איז געווען איינגעשלאָסן אין די פּאָזי=
ציעס פון קולטור=אָפּטייל פון יודענראַט. נאָכן אַראָפּרעכענען פון די
הכנסות פון טעאַטער די הוצאות — דאָס געצאָלט פאַר די אַרטיסטן,
מוזיקער און קינסטלער — פלעגט דער רעשט ריווח אָפּגעגעבן ווערן
די הילפס=אינסטיטוציעס אין געטאָ — דעם געזעלשאַפטלעכן הילפס=
קאָמיטעט און דער קאָמיסיע פאַר „ווינטער=הילף“ אין געטאָ. די סומעס
וואָס פלעגן צופאַלן די הילפס=אינסטיטוציעס זענען געווען גאַנץ באַ=
דייטנדיקע. אַזוי איז פון די דערמאָנטע 7.500 מאַרק הכנסות פון טע=
אַטער אין יאַנואַר 1943 אויסגעצאָלט געוואָרן דעם געזעלשאַפטלעכן
הילפס=קאָמיטעט 2.500 מאַרק און דער „ווינטער=הילף“ 1500 מאַרק.
אין פעברואַר 1943 האָט די ברוטאָ=הכנסה באַטראָפן 3.500 מאַרק,
פון דעם האָבן די ביידע הילפס=אינסטיטוציעס באַקומען 1.660 מאַרק.
אין מערץ — די ברוטאָ=הכנסה — 4.300 מאַרק. אויסגעצאָלט די דער=
מאָנטע אינסטיטוציעס 2000 מאַרק.

דער טעאַטער=אַנסאַמבל האָט געציילט איבער צוויי צענדליק שוי=
שפּילער, אין דעם פיל מיט אַ באַדייטנדיקן סצענישן סטאַזש. ס׳האָבן
אין אים געאַרבעט: רוטענבערג, לעאָן הערבסט, ש. בליאַכער, וואַניע
מיניץ, אסתר ליפּאָווסקי, יעקב בערגאָלסקי, גאָלדבערג, מוסיע בראָדסקי,
היהלע ראָזענטאַל, כתריאל ברוידאָ, ישראל ראַטבליום, שאַראָווסקי, גע=

גיע שאַפּיראָ, גורוויטש („די באָמבע“), ר. דובינסקי, י. סעגאַל, ר. עפּשטיין, בצלאל קרעמער, דאָרע רובין, דוקשטולסקי, פּימע שאַפּיראָ, ליזע כאָנעס, וויסקינד.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם סימפאָנישן אָרקעסטער (דיריגענט דירמאַשקין). אויך דעם עסטראַדע־אָרקעסטער (דיריגענט וועקסלער) מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז דאָס טעאַטער גופא האָט געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון זעלבן וועקסלער. דער גרעסטער טייל פאָרשטעלונגען זענען געגאַנגען אונטער מוזיק־באַגלייטונג.

אויסער די אויסגערעכנטע סצענישע פאָרמען איז נאָך געווען אַ חדשים דריי אין יאָר 1943 אַ באַזונדערע קליינקונסט־בינע אין אַ קאַוויאַרניע, אויף רודניצקער 13. דאָ פלעגן זיך צונויפקומען בעסער־סיטואירטע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט אָפּצאָלן פאַר אַ בילעט און באַנוצן זיך דערצו מיטן בופעט. די דאָזיקע קאַוויאַרניע האָט געהייסן „קאָנטיפּע“, נישט חס וחלילה, ווייל זי האָט געהאַט אַ באַלעבאָסטע אַ מרשעת, נאָר מחמת דעם, וואָס אין שטאָט איז אַמאָל געווען אַ רעסטאָראַן אונטער דעם נאָמען און אין געטאָ האָט מען זיך פלוצעם דערמאָנט אין אים און מחדש געווען דעם נאָמען. „קאָנטיפּע“ איז אָבער געווען צו האַרבע עברי פאַרן געטאָ־עולם, האָט מען צווישן זיך משנה שם געווען די קאַוויאַרניע אויף „די יאָגעניש אין פּאַס“, אויפן נאָמען פון אַ רעווי וואָס איז דאָ געגאַנגען („די יאָגעניש אין פּאַס“ האָט זיך גענומען פון פאַרגרייזן „דיאָגענעס אין פּאַס“). אַזאַ נאָמען איז דעם געטאָ געווען צוליב עפּעס מער ניחא ווי „קאָנטיפּע“.

אַז די דאָזיקע בינע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קולטור־אינסטיטוציע איז צו זען כאָטש פון דער רעצענזיע, וואָס די „געטאָ־ידיעות“ האָבן געשריבן וועגן דעם פּראָגראַם „אַמאָל און הייַנט“ וואָס איז דאָרט געגעבן געוואָרן:

> „ס'האָט זיך געפילט די מיטאַרבעט פון אַ סך גענייטע רעווי־שרייבער. מען האָט געהערט עטלעכע שיינע לידער, נישט שלעכט פאַראַפראַזירטע שפּריך־ווערטער. די וויצן זענען שוין געווען ווייניקער ענג־פערזענלעך. דער רעפעראַט וועגן געטאָ האָט פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל געזונטע סאַטירע. אינטערעסאַנט איז אויך געווען דאָס וואַנדער־ליד“.

די האָזיקע קליינקונסט־בינע, אויף אַ לייכט־אויפגעקלאַפּטער עסטראַדע, האָט דער עיקר געגעבן אַקטואַליען פון לייכטן זשאַנר. רעזשיסער איז דאָ געווען ראָזענבערג, אַן אָפּשטאַמיקער פון ווילנע, וועלכער איז יאָרנלאַנג געווען קאָנפעראַנסיע אויף דייטשישע בינעס און איז צוריקגעקומען אין זיין געבורטשטאָט ווי אַ פליט פון דייטשלאַנד. ליטעראַרישער לייטער און מחבר פון דעם גרעסטן טייל טעקסטן איז געווען שמערקע קאַטשערגינסקי, מוזיקאַלישע אָנפירערין — מאַריאַ קאָוואַרסקאַ. פון די אַרטיסטן ווייסן מיר די נעמען: יוטאַן, י. בורגין, זלאַטע קאַטשערגינסקי, ר. רודניצקי, סאַקער און די טענצערין ליזע כאָנעס. מוזיק צו די נומערן האָט געשריבן ברוידאָ. דער פּראָגראַם פלעגט געוויינלעך דויערן אָנדערהאַלבן שעה. אונדז זענען באַקאַנט דריי פּראָגראַמען: „מינוטן דריי“, „אַמאָל און היינט“ און „אַ געגנבעטער זייגער“. זיי פלעגן באַשטיין פון קליינע סצענקעס — „מינוטקעס“, קופּלעטן, דעקלאַמאַציע און סאָלאָטענץ.

ו. כאָרן

אַ גרויסע ראָל אין דער אַלגעמיינער קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ האָבן געשפּילט די כאָרן. ווילנע האָט אויך אויף דעם געביט געהאַט אַלטע טראַדיציעס. דער עלטסטער און באַקאַנטסטער כאָר איז געווען סליעפּס כאָר. א. סליעפּ, אַ מוזיק־לערער און דיריגענט איז נאָך אין די צייטן פון דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע פון דער שטאָט (1915—1918) געשטאַנען בראש פון „אַרבעטער־כאָר“. שפּעטער איז דער כאָר געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַרבעטער־כאָר ביי דער קולטור־ליגע“ און איבער אַ צענדליק יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַלס „ווילביג־כאָר“ (ווילביג — ווילנער בילדונגס־געזעלשאַפט). פאַר דער ראַטנמאַכט אין 1940 — 1941 האָט דער זעלבער כאָר געטראָגן דעם נאָמען „שטערן“ און איז געווען טעטיק ביי דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אָבער ווי דער דאָזיקער כאָר האָט נישט געהייסן איז ער אַלעמאָל געווען סליעפּס כאָר. אין זיין כאָר האָבן געזונגען טאַטעס און מאַמעס און קינדער. געווען כאָריסטן, וואָס האָבן ביי אים געזונגען, ווען זיי זענען נאָך יונגעלייט געווען און יאָרן שפּעטער האָבן אין אים געזונגען זייערע קינדער און אָפטמאָל צוזאַמען טאַקע מיט זייערע עלטערן. ער האָט אויסגעהאָדעוועט הונדערטער זינגער און אַריינגעטראָגן אַ געוואַלדיקן ביישטייער אין דער אַנטוויקלונג פון דער מוזיקאַלישער קולטור צווישן די יידישע פאָלקס־מענטשן.

די עפנטלעכע אַרויסטריטן פון סליעפּס כאָר, צוזאַמען מיטן סימפאָנישן אָרקעסטער, פלעגן תמיד זיין פייערלעכע מאַניפעסטאַציעס פון דער יידישער מוזיקאַלישער קולטור אין ווילנע. דער רעפּערטואַר איז געווינלעך געווען אַ קלאַסישער און די קינסטלערישע אויספירונג האָט זיך געפונען אויף אַ הויכן ניוואָ. ווילנע האָט שטאָלצירט מיט סליעפּס כאָר.

געווען אויך אַ צווייטער יידישער כאָר, וואָס האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע. דאָס איז געווען דער שילער־כאָר פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע,

אָנגעפירט דורכן לערער יעקב גערשטיין און אין פֿאָלק האָט מען אים פּראָסט=פּשוט גערופֿן „גערשטיינס כאָר“. אָבער קיינער געדענקט נישט, אַז אין ווילנע זאָל האָבן ווען=נישט=איז געווען אַן אָנגעזעענער העברעישער כאָר. צום ערשטן מאָל איז אַזאַ כאָר געגרינדעט געוואָרן אין ווילנער געטאָ.

קודם כּל האָט זיך געגרינדעט אַ יידישער כאָר — טאַקע סליעפּס כאָר. די ערשטע זינגער זענען געווען זיינע אַלטע לעבנגעבליבענע כאָריסטן, ער איז געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם קולטור=אָפּטייל פֿון יודענראַט. שפּעטער=צו האָט די העברעישע אָרגאַניזאַציע „בני=ברית“, וואָס האָט אַנטוויקלט אין געטאָ אַ לעבעדיקע טעטיקייט, געגרינדעט אַ העברעישן כאָר. דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פֿונעם אַלטן העפּטיקן קאַמף צווישן יידיש און העברעיש, וואָס איז אין ווילנע אָנגעגאַנגען באַזונדערס אינטענסיוו. דער העברעישער כאָר האָט געקראָגן די פֿולע אונטערשטיצונג פֿון דער געטאָ=אַדמיניסטראַציע און דער עיקר טאַקע פֿון גענסן אַליין — דעם יודען=עלטסטן און פּאָליציי=שעף.

די דירעקטע איניציאַטאָרן זענען געווען באָרע פּרידמאַן און דימענטמאַן (דער פֿאַרוואַלטער פֿון שול=אָפּטייל ביים יודענראַט). דעביוטירט האָט דער העברעישער כאָר דעם 12=טן יולי 1942 אויף אַ ביאַליק=אַקאַדעמיע, איינגעאָרדנט דורך „בני=ברית“ (די דאַטע גיט אָן די העברעישע לערערין גיטע מוליער, וועלכע האָט אין אים געזונגען פֿונעם ערשטן טאָג פֿון אַנשטיין פֿון העברעישן כאָר. לויט אַנדערע מקורות איז דער קאָנצערט פֿאָרגעקומען דעם 22=טן אויגוסט).

אונטערן אָנפֿיר פֿון דורמאַשקין האָט זיך דער העברעישער כאָר גוט אַנטוויקלט. אין דער צאָל זינגער האָט ער כמעט אָנגעיאָגט דעם יידישן כאָר. לויט ציפֿערן וואָס האָבן זיך בשעתו געפֿונען אין אונדזער רשות, האָט דער יידישער כאָר געציילט 83 זינגער און דער העברעישער — 75. סליעפּס כאָר איז געגאַנגען מיט זיין אַלטן וועג — קלאַסישער רעפּערטואַר און יידישע פֿאָלקס=לידער. דער העברעישער כאָר האָט געזונגען אַ טייל פֿון דעם קלאַסישן רעפּערטואַר פֿון סליעפּס כאָר און אַ ריי ארץ=ישׂראלדיקע לידער. ווי אונדז איז באַקאַנט, האָט דער העברעישער כאָר צוגעגרייט פֿאַר דער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ דריי פּראָגראַמען. די ערשטע צוויי האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען, דער דריטער איז שוין עפֿנטלעך נישט פֿאַרגעטראָגן געוואָרן — דער כאָר איז ליקווידירט געוואָרן צוזאַמען מיטן געטאָ.

דער העברעישער כאָר האָט זיך אונטערשיידט פון ייִדישן קודם כּל אויסערלעך. פאַר אַלע כאָריסטן איז געווען אָבליגאַטאָריש איין קאָסטיימירונג: פאַר מענער — ווייסע בלוזעס און גראַנאַט־הויזן, פאַר פרויען — ווייסע בלוזקעס און גראַנאַטענע קליידלעך. בעת קאָנצערטן פלעגן זיי אָנשטאָט דער געלער לאַטע טראָגן אַ קינסטלעריש־אויסגעפירטן עמבלעם מיטן מגן דוד אין דער מיט. דער העברעישער כאָר פלעגט צו קאָנצערטן גיין דורך די גאַסן אין געשלאָסענע רייען אונטער אַ קאָמאַנדע. די יוגנט, וואָס האָט זיך אין אים באַטייליקט, איז געווען צום כאָר שטאַרק צוגעבונדן. דער כאָר איז געווען פאַר זיי די צווייטע היים. זיי פלעגן איינאָרדענען אייגענע מסיבות, באַגעגענישן, שמועסן. די הכנסה פון די קאָנצערטן פלעגט גיין פאַר זיינע אייגענע הצטרכותן און אויף שטיצע פאַר די נויטבאַדערפטיקע כאָריסטן. די כאָריסטן (סיי פון ייִדישן, סיי פון העברעישן כאָר) זענען לגבי דער איבעריקער באַפעלקערונג געווען פריווילעגירט מיט דעם, וואָס זיי פלעגן נישט געשיקט ווערן אויף אַרבעט אויסער דער שטאָט. צו די פּראָבעס פלעגט מען די, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין געטאָ גופא, באַפרייען פון דער אַרבעט און חוץ דעם האָט יעדער כאָריסט באַקומען צוגאָבלעך אַן איבעריקן קילאָ ברויט פאַר דריי רובל.

דער העברעישער כאָר האָט איינגעפירט ביי זיך אַ שטרענגע דיסציפּלין. פאַר נישט קומען דריי מאָל אויף פּראָבעס אָן באַגרינדעטע סיבות, פלעגט מען אויסגעשלאָסן ווערן. און דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט. קיינע שום געשעענישן האָבן נישט געקאָנט שטערן דער נאָרמאַלער אַרבעט פון כאָר. ער האָט זיך געמוזט פאַרנעמען אין די באַשטימטע טעג — דריי מאָל אין וואָך — און אין די באַשטימטע שעהן — פון 9 אָוונט ביז נאָך דער פּאָליציי־שעה. ווען דאָס געטאָ איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז ס'זענען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע און דרייסיק בריגאַדירן, קאָלאָנען־פירער און מיטגלידער פון זייערע משפּחות (צוליבן אַנטלויפן פון אַ גרופּע אַרבעטער פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד) — האָט דער כאָר ווי קיינמאָל גאָרנישט געזונגען. דער אויפגערעגטער עולם האָט זיך געריסן אויסצוהאַקן די שויבן, געזידלט און געשאָלטן — דער כאָר האָט געזונגען. כּדי צו קאָנען גיין נאָך די פּראָבעס אומגעשטערט אַהיים פלעגט די כאָריסטן אָנגעזאָגט ווערן דער נאַכט־פּאַראָל.

פונעם גרויסן העברעישן כּאַר איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ קלענע־רער (אונטערן אָנפיר פון באַקאַנטן ווילנער באַס, שאַרף). דער קלענע־רער כּאָר פלעגט זיך באַטייליקן אין אַלע פּראַגנשטאַלטונגען וואָס דער „ברית עברית" פלעגט איינאָרדענען: יום־טובים, אַקאַדעמיעס, רעפּע־ראַטן, יובילייען, בענעפיסן און אויך, ווי דער יידישער, אין די אַז. גער. „אַרבעטער־אווידיטאָריעס".

דער העברעישער כּאָר איז אויך געווען די באַזע פאַר אַ העברע־אישער דראַמאַטישער סעקציע פון 25 פּערזאָן. זי האָט צוגעגרייט אַ פּאָרשטעלונג „יהודי הנצחי", וואָס איז אין טעאַטער איבערגעחזרט גע־וואָרן פיל מאָל (אין די חדשים יוני און יולי 1943). די פאָרשטעלונג האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי די העברעיש־אָנהענגער. די „גע־טאָ־ידיעות" האָבן וועגן דעם געשריבן:

> „מען דאַרף געדענקען, אַלע פון זיי (פון די סטו־דיאַנטן) אַרבעטן און נאָר אַדאַנק זייער גרויסער איבער־געגעבנקייט צו דער העברעישער שפּראַך און צו דער יידי־שער אויסלייז־אידעע האָבן זיי זיך געקאָנט דערשלאָגן צו אַזוינע רעזולטאַטן".

און דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט פּאַטאָס:

> „אַזאַ פּרעכטיק העברעיש שפּילן האָט מען אין ווילנע קיינמאָל נישט געזען".

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין ווילנע איז פאַר דער מלחמה געווען אַ העברעישע דראַמאַטישע סטודיע, מיט טאַלאַנטירטע כּוחות, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט געבן שיינע אויפפירונגען. דער רעצענזענט פון די „געטאָ־ידיעות" האָט עס נישט געקאָנט וויסן, ווייל ער האָט דאַן גע־לעבט אין קאָוונע.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די העברעיסטן האָבן אין געטאָ אַרויס־געוויזן אַ פיל מער אינטענסיווערע טעטיקייט ווי פאַרן קריג. אָבער אויך דאָ אין געטאָ האָבן זיי זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן, ווי פאַרן קריג די מיליטאַנטישע „בני יהודה", אַז זייערע נאָכפאָלגער זאָלן באַנוצן העב־רעיש אין טעגלעכן אומגאַנג. דערפאַר האָבן זיי אָבער מיט נאָך מער

חשק קולטיווירט דאָס לשון אויף דער בינע. מיר שטעלן זיך ברייטער אָפּ אויפן העברעישן כאָר, ווייל ער איז געווען אַן אויפטו פון געטאָ — אַ נייע דערשיינונג. דער יידישער כאָר האָט שוין געהאַט זיינע אַלטע טראַדיציעס, זיינע קאַדרען, זיין רעפּערטואַר, זיין אופן אַרבעט און אין געטאָ גאָר ממשיך געווען דאָס, וואָס איז געוואָרן קולטיווירט מכמה וכמה יאָרן.

ז. אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס

די אַלע, ביז איצט אַרומגערעדטע קולטור־אינסטיטוציעס אין ווילנער געטאָ האָבן זיך געפונען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון יודענראַט. ס'זענען אָבער געווען נישט ווייניק קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געפירט אַן עפנטלעכע אַרבעט און נישט געווען אונטערגעאָרדנט דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, נאָר בלויז גענאָסן פון איר הילף און מאַטעריעל־מאָראַלישער דערמוטיקונג. צו אַזוינע דאַרפן פאַררעכנט ווערן די פאַר־אייניקונג פון ליטעראַטן, קינסטלער און אַרטיסטן, דער פאַראייניקטער לערער־פאַריין (וועגן וועלכן מיר האָבן שוין געשריבן), די אָרגאַניזאַציע „ברית עברית", די וויסנשאַפט־קרייזן, די אַרבעטער־אווידיטאָריעס (איינ־געאָרדנטע דורכן „בריגאַדירן־ראַט"), די דאָקטוירים־פאַראייניקונג א. א., וועמענס קולטור־אויסווירקונג האָט זיך שטאַרק געלאָזט שפּירן אין געטאָ.

מיר וועלן דאָ נאָר פּרוּוון אין אַלגעמיינע שטריכן געבן אַ כאַראַק־טעריסטיק פון דער אַרבעט פון אַ טייל פון זיי. מיר האַלטן עס פאַר זייער אינטערעסאַנט, וואָרום דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער קולטור־פיזיאָנאָמיע פון ווילנער געטאָ, וועלכער איז געווען, אָן שום ספק, גלענצנד אָרגאַניזירט און געהאַט זייער גרויסע אַמביציעס.

די וויכטיקסטע פון די אַלע אויסגערעכנטע איז געווען די „פ א ר־א י י נ י ק ו נ ג פ ו ן ש ר י י ב ע ר, ק י נ ס ט ל ע ר א ו ן א ר ט י ס ט ן". ס'דאַרף אָפּגעמערקט ווערן, אַז אין געטאָ זענען אי־בערגעבליבן זייער ווייניק שרייבער. גאָר אַ קליינער טייל האָט זיך באַוויזן צו עוואַקואירן, דער גרעסטער טייל איז אומגעבראַכט געוואָרן אין די ערשטע הרישים אָקופּאַציע, ביזן אַריינטרייבן אין געטאָ. עס זענען שוין גע־ווען פאַרשניטן פון עלטערן דור שרייבער: א. י. גראָדזענסקי, משה שאַליט, רובינאָוו, שניידער א. י. גאָלדשמידט א. אַנד. פון די ייִנגערע זענען אומגעבראַכט געוואָרן: דוד אומרו, משה לעווין, שלום זשירמאַן, שמשון כהן, חיים סעמיאַטיצקי (וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין ווילנע)

און אַ ריי אַנדערע. די לעבן־געבליבענע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין געטאָ, זענען געווען דעפּרימירט, איבערגעלאָזן אויף זיך אַליין.

דער געדאַנק צו שאַפן אַזאַ פאַראייניקונג איז אויפגעקומען באַלד נאָכן ערשטן קאָנצערט אין געטאָ. פּונקט ווי די לערערשאַפט, האָט אויך די שעפערישע אינטעליגענץ זיך געוואָלט האַלטן צוזאַמען, האָבן איר מסיבה, האָבן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אַרויסהעלפן אין נויט און מינערן די שרעקלעכע איינזאַמקייט און עלנטקייט. אין פעברואַר 1942 איז די דאָזיקע קערפּערשאַפט געשאַפן געוואָרן און זיך באַלד געשטעלט ברייטערע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן: אַקטיוו ביישטייערן צו דער קולטור־אַרבעט אין געטאָ. די רשימה פון מיטגלידער האָט אַרומגעכאַפט עטלעכע צענדליק פערזאָן, צווישן זיי אַזוינע וואָס האָבן פריער, פאַר דער מלחמה, נישט פרעטענדירט נישט אויף דער שרייבערישער מלאכה, נישט אויפן טיטל שרייבער. מען איז געווען זייער מילד ביים אָננעמען מיטגלידער און האָט ער געהאַט וואָסער נישט איז שייכות צו איינעם פון די באַרופן פון דער פאַראייניקונג, איז ער אָן שוועריקייטן אָנגענומען געוואָרן. באַלד נאָך די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַראַטונגען האָט מען דעם טראָפּ פון דער אַרבעט געשטעלט אויף איינאָרדענען ליטעראַריש־קינסטלערישע אימפּרעזעס. פון די פּראָטאָקאָלן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך אויפגעהיט, איז צו זען, אַז קולטור־אימפּרעזעס זענען געוואָרן דער וויכטיקער אַספּעקט פון דער אַרבעט. נאָר עטלעכע ביישפּילן:

פרייטיק, 1־טער מאַי, 1942. זיצונג פון פאַרוואַלטונג. פראַגן: 1. ש״ע־אַקאַדעמיע, 2. פאַרשיידענע. צום פּונקט 1. איז אַרומגערעדט געוואָרן דער פּראָגראַם פון דער אַקאַדעמיע. צום פּונקט 2. — אַ פאָרשלאָג וועגן אַ פרילינגס־אָוונט.

מאָנטיק, 4־טן מאַי, 1942: 1. ש״ע־אַקאַדעמיע, 2. מוזיק־אָוונט, 3. ווייטערדיקע אָוונטן. 4. פינאַנסיעלע הילף, 5. ווענדונגען, 6. פאַרשיידענע. און אָט זענען די באַשלוסן: מוזיק־אָוונט דעם 7־טן מאַי. „שלמה מולכו“ — דעם 16־טן מאַי, עס פירט גלאַזמאַן, רעפעראַט — פעלדשטיין, דעם 28־טן מאַי — שבועות־אָוונט — מגילת רות, רעפעראַט גלאַזמאַן. פינאַנסיעלע הילף — אַ פרימאָרגן פאַרן פאַרבאַנד. ווענדונגען: אָנגענומען אברהם גאָרעליק, י. טורבאָוויטש.

דעם 12־טן מאַי 1942 קומט פאָר אַ ווייטערדיקע זיצונג, אויף וועלכער ס׳ווערט אַרומגערעדט די אָפּגעטוענע אַרבעט און נאָענטסטע פּלענער. פון דער געפירטער אויף דער זיצונג דיסקוסיע: „גלאַזמאַן — טראַ־

פּיאַנסקים רעפעראַט געלונגען. לעוויצקי (ליובע) האָט נישט געדאַרפט זינגען. ביי אונדז דאַרף מען קיין דייטש נישט זינגען. געווען איינגאַנצן 50 מענטשן. נישט אינטערעסאַנט. גערשטיין: מען דאַרף נישט שטערן אַרבעטן, קיין שייכות נישט (די צאָל מענטשן). זינגען דאַרף מען יידיש. קרוק (הערמאַן): מען דאַרף וויסן, וואָס מען זאָגט. 150 ערטער (ד. ה. נישט 50). מען דאַרף באַשטימען אַן אָרדנער — שאַדאָווסקין, דער פֿי־רער פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אָוונט, איינלאַדונגען (דאַרפֿן קאָסטן) 2 רובל. באַשלאָסן: קרוק זאָל אָרגאַניזירן 2 אָוונטן. 1. דאָס קינד אין דער יידישער ליטעראַטור. קאָנקורס פֿון לייענען דריי לידער; 2. אָוונט פֿון יידישן פֿאָלקס־ליד. אָנגענומען דעם פּראָגראַם פֿון דער ש״ע־אַקאַדעמיע, אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פֿאַר גשמיות (גלאַזמאַן, שאַדאָווסקי, בליאַ־כער). ווייטערדיקע אָוונטן: „קידוש השם אין דער יידישער ליטעראַטור" — רעפֿערענט טורבאָוויטש, עם פֿירט — פֿעלדשטיין, אָוונט געווידמעט די מוסרניקעס (חיים גראַדעס, קענטיק) — פֿירט קאַלמאַנאָוויטש, אָוונט געווידמעט יונג־ווילנע — פֿירט בערנשטיין.

ווי ס'איז צו זען שוין פֿון די עטלעכע פּראָטאָקאָל־אויסצוגן איז די אַקטיוויטעט פֿון דער פֿאַראייניקונג געווען גאָר אַ באַדייטנדיקע. אין קאַ־גע דריי חדשים זענען דורכגעפֿירט געוואָרן אַזש 16 אימפּרעזעס (פֿאַר דער מלחמה איז אַזאַ קולטור־אַקטיוויטעט פֿון שפּעטערישע אָרגאַניזאַציעס געווען אוממעגלעך).

ס'קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, אַז די פֿאַראייניקונג האָט אַ שטום געטאָן פֿאָרויס די גאַנצע קולטור־אַרבעט אין געטאָ, געווען די טאָנגעבערין. זי האָט איינגעאָרדנט גרויסע אַקאַדעמיעס, צענדליקער רע־פֿעראַטן, שמועסן, אָוונטן, פּרימאָרגנס, מיטגעאַרבעט מיטן טעאַטער, גע־געבן רעפֿערענטן (דער פּאָעט סוצקעווער איז געווען דער ליטעראַרישער לייטער פֿון טעאַטער). קיינמאָל איז נאָך צווישן טעאַטער און שרייבער נישט געווען אַזאַ ענגע צוזאַמענאַרבעט.

פֿון די הכנסות, וואָס די אימפּרעזעס פֿלעגן אַריינברענגען, פֿלעגט אויסגעטיילט ווערן הילף פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע מיטגלידער און פֿאַר די משפּחות, אלמנות און יתומים פֿון אומגעבראַכטע שרייבער, קינסט־לער, מוזיקער, אַרטיסטן, אָדער פֿאַר די אין געטאָ איבערגעבליבענע משפּחות פֿון שרייבער און אַרטיסטן, וואָס האָבן זיך עוואַקוּאירט. חוץ די הכנסות פֿון אימפּרעזעס האָט די פֿאַראייניקונג געקראָגן אויך סוב־סידיעס פֿונעם יודענראַט. פֿאַרשטייט זיך, אַז סיי די הכנסות, סיי די

סובווענצן זענען נישט געווען אַנטשפּרעכיק צו דער נויט, דאָך האָבן זיי באַדייטנדיק געהאָלפֿן דורכשטופּן די צייט. די הכנסות פֿון אימפּרעזעס זענען געווען, פֿאַרהעלטנישמעסיק, גאָרנישט קיין קליינע. פֿון קליינע אונטערנעמונגען פֿלעגן אַריינקומען טאַקע 100, 120, 200 און אַפילו 48 רובל (דעם 16־טן מאַי), אָבער גרעסערע פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿלעגן אַריינברענגען גאַנץ היפּש: דער ש״ע־פּרימאָרגן האָט אַריינגעבראַכט 1825 רובל, אַ פּרײַז־אַקאַדעמיע — 2290 רובל, אַן אַנדער אונטערנעמונג האָט אַריינגעבראַכט אַזש 4470 רובל. פֿאַראַן אַפילו אַזאַ הכנסה: 1234 רובל פֿון די עליות פֿון אַרטיסטן־מנין (דעם 1־טן אָקטאָבער 1942). די סובווענצן פֿלעגן געגעבן ווערן פֿון צייט צו צייט. דעם 17־טן פֿעברואַר 1942 באַקומען פֿון יודענראַט 3900 רובל (קענטיק די ערשטע סובווענץ), דעם 7־טן מערץ — 4.700 רובל. הילף פֿלעגט געגעבן ווערן אין פֿאָרם פֿון שטיצע און אין פֿאָרם פֿון הלוואות. הלוואות — מערסטנס מיטגלידער באַשעפֿטיקטע ביי אַן אַרבעט.

די פֿאַראייניקונג האָט אַרומגענומען שרייבער און קינסטלער פֿון סאַמע רעכטס ביז סאַמע לינקס — דעם רעוויזיאָניסט גלאַזמאַן, ווי דעם קאָמוניסט אָפּעסקין. פֿאַראַן נאָטיצן, פֿון וועלכע ס'איז צו זען, אַז די מוזיקער האָבן געהאַט אַ באַזונדערע פֿאַראייניקונג, אָבער קיין ספֿק נישט, אַז גלייכצייטיק זענען זיי געווען מיטגלידער אין דער אַלגעמיינער פֿאַראייניקונג, וואָרום אין דער רשימה פֿון אויסגעטיילטער הילף פֿיגורירן אויך מוזיקער.

נאָך אַ יאָר טעטיקייט פֿון דער פֿאַראייניקונג פֿון שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן (וואָס איז ווי אַלע יאָרטאָגן פֿייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן) האָט מען אויסגעפֿונען אַז אַנדער, מער בכבודיקע פֿאָרם פֿון אונטערשטיצן די שעפֿערישע אינטעליגענץ. אַזוי דערוויסן מיר זיך פֿון אַ דאָקומענט, אַז אויף אַ פֿאָרשלאַג פֿון דער ליטעראַטן־פֿאַראייניקונג איז דער געטאָ־פֿאָרשטייער מסכים געווען אונטערצושטיצן באַזונדערע ליטעראַטן און קינסטלער דורך אָפּקויפֿן זייערע ווערק געשאַפֿענע אין געטאָ. אויפֿן חודש מערץ (1943) איז אין יודענראַט פֿאָרויסגעזען אויף דעם צוועק 1000 מאַרק *). דער פּאָעט סוצקעווער, פֿאַר זיינע דריי פּאָעמעס „דאָס קבר־קינד“, „דריי רויזן“ און „כל נדרי“ האָט געקראָגן

*) די דייטשן האָבן איינגעשטעלט: 1 מאַרק איז 10 רובל. ביידע וואַלוטעס זענען אַנגעגאַנגען אין ווילנע אין דער גאַנצער צייט אָקופּאַציע.

אַן אונטערשטיצונג פון 500 מאַרק. אַנדערע האָבן באַקומען קלענערע סומעס, דהיינו: ד״ר י. גאַרדאָן — אַן אַוואַנס פאַר אַ פילאָזאָפיש ווערק, חייקל לונסקי פאַר אַ ביבליאָגראַפישער אַרבעט און ש. בליאַכער ווע־גן פאַרלוירענע אין קריג טעאַטער־קינסטלער.*)

פון אַ חודש־באַריכט פון קולטור־אָפּטייל ביים יודענראַט דערוויסן מיר זיך, אַז:

„די ליטעראַטן־פאַראייניקונג האָט ווייטער צוגע־שטעלט אַרבעטן פון אירע מיטגלידער, כדי צו באַקומען האָנאָראַר פון געטאָ־פאַרשטייער דורך דער קולטור־אָפּ־טיילונג. ד״ר י. גאַרדאָן האָט פאַרטיק געמאַכט דעם ערשטן קאַפּיטל פון אַ פילאָזאָפישער אַרבעט („די אַפּריאָ־רישע יסודות פון דער געשיכטע“) און באַקומען אַ ווי־טערדיקן האָנאָראַר. יעקב שער האָט צוגעשטעלט פאַר אַ באַשטימטער זשורי זיין אַלבאָם „ווילנער געטאָ“ און די זשורי האָט אויסגעקליבן 10 צייכענונגען. לייב טורבאָ־וויטש האָט אָנגעשריבן די ערשטע פיר קאַפּיטלען פון אַ גרויסער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון יידן אין ווילנע און באַקומען אַ גרעסערן האָנאָראַר (500 מאַרק). די פאַרוואַלטונג פון דער ליטעראַטן־פאַראייניקונג באַהאַנדלט זייער שטרענג די צוגעשטעלטע אַרבעטן און אויף איר לעצטער זיצונג זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן פאַרשידענע אַרבעטן פון 6 מחברים“.

ווי ס׳איז צו זען פון דאָס פריער־געזאָגטע איז די קולטור־אַרבעט און די מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פאַר דער שעפערישער אינטעליגענץ גע־ווען קאָנגזייטיק פאַרבונדן. מ׳האָט געגעבן קמח, כדי אין געטאָ זאָל זיין תורה. חוץ די דערמאָנטע האָנאָראַרן און סובווענצן פלעגן פון צייט צו צייט אויך אויסגעטיילט ווערן סומעס צו סטימולירן די אַרבעט פון באַ־זונדערע טוער. אַזוי, דהיינו, האָט אין 1942 די פאַרוואַלטונג פון דער פאַראייניקונג באַקומען 3400 רובל, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן צווישן הערמאַן קרוק און אברהם סוצקעווער פאַר זייער ליטעראַרישער טעטי־

*) בליאַכערס אַרבעט האָט זיך על פי נס אויפגעהיט און איז אַרויסגע־געבן געוואָרן דורך לייזער ראַן אין ניו־יאָרק א. נ. „צוואַנציק און איינער“ אין יאָר 1962.

קיים אין געטאָ (קרוק האָט זיך פון באַקומענעם אָפּגעזאָגט לטובת די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער) *). גענס איז געווען צו דער שעפערישער אינטעליגענץ גענוג פרייגיביק און זיך באַמיט צו קריגן אין איר אַן אָנשפּאַר, וואָס ס'האָט זיך אים אויך איינגעגעבן. ער האָט געוואָלט גילטן פאַרן מעצענאַט פון דער יידישער קולטור: 14 מיטגלידער פון דער פאַראייניקונג האָבן באַקומען שיינען נאָך דער אינטערווענץ פון דער פאַרוואַלטונג. 60 פּערזאָן האָבן באַקומען בעסערע אָוונטברויטן.

אין אויגוסט 1942 האָט גענס איינגעפירט די אינסטיטוציע פון קאָנקורסן. דער ערשטער קאָנקורס אין געטאָ איז געווען אויף אַ ליטעראַריש ווערק. די אַרבעטן האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן ביזן 28-טן אויגוסט, אָבער דער טערמין איז פּראָלאָנגירט געוואָרן ביזן 5-טן סעפּטעמבער. אין דער זשורי זענען באַשטימט געוואָרן: ד"ר צ. פעלדשטיין, ז. קאַלמאַנאָוויטש, לייב טורבאָוויטש, ברוך לובאָצקי און ל. בערנשטיין. פּרעמיירט האָט מען דריי: דעם ערשטן פּריז פאַר אַ געטאָ-ליד האָט באַקומען די דיכטערין לאה רודניצקי, דעם צווייטן — דימענטמאַן (פאַר אַן אַרבעט אין העברעיש), דעם נאָמען פון דריטן פּרעמירטן איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. די פּרעמיעס זענען באַשטאַנען, ווי ס'האָבן דערציילט לעבנגעבליבענע עדות, פון 10 און 5 גאָלדרובל.

דעם 18-טן דעצעמבער 1942 איז באַשטימט געוואָרן א קאָנקורס אויף ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע און פּלאַסטישע שאַפונגען אין געטאָ. די טעמעס האָבן געקאָנט זיין באַליביקע. דער טערמין פון צושטעלן — ביזן 31-טן יאַנואַר 1943. פאַר יעדן געביט זענען באַשטימט געוואָרן דריי פּרעמיעס — צו 300, 200 און 100 מאַרק. ווי עס פירט זיך ביי קאָנקורסן האָט מען די ווערק געדאַרפט אָנגעבן אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן מיט קריפּטאָנימען. פאַר יעדן געביט איז באַשטימט געוואָרן אַ באַזונדער־ע זשורי-קאָמיסיע.

די זשורי פאַר מאָלעריי (אינזש. סמאָרגאָנסקי, פרוי אינזש. ראָם און אינזש. ראַבינאָוויטש) האָט דעם 7-טן פעברואַר 1943 געפּסקנט, אַז קיין איינע פון די צוגעשטעלטע אַרבעטן איז נישט ווערט די ערשטע פּרעמיע און דעריבער זיי פאַרטיילט אויף אַזאַ אופן: רחל סוצקעווער

---

*) פּערסאָנעלע אונטערשטיצונגען האָבן אַ ריי פּערזאָן (באַזונדערס ז. קאַלמאַנאָוויטש) באַקומען אויך דורך שליחים פון וואַרשע, ווי ס'זאָגט עדות די קאָרעספּאָנדענץ צווישן קאַלמאַנאָוויטשן און יצחק גיטערמאַן פון „דזשוינט“.

פֿאַרן „פּאָרטרעט פֿון אַ מאַן“ — 250 מאַרק, פֿאַר גבריאל סעדליס „וועלכער האָט אַלע געגעבענע פֿון טאַלאַנט“ — 150 מאַרק, מוטן — „פֿאַר אַרויסגעוויזענע פֿעיקייטן“ — 100 מאַרק, ס. וואָלצן „פֿאַר געוויסע פֿעיקייטן“ — 50 מאַרק.

די זשורי פֿון ליטעראַרישן קאָנקורס (פֿעלדשטיין, ב. לובאָצקי און ה. קרוק) האָט פֿון 13 צוגעשטעלטע אַרבעטן פּרעמירט (אויף דער זיצונג דעם 12-טן פֿעברואַר 1943) פֿיר פֿאָלגנדיקע: לייב אָפּעסקין פֿאַר אַ ליד וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פֿאַר דאָס רייפֿסטע — 250 מאַרק, יצחק דויטשערן פֿאַרן ליד „אַ בליק אין דעם קיום“ און פֿאַר אַן עסיי — 200 מאַרק, הירש גליק פֿאַר דער „באַלאַדע פֿון ברוינעם טעאַטער“ — 100 מאַרק, די 4-טע — 50 מאַרק — ב. קאַרנאָ, פֿאַר דער איינציקער אַרבעט אין העברעיש, דערפֿאַר „ווייל דער מחבר באַהערשט סיי דאָס מאָדערנע, סיי דאָס אַלטע העברעיש“ און „האָט אַריינגעלייגט אַ סך פֿלייס“.

די זשורי פֿון מוזיקאַלישן קאָנקורס (א. סליעפּ, ט. הירשאָוויטש און ש. בייקין) האָט דעם 13-טן פֿעברואַר 1943 באַשלאָסן צו פּרעמירן פֿאָלגנדיקע צוגעשטעלטע אַרבעטן: וואָלף וועקסלערס „מאָצאַרטיאַדע“ (300 מאַרק), וואָלף בעקער פֿאַר אַ „וואַלס“ (100 מאַרק) און וואָלקאָווסקי פֿאַרן „געטאָ-ליד“ און „מעלאָדיע מיט וואַריאַציעס“ — 50 מאַרק. דער לעצטער איז דאַן אַלט געווען 11 יאָר. זיין „געטאָ-ליד“ איז געווען זייער פּאָפּולער און שטאַרק געזונגען געוואָרן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דער באַפֿרייונג.

און אַז די אינסטיטוציע פֿון קאָנקורסן איז איינגעפֿירט געוואָרן, האָט מען זי שוין אויסגעברייטערט אויך אויף אַנדערע געביטן: געלט-פּרעמיעס פֿאַר די פֿעיקסטע שילער (צו 5 פּרעמיעס פֿאַר יעדער שול), פּרעמיעס און מתנות פֿאַר אַרבעטער „וואָס דערפֿילן דעם חוב לגבי דעם געטאָ“, אפֿילו אַ קאָנקורס אויף מעבל.

און ווי אַלץ אין ווילנער געטאָ זענען אויך די קאָנקורסן געווען גלענצנדיק אָרגאַניזירט און געהאַט זייער פֿייערלעכן הויכפּונקט. דעם 26-טן פֿעברואַר 1943 איז פֿאָרגעקומען אין טעאַטער אַן עפֿנטלעכער אָוונט לכבוד די פּרעמירטע. אין אָפֿיציעלן טייל זענען אויסגעפֿירט געוואָרן די פּרעמירטע ווערק. די פּרעמירטע מאָלעריי-אַרבעטן זענען געוויזן געוואָרן אין די ראַמען פֿון אַ נייער אונטערנעמונג — אַ קונסט-אויסשטעלונג אין פֿאָיע פֿון טעאַטער, וואָס איז געעפֿנט געוואָרן דעם 28-טן מערץ. אין דער אויסשטעלונג, וואָס אירע אַרבעטן זענען פֿריער קוואַליפֿיצירט געוואָרן

יורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע (אינזש. ראָם, אומאַ אָלעקניצקאַ און נתן באַראָווסקי), האָבן זיך באַטייליקט: רחל סוצקעווער, יודל מוט, י. שער, דרעזין, אַ 9־יאָריקער צייכענער באַק, דער 14־יאָריקער מאָלער וואָלמאַרק, סעדליס, ווייזער. חוץ דעם זענען געוויזן געוואָרן טיילן פון פּלאַסטישן פּלאַן פון ווילנע (אַ וווּנדערלעך דעטאַליזירטע אַרבעט אין גיפּס, אין וועלכער די גאַנצע שטאָט איז ווי אויף דער האַנט — גאַסן, סקווערן, מויערן אין אַ גענויע קאָפּיע פון זייער אַרכיטעקטור. דער פּלאַן האָט זיך אויפגעהיט און געפינט זיך אין דער אַרכיטעקטור־פאַרוואַלטונג פון ווילנער אויספירקאָמיטעט), מאָדעל־מיניאַטורן פון מעבל און אַן עסקיז פון אַ דעקאָראַטיווער פּאַנאָ.

אין אַפּריל 1943 איז אויך דערקלערט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַ סצעניש ווערק. צי ער איז צושטאַנדגעקומען איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

דער וויסנשאַפט־קרייז איז געווען כמו די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון געטאָ — ער האָט זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפט לשמה. ער איז באַשטאַנען פון 5 סעקציעס (מיט מער ווי צוויי צענדליק מיטגלידער): פאַר מאַטעמאַטיק און פיזיק, פאַר כעמיע, פאַר באַשרייבנדיקער נאַטורוויסנשאַפט, פאַר ליגוויסטיק און פאַר פילאָזאָפיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון קרייז איז געווען אַזאַ: יעדע סעקציע האָט אויסגעטיילט איר פאָרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג פון קרייז. יעדער פאָרשטייער האָט אָנגעפירט מיט דער סעקציע. בראש פון דער פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען זעליק קאַלמאַנאָוויטש.

די פּראַקטישע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין צוויי ריכטונגען: אַלגעמיינע אוידיטאָריעס — פאַר די מיטגלידער פון אַלע סעקציעס, און פאַכמענשע, ספּעציאַליזירטע פאָרלעזונגען — נאָר פאַר די מיטגלידער פון דער געגעבענער סעקציע. די אַלגעמיינע אוידיטאָריעס האָבן באַהאַנדלט טעמעס וואָס קאָנען אינטערעסירן אַלעמען. כדאַי אויסצורעכענען אַ פּאָר טעמעס פאַר די אַלגעמיינע אוידיטאָריעס. אַזוי האָט ד"ר פיינשטיין געלייענט אַ רעפעראַט „דער אָפּשטאַם פון יידן אין ליכט פון אַנטראָפּאָלאָגיע", פּרוי ביבער — „ירושהדיקייט". צו אַזעלכע אוידיטאָריעס פלעגן חוץ די מיטגלידער פון קרייז פאַרבעטן ווערן אויך זייטיקע פּערזאָנען — שרייבער, אַרטיסטן, לערער, טוער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, אַזוי, אַז זיי פלעגן זיין גאַנץ צאָלרייך באַזוכט.

פיל פון די מיטגלידער פון וויסנשאַפטס־קרייז האָבן גלייכצייטיק געהערט צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, למשל, ד״ר גאָרדאָן, פעלדשטיין, גלאַזמאַן, שעפטעל — אויך צו דער פאַראייניקונג פון שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן און צו „ברית עברית“. אַלע האָבן זיי געטאָן די זעלבע אַרבעט: איינגעאָרדנט מסיבות, פאַרשפרייט קולטור און וויסנשאַפט. אָבער כאָטש ס'האָבן געאַרבעט די דערמאָנטע 5 ענגע סעקציעס, האָט דער וויסנשאַפט־קרייז אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט אויך אויף אַנדערע געביטן — אָנגעהויבן מיט אַסטראָנאָמיע און געענדיקט מיט געשיכטע און פסיכאָלאָגיע, ווי מיר זעען עס פון די טעמעס פון די רעפעראַטן: שעפטעל: געטאָ אין מיטלאַלטער; מושקאַט: מאַסן־פסיכאָלאָגיע; ד״ר פיינשטיין: עטנאָגראַפיע, עטנאָלאָגיע און פאָלקלאָר; ד״ר מאָושאָוויטש: אינטעליגענץ און אינסטינקט ביי בעלי־חיים א. אַנד.

די אוידיטאָריעס, די פאָרלעזונגען, רעפעראַטן, שמועסן פון וויסנשאַפט־קרייז פלעגן פאָרקומען אין פאַרשידענע לאָקאַלן: אין די שולן, אין דער ליטעראַטן־פאַראייניקונג, אין טעאַטער, אין שפיטאָל און אפילו אין די קלויזן.

חוץ אַלגעמיינע מסיבות האָט יעדע געזעלשאַפט איינגעאָרדנט באַזונדערע. דער „ברית עברית בגיטו“ דהיינו — מסיבת חנוכה הגיגית, מסיבה מקודשת חיים ברענער, אַ ביאַליק־מסיבה א. אַנד. דער מזרחיסט אליעזר גאָלדבערג האָט אין יאַגיכעס קלויז געלייענט אין די זונטיקס איבער דריי צענדליק רעפעראַטן אויף טעמעס פון יידישער געשיכטע: „די מכבייער“, „טראַיאַנוס“, „די חשמונאים“, „בר כוכבא“, „די זוגות“ א. א. וו. אין די קלויזן פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן קאָלעקטיווע רעפעראַטן און סימפּאָזיומס, דהיינו אַ סימפּאָזיום א. ד. ט. „ביים שייטערהויפן“.

ס'זענען אין געטאָ אויך געווען זייער פאַרשפרייט לעבעדיקע צייטונגען. דער פאָליצײַ־אינספּעקטאָר מושקאַט האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ עטלעכע לעבעדיקע צייטונגען א. ד. ט. „דאָס געטאָ אין קרומען שפיגל“. לעבעדיקע צייטונגען זענען אָפט איינגעאָרדנט געוואָרן אין די כאָרן, אין יוגנט־קלוב, לערער־פאַריין און אויך אין אַנדערע אינסטיטוציעס. אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער צייטונג זענען אויך געווען די „פּ אָ ל ק ס־ג ע ז ו נ ט־ש מ ו ע ס ן“, וועגן וועלכע ס'איז געווים כדאי צו דערציילן אַ ביסל גענויער. ד״ר דוואָרזשעצקי האָט שוין וועגן דעם דערציילט אין זיין בראָשור „קאַמף פאַרן געזונט אין ווילנער געטאָ“. אָבער

די בראָשור נעמט אַרום דעם גאַנצן קאָמפּלעקס געזונטהייטס־פּראָגן און גיט זיך ווייניקער אָפּ מיט די פאָלקס־געזונט־שמועסן. יעדע איניציאַטיוו — איז זי נאָר אין געטאָ אויפגעקומען — איז זי שוין מיט גרויס עקשנות און צילגעווענדטקייט פאָרגעזעצט געוואָרן ווייטער.

„פאָלקס־געזונט“ איז געווען אַ פּאָפּולערער פאָלקס־מעדיצינישער זשורנאַל אין ווילנע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן און יאָרן לאַנג רעדאַגירט געוואָרן דורך ד״ר צמח שאַבאַד און געווען אַרויסגעגעבן דורך „טאָזע“. זיין ציל איז געווען פּראָפּאַגאַנדירן צווישן יידן היגיענע, איינפלאַנצן דעם געדאַנק פון פּראָפילאַקטיק, צווינגען דעם ברייטן עולם ערנסטער זיך צו באַציען צו פראַגן פון געזונט. דער זשורנאַל איז געווען אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער און באַליבט. דער זשורנאַל „פאָלקס־געזונט“ האָט אַרויסגעטריבן פון יידישע היימען פיל זאַבאָבאָנעס, איינרעדענישן, אומגעלומפּערטקייטן, שטאַרק צוגעהאָלפן צו פאַרבעסערן די שטוב־סאַניטאַריע און די פּערזענלעכע היגיענע.

אין געטאָ איז פּראָפילאַקטיק געווען אַ צענטראַל פּראָבלעם. דאָ האָט געהערשט פעסט די איבערצייגונג, אַז אויב אין געטאָ וועלן זיך פאַרשפּרייטן עפּידעמישע קראַנקהייטן איז זיין גורל געחתמעט. און דאָס געטאָ איז דווקא געווען פּונקט ווי געבוירן פאַר עפּידעמיעס: אַ היימלאָזע מאַסע — אַן אָפּגעריסענע, אַ פאַרהאָרעוועטע, אויסגעשעפּטע, אָפּגעלאָזענע, אויף אַלץ מיט דער האַנט אָוועקמאַכנדיקע. די ענגשאַפט — אַן אומבאַשרייבלעכע, אָן בעטגעוואַנט, צו עטלעכע פּערזאָן אין איין בעט; אין פינצטערניש, אין דלות, אין דחקות. און אַ פאַקט איז — אין ווילנער געטאָ זענען קיין עפּידעמיעס נישט אויסגעבראָכן. זיי האָבן נישט געטאָרט אויסברעכן. איינצלנע פאַלן פון בויך־טיפוס, פלעק־טיפוס פלעגן דורך די דאָקטוירים אין געטאָ־שפּיטאָל שטרענג פאַרמאַסקירט ווערן. חוץ די סאָליד אַוועקגעשטעלטע און גלענצנדיק אָרגאַניזירטע געזונט־שוץ־אינסטאַנצן האָט אויך די פּראָפּאַגאַנדע פון סאַניטאַריע געשפּילט אַ גרויסע ראָל, און אין דעם די „פאָלקס־געזונט“־שמועסן.

די איניציאַטיוו אויפצולעבן דעם זשורנאַל „פאָלקס־געזונט“ אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער צייטונג איז אויפגעקומען אין סעפּטעמבער 1942. די תורה שבכתב איז דורכן אָקופּאַנט איינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן. די אוידיטאָריע האָט געדאַרפט פאַרבייטן דעם דרוק.

אינעם ערשטן שמועס האָט ד״ר קלמן שאַפּירא פאָרמולירט די צילן און כאַראַקטער פון דעם ציקל שמועסן און באַערט דעם אָנדענק פון

ד״ר צ. שאַבאַד — דעם איניציאַטאָר, גרינדער און רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־געזונט“. דאַן זענען געהאַלטן געוואָרן קורצע רעפעראַטן: פון ד״ר וואָלקאָוויסקי וועגן דיפטעריט, ד״ר קאַפּלאַן — וועגן וויטאַמינען, ד״ר אַנטאָקאָלעץ — וועגן כירורגישן קאַבינעט, ד״ר לידסקי — וועגן הזיר־רויז, ד״ר געלמאַן — וועגן וואַנצן און ווי מ׳דאַרף זיי באַזייטיקן. ס׳איז אויך געווען אַ מעדיציניש־ע כראָניק, אַ בריוו־קעסטל מיט ענט־פערס אויף געשטעלטע פראַגן. אַן עולם איז געקומען אַ גרויסער.

ווען מען באַטראַכט דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון די „שמועסן“ און מען פאַרגלייכט זיי מיטן אַמאָל געדרוקטן זשורנאַל, זעט מען, אַז די שמועסן זענען אייגנטלעך געווען געוויינלעכע נומערן „פאָלקס־געזונט“, נאָר לעבעדיק פאָרגעלייענטע דורך די מחברים. דער גאַנצער זשורנאַל פלעגט אָפּגעדרוקט ווערן אויף אַ שרייב־מאַשינקע. די ערשטע זייט פלעגט אַנטהאַלטן דעם פולן אינהאַלט פון נומער. אָט ווי ס׳האָט אויס־געזען דאָס שערבלאַט פון 2־טן נומער:

פּאָפּולער־מעדיצינישע שמועסן

פון ציקל

„פאָלקס־געזונט“

2־טער אָוונט — ווילנער געטאָ — 5.10.1942

א י נ ה אַ ל ט:

1. אַדוו. ש. מילקאַנאָוויצקי — ד״ר גרשוני — צו זיין ערשטן יאָר־צייט.*)
2. ד״ר קלמן שאַפּיראָ — אין וועלכע פאַלן דאַרף מען זיך ווענדן צו אַ דאָקטער.
3. ד״ר פאַולינאַ לידסקי — אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן ביי קינדער.
4. ד״ר מאַריאַ שאַפּיראָ — ווי אַזוי פאַרהיט מען זיך פון אומגליקס־פאַלן ביי וואַלד־אַרבעט.
5. ד״ר א. ליבאָ — פאַרהיט זיך פון אויערן־קראַנקהייטן.
6. ד״ר געלמאַן — אימפונגען און זייערע נוצן.
7. ד״ר ל. עפּשטיין — קרעץ (סקאַביעס).

---

*) ד״ר גרשוני איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ערשטן טאָג פון אַריינ־טרייבן אין געטאָ.

8. געקראַכאַג — דער לערער יעקב גערשטיין.
9. קורצע מעדיצינישע ידיעות.
10. בריוו־קאַסטן.

פונקט אַזוי פלעגט אויסזען אַ נאָרמאַלער נומער „פאָלקס־געזונט“. אויפפאַלנדיק איז דער אַרטיקל וועגן אומגליקס־פאַלן ביי וואַלד־אַרבעט, וואָרום פריער זענען יידן ביי וואַלד־אַרבעט נישט געווען באַשעפטיקט און במילא האָט מיט אַזאַ פראַגע דער פאַרמלחמהדיקער „פאָלקס־געזונט“ זיך נישט פאַרנומען. אַזוי איז אַרויס נומער נאָך נומער. און פונקט ווי דער „פאָלקס־געזונט“ פלעגט אַרויסגיין רעגלמעסיק איין מאָל אין צוויי וואָכן, פונקט אַזוי סיסטעמאַטיש זענען דורכגעפירט געוואָרן די „פאָלקס־געזונט“־שמועסן. מיר ווייסן פון 17 אַזעלכע שמועסן (דער 17־טער — דער 12־טער יולי 1943). ד. ה. זיי האָבן אַרומגענומען אַ משך פון 34 וואָכן.

די דאָקטוירים אין געטאָ האָבן אָבער נישט נאָר געזאָרגט פאַרן געזונט פון דער באַפעלקערונג, זיי האָבן אויך ממשיך געווען זייער אַלטע טראַדיציע צו טיילן זיך מיט זייער דערפאַרונג און פאַרטיפן זייערע קענטענישן. פונקט ווי אין די פאַרמלחמהדיקע נאָרמאַלע צייטן, האָבן זיי רעגלמעסיק אָפּגעהאַלטן זייערע *וויסנשאַפטלעכע זיצונגען*. דערביי זענען די באַהאַנדלטע טעמעס געווען אָפט פאַרבונדן מיט דער *ספּעציפיק* פון געטאָ, מיט דער אויספאָרשונג פון דעם, ווי געוויסע קראַנקהייטן פאַרלויפן אין די באַדינגונגען פון געטאָ און ווי זיי דאַרפן געהיילט ווערן. אַזוי, ד. ה., האָט די פערטע אָרדנטלעכע וויסנשאַפטלעכע זיצונג זיך פאַרנומען מיט אַזוינע טעמעס: ד״ר ס. גאָרדאָן — „איניקע באַמערקונגען וועגן די אָפטע געשוואָלנקייט־צושטאַנדן, וועלכע מיר זעען ביי אונדז“; ד״רים פינקעלשטיין און שפּייזמאַן: „די רעזולטאַטן פון מאָזלען־פּראָפילאַקטיק ביי אונדז אין געטאָ“. אויף דער פינפטער אָרדנטלעכער זיצונג: ד״ר וואָלקאָוויסקי: „דער פאַרלויף און כאַראַקטער פון דיפטעריט אין אונדזערע באַדינגונגען“. אויף דער פופצנטער זיצונג: ד״ר פאַטשטער: „קאַמף מיט טובערקולאָז אין די באַדינגונגען פון געטאָ“.

אַ ריי וויסנשאַפטלעכע זיצונגען האָבן זיך פאַרנומען מיט קראַנקהייטן, וואָס האָבן נישט נאָר געהאַט אַן אַנדער פאַרלויף אין די געטאָ־תנאים, נאָר וואָס זענען געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער מלחמה

און ספּעציפישע לעבנס־תּנאים אין געטאָ, למשל: אויף אַ רײַ ווייסנשאַפטלעכע זיצונגען איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון פאַרפּאַלן ווערן פון מענסטרואַציע בײַ פרויען. די פאָלקאָם געזונטע און נישט שוואַנגערע פרויען. אויף דער זיצונג איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס איז נישט קיין געמאָ־דערשיינונג, נאָר אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין קריגס־צײַט. ספּעציפיש פאַרן געטאָ אין ערשטן פּעריאָד איז געווען געשוואָלנקייט און שפּעטער — וואָליעס בײַ קינדער און דערוואַקסענע.

אַזוינע ווייסנשאַפטלעכע זיצונגען זענען געווען פאַרגעקומען צענדליקער פאַר דער צײַט פון געטאָ. אָפטמאָל פלעגט מען זיי מוזן איינאָרדענען, צוליב דער גרויסער באַשעפטיקטקייט פון די דאָקטוירים, ערשט נאָך דער פּאָליציי־שעה און דאַן פלעגט מען זיך מוזן פון פאַרויס באַזאָרגן מיט נאַכט־שײַנען.

אין שפּיטאָל פלעגן פון צײַט צו צײַט גערופן ווערן אויף קאָנסולטאַציעס די פּוילישע פּראָפעסאָרן מיכיידאָ (כירורג), יאַנושקעוויטש (אינטערניסט), בוּיאַק (קינדער־קראַנקהייטן). זיי פלעגן זיך נישט קאָנען אָנוווּנדערן פון דער טעטיקייט און אויסערגעוויינלעכן לעבנס־לוסט פון די יידישע דאָקטוירים. אָט וואָס פאַר אַ מין מענטשן איר זענט — פלעגן זיי זאָגן זייערע יידישע קאָלעגן — מיר אין שטאָט לעבן אין נישט אין פאַרגלײַך בעסערע באַדינגונגען ווי איר און מיר פירן נישט קיין שום ווייסנשאַפטלעכע אַרבעט, און איר, קאַנדידאַטן אויף יענער וועלט, מאַכט זיך פון גאָרנישט נישט וויסנדיק און גייט נאָרמאַל אָן מיט אייער אַרבעט, פּשוט נישט צו פאַרשטיין.

פּשוט — נישט צו פאַרשטיין! די מענטשן זענען געבליבן די זעלבע. אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: די איניציאַטיוו אײַנצואָרדענען די ווייסנשאַפטלעכע זיצונגען איז געקומען מצד דעם אָנפירער פון דער אַמבולאַטאָריע אין געטאָ, ד״ר קלמן שאַפּיראָ, און די ערשטע זיצונגען זענען טאַקע פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער אַמבולאַטאָריע. שפּעטער האָבן די שפּיטאָל־דאָקטוירים זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט בײַ זיי אַרויסגעכאַפּט די איניציאַטיוו און במילא דעם כבוד און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברוגז. די שפּיטאָל־דאָקטוירים האָבן אָנגעהויבן באָיקאָטירן די ווייסנשאַפטלעכע זיצונגען, פאָדערנדיק זיי זאָלן אַריבערגעטראָגן ווערן אין שפּיטאָל. צום סוף איז מען אײַנגעגאַנגען אויף אַזאַ קאָמפּראָמיס: ווייסנשאַפטלעכע זיצונגען, אויף וועלכע מען דאַרף דעמאָנסטרירן קראַנקע זאָלן פאָרקומען

אין שפּיטאָל, די איבעריקע — אין אַמבולאַטאָריע. אויף אַזאַ אופן איז ביי דער לעצטער אייגנגעהאַלטן געוואָרן די בכורה.

אַ דירעקטער פּראָדוקט פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט זענען געווען די „אַ ר ב ע ט ע ר־א ו י ד י ט אָ ר י ע ם“. זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואָרצלען אין דער ווילנער קולטור־טראַדיציע און האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אינגאַנצן אַ נייע דערשיינונג.

ווי באַקאַנט זענען די יידישע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַרויס אויף אַרבעט אין שטאָט, מחוץ די גרענעצן פון געטאָ, געווען איינגעטיילט אין צענטלעך, קאָלאָנעס און בריגאַדעס — אין אַ מין קאַזאַרמע־סיסטעם. בראש פון יעדן אַזאַ איינס איז געשטאַנען אַ „קאָמאַנדיר“ — אַן אָנפירער. די בריגאַדירן פון אַלע אַרבעטס־איינהייטן האָבן געשאַפן דעם בריגאַדירן־ראָט — אַ מין פּראָפעסיאָנעל־אַדמיניסטראַטיווע אינסטאַנץ פון די אַר־בעטער־גרופּעס. בראש פון בריגאַדירן־ראָט איז געשטאַנען דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, אַ געבוירן פון ווילנער באָדן. ער איז פריער געווען איינער פון די דירעקטאָרן פון דער גרויסער אייזן־האַנדלס־פירמע „כאָלעם“, געווען וויצע־פאָרזיצער פון אייזן־סינדיקאַט פון די פינף צפונדיקע וואָיעוואָדשאַפטן. אַ רייכער מענטש, מיט הויכבילדונג, וואָס ער האָט נאָך באַקומען אין אַמאָליקן פּעטראָגראַד, איז ער געווען אַ פלאַם־פייערדיקער יידישיסט און קולטוריסט, אַקטיוו אָנטיילגענומען אין יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפטלעכן לעבן פאַר דער מלחמה.

דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי האָט געהאַט אַ שיינע שוואַרצע „אינטע־ליגענטישע“ באָרד, געטראָגן שוואַרצע ברילן, געווען אַ פיין־רעדנער, גע־לייענט אַלץ וואָס איז אַרויס אין יידיש און אין זיין שטוב (אויף קוויאַ־טאָווע) האָט מען געקאָנט טרעפן, ווי שטאָט־געסט, פאַרשידענע מענטשן פון רעכטס ביז סאַמע לינקס. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דע־מאָקראָט, אָבער צו קיין פּאָליטישער ריכטונג איז ער נישט געווען אָנ־געשלאָסן. ער האָט שוין געהאַט די חזקה געוויילט צו ווערן אַלס פאָרזי־צער פון דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון דער האַנטווערקער־באַנק, אַ גע־וויסע צייט געווען אַ וויכטיקער טוער אין סוחרים־ און פאַבריקאַנטן־פאַר־באַנד — געלעבט מיט אַלעמען בשלום. אַ גרויסער פלעק האָט זיך גע־לייגט אויף זיין געזעלשאַפטלעכער רעפּוטאַציע נאָך דאַן, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־רעגירונג אַלס ראש אין דער לעצ־

מער, נישט געוויילטער, ווילנער קהילה. דעם פלעק האָט ער שפּעטער געפּרוווט פאַרבלאָסן דורך ווערן, באַלד אין אָנהייב פון צווייטן וועלט-קריג, נאָענט צו די יידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענטישע גרופּעס.

ער איז ,פאַרשטייט זיך, געוואָרן די נשמה פון דער קולטור-אַרבעט אין די „אַרבעטער-אוידיטאָריעס" און, וואַרשיינלעך, אויך געווען זייער איניציאַטאָר.

די „אַרבעטער-אוידיטאָריעס", שטענדיק שטאַרק באַזוכטע, זענען מערסטנס פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער געוועזענער יידישער באַנק (האַנטווערקער-באַנק) אויף רודניצקער גאַס 7, וווּ ס'האָט געאַרבעט דער ספּאָרט-קלוב פון געטאָ.

די „אַרבעטער-אוידיטאָריעס" פלעגן פאָרקומען יעדן זונטיק, זינט דעם 1-טן יוני 1942, אין דער פאָרם פון פרימאָרגנס מיט אַ געמישטן, פאַרשידנאַרטיקן פּראָגראַם: אַ חוץ אַ גרויסער צאָל אינפאָרמאַטיווע פאַרזאַמלונגען, זענען דאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן לעקציעס, רעפעראַטן, געגעבן געוואָרן קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען.

מיר האָבן ידיעות וועגן איבער 50 אָפּגעהאַלטענע אַרבעטער-אוידיטאָריעס, וואָרום זיי פלעגן זיך רופן נאָכן לויפיקן נומער (1-טע, 2-טע, 30-טע א. א. וו.).

כדי צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון די אוידיטאָריעס דאַרפן מיר זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון זייערע פּראָגראַמען. דער 4-טער צונויפקום, למשל, איז געווען געווידמעט: אונדזערע פליכטן אין געטאָ; דער וויטערדיקער — רעציטאַציעס. 6-טער — געזאַנג, דער זיבעטער — דעם געטאָ-געריכט, דער 8-טער — דער טעטיקייט פון אַרבעטס-אָפּטייל פון יודענראַט. ווייטער זענען געווען אַזוינע: וועגן געזעלשאַפטלעכן הילפס-קאָמיטעט; ווי שפּיגלט זיך אָפּ די יידישע געשיכטע אין דער יידישע ליטעראַטור; יונג-ווילנע; געשיכטע פון געטאָ אין אייראָפּע; ראש-השנה; אַ צונויפקום געווידמעט דעם אָנדענק פון לערער גערשטיין; וועגן וואַרשטאַטן-אָפּטייל (פון יודענראַט); די טעטיקייט פון קולטור-אָפּטייל אין געטאָ; קאַמף מיט קלעפּיקע קראַנקהייטן; שיילאָק און נתן דער חכם; וואָס הייסט זיין נערווען; די צילן פון בריגאַדירן-ראַט; אַרבעט און פאַרמאַטערטקייט; מענדעלע מוכר-ספרים; מסדה; אַ ספּעציעלע פייערלעכע אוידיטאָריע צו „פאַרטיילן מתנות פאַר אַרבעטער"; ז. שניאור; די פרעמירטע ליטעראַטן אין געטאָ; אַ דיסקוסיע וועגן ספּעקטאַקל

„די גרינע פעלדער“; שלום=עליכם; מ. ל. האַלפּערין; 100 יאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי; משיח=געדאַנקען ביי יידן; יידישע שולן בעתן וועלט=קריג א. א. וו.

ווי ס'איז צו זען פון דער טעמאַטיק איז קיין זאַך דער אַרבעטער=אוידיטאָריע נישט געווען פרעמד. ס'פלעגן צו איר צוגעצויגן ווערן אַלע כוחות, וואָס זענען געווען אין געטאָ — לעקטאָרן, לערער, שרייבער, אַרטיסטן, מוזיקער, די דראַמקרייזן פון קינדער=קלוב און יוגנט=קלוב, דער העברעישער דראַמקרייז. זיי פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן מיט אַן אייזערנער רעגלמעסיקייט און פּינקטלעכקייט. די גרונט=אויפגאַבן פון דער אוידיטאָריע איז געווען די פּראָפּאַגאַנדע פון אַרבעט אין געטאָ, ווי אַ פּאָסטולאַט פון דער קאָלעקטיווער אחריות, וואָס די געטאָ=פאַרוואַלטונג האָט באַוווסטזיניק אויף זיך גענומען.

אין אַפּריל 1943, נאָך דער שחיטה איבער די פּראָווינצער געטאָס, ווען אין ווילנער געטאָ זענען אָנגעקומען נייע טויזנטער יידן פון דער פּראָווינץ, איז דער לאָקאַל אויף רודניצקער 7 איבערגעגעבן געוואָרן איינצוקוואַרטירן די נייע איינוווינער. די אוידיטאָריע פון בריגאַדירן=ראַט איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין טעאַטער, ווו זי האָט ממשיך געווען איר אַרבעט ביזן סאַמע סוף.

צו דער קולטור=אַרבעט אין געטאָ דאַרף מען אויך צורעכענען די ברייטפאַרצווייגטע ס פּ אָ ר ט=ט ע ט י ק יי ט. יעדער האָט אויף דער געטאָ=טעריטאָריע געוואָלט ממשיך זיין דאָס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיטן מאָמענט פון קריגס=אויסברוך. די ספּאָרטלער האָבן נישט געקאָנט זיין קיין אויסנאַם. די געוועזענע ספּאָרטלער גופא זענען געווען די איניציאַטאָרן און גרינדער. באַלד האָט אָבער דער קולטור=אָפּטייל פון יודענראַט לעגאַליזירט די דאָזיקע איניציאַטיוו און איינגעשלאָסן די ספּאָרט=אַרבעט ווי אַ טייל פון דער קולטור=אַרבעט, שאַפנדיק אָפיציעל די ספּאָרט=סעקציע.

אין יולי 1942 האָט שוין די ספּאָרט=סעקציע געציילט 28 גרופּעס: 9 גימנאַסטישע, 14 באַוועגלעכע שפּילן, 4 ריטמיק און 1 באָקס. אין דער צווייטער העלפט יולי האָבן זיך פאַרשריבן אין דער ספּאָרט=סעקציע נייע 300 מיטגלידער. טעגלעך האָבן דורכשניטלעך געטורנט 200 מאַן. קיין לאָקאַלן זענען נישט געווען, קיין פּלעצער אויך נישט. האָבן די קינדער פון דער טראַנספּאָרט=בריגאַדע — „ילדים“ — אָפּגערייניקט

דעם פּלאַץ צווישן דער ביבליאָטעק און דער טורמע אויף סטראַשון־גאַס 6 און צווישן בילדונג און טויט איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּאָרט־פּלאַץ.

„דער שיינער ספּאָרט־פּלאַץ — האָבן צום יאָרטאָג פון דער ספּאָרט־סעקציע געשריבן די „געטאָ־ידיעות“ — וואָס איז אַרויסגעצויבערט געוואָרן פון זומפּן און חור־בות, איז געווען די שענסטע מתּנה, וואָס די געטאָ־פאַר־וואַלטונג האָט געגעבן דער יוגנט“.

אויף דעם ספּאָרט־פּלאַץ האָבן געטורנט אַלע: די שול־קינדער, די איבער טויזנט מיטגלידער פון ספּאָרט־קלוב (אַן אומגעהויער גרויסע צאָל פאַר 20 טויזנט איינוואוינער!), די פּאָליציי. אַ גאַנצן טאָג איז דער פּלאַץ געווען פאַרנומען. דאָ זענען פאָרגעקומען פאַרמעסטונגען צווישן פאַר־שידענע מאַנשאַפטן אין פּינג־פּאָנג, פוטבאָל, טעניס, נעץ־באָל, קויש־באָל, באָקס־קאַמפן.

אין אויגוסט 1942 זענען שוין געווען אָרגאַניזירט ספּאָרט־גרופּעס אין די באַזונדערע אַרבעטס־איינהייטן, עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לויף־פאַרמעסט איבער די גאַסן פון געטאָ, ס'איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ גרויסער ספּאָרט־יום־טוב: דער פּלאַץ איז פול געווען פון צושויער, קיביצער.

ז. קאַלמאַנאָוויטש פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך:

„פון פינף ביז זיבן זענען פאָרגעקומען שפּילן אין פּילקע אויף דעם פּלאַץ. אַ וואָסערע טויזנט מענטשן אָדער מער זענען געקומען זען די שפּיל. דאָס רוב יונ־גע חברה. עס זענען אָבער אויך געווען עלטערע. געווען זענען אויך פאָרשטייער פון אונדזער ראשים, דער גענ. פאָרזיצער פון ראַט און אָפיצירן פון דער פּאָליציי. די צוקוקערס האָבן אַפּלאָדירט און געשריען לכּבוד די זי־גערס, נישט געקוקט דערויף, וואָס די קולות האָבן גע־קאָנט געהערט ווערן אין דער גאַס פון די שונאים, וואָ־רום בלויז אַ וואַנט טיילט דאָ אָפּ“.

די סעקציע האָט פּראָקלאַמירט אַ חודש פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון ספּאָרט, פאַר ווערבירן נייע מיטגלידער פון פאַרשידענעם עלטער.

אין געטאָ זענען נישט געווען קיין אומזיסטע פאַרווייליגונגען, פאַר אַליך האָט מען געמוזט צאָלן. אויך אין ספּאָרט־קלוב (אַזוי האָט מען אים שפּעטער אָנגערופן) האָט מען געדאַרפט צאָלן חודשלעך. אַן אויסנאַם איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר באָקס. באָקס־איבונגען זענען פריי געווען פון אָפּצאָל. ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ „טאָג פאַר פרוווען־ספּאָרט".

אַ לאָקאַל האָט דער ספּאָרט־קלוב באַקומען ערשט דעם 20־טן פעברואַר 1943 — אויף רודניצקער־גאַס 7. די עפענונג פון לאָקאַל איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע, זייער פייערלעך, ס'איז אפילו דערשינען דער ערשטער נומער פון אַ ספּאָרט־צייטונג (אַ וואַנט־צייטונג). און כאָטש אין אַפּריל, צוליב די שוין דערמאָנטע געשעענישן, האָט דער ספּאָרט־קלוב (ווי די „אַרבעטער־אוידיטאָריע") פאַרלוירן דעם לאָקאַל, האָד איז אַ חודש שפּעטער (13־טן מאַי 1943) מיט גרויס פייערלעכקייט אָפּגעמערקט געוואָרן „אַ יאָר ספּאָרט אין געטאָ" און מיט אַ רעדע איז אַרויסגעטראָטן דער „יודען־עלטעסטער" יעקב גענס בכבודו ובעצמו.

ח. ווער זענען זיי?

איך האָב זיך באַמיט כמעט נאָר דורך אויסרעכענען טרוקענע פֿאַקטן, און שטיצנדיק זיך אויף דאָקומענטן, מיט וועלכע כ'האָב זיך באַקענט אין 1945 אין יידישן מוזיי אין ווילנע, אויפצושטעלן אַן אַלגעמיין בילד פֿון דער קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ. כ'מיין, אַז דער לייענער קריגט אַ באַגריף פֿונעם מאַסשטאַב, פֿון דער אַלזייטיקייט און אין אַ געוויסער מאָס אויך פֿונעם כאַראַקטער פֿון דער קולטור־אַרבעט. די קולטור־אַרבעט איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין געטאָ און געווים אויסן געווען צו באַווירקן זי. די קולטור־אַרבעט, ווי די ווירטשאַפֿטלעכע, האָט אין ווילנער געטאָ געקראָגן אַן אידעאָלאָגישן דאַך, בכן וועט זיין נישט איבעריק כאָטש בקיצור עפּעס צו דערציילן וועגן די אידעאָלאָגן גופא, ווער זענען זיי געווען.

דער „יודען־עלטעסטער“, יעקב גענס, איז אויך געווען דער אָ פּ י צ י ע ל ע ר אידעאָלאָג. ווער איז ער געווען אַזאַ? נישט געקוקט אויף זיין גרויסער פּאָפּולערקייט אין ווילנער געטאָ, ווייסט מען וועגן אים זייער ווייניק. נאָר דאָס: ער איז אַמאָל געווען אַ לערער אין אַ העברעישער שול, געווען אַן אָפֿיציר אין דער ליטווישער אַרמיי, געווען אַ בוכהאַלטער אין דער „געלער טורמע“ אין קאָוונע. ער איז געווען אַ רעוויזיאָניסט — דער פֿירער פֿון „ברית החיל“ אין דער ליטע. מען דערציילט, אַז דירעקט פֿאַרן קריג האָט ער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין יידישן שפּיטאָל אין ווילנע.

וואָס ווייסט מען וועגן אים נאָך? ער איז געווען פֿאַרהייראַט פֿאַר אַ ליטווישער פֿרוי, געקענט גלענצנד ליטוויש, גערעדט אַ הילצערנעם יידיש. ער איז געווען שיין־געבויט, געזונט, שלאַנק, פֿאַרמאָגט אַ באַפֿעלערישע שטימע, זיך געהאַלטן שטראַם־מיליטעריש.

ווי קומט עס, וואָס ער, אַ מענטש, וועלכן מ'האָט אין ווילנע לחלוטין נישט געקענט, וועלכער האָט גיכער געקאָנט אָנגיין פֿאַר אַ פֿרעמדן,

איז באַלד אין די ערשטע טעג געטאָ באַשטימט געוואָרן פאַרן שעף פון דער יידישער פּאָליציי? די איינציקע מעגלעכע היפּאָטעזע איז: דורך זיין ליטווישער פרוי האָט ער געהאַט ברייטע באַקאַנטשאַפט אין די ליטווישע רעאַקציאָנערע קרייזן און זיי האָבן אים רעקאָמענדירט די דייטשן. זיין מאַכט איז געוואַקסן נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. נאָך נישט זייענדיק קיין יודען=עלטעסטער איז ער געווען דער פאַקטישער אינעווייניקסטער הערשער פון געטאָ. ווי אַ פאַקט וועלן מיר נאָר צוגעבן: זיין ברודער שלמה (סאַלאָמאָן) איז באַלד געוואָרן אַ גרויסער מאַכער אין דער „יידישער" פּאָליציי, „ערשטער פּאָליציאַנט" און אַ צווייטער ברודער איז באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון דער יידישער פּאָליציי פון דעם שאַוולער געטאָ. דריי ברידער — אַלע פּאָליציי=לייט ביים אָקופּאַנט.

ווי געזאָגט, האָט יעקב גענס פערפעקט באַהערשט ליטוויש, געהאַט אַ „גוטן אויסזען" — אַן עכט אַרישן, געהאַט אַ ליטווישע באַקאַנטשאַפט. ער וואָלט, וואַרשיינלעך, געקאָנט מיט דער הילף פון זיין פרוי — וועלכע איז זיך מיט אים נישט פונאַנדערגעגאַנגען, בלויז נישט געלעבט אין געטאָ, נאָר אין שטאָט — גאַנץ לייכט בלייבן מחוץ דעם געטאָ. אפשר האָט ער זיך געוואָלט פאַראייניקן צום יידישן גורל און דרייוויליק גענומען אויף זיך דעם יאָך פון זיינע פאָלקס=ברידער? איז דען קיין בעסער, קיין בכבודיקער אופן נישט געווען ווי ווערן דער באַפולמעכטיקטער און פאַרטרויטער פון די מערדער פון זיין פאָלק און אויף זייערע באַפעלן מיטהעלפן זיי אין דער אַרבעט פון אויסמאָרדן צענדליקער טויזנטער יידן? גענס איז געווען אַ קליינער מענטש מיט גרויסע אַמביציעס, אים האָט בפירוש אימפּאָנירט צו זיין דער יושב=ראש, ווערן אַ קענטיקע פּערזאָן, שפּילן אַ ראָל — ווען וואָלט ער עס געקאָנט, אויב נישט אין דער פינצטערער צייט פון אָקופּאַציע?

גענס האָט גלענצנד געוווסט צו וואָס פאַר אַ ראָל די דייטשן האָבן אים באַשטימט. די יידישע פּאָליציי איז נישט געשאַפן געוואָרן ווי עפּעס אַן אינעווייניקסטע אָרדענונגס=דינסט. שוין אין די ערשטע וואָכן איז איר אויסגעקומען, צוזאַמען מיט דער ליטווישער פּאָליציי און מיט די דייטשן, זיך צו באַטייליקן אין „אַקציעס", וואָס האָבן אָפּגעקאָסט טויזנטער לעבנס. גענס האָט נישט געקאָנט וויסן, ווען די „אַקציעס" וועלן זיך אָפּשטעלן, בשום אופן נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז ס'וועלן אָנקומען לאַנגע „רואיקע" חדשים, — זיי זענען געקומען שפּעטער, דאַן איז ערשט

פאַקטיש אויפגעקומען די „אידעאָלאָגיע“ צו „ראַטעווען וויפל ס׳וועט זיך לאָזן“. אין די ערשטע חדשים איז די „אַרבעט“ געווען באַשטימט: אַז „אַקציע“ נאָך אַז „אַקציע“, אויפכאַפּן טויזנטער און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דייטשישן מלאך־המות. גענס האָט גוט געוווסט וווהין די קרבנות קומען אַהין.

דעם „יודענראַט“ האָבן די ווילנער יידן באַלד גערופן מיט פאַראַכטונג „יידן־פאַראַט“. אפילו אויף אַ געוויינלעכן אָנגעשטעלטן אין דער אינסטיטוציע פלעגט מען זאָגן: „ער אַרבעט אין יידן־פאַראַט“. פונקט ווי דער פּאָליציי־שעף, גענס, איז אויך דער פאָרזיצער פון יודענראַט, פריד, געווען אַ פרומער־קערפּער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע. זינט יולי 1942 איז יעקב גענס געוואָרן חוץ פּאָליציי־שעף אויך „יודען־עלטעסטער“ — ער איז געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס אין געטאָ. ער איז געווען שטאָלץ און פאַרריסן. נישט געדאַרפט קיין יועצים, קיין ראַטגעבער. ער האָט תמיד געהאַנדלט אויף דער אייגענער האַנט. וועגן גענס פאַרריסנקייט און מאַניאַקאַלישער גאווה רעדט צומי־בעסטן דער פאָלגנדיקער וויץ, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין ווילנער געטאָ:

„היטלער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ גרויסקייטס־מאַניע. אפילו אין שלאָף שרייט ער: איך בין גענס! יאַ, איך בין גענס!“

גענס „אידעאָלאָגיע“ איז געווען פּרימיטיוו־פּשוט: נאָר א י ך קאָן אייך ראַטעווען. אונדזער עקזיסטענץ הענגט אָפּ נאָר פון איין זאַך: מיר דאַרפן אַרבעטן אַזוי, אַז די דייטשן זאָלן אוים אייגענוצן נישט וועלן אונדז אומברענגען. מיר דאַרפן שטרענג אויספירן זייערע אַלע באַפעלן און באַקעמפן אַלעמען, וואָס שטערן אונדז אין דעם. מיר דאַרפן זיין דיסציפּלינירט און פילן די קאָלעקטיווע אחריות וואָס מיר טראָגן.

און ער האָט „געקיניגט“ ביד חזקה — מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, געטאָ־געריכט, געטאָ־תפיסה און מיטן גאַנצן איבעריקן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט. ער האָט אַנטוויקלט די „אויטאָנאָמיע“, פאַרשפּרייט „אינדוסטריע אוןווירטשאַפט“, „געבויט“ קולטור־מוסדות. ער האָט אויסגעפירט אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט און זיין פּרינציפּ איז געווען: טאָן אַלץ מיט די „אייגענע הענט“, נישט דערלאָזן די דייטשן זאָלן זיך דאַרפן „אַריינמישן“. און וואָס ווייטער האָבן זיך טאַקע די דייטשן אַלץ ווייניקער געדאַרפט אַריינמישן — זיי האָבן זיך איבערצייגט: זיי קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף גענסן.

ס׳איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, אַז די יידן אין ווילנער געטאָ האָבן ממש אָנגעטאַפּט די „אויטאָנאָמיע“ ווי מיט דער האַנט. אין זיבן קליינע געסעלעך, אויף אַ שטח פון 9 העקטאַר האָבן אין די „רואיקע“ יאָרן 1942 און 1943 געלעבט צוואַנציק טויזנט יידן. ביי טאָג פלעגן די געסעלעך אויסזען ווי אויסגעשטאָרבן, דערפאַר אָבער פאַרנאַכט און אין אָוונט האָט דאָ געווימלט ווי אין אַ בינשטאָק. געווען דאָ געסעלעך וואָס זייער גאַנצע ברייט האָט געהאַלטן 5—6 מעטער. זיי פלעגן פאַרפלייצט ווערן ווי דורך אַ שטראָם. די באַוועגונג האָט געמוזט רעגולירט ווערן — רעכטס-לינקס. לויט דער באַוועגונג איז עס געווען אַ ריזן-שטאָט. די קאָמפּאַקטקייט האָט מען געפילט אויף שריט און טריט. אַרום איז געווען אַ פיינטלעכער אָקעאַן, אָבער אין די זיבן געסעלעך איז געווען אַן „אייגענע מלוכה“. דער „יודען-עלטעסטער“ האָט געפירט די „אינערן-פּאָליטיק“. ס׳איז געווען אַ מלוכה אין אַ שטייג, אין אַ סדום-בעטל. אויסערן געטאָ האָט יעדע סעקונדע געדראָט יעדן יידן אַ סכנה, אין געטאָ, ווען ס׳איז רואיק געווען, האָט מען געלעבט צווישן אייגענע אין באַדינגונגען, וועלכע מ׳האָט „אַליין“ געשאַפן.

די געטאָ-אַדמיניסטראַציע בראש מיט גענסן האָט אַלץ געפאָדערט, די יידן אין געטאָ זאָלן קריגן דאָס געפיל פון „סטאַבילקייט“:

„...איצט רעדט זיך וועגן אַרבעט און מיר מוזן זען, אַז עס זאָל בלייבן ביי אונדזער שוויים. מען פאָדערט פון אונדז מאַקסימאַלע אַרבעטס-אויפטוען, דערפאַר אָנערקענט מען אונדז פאַר פּראָדוקטיווע עלעמענטן, דערפאַר צאָלט מען אונדז אַ געוויסן לוין און מען גיט אונדז אַ געוויסע טייל פון די אַלגעמיינע שפּייז-פּראָדוקטן. דאָס איז אַ קלאָרער אומצוויידייטיקער באַדינג“.
(„געטאָ-ידיעות“, דעצעמבער, 1942, „וועגן אַרבעטס-פּליכט“).

„איין זאַך קאָן אונדז ראַטעווען און דורכפירן דורכן שטורעם — דאָס איז די אַרבעט“. די דאָזיקע געדאַנקען האָט מען איינגעהאַמערט אין די קעפּ טאָג-טעגלעך — אויף פאַרזאַמלונגען, אויף די „אַרבעטער-אווידיטאָריעס“, אומעטום. דערביי זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַרזיכערונגען אין נאָמען פון דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע, ווי למשל, די פון דער לעצטער דעקאַדע פעברואַר 1943:

דאָס ווילנער געטאָ איז... להיפּוך צו די געטאָס פון דער גענעראַל־גובערניע אַן אַרבעטס־לאַגער...״

גענס איז געווען די מאַכט און דער „אידעאָלאָג״ גלייכצייטיק. אָבער זיין „אידעאָלאָגישע״ אויסווירקונג וואָלט געווען נישטיק, ווען ער וואָלט נישט געהאַט די הילף פון אומאָפּיציעלן „טעאָרעטיקער״ פון דער געטאָ־אידעאָלאָגיע — זעליק קאַלמאַנאָוויטש.

מען דערציילט, אַז צו קאַלמאַנאָוויטשן האָט זיך גענס באַצויגן מיט גרויס כבוד און אים אַרויסגעוויזן אונטערגעשטראָכענע אַכטונג, ער האָט אים אויך מאַטעריעל אונטערגעשטיצט, אָנערקענענדיק אים אַ ספּעציעלן צוגאָב־פּאַיאָק.

ז. קאַלמאַנאָוויטש איז געווען די נשמה פון דער קולטור־אַרבעט אין געטאָ. ער האָט געשאַפן די טעאָריע פון „גייסטיקן ווידערשטאַנד״ און געזען דעם „ווידערשטאַנד״ אין דער קולטור־אַרבעט.

ער איז געווען אַ וויסנשאַפטלער, אַן איבערזעצער, אַ טוער אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר דער מלחמה. פון אויסן — אַ שטילער מענטש, אָבער אין דער אמתן אַ לייַדנשאַפטלעכער, היציקער. ער איז פול געווען מיט סתירות. ער האָט נישט געגלויבט אין קיום פון דער יידישער שפּראַך און איר געשענקט זיין גאַנצע ליבע, ער האָט נישט געגלויבט אין די נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פון יידישן לעבן און געהאַלטן, אַז נאָר די רעליגיע האָט דורכגעטראָגן דאָס יידישע פאָלק דורך אַלע גרוילן און עס אויפגעהאַלטן. ער האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט דאָס פאָרגעפיל, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַ קאַטאַסטראָפע, אַ קאַטאַקליזם און געווען זיכער, אַז ער וועט אין אַ גורלדיקער שעה געפינען רו אין בית־מדרש. ווען די קאַטאַסטראָפע איז אָנגעקומען איז ער טאַקע זייער פרום געוואָרן, אָבער געבליבן איז ער אַ קולטוריסט. אין פּאָליטיק איז ער געווען ווי אַ קינד. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון די געשעענישן און אין דער געשיכטע נאָר געזען אַנאַלאָגיעס. אָן אומגליקן צעדריוועט זיך און צעפאַלט דאָס פאָלק — אומגליק צעמענטירט עס. אויף דעם סמך האָט ער געבויט טעאָרעטישע הנחות, וואָס האָבן זייער פּראַקטישע אָנווענדונג געפונען אין געטאָ. ער איז געווען דער אידעאָלאָג אָן אַ אמת.

אַדאַנק די געראַטעוועטע טיילן פון זיין טאָגבוך, וואָס זענען אין 1951 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ניו־יאָרקער „ייוואָ־בלעטער״, האָט ער אַליין געגעבן דעם שליסל צו זיין פּערזאָן און צו זיין געדאַנקען־וועלט.

מער פון אַלץ האָט ער מורא געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע, פאַרן קאָמוניזם. דער היטלעריזם איז פאַר אים נישט געווען אַזאַ סכנה. ווי ער אַליין באַטאָנט, שרייבט ער דאָס טאָגבוך „אַ יאָר נאָך דעם ווי די לעצטע מלחמה איז אויסגעבראָכן“. וואָס האָט ער זיך פאַר דעם יאָר דערוווסט? ער האָט אפילו נישט געוווסט פון ייִדן־הריגות אין ווילנע ביזן אַריינטרייבן אין געטאָ. צו דער צייט גלויבט ער נאָך אַלץ, אַז די היטלעריסטן האָבן געוואָלט נאָר אַן אָרגאַניזירטע ייִדישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד. זיי האָבן נאָר נישט געוואָלט האָבן די ייִדן ביי זיך. אָט ווי ער טייטשט: „פונדערווייטנס וועלן מיר אפשר זיין גוטע פריינד. איר זענט נישט ערגער אָדער נידעריקער, נאָר איר זענט פרעמדע, מיר ווילן אייך מער נישט ליידן צווישן אונדז“. ער מיינט, אַז ביי דעם וואָלט עס געבליבן, ווען מ'וואָלט זיך נישט „געשטעלט אַנטקעגן און דערוועקט זייער בעס“. און באַלד קומען ווערטער, וואָס קאָנען נישט אויפטרייסלען יעדן ערלעכן מענטשן: „און מען האָט נישט דערזען אויף וויפל דער דאָזיקער מענטש (געמיינט היטלערן) און דאָס דאָזיקע פאָלק האָבן דערוועקט סימפּאַטיע און וויפל האָפענונגען עס האָבן אָנגעקניפּט אין דער דאָזיקער באַוועגונג אַלע פעלקער פון אייראָפּע. זי וועט ברענגען די באַפרייונג פון דער אימה פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האַלט אין קומען“. די וועלט וואָס האָט געלייגט האָפענונגען אויף היטלערן איז פאַר אים די „אויפגעקלערטע וועלט“.

וואָס איז דער וונדער, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אין געטאָ ווי אַ תפילה כסדר איבערגעחזרט: „היט אונדז, גאָט, אויס פאַר די עקסטרעמיסטן!“. ער האָט אַקצעפּטירט אַלע מעשים תעתועים פון געטאָ און זיינע פּאָליציי־לייט, ער לויבט „דעם גאָט פון ישראל“ וואָס ער האָט צוגעשיקט אַזאַ מענטשן ווי גענס. ווען גענס האָט געשיקט זיין פּאָליציי אין די קליינע שטעטלעך אַרום ווילנע, באַזונדערס אין אָשמענע, צו ליקווידירן די פּראָווינצער געטאָס, און קאַלמאַנאָוויטש דערציילט עס אין זיין טאָגבוך, געפינט ער נישט קיין איין וואָרט פון טאַדלונג, נאָר גאָר להיפּוך, אדרבא.

„מען האָט געשיקט אונדזערע פּאָליציאַנטן מיט שיינען צו פאַרטיילן צו די איבערגעבליבענע אַרבעטערס, און דאָס איבעריקע פאָלק, די „איבעריקע“ איבערצוגעבן אין די הענט פון דער מאַכט צו טאָן מיט זיי, ווי עס

> אין דער שטייגער פֿון די טעג. די יונגעלייט האָבן אויף זיך גענומען די דאָזיקע שווערע אויפֿגאַבע. זיי האָבן אָנגעטאָן די אָפֿיציעלע היטלען מיט דעם מגן דוד אויף דעם קאַשקעט און זענען אַרייַנגעפֿאָרן און געטאָן, וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן. דער רעזולטאַט — מער ווי פֿיר הונדערט נפֿשות זענען אומגעקומען, אַלטע, שוואַכע, קראַנקע, נישט אַנטוויקלטע קינדער... ווען פֿרעמדע הענט וואָלטן זיך געווען באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַקציע, חס ושלום, וואָלטן צוויי טויזנט געווען אומגעקומען".

ווען ער דערמאָנט די הריגה פֿון דער ווילנער יידישער פּאָליציי אין סוועטשיאַנער געטאָ, איז ער אויך דאָ אַ מליץ־יושר פֿאַר די ברידער־מערדער.

ווי ס'איז צו זען איז קיין שום נפֿקא־מינה נישטאָ אין דעם „גערעכן־קען־גאַנג" פֿון קאַלמאַנאָוויטשן דעם „מאָראַליסט" און דעם גראָבן סאָלדאַפּאָן יעקב גענס. מיטן פֿולן באַוווסטזיין האַלט ער אונטער יעקב גענסן אין די שחיטות, ווי גענס האַלט אים אונטער און סאָלידאַריזירט זיך מיט אים אין דער קולטור־אַרבעט. אַזוי האָט אויסגעזען ז. קאַלמאַנאָוויטשעס „גייסטיקער ווידערשטאַנד" אין דער פּראַקטיק. אין אַ געוויסן אָרט אין דעם טאָגבוך, ווען ער באַריהט די געשיכטע וועגן קאָנפֿליקט צווישן גענסן און זיין פּאַרטיי־חבר גלאַזמאַן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער שמוציקער אַרבעט און איז דערפֿאַר אַרעסטירט געוואָרן, שרייבט קאַלמאַנאָוויטש: „ער (געמיינט גענסן — ש. ב.) פֿאַרלאַנגט, ווייזט אויס, אַז אַנדערע זאָלן זיך אויך באַטייליקן. אין דער אמתן זענען מיר דאָך סיי ווי נישט ריין פֿון יידיש בלוט. מיר האָבן געקויפֿט אונדזער לעבן און אונדזער צוקונפֿט מיט דעם אומקום פֿון צענדליקער טויזנטער. אויב מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפֿן ממשיך זיין נישט געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען, דעמלט מוזן מיר גיין ביז צום סוף און דער גאָט וואָס איז מוחל וועט מוחל זיין. מען דאַרף ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך. אַזוי איז דער מצב און מיר קאָנען אים נישט בייטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ שיינע נשמה קאָן נישט פֿאַרטראָגן אַזוינע מעשים, אָבער דער פּראָטעסט פֿון דער נשמה האָט בלויז אַ פּסיכאָלאָגישן ווערט און נישט קיין מאָראַלישן. אַלע זענען שולדיק, אָדער אפֿשר ריכטיקער — אַלע זענען ריין און הייליק און נאָך מער פֿון אַלע — די, וואָס פֿירן עס דורך בפֿועל ממש"...

גענס וואָלט אַ ז ו י נישט געקאָנט זאָגן, ער האָט אָבער א ז ו י נ ס בסדר געפּרעדיקט. ווער אויף וועמען האָט געהאַט אַ גרעסערע השפּעה, וועמען קומט די בכורה, ווער וועמען האָט אינספּירירט? זיי זענען ווי דער קאָפּ און די הענט פון איין גוף. איין מאָראַל — פאַרטרעטן ביידע. מען קאָן זיי נישט אָפּרייסן. דער קאָפּ — קאַלמאַנאָוויטש, די הענט — גענס.

די אַרבעט, האָט נישט פאַר אַן אויפגאַבע צו פּאָלעמיזירן מיט דער פילאָזאָפיע און מיט דער מאָראַל פון די אידעאָלאָגן פון „ברודער־מאָרד" פאַראייניקטע אין „גייסטיקן ווידערשטאַנד". מיר ווילן דאָ, באַשרייבנדיק די קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ, נאָר אָנוואַרפן די פּאָרטרעטן פון אירע אינספּיראַטאָרן, אַפּוטרופּסים, אידעאָלאָגן און מעצענאַטן און דאַכט זיך, אַז די רוי־געצייכנטע, אָבערווירקלעכע, אָן צופּוצונגען סילועטקעס קאָנען עפּעס ביישטייערן צו דער טעמע.

אין ז. קאַלמאַנאָוויטשעס טאָגבוך, געשריבן אין געטאָ, איז פאַראַן אַזאַ קאָנצעפּציע: „דער געפאַנגענער האָט גאָר זיין כוח אין זיין. דער כלל פאַרלאַנגט פון אים נישט קיין מעשים, בלויז ער זאָל אויפהיטן זיין קיום מיט אַלע מיטלען". לאָמיר אָננעמען אויף אַ מינוט, אַז ס'איז אַ ריכטיקע קאָנצעפּציע, אַז עס פאַרמאָגט אין געוויסע תנאים אַ זין. פרעגט זיך: יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס, ווי די מייז, ווי די קראָטן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אויפהיטן זייער לעבן מיט אַלע מיטלען. דאָס איז געווען פאַרטיידיקונג, אפילו ווידערשטאַנד, האָט אַרונטערגעריסן די פּלענער פון שונא. אָבער ווען די יידישע פּאָליציי האָט די זעלבע יידן אַרויסגעשלעפּט פון די בונקערס און זיי איבערגעליפערט אין די הענט פון שונא אויף טויט. צוליב וואָס האָבן זיי עס געטאָן? העכסטנס כדי צו ראַטעווען זייער אייגענע פעל. אָבער אַזוי ווי קאַלמאַנאָוויטש האָט געהאַלטן, אַז הייליקער פון אַלע זענען די, „וואָס פירן עס דורך בפועל ממש" — האָט ער זיך געשטעלט נישט אויפן צד פון די, וואָס ווילן מיט אַלע מיטלען אויפהיטן זייער קיום, קיינעם נישט אומברענגענדיק דערמיט, נאָר אויפן צד פון די, וואָס ווילן ראַטעווען זייער פעל אויפן חשבון פון איבערליפערן אָדער דערמאָרדן — וואָס איז אייגנס און דאָס זעלבע — זייערע ברידער אין נויט און אין סכנה. וואָס פאַר אַ צוגאַנג דאַרף מען האָבן צו אַ קולטור־אַרבעט, וועלכע איז דורכגעזעצט געוואָרן דורך מענטשן וואָס האָבן פאַרטראָטן אַזאַ מאָראַל?

די קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ איז אַ פענאָמענאַלע דערשיי־נונג. זי גיט שטאָף פאַר גרויסע און טיפע מחשבות וועגן מהות פון אַ קיבוץ, וואָס קאָן אין אָנבליק פון טויט מיטגעריסן ווערן מיט קולטור, זאָל זיין אפילו ווי אַ נאַרקאָטיש מיטל. קיבוצים אויף אַ נידעריקער קולטור־מדרגה זענען עס נישט אימשטאַנד. זייערע נאַרקאָטישע מיטלען וועלן זיין אַנדערע. קולטור אונטער דער האַק האָט געקאָנט געשאַפן ווערן טאַקע אין ווילנע, נאָר מען דאַרף אָנרופן זאַכן ביים נאָמען. נישט פאַראייניקט מיט אַקטיוון פיזישן ווידערשטאַנד, איז עס אויך נישט געווען קיין „גייסטיקער ווידערשטאַנד“. עס איז געווען נאָר דאָס, וואָס עס איז אָביעקטיוו געווען — אַ חלום אונטער דער האַק.

אינהאלט

פּאָרטרעטן

י. ל. פּרץ — די אייגנהייט פון סתירות 7

דער אנטדעקער 13

דער נסתר 22

דער שטורעם־גלאָק 29

דער גרויסער יידישער משלים־שרייבער 36

דער קלאַסיקער פון נויט 42

פליגעלמאַן און ה. ד. נאָמבערג 49

משה־לייב האַלפּערין 54

פּרץ מאַרקיש 63

אַלטער קאַצינע 68

משה בראָדערזאָן — דער וואָרט־שפּילער 74

שמואל האַלקין 81

מרדכי געבירטיג 88

איציק קיפּניס 95

א פאַרגעסענער נאָמען 108

לייזער וואָלף — דער מענטש, דער דיכטער 115

דער פּאַרטיזאַנער־הימן און זיין מחבר 137

עטלעכע געדאַנקען וועגן מאַקסים גאָרקי 144

ביכער און פּראָבלעמען

דער פונק פון לעבן 153

אַננאַ פראַנקס טאָגבוך 162

רעמאַרקס „האָב ליב דיינע נאָענטע“ 168

ש. דייקסעלס „אינדיאַנישע דערציילונגען“ 174

א פּאָעטישער סך־הכל פון א גאַנץ לעבן 180

צום מקור פון אייגענעם לעבן 186

עמנואל רינגעלבלומס „כתבים פון געטאָ“ 192

א יידיש בוך וועגן טשאַפּלינען 197

דער יחוס־בריוו פון די יידן אין די סלאַווישע לענדער 203

דער מענטש און דער שרייבער 209

שטאַרקער פון טויט 213

אברהם מאָרעווסקים אַ באַנד 217

שמועסן וועגן וואָרט־קונסט

א. ווי דער שטיין וואָס ווערט געוואָרפן אין וואסער 227
ב. די ספעציפיק פון דער וואָרט־קונסט 231
ג. וועגן דער „מוזע“ 238
ד. עלעמענטן פון שעפערישן פראָצעס 244
ה. וועגן אייגנאַרט 251
ו. דאָס ווירקלעכע און אויסגעטראכטע 261

דאָס פארברעכן פון פאסיווקייט

פראָבלעמען פון אינווענטיקסטן אַנטיגאציישן ווידערשטאַנד אין
דער דייטשישער ליטעראטור 283

קולטור אונטער דער האַק

(וועגן דער „קולטור־בוינג“ אין ווילנער געטאָ)

א. קולטור און ווידערשטאנד 313
ב. אָביעקטיוו און סוביעקטיוו 332
ג. פארוואָס און וואָס האָט מען געלייענט? 328
ד. די לערן־אַנשטאַלטן 339
ה. בינע־קונסט 363
ו. כ אָ ר ן 385
ז. אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס 390
ח. ווער זענען זיי? 408